STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06277

UNDZER DOR MUZ ANTSHEYDN

Hyman B. Bass

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח י י ם   ב ע ז

*

אונדזער דור מוז אַנטשיידן

חיים בעז

אונדזער דור און אנטשיידן

(עסייען, רעפעראטן, באטראכטונגען)

פארלאג
י. ל. פרץ
ישראל
1963

HYMAN B. BASS
Undzer Dor Muz Antsheydn

(Essays on Jewish Education and Cultural Survival)

I. L. Peretz Publishing House
31 Allenby st., Tel Aviv

ח. בעז / אונדזער דור מוז אַנטשיידן
פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

©

נדפס בישראל
Printed in Israel 1963

דפוס „אורלי״, ת״א, רח׳ יסוד המעלה 27, טלפון 32062

געווידמעט דעם אָנדענק
פון מיין פאָטער אברהם־ראובן ע"ה ;
ער איז אַוועק פון דער וועלט
זאַט אין יאָרן און זאַט מיט יסורים.

אינהאַלט

	זייט
שמעון דובנאָוו — דער היסטאָריקער און דער מענטש .	7
די פּרץ־טראַדיציע און די יידישע שול	18
די טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ ווי אַ קולטור־אידעע	30
בעל מחשבות	40
ד״ר חיים זשיטלאָווסקי און די פּראָבלעם „ייד און מענטש״	46
שמואל ניגער — דער פּיאָנער־קריטיקער	74
יידישע דערציאונג אין אונדזער תקופה	85
אַ תכלית פאַר יידישער דערציאונג	102
פּאַשיזם און דערציאונג	111
די גייסטיקע רעטונג פון ניצול־געוואָרענעם יידישן קינד .	120
יידיש וויסן און געוויסן	131
די מאָדערנע יידישע שול איבער דער וועלט	137
נאַציאָנאַלע דערציאונג (טעזיסן)	152
געשיכטע און נאַציאָנאַלע דערציאונג	157
סאָציאַלע דערציאונג (טעזיסן)	170
וועלטלעכע יידישע דערציאונג אין די פּאַראייניקטע שטאַטן	176
די גייסטיקע ירושה פון טויזנט יאָר יידיש לעבן אין פּוילן	211
דער נייער טראַדיציאָנאַליזם און די מאָדערנע דערציאונג .	226
וועגן הומאַניסטישע און אַנטיהומאַניסטישע אידעען פון אונ־דזער צייט	238
דער וועג צו אונדזער יוגנט	251
יידישע ווערטן און יידישער קיום	267
וועגן אַלעגאָרישער דיכטונג	295
דיכטונג, מאַסקע און סימבאָליזם	304
פון אַ לערערס נאָטיץ־בוך	
א) דער חלום פון אַסימילאַציע	325
ב) דער מענטש ווי אַ בעל־שכל	327
ג) שפּראַך און דערציאונג אין דער יידישער שול .	330
ד) וועגן אונדזער נייעם מנחם־מענדל	332
ה) רעפאָרמער, קאָנסערוואַטיסטן און די יידישע אַרבע־טער־באַוועגונגען	336
אונדזער דור מוז אַנטשיידן	339
אַ קאַסטן ביכער (אַנשטאָט אַן אויטאָביאָגראַפישער נאָטיץ) .	351

שמעון דובנאָוו — דער היסטאָריקער און דער מענטש

דער מענטש און זיין שליחות — אַ מאָדנע שפּיל, אַ מאָדנער קאַטאָוועס פונעם גורל. פאַראַן מענטשן וואָס זיינען גרעסער ווי זייער שליחות; זייער גאַנץ לעבן שטעלט מיט זיך פאָר אַ ראַנגלען זיך, כדי אַרויס־צורייסן זיך פון די צוימען, וואָס דאָס לעבן האָט גוזר געווען און די היסטאָרישע תקופה האָט פאַר זיי באַשטימט. יצחק לייבוש פּרץ, דער פאָטער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, איז געווען אַזאַ ליידנספולע, זיך תמיד ראַנגלענדיקע, אַלץ העכער און העכער זיך רייסנ־דיקע דיכטערישע פּערזענלעכקייט... זיין גאַנצער לעבנסוועג האָט געמוזט באַשטיין אין צעברעכן גרענעצן: ליטעראַרישע, מאָראַלישע, סאָציאַלע. דער מענטש איז געווען מער ווי זיין שליחות!

און עס זיינען פאַראַן שליחותן אין לעבן וואָס זיינען גרעסער ווי דער מענטש. אומענדלעך איז זייער פאַרנעם און אָפט אוממעגלעך צו דער־גרייכן. צו דער קאַטעגאָריע געהערן קעמפער פאַר פרייהייט, רעבעלן קעגן איינגעשטעלטן לעבנס־סדר, רעוואָלוציאָנערן וואָס האָבן גענומען אויף זיך אַ שליחות וואָס איז גרעסער פון זיי. די אידעאַלן און שטרע־בונגען האָבן אַזאַ ווייט און פאַרנעם, וואָס קיין מענטש קען אין זיין לעבן ניט זוכה זיין זיי צו פאַרווירקלעכן. פון ישעיה הנביא, ביז רבי עקיבא, פון דזשאָרדאַנאָ ברונאָ, וואָס איז פאַרברענט געוואָרן אויפן שייטער־הויפן פון דער אינקוויזיציע, ביז די רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען פאַר־פייניקט געוואָרן אין די תפיסות, ביז די אויפשטענדלער אין וואַרשעווער געטאָ, זיי האָבן אַלע גענומען אויף זיך אַ שליחות וואָס איז צו גרויס אַפילו פאַר דעם מוטיקסטן מענטשן; ער קאָן נאָר אומקומען פאַר איר, לעבן און אומקומען אין מאַרטירערשאַפט און גלויבן.

און עס איז פאַראַן די גליקלעכע צונויפפאַרונג ווען דער מענטש און די שליחות פאַלן האַרמאָניש צוזאַמען, זיי האָבן זיך איינע די אַנדערע געפונען און געוואָרן אַ געבענטשטער זיווג.

שמעון דובנאָוו איז געווען פון די דאָזיקע גליקלעכע. דער היסטאָ־ריקער, דער מענטש, דער שריפטשטעלער, דער קעמפער פאַרן נאַציאָ־נאַלן קיום פון יידישן פאָלק — אַלע געביטן פון זיין לעבנסטעטיקייט האָבן אַזוי שיין און ערלעך האַרמאָניזירט. אַ גוטער פּאַראַלעל צו דובנאָווס לעבן — און טיפן שאַפן קאָן זיין — ראָדען, דער פראַנצויזישער סקולפּ־טאָר, וואָס האָט אין שטיין פאַראייביקט זיינע וויזיעס, דער מייסטער, וועלכער האָט דורך מי און קינסטלערישער התמדה אַרויסגערופן צום לעבן נייע געשטאַלטן און זיי באַשאַנקען מיט אייביקער קראַפט און מיט געבענטשטער רו.

עס איז היינט צו טאָג שווער צו ריידן וועגן דובנאָוון און אים געהעריק און ריכטיק אָפּשאַצן ווי זיין שעפערישקייט, התמדה און טיפע פאַרשטענדעניש פאַרדינען עס. די אידעען, פאַר וועלכע ער האָט גע־קעמפט, זיינען אַזוי טיף אַריינגעדרונגען אין יידישן לעבן, אַז מיר נעמען זיי אָן ווי פאַרשטענדלעכקייטן פון זיך אַליין. דאָס נעמט זיך פון דעם, וואָס ש. דובנאָוו האָט ניט נאָר געשריבן געשיכטע, נאָר וואָס ער האָט אויך געהאָלפן פורעמען דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין במשך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט. ווען מען קען עס היינט צו טאָג איינפאַלן, אַז מען קען שרייבן יידישע געשיכטע און ניט פאַרשטעלן זי ווי די געשיכטע פון אַ נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו, וואָס האָט קיין מאָל ניט אויפגעהערט צו קעמפן פאַר זיין קיום. ווען מען קען אויך איינפאַלן צו לייקענען, אַז יידישע געשיכטע איז מער ווי די געשיכטע פון יידישע ליידן און יידישער מאַרטירערשאַפט, אַז מען דאַרף אויך פאָרשן די סאָציאַלע, די פּאָליטישע און די ווירטשאַפטלעכע אַספּעקטן. דאָס זיינען אָבער אַלץ געווען גרויסע חידושים אין אונזער היסטאָריאָגראַפיע, דאָס האָט מען געדאַרפט אַריינ־ברענגען ווי נייע, שיער ניט רעוואָלוציאָנערע אמתן אין באַוואוסטזיין פון אונדזער פאָלק.

ווייטער זיינען די שוועריקייטן גרויס, ווייל דובנאָוו האָט — ווי יעדער היסטאָריקער — געשריבן געשיכטע אין סטיל פון זיין אייגענער היסטאָרישער תקופה, אין וועלכער ער האָט געלעבט. ס'איז די געשיכטע פאַר אַ דור וואָס לעבט דורך אַ רעוואָלוציאָנערע תקופה, ווען ניט נאָר ווייס מען אַז זאַכן בייטן זיך, נאָר מען פאַרמאָגט די וואגונג פון אַ דור וואָס וויל איבערבויען, באַנייען, בייטן. ס'לעבט וואָך דער חוש פאַרן

פּראָצעס פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג. ס׳ווירקט דער טיפער גלויבן, אַז דער היסטאָרישער פּראָצעס אַנטוויקלט זיך לטובת דעם מענטשן, דער געזעלשאַפט און דער גערעכטיקייט.

היינט לעבן מיר אין אַ תקופה פון אַ מין היסטאָרישן פּעסימיזם. געשיכטע, ווען זי ווערט געשריבן אין גרויס סטיל, דוכט זיך אונדז אויס, ווי די אַקטן פון אַ דראַמע, וואָס מוז זיך ענדיקן מיט אַ קאַטאַסטראָפע. שפּענגלער, טאָינבי, ניבור — יעדער אויף זיין אופן — פילט בעיקר די צעשטערבאַרקייט, די קאַטאַסטראָפאַלקייט, די איראָניע און דעם טראַגיזם וואָס מוז באַגלייטן דעם גאַנג פון ציוויליזאַציעס, אימפּעריעס, קולטורן און פעלקער. ווי קומט דובנאָווס גלויבן אין דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, וועלכן ער האָט געירשנט פון נייַנצנטן יאָרהונדערט? ווי קומט דובנאָווס גלויבן אין וויסנשאַפט, פּאָזיטיוויזם, אין פּאָרשריט, בעת אונזער דור פילט, אַז די כוחות פון וויסנשאַפט און טעכנאָלאָגיע האָבן דערפירט די וועלט צו דער גרעסטער סכנה און דראָען צו פאַרניכטן אונדזער גאַנצע ציוויליזאַציע. מ׳קען אָבער זאָגן, אַז דווקא דערפאַר איז גוט, וואָס מיר האָבן די געלעגנהייט ביים באַצייכענען הונדערט יאָר דובנאָוו, פון דאָס ניי צו אַנאַליזירן געוויסע גרונט-אידעען פון פאַרגאַנגענעם האַלבן יאָרהונדערט און זען ווי זיי זעען אויס אין ליכט פון אונדזער אייגענעם בין השמשות.

נאָר איין דרך, גלויב איך, וואָלט געווען פאַלש: דאָס איז אַרויסצורייסן איינציקע אידעען אָדער אַרויסזאָגונגען פון דובנאָוון און זיי גלייך באַטראַכטן, ווי אַזוי זיי פּאַסן זיך צו אונדזער נאָענטער און היימישערווירקלעכקייט. די וויכטיקסטע אידעען האָבן אָפט מאָל זייער גרעסטע השפּעה ניט דירעקט. מען מוז אויך פאַרשטיין זייער צוזאַמענהאַנג מיט דער עפּאָכע, מען מוז אויך פאַרשטיין וועלכע כוחות האָבן זיי בשעתם אַרויסגערופן צום לעבן. מעכאַניש קען איין היסטאָרישע עפּאָכע ביי אַ צווייטער גאָרניט באָרגן; אויך אָפּפרעגן איז איינע פון די גרינגסטע זאַכן. דער פּועל יוצא פון אַזאַ סתם אָפּפרעגן איז נאָר אַ דיסאָסאָציאַציע פון אונדזער אידעען־וועלט. אויב מען וויל, קען מען באַווייזן, אַז אויף אַלע געביטן פון לעבן מוזן מיר אָנהייבן פון „א״. דאָס איז אָבער נאָר אַן אילוזיע וואָס פירט צו גאָרניט.

*

עס זיינען פֿאַראַן עטלעכע הויפּט־פֿאַרדינסטן פֿון דובנאָוון, וואָס ווערן געוויינלעך אַרויסגעהויבן, און זיי דאַרפֿן אויך היינט דערמאָנט ווערן: דובנאָוו — ווי דער פּיאָנער פֿון פֿאַרשן די געשיכטע פֿון רוסיש־פּוילישן יידנטום; דובנאָוו — דער באַגרינדער פֿון דער אידעע פֿון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע; דובנאָוו — דער היסטאָריקער פֿון דער וועלט־געשיכטע פֿון יידישן פֿאָלק. עס איז כדאי יעדן ענין אויפֿצונעמען באַזונדער.

וואָס באַטייט דער היסטאָריקער פֿון רוסיש־פּוילישן יידנטום? זיינען דען ניט געווען אַזעלכע פֿיגורן ווי פּראָפֿ. מאיר באַלאַבאַן, ד״ר יצחק שיפּער, דער היסטאָריקער און קדוש ד״ר רינגעלבלום? אוודאי זיינען זיי געווען און געווירקט אין יידישן לעבן און זיי האָבן באַרייכערט די יידישע היסטאָריאָגראַפֿיע; אָבער דער גרונט־לייגער פֿון דער גאַנצער פֿאָרשונג, פֿון דער דאָקומענטאַציע פֿון יענער תקופֿה, דער פּיאָנער איז געווען שמעון דובנאָוו. דובנאָוו האָט עס אַרויסגעלאָזט אין 1891 דעם רוף צו קלייבן מאַטעריאַלן פֿאַר דער געשיכטע פֿון יידן אין רוסלאַנד און וועגן גרינדן אַ רוסיש־יידישע היסטאָרישע געזעלשאַפֿט; דובנאָוו האָט פּובליקירט די דאָקומענטן און דעם זשורנאַל „וואָסכאָד״ (1893־1895) א. נ. „היסטאָרישע מיטטיילונגען״ און אויך געדרוקט „אָנווייזונגען, פֿראַגן און ענטפֿערס״.

אין דער פֿאָרשונג פֿון דער געשיכטע פֿון יידן אין מזרח־אייראָפּע האָט דעם היסטאָריקער אינטערעסירט ניט אַזוי אַן איינציקער געביט, ווי למשל, ווירטשאַפֿט־געשיכטע, דאָס גייסטיקע לעבן, יידישע רעכט און רעכטלאָזיקייט, אָדער גאָר רעגיאָנאַלע געשיכטע. ניין! אים האָט אינטערעסירט דאָס גאַנצע בילד, די דינאַמיק פֿון דער היסטאָרישער תקופֿה. אים האָט אינטערעסירט דאָס גאַנצע יידישע לעבן, ווי אַזוי עס האָט זיך אויסגעדריקט סיי אין ווירטשאַפֿט, סיי אין לעבנסשטייגער און סיי אין די באַציאונגען מיט דער מלוכה־מאַכט. דובנאָוו האָט זיך גאָר באַזונדערס אינטערעסירט מיט די פֿאָרמען פֿון געמיינדע־לעבן, ווי אַזוי יידן האָבן אַנטוויקלט זייער אייגענעם לעבנסשטייגער און קולטור־שטייגער, באַשאַפֿנדיק פֿאַר דעם די פּאַסיקע אינסטיטוציעס וואָס האָבן פֿאַרביטן ביי אַזאַ

פּאָלק, ווי דאָס יידישע, די שטרעבונגען צוזאַמען פון מלוכה־מאַכט, פון טעריטאָריע און פון פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע.

היינט צו טאָג איז נאָך פּרי צו זאָגן אויף וויפל דובנאָוו, ווי אַ היסטאָ־ריקער און ווי אַ נאַציאָנאַלער ייד, האָט אַרויסגעלייענט פון די דאָקומענטן און אויף וויפל ער האָט צו מאָל אַריינגעלייענט אין זיי, באַהערשט פון זיין יידישער בענקשאַפט, פון זיין דמיון, פון זיין באַגער צו געפינען אַ היסטאָרישע באַרעכטיקונג פאַר דעם קיום פון יידן ווי אַ ניט־טערי־טאָריאַלע נאַציע.

דאָ קומען מיר צו דעם פונקט פון דובנאָוון ווי צום באַגרינ־דער פון אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, פאַר וועלכער ער האָט געמיינט — יידן פון אַלע פּאָליטישע ריכטונגען דאַרפן קעמפן — נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע באַטייט דאָס רעכט, וואָס די מאָדערנע מלוכה דאַרף געבן יידן ווי אַ מינדערהייט, אויפצוהיטן זייער קולטור־און לעבנשטייגער, די מעגלעכקייט צו פאַרמאָגן זייערע אייגענע אָרגאַנען פון עפנטלעכן לעבן, ווי, למשל, קהילות וואָס זאָלן פאַרוואַלטן מיט די ענינים פון יידישער דערציאונג, סאָציאַלער הילף, אמונה, קולטור א.ד.גל.

דובנאָוו האָט געפילט, אַז זיין אידעע פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע איז ניט קיין אַנטדעקונג, מיט וועלכער ער קומט אין יידישן לעבן. אויטאָנאָמיע — האָט דובנאָוו געזאָגט — האָבן פאַרמאָגט יידן אין פּוילן, אין 17טן יאָרהונדערט, יידן אין מיטלאַלטערלעכן דייטשלאַנד, אין שפּאַניע, סיי אונטער די אַראַבישע און סיי אונטער די קריסטלעכע הערשער; אויך אין בבל אין די צייטן פון תלמוד האָבן יידן אַנטוויקלט אַ ברייט אויטאָנאָם לעבן. אָן די מעגלעכקייטן פון יידישער אויטאָנאָמיע קען מען זיך גאָרניט פאָרשטעלן קיין קיום פאַר יידן אין די צענטערס פון זייער צעשפּרייטקייט.

פאַר אַ וויכטיקער פאָרעם פון יידישער אויטאָנאָמער זעלבסטפאַר־וואַלטונג האָט דובנאָוו באַטראַכט דעם ועד ארבע ארצות. אוודאי, ווייסן מיר היינט צו טאָג פון אַ צאָל דאָקומענטן און נייערע פאָרשונגען, אַז די יידישע אויטאָנאָמיע האָט אויך געדינט די פינאַנס־ און שטייער־אינטערעסן פון די פּוילישע קיניגן, אַז אויך אין שפּאַניע איז עס געווען

אַ פּאָרעם פון אויפמאַנען ביי די יידן, ווי אַ קאָלעקטיוו, די גרויסע שטייערן וואָס זיינען אויף זיי אַרויפגעלייגט געוואָרן.

צי זיינען אָבער גערעכט די וואָס האָבן געוואָלט זען אין דער אויטאָ־נאָמיע נאָר אַ פּאָרעם פון באַדריקן די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, אַ מין יד־אחת צווישן מלכות און די רבנים, גבירים און תקיפים? דובנאָוו האָט ריכטיקער אינטערפּרעטירט די דאָקומענטן, נוצנדיק די היסטאָרישע דערפאַרונג, כדי צו פאָרמולירן די פּרינציפּן, ביי וועלכע מיר דאַרפן זיך האַלטן אין קאַמף פאַר יידישער אינעווייניקסטער פרייהייט און אַ יידישן געמיינדע־לעבן.

די פאָרשער, וואָס האָבן אין דער יידישער אויטאָנאָמיע געזען נאָר אַ פינאַנץ־פּאָליטיק מצד די פּוילישע קיניגן, דער פּוילישער שליאַכטע, אָדער די קריסטלעכע הערשער פון שפּאַניע, — וואָס פאַר אַ סאָציאַלן אויסבליק האָבן זיי געהאַט אויפן יידישן היינט? זאָלן מיר באַטראַכטן פאַר אַן אידעאַל פון אינטעגראַציע יענע נעבעכדיקע פאָרעם פון יידישן לעבן, וואָס מיר געפינען היינט צו טאָג אין די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס? נאָך 18 הונדערט יאָר פון באַדריקונג, ווען דער ייד האָט דאָך אויסגע־קעמפט פאַר זיך די מעגלעכקייט צו זיין דער באַשעפער פון זיין אייגענער געשיכטע, איז ער איצט געבליבן אַ נעבעכדיקער, אומאַקטיווער פאַקטאָר סיי אין דער גרויס־פּאָליטיק פון די לענדער וואו ער לעבט, סיי אַן אומאַקטיווער פאַקטאָר אין געשטאַלטן זיין אייגן לעבן.

מיר קומען איצט צו דעם דריטן אָנערקענטן פאַרדינסט פון דובנאָוון, דאָס וואָס ער איז געווען דער היסטאָריקער פון דער אוניווערסאַלער יידישער געשיכטע. הינטער דעם שטעקט אַ קולטור־פילאָסאָפישער באַנעם, ניט נאָר אַ היסטאָרישער מעטאָד. עס זיינען געווען גרויסע היסטאָריקער ביז שמעון דובנאָוון; צווישן זיי סיי יידן און סיי ניט־יידן; היינריך גרעץ, יאָסט, רענאַן. דובנאָוו איז אַ צייט געשטאַנען אונטער זייער השפעה און האָט אַפילו אַ צאָל יאָרן געשריבן געשיכטע אָננעמענדיק היינריך גרעצס אידעאַליסטישע וועלט־אָנשויאונג. יידישע געשיכטע, לויט דעם קוק, איז נאָך דעם אונטערגאַנג פון דער פּאָליטישער מלוכה אין ארץ ישראל, פון איין זייט, אַ געשיכטע פון ליידן און מאַרטירערשאַפט און, פון דער אַנדער זייט, אַ גייסטיקע געשיכטע וואָס דריקט זיך אויס אין רעליגיעזע, פילאָסאָפישע און פּאָעטישע ווערק. ה. גרעץ האָט געפילט, אַז צוויי

מלאכים האָבן באַגלייט דעם יידן אויף זיין לאַנגן וואַנדער־וועג: די יידישע תורה און דער גלויבן אין משיחן. ה. גרעץ האָט מיט גרויס טאַלאַנט און פיינעם געפיל פאַר מענטשלעכן כאַראַקטער געשילדערט די גדולי הדור, איבערהויפּט פון דער גאָלדענער תקופה אין שפּאַניע. דער יידישער היסטאָריקער האָט פאַרמאָגט דעם חוש פון אַ קינסטלער ביים שילדערן גרויסע מענטשלעכע פּערזענלעכקייטן.

דובנאָווס גרויסקייט, ווי אַ היסטאָריקער, איז באַשטאַנען אין עפּעס אַנדערש. ער האָט געקוקט אויף געשיכטע ווי אויף דעם אויסדרוק פון אַ קאָלעקטיוון לעבן. געשיכטע האָט מער צו טאָן מיטן פאָלק ווי מיטן יחיד. אים אינטערעסירן אויך די צווישן־באַציאונגען און די קעגן־ווירקונגען פון די פאַרשיידענע פאַקטאָרן וואָס ווירקן אין לעבן פון אַ פאָלק: נאַציאָנאַלע, פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און רעליגיעזע.

אַנאַליזירנדיק דעם אידעאישן קאַמף צווישן די צוויי רעליגיעזע ריכטונגען אין יידישן לעבן אין דער צייט פון בית שני — די פּרושים און די צדוקים, זעט ער הינטער זייערע שטרייטיקייטן דעם אויסדרוק פון אַ פּאָליטישן קאַמף, וואָס עס פירן די פאַרשיידענע קלאַסן פון דער יידישער געזעלשאַפט וועגן דעם, ווי אַזוי עס זאָל אויסזען דאָס נאַציאָנאַלע לעבן פון יידישן פאָלק. די צדוקים זעען די פאַרזיכערונג פון אַ יידישן קיום, בעיקר, אין אַ מלוכה, אין די פּאָליטישע אינסטיטוציעס פון פאָלק, בעת די פּרושים זעען די גרויסע סכנה פון בויען אַלץ אויפן פּרינציפּ פון מלוכה און טעריטאָריע; זיי שטעלן אַרויס העכער ווי אַלץ די אינטערעסן פון דער נאַציע. די פּרושים שטעלן זיך איין פאַרן אָפּהיטן אַזעלכע מנהגים און צערעמאָניעס, וואָס מען קאָן אויך דורכפירן אין חוץ לארץ. זיי קענען דורך דעם צונויפבינדן די יידן וואָס וואוינען אויך אויסער די גרענעצן פון דער ישראל־טעריטאָריע, פּונקט אַזוי ווי די וואָס לעבן אין די גרענעצן פון ארץ ישראל.

אין די רעליגיעזע קאַמפן, וואָס ווערן געפירט אין דער צייט פון צווייטן בית המקדש דעקט דער היסטאָריקער אויף די פּאָליטישע מאָטיוון; פּונקט אַזוי זעט דובנאָוו אין די פאָרמען פון סאָציאַלן לעבן פון יידישן פאָלק, אין זיינע פּאָליטישע קאַמפן אַן אויסדרוק פון יידישן גייסט און פון יידישן וועלט־באַנעם.

די סאָמע אינטערעסאַנטסטע בענד אין דובנאָווס „וועלט־געשיכטע"

זיינען טאַקע — דער באַנד וואו ער שילדערט דאָס יידישע לעבן אין דער צייט פון בית שני; דער באַנד וואָס איז געווידמעט דעם קאַמף פאַר דער יידישער עמאַנסיפּאַציע אין פראַנקרייך אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, און דער באַנד אין וועלכן ער שילדערט די אַנטוויקלונג פון יידישן לעבן און לעבנסשטייגער אין פּוילן, אוקראַינע און ליטע. ש. דובנאָוו האָט שטענדיק געפילט, אַז געשיכטע איז ענג צונויפגעבונדן מיטן היינט. אויף איינער פון די לעקציעס פון די קורסן פאַר מזרח־קענטעניש האָט ער די דאָזיקע שייכות כאַראַקטעריזירט אויף אַזאַ אופן: „דער תוך פון היסטאָריזם ליגט אין דעם, אַז מען זאָל דאָס פאַרגאַנגענע אויפנעמען מיט דער לעבעדיקייט פון דעם לויפנדיקן מאָ־מענט, און דעם היינט זאָל מען באַנעמען היסטאָריש". במשך פון זיין גאַנצער טעטיקייט האָט ש. דובנאָוו געהאַט אַ ווידערווילן צו ריין פאַר־מעלער „טויטער וויסנשאַפט". ער האָט ניט געוואָלט ווערן אַ מומיע פון געשיכטע, פאַרגראָבן אין אַ קעלער צווישן ביכער און פּאַפּירן... „פאַר מיר איז געשיכטע, האָט דובנאָוו געשריבן, אַ קוואַל פון שפּרודלדיקן לעבן, פון קאַמף, פון שאַפן, אַ קוואַל פון וועלט־באַנעמונג"...

*

איך האָב אָנגעהויבן מיט דעם, אַז עס איז פאַראַן אַ מערקווירדיקע שפּאַנונג צווישן דעם מענטשן און זיין שליחות. פאַראַן מענטשן וואָס זיינען גרעסער ווי די שליחות, וואָס דער גורל, וואָס די היסטאָרישע עפּאָכע און זייער סביבה האָבן אָנגעצייכנט פאַר זיי. פון דער אַנדערער זייט, איז פאַראַן אַ שליחות וואָס שטייגט אַריבער די מעגלעכקייטן פון אַן איינציקן מענטשן, וואָס איז אומענדלעכער ווי די באַגרענעצטקייט פון אַ מענטשלעכן לעבן. אין דובנאָוון האָבן מיר געזען דעם דאָזיקן אויסער־געוויינלעכן פאַל, ווען מענטש און שליחות האָבן זיך באַהאַפטן צוזאַמען. אַ וואונדערלעכע האַרמאָניע און אויסגעשטימטקייט רעדט אַרויס צו אונדז פון די ווערק וואָס עס האָט אונדז איבערגעלאָזט דער גרויסער היסטאָריקער פון אונדזער פאָלק.

די האַרמאָניע איז ביי דובנאָוון אוודאי געווען; ער האָט זי אָבער ניט באַקומען ווי אַ גאָטס־מתנה, ווי אַ געשאַנק פון הימל. זי איז אויס־געשמידט געוואָרן דורך די אַלע יאָרן פון אַ מענטשלעכן לעבן. דאָס

נשמה־לעבן פון דובנאָוון, ווי מיר זעען אים פאַרצייכנט אויף די בלעטער פון זיין טאָג־בוך, איז אַזאַ וואָס מיר פילן אין אים די ראַנגלענישן פון אַ מענטשן אַרויסצורייסן זיך פון דער ענגער און באַגרענעצנדיקער לעבן־סביבה, פון אַ קליין שטעטל, וואָס עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט מסטיסלאַוו. פון זינט זיין קינדהייט און זיין יוגנט פילן מיר ווי אַ יונגע נשמה רייסט זיך אַליץ העכער אַרויס פון דער ענגשאַפט פון קליינעם בית מדרש, פון דער אָרעמקייט פון משפחה־לעבן; מיר דערפילן, אַז אין די יונגע יאָרן איז דער מענטש גרעסער ווי די שליחות, מער ווי דאָס לעבן פאַר וועלכן די מאַמע, וואָס איז געשטאַנען אין קרעמל און געהאַנדלט מיט גויים, פאַרקויפט געשיר צו די פויערים, האָט אים געקענט גרייטן, מער וויפל זיין פאָטער, וועלכער האָט געהאַנדלט מיט געהילץ ביי זיין קרוב, דעם וואַלד־סוחר, האָט געקענט געבן.

אַ מאָדנער כוח, אַן אומרואיקייט, טרייבט דעם יונגן שמעון און זיין ברודער וואָלף צום אייראָפּעאישן וויסן, צום לערנען שפּראַכן, — רוסיש, פראַנצויזיש, לאַטייך — און שפּעטער צו די וועלטביכער, די דענקער פון דעם 18טן און 19טן יאָרהונדערט. עס איז דאָך ממש אַ נס, עס איז דאָך אומגלויבלעך, אויף וועלכן אופן דובנאָוו האָט זיך דערוואָרבן דעם גרויסן הומאַניסטישן וויסן, די פילאָסאָפישע באַהאַוונטקייט, די גרויסע ערודיציע, — אַליץ איז דאָך געקומען דורך אייגענער מי שווער פאַרהאָ־רעוועט, אָן דער הילף פון אַ פירנדיקער האַנט, פון אַן אוניווערסיטעט־סביבה און פּראָפעסאָרן. מען קאָן דאָך עס שוין היינט באַלד ניט פאַר־שטיין ווי אַזוי אַזאַ גוואַלדיקער וויסן, אַזאַ גרויסע אינטעלעקטועלע דיסציפּלין האָט זיך אַ מענטש געקענט דערוועגבן אַליין!

יאָ, שמעון דובנאָוו, דער גרויסער יידישער היסטאָריקער, איז געווען אַן „אויטאָדידאַקט”, אין דעם זעלבן זין, ווי יעדער גרויסער נאָוואַטאָר אויף אַ נייעם געביט פון מענטשלעכן וויסן און וויסנשאַפט און איז געווען אַן אויטאָדידאַקט ווי דער מלך שאול, וואָס האָט פאַרלאָזט דעם אָקער־אייזן און איז געוואָרן דער ערשטער קיניג אין ישראל, ווי דער נביא עמוס וואָס האָט געפיטערט שאָף און געפּוצט פייגן־ביימער. עס זיינען פאַראַן צושטאַנדן און געלעגנהייטן אין דער מענטשלעכער געשיכטע ווען עס מוז קומען אַ נייער בראשית און אַ נייע באַשאַפונג. און היות דאָס קען צו שטאַנד קומען נאָר דורך לעבעדיקע מענטשן, ניט נאָר דורך

„אומשטענדן" און „טענדענצן", ווי וויכטיק זיי זאָלן ניט זיין, מוזן אַזעלכע מענטשן פאַרמאָגן די געניאַלע פעאיקייט זיך אַליין איבערצושאַפן, זיך אַליין צו געשטאַלטן.

שמעון דובנאָוו איז געווען פון די יחידי סגולה, וואָס האָבן געקאָנט קודם־כל דיסציפּלינירן זייער אייגן לעבן: אַ היסטאָריקער, אַן אויס־טייטשער פון דער נאַציאָנאַלער אידעע, אַ פאָרשער איז דובנאָוו געוואָרן. דער טראָפּ שטייט אויף ווערן. אין יענע געבענטשטע יאָרן פון זיין לעבן האָט דובנאָוו איינגעשטעלט אַזאַ שיינע האַרמאָניע צווישן זיין לעבן און זיין שאַפן, אַז מיר האָבן מיט רעכט געקענט זאָגן: דער מענטש און זיין שליחות זיינען געוואָרן איינס.

נו, אַוודאי זיינען געווען אַנגסטן און אַנטוישונגען, נאָר ניט קיין פאַרביטערונג: „איך האָב געטראַכט — שרייבט איין מאָל דובנאָוו אין זיין טאָגבוך (1904) — וועגן די קומענדיקע אַרבעטן, און די פאַרבליבענע יאָרן האָבן זיך געוויקלט אַרום זיי. עס בלייבט מיר נאָר איינס: צו פאַר־ענדיקן מיין לעבנסווערק, אַ ווערק וועגן דער פאַרגאַנגענהייט פאַר דער צוקונפט און... אַוועקגיין אין פרידן, ווי דער אַקערמאַן פון זיין פעלד. אין דאָזיקן אויגוסט־אָוונט, אין דעם פאַרוואָרפענעם ווינקעלע, הער איך אַ קול: גענוג זיך געפּייניקט! שוין צייט צו קוקן אויפן לעבן רואיקער, פון קוקווינקל פון דער אייביקייט. שטעל זיך אַוועק ביי דיין פעלד, טו דיין אַרבעט, לייג אַריין אין איר דאָס גאַנצע פייער פון דיין נשמה, זוך אין איר דאָס וואָס ס'פּערזענלעכע לעבן האָט דיר ניט געגעבן, און ווען דער וואָס האָט דיך געשיקט, וועט דיך רופן צו זיך, גיי און זאָג: איך בין גרייט, מיין אַרבעט האָב איך אָפּגעטאָן". דובנאָוו איז דעמאָלט אַלט געווען פיר און פערציק יאָר.

אין די לעצטע און שווערסטע יאָרן פון זיין לעבן האָט דער מענטש, דער היסטאָריקער, ווייטער געטאָן זיין אַרבעט, ווייטער געפאָרשט, ווייטער פאַרצייכנט און געהייסן אַנדערע צו פאַרצייכענען. אינעם אַקט פון גע־דענקען, האָט ער געפילט, ליגט שוין אַ געוויסע נחמה.

אַ שרעקלעכע עקספּלאָזיע, אַ וועלט־שטורעם האָט פאַרכאַפּט שמעון דובנאָוון, זיין פאָלק, זיין גאַנצן דור און געפירט צום אומקום. דער היס־טאָריקער האָט באַגלייט זיין פאָלק און געטיילט דעם שוידער פון זיין לעבן און פון זיין טויט. די שליחות איז איצט געווען גרעסער ווי דער

מענטש: דער זקן האָט מיט מענטשלעכער ווערדע אַריבערגעטראָגן די יסורים. אין אַזאַ גורל־שעה האָט דער אויסלאָז געמוזט זיין נאָר מאַרטי־רערשאַפט.

דער היסטאָריקער האָט דערגרייכט די שלמותדיקע מדרגה פון מענטש און פון ייד, דער זקן האָט איצט געקאָנט דינען זיין פאָלק, ווי עס האָבן אים געדינט די מיטלאַלטערלעכע יידן פון וואָרמס, מיינץ, פון שפייער ווי עס האָבן געקענט דינען די גולי ספרד, די פאַרטריבענע פון שפאַניע.

דער באַשאַפער פון דער וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק האָט דורך זיין אייגענעם לעבן אויסגעדריקט די העכסטע אידעאַלן פון זיין פאָלק אין קאַמף קעגן באַדריקונג, דערנידעריקונג און פאַרשעמונג פון דעם מענטשן־מין.

צי האָט דער היסטאָריקער דערוואַרט אַזאַ פינאַל צו זיין לעבנס־דראַמע? אין יאָר 1940 האָט דובנאָוו פאַרענדיקט אין דער שטאָט ריגע די דריי בענד פון זיינע „מעמואַרן״ מיט די ווערטער: „אין שטורעם בין איך געבוירן געוואָרן, אין שטורעם וועל איך ענדיקן די טעג פון מיין לעבן״. אין שטורעם — ניט הינטער דעם צוים פון געטאָ־מויערן, ניט דורך דער האַנט פון נאַצי־מערדער, ווי אין יענער טרויעריקער נאַכט פון זיבעטן אויפן אַכטן דעצעמבער 1941 אין דער ריגער געטאָ.

די פרץ־טראַדיציע און די יידישע שול

וואָס זיינען די וואָרצלען פון דער נייער יידישער שול? פון וואַנען האָט זי געשעפּט באַגייסטערונג און גלויבן? פון זינט די ערשטע פאַר־איינצלטע פּרואוון פון אַ מאָדערנער שול אויף יידיש איז דאָך שוין אַוועק מער פון אַ האַלבן יאָרהונדערט. עטלעכע אָבסערוואַציעס איז כדאי צו מאַכן ביים סאַמע אָנהייב: כמעט פון די ערשטע יאָרצענדליק איז די שול אויף יידיש געוועזן אַ וועלט־באַוועגונג; אין פּוילן און ליטע, אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, אין רוסלאַנד און אין אַרגענטינע, אומעטום האָט די נייע שול געשלאָגן וואָרצלען און באַוויזן צו פאַרבינדן דאָס אוניווערסאַל־יידישע, דעם נייעם אימפּעט פון דער יידישער קולטור, צוזאַמען מיטן לאָקאַלן קאָלאָריט פון די נייע ישובים און די ספּעציפישע לעבנס־תנאים.

די יידישע שול האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ נייער געוואַגטער דער־ציערישער עקספּערימענט, וואָס האָט, ווי דאָס פאָלק אַליין, פאַרמאָגט די וואונדערלעכע לעבנס־פעאיקייט איינצובירגערן זיך אין יעדן אָרט, און גלייכצייטיק אויפצוהיטן תוך, דעם אייגענעם קערן. ווי מערקווירדיק זיינען די סינטעזן, וואָס דער שול איז באַשערט געווען צו מאַכן: יידיש־אַמעריקאַניש, יידיש־פּויליש, יידיש־אַרגענטיניש, יידיש־מעקסיקאַניש... קינדער זיינען דערצויגן געוואָרן, יעדער פון אונדז קען אַ היפּש ביסל יוגנטלעכע, וואָס זיינען שוין אַריינגעטראָטן אין לעבן, יוגנטלעכע וואָס האָבן באַוויזן מיט זייער פילן און טראַכטן, מיט זייער גאַנץ לעבן, אַז אַ מאָדערנער קולטור־סינטעז פון יידישער קולטור און מאָדערנער וועלט־קולטור איז מעגלעך. דאָס לעבן האָט באַוויזן, אַז מען קען אי אויפהיטן די נאַציאָנאַלע צוגעבונדנקייט, אי אַריינגעצויגן ווערן אין קולטורעלן לעבן פון אַ מאָדערנער געזעלשאַפט.

דעם שענסטן קולטור־סינטעז איז געלונגען צו שאַפן אין די יידישע שולן פון פּוילן און ליטע. די שול האָט פאַרמאָגט ניט נאָר די ערשטע מדרגה, די פאָלקס־שול, נאָר אויך גימנאַזיעס און אַ לערער־סעמינאַר.

דער עיקר אָבער — אונטער איין דאַך, אין די ווענט פון דער זעלבער שול האָבן די תלמידים אויפגענומען סיי די יידישע און סיי די וועלטלעכע לימודים, נאַטור־וויסנשאַפט, מאַטעמאַטיק, וועלט־געשיכטע אד״גל. די שול האָט געגעבן אַ פולע בילדונג, זי האָט ניט געמאַכט קיין מחיצה צווישן ייד און מענטש... אויך דער הימל און די ערד האָבן גערעדט „יידיש״ צום קינד, ניט נאָר פרץ און שלום־עליכם, די יידן אין גאַס און טאַטע־מאַמע אין שטוב. „גערטנערייי״, „ספאָרט״, „לאַבאָראַטאָריעס״, „אַליין־פאַרוואַלטונג״, „קאָלעקטיוויזם״ — דאָס זיינען געוואָרן נייע ווערטער און נייע פאַקטן אין שייכות מיט יידישער דערציאונג.

דער דור יידישע יוגנט האָט אונדזער פאָלק ניט פאַרשעמט. דאָס גאַנצע יידישע קולטור־ און געזעלשאַפטלעכע לעבן אין פוילן פאַרן צוויטן וועלט־קריג האָט עס באַוויזן, די אויפשטאַנדן אין די געטאָס און אין די לאַגערן, די פאַרטיזאַנישע קאַמפן האָבן עס נאָך מער באַקרעפטיקט. דער דור יידישע לערער האָט מיט דער גרעסטער ליבע און געטריישאַפט געלערנט ניט נאָר ווי צו לעבן, נאָר אויך ווי צו קעמפן. „נוסח פוילן״ אין מאָדערנער יידישער דערציאונג וועט בלייבן אַ גאָלדענע בלאַט אין דער געשיכטע פון דער יידישער דערציאונג בכלל און פון אונדזער אייגענעם וועלטלעכן נוסח בפרט.

*

פון וואַנען האָט געשטאַמט דער אימפּעט און דער ברען פון דער נייער יידישער קולטור־סביבה און וואָס זיינען געווען די באַזונדערע סענטימענטן וואָס זי האָט אַריינגעטראָגן אין דער געזעלשאַפט? קודם כל איז עס געווען די באַציאונג צום קינד, די ליבע צום קינד.

די דאָזיקע ליבע האָט פאַרפלאַנצט די יידישע ליטעראַטור, דער יידישער שרייבער. דינעזאָן און פרץ, שלום־עליכם און אברהם רייזען, ח. נ. ביאַליק און אַלע אַנדערע — אַלעמען האָט פאַראייניקט דער פלאַמיקער באַגער צו ברענגען פרייד אין לעבן פון יידישן קינד, אָפּווישן די טרער פון זיין פנים. די גאַנצע יידישע דערציאונג ווערט עד היום גענערט פון דער ציטערדיקער גרויסער ליבע און זאָרג פאַרן קינד; נאָך אין 1901 האָט י. ל. פרץ אין „יוד״ געשריבן אונטערן פסעוודאָנים בן תמר אַזאַ „פסיכאָגראַפיע״ פון ישראליקלען:

„ישראליקלען האָט מען איינגעוויגט, איינגעשטילט און אַלע אַרום קוקן זיך צו ווי דער „קדיש" וואַקסט, ווי די נשמה וואַקסט אין אים און גלאַנצט אַרויס פון די אייגעלעך. איידער מען קוקט זיך אום, פּירט אים שוין דער טאַטע אין אַ טלית איינגעהילט אין חדר אַריין. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל. דערנאָך וועט אים דער באַהעלפער שלעפּן... ,תורה איז די בעסטע סחורה', נאָר דער מלמד איז אַ בייזער... און ניט לאַנג וואַרפט דער מלאך אַראָפּ די גראַשנס... עס איז קיין הימל ניטאָ איבערן קאָפּ, נאָר אַ באַלקן... סיי ווי סיי מיט שפּינוועבס ניט מיט מלאכים... געבוירן אין דלפנקע, צי פּאַהיבעלקע, שוועבט ער אינגיכן אַרום צווישן הימל און ערד... ער זעט און זעט ניט, הערט און הערט ניט!"

פּרץ האָט די ווערטער געשריבן אין דער תקופה פון דער סאַמע שאַרפסטער סאָציאַלער קריטיק און פאַרניינונג; ער האָט שפּעטער געזען אויך אַ „הימל" און ניט נאָר שפּינוועבס אין די יידישע טראַדיציעס און אין דער דערהייבנקייט פון יידישן לעבן. אָבער דווקא דער שפּעטער־דיקער, דער רייפער פּרץ, דער טיף־נאַציאָנאַלער פּרץ איז געוואָרן דער פאָטער און מיטבויער פון דער מאָדערנער יידישער שול. י. ל. פּרץ און דינעזאָן זיינען ביידע געשטאַנען ביים וויגעלע פון דער נייער שול־באַוועגונג.

אין וואַרשע, אין די יאָרן פון ערשטן וועלט־קריג, ווען עס זיינען געקומען די פּליטים פון די גרענעץ־שטעטלעך, וואו דער קריג האָט געפלאַקערט, האָט פּרץ געעפנט קינדער־היימען, האָט דער גרויסער פּרץ געשריבן קינדער־לידער צו דערפרייען די צערפּולע נשמות פון די פּלוצעמדיקע וואַנדערער, און ווער ווייס, אפשר אין קינדער־ליד געיואָלט אויך דערטרינקען דעם אייגענעם יאוש...

י. ל. פּרץ איז געוואָרן דער פאָטער ניט נאָר פון דער יידישער ליטעראַטור, נאָר אויך פון דער יידישער שול. ניט אומזיסט זיינען פּרצעס שאַפונגען אויף יאָרן־לאַנג פאַרבליבן די באַליבטסטע לעקטור אין דער מאָדערנער שול. פּרצעס סינטעז, וואָס האָט פאַרבונדן די אידעע פון פאָלקס־דערלייזונג צוזאַמען מיט וועלט־באַפרייאונג, האָט אָנגעצונדן דאָס געמיט פון דער יוגנט און איז געוואָרן אַ צענטראַלער מאָטיוו אין דער דערציאונג־פילאָסאָפיע. אין זיין עסיי „דער דיכטער, דאָס בוך און דער לעזער" שרייבט פּרץ: „ניט נאָר מענטשן — אויך פעלקער קענען פּאָר

זיך אַליין ניט לעבן. אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט. און איז געװעכ־טיקייט די אויסלייזונג פון שמערץ און פּיין, מוז די געװעכטיקייט הערשן איבער דער וועלט.״

פּרצעס בענקשאַפט נאָך דעם שטאָלצן, פרייען און שבת־יום־טובדיקן יידן האָט געפונען איר פולן אויסדרוק אין זיינע „פאָלקסטימלעכע גע־שיכטן״ און „די גאָלדענע קייט״. פּרץ האָט אָבער דורכגעמאַכט אַ גרויסן מהלך און אַ גרויסן געראַנגל סיי ווי אַ קינסטלער, סיי ווי אַ דענקער. דער געראַנגל האָט פאַרויסגעזאָגט אַ נייע תקופה אין אונדזער גאַנצן קולטור־נוסח, ניט נאָר אין דער ליטעראַטור.

*

אין דער ערשטער תקופה פון זיין שאַפן, אויך אין זיינע „שטעט און שטעטלעך״ מערקט זיך נאָך דער פאַרניינענדיקער, קריטישער און שאַרפער טאָן פון דער תקופה. די פּראָטאָטיפּן פון זיינע שפּעטערדיקע חסידישע דערציילונגען, ווי צום ביישפּיל דעם ביאַלער רבין פון זיין דערציילונג „צווישן צוויי בערג״, זעט ער אין לעבן; ער זעט אָבער נאָר זייער גרויקייט און קליינקייט...

עס איז מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק; פּרץ זעט שאַרף די סאָציאַלע ליניע, דאָס ביטערע אומרעכט פון לעבן... מען טאָר ניט פאַר־געסן, אַז פּרצעס אויסגאַבעס נעמען דערשיינען נאָך איידער עס אַנטשטייט דער „בונד״, איידער עס איז געווען אַ וועלכע ניט איז פאַרטייאישע ליטעראַטור אין יידיש. פּרצעס „יום־טוב־בלעטלעך״ זיינען אַ לאַנגע צייט די איינציקע יידישע אויסגאַבעס, וואָס מען געפינט ביי אונטערזוכונגען און אַרעסטן פון יידישע אַרבעטער. סימבאָליש איז דעריבער די מתנה וואָס יידישע אַרבעטער האָבן צו פּרצעס יובילייַ אין 1901 געבראַכט. די אַרבעטער, וואָס האָבן פּרצן באַגריסט, האָבן אים דערלאַנגט אַן אַלטן פאַרפלעקטן עקזעמפּלאַר „יידישע ביבליאָטעק״, וואָס פלעגט געהיים אַרי־בערגיין אין דער תפיסה פון איין פּאָליטישן אַרעסטירטן צום צווייטן. די אַרעסטירטע פלעגן אונטערשטרייכנדיק די אָדער יענע אותיות, אַזוי אַרום זיך דורכשמועסן.

דער יידישער שול איז שוין באַשערט געווען אויפצונעמען דאָס

געלייטערטע, דאָס נאַציאָנאַל־קינסטלערישע און דאָס הומאַניסטיש־אוני־ווערסאַלע פון פּרצעס שאַפונגען.

פּרץ האָט פאַר דער שול פאַראייניקט נאַציאָנאַלן חלום און סאָציאַלע וואָר, די בענקשאַפט נאָך גאולה און די בענקשאַפט נאָך יושר און צדק, די טרער פון די „דריי נייטאָרינס" און דעם שמע ישראל פון דעם יידן וואָס גייט אויף קידוש השם, די האָפענונג, אַז „נישט ווייט איז שוין דער פרילינג" און די בענקשאַפט נאָך „שבת־יום־טובדיקע" יידן. י. ל. פּרץ האָט זיך געראַטעוועט פון דער היפּער־קריטישער שטימונג. פּרץ דערשיינט אַ ליכטיקער, אַ באַפרייטער און אַן אינטעגרירטער דיכטער. פאַרשוואונדן איז די גרימאַסע און געבליבן איז די קלוגשאַפט פון פאָלקס־פאַרוואָרצלטקייט. ער האָט געשלאָסן די תקופה פון פאַרניינונג און גע־בראַכט די גרויסע באַיאָונג אין דער ליטעראַטור, ווי אין לעבן. די יידישע שול איז געגאַנגען אין פּרצעס וועגן.

*

דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום איז ניט באַשערט געווען דער לעצטער, פולער פונאַנדערבלי פון זיין נאַציאָנאַלער שעפערישקייט, ס'איז איבערגעהאַקט געוואָרן אין מיטן. נוסח־פוילן איז געגאַנגען אויפן וועג פון גאָר נייע וואונדערלעכע שאַפונגען און דערגרייכונגען. די „קאָלאָ־ניעס" פון דער מאָדערנער יידישער קולטור, די יידישע ישובים אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אַרגענטינע און מעקסיקע האָבן זיך באַגעגנט מיט גאָר נייע שוועריקייטן, מיט כוואַליעס אַסימילאַציע און צעשטערונג. די יידישע דערציאונג האָט צוגעקראָגן נייע מאָטיוון און מאָטיווירונגען. ערשט אין די לענדער פון איינוואַנדערונג איז קלאָר געוואָרן למשל דער גרויסער פּסיכישער דעפיציט וואָס אַ מענטש ליידט ווען ער ווערט אָפּ־געפרעמדט פון זיין פאָלק און פונעם פאָלקס־שטייגער.

דערציער האָבן לאַנג שוין געוואוסט וועגן דער השפעה פון ירושה און סביבה, אָבער די גרויסע השפעה פון דער קולטור־טראַדיציע אין פורעמען דעם מענטשלעכן כאַראַקטער און די פּערזענלעכקייט, דאָס איז ערשט ניט לאַנג צוריק קלאָר געוואָרן. די ניט־אויסגעשטימטקייט, צעריי־סנקייט פון דער מענטשלעכער נשמה, ווען זי האָט ניט קיין אָנשפּאַר

אין דעם לעבנסשטייגער פון אַ פאָלק, איז טראַגיש ביז גאָר. ווער ווייס, וואָס פאַר אַ טיפער קוואַל פון פּיין און יסורים עס קען ווערן!

איבערהויפּט זיינען באַוואוסט געוואָרן די גייסטיקע עינויים און פּיינען וואָס עס שטייט אויס דער יונגער מענטש, וואָס איז געצוואונגען צו פאַרלייקענען זיין פאָלק און זיין אָפּשטאַם. דער שקר קען אפשר צייטוויי־ליק העלפן אים צו באַפרייען זיך פון טייל פּאָליטישע און סאָציאַלע עוולות, וואָס מען באַגייט לגבי אים. אָבער די פאַרלייקענונג פּייניקט פון אינעווייניק און באַשאַפט געפילן פון שולד, חרטה און אומזיכערקייט.

ווי אַ באַגלייט־דערשיינונג פון דער קולטור־ירידה קומט אויף אַ נייער טיפּ, דער ראַנד־מענטש. דאָס איז אַ מענטש, וואָס איז ניט איינגעבירגערט אין קיין שום קולטור־סביבה, נאָר לעבט ביים ראַנד פון קולטור־לעבן.

אין דער תקופה פון אינטעלעקטועלן און סאָציאַלן רעוואָלט איז זיין געזעלשאַפטלעכע שליחות דורכאויס אַ רעוואָלוציאָנערע. אין 19טן יאָר־הונדערט האָבן די געניאַלע פאַרשטייער פון דער שיכט מיט דער ביטער־סטער שאַרפקייט און איראָניע געהאָלפן צו צעשטערן די יסודות פון דעם אַלטן רעזשים אין אייראָפּע. היינע, בערנע, לאַסאַל און מאַרקס האָבן אַזוי אָמן און שאַרף געקענט באַקעמפן די אַלטע מידות, ווייל זיי האָבן זיך געקענט פילן ווי וועלט־בירגער אין אַ צייט ווען „מענטשהייט" און „וועלט־מרידה" האָבן באַגייסטערט די בעסטע קינדער פון זייער דור. אָבער וואָס פאַר אַ שרעקלעכע קרבנות גייסטיק און מאָראַליש דאָס לעבן האָט פון זיי געפאָדערט! און ווי גרויס זיינען עס געווען די בלאָנ־דזשענישן פונעם דור וואָס האָט געגלייבט אין ליבע צום מענטשן, אין קאַמף פאַר אַ נייעם סדר צו קענען פאַרגעסן אייגענעם שורש, אייגענעם אָפּשטאַם...

טייל פון די רעבעלן האָבן איבערגעריסן זייערע בלאָנדזשענישן און געפונען, ווי משה העס און אין אַ שפּעטערדיקן דור וולאַדימיר מעדעם, דעם וועג אין יידיש־נאַציאָנאַלע און יידיש־סאָציאַלע באַוועגונגען; אַנ־דערע זיינען אויף אייביק פאַרזונקען געוואָרן אין תהום פון אַסימילאַציע.

דער 18טער און 19טער יאָרהונדערט האָבן אַרויסגעבראַכט דעם ראַנד־מענטש, דעם אינטעלעקטואַל; אַ נייער ראַנד־מענטש, נאָר מיט אַ מער געבראָכן געמיט איז אויפגעקומען אין די יאָרן פון וועלט־קריג, פאַשיזם און מאַסן־איבערברוך. בערנע, היינע און לאַסאַל האָבן געקענט

קוקן אויף זיך ווי אויף וועלט־בירגער, ערנסט טאָלער אַבער, דער דייטש־יידישער דיכטער־דראַמאַטורג פון 20סטן יאָרהונדערט, און פיל, פיל אַנ־דערע, האָבן שוין געזען ווי די וועלט איז אַ תּפיסה, ווי די גרענעץ־סלופּן צעטיילן די וועלט אויף טויטן־קאַמערן און די תּליה ניט דער חלום פון מרידה איז געוואָרן זייַן אייגענער אויסוועג און אויסלייז פון לעבן.

די אויטאָביאָגראַפיעס און אויטאָביאָגראַפישע ווערק פון אַ דור מערב־אייראָפּעאישע יידישע שריפטשטעלער, קינסטלער און פּאָליטישע פירער זיינען די בעסטע אילוסטראַציע פון יענעם תּהום פון פּיין, צער און אַנטוישונג וואָס דאָס לעבן האָט באַשערט אָפטמאָל פאַר די גענ־יאַלסטע זין פון אונדזער פאָלק, אַ תּהום, וואָס דאַנטעס גיהנום קען זיך ניט צוגלייכן צו אים אין שרעק און גרויל.

*

ווען עס איז וועט די פּסיכאָלאָגיע און די דערציאונג מוזן אַקצעפּ־טירן און אויפקלערן די כאַראַקטעריסטיקעס פון אַ נייעם טיפּ מענטש. ביז איצט האָבן מיר געוואוסט וועגן גייסטיק־דעפעקטיווע קינדער און דערוואַקסענע. „גייסטיק" האָט באַטייט דער עיקר אינטעלעקטועל; „דע־פעקטיוו" אויף וויפל די אינטעליגענץ איז אַ נידעריקע, ניט קיין אַנטוויי־קלטע; אין דער דערציאונג וועט מוזן אויפקומען די פאַרשטענדעניש פאַר אַ נייעם טיפּ „נאַציאָנאַל־דעפעקטיווע" אָדער „קולטור־דעפעקטיווע" קינדער און יוגנטלעכע; זייער שלאַפקייט שטאַמט ניט פון אַן אינטעלעק־טועלן, נאָר גאָר פון אַן אַנדער מקור; דאָס זיינען דעפעקטן פון עמאָציע, פון פערזענלעכקייט און כאַראַקטער. און פּונקט ווי איינער פון די סימנים פון יעדער דעפעקטיווקייט איז אַ מאַנגל אין איניציאַטיוו, שעפערישקייט און אחריות, אַזוי איז אויך דער טיפּ קולטור־דעפעקטיווער מענטש אַ יחיד אָן גרייטקייט צו נעמען אויף זיך אחריות, נאַציאָנאַלע אחריות... דאָס איז אפנים דער גורל פון לעבן. אין רואיקע צייטן ווייסן מיר ניט אונדזער שטאַרקייט און מיר ווייסן ניט אונדזער שוואַכקייט; נאָר אין צייטן פון קאַטאַסטראָפע, אין טעג פון אויפטרייסלענדיקע געשעענישן דערפילן מיר אונדזער מאַכט און אויך אונדזער אוממאַכט.

די אויסהיילונג פון דער נאַציאָנאַלער דעפעקטיווקייט קען ניט קומען

מיטאַמאָל. אומזיסט ווייזט מען אָן ווי דער נאַציאָנאַלער בראָך אונדזערער, דער אומקום פון די זעקס מיליאָן ברידער און ווי אַזוי דער אויפקום פון ישראל האָבן פּלוצלונג שטאַרק „נאַציאָנאַליזירט״ גרויסע שיכטן פון אונדזער פאָלק וואָס זיינען פריער געווען פאַרפרעמדט. ווי אַ ראיה ברענגט מען די גרויסע סומעס געלט, וואָס קומען אויף צדקה און אויף ישראל־צוועקן פון די מיטעלע און סאָציאַל העכערע שיכטן.

מיר דוכט, אַז מען וואָלט געדאַרפט אונטערשיידן צווי זאַכן: „געבן יידיש״ און „לעבן יידיש״. געבן פאַר יידיש־נאַציאָנאַלע צוועקן קען מען אויך צוליב געפילן פון חרטה און שולד, וואָס זיינען אָבער ניט מתחייב אַ יידיש לעבן און טיפע יידישע פאַראינטערעסירונגען! לעבן יידיש קען מען נאָר ווען מען איז אויסגעשטימט מיט זיך, ווען דער יידישער נוסח איז אַ קוואַל פון הנאה, פון אַן אינעווייניקסטן לעבנס־שטייגער, ווען דער מענטש נעמט אויף זיך דעם עול פונקט ווי די פרייד פון לעבן... דערציאונג אָן דעם באַגריף פון עול הויבט אָן ווערן זייער פאַרשפּרייט אין אַ סך יידישע קרייזן. דאָס איז אַ יידישע דערציאונג צו דיסאינטעגראַציע. עס שטייט אַ גרויס פּראָבלעם וועגן הילף פאַר אונדזער יוגנט, הילף אין איר קאַמף צו באַזיגן אייגענע שפּלות און געפאַלנקייט, מעג זיך די דאָזיקע שפּלות באַהאַלטן אונטער וועלכער איר ווילט גאווה!

עס רעדט זיך דער עיקר וועגן העלפן זיך אַליין, ניט אַרונטערצופאַלן אונטער דער קליפה, ניט פאַרסמט ווערן פונעם גיפט פון אַליין־האַס, ניט צעפרעסן ווערן פון דער שנאה.

און דאָ קאָן ניט זיין קיין רייד פון אָפענע אינטעלעקטועלע פּראָצעסן, נאָר פון פאַרבאַהאַלטענע פּסיכישע ווירקונגען, וואָס דער סך־הכל איז נאָך שווערער — שטילע פאַראַכטונג, ביטול, באַהאַלטענע שרעק פאַר אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט יידן, יידישן אָפּשטאַם, יידיש לעבן און קאַלטקייט צו די ליידן פון אייגענעם פאָלק.

די פּסיכאָאַנאַליטישע פאָרשונג ווייס שוין פון גענוג פּאַטאָלאָגישע פאַלן פון יידן־שנאה ביי יידן, וואָס האָט זיך ביי די קראַנקע אויסגעדריקט אין ממש אַ שרעק, אַ ציטערן און אַ רציחה, ווען דער ליידנדיקער האָט דערזען אַ יידן פון „אַלטן שניט״ ביי וועמען די יידישקייט איז אַ בולטערע ווי ביים אַמעריקאַניזירטן שטאַם־ברודער.

אָבער קאָן ניט אַמאָל אַ גאַנצער דור אָדער געוויסע סאָציאַלע שיכטן

פון אַ דור אָפט מאָל אָנגעשטעקט ווערן מיט אַ מאָראַלישער קרענק, וואָס זאָל פירן צו זיין אונטערגאַנג ? מוז נאָר דער יחיד ליידן פון פּאַטאָלאָגישע דערשיינונגען אין זיין פּסיכיק ? איז דען אַזאַ סכנה פאַרן כלל ניט פאַראַן ?

קינדער־איינדרוקן זיינען זייער וויכטיק. אַזוי וויסן מיר היינט, אַז דאָס שפּעט אויסגעפינען וועגן דעם אייגענעם אָפּשטאַם איז אויך איינע פון די סכנות. ניט ווען דערציילן די קינדער וועגן זייער יידישקייט און אונטערשטרייכן בלויז זייער גלייכקייט צו די אַנדערע ניט־יידישע חברים באַשאַפט אַלערליי מעגלעכע קאָמפּליקאַציעס ; אַ ניט־פולע יידישע דערציאונג איז אויך אַ קנאַפּע סגולה. דער פריער דערמאָנטער ערנסט טאָלער, דער גרויסער קינסטלער, האָט אין פיין פון לעבן, דורך ביטערע דערפאַרונגען און אַנטוישונגען, און אויך דורך דעם פייער פון זיין שאַפונג דערהויבן זיך צו פאַרשטיין זיינע סתירות, געפינען דעם וועג צו זיך. טאָלער האָט ביטער באַשולדיקט די וועלט פאַר דעם ליגן, צו וועלכן זי האָט געטריבן קינדער פון אַן אַלט און גרויס פאָלק.

צום סוף פון זיין אויטאָביאָגראַפיע „אַ יוגנט אין דייטשלאַנד״ שרייבט טאָלער : „איך טראַכט פון מיין קינדהייט, פון די ליידן, ווען אַנדערע קינדער האָבן מיך גערופן ,שמוציקער ייד׳. פון דער שרעק־לעכער פרייד, ווען איך האָב אויסגעפונען, אַז מען דערקענט ניט, אַז איך בין אַ ייד״. דערביי גיט ער צו : „פון דעם ערשטן מלחמה־טאָג אין 1914 איז מיין ליידנשאַפטלעכער באַגער געווען צו באַווייזן, אַז איך בין אַן אמתער דייטש און בין גרייט מקריב צו זיין מיין לעבן פאַרן פאָטער־לאַנד.

„איך טראַכט פון מיין בריוו, וואָס איך האָב געשריבן פון פראָנט, אַז מען זאָל אַרונטערנעמען מיין נאָמען פון דער רשימה מיטגלידער פון דער יידישער געמיינדע. איז דאָס אַלצדינג געווען אומזיסט ? איז דאָס אַלץ גאָרניט ? האָב איך ניט ליב דייטשלאַנד מיטן גאַנצן האַרצן ? איז ניט די דייטשישע שפּראַך מיין שפּראַך, די שפּראַך, אין וועלכער איך האָב געפילט און געטראַכט, איז זי ניט אַ טייל פון מיין אייגענעם איך ?

„איך בין אָבער אויך געווען אַ ייד ! איינער פונעם פאָלק, וואָס מען האָט הונדערטער יאָרן געטריבן, פאַרפאָלגט און געטייט וואָס זיינע

נביאים האָבן גערופן די וועלט צו גערעכטיקייט, האָבן דערהויבן אָרעמע און דערדריקטע... אַ פאָלק, וואָס האָט קיינמאָל ניט געבויגן דעם קאָפּ פאַר די פאַרפאָלגער, וואָס האָט בעסער אויסגעקליבן טויט ווי דערנידע־רונג. און איך האָב זיך זיך אָפּגעזאָגט פון מיין מוטער, און איך האָב זיי פאַרשעמט... עס איז אַ באַשולדיקונג אויף אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט געטריבן אַ קינד צו פאַרלייקענען זיך אַליין!״

דאָס האָט שוין דער רעוואָלוציאָנערער דיכטער און דראַמאַטורג טאָלער געשריבן נאָך דעם ווי דער האַקנקרייץ איז געהאַנגען אין בערלין און דער דיכטער האָט אַ פרעמדער געלעבט אין אויסלאַנד. עס איז צו שפּעט געווען. הינטער דעם ווידוי איז געלעגן אַ לעבן פון נשמה־ליידן, וואָס זיין אויסלייזער איז נאָר געווען דער טויט.

יאָ, עס איז אָפּט מאָל די טראַגיק פון לעבן, וואָס דער געפייניקטער נעמט אָן די טענות פון די פייניקער. אַזוי ביי אַ יחיד, אַזוי ביי אַ גאַנצן קיבוץ.

*

איצט, 170 יאָר נאָך דעם ווי יידן האָבן באַקומען גלייכבארעכטי־קונג, ווייסן מיר אַלע זיגזאַגן פון יענעם דרייסטן עקספּערימענט. מיר זעען די גרויסע אויפטוען, אָבער אויך דעם גרויסן חורבן אין אונדזער פאָלקס־לעבן, וואָס די אַסימילאַציע האָט איבערגעלאָזט אין אַלע לענדער, וואו זי האָט געקראָגן די אייבערהאַנט; מיר זעען דעם גרויסן חלק, וואָס די אַסימילאַציע האָט געהאַט אין פאַרשטאַרקן דעם אַנטיסעמיטיזם און אין אָפּשוואַכן די פעאיקייט פון נאַציאָנאַלן ווידערשטאַנד אין אַן עת־צרה.

נאָר אין מזרח־אייראָפּע און נאָר ביי דינע שיכטן פון מערב־אייראָ־פּעאישן און אַמעריקאַנער יידנטום האָט זיך דער נאַציאָנאַלער געדאַנק פאַרקירעוועט אין דער ריכטונג פון פאָדערן ביידע פרייהייטן פאַר יידן — בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע פרייהייט, פאָדערן גלייכ־באַרעכטיקונג, וואָס זאָל אָבער ניט גיין להיפּוך דעם נאַציאָנאַלן קיום; און דאָ איז אפשר פון אַ ברייטערן היסטאָרישן שטאַנדפּונקט ניטאָ אַזאַ גרויסע סתירה, צי איין באַוועגונג האָט געזען די מעגלעכקייט פאַרן יידישן קיום נאָר ווי אַ פאָלק אין זיין היסטאָרישן לאַנד, צי אַן אַנדער באַוועגונג האָט געזען דעם יידישן נאַציאָנאַלן קיום אין אַלע לענדער פון

דער דיאַספּאָרע; זיי זיינען ביידע געווען שאַפֿנדיקע כוחות. זיי האָבן ביידע געוואָלט המשך פֿון נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו. זיי זיינען ביידע געווען דער קוואַל פֿון אויפֿטואונגען אין ייִדישן לעבן. דאָס איז אָבער אַלץ געווען אין תוך דער מזרח־אייראָפּעאישער דרך. די ייִדן אין מערב־אייראָפּע, במשך פֿון דעם 18טן און 19טן יאָרהונדערט, און פֿיל, גאָר פֿיל, ביזן סאַמע קומען פֿון דער נאַצי־מאַכט, האָבן דאָס ניט געזען. דער „געזעלשאַפֿט־לעכער קלימאַט" איז געווען ניט אַ באַגער צו אַ נאַציאָנאַלן אויפֿלעב, נאָר פֿאַרקערט, אַ קער צו אַ פֿולער פֿאַרשמעלצונג מיט דער הערשנדי־קער נאַציע, צווישן וועלכער מען האָט געלעבט.

דער מערב־אייראָפּעאישער ייִד האָט געגלייבט אין דעם כוח פֿון דער נייער אייראָפּע; ער האָט געגלייבט אין די הבטחות, וואָס דער אַכצנטער יאָרהונדערט האָט דורך דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע און דורך דעם אייראָפּעאישן ליבעראַליזם אַרויסגעבראַכט, און אַלע וויי־טער־דיקע רעוואָלוציעס האָבן דעם גלויבן נאָך מער פֿאַרשטאַרקט.

דאָס ערשטע מאָל האָבן זיך נייע שטימונגען געלאָזט הערן אין דער אומאָפּהענגיקייט־דעקלאַראַציע פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן. עס איז אין תוך פֿאַרקלאַמירט געוואָרן אַ נייער יסוד פֿון אַ מענטשלעכן לעבנס־סדר און פֿאַר דער מלוכה זיינען אָנגעצייכנט געוואָרן נייע גרענעצן און צילן, אַ מלוכה, וואָס האָט פֿאַר איר חוב צו זיכערן פֿאַר אַלע אירע בירגער דאָס רעכט „צו לעבן, צו פֿרייהייט און דעם באַגער נאָך גליק". דער „באַגער נאָך גליק" איז אַ ריין אַמעריקאַנער דערפֿינדונג; ביי די ענגלישע דענקער האָט עס געהייסן „פֿרייהייט, לעבן און אייגנטום".

דער דאָקומענט פֿון יאָר 1776 מיט זיינע העדאָניסטישע איבער־טענער קלינגט ממש אומגלייבלעך, ווי אַן אָפֿיציעלער אַקט פֿון אַ מלוכה. דער דזשעפֿערסאָנישער דאָקומענט איז געווען אַ דעקלאַראַציע פֿון אומ־אָפּהענגיקייט ניט נאָר פֿון די 13 קאָלאָניעס אויף אַ נייעם קאָנטינענט, נאָר די דעקלאַראַציע פֿון אַ נייעם מענטשן, דעם מענטשן פֿון 18טן יאָר־הונדערט.

דער „נייער מענטש" האָט פֿון זיך אויך געלאָזט הערן אין דעם שטאַנד־פּונקט פֿון ייִדנרעכט. זיינע רייד זיינען געווען אָפֿענע און ערלעכע. אָבער אויך ערלעכקייט קען זיין בלינד! קלערמאָן טאָנער, דער גרויסער ייִדן־פֿריינד און קעמפֿער פֿאַר ייִדישע רעכט בעת דער פֿראַנצויזישער רעוואָ־

לוציע האָט איין מאָל אַזוי אויסגערופן: „יידן ווי מענטשן קומט אַלץ, יידן ווי אַ פאָלק קומט גאָרניט!" אָפּטיילן מענטשן־רעכט פון נאַציאָנאַליטעט איז געווען דער פאַלשער נוסח פון 18טן און 19טן י"ה. פאַרבינדן נאַציאָנאַ־ליטעט צוזאַמען מיט מענטשן־רעכט איז דער אמתער נוסח פון 20סטן י"ה סיי אין אייראָפּע, סיי אין אַמעריקע.

די „פאָרבאָטע", דער אָרגאַן פון ערשטן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל, האָט שוין אין דער צווייטער העלפט פון 19טן י"ה געוויזן פאַרשטענדעניש פאַר דעם קאַמף פון נאַציאָנאַלע גרופּעס און מינדערהייטן. ד"ר חיים זשיטלאָווסקי האָט אין זיינע טעאָרעטישע שריפטן וועגן סאָציאַליזם און דער נאַציאָנאַלער פראַגע געהאַט אַ היפּשע טראַדיציע אויף וועלכער ער האָט זיך געקענט שטיצן, אָבער דער אַלגעמיינער געזעלשאַפטלעכער קלי־מאַט איז געווען אַזאַ, אַז ליבע צום כלל מענטשן האָט געפאָדערט שיר ניט קולטורעלע בגידה צום אייגענעם פאָלק!

*

עס איז דער גרויסער אויפטו פון דער פּרץ־טראַדיציע אין דער יידי־שער ליטעראַטור און שול, וואָס זי האָט אויסנוצנדיק אויך אַלע אַנדערע געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע און אינטעלעקטועלע השפעות, געהאָלפן צו צונויפשמעלצן וועלט און נאַציע.

די פּרץ־טראַדיציע איז דורך דעם געוואָרן דער שטאַרקסטער כוח צו צעמענטירן די נייע סאָציאַלע אויפפרודערונג און די אַלטע עטישע עיקרים אין לעבן פון פאָלק. זי האָט געקענט ווייזן און ניט נאָר אינטע־לעקטועל, נאָר אין בילד און דורך דראַמאַטישע געשטאַלטן גאַנצע יידן און גאַנצע מענטשן. די פּרץ־טראַדיציע איז געוואָרן אַ כוח צונויפצושמעלצן דאָס מאָדערנע שעפערישע לעבן פון פאָלק און זיין היסטאָרישע פאַר־גאַנגענהייט. זי איז געווען דער שטאַרקסטער כוח, וואָס האָט געפורעמט די מאָדערנע יידישע שול.

די טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפֿערענץ ווי אַ קולטור־אידעע

1

די טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפֿערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין 1908, איז געווען אַ גרויסע געשעעניש אין יידישן לעבן. אויך איצט — מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער — פֿילן מיר דעם באַזונדערן ווערט פֿון יענער ערשטער אסיפֿה, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט י. ל. פּרץ, אברהם רייזען, ה. ד. נאָמבערג, שלום אַש, ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, ד״ר נתן בירנבוים און אַ סך אַנדערע וויכטיקע פּערזענלעכקייטן אין יידישן לעבן פֿון יענער צייט.

היסטאָריש דאַרף מען באַטראַכטן טשערנאָוויץ ווי איינע אין אַ גאַנצער קייט געשעענישן וואָס צייכענען אָפּ דעם סוף פֿון 19טן יאָרהונדערט און זאָגן אָן דעם אָנהייב פֿון אַ נייער תקופֿה אין יידישן לעבן.

אין יאָר 1897 איז זיך אין באַזעל צונויפֿגעקומען דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס, ביי וועלכן דער פּאָליטישער ציוניזם האָט זיך אָרגאַניזירט ווי אַ וועלט־באַוועגונג. „אויב איר ווילט, איז דאָס ניט קיין חלום“, האָט ד״ר הערצל געזאָגט. אַ האַלבער יאָרהונדערט האָט פֿון דעם חלום באַשאַפֿן אַ ווירקלעכקייט. אין ווילנע איז מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער געגרינדעט געוואָרן דער יידישער אַרבעטער־בונד פֿון רוסלאַנד, ליטע און פּוילן. די אַרבעטער־ און סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז דורך דעם געוואָרן אַ פֿאַראייניקטער און קעמפֿנדיקער כוח ניט נאָר פֿאַר פּאָליטישע רעכט, נאָר אויך פֿאַר דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. די טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפֿערענץ איז געווען דער דריטער אַקט פֿון יידישער אויטאָ־עמאַנסיפּאַציע. פֿון אַ שפּראַך־קאָנפֿערענץ איז זי פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קולטור־קאָנפֿערענץ, אַ דעמאָנסטראַציע, אין אַן אַקט פֿון היסטאָרישער קאָנסאָלידירונג פֿון אַ נייעם געזעלשאַפֿטלעכן און קולטור־כוח אין יידישן לעבן.

באַזעל, ווילנע, טשערנאָוויץ, — די געשעענישן, וואָס זײַנען פֿאַרבונדן

מיט די נעמען פון די דריי שטעט, שפּילן זיך אַלע אָפּ אַן ערך אין איין יאָרצענדלינג (1897—1908); זיי זיינען אויסגעבונדן איינע מיט די אַנדערע.

וואָס איז דאָס נייע און אַנטשיידנדיקע, וואָס צייכנט אויס די נייע תקופה ביים אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט? עס איז דער פאַקט, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר אַ קער און אַ ווענדונג אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע, אַ ווענדונג פון דענאַציאָנאַליזאַציע אין דער ריכטונג פונעם קאַמף פאַר נאַציאָנאַלן קיום און קולטור־ המשך. אָנהייבנדיק אין 19טן יאָרהונדערט זייער קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטיקונג, שטעלן די מזרח־אייראָ־פּעאישע יידן אָפּ דעם פּראָצעס פון דענאַציאָנאַליזאַציע, וואָס די מערב־אייראָפּעאישע יידן האָבן אָנגעהויבן אין 18טן יאָרהונדערט.

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע פון 1789 און שפּעטער דער סנהדרין, וואָס נאַפּאָלעאָן דער ערשטער האָט צונויפגערופן אין 1807, האָבן אָנגעזאָגט די בשורה פון יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. עס האָט אָבער געמוזט קומען צוזאַמען מיטן אָפּזאָגן זיך פון אַ יידישן קאָלעקטיוון לעבן און פון די רעכט פון אַ נאַציאָנאַלן יידישן קיום.

אין רוסלאַנד און אין פּוילן האָט דאָס יידישע פאָלק אָנגעהויבן זיין קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטיקונג אונטער אַ גאַנץ אַנדערן לאָזונג: מענטשן־רעכט אויפן יסוד פון היסטאָרישן המשך פון דער יידישער נאַציע!

באַזעל, ווילנע און טשערנאָוויץ זיינען אַרויס אין מלחמה קעגן די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן פון 18טן יאָרהונדערט און ווידער באַנייט דעם קאַמף פאַר דעם היסטאָרישן המשך פון אונדזער נאַציע.

2

גאָר אַ באַזונדערן רעוואָלוציאָנערן אַקט אין דער נייער דראַמע פון יידישן לעבן ביים אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך טשערנאָוויץ. ה. ד. נאָמבערג האָט אַזוי אָפּגעשאַצט די געשעע־ניש: „אין דעם תוהו ובוהו פון אונדזער לעבן איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אַ פעסטער שטיין. אויף דעם שטיין וועט אויפגעבויט ווערן דער בנין פון אַ שענערן און אַ ווירדיקערן נאַציאָנאַלן לעבן". מ. ספּעקטאָר האָט אין זיין באַגריסונג־אַרטיקל לכבוד דער קאָנפערענץ אין וואַרשעווער „אונזער לעבן" (30סטער אויגוסט 1908) אַזוי פאָרויסגעזאָגט: „די קאָנפערענץ

אין טשערנאָוויץ איז דער ערשטער זאַמען, פון וועלכן עס וועט אַרויס־שפּראָצן ברייט, גרויס, שיין און רייך די קולטור אויף דער יידישער שפּראַך. אַזוי גלייבן די וועלכע שרייבן פאַר זייער פאָלק:

„די יידישע שפּראַך — האָט מ. ספּעקטאָר דערציילט — ווערט געיאָגט און געפּלאָגט ווי דער ייד אַליין, סיי פון פרעמדע און סיי פון אייגענע... די יידישע שרייבערס האָבן „אויסגעליטן" דאָס יידישע לשון און איבער דעם וואָס מען לײדט, דאָס ווערט ליב און איינגעבאַקן... פיל, זייער פיל האָבן יידישע שריפטשטעלערס איבערגעליטן פאַר זייער הייסער ליבע צו דער שפּראַך, וואָס דאָס יידישע פאָלק רעדט".

טשערנאָוויץ איז געווען דער אויסדרוק פון דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע אין יידישן לעבן אויפן געביט פון קולטור און גייסטיקע ווערטן. שפּראַך איז נאָר געווען דער אויסדרוק פון אַ נייער אויפגעוואַכטער שעפערישקייט אין יידישן פאָלקס־לעבן. די גוואַלדיקע אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור במשך פון אַ פערטל יאָרהונדערט איז געווען אַ דערשיינונג, וואָס האָט ניט געהאַט קיין גלייכן אין דער ליטעראַטור־געשיכטע פון אונדזער פאָלק. אַז אין אַזאַ קורצער צייט זאָלן נעמען ווירקן שריפטשטעלערס פון אַ פאַרנעם ווי מענדעלע, י. ל. פּרץ, שלום־עליכם, ה. ד. נאָמבערג האָט באַוויזן, אַז דאָ האָט ניט געקאָנט זיין די רייד פון אַ נאָרמאַלער היסטאָרישער עוואָלוציע, נאָר אַז דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַ תקופה, ווען נייע און אין גאַנצן אומגעריכטע כוחות האָבן גענומען ווירקן אין לעבן פון אַ פאָלק. נאָר אויף דעם אופן קאָן מען פאַרשטיין דעם שפּרונג פון שלמה עטינגערן ביז שלום־עליכם. פון אליקום צונזערן ביז אברהם רייזען און פון גאָלדפאַדענס „כשופמאַכערין" ביז פּרצעס „גאָלדענע קייט".

נישט עוואָלוציע, נאָר אַ גייסטיקע איבערקערעניש און דערהייבונג קאָן דערקלערן דעם הויכן פלי און דעם שטורעמדיקן אָנזאָג פון דעם נייעם דור שריפטשטעלערס און בויערס פון דער יידישער ליטעראַטור.

די פאָליטישע פּאַרטייען, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן ערשט מיט אַ צענדלינג יאָר פריער פאַר דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, האָבן שוין פאַרמאָגט די טראַדיציע פון קולטור־טרעגעריי. עס איז געווען אַ המשך פון דער השכלה און פון דעם אַלגעמיינעם גלויבן אין אויפקלערונג און בילדונג. דער מענטשלעכער שכל איז באַטראַכט געוואָרן ווי דער גרויסער

קעמפּער, וואָס טרעט אַרויס קעגן דער מענטשלעכער אונטערדריקונג און שקלאַפעריי. פּאָליטישער קאַמף איז דעריבער געווען פאַרבונדן מיט פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן פאָלק, מיט אויפקלערונג. ניט אומזיסט האָבן דעריבער אָפט די זעלביקע פּיאָנערן, וועלכע האָבן געפירט די אַרבעטער־באַוועגונג, אויך אָרגאַניזירט די „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן", פליסיק פאַר־שפּרייט פּרצעס יום־טוב־בלעטלעך, געגרינדעט די ערשטע יידישע ביב־ליאָטעקן א. ד. גל. אויך די יידישע אַרבעטער־פּרעסע, ווען זי איז אויפ־געקומען, האָט געפירט אַ צווייענדיקן קאַמף — אַ פּאָליטישן און אַ קולטור־קאַמף. ביידע זיינען געגאַנגען האַנט אין האַנט.

י. ל. פּרץ האָט די כוחות וואָס האָבן געפירט צו טשערנאָוויץ קלאָר אַנאַליזירט אין זיין פייערלעכער דערעפענונגס־רעדע אויף דער קאָנפע־רענץ. פּרץ האָט אָנגעוויזן אויף פיר מאָמענטן אין דער אַנטוויקלונג:

א) די דערוואַכונג פונעם פּשוטן פאָלקס־מענטש, וואָס האָט געפונען זיין אויסדרוק אין חסידות. „דעם גרויסן גבירס צדקה מאַכט אים ניט זאַט, זאָגט פּרץ, דעם גרויסן גבירס תורה גיט אים ניט קיין גליק. דער „המון" הייבט אַליין אָן צו בענקען, צו פילן, וויל פירן זיין אייגן אָרעם לעבן פאַר זיך. און עס וואַקסט אויס דער חסידיזם, די תורה פאַר אַלע. דער ערשטער פאָלקס־דיכטער איז רב נחמן פון בראַצלאַוו מיט זיינע זיבן בעטלערס".

ב) די עמאַנסיפּאַציע פון דער יידישער פרוי. זי פאַרלאַנגט אויך עפּעס פאַר זיך אין לעבן, זאָגט פּרץ, די יידישע פרוי פאָדערט איר רעכט אויף גליק און פרייד; פון עברי־טייטש ווערט מאַמע־לשון.

ג) די דערוואַכונג פון דעם יידישן אַרבעטער; זיין פּאָליטישער קאַמף איז פון די סאַמע אַנטשיידנדיקסטע פאַקטאָרן אין דער אַנטוויקלונג פון יידיש. דער יידישער פּראָלעטאַריאַט שאַפט זיך, זאָגט פּרץ, זיין איי־גענעם אינסטרומענט אינעם קאַמף פאַר זיין לעבן. דער אַרבעטער קאָן זיך ניט באַנוגענען מיט די טראַדיציאָנעלע ווערק און שאַפונגען. עס באַווייזט זיך דאָס יידישע בוך אין דער יידישער שפּראַך.

דאָך מיינט פּרץ, אַז די אַלע פאַקטאָרן וואָלטן נאָך ניט געווען גענוג:

„אויב מיר זיינען זיך צוזאַמענגעקומען פון אַלערליי לענדער און שטאָטן צו פּראָקלאַמירן אונדזער יידיש ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטע שפּראַך צווישן אַלע שפּראַכן, האָבן מיר עס צו פאַרדאַנקען אַ פערטן סאָציאַל־פּאָליטישן וועלט־מאָמענט".

וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ סאָציאַל־פּאָליטישער מאָמענט?

קאָנקרעט האָט עס זיך געהאַנדלט וועגן אַ ספּעציפישן פּאָליטישן מאָמענט, וואָס איז דעמאָלט געוואָרן אַקטועל פאַר דעם גאַליצישן יידישן ישוב. אין זייער קאַמף פאַר בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג אין דער עסטרייך־אונגאַרישער מלוכה האָבן זיך יידן געניייטיקט, כדי צו באַקומען אַנערקענונג ווי אַ מינדערהייט־נאַציאָנאַליטעט, אַז די גערעדטע שפּראַך פון פאָלק זאָל באַקומען די חשיבות פון אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך. אין דער אַנטוויקלונג פון רעכטלעכע קאָנצעפּציעס איז אין מערב־אייראָפּע דער מאָמענט פון שפּראַך סוף כל סוף אויסגעקליבן געוואָרן ווי דער אָביעק־טיווסטער סימן פון נאַציאָנאַלער צוגעהעריקייט.

די שאַרפסטע און די ביטערסטע ווערטער ווענדט פּרץ אָן אויפן חשבון פון באַדריקנדיקן שטאַט און זיין פּאָליטיק פון אַסימילירן און אומברענגען די קולטורן און שפּראַכן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, פון פאַרניכטן זייער אייגנאַרט און אינדיווידואַליטעט. ער דערמאָנט דעם אויפגעוואַכטן קאַמף פון פעלקער פאַר זייער נאַציאָנאַלער קולטור און פרייהייט. פּרץ פאַרענדיקט פייערלעך:

„אויך (מיר יידן) ווילן זיך שוין ניט צעברעקלען און אָפּפערן יעדן מלך־שטאַט זיין בראָקן. איין פאָלק — יידן; איין שפּראַך — יידיש. און אין דער שפּראַך ווילן מיר אונדזער אוצר זאַמלען, אונדזער קולטור באַשאַפן, אונדזער נשמה ווייטער וועקן און קולטורעל זיך פאַראייניקן צווישן אַלע לענדער און אַלע צייטן.

3

דאָס וואָס עס איז אין טשערנאָוויץ געזאָגט געוואָרן איז אויף אַ האַלבן יאָרהונדערט געוואָרן דער שפּיכלער און דער אַרסענאַל פאַר דעם רוב קולטור־אידעען, וואָס האָבן במשך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט אויפגעהויבן דעם קאַמף פאַר יידיש צו דער מדרגה פון אַ קאַמף פאַרן קיום און פאַר דער דערהייבונג פון דער יידישער נאַציע. עס איז שווער קלאָר צו באַשטימען ביים היינטיקן טאָג וועלכע גרונט־אידעען זאָלן צוגעשריבן ווערן וועמען.

די אידעע, למשל, אַז די יידישע שפּראַך איז אַ כוח, וואָס פאַרבינדט

אַלע יידן איבער דער וועלט, האָט צום קלאָרסטן און שאַרפסטן אַרויסגע־זאָגט ד"ר חיים זשיטלאָווסקי.

„אַ פאָלק, וואָס געפינט זיך אין אַזאַ לאַגע ווי דאָס יידישע פאָלק, האָט געזאָגט ד"ר זשיטלאָווסקי, נייטיקט זיך אין אַ באַזונדערער באַהעפ־טונגס־קראַפט, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע אירע מיטגלידער און מאַכן פון זיי איין איינציק גאַנצעס. פריער האָט די ראָלע פון דער באַהעפטונגס־קראַפט געשפּילט די יידישע רעליגיע מיט די יידישע מנהגים... עס איז ניטאָ קיין אַנדער קראַפט אויף דער וועלט, וואָס זאָל קאָנען אַזוי גוט איבערנעמען דער רעליגיעס אויפגאַבע, ווי דאָס יידישע לשון".

ד"ר זשיטלאָווסקי האָט דורך דעם ניט געזוכט אָפּצושוואַכן די רעליגיעזע פעדעם אין יידישן לעבן. ער האָט בעיקר קאָנסטאַטירט אַ פאַקט. ווי אַ יחיד האָט זשיטלאָווסקי געגלייבט, אַז די אמונה איז אַן אייביקער צווייג אויפן בוים פון דער מענטשלעכער קולטור. די אידעע פון יידיש ווי אַ כוח פון יידישער איינִיקייט האָט די גאַנצע צייט גענוצט אויך י. ל. פּרץ. ד"ר זשיטלאָווסקי האָט אָבער די אידעע באַאַרבעט מער סיסטעמאַ־טיש און זי אַנטוויקלט במשך פון יאָרן.

די צווייטע אידעע פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, וואָס ער האָט געטיילט מיט זיין גאַנצן רעוואָלוציאָנערן דור, איז געווען, אַז יידיש דעמאָ־קראַטיזירט דאָס יידישע לעבן, אַז עס גיט אַלע שיכטן אַ צוטריט צו קולטור און בילדונג. דאָס איז געווען אַן אמתער געדאַנק, וואָס איז פאַר־גוזמאט געוואָרן דורכן צולייג, אַז דער ייד דאַרף זיך אין גאַנצן קאָנען אויסלעבן און באַקומען זיין בילדונג אויף זיין אייגענער שפּראַך.

אַ מערקווירדיקער זשיטלאָווסקישער געדאַנקענגאַנג אַנטפּלעקט זיך אין זיין ווייטערדיקן שטאָלצן רעיון:

„איך פּערזענלעך, מיין, אַז וואָס עס זאָל ניט זיין די צוקונפט פון יידישן פאָלק אין די ווייטערע דורות, וואָס ליגן פאַר אונדז — (דאָ קומט ער, ווייזט אויס, אַנטקעגן די קאָסמאָפּאָליטן — ה. ב.). ביי דער איצטי־קער לאַגע פון יידישן פאָלק, איז פּשוט אַן ערן־חוב פון יעדן יידן סיי דעם נאַציאָנאַליסט, סיי דעם אַסימילאַטאָר, סיי דעם פרומען, סיי דעם אויפגע־קלערטן, ניט צו פאַרלאָזן דאָס פאָלק עפנטלעך, נאָר צו דעמאָנסטרירן זיין צוגעהעריקייט צו דער פאַרפאָלגטער אומה. אויב פריער, אין דער אַסימי־לאַציע־עפּאָכע, איז געווען אַן ערן־זאַך פאַר דער אינטעליגענץ צו דעמאָנ־

סטרירן אין יעדן מאָמענט פון איר לעבן איר צוגעהעריקייט צו דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע, איז אין אונדזער צייט אויסגעוואַקסן פאַר איר אַ נייער מאָראַלישער באַפעל: ווייז אַרויס מיט יעדן אָטעם, וואָס דו אָטעמסט, מיט יעדן פולס־שלאַג פון דיין האַרץ דיין באַלאַנגען צו דעם יידישן פאָלק, דיין סאָלידאַריטעט מיט זיין היסטאָרישן גורל! און דאָס איז מעגלעך פאַר אַלע יידן, פאַר אַלע פּאַרטייען, קלאַסן און ריכטונגען נאָר אויף איין אופן — אין דער פאָרעם פון צוגעהעריקייט צו דער יידישער שפּראַך".

דער שאַלצער אַפּעל פון ד"ר זשיטלאָווסקין צום ערן־געפּיל פון דער יידישער יוגנט און פון דער יידישער אינטעליגענץ איז געווען אַ רוף צום גייסטיקן זעלבשוץ. יידישע סטודענטן פון רוסלאַנד, ווערט דערציילט, האָבן דעם רוף אויפגענומען. ווען זיי האָבן שפּאַצירט אין זייערע סטודענטישע אוניפאָרמען, מיט די סטודענטישע ספּעציעלע אָפּצייכענונגען, האָבן זיי דווקא דעמאָנסטרירט זייער יידישע צוגעהעריקייט דורך רעדן יידיש הויך אויפן קול.

די שעפערישסטע אידעע האָט אַרויסגעבראַכט י. ל. פּרץ: „יידיש ווי אַ קולטור־אוצר וואָס זאָל פאַראייניקן יידן צווישן אַלע לענדער און אַלע צייטן, אַ כוח צו שטאַרקן די יידישע נשמה און אָפּהיטן אונדזער נאַציאָנאַלע אייגנאַרט".

פון גרויסן היסטאָרישן ווערט בלייבט דער אַקט פון קרוינען די אָרעמע און פאַרשעמטע פאָלקס־שפּראַך אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, פון דערהייבן זי צו דער מדרגה פון אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך פונעם יידישן פאָלק און פון פאָדערן פאַר איר פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע גלייכבאַרעכטיקונג. פאַר דעם האָבן מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק געשטימט ניט סתם „יידישיסטן" (דאָס וואָרט איז נאָך אַפילו ניט געהאַט באַשאַפן געוואָרן); עס האָבן געשטימט די באַדייטנדיקסטע שריפטשטעלער פון דער תקופה, די פאָרשטייערס פון די אַרבעטער־ריכטונגען: בונד, פּועלי־ציון, סיימיסטן, פאָרשטייערס פון ציוניסטישן לאַגער, פון פאָלקיסטישן, פּאָליטיש־אָריענטירטע פאָרשטייערס פון דער מער פאָלקסטימלעכער אָרטאָדאָקסיע — מענטשן מיט גערעכטיקייט, וועמען די דעמאָקראַטישע אידעען פון דער תקופה האָבן זיי געגעבן פליגל אַריבערצוהייבן זיך איבער די גייסטיקע באַגרענעצטקייטן פון שטאַנד, ריכטונג און דאָגמע.

„יידן זענ׳מיר אונדז, יידיש שמועסנדיקע גוטע יידן, ווייל אונדזער יידיש איז דורכגעטרענקט מיט אונדזער גייסט... אונדז זע׳ מיר און אונדז וויל׳ מיר דאָס פאַרבלייבן״, אַזוי האָט פּראָסט־פּשוט דערקלערט דער גייסטרייכער רעפערענט מתתיהו מיזעס.

וואָס קאָן נאָך זיין איינפאַכער, פשוטער און פאַרשטענדיקער פאַר די, וואָס זיינען געבענטשט מיט זעעוודיקייט און געשטראָפט מיט ליבע צו זייער פאָלק.

4

טשערנאָוויץ, ווי אַ קולטור־אידעע, האָט ניט נאָר פאַראייניקט אַרום זיך גרויסע שעפערישע כוחות אין יידישן לעבן. די טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ האָט אויך פאַראייניקט אַלע קעגנערס פון יידיש און האָט שיער ניט געשאַפן דעם „געשפּענסט״ פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וואָס האָט אַרויסגערופן ביטערקייט, שנאה אין איינפלוסרייכע קרייזן פון דער יידישער געזעלשאַפט. עס איז געשאַפן געוואָרן דער סטערעאָטיפּ פון אַ פאַרויסמאַרשירנדיקן יידישיזם, וואָס וויל צעשטערן די אַלטע היסטאָרישע ווערטן פון אונדזער פאָלק, וואָס הייבט אָן כלומרשט אונדזער גאַנצע געשיכטע פון דעם „זיידן״.

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ גרויסע היסטאָרישע מיספאַר־שטענדעניש, אַ בייזע אויסטראַכטעניש, ניט מער! ס׳איז אמת, די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט, ווי ס׳איז דער שטייגער ביי קולטור־קאָנפערענצן, געליטן פון צופיל „דעמאָקראַטיע״ און האָט די לעצטע טעג פאַרמאָגט טראַגישע מאָמענטן. יידיש האָט געמעגט האָבן בעסערע דיפּלאָ־מאַטן און קולטור־פּאָליטיקער; דער גרויסער שריפטשטעלער, דער פון אַלעמען באַליבטער יצחק לייבוש פּרץ, האָט זיך די לעצטע טעג פון דער קאָנפערענץ געפונען אין אַ מין טראַגישער איזאָלירטקייט; פּרץ האָט געוואָלט צוזאַמען מיט דער קרוינונג פון יידיש אויך גרויסע מעשים: פאַרלאַגן, קינדער־שולן, פאָלקס־כאָרן, ביבליאָטעקן, אַ פאַראייניקטע וועלט־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אַריבערשפּרייזן די גרענעצן פון פּאָליטישער ריכטונג און פון פּאַרטיי. פּרץ האָט געוואָלט, אַז נאָך טשערנאָוויץ זאָל זיך אָנהייבן אַ גרויסע פאָלקס־באַוועגונג. דער סטיל פון דער צייט איז אָבער

געוועז אַזאַ, אַז קולטור־אַרבעט איז געוועז אַן אינטעגראַלער טייל פון פּאָליטישער טעטיקייט און אַפילו אַזאַ מייסטער פון סטיל ווי פּרץ האָט עס ניט געקאָנט בייטן.

עס איז אָבער געוועז אַן אויסטראַכטעניש, אַז אין טשערנאָוויץ איז יידיש דערקלערט געוואָרן ווי די איינציקע נאַציאָנאַלע שפּראַך; יידיש איז דערקלערט געוואָרן ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, דאָס הייסט, צוגלייך מיט העברעאיש, די שפּראַך פון אונדזער פאָלק, דער אויסדרוק פון זיין קולטורעלן שאַפן, די פאַרבינדונג צווישן דורות יידן. אַז פּרץ, נאָמבערג, אַש, פּרילוצקי און ד״ר נתן בירנבוים זאָלן זיך פאַראייניקן דורכצופירן אַן אַטענטאַט אויף דעם היסטאָרישן המשך פון אונדזער פאָלק און קרויגען אַ נייע היסטאָרישע עפּאָכע, וואָס הייבט זיך אָן מיטן „ווינטש־פינגערל" אָדער מיט דער „טאָקסע" איז נאָר אַן אַבסורד, עס איז איינער פון די אומגליקלעכע אַבסורדן, וואָס פאַרווירן דעם שכל הישר פון דורות און עפּאָכעס.

אין דעם אויפרוף צו דער קאָנפערענץ איז געשטאַנען געשריבן, אַז ס׳איז נייטיק אַן אויטאָריטעט „וועלכן אַלע זאָלן מוזן און וועלן זיך אונ־טערוואַרפן". די קאָנפערענץ האָט געזאָלט שאַפן אַן אויטאָריטעט פאַר גראַמאַטיק, אָרטאָגראַפיע, פאַר אַ יידישן ווערטער־בוך אד״גל. דאָס זיינען געוויינלעכע זאַכן, וואָס יעדע סביבה קען אַרויסגעבן. מיט דער צייט האָט אויך יידיש באַקומען גראַמאַטיקעס, ווערטער־ביכער און אַ מאָדערנעם אויסלייג. דער אויפטו פון טשערנאָוויץ איז געוועז פון גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער. טשערנאָוויץ האָט ווייט איבערגעשטיגן די דערוואַרטונגען פון די צונויפרופערס. די קאָנפערענץ האָט אויפגעריסן די ענגע גרענעצן, וואָס פּראַקטישע טוערס האָבן פאַר זיך אָנגעצייכנט. מען האָט געמוזט דורכפירן אַ היסטאָרישן אַקט, וואָס ביז טשערנאָוויץ האָט עס קיינער ניט געטאָן: געבן רעכטלעכע אָנערקענונג און חשיבות אונדזער פאָלקס־שפּראַך קודם־כל אין דער אייגענער סביבה.

אַ לשון, וואָס פאַרמאָגט געזעלשאַפטלעכע גילטיקייט, וואָס מען קוקט אויף אים מיט אַכטונג און ליבע, וואָס דאָס פאָלק באַטראַכט עס ווי זיין לשון, האָט ניט קיין שוועריקייטן, אַז לינגוויסטן זאָלן אויספאָרשן זיין ווערטער־אוצר און באַשאַפן אַ ווערטערבוך, אָדער שפּראַך־פאָרשערס זאָלן אַנאַליזירן זיין סטרוקטור און פעסטשטעלן זיך גראַמאַטיק.

נייק, דאָס זיינען אַלץ פּאַרשטענדלעכע און פּשוטע זאַכן, וואָס זיינען וויַיט ניט אַריבער די כּוחות פון יעדער קולטור־סביבה. כּדי אַ פאָלק זאָל אָבער אַכטן זיין לשון, מוז זיין אייגן לעבן ווערן חשוב אין זיינע אויגן, מוז עס דערפילן אין זיך מוט און וואַגונג. אַלצדינג, וואָס האָט ביים אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט געווירקט אין דער ריכטונג, האָט געהאָלפן געזונט צו מאַכן די קראַנקע יידישע נשמה, שטעלן אויף די פיס דעם „צעבראָכענעם שאַרבן".

וואָס הייסט באַשאַפן אַן אויטאָריטעט? אין דער פאָרעם פון אַן אָרגאַניזאַציע, פון אַן אינסטיטוציע האָט מען אין טשערנאָוויץ די אויטאָריטעט ניט געקענט באַשאַפן. עס איז געווען אָקאָרשט נאָך מעשה בראשית אין יידישן לעבן. די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען האָבן זיך ערשט געפורעמט און פעסטגעשטעלט זייערע פּראָגראַמען פון קאַמף פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, עקאָנאָמישן רעכט, פון פּראָדוקטיוויזירן די יידישע פּרנסות, פון בויען אַ היימלאַנד פאַר דעם יידישן פאָלק.

עס איז פאַרבליבן צופיל תוהו ובוהו, אַז קיין אויטאָריטעט זאָל ניט קענען באַשאַפן ווערן. מאָראַליש איז אָבער אַזאַ אויטאָריטעט אין טשערנאָוויץ דאָך באַשאַפן געוואָרן, און דאָס איז געווען אַן אויפטו. די אויטאָריטעט פון די באַשלוסן, איבערהויפּט פון דער פייערלעכער קרוינונג פון יידיש אַלס אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, האָט באַצוואונגען די הערצער פון אַלע די וואָס האָבן געבויט די יידישע קולטור־טעריטאָריע אַריבער לענדער און אָקעאַנען.

עס איז דער נאָרמאַלער צושטאַנד ביי יעדן פאָלק, אַז די קולטור איז דער צונויפבינדנדיקער און פאַראייניקנדיקער פאַקטאָר. די עקאָנאָמישע און די פּאָליטישע אינטערעסן צעטיילן אָפטמאָל און מוזן צעטיילן דאָס פאָלק. אָבער עס איז פאַראַן איין שטח, וואו די נאַציע פילט זיך פאַראייניקט: דאָס איז איר ליטעראַטור, קונסט, געשיכטע, די נאַציאָנאַלע שפּראַך, די נאַציאָנאַלע טראַדיציע.

אין טשערנאָוויץ איז געלייגט געוואָרן דער יסוד, אַז די דאָזיקע מאָדערנע קולטור־פאַקטאָרן אין אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט זאָלן באַקומען די געהעריקע אָנערקענונג און אַז אונדזערע מאָדערנע געזעלשאַפטלעכע ריכטונגען זאָלן פאַרשטייען ווי אָפּצושאַצן דעם נאַציאָנאַלן און געזעלשאַפטלעכן ווערט פון די קולטור־פאַקטאָרן.

בעל מחשבות

דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור איז באַשערט געווען צו האָבן גלייך ביי איר אָנהייב אַ גרויסן און עכטן קריטיקער — בעל מחשבות. מען קען פרעגן: צי וואָלטן זיך מענדעלע, פרץ, שלום עליכם אַליין ניט דורכגעשלאָגן דעם וועג אין יידישן לעבן? אויף דעם מוז מען ענטפערן, אַז אַוודאי וואָלטן זיי זיך דורכגעשלאָגן, ווי גרויסע שריפט־שטעלערס שלאָגן זיך אַלע מאָל דורך. אַ ליטעראַטור איז אָבער מער ווי אַ סכום ווערק און שרייבערס; זי דאַרף האָבן דעם באַוואוסטזיין פון איר נאַציאָנאַלן ווערט, פון איר שליחות אין לעבן פון פאָלק, פון איר ראָלע אין דער געזעלשאַפט. דער קריטיקער שפינט די פעדעם וואָס באַשאַפן פון באַזונדערע ווערק אַ ליטעראַרישע תקופה און פון איינציקע שרייבערס — אַ ליטעראַטור.

דר י. עליאַשעוו (1873—1924), באַקאַנט אונטערן פסעוודאָנים בעל מחשבות, איז געווען דער ערשטער עכטער קריטיקער אין דער יידישער ליטעראַטור. דערצו האָט אים געהאָלפן ניט נאָר זיין טיף יידיש און אייראָפּעאיש וויסן, נאָר אויך זיינע פּערזענלעכע מעלות ווי אַ שריפט־שטעלער: קלאָרקייט פון אויסדרוק, געמישט מיט שטילן פּאַטאָס, און וואָס איז נאָך וויכטיקער — גרינדלעכע סיסטעמאַטישקייט. בעל מחשבות האָט אַ לעבן־לאַנג זיך אָפּגעגעבן דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק, ער האָט איר געדינט ביז דעם לעצטן אָטעם־צוג.

*

די יידישע ליטעראַטור לעבט איבער אין אונדזערע טעג אַ קריטישע תקופה, מען וויל איר געבן זכות הקיום, נאָר מיט אַ תנאי. זאָל די יידישע ליטעראַטור אויסטאָן די קרוין (די קרוין פון אַ לעבעדיקער פאָלקס־ליטעראַטור, די קרוין פון דורותדיקן יחוס און פון הייליקער מרידה און מאַרטירערשאַפט), וועט מען איר געבן אַן אָרט ערגעץ אין פּאָליש, וואָס ווייטער פון דער מלוכהשער און פּאָליטישער מזרח־וואַנט.

בעל מחשבות האָט די קרוין אויף דער יידישער ליטעראַטור אָנגע־טאָן! אַן אייראָפּעער, אַ וועלט־מענטש, אַ מוסרניק, אַ ציוניסט־פאָלקיסט, אַ גלייביקער אין דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פון יידישן פאָלק איז בעל־מחשבות געווען אַ מענטש מיט אָפענע אויגן, מיט אַ געזונטן חוש פאַר פאָלקס־קולטור, מיט גענוג ברייטע סאָציאָלאָגישע ידיעות צו דערפילן דעם אמתן ווערט פון אונדזער פאָלקס־שאַפונג. אין זיין ליבע האָט ער זיך קיין מאָל ניט געגאַרט און קיין מאָל ניט אַנטוישט.

ס'איז אַן אָפּפרישונג צו לייענען די ווערק פון דעם יידישן קריטיקער־פּיאָנער, וואָס האָט דערהויבן אונדזער פאָלקס־ליטעראַטור און געוויזן ווי עס ווירקן אין איר די אייביקע פּראָצעסן פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום, די היסטאָרישע פּראָצעסן פון פאָלקס־באַפרייאונג.

די פליכטן פון אַ קריטיקער־פּיאָנער האָט בעל מחשבות זייער גוט פאַרשטאַנען. אין זיין עסיי „דער קריטיקער" שרייבט ער אַזוי: „איטלעכע יונגע ליטעראַטור, וואָס שפּרייט נאָר אָקערשט אויס אירע שוואַכע פליגל, באַקומט צו אַ געוויסער צייט אַ קריטיקער, וואָס שפּילט אין איר אַזאַ גרויסע ראָלע, צו וועלכער עס קענען זיך קיין מאָל ניט דערשלאָגן שפּעטערדיקע קריטיקערס, ווען די דאָזיקע ליטעראַטור איז שוין אויס־געוואַקסן... און ניט נאָר ווען די ליטעראַטור איז יונג, אויך ווען אין אַ ליטעראַטור פון אַ פאָלק הייבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע..."

בעל מחשבות האָט זוכה געווען צו געבוירן ווערן און ווירקן ווי אַ שריפטשטעלער־קריטיקער אין דער תקופה פון מענדעלע, פּרץ, שלום עליכם, רייזען, ביאַליק, וויסענבערג און אויך דערלעבן די תקופה פון די נייע טאַלאַנטן ווי ה. לייוויק, ד. האָפשטיין, י. אָפּאַטאָשו, דער נסתר, דוד בערגעלסאָן און ל. קוויטקאָ. וועגן זיי אַלע האָט בעל מחשבות געשריבן „ניט ווי דער שאַרפער מוח מיט קאַלטע אויגן", נאָר ווי דער „פאַרליבטער, איבערגעגעבענער פריינד פון קונסט", וואָס וויל אַז „דאָס גוטע, נייע, פרישע און יונגע זאָל געפינען אַ סביבה פאַר זיך", ווי אַ קריטיקער וואָס וויל דערוועקן קודם כל „אינטערעס צו אַ יונגער ליטעראַטור, וואָס האָט צו קעמפן קעגן דער גלייכגילטיקייט פון דער געזעלשאַפט" („דער קריטיקער").

ס'איז גוט אַט די אַנטציקטקייט און ליבשאַפט פאַר דער יידישער ליטעראַטור ווידער אַריינצוברענגען אין אונדזער סביבה. ס'איז גוט

ווידער אַ מאָל צו ברענגען דעם חזיון, וואָס בעל מחשבות האָט געזען אין דער נייער ליטעראַטור. די קראַפט און מעכטיקייט איז פון דער פאָלקס־ליטעראַטור ניט אָפּגעטאָן געוואָרן. בעל מחשבות איז געווען גערעכט וואָס ער האָט אין איר געזען אַן אויסדרוק פון פאָלקס־באַנייאונג אין ביידע סעקטאָרן — דעם נאַציאָנאַל־ציוניסטישן און דעם אַרבעטאָריש־סאָציאַליסטישן. פונקט ווי אין חסידות, וואָס האָט אונדז געוויזן „אַ יידן מיט לעבעדיקע געפילן און מיט אַן אָפּטימיסטישער באַציאונג צום לעבן", האָבן אויך די נייע באַוועגונגען און די פאָלקס־ליטעראַטור געוויזן „שטאַרקע ליידנשאַפטן און אַ פעאיקייט פאַר עלעמענטאַרער התלהבות".

„די יונגע ליטעראַטור (האָט) אָנגעהויבן צו גלייבן אין דער צוקונפט פון יידישן פאָלק, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַן אייביקן קוואַל פון אַ רייך געפילס־לעבן".

אומעטום זעט בעל מחשבות מיט רעכט ניט איינעם, נאָר צוויי שטראָמען אין אונדזער פאָלקס־לעבן, דעם נאַציאָנאַלן און דעם סאָציאַלן. אין דער עסיי „די לעצטע ליטעראַרישע עפּאָכע" (1913) שרייבט ער:

„מיט דער פאַרשטאַרקונג פון דעם נאַציאָנאַליסטישן שטראָם, וועל־כער איז בלויז די פאַרשטאַרקונג פון פאָלקס־ווילן, ווערט פאַרשוואונדן די פריערדיקע פּאַסיוויטעט. דער סאָציאַליזם, וואָס פאַרשטאַרקט דעם ווילן פון אַרבעטער־קלאַס, פירט אַרויס אויף דער בימה פונעם יידישן לעבן אַ זעלבסטטעטיקן עלעמענט. דער שרייבער פון דער נייער צייט (געמיינט ערב דעם ערשטן וועלט־קריג, ח. ב.) איז שוין מער ניט קיין קינד פון אַ שוואַך־פנימדיקן כלל. דער ווילן צום לעבן, צום איבער־אַנדערשן די אַלטע פאָרמען, צו שאַפן נייע צילן פאַר דער צוקונפט, נעמט אים אַרום פון אַלע זייטן און מאַכט ציטערן און וויברירן זיין גייסט. חוץ דעם האָט דער נאַציאָנאַליזם אַרויסגעשטעלט נאָך אַ טאָפּלטע פּראָב־לעם: די דערהאַלטונג פונעם יידישן פאָלק מיט זיינע הויכע טראַדיציעס פאַר די קומענדיקע קולטור־צוועקן און די שאַפונג פון געזונטע באַציאונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ שעפערישער יידישער פערזענלעכקייט".

בעל מחשבות איז אַן אייגנאַרטיקער ציוניסט־פאָלקיסט. ער זעט איין ליטעראַטור, הגם אין צוויי שפּראַכן. ער זעט איין נאַציאָנאַל לעבן, איין פאָלק, הגם עס פאַרמאָגט אַלערליי אויסדרוק־פאָרמען. ער איז

אַ מאמין אין דעם פֿאָלקס תחיה אין זיין אייגן לאַנד און זעט גלייכצייטיק דעם גרויסן כוח פֿון סאָציאַלן אויפֿברויז אין יידישן לעבן.

דער בעל מחשבות־געמיט, זיין סינטעטישער קוק קען אונדז ווייזן אויך פֿאַרן היינטיקן טאָג אַ באַציאונג צום לעבן וואָס וויל ניט פֿאַר־לייקענען יידישע תפֿוצות, וואָס, קעמפֿנדיק פֿאַרן יידישן עתיד, פֿאַרלייקנט ער ניט דעם עבר.

*

בעל מחשבות האָט ריכטיקער פֿאַרטייטשט די דערשיינונג יידישע ליטעראַטור, איר ווערט, חשיבות, ווי ער האָט פֿאַרטייטשט איינציקע ווערק אירע, אָדער די שריפֿטשטעלערס, וואָס האָבן אין איר געווירקט. די יידישע ליטעראַטור ווי אַ דערשיינונג אין היסטאָרישן לעבן פֿון אונדזער פֿאָלק האָט ער דערהויבן און געגעבן די געהעריקע היסטאָרישע פּער־ספּעקטיוו. די בעסטע עסייען זיינע האָבן אָפּט צו טאָן נישט אַזוי מיט איינצלנע ווערק, נאָר מיט דער כאַראַקטעריסטיק פֿון גרונד־שטריכן און טענדענצן אין דער יידישער ליטעראַטור, מיט דער כאַראַקטעריסטיק פֿון די פֿאַרשיידענע תקופֿות אין איר שאַפֿן.

אַזוי געהערן צו די גלענצנדיקסטע אַרטיקלען פֿון זיין קריטישן פּעדער די עסייען: „די לעצטע ליטעראַרישע עפּאָכע״ (1913), „דאָס דרום־רוסישע יידנטום און די יידישע ליטעראַטור אין 19טן י״ה״ (1920־1921), „דריי שטעטלעך״ — אַ לענגערע אַרבעט אין וועלכער בעל מחשבות פֿאַרגלייכט דאָס יידישע שטעטל ווי עס האָבן עס געמאָלן י. ל. פּרץ, שלום אַש און א. מ. ווייסענבערג.

בעל מחשבות האָט געוועקט חשיבות צו דער נייער פֿאָלקס־ליטעראַ־טור. ער האַלט, אַז „עס וואָלט געווען אַ גרויסער טעות צו שטעלן זי נידעריקער פֿון דער ליטעראַטור פֿון וועלכן ס׳איז אייראָפּעאישן פֿאָלק...״ ער טוט עס אין אַ פֿריער תקופֿה פֿון איר אַנטוויקלונג, ווען די דאָזיקע ליטעראַטור איז געווען, ווי ער דריקט זיך אויס, „אַזוי אָרעם אין ביכער און אַזוי ווייניק באַדייטנדיק לויט איר קינסטלערישער באַאַרבעטונג״.

*

בעל מחשבות פֿאַרשטייט דער עיקר יענע דערשיינונגען, צו וועלכע

ער פֿאַרמאָגט אַ פּאָזיטיווע שטעלונג. דאָס וואָס וועקט ניט ביי אים קיין ליבשאַפֿט, רופֿט אויך ניט אַרויס קיין פֿאַרשטענדיקע, מיטפֿילנדיקע און במילא אָביעקטיווע באַציאונג. אין תוך איז עס אַ חסרון פֿון זיין קריטישן מעטאָד.

צו פֿאַרשטיין דאָס פֿרעמדע און אַנדערשדיקע איז די ערשטע פֿאָדערונג צו דעם קריטיקער. בעל מחשבות איז אָבער ניט נאָר אַ קריטיקער פֿון דער יידישער ליטעראַטור, נאָר אויך אַ קריטיקער פֿון יידישן לעבן סוף 19טן און אָנהייב 20סטן י״ה. די גרענעץ צווישן ליטעראַטור און לעבן איז ביי אים ניט אַלע מאָל קיין קלאָרע און קיין זיכערע. ליטעראַרישע קריטיק ווערט ביי אים פֿיל מאָל פֿאַרוואַנדלט אין סאָציאַלע קריטיק און נאָך מער אין נאַציאָנאַלער קריטיק. בעל מחשבות האָט זיך אַליין מיט רעכט אָנגערופֿן „נאַציאָנאַלער קריטיקער״. וואָס זאָל עס באַטייטן? מען קען עס פֿאַרשטיין נאָר על פּי אַנאַלאָגיע. בעת סאָציאַלע קריטיק וויל אָנווייזן די קלאַסן־היפּוכים און די קאָנפֿליקטן אין סאָציאַלן לעבן, אויף וויפֿל זיי שפּיגלען זיך אָפּ אין דער ליטעראַטור, וויל די נאַציאָנאַלע קריטיק, אַזוי דאַרפֿן מיר זיך משער זיין, אויפֿווייזן די נאַציאָנאַלע היפּוכים און קאָנפֿליקטן, די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע דערשיינונגען אינעם פֿאָלקס־קאָמף פֿאַר באַפֿרייאונג און ווידעראויפֿלעב.

בעל מחשבות האָט באַנוצט דעם מעטאָד פֿון „נאַציאָנאַלער קריטיק״ ווען ער פֿאַרגלייכט די דריי שטעטלעך פֿון פּרץ, אַש און וויסענבערג. ער האָט דעם זעלביקן מעטאָד אויך אָנגעווענדט אַנאַליזירנדיק די ווערק פֿון מענדעלען און שלום עליכמען, איבערהויפּט ווען ער האָט געפּרואווט כאַראַקטעריירן שלום־עליכמס צוויי טיפּן: מנחם מענדל און טוביה דער מילכיקער.

בעל מחשבות שאַצט הויך און לויבט שלום עליכמען ווי אַ שריפֿט־שטעלער, אָבער אין תוך איז זיין פֿאַרשטענדעניש פֿאַר שלום עליכמען אַ באַגרענעצטע. נאָר אין די קינדער־מעשיות כאַפּט דער קריטיקער אויף די ראָמאַנטישקייט און שיינקייט פֿון יענער פֿאַרשוואונדענער וועלט, די ליבלעכקייט און האַרציקייט פֿונעם שטייגער לעבן. די געשטאַלטן פֿון טוביהן און מנחם מענדלען פֿאַרמינערט ער, זעענדיק אין זיי נאָר נאַטוראַליסטישע שילדערונגען פֿון סאָציאַלן לעבנס־שטייגער.

בעל מחשבות איז אויך ניט געווען גערעכט צו אברהם רייזענען און

צו רייזענס וועלט. „אין די דערציילונגען פון א. רייזען, שרייבט דער קריטיקער, טרעט אַרויס דער אָפענער דלות פונעם יידישן לעבן, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ לרוב אין די קליינע שטעטלעך; דאָרט ווערט געשילדערט אַ מאַסע וואָס באַשטייט פון גייסטיקע און מאַטעריעלע קבצנים". ער וואָלט פאַרזען ה. לייוויקן, דעם ליריקער, ווען ניט די דראַמע „דער גולם", וואָס האָט אים פאַרכאַפּט מיט דער טיפער אידעאישקייט.

בעל מחשבות איז פאַרגלייבט אין דעם אַני מאמין פון זיין דור. טייל עסייען זיינען צו פיל אָנגעזאַפּט מיט נעגאַטיוויזם לגבי דעם נאָענטן עבר (ניט דעם וויטן עבר!), לגבי דער קעגנוואַרט, לגבי דעם יידישן שטעטל. זיי פאַרמאָגן צו פיל תמימותדיקן גלויבן אינעם מאָרגן. דאַקעגן, זיינען בעל מחשבותעס פּען־פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבערס דורכ־גענומען מיט אַ וואונדערלעכן ליריזם און פיינער מענטש־קענטעניש.

וואָס איז דעם קריטיקער געשטאַנען אין וועג און ניט דערלאָזט אים ריכטיק אָפּשאַצן און דערזען אַ היפּש ביסל פּאָזיטיווע דערשיינונגען אין יידישן ליטעראַרישן שאַפן? צום טייל דאַרף מען דאָס צושרייבן זייק מעלאַנכאָלישן געמיט, אָנגעזאַפּט מיט יידישן מוסר, אַ געמיט מיט אַ היפּ־שער דאָזע דידאַקטישקייט און אַ נייגונג צו מאָראַליזירן. דאָס געמיט האָט אים געהאָלפן ווערן דער ליטעראַטור־היסטאָריקער, דער הייסער נאַציאָנאַליסט, קעמפער, דער פיינער איראָניזירנדיקער פעליעטאָניסט, ס'האָט אָבער באַגרענעצט זיין אויפנעם־פעאיקייט פאַר ריינער ליריק און פאַר אַ היפּש ביסל עסטעטישע ווערטן. אָן ספק מוז מען געוויסע באַגרענעצונגען צושרייבן צום גייסטיקן קלימאַט פון דער היסטאָרישער תקופה אין וועלכער ער האָט געלעבט.

דאָס בלייבנדיקע פון בעל מחשבותעס ליטעראַרישער ירושה וועט אָבער קיין מאָל ניט פאַרמינערט ווערן. זיין היסטאָרישע שליחות איז געווען, וואָס ער האָט אָנגעטאָן די קרוין אויפן קאָפּ פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס ער האָט געוועקט צו דער פאָלקס־ליטעראַטור ליבשאַפט און פאַרשטענדעניש, וויזנדיק ווי אַזוי זי איז אין איר סאַמע תוך געווען דער אויסדרוק פונעם פאָלקס באַגער צו אויסלייזונג, באַפרייאונג און מענטשלעכער חשיבות.

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי און די פּראָבלעם
„ייד און מענטש״

ערשטער טייל

עס איז אָפט מאָל נייטיק אין געזעלשאַפטלעכן לעבן זיך אומצוקערן פון צייט צו צייט צו אַלטע פּראָבלעמען און מיינונגס־פאַרשיידנקייטן; אַזאַ פּראָבלעם איז, אַ שטייגער, די אַנטיטעזע, וועלכע מען האָט אַמאָל געזען אין די באַגריפן „ייד״ און „מענטש״.

דער דור, וואָס האָט די פּראָבלעם פון דאָס ניי אויפגעהויבן, איז געווען דער דור פון סוף־ניינצנטן און אָנהייב־צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. יענער דור האָט עס געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר אונדזער הייַנטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן, סיי פאַר די סאָציאַלע און סיי פאַר די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען. די מענטשן פון דעם דור האָבן די שייכות פון זייער מענטש־לעכקייט און יידישקייט דורכגעלעבט ווי אַ גרויסן נשמה־קאָנפליקט און ווי אַ לעבנס־סתירה; ערשט שפּעטער איז באַשאַפן געוואָרן דער לאָגישער אַנאַליז, וואָס איז צום שאַרפסטן געקומען צום אויסדרוק ביי אַ ריי דענקער, באַזונדערס — ביי שמעון דובנאָוו און ביי ד״ר חיים זשיטלאָווסקי.

זשיטלאָווסקי האָט די פּראָבלעם אַנאַליזירט פילאָסאָפיש און דובנאָוו היסטאָריש, ווי אַ גרונט־פּראָבלעם פון יידישן באַוואוסטזיין. אין תוך אָבער האָט יעדע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג ביי יידן געגעבן דעם פּראַק־טישן ענטפער, דער ציוניזם, די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, דער פאָלקיזם. עס קען זיין, אַז דער פּראַקטישער, פּאָליטישער און סאָציאַלער ענטפער האָט היסטאָריש פאַרמאָגט מער ווערט און עס קען זיין, פאַרקערט, אַז גראָד אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע איז נייטיק געווען ניט בלויז אַ געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער ענטפער פאַרן כלל, נאָר אַן עטיש־פילאָסאָפישער פאַרן יחיד.

דאָ, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז דאָס יידישע כלל־לעבן אַ לאַנגע

צייט אַטאָמיזירט געוואָרן, גראָד דאָ האָט געהאַט אַזאַ שליטה דער קאָסמאָ־פּאָליטיזם. דאָ האָט דער יידישער יחיד געדאַרפט פאַרענטפערן פאַר זיין געוויסן, צי וועט חלילה גאָרניט געמינערט ווערן פון זיין מענטשלעכקייט, אויב ער בלייבט געטריי יידישע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס און אידעאַלן. דאָ האָט דער נר תמיד געברענט צום שוואַכסטן און אָפט געצאַנקט. דער יידישער מענטש האָט זיך דאָ געראַנגלט ניט וויסנדיק, אַז היסטאָריש איז אונדז באַשערט דאָ אויפצושטעלן אַ געצעלט פאַר אונדזער פאָלק. דער יידישער „נאַציאָנאַל־געפיל״ האָט אויף דער אַמעריקאַנער ערד אויך אָפט מאָל אויפגעלויכטן צום העלסטן, ווי, למשל, ביי מאָריס ראָזענפעלדן, ביי יהואשן און אברהם ליעסינען.

צי האָט מען זיך אין דער אימיגראַנטישער מאַסע צופיל אינטערע־סירט מיט דער חקירה וועגן ייד און מענטש ? מען מוז זאָגן, אַז אַ סך מער ווי עס איז איצט מעגלעך צו גלייבן. אין אָנהייב 20טן יאָרהונדערט קומט פאָר אַן איבערברוך אין די הערצער און מוחות פון אַ דור יידן. איבערוואַנדערונג, אַ נייער שטייגער לעבן, די נייע באַגריפן פון דער וויסנשאַפט, וואָס האָבן אַריינגעדרונגען צווישן דער יידישער מאַסע, דער סאָציאַלער קאַמף ברענגען אַריין אַן אויפרודערונג אין די נשמות פון צענדליקער און צענדליקער טויזנטער מענטשן. די אויפרודערונג האָט עד היום ניט אויפגעהערט.

איך האָב אָפט דאָס געפיל, אַז אין די אַנגלאָ־סאַקסישע לענדער ווערט די פּראָבלעם ייד און מענטש, אַ האַמלעטישע פראַגע פון „זיין אָדער ניט זיין״. היינט פאַרמאָגט די פּראָבלעם אַן אַנדער מאָטיווירונג ; דעמאָלט איז עס געווען אַ מאָראַליש־געזעלשאַפטלעכע פראַגע, וואָס האָט אַן ערך געקענט אַזוי קלינגען : צי מעג איך בלייבן ביי מיין יידישער „אָפּגעזונדערטקייט״ און „באַזונדערקייט״, בעת די וועלט גייט צו איר גרויסער פאַרברידערונג און פאָרשריט, בעת אַלע פעלקער ווערן צונויפ־געשמאָלצן און עס ווערט געשאַפן איין וועלט־קולטור ? סוף 19טן י״ה האָט מען באמת געהאַפט, אַז אַלע מחיצות וועלן באַלד ווערן אָפּגעשאַפן : די נאַציאָנאַלע, די סאָציאַלע און אינטעלעקטועלע. די צעטיילונג אויף קלאַסן איז פאַרן קאָסמאָפּאָליט געווען דער מער בולטער פאַקטאָר ווי די צעטיילונג אויף פעלקער. ער איז אַליין געווען אַ מיליטאַנטישער קעמפער קעגן קלאַסן־באַדריקונג.

היינט, אין טעג פון אויסגלייכונג און קאָנפאָרמיזם, איז די פּראָבלעם פון יידישן יחיד מער אַ פּסיכאָלאָגיש־מאָראַלישע: וויפל כוח האָב איך צו בלייבן אין מיין יידישער אַליינקייט, בלייבן אַנדערש ווי מיין נאָענט־סטער? ווי פיל פון מיין יידישער אַנדערשקייט וויל איך אויפדעקן, מעג זי זיין פאַר מיר ווי חשוב און טייער? צי האָב איך כוח צו טראָגן דעם עול מלכות שמים?

*

די פאָרמול פון דער השכלה „זיי אַ מענטש מיט מענטשן גלייך אין גאַס און בלייב אַ ייד אין דער היים" איז פאַר ד"ר זשיטלאָווסקין ניט געווען צופרידנשטעלנדיק. ווי אַ רעוואָלוציאָנער, האָט ער געזען, צום ווינציקסטנס אין זיין יוגנט, ווייניק חשיבות אין די קאַטעגאָריעס היים, משפּחה, שטייגער; ער האָט געזען בעיקר די „גאַס", דאָס הייסט, דאָס פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע לעבן. זשיטלאָווסקי האָט געזען אין דער פאָרמול פון דער השכלה דערונטערדיקייט און געפאַלנקייט. „סטייטש, זאָגט ער, מיט מענטש מעגט איר פראַנק און פריי שטאָלצירן אין דער אָפענער גאַס; מיט ייד דאַרפט איר זיך שטיקן אין דער פאַרבאָרגענער היים". זיין טענה איז אַזאַ: „איר קאָנט דעם מענטשנס נשמה ניט פונאַנ־דעררייסן אויף צווייען און איין האַלבע לאָזן שפּאַצירן אין גאַס, די אַנדערע העלפט אָבער צווינגען זיך צו באַהאַלטן אין דער היים..." מיר, וואָס לעבן אין אַ דור מיט מער צעריסנקייט פון דער נשמה, מיטן אומרואיקן באַוואוסטזיין פון אַ סך סתירות, וואָס מען קען ניט אויסגלייכן, האָבן ניט דאָס האַרץ פאַר אַזאַ האַרבקייט אין דער קריטיק. מיר האַלטן אפשר מער פון דעם חסידישן זאָג, אַז ס'איז ניטאָ קיין גאַנצערע זאַך, ווי אַ צע־בראָכן יידיש האַרץ; ווי אַ צעבראָכן מענטשלעך האַרץ, וואָלטן מיר אַליין אפשר צוגעגעבן; אונדז פעלט די פאַרריסנקייט, מיר פילן די גרעסערע אַחריות; אונדזער דור האָט איבערגעלעבט גרויזאַמערע צייטן צו קאָנען אויסרופן רעטאָריש, ווי זשיטלאָווסקי האָט עס בשעתו געטאָן:

„ממה נפשך! איז „ייד" אַ בעסערע זאַך איידער „מענטש" — איז דער אַלטער יהודה הלוי געווען גערעכט, אַז ייד־זיין איז די העכסטע מדרגה פון מענטש־זיין, אָדער נאָך מער: האָבן אונדזערע חסידישע פאָטערס און זיידעס געטראָפן דעם אמת, ווען זיי האָבן געמיינט, אַז ייד־זיין איז אַ

הייליקע זאַך, — איז דעמאָלט אונדזער חוב צו זיין אַ ייד ניט נאָר אין דער היים, נאָר אומעטום אין דער גאַנצער וועלט. און ווען אַפילו ייד־זיין זאָל אונדז ברענגען די ערגסטע צרות און רדיפות, טאָרן מיר אים דעמאָלט פון קיינעם ניט באַהאַלטן, מוזן מיר אויסשטיין אַלץ וואָס עס זאָל ניט אויספאַלן צוליב אים אויף אונדזער גורל. קיין קרבן טאָר ניט זיין שווער פאַר אַ זאַך, וואָס דאַרף אַוועקגעשטעלט ווערן — גאָר אַ קלייניקייט — העכער איידער דער מענטש!״.

דער דאָזיקער עקסטרעמער אני־מאמין, מוזן מיר זאָגן, איז ניט קיין טראַדיציאָנעל־יידישער, נאָר אַ רעוואָלוציאָנער־אינדיווידועלער! דער „ספר־חסידיזם״, למשל, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן אין מיטלאַלטער, אין דער צייט פון די קרייץ־צוגן און לערנט יידן ווי צו שטאַרבן אויף קידוש־השם פאַר זייער אמונה, פאָדערט ניט פון זיי אומצוקומען פאַרן רעכט עפנטלעך אָפּצוהיטן זייער גלויבן. פאַראַן צייטן ווען יידן מוזן מקיים זיין די מצוות אין די פיר ווענט פון דער היים, אַפילו אין באַהעלטעניש. במשך פון הונדערטער יאָרן האָבן יידן, למשל, אָפּגעהיט יידישקייט הינטער די ווענט פון געטאָ־מויערן. יידן האָבן געוואוסט, אַז קיין שום רשעות וועט ניט דויערן אייביק, דערויף זיינען זיי געווען מאמינים, פרומע און גלויביקע יידן.

דער ספר־חסידים ווייס פון קאָלעקטיווער אחריות. ווען רוצחים רינגלען אַרום אַ יידישן ישוב און זאָגן צו דער עדה יידן: גיט אונדז אַרויס איינעם פון אייך און מיר וועלן אים טויטן, דערפאַר וועלן אַלע איבעריקע בלייבן לעבן, קאָנען יידן אַזאַ תנאי ניט אָננעמען. זיי מוזן ענטפערן: מיר וועלן בעסער אַלע אומקומען איידער אַרויסגעבן איינעם פון אונדז.

אין אַנדערע פאַלן האָבן יידן אָפּגעהיט דאָס געבאָט פון פקוח־נפש און געשוינט דאָס לעבן פון יחידים און אַוודאי פון אַ גאַנצער עדה יידן. וואָס הייסט „ברענגען אויף זיך די ערגסטע צרות און רדיפות?״ ס'איז עפּעס אַ קלייניקייט? הינטער דעם שטעקט ניט קיין איבערמאָס פון אחריות, וואָלטן געזאָגט טראַדיציאָנעלע יידן, נאָר אַ קנאַפּקייט פון יידישער אחריות לגבי דעם כלל. וועלכע גדולי הדור האָבן דאָס אַמאָל געפאָדערט? זיי האָבן עס ניט געקאָנט פאָדערן, ווייל עס האָט זיי געפעלט יענער פּסיכאָ־לאָגישער שטריך, וואָס איז אויפגעקומען ערשט נאָך דער פראַנצויזישער

רעוואָלוציע אין אייראָפּע: דער האָנער, סיי דער נאַציאָנאַלער, באַזונדערס דער יחידישער; צו דעם איז נאָך צוגעקומען: דער באַוואוסטזיין פון אַן עפנטלעך לעבן ווי אַן אָרענע אויף וועלכער עס דאַרפן קומען צום אויסדרוק אַלע מענטשלעכע מעשים און מעשים־טובים. די שטוב, **דער בית־מדרש, די חברה, די אייגענע יידישע גאַס איז במשך פון הונדערטער יאָרן געוואָרן פאַרן יידן גענוג אָפּצוהיטן זיין יידישקייט און פירן אַ חשוב מענטשלעך לעבן.** יידן האָבן ניט אָנערקענט די מאָראַלישע ממשלה פון דער גרויסער וועלט און ממילא ניט געפילט זיך הכנעהדיק און געפאַלן ווען די גרויסע וועלט האָט זייער גלייכקייט ניט אָנערקענט.

ערשט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אַרויסגערופן ביי שיכטן פון יידישן פאָלק דעם באַגער נאָך עמאַנסיפּאַציע און דערמיט געשטעלט פאַר דער מאָס פון חשיבות די געזעלשאַפטלעכע און רעכטלעכע אָנערקע־נונג, וואָס מיר קאָנען באַקומען פון די מיטבירגער. חשוב איז דאָס וואָס ביי אַלעמען איז חשוב, וואָס די גרויסע געזעלשאַפטלעכקייט אָנערקענט פאַר חשוב. אין דער ערשטער תקופה פון אַסימילאַציע, ווען די פירנדיקע אידעע איז געווען קאָסמאָפּאָליטיזם, די הערשאַפט פון איין מערב־אייראָ־פּעאישער ציוויליזאַציע, האָט עס באַטייט דאָס פולע צונויפגיסן זיך פון יידן מיט די אַרומיקע קולטור־פעלקער. שפּעטער, סוף 19טן י״ה, ווען עס האָבן גענומען אויפקומען נאַציאָנאַלע סענטימענטן, רייסט זיך דורך אַ צווייטע עקסטרעמע פאָרעם: יידישקייט וועט האָבן אַ קיום נאָר בתנאי עס זאָל האָבן עפנטלעכע רעכט און געזיכערטקייט; מלכות זאָל עס אָנערקענען, די גרויסע וועלט זאָל עס אָנערקענען, דער רעוואָלוציאָנערער אַוואַנגאַרד פון אַרבעטער־קלאַס זאָל עס אָנערקענען. דער נייער ייד מוז האָבן אָט די אַלע פאַרזיכערונגען. אין געוויסע פאַלן דאַרף די אַלגעמיינע אָנערקענונג מסתמא דינען ווי אַ קאָמפּענסאַציע פאַר אַ שטילער שולד, וואָס דער נייער ייד האָט געטראָגן טיף, טיף פאַרבאָרגן ביי זיך, אַ שולד לגבי זיין פאָלק, וואָס איידער ער האָט אים גענומען ליבן און באַזינגען האָט ער אים צוערשט אַ היפּש ביסל געלעסטערט.

*

די הויכע רעטאָריק פון ד״ר זשיטלאָווסקי ווערט צום טייל אָפּגע־שוואַכט דורך אַ מאָמענט פון ווידוי אין זיין ערשטער לעקציע וועגן „ייד

און מענטש״. זי ווערט גריילעך אָפּגעשוואַכט, הגם זי מאַכט פֿאַרשטענדלע־כער אַ שפּאַר ביסל מאָמענטן פון זשיטלאָווסקיס לעבן. „איך מוז מודה זיין, שרייבט זשיטלאָווסקי, אַז אין מיין גאָר גרינער יוגנט, ווען איך בין מיטן גאַנצן האַרצן צוגעשטאַנען צום ראַדיקאַלן לאַגער, האָב איך אויך, ווי אַלע, געגלויבט, אַז צווישן „ייד״ און „מענטש״ ליגט אַ טיפער תהום, מיט קיין בריק ניט צו פאַרבויען; אַז מען מוז אויסקלייבן „אַהין אָדער אַהער״ און אַז דער ייד דאַרף געבראַכט ווערן פאַר אַ קרבן צו דעם מענטשן. ווייניקסטנס איז איין זאַך געווען קלאָר פאַר מיין יונגן מוח און האַרץ: וואָס מער מענטש איינער איז — אַלץ ווייניקער ייד איז ער, אַלץ ווייניקער האָט ער זיך צו זאָרגן וועגן דעם גורל פון זיין פאָלק, אַלץ ווייניקער האָט ער צו טראַכטן וועגן דער יידישער לאַגע און וועגן דער יידישער צוקונפט. און צוריק, וואָס ווייניקער ייד איך בין, וואָס ווייניקער איך קען פון יידישע טראַדיציעס, וואָס ווייטער פונעם יידישן לעבן, וואָס גלייכגיל־טיקער צו די נויטן און אינטערעסן פון מיין פאָלק, וואָס איבערגעגעבענער צו דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס, — אַלץ העכער שטייגט מיין „איך״ אויף דעם לייטער פון מענטשלעכקייט!״.

מיר מוזן דערציטערט ווערן פון דער נאַקעטער אויפריכטיקייט פון דאָזיקן אני־מאמין. עס נעמט עגבערן דער מוח: צי ווירקט ער ניט חלילה ביי דער יידישער יוגנט היינט־צו־טאָג אויך? מיט חרפּה מוזן מיר צוגעבן, אפשר קאָן ער קומען ניט אַזוי אָפן, און בפרהסיא אַרויסגעזאָגט, אָבער דאָך קאָן ער זיין דער אני־מאמין. אפשר וועט דער יונגער ייד, מיט אַזאַ אני־מאמין, מאַכן געוויסע קאָנצעסיעס לגבי דעם סאָציאַלן אַרום און אַמאָל שפּילן פּינג־פּאָנג אין אַ הלל־הויז, אָדער באַזוכן אַ יידישן גאָטעס־דינסט ראש־השנה און יום־כיפור, אָדער אפילו מאַכן אַ געוויסן זשעסט אין דער ריכטונג פון יידישער צוגעהעריקייט, ניט צו פאַרשאַפן קיין עגמת נפש דער משפחה. וואָס שייך דעם לעבנס־אמת, ווי ער זעט אים אַליין, קאָן דאָס פאַר אַ שפּאַר ביסל יוגנטלעכע גריילעך זיין דער אני־מאמין. דערפאַר זאָג איך, ווערן מיר פאַרציטערט, ווען מיר זעען די פּסיכישע מעגלעכקייט פון אַזאַ נשמה־צושאַנד; מיר ווערן פאַרציטערט ווי מענטשן, ווי יידן, ווי טאַטע־מאַמע, ווען מיר דערוויסן זיך, אַז ס׳איז גאָר מעגלעך ביי די קינדער פון אונדזער פאָלק אַזאַ פּסיכישע חולאת.

ד״ר זשיטלאָווסקי איז ניט געווען דער איינציקער, וואָס איז דורכ־

געגאַנגען דעם וועג פון אַנטיטעזע צו סינטעזע, ד״ה פון פאַרלייקענונג צו באַיאָאונג פון יידישן לעבן; עס זיינען דעם וועג אויך דורכגעגאַנגען ש. אַנסקי, אויך ש. דובנאָוו. ווי טראַגיש, מוזן מיר אויסרופן, איז דאָס לעבן פון דיינע קינדער יעקב, אַז די ליבע זאָל קומען דורך ביטערניש און די מענטשלעכע נאָענטקייט זאָל מוזן קומען דורך דערווייטערונג!

צווייטער טייל

דער מעטאָד, וואָס ד״ר חיים זשיטלאָווסקי באַנוצט ביים אַנאַליזירן די פּראָבלעם פון „ייד און מענטש״ איז ניט דער מעטאָד פון סאָציאָלאָגיע אָדער פון געשיכטע, דיסציפּלינען, וואָס שמעון דובנאָוו האָט, אַ שטייגער, באַנוצט; זשיטלאָווסקי באַנוצט זיך מיט די קאַטעגאָריעס פון פילאָסאָפיע און איר שטייגער דענקען. אויב ער וויל פאַרגלייכן די שייכות וואָס עס איז פאַראַן צווישן אונדזער יידישקייט און אונדזער מענטשלעכקייט, מוז ער אַוועקשטעלן קריטעריעס, און ער מוז געבן דעפיניציעס סיי פאַר דעם באַגריף „ייד״, סיי פאַרן באַגריף „מענטש״.

זשיטלאָווסקיס קריטעריעס פאַרן באַגריף מענטשן זיינען פינף: א) אַ מענטש איז קודם כל אַ בעל־שכל. ב) ער מוז פאַרמאָגן ווילן. דאָס פאַלק אַליין כאַראַקטעריזירט אַ מענטשן אָן ווילן אויף דעם אופן: „ער איז דאָך גאָר קיין מענטש ניט״. ג) ער מוז האָבן אַ פונק פון „מענטשלעכקייט״, דאָס הייסט, אַז מאָראַלישע פּרינציפּן מוזן רעגירן זיין אויפפיר. ד) ער מוז אָפּהיטן די מינימאַלע פאָדערונגען פון שיינקייט און העפלעכקייט. זשיטלאָווסקי רעדט מיט ביטערניש קעגן בטלנות. ער ציטירט ווידער אַ פאָלקס־ווערטל „אַ קלוגער מענטש און אַ פרומער מענטש און אַ בר־אורין, אָבער עפּעס גאָר קיין מענטש ניט״. ה) ער מוז פאַרמאָגן מענטשלעכע חשיבות, שטאָלץ. ס׳איז ניט מעגלעך אַ מענטש, וואָס וועגן אים זאָל מען קאָנען זאָגן „שפּיי אים אין פּנים און ער מיינט, אַז אַ רעגן גיסט״.

אַן אַנאַליז פון ד״ר זשיטלאָווסקיס פינף קריטעריעס פון מענטשלעכקייט קאָן אָן גרויסע שוועריקייטן באַווייזן, אַז זיי זיינען אין תוך ניט קיין אַבסאָלוטע, נאָר דורכאויס באַדינגטע פון דער צייט און די נייע שטרעמונגען ביי יידן סוף נײַנצנטן י״ה. פאַקטיש געפינען זיי שוין אַ פולע אָפּשפּיג־

לונג אין די דראַמעס פון יעקב גאָרדין, וואָס גיט איבער אין זיינע אידעאַלע טיפּן, ווי „מירעלע אפרת״, אַלע כאַראַקטעריסטיקעס פון זשיטלאָווסקיס ייד־ און מענטש־שייכות.

מירעלע אפרת איז אַ מענטש אַ בעל־שכל; גראַד אין איר פרויען־האַפטיקייט און איידעלער שיינקייט מערקט זיך איר אַנטשלאָסנקייט, פאַר־שטענדיקייט און קלוגשאַפט. דורך דער גאַנצער דראַמע האָבן מיר הנאה פון איר קלוג און שכלדיק וואָרט. מירעלע אפרת איז אויך אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן ווילן. אַזאַ ווילן, געמישט מיט אויפריכטיקן און ערלעכן שטאָלץ, באַשאַפט דעם יסוד פאַר דער יעקב גאָרדינישער דראַמע. די דראַמע דעקט אויף די טראַגיק פון אַ לעבן ווען ווילן, שטאָלץ און שכל שטויסן זיך אָן און קומען אין קאָנפליקט מיט די טאָג־טעגלעכע שוואַכקייטן פון קליינע מענטשן מיט קליינע השגות. דער פאַקט, וואָס אירע אייגענע קינדער זיינען מענטשן אָן ווילן, אָן חשיבות און אָן מענטשלעכקייט פאַר־שאַרפט נאָך שטאַרקער די דראַמע און דעם קאָנפליקט.

עס איז כדאי צו פאַרגלייכן די גאָרדינישע העלדן מיט די פאַרשוינען וואָס מיר טרעפן אין די גאָלדפאַדענישע פּיעסן, ווי „באָבע יאַכנע״, דאָס הייסט די פאָלקסטימלעכע שפּילן, וועלכע שיידן זיך אונטער פון זיינע היסטאָרישע טעאַטער־שפּילן. אין יענע גאָלדפאַדענישע קאָמעדיעס טרעפן מיר מענטשן פון הכנעה, אָן ווילן, דורכגעטריבן, אָבער אָן פאַרשטאַנד, באַליבט ווי פאָלקס־טיפּן, אָבער אָן חשיבות און נשמה־שיינקייט. דאָס העכסטע מענטשלעכע געפיל, וואָס קאָן קומען צום אויסדרוק, איז רחמנות. יידן זיינען דאָך רחמנים בני רחמנים.

די גאָלדפאַדענישע קאָמעדיע־העלדן, דוכט זיך אונדז אָפּטמאָל אויס, פעלט די נאָבלקייט, דערהייבנקייט, שיינקייט און ווילנס־קראַפט, וואָס די גאָרדינישע דראַמעס שפּיגלען שוין אָפּ. וואָס איז געשען? אין די נייע דראַמאַטישע טעאַטער־ווערק קומט צום אויסדרוק דער נייער מענטש. די אַטריבוטן פון מענטשלעכקייט, וואָס זשיטלאָווסקי פאָדערט אין זיין עסיי „ייד און מענטש״, לעבן שוין, זאָל זיין, ווי אַן אידעאַל, אין דער יידישער סביבה. יעקב גאָרדין שפּיגלט זיי שוין אָפּ פון דער טעאַטער־בינע. דאָס איז די מער ליבעראַלע, געבילדעטע, אויפגעקלערטע יידישע סביבה, וואָס האָט דעם נייעם מין מענטש אַרויסגעפירט אין לעבן. שכל, וויסן, שטאָלץ און שיינקייט זיינען דורכאויס יידישע אַטריבוטן!

ד״ר זשיטלאָווסקין קומט דעריבער פּסיכאָלאָגיש ניט אָן שווער צו באַווייזן, אַז יידישקייט און מענטשלעכקייט זיינען ניט אין סתירה איינע מיט די אַנדערע. עס קומט אים ניט אָן שווער צו באַגרינדן די פאָרמול „וואָס מער מענטש אַלץ מער ייד, וואָס מער ייד אַלץ מער מענטש״. ער קאָן עס טאָן, ווייל פּסיכאָלאָגיש האָט דאָס לעבן די מחיצה אָפּגעשאַפט. פּסיכאָלאָגיש געפינט ער אַ שטח פון סאָציאַלערווירקלעכקייט, וואו די פּראָבלעם איז ניט פאַראַן, הגם אינטעלעקטועל און פּאָליטיש־געזעלשאַפט־לעך בלייבט עס אויף לאַנגע יאָרן אַ שטרייט־פראַגע. דאָ שפּילט אַ ראָלע דער דרוק מצד דעם קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס האָט זיך איינגעפעסטיקט אין די רייען פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. דער לינקער פליגל פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אַטאַקירט, אין די יאָרן פון דער „איסקראַ״, דעם יידישן נאַציאָנאַליזם. מען מאַכט ניט קיין אונטערשייד צווישן די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פון „בונד״ און פון ציוניזם. אַלע זיינען זיי אַ שטערונג צום אמתן אינטערנאַציאָנאַליזם (לענינס פּאָלע־מיק אין דער „איסקראַ״). דאָס קוריאָזע אין דער גאַנצער דערשיינונג, וואָס ווירקט ממש דערשיטערנדיק איז, וואָס ליבע צום אייגענעם פאָלק פאַרט זיך ביי פּוילישע און רוסישע סאָציאַליסטן גאַנץ וואויל מיטן אינ־טערנאַציאָנליזם. נאָר ביי יידישע אַרבעטער טאָרן אַזעלכע געפילן ניט קומען צום אויסדרוק.

אַ סך טעאָרעטישע פאָרמולירונגען ביי יידישע רעוואָלוציאָנערע טעאָרעטיקער זיינען פאַקטיש אַן אַקאָמאָדאַציע צו דער פרעמדער און פיינטלעכער סביבה. פון דעם שטאַמט דער „נייטראַליזם״ וואָס האָט אַ צייט לאַנג באַהערשט געוויסע רעוואָלוציאָנערע קרייזן אין דער יידישער סביבה. אַפילו אַטאַ באַוער, דער באַרימטער סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, אָנערקענט פאַר אַלע פעלקער דאָס רעכט אויף קולטורעלער זעלבסטבאַשטימונג, נאָר פאַר יידן פאַרלייקנט ער דאָס דאָזיקע רעכט. ווען אַזעלכע שטימונגען און אידעען קומען צום אויסדרוק אין די ווערק פון פירנדיקע סאָציאַליסטישע פערזענלעכקייטן, וועלכע קומען אַליין פון דער יידישער סביבה, מוז מען דאָס פּסיכאָלאָגיש באַטראַכטן ווי אַ פאָרעם פון אידענטיפיצירן זיך מיטן אָנגרייפער.

דער פּסיכאָאַנאַליז האָט קלאָר געמאַכט די פאָרעם פון אידענטיפיקאַ־ציע. דער קרבן נעמט אָן פאַר ליב דעם צוואַנג און דעם שפּאָט פון דעם

באַצווינגער, ער נעמט רעדן זיינע רייד, אין זיין נשמה דרינגט אַריין דער סם המוות פון יענעמס גרויזאַמער שנאה. געוויס מוז עס דער קרבן פאַר־דעקן מיט אַלערליי זיסקייטן פון גרויסער טוגנט, אין אונדזער פאַל, מיט סאָציאַליסטישער סאָלידאַריטעט און מאָראַל, מיט רעוואָלוציאָנערער און אינטערנאַציאָנאַלער אחריות. דער אמת איז אָבער אַ פּשוטער: עס רעדט דורך זיי ניט זייער אייגענער גורל, נאָר דאָס קול פון זייער באַצווינגער, וואָס וויל ביי זיי צונעמען דאָס רעכט אויף דער נאַטירלעכער ליבשאַפט. וואָס עס קומט יעדן ווי אַ מענטש און ער צווינגט זיי צו פאַרקרימען, וואָס ביי יעדן מענטשן איז אַזוי פּשוט און פאַרשטענדלעך. די טאָכטער פון זיגמונד פרויד, אַנאַ פרויד, האָט די פּסיכאָלאָגישע דערשיינונג פון אידענ־טיפיקאַציע מיטן אַנגרייפער זייער קלאָר צעגלידערט. ווי אַזוי די דער־שיינונג האָט געווירקט אין אונדזער אייגענער סביבה זיינען מיר געווען אַליין די לעבעדיקע עדות פון דעם.

ביי ד״ר חיים זשיטלאָווסקי געפינען מיר אויך עפּעס אַ פּאַרלאָרענעם שפּור, אַ ניצוץ פון דער אידענטיפיקאַציע. באַקעמפנדיק דעם קאָסמאָפּאָ־ליטיזם בלייבט נאָך עפּעס ביי זשיטלאָווסקין פון זיין מאַניער, שטייגער און פון זיין אַמאָליקער קאָסמאָפּאָליטישער פּסיכאָלאָגיע. עס איז די טבע פון אַ קאַמף, אַז מען נעמט איבער עפּעס פונעם קעגנערס מלחמה־פיר און זיינע מאַניערן. אין שייכות דערמיט איז כדאי אָנצואווייזן אויף אַ מענטש־לעכן שטריך, וואָס איז ניט איין מאָל געטאַדלט געוואָרן. דאָס איז דאָס רעכט, וואָס עמעצער נעמט זיך צו ווערן דאָס וואָס מען האָט ביי יידן גערופן „גאָטס קאָזאַק״, „גאָטס סטראַפּטשע״. אויך די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט אַרויסגעבראַכט ביי מענטשן אָט דעם דאָזיקן, מילד גערעדט, ניט סימפּאַטישן שטריך פון ווערן אַ גאָטס־קאָזאַק און גאָטס־סטראַפּטשע פאַר דער רעוואָלוציע און איר שטרענגן קאָדעקס פון רעכט.

פלוצעם, גאַנץ אומגעריכט רופט זשיטלאָווסקי אַזוי אויס אין זיין רעפעראַט „ייד און מענטש״:

„אין פּרינציפּ איז דער נייער קאָסמאָפּאָליטישער דור געווען גערעכט, ווען ער איז צוגעגאַנגען צו דעם יידישן לעבן מיט דער פאָדערונג, אַז אַלץ זאָל פון דאָרטן אָפּגעשאַפט ווערן, וואָס קאָן זיך ניט פאַרענטפערן פאַר דעם מענטשלעכן שכל, דעם מענטשלעכן יושר און דער מענטשלעכער שיינקייט. אין אַלע פאַלן וואו ער האָט

געקאָנט באַשיימפּערלעך באַווייזן, אַז דאָס יידישע לעבן, די יידישע קולטור שטייט הינטער די פאָדערונגען פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס, קאָן קיינער ניט אָפּלייקענען אונדזער רעכט צו קומען צו דעם יידישן פאָלק און זאָגן אים: „ייד, הער אויף צו זיין ייד און ווער מענטש, און וואָס מער מענטש דו וועסט זיין — אַלץ ווייניקער ייד וועסטו זיין!".

זשיטלאָווסקי איז דעמאָלט, אין 1904, שוין ניט געווען קיין גאָר יונגער מענטש, און מען קאָן ניט זאָגן אַז מען דאַרף אים, צוליב זיין רעלאַטיווער יונגשאַפט, מוחל זיין די טראַציקייט און די מאָדנע פאָדערונג צו אַן אַלט פאָלק. וואָרעם, וואָס הייסט „פאַרענטפערן זיך?" און ווער זיינען עס די באַפולמעכטיקטע רעפּרעזענטאַנטן פונעם שכל, יושר און שיינקייט?

אַ האַלבן יאָרהונדערט נאָך דעם ווי זשיטלאָווסקי האָט די רייד אַרויסגעזאָגט, גלוסט זיך אונדז אויסצורופן: אַ ביסל מער רחמים און דרך ארץ! אונדז וואונדערט גאָר, ווי אַזוי קומען עס אין אַ פילאָסאָפישן עסיי אַזוי פיל גריילצנדיקע, אין תוך ניט קיין מיושבדיקע און ניט־פילאָסאָפישע ווערטער, ווי לויט אַ באַפעל, „אַלץ זאָל אָפּגעשאַפט ווערן". נאָר מיר דערמאָנען זיך, אַז דאָס איז דער פּראָקוראָרן־טאָן פון רעוואָלוציעס, די מאָראַל פון תליות און עשאַפאָטן; דאָס איז דאָס גרויזאַמע פון אַ רעוואָלוציאָנערן דור און פון זיין לאָגיק: „פאַרענטפערט זיך!". וואָס הייסט אַ פאָלק מוז זיך פאַרענטפערן?

שפּעטער האָט ד"ר זשיטלאָווסקי אַליין אין זיינע רעפעראַטן וועגן דעם ווידערגעבורט פון רעליגיע און אין אַנדערע אַרבעטן קלאָר אַרויסגעהויבן דעם ווערט פון דער יידישער נאַציאָנאַלער טראַדיציע און געשריבן וועגן איר גרויסן הומאַניסטישן ווערט. ער איז אויך דאָ דערגאַנגען צו גוזמא: ניט נאָר יידן אַליין, אַלע פעלקער מעגן פייערן די יידישע יום־טובים, ווי פּסח, שבועות א"אַ. דאָס איז שוין געווען קאָסמאָפּאָליטיזם אויף דער פאַרקערטער זייט. דאָס איז געבליבן ביי אים די פּגימה. זשיטלאָווסקיס רעוואָלוציאָנערער אני־מאמין האָט אים פאַרפירט! פונקט ווי דער זעלבער אני־מאמין האָט אים אין אַנדערע מאָמענטן דערהייבן צו אַ גרויסער מאָראַלישער הויך און געפירט צו קלאָרקייט און באַוואוסטזיין, האָט ער

ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן אים ווידער פאַרבלענדט און געפירט אויף קרומע וועגן פון זוכן חטאים אויף זיין פאָלק און אים פאַרמשפטן.

ביזן היינטיקן טאָג קאָנען מיר ניט פאַרשטיין פאַרוואָס ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, דער גרויסער ייד, דער קעמפער קעגן אַסימילאַציע, דער רעוואָלוציאָנער, דער מענטש פון הויכער מאָראַל, האָט אַפּטמאָל געהאַנדלט אַזוי, ווי ער וואָלט הנאה געהאַט פון פייניקן זיינע אייגענע ברידער מיט אַ דורכאויס ניט נייטיקן מוסר. מיר קאָנען אויך ניט פאַרשטיין פאַרוואָס ער האָט אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן געזוכט אַ היסטאָרישן זכות אויף דער גרעסטער רשעות פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אַזוי קורץ פאַר דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע, וואָס איז אונדזער פאָלק באַפאַלן.

דריטער טייל

ד״ר חיים זשיטלאָווסקיס פאַרענטפערונג פון דער פּראָבלעם ייד און מענטש פאַרמאָגט צוויי אַספּעקטן: אַן עטיש־פילאָסאָפישן און אויך אַ פילאָסאָפיש־רעכטלעכן. זשיטלאָווסקי האָט אויפן שטייגער פון סוף 19טן י״ה געזוכט אַ פּאָליטישע לייזונג פאַר דער יידן־פראַגע, אויך אויסער די גרענעצן פון אַ יידישער טעריטאָריע אין ישראל. פאַר יידן אין אייראָפּע האָט עס באַטייט, אַז אויסער בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג, מוזן זיי אויך באַקומען נאַציאָנאַלע רעכט. דאָס האָט געהייסן, אַז זיי מוזן פאָדערן אַ פאָרעם פון אויטאָנאָמיזם אויף די געביטן פון קולטור און סאָציאַלן לעבן. זשיטלאָווסקיס שיטה איז געווען זייער נאָענט צו דער שיטה פון היסטאָריקער ש. דובנאָוו.

די לעגאַלע פאַרווירקלעכונג פון אויטאָנאָמיזם, אמת, אין אַ באַגרע־נעצטער פאָרעם, איז געקומען נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג, ווען ביים ווערסאַלער שלום־אָפּמאַך איז אַריינגעשריבן געוואָרן אין די אָפּמאַכן מיט די ניי־אויפגעקומענע מלוכות אַ פּונקט וועגן מינדערהייטן־רעכט. עס איז דורך דעם צום ערשטן מאָל עטאַבלירט געוואָרן פאַר די יידן פון אַ צאָל לענדער קאָלעקטיווע עמאַנסיפּאַציע, אויסער אינדיווידועלער. דאָס איז גע־ווען אַ גרויסער שריט פאָרויס לגבי די דערגרייכונגען און דעם קאַמף פאַר יידישע רעכט בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דער נייער רעכטלעכער פּרינציפּ איז איינגעשטעלט געוואָרן נאָר פאַר די נייע

מלוכות. עס איז אויך געווען גילטיק פֿאַר די לענדער פֿון קאָנטינענטאַלער אייראָפּע, וואָס האָבן פֿאַרמאָגט אַ מינדערהייטן־פּראָבלעם.

אַמעריקע, ענגלאַנד און פֿראַנקרייך האָבן פֿון פֿריער אָנגענומען, אַז זייער סיטואַציע איז וואָס שייך מינדערהייטן אַן אַנדערע. זייערע אַלגעמיינע גאַראַנטיעס פֿון פּערזענלעכער פֿרייהייט מאַכן אומנייטיק די ספּעציעלע באַוואָרענישן פֿאַר קולטור־מינדערהייטן. ד״ר זשיטלאָווסקי האָט אין קאַמף פֿאַר מינדערהייטן־רעכט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. צווישן די אַמעריקאַנער יידן האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע באַוועגונג, אין וועלכער עס זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן די פֿאַרשיידנסטע ריכטונגען אין יידישן לעבן. זשיטלאָווסקיס טעאָריעס האָבן דער גאַנצער פּראָבלעם געגעבן אַן אויסגעשפּראָכענע שאַרפֿקייט און קלאָרקייט. עס איז געלונגען איינצושטעלן אַ נאַציאָנאַלע אַחדות וועגן דעם וואָס די יידישע דעלעגאַציעס ביי דער שלום־קאָנפֿערענץ זאָלן פֿאָדערן, ווען מען וועט זיך אָװעקזעצן באַשטימען די גרענעצן פֿון דער נייער אייראָפּע נאָכן ערשטן וועלט־קריג.

היינט־צו־טאָג, פֿיר צענדליק יאָר שפּעטער פֿילן מיר, אַז ד״ר זשיטלאָווסקיס פֿאָרמולירונגען זיינען געווען בעסער אויסגערעכנט פֿאַר דעם יידישן קיבוץ אין מזרח־אייראָפּע, ווי פֿאַר די באַדינגונגען פֿון יידישן לעבן אין אַמעריקע.

דער גרונט־געדאַנק פֿון אויטאָנאָמיזם איז אויך פֿאַר אַמעריקע געווען אַ ריכטיקער: יידן דאַרפֿן זיך אויפֿהיטן ווי אַ היסטאָרישער קאָלעקטיוו און דאַרפֿן האָבן אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען אייגענע פֿאָרמען פֿון אַ נאַציאָנאַל לעבן. עס מוז זיך אַנטוויקלען אומעטום, וואו יידן לעבן, אַ פֿאָרעם פֿון אַ יידיש געמיינדע־לעבן. עס דאַרף געשטאַרקט ווערן די יידישע קולטור. די יידישע דערציאונג דאַרף פֿאַרבינדן דאָס קינד מיטן נאַציאָנאַלן קולטור־פֿאַרמעגן און מיט די טראַדיציעס פֿון פֿאָלק. דאָס אַמעריקאַנער לעבן האָט אָבער אַנטוויקלט אַנדערע סאָציאַלע און פּאָליטישע טראַדיציעס, וואָס מאַכן אוממעגלעך, אַז די יידישע געמיינדע זאָל טראָגן אַ רעכטלעך־פּאָליטישן כאַראַקטער, אַז זי זאָל קאָנען אַרויפֿלייגן אַ פֿאַרפֿליכטנדיקן שטייער, אַז זי זאָל פֿאַרמאָגן אַ וועלכן ניט איז רעכטלעך־פּאָליטישן סטאַטוס לגבי דער מלוכה און אירע אָרגאַנען.

ווען די אַגיטאַציע פֿאַר אַ יידיש־קולטורעלן קיום האָט זיך אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אָנגעהויבן טאַקע מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק,

האָט מען ביי אונדז ניט צו גוט פאַרשטאַנען דעם כאַראַקטער פון דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע און איר פּאָליטישן יסוד. אפשר זיינען נאָך די פּאָליטישע טראַדיציעס ניט געווען אַזוי איינגעפעסטיקט. לכל הפּחות, מוז מען זאָגן, אַז די מעגלעכקייטן פון זייער גרינדלעכער רעפאָרמאַציע האָט מען נאָך אין אונדזער סביבה באַטראַכט פאַר אַ ווירקלעכקייט, וואָס קאָן צו שטאַנד קומען.

ד״ר זשיטלאָווסקי האָט דעמאָלט לגבי אַמעריקע פאָרטראָטן דעם שטאַנדפּונקט, וואָס ער האָט בקיצור אַזוי פאָרמולירט: „די פאַראייניקטע פעלקער פון די פאַראייניקטע שטאַטן״. עס הייסט, אַז אַמעריקע וועט זיך אין דער צוקונפט מוזן קאָנסטרואירן, ווי אַ פיל־נאַציאָנאַליטעטן־שטאַט.

דאָס איז היינט־צו־טאָג אַ פאַנטאַזיע, וואָס קאָן ביי קיינעם ניט אַרויס־רופן קיין ערנסטע באַציאונג און קיין דרך ארץ. קיינעם וועט ניט איינ־פאַלן צו באַטראַכטן עס ווי אַ פאָרשלאַג, וואָס מיינט טאַקע באמת עפּעס ערנסט דורכצופירן אין לעבן. קינדער אין די פאַראייניקטע שטאַטן הייבן אָן דעם טאָג אין דער שול מיט אַ שבועה פון געטריישאַפט: „איין פאָלק, ניט צעטיילבאַר, מיט פרייהייט פאַר אַלעמען״. דער אַני־מאמין איז שוין אַ טייל פון אַמעריקאַנער לעבנס־שטייגער, וואָס אַלע האָבן אַקצעפּטירט און קיינער פרעגט מער ניט אָפּ. וואָס שייך דער יידן־פראַגע נייטיקן מיר זיך לגמרי ניט אין אַזעלכע דראַסטישע פּאָליטישע און קאָנסטיטו־ציאָנעלע ענדערונגען.

צי עס זאָל זיין אַ קיום פאַר יידן אין אַמעריקע איז היינט צו טאָג מער אָפּהענגיק פון אונדז אַליין, ווי פון וועמען ניט איז אַנדערש; עס זיינען פאַראַן געגוג גילטיקע פאָרמען פאַר יידישער אָרגאַניזירטקייט, וואָס קאָנען אונדז אויפהיטן ווי אַ נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו. די אינסטיטו־ציאָנעלע פאָרמען, וואָס דאָס יידישע געמיינדע־לעבן קאָן אָננעמען, קאָנען טראָגן דעם כאַראַקטער פון געזעלשאַפטלעכע, אָדער פון פריוואַט־געזעל־שאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס די מלוכה באַגינסטיקט, אָבער נאָר ווי דערציערישע, קולטורעלע אָדער רעליגיעזע קאָרפּאָראַציעס. זייער מיט־גלידערשאַפט דאַרף ווערבירט ווערן אויף אַ פרייוויליקן אופן. וואָס זעען מיר טאַקע ביים היינטיקן טאָג? פרייוויליקע יידישע געמיינדע־אינסטיטו־ציעס, געבויט אויפן פרינציפּ פון וואָלונטאַריזם און באַגינסטיקט פונעם שטאַט ווי קאָרפּאָראַציעס.

פשוט און פּראָסט הייסט עס אַזוי: כדי דער ייד זאָל קאָנען בלייבן אַ טייל פון אַ היסטאָרישן קאָלעקטיוו דאַרף ער ביי קיינעם ניט פועלן, ער דאַרף פועלן ביי זיך אַליין!

דאָס איז אין דער פּראַקטיק ניט אַזאַ גרינגע זאַך, ווי עס קאָן זיך טעאָרעטיש אויסדוכטן. די סיבות דערפון זיינען פאַרשיידענע:

אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט, וואו עס ווירקט גלייכצייטיק אַ מערהייט־קולטור, מיט דער אָנערקענונג און דעם פּרעסטיזש וואָס די קולטור פון דער מערהייט פאַרמאָגט, ווערט אַלץ שווערער פאַר די מינדערהייטן פּסיכיש אויפצוהיטן זייער שטייגער־לעבן.

אויף יענער זייט ים האָבן יידן געפאָדערט דאָס רעכט פון אַ פאָלקס־מינדערהייט, קלאָר אויסטיילנדיק זיך פון דער מערהייט פון פאָלק, פּאָליאַקן, ליטווינער, ווייסרוסן אָדער אוקראַינער. מיר זיינען קלאָר באַשטאַנען אויף אונדזערע מינדערהייטס־רעכט און מינדערהייטס־אינטערעסן. ווער וויל זיך אָבער היינט אין די פאַראייניקטע שטאַטן באַטראַכטן פאַר אַ מינדערהייט? דער אַמעריקאַנער ייד קאָן פּסיכאָלאָגיש ניט אַריבערטראָגן דעם סטאַטוט פון אַ מינדערהייט. מינדערהייט־סטאַטוס וואָלט פאַר אים מענטשלעך ניט מעגלעך געווען אַריבערצוטראָגן.

דעם דאָזיקן געזעלשאַפטלעכן און פּסיכאָלאָגישן פענאָמען מוז מען פאַרשטיין. די סטרוקטור פון אַ מענטשנס כאַראַקטער קאָן מען ניט סתם בייטן דורך אידעען. פאַרקערט, דער כאַראַקטער באַשטימט וועלכע אידעען דער מענטש וועט אַקצעפּטירן און וועלכע ער וועט אָפּוואַרפן. מען קאָן זאָגן, אַז עס איז ניט מעגלעך קיין קיום פאַר יידישקייט און פאַר זיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסן, אויב ער וועט צו מאָל ניט גיין קעגן דער וועלט, און ניט דווקא מיט איר. אַזעלכע אַנטשיידונגען קומען אויף פון צייט צו צייט אין מאָמענטן פון קריזיס; אומבאַוואוסטזיניק, מוזן זיי תמיד לעבן ווי אַ „פּסיכישע מעגלעכקייט". באַוואוסטזיניק וועט דער פאַרפרעמדטער ייד ניט וועלן באַטראַכטן זיין יידישקייט ווי אַ גרונט־ליניע פאַר זיין אַלגע־מיינעם סאָציאַלן אויפפיר. דער אַמעריקאַנער ייד באַטראַכט זיך ווי אַן אַמעריקאַנער, „פונקט אַזוי גוט ווי אַלע אַנדערע אַמעריקאַנער". וואָס הייסט, וועט ער זאָגן, די קינדער פון די איטאַליענישע, אירלענדישע און סלאַווישע גרופּעס זיינען יאָ אַמעריקאַנער און איך ניט? וואָס ווילט איר, אַז איך, ווי אַ ייד, זאָל בלייבן פון דרויסן? דאָס וואָלט געהייסן פאַר מיר

אַן אַקט פון אַן אַליין־אַרויפגעצוואונגענער דיסקרימינאַציע, וואָס איך קאָן בשום אופן ניט אַקצעפּטירן, דאָס וועט אָנרירן מיין גאַנצן מעמד אין לעבן.

בירגערלעכע רעכט זיינען היינט־צו־טאָג ניט קיין שטרייט־פראַגע. פאַר דעם האָט דער אַמעריקאַנער ייד קיין מאָל ניט געדאַרפט שווער קעמפן. עס איז אָנגעקומען גרינג. דער עיקר זיינען פאַרן אַמעריקאַנער יידן היינט־צו־טאָג די רעכט אויף גלייכקייט אין די מער אינטימע ספערן פון געזעלשאַפטלעכן פאַרקער, אויך אין דער פּאָליטישער טעטיקייט פון לאַנד.

דער אַמעריקאַנער ייד האָט דורך זיין דערציאונג, דורך דעם אַלגעמיינעם סאָציאַלן קלימאַט אין לאַנד אַנטוויקלט אין זיך אַזאַ פּסיכאָלאָגישע שטעלונג, וואָס דערלאָזט אים ניט אַריבערצוטראָגן אַ מינדערהייטן־סטאַטוס. וואָס איז פון דעם געדרונגען?

מיר מוזן קעמפן פאַר אונדזערע נאַציאָנאַלע רעכט און פאַר אונדזער קיום אַרויסגייענדיק פון אַן אוניווערסאַלן פּרינציפּ, ד״ה פון אַ רעכטלעכן פּרינציפּ, וואָס איז גילטיק און פאַרמאָגט אָנערקענונג, אָדער קאָן פאַרמאָגן אָנערקענונג אין אונדזער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט. די רעליגיעזע גרופּעס אין יידישן לעבן באַזירן דאָס רעכט אויף יידישער אַנדערשקייט שטיצנדיק זיך אויפן פּרינציפּ פון טאָלעראַנץ פון רעליגיעזע גרופּעס, פון זייערע גלויבנס און מנהגים. לויט דעם קוק זיינען יידן, וועדליק דעם איינגעשטעלטן נוסח, אַ רעליגיעזע עדה, וואָס געניסט פון דער פרייהייט אָפּצוהיטן איר שטייגער און נוסח לעבן. די לעגאַלע פאָרעם איז פון אַ געזעלשאַפטלעכער אָדער פּריוואַט־געזעלשאַפטלעכער קאָרפּאָראַציע.

דער וועלטלעך־נאַציאָנאַלער נוסח, וואָס שטרייכט אונטער קולטור אַנשטאָט אמונה, איז דער איינציקער, וואָס זוכט אַ נייעם יסוד, אַ נייעם עפנטלעך־אָנערקענטן יסוד פאַר אונדזער קיום. כל זמן די מאָראַלישע און די רעכטלעך־סאָציאַלע יסודות פון אַזאַ וועלט־באַנעם וועלן ניט קריגן קיין אָנערקענונג אויך אויסער אונדזערע אייגענע ד׳ אמות, איז דאָס אַ לעבן בתנאי; עס וועט זיין אַ לעבן, וואָס איז ניט פאַרשטענדלעך פאַר אונדזער יוגנט און די יינגערע דורות בכלל; אויך אונדזערע מיטבירגער דאַרפן אים פאַרשטיין, כדי דער נוסח זאָל קאָנען ווערן אַ טייל פונעם אַלגעמיינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און זיין עפּאָס.

למען האמת מוז מען קלאָר מאַכן, אַז די רעליגיעזע גרופּעס האָבן אויך אַ נאַציאָנאַלן יסוד הינטער זייערע רעליגיעזע פירונגען. זיי מינימיזירן אים נאָר פאַר דער וועלט און שטעלן אַרויס די אַלגעמיין־אָנערקענטע רעליגיעזע יסודות און רעכט. פרומע יידן פירן זיך אָבער ווי אַ נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו און ווי טיילן פון אַ היסטאָרישער נאַציע.

ד״ר מרדכי קאַפּלאַן רעדט, למשל, וועגן יידישקייט ווי אַ ציוויליזאַציע, דאָס הייסט וועגן עפּעס, וואָס שטייגט אַריבער סיי הלכה, סיי אגדה. אמת, ווי אַ ציוויליזאַציע איז יידישקייט, לויט די רעקאָנסטרוקציאָניסטן, אַ רעליגיעזע ציוויליזאַציע.

דער לעבנס־קוק וואָס וויל און מוז אַרויסשטעלן אונדזער נאַציאָנאַלן קיום ווי אַ פאָלק אָדער אַ נאַציאָנאַליטעט, מוז אויך נעמען אין אַכט, ווי די רעליגיעזע גרופּעס נעמען אין אַכט, די געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע ווירקלעכקייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אונדזערע ראשונים סוף 19טן יאָרהונדערט האָבן געזען די וועלט אין צושטאַנד פון רעוואָלוציע, זיי האָבן געווירקט אין אַ היסטאָרישער תקופה, וואָס האָט געגלייבט, אַז מען קאָן איבערפורעמען אַלע געזעלשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע יסודות. היינט ווייסן מיר, אַז די אַמעריקאַנער געזעלשאַפט האָט שוין אָנגענומען באַשטימטע סטאַבילע פאָרמען, לכל הפחות בנוגע איר פּאָליטישער סטרוקטור, ווירטשאַפט און אירע גרונטיקע קולטור־פאַרהעלטענישן. די אַמעריקאַנער קולטור־טראַדיציעס זיינען, פון איין זייט, מער פרייהייט־לעכע, זיי פאַרמאָגן מער זיכערקייט פאַרן יחיד, מער מעגלעכקייטן פאַר אַ קולטור־גרופּע פריי זיך אויסצולעבן, אָבער דער אויסקוק אויפן מאָרגן, ווי ער קומט צום אויסדרוק אין דער מאַסן־קולטור, איז פאַר אונדז ניט קיין גינסטיקער. אויף קולטורעלע פאַרשיידנקייטן קוקט מען געוויינלעך ווי אויף דערווייַלקייטן, וואָס וועלן פריער אָדער שפּעטער מוזן פירן צו איין־פאָלקישקייט.

כדי צו קאָנען ווירקן לטובת אונדזער נאַציאָנאַלער דערהאַלטונג אין די אַמעריקעס, מוזן מיר זען אַ נייע וויזיע פאַר אַמעריקע, מוזן מיר פאַר־מאָגן אַן אַנדער אויסבליק אויף איר ווייטערדיקער קולטורעלער אַנט־וויקלונג און אויף די פרייהייטן וועלכע זי וועט באַשיצן. מוזן מיר אויך זען וואו די וויזיע שיידט זיך אונטער פון יענע געזעלשאַפטלעכע פּערס־פּעקטיוון, וואָס אונדזערע באַוועגונגען האָבן אָנגעצייכנט ווי די אידעאַלע

יסודות פאַר אַזעלכע לענדער אַ שטייגער, ווי פוילן, ליטע און לאַטוויע פאַרן צווייטן וועלט־קריג. עס איז אויך וויכטיק צו וויסן אויף וויפל אונדזערע שטרעמונגען שטימען מיט די בעסטע און די סאַמע פרייהייט־לעכסטע טראַדיציעס פון דער אַמעריקאַנער געשיכטע, — „די אַמעריקאַ־נער אידעע" — ווי די פאַטערס פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע האָבן זי פּראָקלאַמירט. וויסן, באַטייט זיין קלאָר, איבערהויפּט ווען די דאָזיקע פרייהייטלעכע טראַדיציעס קאָנען זיין דער סאַמע יסוד פאַר אַן אוניווער־סאַלן פּרינציפּ פון אונדזער קולטורעלער דערהאַלטונג.

דער דרך מוז זיין היפּשלעך אַן אַנדערער ווי דער דרך פון סתם דעסקריפּטיווער סאָציאַלער פאָרשונג, וואָס פאַרצייכנט און אָנערקענט בעיקר די דאָמינירנדיקע טענדענצן, ווי זיי ווירקן היינט־צו־טאָג און לייגט ניט קיין אַכט אויף די היסטאָרישע טראַדיציעס און טענדענצן. פאַר אונדז זיינען די היסטאָרישע טראַדיציעס אויסערגעוויינלעך וויכטיק. די דעס־קריפּטיווע סאָציאָלאָגישע פאָרשונגען גיבן אונדז אָפט אַ בילד פון די טענדענצן ווי זיי קומען צום אויסדרוק אין דער אַמעריקאַנער מאַסן־קול־טור. די טענדענצן זיינען אָבער ניט די איינציקע וואָס ווירקן אין לעבן פון דער געזעלשאַפט. מיר דאַרפן ניט אַרויסטרעטן אַזוי קעגן די פאַקטן פון די סאָציאָלאָגישע פאָרשונגען, ווי קעגן דער טענדענץ צו מאַכן זיי נאָרמאַטיוו. מאַכן זיי נאָרמאַטיוו הייסט זאָגן, אַז „אַלץ ווי עס איז, דאַרף זיין". דאָס וואָלט געהייסן פאַרלייקענען אין אונדזער לעבן דעם באַטייט און דעם ווערט פון די גרויסע מאָראַלישע און געזעלשאַפטלעכע ווערטן, וואָס יעדע ציוויליזאַציע ברענגט אַרויס, וואָס זיינען געווען אַזאַ גרויסער באַוועגנדיקער כוח אין דער יידישער פאַרגאַנגענהייט.

*

די צוויי איינציקע טעאָרעטישע לייזונגען פאַר דעם יידישן סטאַטוס אין די פרייע דעמאָקראַטישע לענדער קאָנען דעריבער זיין: א) דער קוק אויף יידן ווי אויף אַ רעליגיעזער געמיינדע. דאָס איז, למשל, פאַר אַמערי־קאַנער נאַטירלעך, ווייל יעדער „געהערט" אין די פאַראייניקטע שטאַטן צו אַ רעליגיעזער גרופּע. די איינטיילונג אויף פּראָטעסטאַנטן, קאַטאָליקן און יידן איז געוואָרן אַן אָנגענומענער רעכטלעך־אָנערקענטער פּרינציפּ. ב) די אידעע פון קולטורעלן פּלוראַליזם אָדער קולטור־דעמאָקראַטיע, וואָס

איז דער אני־מאמין פון מער אויפגעקלערטע פּאָליטישע דענקער, קולטור־אַנטראָפּאָלאָגן, סאָציאַל־אַרבעטער, פאָרשער פון דער אַמעריקאַנער געשיכטע און ציוויליזאַציע.

וואָס הייסט קולטורעלער פּלוראַליזם? עס הייסט די אידעע וועגן דעם רעכט פון יעדער פּאָלקס־גרופּע אויף איר אייגנאַרט, אויף איר ווייטער־דיקער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. אַמעריקע, זאָגן די קולטור־פּלוראַליסטן, איז טאַקע איין ציוויליזאַציע מיט איין קולטור־שטייגער, אָבער דער קולטור־שטייגער קאָן נאָר געווינען פון פאַרשיידנאַרטיקייט. יעדער מענטש געהערט אין תוך צו מער ווי איין אַסאָציאַציע. ער איז אַ טעכניקער, אַן אינזשעניר, אַ קינסטלער, אַ באַלמעלאָכע און יעדער פאַך לייגט אַרויף זיין שטעמפּל אויפן מענטשן. גלייכצייטיק איז יעדער איינציקער ס׳רוב אַ צוגעהעריקער פון אַ רעליגיעזער גרופּע, אָדער ער האָט אַנדערע „מעטאַ־פיזישע איבערצייגונגען" וועגן זין פון לעבן און וועגן זיינע מענטשלעכע התחייבותן. מענטשן געהערן אין אַ פרייער געזעלשאַפט אויך צו פאַרשיי־דענע פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס גייען זיך גריילעך שטאַרק פונאַנדער און האָבן אַן אַנדערן בליק אויף די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון אונדזער געזעלשאַפט. פאַרוואָס זאָל דאָס געהערן צו אַ קולטור־גרופּע, פאַר־וואָס זאָל דאָס אָפּהיטן אירע קולטורעלע טראַדיציעס, זיין אין סתירה צו דעם גאַנג פון אַ דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט? פאַרקערט, אָפּהיטן די קולטורעלע טראַדיציעס, אָפּהיטן דעם לעבנסשטייגער קאָן נאָר באַריי־כערן די אַמעריקאַנער קולטור. אַמעריקע האָט אַ סך געוואונען פון די באַזונדערע טאַלאַנטן און קולטור־אוצרות, וועלכע עס האָבן געבראַכט מיט זיך די עטנישע גרופּעס, וואָס האָבן דאָ איינגעוואַנדערט.

דער אופן ווי אַזוי דער מענטש לעבט אין דער משפּחה, וועלכע שפּראַך ער נוצט פאַר זיינע אינטימע באַדערפעענישן, וועלכע מנהגים און צערעמאָניעס ער היט אָפּ, דאָס געהערט אין אַ דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט צו די פּערזענלעכע רעכט פון יחיד. די אידעע פון שמעלץ־טאָפּ איז געווען אַ פאַלשע אידעע און אַ שעדלעכע אילוזיע. זי האָט באַשאַפן אַ לעבנס־שטייגער אָן וואָרצלען, מענטשן וואָס זיינען מאָראַליש דעגראַדירט געוואָרן. זי האָט אַריינגעבראַכט נשמה־צערודערונג און פאַלשקייט אין די באַציאונ־גען צווישן מענטשן.

אין יידישן לעבן, מוזן מיר היינט זאָגן, האָט די שטרעבונג צו צופּאַ־

סונג געפירט צו אַ מין צופּאַסן אַ קליינע אָרעמע און איינגעדאַרטע ייִדישקייט צו אַן אָרעמער איינגעדאַרטער מענטשלעכקייט. עס איז ניט אויסן וועג צו פרעגן: וואָס האָט סיי די ייִדישקייט און סיי די מענטשלעכקייט געמאַכט איינגעדאַרט און אָרעמער? דאָס דאַרף היינט־צו־טאָג ניט זיין שווער צו באַשיידן.

קולטור איז ירושה פון דורות. אוניווערסיטעטן, ביבליאָטעקן, קענ־טעניש פון דער ליטעראַטור און דער ציוויליזאַציע קאָנען די ירושה מאַכן מער ראַפינירט, בעסער דאָקומענטירט, אָבער דער וואָרצל מוז קומען פון דעם אייגענעם קולטורעלן באָדן, פון דער אייגענער היים, וואָס באַשאַפט די גרונט־איינשטעלונגען צום לעבן. קיין שום מענטשלעכער דור קאָן ניט אָנהייבן פון אָנהייב. ער דאַרף די לעבנס־חכמה פון דורות פאַר אים. דאָס קאָן אים נאָר געבן די משפחה, די אייגענע פאָלקישע טראַדיציע; אָן דעם בלייבט דער מענטש ווי אַן אָפּגעריסענער בלאַט אויפן באַראַט פון יעדן ווינט. ער מוז פאַרדאַרט ווערן. ער קאָן ניט וואַקסן אין זיין מענטש־לעכקייט, ער קאָן ניט איבערלאָזן קיין גייסטיקע יורשים נאָך זיך.

דער קולטור־פּלוראַליזם איז אַ גרויסע פרייהייטלעכע אידעע און זי לעבט אויף יענע שטחים פון פאָרשונג, וואָס זיינען נאָך ניט צו שטאַרק באַווירקט געוואָרן דורך די ווערטן פון דער מאַסן־קולטור און איר שטרעבונג אַלץ אויסצוגלייכן און ניוועלירן. קולטור־פּלוראַליזם איז שטאַרק אָנגעלייגט ביי די פאָרשער, וואָס פאַרנעמען זיך מיט די נייע הומאַניסטישע געביטן פון וויסן, וועלכע זיינען נאָך ניט איינגעפרוירן געוואָרן און פאַר־מאָגן נאָך דעם אומרו פון מענטשלעכער אומצופרידנקייט. ביי קולטור־אַנטראָפּאָלאָגן, וואָס פאָרשן פרימיטיווע קולטורן שטאַמט זייער פּלוראַליס־טישער איינשטעל פונעם גרויסן דרך ארץ צו יעדער מאַניפעסטירונג פון מענטשלעכן גייסט, ווי מען טרעפט אים אין קולטור־שטייגער אַפילו פון די פרימיטיווע פעלקער. יעדער קולטור־שטייגער איז אַ נייער מענטשלע־כער באַשאַף, וואָס האָט עפּעס אַנטפּלעקט און עפּעס שעפעריש אויפגע־לעבט אין דעם מענטשן. סאָציאָלאָגן, וואָס האָבן געפאָרשט דעם פּראָצעס פון אורבאַניזאַציע און די צעפאַלונג פון מידות ביים צווייטן דור איינגע־וואַנדערטע משפחות, ווייסן ווי אָפּצושאַצן די אינטעגרירטקייט פון אַ לעבנס־שטייגער, וואָס קאָן זיך אויפהיטן און פונקציאָנירן ווי אַ גאַנצקייט אויך אין דער פרעמד.

סאָציאַל־אַרבעטער, וואָס האָבן צו טאָן מיט יחידים און גרופּעס, וואָס ליידן צום שטאַרקסטן פון די איבלען פון דער היינטיקער אינדוסטריעלער געזעלשאַפט, זיינען די בעסטע עדות ווי אַזוי אָרעמקייט ווירקט פאַרשיידן אויף משפחות. קוים ווערט נאָר אויפגעהיט אַ נאָענטקייט צווישן טאַטע־מאַמע און קינדער, און עס ווירקט נאָך אין דער משפחה דער כוח פון אַן איינגעפעסטיקטן קולטור־שטייגער, וועלן ניט אָרעמקייט און ניט אַ שלעכטע און דעזאָרגאַניזירטע סביבה פירן צו פאַרברעכערישקייט. די היים איז אַ פעסטונג קעגן אַלדאָס בייז. דער איינגעשטעלטער נוסח פון לעבן פאַר־היט אַ מענטשן אַריינגעצויגן צו ווערן אין דער נעץ פון אַנטיסאָציאַלע, פאַרברעכערישע אַקטן.

דער קאָנפאָרמיזם אין אַמעריקאַנער לעבן פירט אָבער צו דעם, אַז אויך די נייע פאָרש־געביטן, וואָס האָבן במשך פון אַ צענדליק יאָר געדינט ווי שפּייכלערס פון אַנטיקאָנפאָרמיסטישע אידעען, זאָלן זיך אָנהייבן בייטן. אויך פאָרשער פון סאָציאַלע וויסנשאַפטן נעמען ביסלעכווייז פאַרלירן די אַמאָליקע בונטאַרישקייט און זיך שטעלן אויף יענער זייט פון סאָציאַלע וויכוחים און ווערט־שאַצונגען. דער וועג צום כלומרשטדיקן פולן „אָביעק־טיוויזם" פירט צו אַ מין באַפרייען זיך פון סאָציאַלע התחייבותן. עס איז נאָך אָבער, צום גליק, צו אַזאַ צושטאַנד ניט דערגאַנגען. די אידעען פון קולטורעלן פלוראַליזם אָדער קולטור־דעמאָקראַטיע קאָן מען נאָך דערריי־בער באַטראַכטן ווי לעבעדיקע און ווירקנדיקע אידעען אין אַמעריקאַנער לעבן. דער אַמעריקאַנער פלוראַליזם ווי אַ לעבנס־פילאָסאָפיע איז אין זיין אמתדיקייט ניט אָפּהענגיק אָן דעם וויפל עטנישע מינדערהייטן עס ווילן זיך אויפהיטן אין אַמעריקאַנער לעבן און וויפל ניט. ווי אַ קולטור־פילאָ־סאָפיע גיט זי אַ מעגלעכקייט פאַר די, וואָס ווילן זיך אויפהיטן ווי אַ גייס־טיקע געמיינדע, צו געפינען אַ פילאָסאָפיש־רעכטלעכע מאָטיווירונג.

קיינער דאַרף ניט לייקענען די רעליגיעזע ראַם, וואָס די אַמעריקאַנער געזעלשאַפט אָנערקענט. סוף כל סוף איז אמונה אַ באַגריף, וואָס איז אין אונדזער צייט ניט דורכאויס דעפינירט. „רעליגיע" קאָן פאַרמאָגן אויסער דער קאַטעגאָריע פון גלויבן אויך מאָמענטן פון לעבנס־שטייגער. קולטור־פלוראַליזם איז אָבער אַ מער אָביעקטיווע דעפיניציע פון קולטור, ווי אַ סימן פון יידישן געמיינדע־שטייגער. עס אָנערקענט אויך דעם פאַקט, אַז אין יידישן לעבן זיינען פאַראַן אויך אַגנאָסטיקער, מענטשן מיט אַלערליי

פילאָסאָפישע און מעטאַפיזישע געבונדנקייטן און דאָס גיט זיי אויך די גייסטיקע ראַם, זיי זאָלן זיך פילן ווי צוגעהעריקע צום ידישן פאָלק.

מען קאָן פרעגן: צו וואָס און פאַר וועמען איז דער קולטור־פלוראַליזם בכלל נייטיק? אַ יחיד, וואָס איז מיט אַלע פעדעם פון זיין וועזן אויסגעבונדן מיטן ידישן פאָלקס־לעבן קאָן זאָגן: „איך נייטיק מיך נישט אין קיין שום ראַציאָנעלער דערקלערונג למאי איך וויל זיך פילן צונויפגעבונדן מיט מיין פאָלק!". דעם קולטור־פלוראַליזם דאַרף מען דעריבער פאַרשטיין ניט אַזוי ווי אַ ידישע, נאָר בעיקר ווי אַן עפנטלעכע קיומיסטישע לעבנס־פילאָסאָפיע און דאַרף באַטראַכט ווערן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער צייט און מיט דער ציוויליזאַציע אין וועלכער מיר לעבן.

פערטער טייל

ד״ר זשיטלאָווסקיס אָפּטימיזם האָט אים פאַרפירט; זשיטלאָווסקי האָט ניט פאַרשטאַנען די צעשטערבאַרקייט פון גרויסע מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע קולטור־ווערטן. שפּראַך, פאָלקס־שפּראַך איז איינע פון די גאָר גרויסע און פון די הייליקע ווערטן. ד״ר זשיטלאָווסקי האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז שפּראַך קאָן אָבער נאָר אַזוי לאַנג ווירקן אין לעבן און געוועלטיקן, כל זמן מען וועט שעפּעריש אויפהיטן אַלע אַנדערע מענטשלעכע באַזונדערקייטן, נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע, אויך אַזעלכע, וואָס זיינען שייך דעם מענטשן ווי אַ יחיד. שפּראַך טאָר מען ניט באַטראַכטן ווי סתם אַ כלי פאַר פאַרשיידענע „אַלגעמיין מענטשלעכע" ווערטן, נאָר מען מוז זי באַטראַכטן ווי דעם לעבעדיקן אויסדרוק פון אַ לעבן, אַ באַזונדערן פאָלקס־לעבן, אַן אויסדרוק פון אַ לעבנס־שטייגער, וואָס מען פירט.

דאָס לעבן פון פאָלק איז אַ גרויסע דראַמע, וואָס וויקלט זיך פונאַנדער במשך פון יאָרהונדערטער, עס פאַרמאָגט זיין אייגענע שפּאַנונג, די באַזונדערע קאָנפליקטן פון מענטשלעכן כאַראַקטער און דעם געראַנגל מיטן גורל. די אייגנאַרטיקייט פון אַ שפּראַך האָט אַ גרויסע פסיכישע געבונדנקייט מיט דעם וואָס אין דער דראַמע פון פאָלקס־לעבן שפּילט זיך אָפּ.

ד״ר זשיטלאָווסקי איז געווען אַ פילאָסאָף און ער האָט געהאַלטן הויך דעם ווערט פון אידעען. ער האָט אָבער ניט פאַרמאָגט די גענייגטקייט פון אַ סאָציאָלאָג, כדי צו פאַרשטיין דעם ווערט פון אינסטיטוציאָנאַליזם, דאָס

הייסט, דעם ווערט צו באַשאַפן אין לעבן אינסטיטוציעס, איינשטעלן אַ נוסח, פאַרמולירן תקנות, דורך פערזענלעכן ביישפּיל פאַרפּלאַנצן מידות טובות. ווי האָט ער עס געקאָנט פאַרשטיין? ער האָט געהערט צו אַ רעוואָ־לוציאָנערן דור, זיין אויפגאַבע איז צו צעשטערן אינסטיטוציעס. צום ווינציקסטנס די סתירה געפינען מיר אין די אַרבעטן פון ד״ר זשיטלאָוו־סקי אין די ערשטע יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט. זיין גרעסטע אמונה איז אין בילדונג און אויפקלערונג, אין מענטשלעכן וויסן. מען מוז צוגעבן צו זיין שבח, אַז אונטער וויסן האָט ער פאַרשטאַנען ניט קיין פּאָפּולאַריזאַ־ציעס, נאָר אויטענטיש וויסן. ד״ר זשיטלאָווסקי האָט געלערנט ניט אַרונ־טערצולאָזן זיך צום פאָלק, נאָר אים אויפהייבן צו זיך.

אין זיין פערזענלעכן לעבן איז אָבער זשיטלאָווסקי געווען אַ שטיק סתירה און אַ צווייענדיקייט. ער איז שוין געווען דער מאָדערנער צערי־סענער מענטש, דער שיק־גייסט, וואָס מוז דינען נאָר מיט זיין שאַפונג און ניט מיט זיין לעבן. די „אָלימפּישע רואיקייט״ איז נאָר געווען אַ פאַרשטעט־לעניש. ער איז געווען פון די אומרואיקע גייסטער פון אונדזער יאָרהונ־דערט; זשיטלאָווסקי, דער מענטש, איז שוין אַן איינברוך מיט דער טראַדי־ציע פון דעם תלמיד־חכם ביי יידן. אשכנזישע יידן האָבן ביזן אויפקום פון דער נייער ליטעראַטור ניט געשריבן אַזוי פיל ספרים, זייער לעבן איז געווען דאָס שענסטע ווערק; האָבן זיי דעריבער געקאָנט באַשאַפן אַ סטיל אין לעבן, פילט מען אין זייערע מעשים די דויערהאַפטיקייט פון אַ לעבנס־געפיל. ראש ישיבות האָבן געזוכט גיכער אויפצושטעלן אַ דור לומדים, ווי אָנצופילן אַ פאָליצע ספרים. עס האָט געהערשט אין יידישן לעבן אַ וואונ־דערלעכער דעמאָקראַטיזם, וואָס האָט גראָד געפעלט ביי אַ שפּעטערדיקן דור, וואָס האָט פּראָקלאַמירט קאָלעקטיוויזם און איז געווען פאַרשאָלטן פון סאַמע צעפּייניקטן אינדיווידואַליזם.

ד״ר חיים זשיטלאָווסקיס פשרה וועגן דער שייכות פון קולטור־ווערטן און שפּראַך איז אַ ריין מעכאַנישע; זי איז אויך נאָר איינע פון יענע צייט־ווייליקע היסטאָרישע אידעען־פאַרבינדונגען, וואָס זיינען גילטיק פאַר אַ באַשטימטער היסטאָרישער תקופה און מער ניט. דעם אמת מוז מען זאָגן אָרנטלעך און אויפריכטיק אפילו נאָך דעם, ווי מען אָנערקענט דעם גרויסן היסטאָרישן פאַרדינסט פון ד״ר זשיטלאָווסקין ווי אַ קעמפער פאַר

דער יידישער שפּראַך און קולטור, און ווי אַ בויער פון מאָדערנעם יידישן לעבן.

זשיטלאָווסקיס פּשרה איז אַ צו־מעכאַנישע, זי באַרגט צו פיל ביים קאָסמאָפּאָליטיזם. זי שטימט ניט סיי מיט דעם, וואָס מיר אַליין פילן וועגן דעם כאַראַקטער פון קולטור און שפּראַך און אויך שטימט זי ניט מיט דעם, וואָס מיר ווייסן היינט־צו־טאָג פון קולטור־אַנטראָפּאָלאָגישע פאָר־שונגען. וואָס זאָגט זשיטלאָווסקי? עס איז פאַראַן איין אַלגעמיין מענטש־לעכע קולטור, אירע אינהאַלטן און ווערטן זיינען אוניווערסאַלע, אירע אידעען זיינען גילטיק פאַר אַלע אומות, צייטן, עס איז פאַראַן נאָר אַ נאַציאָנאַלע פאָרעם, וואָס געפינט אַן אויסדרוק אין דער שפּראַך.

זשיטלאָווסקיס פאָרמול געהערט צום 19טן יאָרהונדערט, איידער עס איז קלאָר געוואָרן די קאָמפּליצירטקייט פון אונדזער לעבן, די גרונטיקע אַנדערשקייט פון קולטור־שטייגערס, זייער שורשדיקע היסטאָרישע פאַר־שיידנקייט.

ווייניק פאָרשער גלייבן היינט אין אַ ליניאַלער, גלייכער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער קולטור. יעדע קולטור איז אַן אַנדערע קאָנסטרוקציע פון מענטשלעכע כאַראַקטערן, מעגלעכקייטן, ליידנשאַפטן און מידות. היינט קאָנען מיר ניט זאָגן אַזוי פּשוט און פּראָסט: עס איז פאַראַן נאָר איין אַלגע־מיין־מענטשלעכע קולטור און די שפּראַכן זיינען נאָר אַ באַזונדער לבוש און אַ פאָרעם.

ד״ר זשיטלאָווסקי פאַרשטייט זייער גוט דעם באַטייט פון קולטור־פאָרמען פאַר דער אַנטווילונג פון פעלקער און פאַר זייער נאַציאָנאַלער דערהאַלטונג. צי איז אָבער מעגלעך צו מאַכן אַזאַ שניט צווישן קולטורעלע אינהאַלטן און קולטורעלע פאָרמען? געוויס פאַרמאָגט אונדזער מערב־ציוויליזאַציע בשותּפותדיקע ווערטן און לעבנס־פאָרמען. עס איז די גרויסע פליכט אין אונדזער טראַגישער צייט אונטערצושטרייכן די געבונדנקייט פון פעלקער און קולטורן, זייער מענטשלעכע שותּפות און פאַראַנטוואָרט־לעכקייט. צי קאָן אָבער עקזיסטירן אַ שפּראַכלעכער סטיל אָן דער צונויפ־געבונדנקייט פון אַן אייגנאַרטיקן שטייגער לעבן? די גרויסע הומאַניסטישע ווערטן קומען ניט אויף אין דער קולטור־אַנטוויקלונג פון פעלקער אומ־אָפּהענגיק פון זייער נאַציאָנאַלער געשיכטע און כאַראַקטער. ביידערליי ווערטן אַנטוויקלען זיך היסטאָריש און ווי אַ צווילינג אין לעבן פון פאָלק.

שמעון דובנאָוו האָט דעריבער געגעבן אַ ריכטיקערן ענטפער, ווען ער האָט געזען דעם גאַנג אין דער אַנטוויקלונג פון פעלקער אויף אַזאַ אופן: דורכן נאַציאָנאַלן צום אוניווערסאַלן („בריוו וועגן אַלטן און נייעם יידנטום", 1907), ערשט דורך דעם, וואָס אַ פאָלק אַנטוויקלט זיינע אייגנאַרטיקע קולטור־פאָרמען, וואָס עס זוכט די העכסטע שלמות אין די ד׳ אמות פון זיין אייגענעם לעבן (אין דער געזעלשאַפט, מאָראַל, פילאָסאָפיע און קונסט), אַנטוויקלט ער אויך, אויב אים איז נאָר באַשערט, יענע אַלגעמיין־מענטשלעכע ווערטן, וואָס גיבן זיין אייגענעם לעבן און זיינע אויפטואונגען אַ דימענסיע פון אוניווערסאַלקייט. די סאַמע אוניווערסאַלסטע שאַפונגען פון מענטשלעכן גייסט זיינען אויך די סאַמע פאַרוואָרצלטע אין דעם קולטור־שטייגער און אין דער היסטאָרישער תקופה פון באַשטימטע פעלקער: אונדזער אייגענער תנ״ך, דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע", שעקספירס דראַמען, טאָלסטאָיס „קריג און פרידן".

מיר מוזן זיך אין אונדזער יידישקייט באַפרייען פון יעדן מין התנצלות און אויפהערן מורא צו האָבן פאַרן שולחן־ערוך פון אַלטן אויפקלערערישן קאָסמאָפּאָליטיזם פון די 80קער און 90קער יאָרן. צו פיל חטאים האָט מען אויף אונדז דעמאָלט געפונען! מיר זיינען גאָר ניט געווען אַזוי פאַרקרימט, אַזוי הכנעהדיק, אַזוי גייסטיק אָרעם און אָבסקוראַנט; אונדזער יידישקייט דאַרף פאַרמאָגן פאַר אונדז אַליין מער ווערדע, מער באַוואוסטזיין פון אייגענער חשיבות, כדי צו קאָנען אונדז שטאַרקן!

*

קיינער פון אונדז טאָר ניט צומאַכן די אויגן דערויף, אַז עס ווירקן פאַרדאַרבנדיקע פּראָצעסן, וואָס דעפאָרמירן, פאַרקרימען און צעקריימען דאָס יידישע לעבן. ד״ר הערצל האָט מיט ווייטאָג אויפגעוויזן, ווי אין די לענדער וואו יידן וועלן ווערן אונטערדריקט עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, וועלן זיי פיזיש מוזן אונטערגיין. אין די לענדער דאַקעגן, וואו זיי לעבן פריי, וועלן זיי מוזן גייסטיק אונטערגיין, צוליב אַסימילאַציע. מיר זיינען ניט גרייט אָנצונעמען דעם גזר. אַ האַלבער יאָרהונדערט נאָך דעם ווי ד״ר הערצל האָט אַרויסגעשטעלט די טעזע, זיינען פאַראַן גענוג פאַקטן סיי צו באַשטעטיקן און נאָך מער אָפּצולייקענען דעם גזר־דין. מיר וויסן אָבער סיי פון הערצלען, סיי פון אחד העמען און דובנאָוון וועגן דעם מין

„גייסטיקע קנעכטשאַפט“, וואָס קאָן געבוירן ווערן אין בירגערלעכער פרייהייט. לאָמיר אויך ניט פאַרגעסן, אַז די ערשטע אַפּטרינניקייט אין דער השכלה־תקופה איז דאָך פאַרגעקומען אין אַ סביבה פון פולער יידישקייט, ביי פרומע טאַטע־מאַמע, אין אַ תקופה, ווען דער יידישער לעבנס־שטייגער איז געווען גאַנץ.

וואָס ציט עס אַזוי אין דער פרעמד? וועלכע נייע באַפרידיקונגען געפינט דער ייד, אַנהייבנדיק פון 18טן יאָרהונדערט, אין דער גרויסער ברייטער וועלט? וואָס מאָניעט אים? ניט אַנדערש, מוזן מיר זאָגן, עס קומט אויף אַ נייער טיפּ מענטש, מיט אַנדערע באַגערן, מיט אַ דינאַמיזם, וואָס מיר פאַרשטייען נאָך אפשר ניט עד היום. ווי אַ שמעטערלינג ציט אים צום פייער, אַפילו ווען ער ווייס, אַז ער קומט אום. לאָמיר געדענקען די גייסטיקע ענויים פון פאַרמאַסקירטע יידן (איך באַנוץ דאָס וואָרט „מאַסקע“ אין טאָפּלטן זין, סיי ווי אַ שלייער אויסצובאַהאַלטן פון דער וועלט זיין אייגענעם אָפּשטאַם, דאָס פּנים, וואָס זיין היים, זיין פאָלקס־טראַדיציע און גלויבן האָבן געפורעמט, סיי ווי אַ נייע געשטאַלט, ווי ער מיינט, אַ מער געהייבענע, אין וועלכער ער פאַרקליידט זיך). יאָ, דאָס לעבן פון נייעם יידן איז ניט קיין גרינגס, עס איז אַן אויפגערודערטס, מיט נייע וואָגונגען און נסיונות.

מיר ווייסן די יסורים און די פּיין פון דעם יידן, וואָס באַהאַלט אויס זיין יידישקייט. מסתמא האָט דאָס אויסבאַהאַלטן אויך קאָמפּענסאַציעס, אַנ־דערש וואָלט דאָך דער מענטש ניט געווענדט זיך אין דער ריכטונג. ס'זיינען אָבער ניט קיין דויערנדיקע קאָמפּענסאַציעס: היינע, ערנסט טאָלער, לודוויג לואיסאָן — גענוג אָנצורופן עטלעכע נעמען, כדי צו דערמאָנען וועגן דער גרויסער גייסטיקער סכנה, וואָס לויערט אויף יעדן בלאָנדזשענ־דיקן און וואָגלער.

יידישקייט האָט אויסגעאַרבעט דאָרט, וואו עס האָט געהאַט אַ קיום, אַן אייגענע עקאָנאָמיע פון גייסט, ווי אַזוי די כוחות פון פאָלק זאָלן פאַר־טיילט ווערן; אָפּנים אַנדערש קאָן מען קיין קיום ווי אַ פאָלק ניט האָבן. מיר האָבן סוף 19טן יאָרהונדערט געקעמפט קעגן „בטלנות“; מיר האָבן גערופן צו „פּראָדוקטיוויזאַציע“ און עס איז גריילעך נייטיק געווען צו פּראָדוקטיוויזירן גלופּסק, טונעיאַדעווקע, קאַבצאַנסק. היינט מוז שטיין אַן

אַנדערע פּאָדערונג אויפן סדר היום, און דאָס איז: פּראָדוקטיוויזירן דעם ייִדישן גייסט.

ייִדישקייט, וואָס מוז עקזיסטירן אין חוץ לארץ אָן אַ טעריטאָריע, אָן מדינהשאַפט, אָן דעם צוגאַנג פון אַן אייגענעם סאָציאַלן און עקאָנאָמישן סדר, מוז פאַרמאָגן, צום ווינציקסטנס, דעם כוח פון אַ וואָלונטאַריש־סאָציאַלן אַקט. פאַר יעדן ייִדן אין חוץ לארץ איז זיין ייִדישקייט אָפּטמאָל אַ וואָלונטאַרישער אַקט — אַן אַקט פון געוויסן און אַנטשיידונג, אפילו דעמאָלט ווען עס ווירקן אויף אים די כוחות פון זיין אייגענער ייִדישער טראַדיציע און סביבה. סוביעקטיוו און פּסיכאָלאָגיש איז עס אַן עקזיסטענציעלער אַקט, דורך וועלכן ער מוז אויסוויילן און דורך טואונג באַשטימען די קאָנסעקווענצן פון זיין ייִדישער אחריות. אין אַזאַ אַנטשליסן זיך זיינען פאַראַן אַ סך קאָמפּאָנענטן, אינטעלעקטועלע, מאָראַלישע און עמאָציאָנעלע.

ס'איז אַלע מאָל שווער געווען צו זיין אַ ייִד, און ווער ווייס צי עס וועט ווען ניט איז זיין גרינגער. דער אונטערשייד צווישן אונדז און דעם דור פון סוף ניינצנטן יאָרהונדערט באַשטייט דעריך, וואָס דעמאָלט האָט מען געגלייבט, אַז מאַכנדיק גרינגער דעם עול פון דעם מענטשן, קאָן מען אויך פאַר דעם ייִדן גרינגער מאַכן זיין עול, וואָס ער מוז טראָגן ווי אַ ייִד. היינט ווייסן מיר, אַז נאָר עקאָנאָמיש און רעכטלעך קאָן מען דאָס דערגרייכן; אין אַלע אַנדערע ספערן ווערט דאָס מענטשלעכע לעבן שווערער הן מאָראַליש, הן פּסיכיש, הן אינטעלעקטועל. ניטאָ קיין גרינגע תרופות! דער ייִד וועט זיין נאָך אַ מער קאָמפּליצירטער מענטש, ווי אין וועלכער ניט איז תקופה פריער. ער מוז זיין באַזונדערקייט אויפנעמען מיט ליבע און גרייטקייט. זיין לעבן וועט האָבן אַלערליי סתירות. אין דעם וועט אָבער אויך ליגן די פּאָטענץ פון גרויסקייט, ניט נאָר פון צערודערונג.

יאָ, מיר מוזן קומען צום אויספיר, אַז עס קאָן ניט גרינגער ווערן דאָס זיין אַ מענטש און דאָס זיין אַ ייִד. עס איז אַן אייביקע שפּאַנונג, פּונקט ווי עס איז די שטרעבונג אויפצוהיטן אונדזער מענטשלעכקייט און אונדזער עט־ישן באַוואוסטזיין. מער ניט — דער יחיד דאַרף פילן, אַז דאָס איז כדאי, אַז דאָס איז פון די ענינים, וואָס רירן אָן דעם סאַמע תוך פון זיין לעבן.

זיין ייִד־באַוואוסטזיין טאָר ניט פאַרוואָכעדיקט ווערן, עס דאַרף ניט

פאַרבונדן ווערן רק מיט קליינע השגות און קליינע מצוות, מיט וועלכע אַ מענטש „קויפט זיך אויס". דער יחיד דאַרף פילן אַז יידישקייט שטאַרקט זיין „איך", זיין מענטשלעכן באַוואוסטזיין. עס געהערט צו די הייליקייטן פון לעבן, און דאָך איז עס פון „דער" וועלט, פון דער רעאַליטעט אַרויס און ניט דער חלום פון מענטשן, וואָס האָבן זיך אויסגעטאָן פון לעבן.

נאָר אַ העראישע אָנשטרענגונג אַריינצוברענגען מער רוחניות אין אונדזער לעבן, מער באַוואוסטזיין, ראַפינירטקייט, מער וויסן און געוויסן וועלן זיין בכוח צו שטאַרקן יענע סאָציאַלע כוחות, וואָס ווירקן אין יעדן קאָלעקטיוו אים אויפצוהיטן און העלפן ממשיך זיין די אייגנאַרטיקייט פון זיין קולטור־שטייגער.

דער פאַרדינסט פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקין איז באַשטאַנען דערין, וואָס ביי אַלע בלאָנדזשענישן און טעותים, ביי זיין גאַנצער גראָדליניקייט, ביי זיין היפשער דאָזע "קאָסמאָפּאָליטיזם", וואָס האָט נאָך געלעבט אין אים, האָט ער דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין ביי אונדזער דור געוועקט און דאָס גייסטיקע לעבן פון אונדזער פאָלק געמיט זיך צו דערהייבן.

שמואל ניגער — דער פּיאָנער־קריטיקער

עס זיינען שוין אַוועק זעקס יאָר נאָכן טויט פון שמואל ניגער, דעם גרויסן האָרעפּאַשניק אין דער יידישער ליטעראַטור, איר בויער און גלענצנדיקן קריטיקער. עס זיינען נאָך עד־היום ניט צונויפגעקליבן געוואָרן אַלע זיינע קריטישע עסייען, ליטעראַטור־היסטאָרישע אַרבעטן, בריוו און טאָגבוך־פאַרצייכענונגען. די ליטעראַרישע ירושה וואָס ער האָט אונדז איבערגעלאָזט איז אַזוי גרויס, אַז עס וועט מסתמא געדויערן יאָרן, ביז וואָנען אַ פולשטענדיקע אויסגאַבע פון ש. ניגערס ווערק וועט קאָנען פאַרעפנטלעכט ווערן. דערווייל זיינען דערשינען פיר בענד געקליבענע עסייען: „יידישע שרייבער אין סאָוועט־רוסלאַנד", „קריטיק און קריטיקער", „בלעטער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור", און „שלום אַש — זיין לעבן און זיינע ווערק". עס איז אַ פיינער אָנהייב.

דער טויט פון שמואל ניגער האָט זיך שווער אָפּגערופן אויפן מצב פון דער יידישער ליטעראַטור. אַ געפיל פון פאַרלוירנקייט און דער־שטוינונג, האָט אונדז אַלעמען אַרומגענומען. האָט דאָך ש. ניגער מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ מין פאָטער־געשטאַלט אין דער יידישער ליטעראַטור. מען האָט אויף אים געקוקט ווי אויף דעם גאָט־געבענטשטן און באַשערטן קריטיקער, אַפילו ווען דער אָדער יענער שרייבער האָט אַמאָל געהאַט צו אים די קלאַסישע טענות, וואָס שרייבער האָבן אָפּטמאָל קעגן קריטי־קער מיט וועלכע זיי רעכענען זיך. מען האָט אַרויסגעקוקט אויף זיינעם אַ וואָרט פון אָנערקענונג און דערמוטיקונג, און מען האָט דערוואַרט פון אים אַן איבערמענטשלעכע מאָס אָביעקטיוויטעט און פאַרשטענדעניש פאַר אַלץ, וואָס איז געדרוקט מיט יידישע אותיות. היינט־צו־טאָג פאַרשטייען מיר, אַז דאָס מיטאָלאָגישע געשטאַלט פון אַ קריטיקער, ווי עס פאַרמירט זיך אין אַ ליטעראַטור, מוז ניט דווקא אַלע מאָל שטימען מיט זיין ווירקלע־כער ראָל און מיט זיינע אמתע מעגלעכקייטן. היינט־צו־טאָג קאָנען מיר זיך אפשר גיכער אָפּגעבן אַ דין־וחשבון וועגן די ווירקלעכע פונקציעס און

מעגלעכקייטן פון אַ קריטיקער אין אונדזער ליטעראַטור. מיר קאָנען אויך זען די באַזונדערע סאָציאַלע ראָל וועלכע דער קריטיקער שפּילט.

אין פאַל פון ש. ניגער קאָנען מיר, אָן קיין שום צוריקהאַלט, זאָגן, אַז מיט זיין טויט איז פון אונדז אַוועק ניט סתם אַ גרויסער שריפטשטעלער, עסייאיסט, נאָר עס איז אַוועק אַ בויער פון דער יידישער ליטעראַטור. עס איז אַוועק דער מענטש, וואָס האָט דורך זיינע אַרבעטן געוויזן, ווי אַזוי די איינצלנע שאַפונגען און אויפטואונגען פון עטלעכע דורות שרייבער זיינען ניט נאָר אינדיווידועלע דערגרייכונגען פון באַגאַבטע פּאָעטן, נאָווע־ליסטן, עסייאיסטן, נאָר אַז זיי זיינען אַלע דער אויסדרוק פון אַ פאָלקס־לעבן, און אַ פאָלקס־ווילן; אַז זיי שטאַמען פון אַ באַשטימטן קלימאַט, אַז זיי האָבן זייער אייגענעם יחוס, זייער אייגענע צילבאַוואוסטזיניקייט און דערפאַר פאַרמאָגן זיי זייער אייגענעם ווערט. די קינסטלערישע אוצרות, וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקט אין דער יידישער ליטעראַטור, ווייסן מיר, זיינען ניט אַראָפּגעפאַלן פון הימל, נאָר זיינען געווען פאַרוואָרצלט אין יידישן לעבן, אין דער יידישערווירקלעכקייט, און פון דאָרטן זיינען זיי אַרויסגעוואַקסן.

אַ ליטעראַטור קומט אויף קודם־כל אונטערן צייכן פון איינצלנע ווערק, דורך דער האַרעוואַניע פון אירע שריפטשטעלער, נאָוועליסטן, פּאָעטן, עסייאיסטן, וואָס ברעכן דורך און וואָס לייגן אויס דעם דרך המלך פאַר דער נאַציאָנאַלער שאַפונג. אָבער דער באַוואוסטזיין פון אַ ליטעראַטור קומט ערשט אויף אַ דאַנק די באַמיאונגען פון די קריטיקער, ליטעראַטור־היסטאָריקער און פאָרשער, וואָס אַ ליטעראַטור גיט אַרויס. זייער פאַר־דינסט באַשטייט אין דעם, וואָס זיי דעקן אויף אין דעם ליטעראַרישן שאַפן ניט נאָר איינצל־דערשיינונגען, נאָר דעם פּראָצעס. אויף אויסצופאָרשן און אַנטפּלעקן אָט דעם פּראָצעס פון ליטעראַרישער אַנטוויקלונג, אויפצואווייזן אָט די גרויסע געבונדנקייט אין דער ליטעראַטור, איר איינציקאַרטיקע טראַדיציע און לעבעדיקע היינטצייטיקייט, אויף דעם האָט במשך פון יאָרנלאַנגער טעטיקייט געהאָרעוועט שמואל ניגער.

*

אַוודאי פאַרמאָגט יעדער קריטיקער זיינע באַגרענעצטקייטן. זיי נעמען זיך אָפּטמאָל פון דעם, וואָס דער קריטיקער האָט אין דער אמתן צו טאָן

מיט דריי דורות אין דער ליטעראַטור. זיין באַציאונג צו יעדן פון די דורות איז ניט און קאָן ניט זיין פּסיכאָלאָגיש די זעלבע.

צום עלטסטן דור שריפטשטעלער קוקט דער קריטיקער געווײנלעך אַרויף מיט פאַרערונג, ער פאַרמאָגט פאַר די דאָזיקע שריפטשטעלער פּיעטעט, וואָרעם ער געפינט זיי שוין ווי בויער פון דער ליטעראַטור, ווען ער אַליין שטעלט קוים די ערשטע טריט. אין דעם פאַל פון שמואל ניגערן איז עס געווען דער דור פונעם זיידן מענדעלע, שלום־עליכם און י. ל. פּרץ.

דער קריטיקער האָט פאַרשטאַנען און אויפגענומען פּרצעס מאָדערנעקייט; עס האָט אים אינטריגירט פּרצעס יידישע חריפות; אין פּרצעס שאַפונג איז געקומען צום אויסדרוק אי הויכע קונסט, אי אינטעלעקטועלע זוכעניש, — ס׳איז געווען שיינקייט, וואָס איז געגאַנגען צוזאַמען מיט אידעע. פּרץ, דער באַשאַפער פון די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״, פון „חסידיש״, פון „די גאָלדענע קייט״ איז געווען דער שריפטשטעלער, וואָס האָט געקענט אָנרעגן אַן אומרואיקן און סאָציאַל און קינסטלעריש ־סענסיטיוון קריטיקער.

שלום־עליכמס הומאָר, פרײדיקייט, זיין אוממיטלבאַרקייט איז, ווי מיר ווייסן שוין איצט, אין אָנהייב גאָר געווען אַ שטער מען זאָל באַלד אָפּשאַצן זיין הויכן קינסטלערישן ווערט, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אונטער זיין ליכטיקן הומאָר. דער יונגער דור יידישע אינטעליגענטן, וואָס איז אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט געקומען צום פאָדערגרונט פון יידישן לעבן, האָט שלום־עליכמען ניט דערשאַצט. עס האָט זיך אויסגעדוכט ווי שלום־עליכמס מאָנאָלאָגן און הומאָריסטישע דערציילונגען וואָלטן אָפּגעשאַפט די גרענעץ צווישן ווירקלעכקייט און ליטעראַטור. די נייע אינטעליגענטישע לייענער האָבן ניט געזען די גרויסע מאָס קונסט און סטיליזאַציע וואָס שטעקט דווקא אין שלום־עליכמס נוסח. עס איז נייטיק געווען, אַז די קריטיק אַליין זאָל ווערן רייפער, וואָרצלדיקער, זי זאָל אָנהייבן צו דערזען די ספּעציפיש־יידישע ווערטן אין דער פאָלקס־ליטעראַטור, כדי ריכטיק אָפּצושאַצן שלום־עליכמען. ערשט דעמאָלט האָט מען שלום־עליכמען דערזען און אַוועקגעשטעלט אין דער סאַמע ערשטער ריי מיט די קלאַסיקער פון דער נייער ליטעראַטור. שמואל ניגער איז גיך בייגעקומען זיינע וואַקלונגען לגבי שלום־עליכמען און איז אינגיכן געוואָרן איינער פון

שלום־עליכמס וואונדערלעכע אויסטייטשער און גרינטלעכסטער קענער און פאַרשטייער.

*

אין דעם אַלגעמיינעם צוגאַנג צו דער יידישער ליטעראַטור האָט שמואל ניגער געמאַכט אַ גרויסן שריט פאָרויס אין פאַרגלייך מיט בעל־מחשבותן, וואָס איז געווען אין דער ליטעראַטור־קריטיק הן זיין פאָרגייער, הן זיין מיטצייטלער. בעל־מחשבותן האָט אַנטציקט אין דער נייער יידישער ליטע־ראַטור בעיקר איר פאָלקס־כאַראַקטער, דער פאַקט, וואָס זי האָט זיך נישט אויפגעהויבן צו הויך אַריבערן פאָלקס־לעבן, וואָס זי האָט אָרנטלעך געשילדערט דעם לעבנסשטייגער, ווי זי האָט געמאָלט דיווירקלעכקייט. דעם קריטיקער האָט אויך אימפּאָנירט כאַראַקטער־שילדערונג, די פעאיקייט צו שילדערן הן די רויקייט פון מענטשלעכן כאַראַקטער און הן די איידלקייט און מידות־טובות פון לעבן. אין בעל־מחשבותן האָט ערגעץ־וואו געלעבט פאַרבאַהאַלטן, אויסער אַ ליטעראַטור־קריטיקער, אויך אַ זעלטענער קול־טור־אַנטראָפּאָלאָג, אַן אַנאַליטישער פאָרשער, וואָס האָט זיך אינטערעסירט מיט דעם קולטור־שטייגער פון אַ קאָלעקטיוו, פון אַ יידישן קאָלעקטיוון אייגנאַרט. אויך שמואל ניגער האָט ווי אַ קריטיקער גוט פאַרשטאַנען דאָס שטייגערישע און קאָלעקטיווע, ער האָט אָבער געזוכט אין דער ליטעראַטור בעיקר דאָס אינדיווידועל־קינסטלערישע, דאָס באַזונדערע און דעם אייגנ־אַרטיקן איך־באַוואוסטזיין פון מענטשן; דער אומרואיקער ציטער און פלאַטער פון אַ מענטשלעכער נשמה, אירע סתירות, איר רייסן זיך צום „אויבן נישט נאָך העכער״, דאָס האָט אים אינטריגירט. שמואל ניגער האָט דעריבער געזען דווקא אין פּרצן אַ פאָרויסגייער, אַ גרויסן „פּראָבע־מייסטער״״, הגם ער האָט אויך ניט פאַרפעלט אָנצואווייזן אויף פּרצעס ניט־גאַנצקייט און צעריסנקייט.

פּרץ, שלום־עליכם, מענדעלע זיינען געווען שריפטשטעלער, וואָס דער קריטיקער האָט געפונען אין דער ליטעראַטור שוין געקרוינטע, פול מיט אָנערקענונג. זיין אויפגאַבע, וואָס שייך זיי, איז געווען די אויפגאַבע פון פאַרסך־הכלען, פון געבן אַ פול בילד פון זייער שאַפן, אַריינטראָגן קריטישע קאָרעקטיוון נאָך דעם ווי זייער לעבנס־טעטיקייט האָט שוין געהאַט דער־גרייכט די פולע קינסטלערישע רייפקייט און פאַרענדיקטקייט. ש. ניגער

האָט געגעבן די סאַמע גרינדלעכסטע אָפּשאַצונגען וועגן די דריי קלאַסיקער פון אונדזער ליטעראַטור. ער איז אין די אַרבעטן וועגן די קלאַסיקער ניט אַלע מאָל דער פּיאָנער און באַנייער, ער איז אָבער דער מענטש וואָס גראָבט טיפער, ווי ווער עס איז פאַר אים: זיין בליק איז זיכערער און מער אַרומנעמענדיק, ווייל דער קריטיקער אַליין איז שוין געשטאַנען אויפן פעסטן באָדן פון אַ ליטעראַטור־קריטישער טראַדיציע.

*

פון די דריי ליטעראַרישע דורות מיט וועלכע אַ קריטיקער קומט בדרך כלל פּנים אל פּנים, איז פאַראַן איין דור שריפטשטעלער, זיינע בני־דור, מיט וועלכע ער מוז זיך פילן צום נאָענטסטן, ווייל ער איז מיט זיי צוזאַמען אויפגעוואַקסן. ש. ניגערן איז געווען זייער נאָענט און ליב דער דור פון שלום אַש, פון ה. לייוויק, פון א. ווייטערן, פון דעם נסתר און דוד בערגעלסאָן.

יעדער קריטיקער טרעפט זיך אָבער אויך אָן מיט אַ נייעם דור, וואָס שפּראָצט אַרויס. אין דער יידישער ליטעראַטור איז דאָס געווען דער דור שריפטשטעלער, וואָס האָט נאָכן ערשטן וועלט־קריג ערשט אָנגעהויבן צו פאַרנעמען דעם אויבנאָן סיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן, סיי אין פוילן און סיי אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד; און ש. ניגער איז נישט נאָר נישט אָפּגעשטאַנען, נאָר אויך באַמיט זיך מיטצוגיין מיט די שפּעטערדיקע יונגע און יינגערע שאַפער.

ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז די קינסטלערישע רעוואָלוציע, דער דורשט נאָך פאָרעם־עקספּערימענטן, האָט בעיקר פאַרכאַפּט דעם יינגערן דור און ניט אַזוי דעם מיטעלערן. אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען די שטורמער געווען די „יונגע“, בראש מיט מאַני לייב, זישאַ לאַנדוי, יוסף אָפּאַטאָשו, דוד איגנאַטאָוו א״אַנד. די ליטעראַרישע גרופּע „אינזיך“ — בראש מיט א. גלאַנץ־לעיעלעס, יעקב גלאַטשטיין, נ. ב. מינקאָוו, ב. אַלקוויט, א״אַ. אין פוילן איז אויפגעגאַנגען דער שטערן פון פּרץ מאַרקיש, משה בראָדער־זאָן, משה קולבאַק, מלך ראַוויטש, א. קאַציזנע און אַנדערע.

ניט אַלץ איז פאַר דעם קריטיקער פון די ערשטע צוויי דורות געווען פאַרשטענדלעך און קלאָר אין די שאַפונגען פון דעם נייעם יינגערן דור פּאָעטן און נאָוועליסטן, וואָס איז געקומען מיט אַ שטורעמדיקן אָנזאָג אין

דער יידישער ליטעראַטור, מיט נייע האָפענונגען אַריינצוברענגען נייע ריטמען און אויסטערלישע פּאָעטישע פאָרמען. אָבער ש. ניגער האָט זיך אָפּגערופן — לויט זיין מבינות און פאַרשטענדעניש — אויף דער גרעסטער צאָל וויכטיקע דערשיינונגען אין אונדזער נייערער יידישער ליטעראַטור.

*

אַ טיפע ענדערונג איז פאָרגעקומען אין לעבן פון קריטיקער, נאָך דעם ווי ער האָט אין 1919 פאַרלאָזט פוילן און זיך באַזעצט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. עס איז געווען ניט נאָר די ענדערונג פון אַ נייער ליטעראַרישער סביבה, נאָר ס׳האָבן ביסלעכווייז אויך געגומען אויסווירקן די גרויסע שינוים, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן צוליב די פּאָליטישע ענדערונגען אין דער וועלט. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און די נייע שטרעבונגען און אידעען, וועלכע זי האָט אַרויסגערופן צום לעבן, האָבן אָנגעהויבן באַווירקן די יידישע ליטעראַטור.

עס קומען אויף כוחות אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס זייער צענטער פון השפעה איז ניט קיין אינעווייניק־ליטעראַרישער, נאָר אַ דורכאויס דרויסנדיק־פּאָליטישער. ל. קוויטקאָ, דאָברושין, האָפשטיין, פּרץ מאַרקיש, איזי כאַריק און איציק פעפער לעבן שוין אין אַ סאָציאַלער אַטמאָספער, וואָס קער זיך אָלץ ווייניקער אָן מיט דער טראַדיציע פון דער יידישער ליטעראַרישער שאַפונג. עס איז צו באַוואונדערן ווי ווייט די אַלטע ליטעראַרישע נוסחאות ווירקן נאָך בעת די פּאָליטישע און געזעלשאַפט־לעכע ווירקלעכקייט איז אַזאַ אַנדערשדיקע. דער סאָוויעטישער יידישער שריפטשטעלער לעבט אונטער גאַנץ נייע סאָציאַלע דרוקן; ערשט מיט יאָרן שפּעטער ווערט קלאָר דער גאַנצער טראַגיזם פונעם קורצן סאָוויעטישן „שוואַרץ־שבת" אין דער יידישער ליטעראַטור.

„דרויסנדיק", לגבי דער יידישער ליטעראַרישער טראַדיציע, זענען אויך אויס די נייע שטרעבונגען, וועלכע קומען אויף צוליב דעם, וואָס דער נייער דור שריפטשטעלער איז געווען מער אויסגעבונדן מיט דער מערב־וועלט און אירע ליטעראַרישע און קינסטלערישע שטרעבונגען ווי מיט דער יידישער. די ליטעראַרישע טראַדיציע, וואָס האָט זיך פּאַוואָליע גענומען איינשטעלן אין דעם יידישן לעבן, איבערהויפּט אין דער דיכטונג, ווערט פון אינעווייניק אויס צעשמעטערט. ווער פון די נייע וויל אין די 20קער

יאָרן שרייבן ווי שמעון פרוג, ווי מאָריס ראָזענפעלד, ווי אברהם רייזען, אָדער אפילו ווי אברהם ליעסין און יהואָש? יהואָש און ליעסין ווילן אַליין מער ניט שרייבן אין זייער אַלטן גוסט!ביידע גרויסע שריפטשטעלער פירן דורך אַ פּראָצעס פון באַנייאונג. עס דערשיינט אַ נייער יהואָש, באַפרייט פון זיינע סענטימענטאַלקייטן, אַ מער תנכישער, תהילימדיקער און לירישער דיכטער. אברהם ליעסין רייניקט זיין פּאָעטישע דיקציע פון רעטאָריק, אַלעגאָריע און מוסר־השכל, און ברענגט אַרויס העראָאישע געשטאַלטן, העלדן פון גייסט אין דער ווייטער יידישער פאַרגאַנגענהייט און אין דער נאָענטער רעוואָלוציאָנערער קעגנוואַרט.

אויף די „יונגע" ווירקן די סימבאָליסטן־דיכטער און די נעאָ־ראָמאַנ־טיקער, אויף די „אינזיכיסטן" ווירקט צום טייל די נייע גרויסשטאָטישע סביבה און די גרויסע ענגלישע פּאָעזיע, מיט איר געדאַנקלעכקייט, פּאָע־טישער דיקציע און מיטן באַגער צו פאַראייניקן די טיפקייט פון פּראָזע מיט דער קלוגער שיינקייט פון דיכטונג. ווייטער ווייזט יעדער דיכטער זיין אייגן פּנים. יעדער איז געראָטן קודם כל אין זיך אַליין! משה־לייב האַלפּערן, יעקב גלאַטשטיין, א. גלאַנץ־לעיעלעס, מנחם, ה. לייוויק, מאני לייב, זישאָ לאַנדוי און אַ צאָל יונגע און יינגערע פּאָעטן.

די סאַמע אומגעריכטסטע אַנטוויקלונגען קומען פאָר אין דער סאָוויעט־טיש־יידישער ליטעראַטור, בעיקר אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד. אַ ליטעראַטור ווערט געשטעלט פאַרן נסיון צו שילדערן גלייכצייטיק אַ לעבן וואָס גייט אונטער און אַ נײַ לעבן וואָס גייט אויף. וויפל רחמים וועט זיין אין דער ליטעראַטור צום אַלטן, וויפל עכטע פאַרשטענדעניש פאַרן נייעם? ניט נאָר פאַר אַ קינסטלערישן, נאָר פאַר אַ גרויסן מאָראַלישן נסיון איז געשטעלט געוואָרן די סאָוויעטיש־יידישע ליטעראַטור. מאָראַליש קאָן אָבער אַ מענטש האנדלען נאָר דעמאָלט ווען ער איז פריי, ווען ער קאָן אַליין באַשטימען אויפן רוף פון זיין געוויסן.

דער איינגעשטעלטער יידישער לעבנסשטייגער האָט זיך אויפן שטח פון סאָוויעט־רוסלאַנד שטאַרק געוואַקלט; ער איז סיסטעמאַטיש צעשטערט געוואָרן דורך די כוחות פון דער נייער סאָוויעטישער אָרדענונג, ניט נאָר אין לעבן, נאָר אויך אין דער ליטעראַטור. אין דעם אַקט פון צעשטערונג, פון אַרונטעררייסן, האָט מיט גרויס אייפער צוגעהאָלפן דער דעמאָלטיקער ליטעראַרישער מושל — מ. ליטוואַקאָוו און זיינע באַהעלפער. דאָך האָט

זיך אין איין צייט אויסגעוויזן, אַז עס זיינען אויך אויפגעקומען נייע פּראָצעסן פון נאָרמאַליזירן דאָס יידישע לעבן: פּראָדוקטיוויזאַציע, דער דראַנג פון יידן צו ערד־אַרבעט, אַ מאָס גלייכקייט אין בירגערלעכן און פּאָליטישן לעבן פון דער נייער אָרדענונג.

*

אַ גרונט־ענדערונג איז פאָרגעקומען אין דעם איינשטעל צווישן מענטש און געזעלשאַפט, אַ נייע דעפיניציע פון פרייהייט איז געוואָרן גיל־טיק אין 20סטן יאָרהונדערט. דער מענטש איז געשטעלט געוואָרן „אין שפּאַן״! ניט נאָר האָט די נייע ליטעראַטור געדאַרפט ברענגען צום אויס־דרוק אַ נייע ווירקלעכקייט, נאָר זי איז געשטעלט געוואָרן אין שפּאַן פון אַ פּאָליטישן רעזשים, אין שפּאַן פון אַן עלפטן געבאָט, וואָס האָט געזאָגט: דו מוזסט דינען!

פאַר דער ליטעראַטור איז איינגעשטעלט געוואָרן דער פּרינציפּ פון סאָציאַלער באַשטעלונג, ד״ה פון געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער נוצ־לעכקייט; די ליטעראַטור האָט געדאַרפט באַזינגען די סאָציאַלע און פּאָלי־טישע כוחות, וועלכע זיינען געשטאַנען הינטער דער נייער אָרדענונג. קורץ, אין אַ רעפּובלישער ליטעראַטור, ווי די יידישע, וואָס איז געקומען צו באַפרייען דעם מענטשן אויפצואוועקן אין אים חשיבות, רעדן צו זיין באַוואוסטזיין, אויפצוועקן אין אים פאַרשלאָפענע כוחות, איז זי איצט געוואָרן, צום ווינציקסטנס אין איין ווינקל פון דער ערד, אַ ליטעראַטור פון פּאָליטישן קאָנפאָרמיזם.

עס איז צו באַוואונדערן ווי ביי דעם אַלעמען זיינען אין דער יידישער סאָוויעטישער ליטעראַטור דאָך געשאַפן געוואָרן ווערק פון עכטן ליטעראַרישן ווערט. דאָס איז אפשר געשען נאָר דערפאַר, ווייל קיין שום פּאָליטישע אָרדענונג קאָן אַ ליטעראַטור פולשטענדיק ניט אומברענגען, אָדער ווי אַלעקסאַנדער בלאָק האָט זיך אויסגעדריקט: „דער דיכטער איז אַ טרעגער פון אַ געהיימער פרייהייט״.

*

איך האָב זיך אויף דעם אַלעם אָפּגעשטעלט בלויז כדי צו ווייזן ווי ס׳האָט אין דער דאָזיקער סיטואַציע געווירקט שמואל ניגער.

עס וועט אַמאָל באַטראַכט ווערן ווי איינע פון די גרעסטע אויפטואונגען פון דעם פּיאָנער־קריטיקער ביי יידן, וואָס האָט מיט זיין גרויסן אויטאָרי־טעט, אונטער די זעלבע פּאָליטישע דרוקן ווי אַלע אַנדערע, זיך דאָך אַזוי מוטיק, אָפן און אַנטשיידן אַנטקעגנגעשטעלט. ער האָט ווייטער ממשיך געווען די פרייהייטלעכע טראַדיציע פון נייעם יידישן ליטעראַרישן שאַפן, וואָס האָט אַרויסגעשטעלט די סואווערעניטעט פון יחיד און פון קינסט־לערישן עכטן געפיל; ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר די רעכט פון יידישן שרייבער צו שאַפן פריי און אַרויסזאָגן זיך קריטיש אונטער וועלכע פּאָליטישע רעזשימען אים זאָל ניט אויסקומען צו לעבן, אומאָפּהענגיק פון דעם וואָס די רעוואָלוציאָנערע תקופה זאָל פון אים ניט פאָדערן.

דעם עקשנותדיקן קאַמף האָט שמואל ניגער ניט געפירט מיט קיין שום דרויסנדיקן פּאָליטישן געווער. ער האָט דעם קאַמף געפירט מיט אויפקלערונג, מיט אַנאַליז, ישוב־הדעת, מיט אויפווייזן דעם אונטערשייד צווישן קינסטלעריש־עכטע און קינסטלעריש פאַלשע ווערטן.

דאָס איז געווען איינער פון די גרעסטע פאַרדינסטן פון שמואל ניגער, וואָס האָט זיך אַקעגנגעשטעלט דעם קולט פון „סאָציאַלער באַשטעלונג", וואָס האָט אויסגעלאַכט דעם קולט פון „פּערזענלעכקייט" און דעם סאַמע דערנידעריקסטן געבאָט פאַר דער ליטעראַטור צו „דינען". נאָך עד־היום האָט מען ניט אָפּגעשאַצט דעם באַזונדערן שטילן, פאַרעקשנטן און אָפט־מאָל ניט־באַמערקבאַרן מאָטיוו אין קריטיקערס שאַפן. דאָס איז ניט געווען סתם „אַנטי־סאָוויעטיזם", דאָס איז געווען זיין גרויסער קאַמף פאַר דער ירושה פון הומאַניזם אין אונדזער קולטור־לעבן אין אַ צייט ווען עס האָט געהערשט פּאָליטישע עבודה זרה און עס האָבן פאַרבלענדט די אויגן אַלערליי פאַלשע קולטן.

שמואל ניגער האָט זיך כסדר געמיט אַרויסצוהייבן די אייגנטימלעכע ווערטן פון דער יידישער שאַפונג, אירע נאַציאָנאַלע, פאָלקסטימלעכע, טראַ־דיציאָנעלע און בעיקר אינדיווידועלע ווערטן. ער האָט זיך שטאַרק איינ־געשטעלט פאַר די ווערטן פון דער מערב־קולטור, ווי זיי האָבן זיך אַנט־וויקלט אויפן יסוד פון פּאָליטישער דעמאָקראַטיע, פרייהייט פון געדאַנק און געוויסן.

אין זיין אייגנטלעכן אני־מאמין פון ליטעראַטור־קריטיק האָט עס באַטייט: דאָס רעכט פון דעם שרייבער אויף זיין „איך", אויף זיין

אייגענעם וועג, אויף זיין אייגענער אַנטפּלעקונג! און ווייל דער דאָזיקער קאַמף האָט ניט געקענט זיין קיין דראַמאַטישער, איז דערפאַר געווען אַזוי שווער אים צו פירן. נאָר אין דעם ווערטער־געפעכט, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם בריוו־אויסטויש צווישן דוד בערגעלסאָן און שמואל ניגער איז דער דראַמאַטישער מאָמענט צוגעשפּיצט געוואָרן. דוד בערגעלסאָן האָט אין זיין זשורנאַל „אין שפּאַן", וואָס ער האָט גענומען אַרויסגעבן אין בערלין, ערב זיין אָפּפאָרן קיין סאָוועט־רוסלאַנד, דעם נייעם אני־מאמין פון „דינען" צום קלאָרסטן פאָרמולירט. און ניגערס ענטפער קען מיט רעכט באַטראַכט ווערן ווי אַן „אומאָפּהענגיקייט־דעקלאַראַציע" פונעם יידישן שריפטשטעלער, וואָס האָט מיט ווירדע אָפּגעוואָרפן דעם אָנבאָט פון אונטערטעניקייט בכלל און אָנגעוויזן אויף דער געפאַר, וואָס דאָס שטעלט מיט זיך פאַר פאַר אונדזער ליטעראַטור בפרט.

נאָך איצט קלינגט דער דאָקומענט פאַר אונדז לעבעדיק און אַקטועל. מיר וויסן דאָך וואָס עס איז פאָרגעקומען אין טרויעריקן יאָר 1952, ווען די יידישע סאָוועטישע ליטעראַטור איז פאַרשטומט געוואָרן, און וואָס פאַר אַ מיתה עס האָבן געקראָגן אירע בעסטע פאַרשטייער: פּרץ מאַרקיש, דער נסתר, דוד בערגעלסאָן, האָפשטיין א"אַ; דער יידישער אלף־בית איז אויסגעראָטן געוואָרן אין לאַנד פון „סערפּ און האַמער". דעם קאַמף וואָס שמואל ניגער האָט געפירט קעגן דעם נייעם אני־מאמין פון עבודה זרה איז נישט געקומען פון דעם, וואָס ער איז געווען אַ קאָנסערוואַטיווער מענטש. ש. ניגער איז נישט געווען קיין קאָנסערוואַטיווער דענקער, ער האָט זיך אָבער ניט געקענט פאָרשטעלן אַן אמת־פרייהייטלעכע געזעלשאַפט אָן אינדיווידועלע רעכט און פרייהייטן פאַרן מענטשן, אָן אַ ליטעראַטור, וואָס זאָל צום ווינציקסטן פאַרמאָגן די רעכט, וואָס אַ בורזשואַז־דעמאָקראַטישע געזעלשאַפט גיט אירע שריפטשטעלער אויף זעלבסטאויסדרוק און אַנטי־קאָנפאָרמיזם.

זיין פרייהייטלעכער אני־מאמין וועט בלייבן אַ גרויסע ירושה און אַ גרויסע מאָנונג אין אונדזער ליטעראַטור פון 20סטן יאָרהונדערט. דער פּרינציפּ איז נאָך גאָרנישט אַזוי פולשטענדיק געזיכערט אין דער וועלט.

*

אין אַ קורצער צייט פון ווייניקער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט איז

דער יידישער ליטעראַטור געווען באַשערט אויסצוהאַלטן דעם שווערן נסיון, וואָס זי איז, פון איין זייט, געווען דער שותף פון אַ גרויסער סאָציאַלער און פּאָליטישער אויפרודערונג אין דער וועלט און שפּעטער האָט זי איבער־געלעבט יאָרן פון אינעווייניקסטן מאַראַנענטום, ביז זי איז געפירט געוואָרן צו דער עקידה. אין אַ תקופה פון רעאַקציע, פרייהייט־פאַרשוועכונג און מענטש־פאַרשעמונג האָט זי זיך ניט געבויגן. וואָס איז געווען איר היסטאָרי־שער חטא? דער יידישער סאָוויעטישער שרייבער, לעבנדיק אין דער גע־פאַלנקייט און שפלות פון סאָציאַלן קאָנפאָרמיזם, האָט דאָך אויפגעהיט אין זיך די „געהיימע פרייהייט פון דיכטער", פון קינסטלער, פון אמתן רעבעל; ער האָט אין די יאָרן פון טרעבלינקע און מיידאַנעק, פון באַבי־יאַר אַרויס־געוויזן אַ געפיל פון נאַציאָנאַלער אחדות און יידישן ווייטיק.

„די געהיימע פרייהייט פון דיכטער" — וואָס איז דאָס? דאָס איז יענע הייליקע פרייהייט, וואָס פון קדמונים האָט די השגחה איבערגעגעבן דווקא דעם מענטשן פון שעפערישן וואָרט, דעם מענטשן וואָס קען זיך ניט באַנוגענען מיט דער וועלט „ווי זי איז". עס איז דער גרויסער פאַרדינסט פון שמואל ניגערן, דעם פּיאָנער־קריטיקער פון אונדזער ליטעראַטור, וואָס ביי אַלע מעגלעכע באַגרענעצטקייטן פון זיין קריטישן קאַנאָן האָט ער דאָך דעם אני־מאמין פון הומאַניזם קיין מאָל ניט פאַרשוועכט, נאָר אַלע מאָל זיך איינגעשטעלט פאַר אים מיט גרויס חשיבות, מיט מוט און פולן באַוואוסטזיין אַז דער דאָזיקער קאַרדינאַלער אני־מאמין מוז אונטער אַלע באַדינגונגען פאַרטיידיקט ווערן — אויב מען וויל ניט פאַרבילִיקן, פאַרשוועכן דאָס מענטשלעכע לעבן; אויב מען וויל, אַז דאָס לעבן זאָל ווערט זיין געלעבט צו ווערן.

יידישע דערציאונג אין אונדזער תקופה

„יידישע דערציאונג אין דער היינטיקער תקופה״ — די פאָרמולירונג קען זיך אויסדוכטן איז אַ דורכאויס מאָדערנע, אַ היינט־צייטיקע. אין דער טראַדיציאָנעלער יידישער דערציאונג וואָלט ניט מעגלעך געווען אויס־צוטיילן די היינטיקע תקופה פון פריערדיקע פאַרגאַנגענע פעריאָדעס אין אונדזער געשיכטע. אַ יידיש קינד האָט תמיד געדאַרפט לערנען חומש, שפּעטער האָט ער געלערנט גמרא און געדאַרפט אָפּהיטן אַלע מצוות, צי ער האָט געלעבט אין איין היסטאָרישער תקופה צי אין אַן אַנדערער. דאָס איז אונדזערער אַ מאָדערנער באַגריף צו זען און דערפילן, אַז יעדער דור אין לעבן פון אַ פאָלק לעבט ניט נאָר איבער זיינע אייגענע פריידן און ליידן, נאָר ער טראָגט אויך אַריין דאָס זייניקע אין לעבן פון פאָלק, קוקט מיט אייגענע אויגן אויף דעם, וואָס עס הייסט לעבן, געשיכטע און דאָס אחריות פונעם מענטשן.

דאָס פאַרשטייען מיר, מאָדערנע נאַציאָנאַלע יידן, אַז פאַר יעדן דור שטייען אָפּטמאָל נייע היסטאָרישע אויפגאַבעס, אַז אויך וואָס שייך יידישער דערציאונג האָבן די געשעענישן פון אונדזער תקופה אַוועקגעשטעלט גאָר באַזונדערע און אייגנאַרטיקע פּראָבלעמען. די אַלטע טראַדיציאָנעלע דער־ציאונג איז געווען אין ניט־אויפהערנדיקער שטראָם, אַזוי קען זיך אָפּטמאָל אויסדוכטן... דער איינדרוק איז אָבער היסטאָריש דאָך ניט קיין ריכטיקער. אין דער גאַנצער געשיכטע פון יידישער דערציאונג איז געווען נישט נאָר המשך, עס איז אויך געווען באַנייאונג. תקופות אין יידישן לעבן האָבן אַריינגעבראַכט חידושים. דער אָטעם פון דער צייט האָט זיך געלאָזט גאַנץ גוט פילן.

אָט לאָמיר נעמען די תקופה פון ערשטן שיבת ציון, וואָס דאַרף אונדז ביים היינטיקן טאָג, דוכט מיר, זיין גאָר באַזונדערס פאַרשטענדלעך און נאָענט. יידן, אפשר ווי היינט, האָבן זיך אומגעקערט פון פרעמדע לענ־דער — דעמאָלט פון גלות בבל; צוליב דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטי־שער קאָניונקטור האָבן זיי צוריק געוואונען דאָס רעכט זיך אומצוקערן

אויף דער אייגענער ערד, קיין ארץ־ישראל. אָבער אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק באַשאַפט נאָך ניט קיין פאָלקס־לעבן. ס׳איז נייטיק געווען אָן אינעווייניקסטער ווידער־געבוירן ווערן ווי אַ פאָלק, מען האָט באַדאַרפט צונויפשמעלצן די פאַרטריבענע גולי בבל מיט די פאַרבליבענע יידן אויף דער ערד פון יהודה. ס׳איז נייטיק געווען המשך אינאיינעם מיט באַנייאונג.

אין יענער צייט קומט אויף צום ערשטן מאָל ווי אַ שפּראָצונג פון דעם, וואָס איז שוין פאַרזייט געוואָרן אין בבל — דער בית המדרש, וואָס איז הן אַ בית התפילה הן אַ בית המדרש, אַ הויז צום לערנען, ווו דער־וואַקסענע באַקענען זיך מיט דער גאַנצער טראַדיציאָנעלער קולטור־שאַפונג פון פאָלק — מיטן תנ״ך. עס קומט אויך אויף דער נייער לערער — דער סופר, וואָס איז סיי אַ קאָפּיסט, סיי אַ פאַרטייטשער, סיי אַ לערער פון דער תורה. אַלע דריי: די שול — דער בית מדרש, דאָס בוך — די ספר תורה און דער לערער — דער סופר זיינען דאָס נייע, וואָס די תקופה פון שיבת ציון האָט פאַרפעסטיקט אין יידישן לעבן.

די גאַנצע בית־המדרש קולטור געפינט שפּעטער איר אויסדרוק במשך פון הונדערטער יאָרן יידיש לעבן. דאָס האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די סופרים וואָס האָבן פון אונדז געמאַכט אַן עם הספר דורך דעם וואָס זיי האָבן די תורה, דעם ספר, געמאַכט פאַר דעם קנין פון גאַנצן פאָלק.

*

הונדערטער יאָרן זיינען אַוועק און ווידער איז אויפגעקומען אַ קריזיס אין לעבן פון אונדזער פאָלק. יידן האָבן געלעבט אין ארץ ישראל אויף זייער אייגענער ערד, אָבער שוין אונטער אַ פרעמדער הערשאַפט. די גריכן זיינען געווען די מאַכטהאָבער אין דער וועלט. אין פאָלק קומט אויף די באַוועגונג פון העלעניזם — ליבשאַפט צום גריכישן שטייגער־לעבן, ספּאָרט און פאַרגעניגנס. ווען דער קריזיס ווערט פאַרשאַרפט דורך פּאָליטישער באַדריקונג פון דער נאַציע, ברעכט אויס אַן אויפשטאַנד אונטער דער אָנפירונג פון מתתיהון און די העלדישע מאַקאַבייער־ברידער. עס איז אַ פאָלקס־מרידה. דער קאַמף ווערט געפירט נישט נאָר מיט פיזישע, נאָר אויך מיט גייסטיקע געווער. דאָס איז די צייט פון הייליקן קידוש־השם און פון טיפער אמונה. פשוטע יידן, פרויען און קינדער קומען

אום אין ניט־גלייכן קאַמף. עס איז די מרידה פון די שוואַכע קעגן די שטאַרקע און די שוואַכע זיינען מנצח.

דעם קאַמף קעגן אַנטיוכוס הרשע געווינט מען. אָבער דעם קאַמף קעגן פרעמדן גריכישן שטייגער און די גריכישע מידות — דאָס מוז מען ווייטער פירן. ווידער אַמאָל האָט מען געוואונען די פּאָליטישע מלחמה איידער מען האָט פאַרפעסטיקט דעם נצחון אין פאָלק גופא. די יוגנט איז געבליבן געטריי די גריכישע מידות. כדי צוריקצוגעווינען די נשמה פון יונגן יידישן דור, האָט מען אין ירושלים צום ערשטן מאָל געמוזט אויפבויען שולן פאַר יוגנטלעכע. עלטערן פון די אַרומיקע ישובים האָבן געשיקט זייערע זין אין די ישיבות. מיר וויסן אָבער פון אַ היפּש ביסל אַנצוהערענישן, אַז ניט אַלע מאָל האָבן די יונגע יידן אויפגענומען מיט ליבשאַפט די אייגענע תורה, טייל האָבן גאַר מיט רוגזה פאַרלאָזט די ישיבות אין ירושלים. אַ פאָלק, זעען מיר, קאָן געווינען אַ פּאָליטישן קריג און דאָך פילן, אַז ער האָט נאָך ניט געוואונען די נשמה פון דער יוגנט. דעם העלעניזם, ווי אַ פּאָליטישן כוח, האָבן יידן מנצח געווען, פונדעסטוועגן איז דער דראַנג נאָך העלענישן שטייגער־לעבן געבליבן.

וואָס זעען מיר דאָ אין דעם אַלעמען? ווידער אַמאָל, דעם באַזונדערן קאָנפליקט, דעם אייגנאַרטיקן נוסח, די גאָר ספּעציעלע פּראָבלעם, וואָס אַ באַזונדערע תקופה אין יידישן לעבן האָט געשטעלט פאַר דער יידישער דערציאונג.

מיין ווייטערדיקן ביישפּיל וויל איך ברענגען פון דער צייט ווען רוים ווערט די הערשערין איבער אַ האַלבער וועלט און אויך יהודה שטייט ביים ראַנד פון פאַרלירן איר פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט. דער גורל פון אונדזער פאָלק איז שוין געחתמעט; און ניט דערפאַר, ווייל מיר האָבן ניט גענוג מוטיק געקעמפט קעגן דער רוימישער ממשלה. וואָלט דען אין רוים געשטאַנען אַ מאָנומענט פאַר טיטוסן צום אָנדענק פון זיין זיג איבער יהודה, ווען דער קאַמף וואָלט ניט געווען קיין גורלדיקער?

אויפן מאָנומענט איז אויף אייביק פאַרצייכנט דער קריג צווישן ירושלים און רוים. געפאַנגענע יידן טראָגן דעם רויב, וואָס די רוימישע זעלנער האָבן געבראַכט פון ירושלים: אַ מנורה, אַ ספר תורה, הייליקע כלים פון בית המקדש. רוים האָט ספּעציעל געלאָזט אויסגיסן מטבעות מיט דער אויפשריפט: „די געפאַלענע יהודה"; זי האָט געמאַכט פאַראַדן און

געיומטובט. ווארעם דער קריג איז באמת געווען אַ קריטישער ניט נאָר פאַר יהודה, נאָר אויך פאַר רוים. יידישער ווידערשטאַנד קעגן רוים איז געווען אַ געוואַגטער, אַ מוטיקער און דאָך איז דער אויסלאָז פון קריג געווען אַ געחתמעטער. אין פאָלק האָט מען זיך באַצייטנס געגרייט ווי אַזוי אָפּצוראַטעווען דעם קיום פון דער נאַציע, אַפילו דעמאָלט ווען דאָס פאָלק וועט פאַרלירן זיין פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט. עס האָבן פאַרשטאַנען באַזונדערס גוט די פּראָבלעם די פּרושים. די פּאָליטישע גאַנצקייט פון פאָלק וועט באַלד צעשטערט ווערן, האָבן זיי געזוכט אויפצוהויבן די גייסטיקע גאַנצקייט, געבויט אויף תורה, מצוות, פאָלקס־מנהגים און טיפער אמונה. דאָס לערנען איז נאָך מער דעמאָקראַטיזירט געוואָרן, און ווי אַ געווער אין קאַמף פאַר נאַציאָנאַלן קיום איז אויפגעקומען די שול פאַר קליינע קינדער. ניט נאָר די פאָטערס אַליין זיינען איצט פאַראַנט־וואָרטלעך צו זאָרגן זיך פאַר דער דערציאונג פון זייערע קינדער, נאָר קהל, די געמיינדע נעמט איבער אויף זיך אַ גרויסן טייל פון דער פליכט.

לאָמיר ניט מיינען, אַז דאָס איז געווען אַן „אַלטמאָדישע" שול אַן פריידיקע מאָמענטן, לאָמיר ניט מיינען, אַז דאָס איז געווען אַ פאַרגלי־ווערטער דרך אין יידישער דערציאונג. אַ סך וואונדערלעכע מאָמענטן, גאָר „מאָדערנע" אופנים ווי צו לערנען זיינען אויפגעקומען אין אַלטן יידישן שטייגער לעבן. דער טראַדיציאָנעלער סדר שוין מיט די פיר קשיות, מיטן „עבדים היינו" וואָס דער טאַטע ענטפערט, איז אַ שטיק דראַמע, אויפגעוואַכטע און אויפגעלעבטע געשיכטע, וואו דווקא דער יינגסטער פון דער משפחה ווערט געשטעלט אין צענטער, ווי דער פרעגער. און אויף זיינע פראַגעס דאַרפן מיר, די עלטערע, ענטפערן. און אַלצדינג איז ניט נאָר דורך וואָרט דערקלערט געוואָרן, נאָר דורך דראַמע, דורך סימבאָל און דורך מעשים. די ביטערע קרייטעכצער אויפן טיש דערמאָנען די ביטערניש פון שקלאַפעריי, די מצה — „דאָס ברויט פון אָרעמקייט", דערמאָנט דאָס שווערע לעבן פון וואַנדערער, די טעג פון יציאת מצרים. עס איז געווען אַ פאָרעם פון „וויזועלער" דערציאונג פון גאָר אַ הויכער מדרגה.

עס האָט אויך ניט געפעלט אַ גוטע פאַרשטענדעניש פאַרן קינד בכלל. לערער האָבן געטראָגן ליבשאַפט צום תלמיד און ניט נאָר געוואָלט פאַרפלאַנצן תורה.

אַט הערן מיר די מעשה וועגן אבא אריכה (רב), וואָס איז געקומען אין אַ יידישן ישוב און גוזר געווען, אַז קיין טוי און קיין רעגן זאָלן דאָרט ניט פאַלן. מסתמא האָבן זיך די יידן מיט עפּעס דאָך פאַרזינדיקט? מיט־אַמאָל שטעלט זיך אויף איינער פון עולם, הייבט אויף די הענט צום הימל און נעמט בעטן ביים אייבערשטן, עס זאָל יאָ פאַלן רעגן און זיין פאַרלאַנג ווערט דערפילט, ניט דער פאַרלאַנג פון דעם שטרענגן אבא אריכא. ווען דער גרויסער געלערנטער ווערט פאַרוואונדערט און פרעגט דעם אומ־באַקאַנטן: „ווער ביסטו און וואָס איז דיין טאָן?", ענטפערט יענער: „איך בין אַ מלמד פון קליינע קינדער און איך לערן מיט די אָרעמע, וואָס קאָנען מיר ניט צאָלן, פּונקט אַזוי ווי מיט די רייכע. איך האָב אויך אַ סאַזשלקע מיט קליינע פישעלעך און קינדער וואָס ווילן ניט לערנען לאָז איך זיך שפּילן מיט די פיש, כדי זיי זאָלן באַגערן שפּעטער תורה צו לער־נען". אַט אין זכות פון אַזאַ לערער פון קליינע קינדער האָבן די הימלען געטאָן רעגענען און ניט געפאָלגט דעם גרויסן אָבער שטרענגן תלמיד חכם.

די יידישע שעפערישקייט אויפן געביט פון דערציאונג איז ניט איבערגעריסן געוואָרן. אַ סך רירנדיקע דאָקומענטן פון ליבשאַפט, פון זאָרג פאַרן קינד געפינען מיר צעוואָרפן אין כלערליי יידישע ספרים, אָבער וואָס זעען מיר אין דעם לעצטן עפּיזאָד? ווידער אַמאָל די שטים פון דער עפּאָכע, דעם גייסט פון דער תקופה וואָס ברענגט אַריין ענדערונגען אין דעם קוק אויף יידישער דערציאונג.

*

לאָמיר מאַכן גאָר אַ גרויסן היסטאָרישן שפּרונג און קומען צום סוף 19טן יאָרהונדערט און אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט.

עס איז דער אָנהייב פון ציוניזם צוזאַמען מיטן אָנהייב פון דער אַרבעטער־ און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. עס איז 100 יאָר נאָך דעם ווי יידן האָבן געקראָגן גלייכבאַרעכטיקונג, בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. נאָך די גרויסע האָפענונגען ביים אָנהייב עמאַנציפּאַציע איז איצט געקומען אַן אַנטוישונג. עס איז אויך אויפגעקומען די פּראָבלעם פון ייד און מענטש. אויב דער ייד טרעט אַריין אין דער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט ווי אַ פרייער בירגער, איז אין וואָסער שייכות, פרעגט זיך,

שטייט מיט דעם אַלעמען זיין יידישקייט? דער משכיל האָט אויף דעם געענטפערט: „זיי אַ ייד אין דער היים און אַ מענטש אין גאַס". די תשובה האָט אָבער נישט לאַנג באַפרידיקט (מיט יאָרן שפּעטער האָט ד"ר זשיט־לאָווסקי, אַרויסטרעטנדיק קעגן דער דאָזיקער פאָרמולירונג, אַזוי געלערנט: „וואָס מער ייד — אַלץ מער מענטש, וואָס מער מענטש — אַלץ מער ייד").

די פּראָבלעם איז זייער שאַרף געוואָרן אויפן געביט פון יידישער דערציאונג. די שיטה פון אַסימילאַציע ביי יידן האָט געגעבן אַ גרינגן ענטפער אויף דער פּראָבלעם יידישער דערציאונג. מע דאַרף בכלל ניט קיין יידישע עלעמענטן אין דער דערציאונג פון דעם פרייען ייד, וואָס ווערט אַ בירגער אין דער אייראָפּעאישער מלוכה. אַנדערש איז געווען מיט יענע שיכטן אין יידישן לעבן, וואָס האָבן אַזאַ פּאַטאַלן אויסוועג נישט געקאָנט אויסקלייבן פאַר זיך. וועלט־קולטור, אייראָפּעאישע בילדונג, וויסנשאַפט, הומאַניזם — אַוודאי מוזן זיי באַהויכן און אָנפילן די דער־ציאונגס־פּראָגראַם פון אַ מאָדערנעם מענטשן; אָבער אויך דאָס היסטאָ־רישע לעבן פון אונדזער פאָלק, די קולטור־שאַפונגען פון דער יידישער נאַציע, די ליטעראַטור פון דער עלטסטער אומה אויף דער וועלט קאָן נישט אויסגעלאָזט ווערן פון דעם, וואָס עס הייסט די דערציאונג פון אַ יונגן יידן.

אין זיינע „בריוו וועגן אַלטן און נייעם יידנטום", וואָס דער גרויסער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו האָט געדרוקט ביים סוף 19טן יאָרהונדערט, געפינען מיר אַזאַ אַנאַליז פון דער פּראָבלעם. די אַלטע שול — דער חדר, אַזוי שרייבט דובנאָוו, האָט דערצויגן נאָר דעם יידן, אָבער ניט דעם מענטשן. די נייע פּרעמדע שול, וואוהין יידישע קינדער האָבן אָנגעהויבן צו גיין, האָט בכלל ניט געזען דעם יידן און געהאָדעוועט נאָר דעם מענטשן. דובנאָוו זעט איןביידע ריכטונגען אַ טעזע און אַן אַנטיטעזע. ער זוכט דעם סינטעז; און דאָס איז אַ שול וואָס וועט דערציען סיי דעם יידן און סיי דעם מענטשן ביי דער יוגנט פון אונדזער פאָלק. דובנאָוו געפינט אויך אַן אינטערעסאַנטע פּשרה צווישן דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן, אוני־ווערסאַלן און די יידישע מאָמענטן אין דער דערציאונג... ער זאָגט, אַז מען דאַרף דערציען דעם מענטשן דורך דערציען דעם יידן, דורך דעם נאַציאָנאַלן קומען צו דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן, דעם אוניווערסאַלן.

דובנאָווס ברייטער קוק אויף דעם סינטעז פון יידישער דערציאונג איז

געווען אַ גרויסער טראַט פאָרויס. אין זיין קריטיק איבער דער טראַדי־ציאָנעלער יידישער דערציאונג האָט ער אָבער אַ היפּש ביסל מגזם געווען, ווען ער האָט געלייקנט, אַז זי האָט פאַרמאָגט גרויסע מענטשלעכע אין נישט דווקא יידישע ווערטן. אין דער יידישער דערציאונג איז אַלע מאָל „ייד" און „וועלט" געווען באַהאָפטן. מער נישט, די וועלט איז געווען אַן אַנדערע, נישט די מאָדערנע וועלט פון דעם 19טן און 20סטן יאָרהונ־דערט. רעדט מען אָבער וועגן גרויסע מאָראַלישע ווערטן, זעט מען, אַז זיי האָבן דורכגעדרונגען אַלע מדרגות פון דער פאָלקס־קולטור און פון דער יידישער דערציאונג אין חדר ווי אין שטוב, אין בית־המדרש ווי אויף דער גאַס.

איך נעם נאָר ווי אַ משל אַ קליין מוסר־ספרל פון דער פאַקנטרעגער־ליטעראַטור. אַ מעשה וועגן יעקבן, ווי אויף דער עלטער דערוויסט ער זיך, אַז זיין זון יוסף לעבט, אַז ער איז גאָר אַ שני למלך אין דעם לאַנד מצרים. דאָס מוסר־ספרל דערציילט ווי פאָטער און זון באַגעגענען זיך. אָבער דער דערציילער ברענגט אַריין אַ גאַנץ נייע וואַריאַציע אין פאַרגלייך מיטן חומש. מען קאָן דאָך מיינען, אַז ווען פאָטער און זון באַגעגענען זיך, וועלן זיי זיך גלייך כאַפּן האַלדזן און קושן, אָבער נישט לויטן מוסר־ספרל. דער אַלטער פאָטער רופט אָוועק אין אַ זייט זיין זון און זאָגט צו אים: איך זע, אַז דו ביסט געוואָרן אַ שני למלך, אַ הערשער אין לאַנד מצרים. זאָג מיר נאָר, האָסטו מיט גערעכטיקייט געפירט דאָס לאַנד און מיט ערלעכקייט זיך באַנומען צו מענטשן? האָסטו קיינעם נישט מביש געווען און באַדריקט? ערשט דעמאָלט, ווען יוסף דערקלערט אים, אַז ער האָט אָרנטלעך און מיט יושר צו אָרעמע געפירט די מלוכה, ווערט דער פאָטער אַ פאָטער, און דער זון ווערט אַ זון.

דער שאַרפער סאָציאַלער און אוניווערסאַל־מענטשלעכער מאָטיוו האָט זיך קיין מאָל נישט אָפּגעטאָן פון דער יידישער קולטור־טראַדיציע און פון דער יידישער דערציאונג. אין 19טן יאָרהונדערט האָט אָבער „וועלט" באַטייט טעכניק, וויסנשאַפט, שפּראַכן, קונסט — אַלץ נייע מאָמענטן וואָס האָבן אין דער דורותדיקער יידישער טראַדיציע קיין אָרט נישט פאַר־נומען. „מענטש" האָט איצט באַטייט איינער, וואָס פאַרשטייט זיך אין די נייע ענינים פון וויסנשאַפט און טעכניק, זאַכן פון מענטשלעכן שכל, וואָס וועלן באַלד, באַלד באַשאַפן דעם גן־עדן פאַר אַלע מענטשן אויף דער

וועלט. אין „גן עדן" וועט זיך אויך דער ייד ניט פילן ווי קיין פרעמדער, נאָר ווי אַן אייגענער. דעם „שׂכל" האָט מען אין 19טן יאָרהונדערט באַטראַכט ווי אַ גרויסן קעמפער פאַר מענטשלעכע רעכט, וואָס וועט אָפּשאַפן אַלע פּריווילעגיעס און אַלע שטערונגען פאַר דעם מענטשנס גליק.

אין אַלגעמיין האָט דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום דורכגעמאַכט אַ גרויסע אינעווייניקסטע רעוואָלוציאָנערע ענדערונג. עס האָט געפאָדערט דרייסט בירגערלעכע און אויך נאַציאָנאַלע רעכט. עס איז אויפגעשטאַנען אַ דור פון מאַקסימאַליסטן, וואָס האָט געזען די מעגלעכקייט פון אַ פול יידיש לעבן. טייל האָבן דאָס געזען אין אַן אייגענער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ ישראל, אַ טייל האָבן עס געזען אונטער דעמאָקראַטישע רעזשימען אין אַלע לענדער וואו יידן לעבן. דער פּאָליטישער ציוניזם האָט אַרויסגע־שטעלט די פאָדערונג פון אַן אייגענער נאַציאָנאַלער היים, פון אַ טעריטאָ־ריע, וואו דאָס יידישע לעבן און שאַפן וועט ווידער אַמאָל באַנייט ווערן. דער „בונד", די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, דער „פאָלקיזם" האָבן אַרויס־געשטעלט די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, מינאָריטעטן־רעכט, וואָס וועלן גאַראַנטירן די פולע מעגלעכקייט פאַר דער קולטורעלער און בירגערלעכער אַנטוויקלונג פון יידן ווי אַ פאָלק אין אַלע לענדער, וואו זיי איז באַשערט צו לעבן. און אַזוי זעען מיר ווי דער מאַקסימאַליסטישער איינשטעל פון אַ פולבלוטיק און שעפעריש יידיש לעבן, האָט מעגלעך געמאַכט דעם אויפבלי הן פון אַ גרויסן יידישן, הן פון אַ גרויסן העברעאישן שול־וועזן אין פויל צווישןביידע וועלט־מלחמות. סיי די „ציש"אָ"־שולן, סיי די תרבות־שולן זיינען געווען באַהויכט מיט אידעאַלן פון יידישן קיום און יידישן שאַפן. די פּראָבלעם, וואָס דער סוף פון 19טן יאָרהונדערט האָט געשטעלט וועגן דער שייכות צווישן ייד און מענטש, האָבן ביידע שול־ריכטונגען פולשטענדיק פאַרענטפערט. זיי זיינען געווען יידישע שול־ריכ־טונגען פון אַ מאָדערנעם שניט, זיי האָבן פאַרבונדן יידישע און אייראָפּע־אישע קולטור אויף דעם פרוכטבאַרסטן אופן.

ווידער אַמאָל האָבן מיר געזען ווי אַזוי אַ תקופה האָט געשטעלט נייע אויפגאַבעס פאַר דער יידישער דערציאונג, ווי אַזוי יידישע דורות פון אונדזער פאָלק האָבן די פּראָבלעם געפּרואווט פאַרענטפערן.

*

מיר קומען צו די דערציאונגס־פּראָבלעמען פון אונדזער אייגענער תקופה. זיי זיינען האַרבע, גאָר שווערע. אין יעדן לאַנד זיינען די פּראָב־לעמען פון אַן אַנדער כאַראַקטער.

לאָמיר אָנהייבן מיט ישראל. אַ וויכטיקער און אַ געוואָגטער עקספּע־רימענט ווערט דורכגעפירט אין אַ טייל קיבוצים אין ישראל אויפן געביט פון קאָלעקטיווער דערציאונג. עס איז אַ פּרואוו פון נעמען קינדער ווען זיי זיינען קליין און האָדעווען זיי לויט מאָדערנע פּעדאַגאָגישע מעטאָדן, אָבער היפּשלעך דערווייטערט פון דער דירעקטער השפּעה פון דער מוטער. דער קאָלעקטיוו, אין דעם פאַל דער קינדערישער קאָלעקטיוו, צוזאַמען מיט די לערער און אויפפּאַסערינס פאַרבייטן די פאַמיליע. צי איז דאָס באמת א שריט פאָרויס? צי וועט דער נייער מענטש, אויפגעהאָדעוועט אויף דעם שטייגער, אויסוואַקסן קרעפטיקער, פריידיקער, און צי וועט אים גרינגער זיין בייצוקומען די שוועריקייטן פון לעבן? מיר וועלן די רעזול־טאַטן פריער אָדער שפּעטער אָנהייבן צו באַמערקן. מען קאָן נישט זאָגן, אַז אין דער דערציערישער וועלט, באַזונדערס אין דער פּסיכיאַטריע קוקט מען דורכאויס מיט צופרידנקייט אויף דעם עקספּערימענט. די מאָס ווי צו משפּטן דעם דערפאָלג פון קאָלעקטיווער דערציאונג וועט, פאַרשטייט זיך, מוזן זיין ניט נאָר אויף וויפל דער יונגער מענטש טויג זיך פאַרן קאָלעק־טיוו, נאָר אויף וויפל ער טויג זיך פאַר זיך. וועט ער קאָנען בייקומען אַלע „נאָרמאַלע" און אומגעריכטע פּלאָגענישן, קאָנפליקטן און אויך קאַטאַ־סטראָפעס אין לעבן? עס איז אָבער גוט וואָס צווישן אַלערליי אַנדערע גרויסע עקספּערימענטן אין ישראל ווערט אויך דער דאָזיקער עקספּערי־מענט, אויפן געביט פון דערציאונג, געמאַכט.

מיר ווייסן אויך אַז אין ישראל איז נאָך ביז נישט לאַנג צוריק ענדגיל־טיק ניט אויסגעפורעמט געוואָרן די בילדונגס־סיסטעם פאַרן יידישן קינד. עס האָט געהערשט אַ דורכאויס פּלוראַליסטישער צוגאַנג. אין תוך זיינען געווען דריי באַזונדערע שול־ריכטונגען, וואָס זיינען אויסגעהאַלטן געוואָרן פון דער יידישער מדינה. יעדע האָט פאַרמאָגט איר קולטור־פילאָסאָפיע, אין אַ גרויסער מאָס אויך איר אייגענע פּראָגראַם. מיר קענען די שול פון דער אַרבעטער־ריכטונג מיט אירע סאָציאַל־דערציערישע עלעמענטן.

די שול וואָס האָט פאַרפלאַנצט „די חלוצישע אידעאָלאָגיע, דעם גייסט פון אָפּפערוויליקייט, דעם נאַציאָנאַלן גייסט פון בויען דאָס לאַנד", פון די דאָזיקע שולן האָט געשטאַמט דער גרעסטער פּראָצענט חלוצים, וואָס האָבן געזוכט צו פאַרווירקלעכן אין די קיבוצים דעם סענטימענט, וואָס זיי האָבן באַקומען אין שול. אויך די שולן פון די אַלגעמיינע ציוניסטן און פון דער אָרטאָדאָקסיע זיינען געווען מאָדערנע שולן, וואו מען האָט געלערנט נאַטור־וויסנשאַפט, מאַטעמאַטיק, האַנטאַרבעט אדג"ל. גאַר בקיצור וואָלט מען די אונטערשיידן אין דער דערציאונגס־פילאָסאָפיע פון די דריי ריכטונגען געקאָנט אַזוי פאָרמולירן: דער אַלגעמיינער זרם האָט באַטאָנט — לאַנד, נאַטור, דאָס וואָס קומט פאַר און איז פאַרגעקומען אין ארץ ישראל און אַרום ארץ ישראל. נאַטור און קולטור, לאַנד און קעגנוואַרט — דאָס זיינען באַטראַכט געוואָרן ווי די עיקרים.

„דער רעליגיעזער זרם האָט באַטאָנט — אמונה. אַלץ האָט מען געלערנט פון שטאַנדפּונקט פון גאָטס געבאָטן, גאָטס רצון; נאַטור און געשיכטע, מענטש און געזעלשאַפט, טראַדיציע און שאַפונג — אַלץ האָט מען באַטראַכט פון רעליגיעזן שטאַנדפּונקט. די צוויי גרונט־יסודות זיינען געווען: אמונה און פאַרגאַנגענהייט.

די אַרבעטער־שולן האָבן אַוועקגעשטעלט אין צענטער דעם מענטשן, דעם מענטשן און זיין אַרבעט, דעם יחיד אין זיין צוזאַמענלעבן מיט אַנדערע מענטשן, די געזעלשאַפט. אַלץ אין דער געזעלשאַפט ווערט פּראָדוצירט דורך צוזאַמענאַרבעט און דורך קעגנזייטיקער הילף. מענטשן שאַפן מיט דער האָפענונג אויף דער צוקונפט, און די צוקונפטיקע געזעלשאַפט איז זייער ציל; די פילאָסאָפיע פון דער אַרבעטער־ריכטונג האָט געקאָנט אויסגעדריקט ווערן דורך די ווערטער: געזעלשאַפט און צוקונפט" (ד"ר ב. וואָלמאַן, „בלעטער פאַר יידישער דערציאונג", נומ. 1, 1949).

די האַרבע פּראָבלעם וואָס איז געשטאַנען פאַר דער מדינה איז געווען: ווי קאָן מען אויפהאַדעווען דעם נייעם בירגער אין ישראל, ווען זיין דערציאונג ווערט געפירט אויף אַזויפיל פאַרשיידענע אופנים? ווי ווערט פאַרמירט די לאָיאַלקייט צו דער נייער מדינה, צו דעם געזעלשאַפטלעכן סדר, וואָס שאַפט זיך? ווערט ניט דורך דער דערציאונג געשאַפן אַ באַשטענדיקער עלעמענט פון אומסטאַבילקייט, פון היפּער־קריטישקייט, וואָס ווערט יונג פאַרפלאַנצט ביי יעדן עלעמענט פון דער באַפעלקערונג לגבי דעם צווייטן?

איינס דאַרף מען אָבער באַטאָנען, עס איז געווען דער סאַמע דעמאָקראַטי־שער אויסוועג, וואָס איז מעגלעך געווען אין דער סיטואַציע. אַנשטאָט מעכאַניזירטער אייניקייט און אויסגעהאַלטנקייט וואָס שטימט ניט מיטן לעבן, איז אַוודאי בעסער פּילאַרטיקייט, אַפילו ווען אין איר איז פאַראַן אַ געוויסע געזעלשאַפטלעכע סכנה. אַפילו איצט, נאָכן נייעם שול־געזעץ, איז אַ היפּש ביסל אויטאָנאָמיע געבליבן, וואָס שייך די גרונט־פּרינציפּן פון חינוך.

*

אַ סך, אַ סך, שווערער, אויסער יעדער פּראָפּאָרץ, איז דער צושטאַנד פון יידישער דערציאונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אויך דאָ איז ניט פאַראַן קיין אייגהייטלעכע שול פאַרן יידישן קינד. אויך דאָ איז נאָך ניט קלאָר פאָרמולירט געוואָרן די נייטיקייט און דאָס אחריות אויסצוהאָדעווען ניט נאָר קיין חסידים פון אַן אייגענער געזעלשאַפטלעכער אידעאָלאָגיע, נאָר אַ יונגן יידישן דור, וואָס זאָל פאַרזיכערן אונדזער נאַציאָנאַלן קיום דאָ אין לאַנד.

אַוודאי מוז דער יוגנטלעכער וויסן, אַז אונדזער לעבן, ווי דאָס לעבן פון אַנדערע אומות, איז צעטיילט אויף ריכטונגען, שיטות אד״גל. פונדעסט־וועגן זיינען מיר אָבער אַ פאָלק, האָבן מיר כלל־אינטערעסן, איז נייטיק פאַרשטענדעניש פאַר אַלע ניואַנסן פון פאָלקס־לעבן און פון פאָלקס־שטייגער. ביי דעם אַלעמען, האַלט איך פונדעסטוועגן אַז מען טאָר ניט צו שוואַרץ אויסמאָלן דעם צושטאַנד פון יידישער דערציאונג אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן. 500 טויזנט יידישע קינדער באַקומען דאָך אַ יידישע דערציאונג. די אַלגעמיינע צאָל קינדער אין די פאַרשיידענע יידישע לערן־אַנשטאַלטן פון אַלע מינים רעליגיעזע און וועלטלעכע שולן וואַקסט.

מען רעכנט, אַז אַן ערך 80 פּראָצענט יידישע קינדער אין שול־עלטער האָבן ווען עס איז אַריינגעשטעלט די פיס אין אַ יידישן דערציאונגס־אַנשטאַלט און זיינען נאָך אַ יאָר, אַ מאָל מער און אַ מאָל ווייניקער, אַרויסגעפאַלן פון דער שול. דער לעצטער פאַקט מוז גאָר באַזונדערס זיך איינקריצן אין אונדזער זכרון.

פאַרוואָס איז אַזוי שווער איינצושפּאַנען אונדזער יוגנט אין די פאַראיי־ניקטע שטאַטן אין דעם עול פון יידישקייט? די שולד ווערט געוויינלעך

געוואָרפן אויפן קינד און אויפן יוגנטלעכן. וויפל לשון־הרע האָט מען שוין אָנגערעדט אויפן אַמעריקאַנער יידישן קינד? מיר דוכט, אַז ריידן שלעכס העלפט בכלל גאָרניט און איז נאָר אַ שטער צו פאַרשטייך וואָס עס קומט פאָר מיט אונדזערע אייגענע קינדער. צי זאָלן מיר לייקענען, אַז דאָס אַמעריקאַנער יידישע קינד האָט אַ באַזונדערן חן, איז בדרך כלל זעלב־שטענדיק, אָרגאַניזירט און זייער גוט אינפאָרמירט וועגן אַ היפש ביסל ענינים פון לעבן. עס האָט איניציאַטיוו און פאַרשטענדעניש ווי אַזוי אויסצוקומען מיט מענטשן. פונדעסטוועגן באַגעגענען מיר די סאַמע גרעסטע שוועריקייטן דווקא מיט דעם דאָזיקן קינד און יוגנטלעכן, וואָס אין אַלע אַנדערע פּרטים וואָלט ער געווען אַ בענטשונג פאַר דעם יידישן לערער. די פראַגע קאָן מען, דוכט זיך, דערקלערן נאָר סאָציאָלאָגיש. הגם קיין סך פאָרשונגען זיינען אויף דעם געביט ניט געמאַכט געוואָרן, ווערט דער ענין דאָך פאַרשטענדלעכער און קלאָרער.

איך וואָלט אָנגעהויבן מיט דעם, אַז אַ נייער טיפּ מענטש און אַ נייער טיפּ ייד ווערט אין אַמעריקע געשאַפן. יעדער איינער קאָן זאָגן וועגן זיינע אייגענע קינדער, אַז געוויס זיינען זיי געראָטן אַ ביסל אין דעם טאַטן און אַ ביסל אין דער מאַמען. אָבער קודם־כל זיינען זיי געראָטן אין זיך. איך מיין, אַז עס איז געקומען אַ צייט אויפצוהערן „באַריידן" אונדזער יוגנט. ס'איז ניט אמת, אַז זי האָט די סאַמע גרינגסטע און בעסטע מערכה אויף דער וועלט.

אונדזער יוגנטלעכער לעבט דורך אין געוויסע סטאַדיעס פון זיין לעבן אַ גייסטיקן קריזיס פון וועלכן מיר אין אונדזער יוגנט האָבן ניט געוואוסט. נאָר די קינדער־יאָרן און די פריע יוגנט זיינען יאָרן פון פרייד און פון זיכערקייט. די צוואָנציקער און דרייסיקער יאָרן פירן אָפט צו קאָמפּליקאַ־ציעס און צו אַ קריזיס אין דער פּערזענלעכקייט. ווער איז ער, דער יונגער ייד אין אַמעריקע? וואָס איז ער הינטער אַלע מאַסקעס, הינטער דער גאַנצער בראַוואַדאָ און לעבנס־באַרוישטקייט? מיר ווייסן זייער ווייניק וועגן אים, נאָר מיר דוכט, אַז ס'וואָלט ניט געווען ווייט פון אמת צו זאָגן, אַז דער נייער ייד איז מער ניט דער גאַנצער אינטעגרירטער מענטש וואָס איז געווען במשך דורות יידיש לעבן. דער נייער מענטש איז אַ ראַנד־מענטש. מיט איין פוס שטייט ער אין איין קולטור, מיטן צווייטן פוס אין דער צווייטער. פון איין זייט, איז ער אַ גליד פון אַן עטנישער גרופּע, אַ

מינדערהייט, פון דער אַנדערער זייט, געהערט ער צו דער מערהייטס־קולטור. ווי קאָן אַ מענטש אויסמיידן אין אַזאַ לאַגע נשמה־קאָנפליקטן? קיין ענטפער און קיין לייזונג פון דרויסן איז דאָך פאַר אים ניט מעגלעך. אַ סך פּראָבלעמען און שוועריקייטן מוז ער אַליין פאַרענטפערן פאַר זיך און פאַר זיין געוויסן. עס פעלט דער כוח, וואָס אַ מענטש פאַרמאָגט, ווען ער קאָן זיך אָנשפאַרן אויף פאָלקס־טראַדיציע און אויף אַ לעבנס־נוסח. דאַרפן מיר זיך וואונדערן אויף דער מרידה מיט וועלכער די דאָזיקע נאָקעטע מענטשלעכע פּערזענלעכקייט שטעלט זיך אָפּט אַנטקעגן?

קעגן וואָס שטעלט זי זיך אַנטקעגן? קודם־כל קעגן עול! בלויז דעם עול פון דער מאַשין־ציוויליזאַציע מיט אירע מאַניערן, דרעסירטקייט, מיט איר סטאַטוט־סיסטעם נעמט דער מענטש אויף זיך; ווייטער איז דער אינעווייניקסטער באַגער צו אַ וואָס גרעסערער פרייהייט אָן נייער אַחריות, דער עיקר אַחריות וואָס מען דאַרף טראָגן, ווי אַ ייד, ווי אַ מענטש, אָן דער מיטבאַטייליקונג פונעם כלל מענטשן. זיין אַ ייד האָט במשך פון דורות באַטייט ניט נאָר גיין מיט דער וועלט, נאָר אויך קעגן דער וועלט, פאַר דעם מוז מען האָבן טיפע כוונה, מוט, אויסדויער און גלויבן!

*

עס איז פאַראַן נאָך אַ מאָמענט אויסער דעם מאָמענט פון ראַנדיקייט. דאָס איז ניט דווקא אַ כאַראַקטער־שטריך פון מאָדערנעם יידישן לעבן, נאָר פון מאָדערנעם מענטשלעכן לעבן בכלל, און ניט דווקא אין אַמעריקע. די מעטראָפּאָליע, דאָס גרויסשטאָטישע לעבן, די באַגעגעניש פון אַלערליי קולטור־שטייגערס, און דער עיקר די מאָדערנע טעכנאָלאָגיע, האָבן באַשאַפן אַ נייעם טיפּ מענטש מיט „האָריזאָנטאַלע" אינטערעסן. איך וואָלט געגאַנגען אַזוי ווייט ווי אָנצורופן אים: דער מענטש מיט אַ „האָריזאָנטאַלער" פערזענלעכקייט. וואָס הייסט עס? דאָס הייסט, אַז דער מענטש נעמט איבער ווערטן, סימבאָלן, דער עיקר פון זיין טעכנאָלאָגישער סביבה, פון דער טעכנישער ציוויליזאַציע, אָבער ניט פון דעם אינעווייניקסטן שטייגער לעבן און היסטאָרישער קולטור־אַנטוויקלונג. ער לעבט נאָר מיט די אינטערעסן און אַספּיראַציעס פון זיין אייגענעם דור. דורותדיקייט איז פאַר אים פרעמד, דאָס וואָס עס קומט פאַר היינט, אַרום אים, דעקט זיינע טיפסטע מענטשלעכע אינטערעסן.

דאָס גליק און די שפּאַנונג, וואָס דער מיטלאַלטערלעכער מענטש האָט געזען אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, וואָס די תקופה פון אויפקלערונג און רעוואָלוציעס האָט געזען אין דער צוקונפט, שפּירט ער בעיקר אינעם היינט.

בנוגע קולטור־שאַפונגען פון פריערדיקע דורות איז דער „האָמאָ נאָוואָוס״ אין דער לאַגע פון איינעם, וואָס איז דורכאויס עגאָצענטריש. ער נעמט, אויב ער וויל בכלל נעמען, נאָר וואָס ער וויל, ווי אַלץ וואָלט כלומרשט נאָר פון זיינטוועגן באַשאַפן געוואָרן. ער און זיינע באַגערן זיינען די מאָס פון אַלץ, וואָס איז חשוב און ווערטפול. ער איז קיין מאָל ניט אין דער אמתן אין טיפן באַריר מיט די גרויסע גייסטיקע און שעפערישע כוחות אין דער געשיכטע פון דעם אייגענעם פאָלק און פון דער וועלט. ער איז ניט אין קיין שום באַריר מיט צייט און פאָלקס־לעבן. ער וועט זיך ניט דערוועגן „אונטערגעבן״ די אמתע טיפע שטראָמען אין דער קולטור און אין לעבן פון זיין פאָלק.

די היינט־צענטרישקייט, וואָס באהערשט אַזאַ גרויסן לעבנס־שטח פונעם מאָדערנעם מענטשן, מוז מען פונדעסטוועגן באַטראַכטן אָן פאַר־ביטערטקייט. ווי לאַנג איז נאָר די צוקונפט געווען די קעניגין און איינ־ציקע דעה־זאָגערין אין אונדזער לעבן? וויפל אַכזריות, וויפל אוממענטש־לעכקייט איז באַגאַנגען געוואָרן כדי די צוקונפטיקע דורות זאָלן לעבן גליקלעך.

אַ סך פון דער ברוטאַלקייט, בייז און דיקטאַטאָרישער מאַכט ווערט באַרעכטיקט דורך די נייטן פון דער צוקונפט, וואָס מיר שטערבלעכע טאָרן זיך נישט אָפּזאָגן צו ברענגען איר די גרעסטע קרבנות! דאָס מערק־ווירדיקע דערביי איז אָבער וואָס אַ דור, אַ סאָציאַלע שיכט אָדער אַ באַווע־גונג נעמט אָן די מאָטיווירונג פאַר רעכט און נעמט אָן דעם גרעסטן קרבן באהבה.

מיר טאָרן דעריבער ניט אויפגעבראַכט ווערן, ווען די מאָטיווירונג פון מענטשלעכע האַנדלונגען ווערט ס׳רוב אַ היינטיסטישע. די פראַגע איז נאָר צי דער נוסח פון יידישן דערציאונג און פון יידישן קיום קאָן זיך אַריינפּאַסן אין אַזאַ לעבנס־אָריענטאַציע. פאָדערט ניט יידישע דערציאונג אין תוך איבעראָריענטירן דעם גאַנצן איינשטעל וועגן פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט?

דער אמת איז, אַז יעדע אויפטועריש יידישע דערציאונג פירט צו אַן איבעראָריענטירונג מיט אַ נאָרמאַלן צייט־איינשטעל, וואו דאָס לעבן ווערט ווי אַ שטראָם, אַ פליסיק וואַסער, אַ לעבן וואָס איז געבונדן און געקניפּט. ניט אַ דור קעגן דורות, נאָר דור און דורות געבונדן — אַזאַ ווערט דער איינשטעל.

דער יאוש און מעלאַנכאָליע, וואָס מיר הערן בעת עס רעדט זיך וועגן פורעמען די יידישע פּערזענלעכקייט פון קינד, שטאַמט פון דעם, ווייל מיר אַלע ווייסן, צום באַדויערן, זייער ווייניק ווי צו פורעמען די מענטש־לעכע פּערזענלעכקייט בכלל. און מיר ווייסן ניט, דוכט מיר, ווייל מיר האָבן צו אָפט און צו פיל פאַרייִנפאַכט די שוועריקייטן, וואָס דערציאונג פאַרמאָגט אויף אַן אמת. מיר האָבן מעכאַניזירט אונדזער דערציערישן צוגאַנג און געגלויבט, אַז נאָר מיט טעכניק קאָן מען גרויסע זאַכן אויפטאָן.

די דערפאַרונג און דאָס לעבן האָבן אונדז געוויזן, אַז כוונה איז העכער ווי טעכניק, אַז קוים ווערט די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט „האָריזאָנטאַל" און פאַרלירט איר אויפנעם־פעאיקייט פאַר דער ווירקונג פון דור־דורות־דיקע שעפערישע השפעות, ווערט זי אויך אומפעאיק אויפצונעמען יידישע טראַדיציע, יידישן עול און אַחריות פאַר פאָלקס־קיום.

ווייל די מענטשלעכקייט איז פאַרפלאַכט געוואָרן איז אויך די יידיש־קייט אַ מאָגערע, אַן אומשעפערישע, אַן גרויסער התלהבות, אַן גרייטקייט אויף קרבן, אַן דער פעאיקייט אויפצונעמען די טראַגיק פון ייד־זיין, ניט נאָר דעם תענוג און די פרייד.

מיר ווייסן דעם וועג, אויף וועלכן דער נוסח־אַשכנז האָט זיך פאַר־נומען. מיר ווייסן דעם וועג פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, דעם וועג פון טויזנט יאָר פוילן. „איטלעכער גאַנג אין לעבן, שרייבט ד"ר ווײַנרייך (ייוואָ־בלעטער, 1951), מוז זיך מיט עפּעס לעגיטימירן, דאָס הייסט פון ערגעץ אַרויספירן זיין יחוס און באַרעכטיקונג. אין פאַרשיידענע צייטן זיינען געווען ביי אונדז שיטות וואָס האָבן געוואָלט אויפווייזן, אַז יידישקייט איז „בהסכם מיט": בהסכם מיט אַריסטאָטעלעסן, בהסכם מיטן ראַציאָנאַ־ליזם, בהסכם מיטן קאַנטיאַניזם, בהסכם מיטן מאַרקסיזם, בהסכם מיט דער טעאָריע פון נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן, בהסכם מיטן עכטן אַמעריקאַ־ניזם, איר זעט, מעשה שטן זיינען דאָס אַלץ דרויסנדיקע מאָסן; די סקאַלע ווערטן רוקט זיך אַריין, קאָן מען זאָגן, פונעם מיטצייטישן אַרום.

„אַשכּנז איז אַנדערש. אַשכּנז לעגיטימירט זיך מיט פריערדיקע דורות ייִדן, ווי דער ספר חסידים שרייבט מיט אַ זיבן הונדערט יאָר צוריק: ,אַ מענטש זאָגט צו זײַנע זין: אַזוי טו איך, אַזוי פלעגט מײַן טאַטע טאָן — כּדי זיי, די זין, זאָלן אויך אַזוי טאָן'.

„אָט דער וועג פון לעגיטימירונג האַלט אויף די גאָלדענע קייט: אַשכּנז לעגיטימירט זיך מיט בבל און ארץ ישראל, פּונקט ווי פריער האָט זיך די גמרא לעגיטימירט מיט דער משנה, די משנה מיטן תנ"ך, דער תנ"ך מיט מתן תורה".

צי האָט ניט דער נוסח, קאָן מען פרעגן, געפירט צו פּאַרגליווערטקייט און סטאַגנאַציע? פּונקט פאַרקערט, ווײַל אַ המשך פון דער סאָציאַלער טראַדיציע איז שוין געווען באַוואָרנט, זײַנען מעגלעך געווען נײַעסן, זײַנען מעגלעך געווען ענדערונגען און אַ פּראָצעס פון אַנטוויקלונג. די אַשכּנזישע ייִדישקייט האָט תּמיד געקאָנט „גרינג פאַראייניקן דאָס פרעמדע און איבערנעמען פון דרויסן". זי האָט אויך ניט געליטן פון טאָטאַלקייט, פון באַשטימען דווקא איין נוסח, פון ניט דערלאָזן וואַריאַציעס.

די מאָדערנע נאַציאָנאַלע ייִדישע שול, ווי אַ געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג, פאַרטרעט אין טיפסטן תוך די מזרח־אייראָפּעאישע טראַדיציע אין ייִדישן לעבן. ביי אַלע פאָרמען פון אַמעריקאַניזאַציע איז איר תּוך דער אַשכּנזישער וועג אין ייִדישן לעבן — היסטאָרישע לעגיטימירונג. דערפון שטאַמט אויך איר באַגער צו פאַרפלאַנצן ייִדיש לשון, צוגלייך מיט העב־רעאיש, דאָס באַשטיין אויף דעם פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער פון איר אַרבעט, איר טיפער אינטערעס אין דעמאָקראַטיזירן דאָס ייִדישע לעבן, איר אינטערעס אין ייִדישן לעבן אין אַלע זײַנע פאָרמען, אין ישראל און אין די תּפוצות...

*

אין מײַן פריערדיקן אַנאַליז האָב איך זיך ניט אָפּגעשטעלט אויף אַלע פּראָבלעמען און אַפילו ניט אויף די עיקר־שוועריקייטן אויפן געביט פון ייִדישער דערציאונג אין אַמעריקע. איך האָב זיך נאָר אָפּגעשטעלט אויף געוויסע סימנים פון אַ נייער כאַראַקטער־סטרוקטור פון דער אַמעריקאַנער ייִדישער יוגנט.

עס איז נייטיק, מיין איך, אַרויסהייבן נאָך איין עיקר־פּראָבלעם פון

אונדזער היסטאָרישער תקופה — אויפהיטן די גאַנצקייט פון אונדזער פאָלק. איינהיטן די נאָענטקייט צווישן ישראל און די תפוצות, צווישן איין יידישן ישוב און אַלע אַנדערע. עס איז נויטיק, אַז די יידישע יוגנט, וואו זי זאָל ניט געבוירן ווערן, אויף וועלכער ערד עס זאָל איר ניט באַשערט זיין צו לעבן, זאָל מיט ליבע און סימפּאַטיע, מיט געטריישאַפט און איבער־געגעבנקייט קוקן אויף אַלע יידן פון דער גאָרער וועלט. און כדי דאָס זאָל מעגלעך זיין, דוכט מיר, מוזן מיר לערנען די יוגנט צו באַפרייען זיך, און מיר אַליין דאַרפן זיך לערנען צו באַפרייען זיך פון אַ נייער גאווה, וואָס קומט אויף אין אַ היפּש ביסל יידישע ישובים. אין אַמעריקע איז עס די גאווה פון „אַמעריקאַניזם", פון באַטראַכטן די אייגענע קולטור־פאָרעם, טעכניק און ציוויליזאַציע פאַר דער העכסטער און שיר ניט פאַר דער איינציק־מעגלעכער. אַלע „איזמען" טויגן ניט, אַזוי גייט אַ ווערטל, אויסער דעם „איזם" פון אַמעריקאַניזם. אויך אין ישראל פעלט ניט די גאווה פון דעם סאַברע, וואָס זעט ניט קיין שום קולטור־ווערטן, קיין שום גרויסע מענטשלעכע און גרויסע יידישע מעלות ביי דעם יידן פון „גלות". אַזאַ געפיל קאָן באַשאַפן נאָר פרעמדקייט און ניט קיין ליבע און צוגעבונדנ־קייט צו יידן איבער דער וועלט.

אין תוך איז גאווה אַ מענטשלעכע שוואַכקייט, וואָס קאָן געהיילט ווערן דורך אינטעלעקטועלער, נאַציאָנאַלער עניוות. ווייל איך גלויב, אַז אהבת ישראל איז שטאַרקער און וועט שטאַרקער ווערן אין אונדזער לעבן, גלויב איך אויך, אַז די באַזונדערע ישובים־גאווה וועט שוואַכער ווערן.

איך קום צום סוף פון מיין איבערבליק. אויב דאָס בילד פון יידישער דערציאונג היינט צו טאָג איז ניט געווען פול נאָר מיט שטימונגען פון אָפּטימיזם, איז אָבער פאַראַן, דוכט מיר, פאַר אונדז אַן איינציקער וועג, וואָס קאָן באַרעכטיקן אָפּטימיזם. דאָס איז דער וועג פון אַרבעט, עקשנות־דיקער אַרבעט צו געווינען פאַר אונדז דאָס יידישע קינד, צו געווינען פאַר אונדז די יוגנט. וואָרעם זייער נאָענטקייט צום יידישן לעבן, צו אונדזערע טראַדיציעס, צו ישראל, צו אַלע אונדזערע האָפענונגען און אַספּיראַציעס וועט פאַר זיי ברענגען שטאַרקונג און קרעפטיקונג סיי ווי מענטשן און סיי ווי יידן.

(רעפעראַט, געהאַלטן אויף דער קאָנפערענץ פון די פּיאָנערן־פרויען אין ניו־יאָרק, 1951).

אַ תכלית פאַר יידישער דערציאונג *

...ווידער אַמאָל אַ יידישע אַסיפה, און טאַקע פון דערציער, און ווידער אַמאָל קומען מיר זיך צונויפֿאַמען און מיר שטעלן אַוועק אויפן סדר־היום די אַלטע און די אייביק־נייע עיקרים פון אונדזער יידישן חינוך. עס קאָן זיך אין פלוג אויסדוכטן אַז דאָס איז אפשר „נוסח אַמעריקע". מיר דוכט זיך אָבער אַז דאָס איז אין תוך אַן אַלטער יידישער דרך. איך דערמאָן זיך אַ מסורה, אַז ווען משה האָט באַקומען די תורה אויפן באַרג סיני, איז זי ניט געווען אַזוי, ווי מיר קענען זי היינט־צו־טאָג. ניין! אַלע שורות, אַלע ווערטער און אותיות זיינען געווען צוזאַמענגעגאָסן און משה רבינו האָט זיי ערשט געדאַרפט אויסשטעלן אין ווערטער, די ווערטער אין זאַצן, די זאַצן אין פסוקים אדג"ל. דאָס איז געווען זיין צושטייער צו דער געטלעכער מתנה און דאָס איז אויך, דוכט מיר, די עובדא פון יעדן דור. דאָס איז אונדזער פליכט און עובדא איבערצושטעלן, אַנדערש פאַרטיילן און אַנדערש צו פאַרטייטשן די עיקרים, די הייליקייטן פון אונדזער לעבן.

אַזוי איז דאָס שוין באַשערט, אַז יעדע תקופה און די היסטאָרישע דערפאַרונגען, וואָס זי ברענגט מיט זיך, זאָלן לערנען אונדז פונדאַסניי און אַנדערש צו דערזען דאָס לעבן, אונדזערע אויפֿטואונגען און אויך אונדזערע דורכפֿאַלן. דאָס איז אמת וועגן אַלץ אין לעבן און אַוודאי איז דאָס אמת וועגן אַזאַ קאָמפּליצירטן ענין ווי יידישער חינוך.

איך האָב מיט פאַרגעניגן אָנגענומען די איינלאַדונג צו באַטייליקן זיך אין דעם היינטיקן עונג שבת און סימפּאָזיום וויסנדיק, אַז איך איז וואויל באַקאַנט, אַז אַוודאי זיינען פאַראַן גרויסע באַריר־פונקטן צווישן אונדז אַלעמען — יידיש־וועלטלעכע און קאָנגרעגאַציע־שולן, העברעאישע

---

* אויסצוגן פון אַ רעדע, געהאַלטן אויפן עונג שבת ביים לאַנד־צוזאַמענפאָר פון דער „אַמעריקאַנער אַסאָציאַציע פאַר יידישער דערציאונג", פילאַדעלפיע, יוני 1952.

און יידיש־העברעאישע שולן. אָבער — אויך צעשיידונגען און סתירות זיינען פאַראַן. עס איז אָבער גראָד דער שטריך פון אינטעלעקטועלער פרייהייט, פון דעם פּלוראַליזם פון געדאַנקען און טעאָריעס, וואָס טיילט אַזוי אויס און מאַכט אַזוי אַנדערש אונדזער היינטיקע מסיבה פון אַזוי פיל אַנדערע. און איך פיל, אַז אויב פון צייט צו צייט דוכט זיך אונדז אויס, אַז פלוצעם ווערן פון איין טעזיס אַזוי פיל אַנטיטעזיסן, איז אָבער ניט אויסגעשלאָסן אַז מיט דער צייט זאָל זיך אויך שאַפן אַ סינטעז, אַ באַהעפ־טונג אָדער נאָך פשוטער, עטלעכע אידעאישע ריכטונגען זאָלן קאָנען לעבן בשלום, ניט איינע קעגן די אַנדערע, נאָר איינע לעבן די אַנדערע. דאָס איז אייגנטלעך די אמתע כוונה פון פּלוראַליסטישן צוגאַנג צום מענטשלעכן לעבן. עס איז די טבע פון אונדזער לעבן און פון דער וועלט, עס איז אַן אייגנאַרטיקער שטריך פון אונדזער מענטשלעכקייט, אַז מיר זאָלן זיין פאַרשיידן, אָבער דווקא אין דער פאַרשיידנקייט זאָל זיך אַרויס־ווייזן דאָס אוניווערסאַלע, דאָס בשותּפותדיקע און דאָס נאָענטע. אַזוי אין אַלגעמיינעם לעבן, אַזוי אויך אין אונדזער יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן.

*

היסטאָריש גענומען זיינען סיי דער יידישיזם און סיי דער העברעאיזם אידעאָלאָגיעס, וואָס זיינען אויפגעקומען אין יידישן לעבן במשך פון 19טן יאָרהונדערט אין גייסטיקן קלימאַט פון דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידישן לעבן. פון יענער צייט אָן האָבן מיר איבערגעלעבט סיי חורבן פון דעם יידישן אייראָפּע, סיי דעם אויפקום פון מדינת ישראל, סיי דאָס אַנטשטיין פון גרויסן יידישן ישוב אין אַמעריקע ווי אַן אומגעהויער וויכטיקן פאַקטאָר אין קולטורעלן, עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אונדזער פאָלק.ביידע קולטור־שטרעבונגען, איינע וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אויפצולעבן און שאַפן מאָדערנע ליטעראַטור אין דער שפּראַך פון תנך און פון דער משנה, די צווייטע — וואָס האָט זיך געמיט צו דערהייבן די פאָלקס־שפּראַך, יידיש. ביידע זיינען געווען גרויסע און שאַפערישע אידעען אין אונדזער נאַציאָנאַלן רענעסאַנס. ווי אָרעמער, ווי מעלאַנכאָ־לישער וואָלט געווען אונדזער לעבן אָן י. ל. פּרץ, אָן חיים נחמן ביאַליק, אָן אַ שלום־עליכם...

דער אויפקום פון בײדע באַוועגונגען איז אָבער געװען אַן אײנריס אין ייִדישן לעבן. טראַדיציאָנעל האָבן במשך פון הונדערטער יאָרן בײדע לשונות געפירט אַ שײכותדיקע עקזיסטענץ מיט דעם גרעסטן שלום בית, וואָס איז נאָר מעגלעך צווישן צוויי קולטור־פאַקטאָרן אינעם לעבן פון אַ פאָלק. ניט נאָר האָט מען דעם חומש און די גמרא, ווי מיר ווייסן אַלע, פאַרטײטשט אויף ייִדיש, נאָר די חומש־געשטאַלטן, די סיפּורים פון מדרש זײנען צוריק לעבעדיק אויפגעשטאַנען אין דער ליטעראַטור אויף ייִדיש. דער תנך איז דורך דעם טיפער אַרײנגעדרונגען אין פאָלק, האָט אָנגע־פילט די ד׳ אַמות פון דער ייִדישער שטוב און די ווערטער פון דעם אַלטן און הייליקן לשון האָבן זי באַהאַפטן מיט די ווערטער פון דער נאָענטער און היימישער שפּראַך. אַפילו אין 19טן יאָרהונדערט, ווען בײדע ליטעראַטורן, סײ די העברעאישע און סײ די ייִדישע, האָבן זיך צעבליט, זײנען די ראשונים פון בײדע ליטעראַטורן געווען דורכאויס צוויי־שפּראַ־כיק און טאָקע געשאַפן ווערק אין בײדע לשונות אונדזערע. אַזוי האבן מענדעלע מוכר ספרים, פּרץ, ביאַליק נאָך אַלץ אויפגעהיט די טראַדיציע פון „צוויי לשונות — אײן ליטעראַטור!“ (ש. ניגער).

ערשט אינעם ווײטערדיקן גאַנג פון לעבן, אין די ביטערע קאָנפליקטן און קולטור־קאַמפן, דער עיקר צווישן בײדע וועלט־מלחמות, זײנען די אידעען פון ייִדיש און העברעאיש געוואָרן געווער אין קאַמף. עס איז נישטאָ זיך וואָס צו וואונדערן — אידעען זײנען אַ געווער אין סאָציאַלן און קולטור־רעלן לעבן פון פעלקער. זיי זײנען אָבער אויך מער. אין פרידלעכע יאָרן זײנען זיי אַ כּוח און אַ סטימול פאַר אײגענער שאַפונג. מיר ווייסן דאָך אַז אינעם זעלבן תנך הערן מיר אײן מאָל דעם נביאישן רוף „איבערצו־שמידן די שווערדן אין אַקעראײזנס“, און אַ צווייט מאָל, „איבערצושמידן די אַקעראײזנס אין שווערדן“. דאָס זעלבע איז אויך מיט אידעען, נאָר פאַרקערט. אָט זײנען זיי געווער, אָבער נאָך דער צײט פון קריג ווערן זיי צוריק געצײג, באַקומען זיי צוריק זײער אײגנטלעכע און פרידלעכע געשטאַלט. מיר דוכט, אַז אויך אינעם שפּראַכן־קאַמף איז נײטיק אײנצו־שטעלן אַ מין ברודער־שלום.

איבערהויפּט איז עס נײטיק אויפן געביט פון דערציאונג, וואָס איז בכלל אַ געביט וואו די דערציער קאָנען אויפטאָן נאָר מיט „פרידלעכע“ מיטלען, מיט ישוב הדעת און וואו קריגערישקייט ברענגט ניט צו קײן

שום מזל ברכה. איך זע אין דעם פאַל דעם אונטערשייד צווישן דערציאונג און פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איינס קאָן ווירקן מיט פייערווערק און אַ צווייטע קאָן משפּיע זיין נאָר דורך אַן אינעווייניקסטן גלויבן, דורך אַ שטיל קליין פלעמל אין דער מענטשלעכער נשמה.

*

נאָך אַ מאָטיוו פאַר וואָס אידעאָלאָגישע און געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע פּראָבלעמען קאָנען נישט דעקן אונדזערע דערציערישע באַגערן: יעדע יידישע שול, צי זי איז אַ יידיש־וועלטלעכע, אַ קאָנגרעגאַציע־שול, אַ ישיבה אָדער אַ רעפאָרם־שול, מוז שטעלן אין צענטער פון אונדזער לערן־פּראָבלעם די אומה, דאָס פאָלק מיט אַלע זיינע בענקשאַפטן, סענטימענטן, טראַדיציעס און גייסטיקע ווערטן. דאָס קינד, וואָס יעדע איינציקע קולטור־ריכטונג און רעליגיעזע ריכטונג אין יידישן לעבן קריגט אַריין, איז נאָר אַ פּיקדון, וואָס זיין ליבער נאָמען האָט אונדז איבערגעגעבן אויף אַ קורצער צייט, שוין צו קורצער צייט, כדי מיר זאָלן אים שפּעטער מיט אַ מער אויפגעוואַכטער נשמה אומקערן דער אומה און נישט צו האַלטן דעם לעבעדיקן נפש דווקא פאַר זיך!

איך מיין, אַז יידישע דערציאונג דאַרף זיין נאַציאָנאַל גרויס־מוטיקער, ווי זי איז ביים היינטיקן מאָמענט. איך ווייס און איך קאָן עס נישט פאַרגעסן אויף אַ רגע, אַז די עיקר־פּראָבלעם פון אונדזער היסטאָרישער תקופה איז אויפצוהיטן די גאַנצקייט פון אונדזער פאָלק, די גאַנצקייט אין יעדן ישוב באַזונדער, די גאַנצקייט צווישן די ישובים און מדינת ישראל, די גאַנצקייט אינעם ווידעראַנאַנד פון אַלע אונדזערע קולטור־ריכטונגען.

עס איז נייטיק, אַז יידישע יוגנט, וואו זי זאָל נישט געבוירן ווערן, אויף וועלכער ערד עס זאָל איר נישט זיין באַשערט צו לעבן, אין וועלכער שול זי זאָל ניט האָבן געלערנט, זאָל מיט ליבע און סימפּאַטיע, מיט געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט קוקן אויף אַלע יידן פון גאָר דער דער וועלט. און כדי דאָס זאָל מעגלעך זיין וואָלט גוט געווען, אַז צוזאַמען מיט אַלע שבע חכמות, וואָס מיר לערנען אונדזערע קינדער, אָדער מיר לערנען זיי נישט, זאָלן מיר ביי זיי איינפלאַנצן אַ טראָפּעלע קולטור־עניוות און איינצאָמען די גאווה פון זיכערקייט, אַז נאָר איין נוסח פון אונדזער אידעאישן און נאַציאָנאַלן לעבן איז דער דורכאויס אמתער.

*

די גרונט־פּראָבלעם איז, ווי האָדעוועט מען אַ יידיש־פילנדיקן, אַ יידיש־טראַכטנדיקן יונגן מענטשן. אַזאַ איינער וועט שוין אויף די פאַר־שיידענע מדרגות פון זיין לערנען און פון זיין לעבנס־עלטער אויפנעמען אַלץ, וואָס איז שורשדיק אין לעבן פון פאָלק. ווען אונדזער פאַרגאַנגענהייט און אונדזער היינט וואָלטן שטאַרק געווירקט אויף אונדזערע קינדער, ווען אַפילו אונדזער אייגענע סביבה וואָלט געהאַט אַ השפעה אויף דעם יונגן יידישן דור, וואָלטן די רעזולטאַטן געווען גרונטיקער. אָבער, מיר דוכט, אַז איינע פון די כאַראַקטעריסטיקעס פון דעם דורכשניטלעכן תלמיד איז וואָס ער הערט און הערט ניט, זעט און זעט ניט, — ער באַטראַכט יידישע בילדונג נאָר ווי אַן ענין וואָס ענדיקט זיך אין די פיר ווענט פון דער שול.

איך קום צו צום לעצטן אַספּעקט פון דעם ענין — דער תכלית פון לערנען, תכלית אין גייסטיקן, ניט אין מאַטעריעלן זינען. אַוודאי איז גוט, אַז קינדער לערנען. עס איז אָבער נאָך אַ גרעסערער עיקר ווי דאָס לער־נען, אַז דאָס איינגעלערנטע, אַז דאָס וואָס איז פאַרפלאַנצט געוואָרן זאָל ביים תלמיד בלייבן, בלייבן איבערהויפּט ווי ווערטן, וואָס ער האַלט טייער, ווי עפּעס וואָס ער וועט דערלאָזן, אַז עס זאָל באַווירקן זיין לעבן.

עס איז דאָך ניט גענוג, אַז אין לעבן, וואָס דער יונגער ייד וועט פירן, ווי אַלע זיינע שכנים און בני דור פירן, זאָל ער ערגעץ וואו האָבן אַ קליין ווינקעלע פאַר אַ געוויסן מין עזאָטערישע, מאָדנע יידישע געפילן. עס איז אַפילו ניט גענוג, אַז אַ מענטש זאָל עפּעס וויסן. ער מוז דאָס וויסן מאַכן פאַר אַ ווירקנדיקן כוח פון זיין לעבן. מיר קומען צו דער גרויסער דילעמע פון דער יידישער און העברעאישער דערציאונג, וואָס נאָך אַ צאָל יאָרן ווערט דער לעבנס־נוסח פון דעם רוב פון די, וואָס האָבן געקראָגן אַ יידישע דערציאונג, אין זיינע וויכטיקסטע שטריכן, אַן ערך דער זעלבער ווי פון יענע, וואָס האָבן קיין יידישע דערציאונג ניט געקראָגן. די זעלבע פאַרגעניגנס, דער זעלבער אופן פון פאַרברענגען די צייט, די זעלבע קריטעריע פאַר גוט און שלעכט — קורץ, דער אייגענער לעבן־שטייגער ווי פון דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער אָדער סטאַטוס־גרופּע, צו וועלכער דער מענטש געהערט (אויף דעם דאָזיקן פאַקט האָט מיט ווייטיק אָנגעוויזן

ד״ר אייראַ אייזנשטיין, דער פירער פון דער קאָנסערוואַטיווער, רעקאָנ־סטרוקציאָניסטישער ריכטונג. דער ענין איז שאַרף אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויף דעם ערשטן לאַנד־צוזאַמענפאָר פאַר יידישער דערציאונג).

*

מיר ווייסן פון די לעצטע סאָציאָלאָגישע פאָרשונגען וועגן די גרויסע ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין דער כאַראַקטער־סטרוקטור פון דעם מאָדערנעם מענטשן, איבערהויפּט דעם גרויסשטאָטישן מענטשן. טאַקע אין פאַרלויף פון די לעצטע פאָר יאָר זיינען אַרויס צוויי אַרבעטן פון די יידיש־אַמעריקאַנער סאָציאָלאָגן דעיווידר רייזמאַן און נעיטען גלעיזער. דעיוויד רייזמאַן איז אַ פּראָפעסאָר אין אוניווערסיטעט פון שיקאַגאָ. די ביכער „דהי לאָונלי קראַוד״ און „פעיסעס אין דהי קראַוד״ זיינען אַן אויס־ברייטערונג פון אַרטיקלען, וואָס זיינען דעם עולם באַקאַנט געוואָרן נאָך פון די וואָגיקע אַרבעטן אין די זשורנאַלן „פּאַבליק אָפּיניאָן״ און אַנדערע. די צוויי געלערנטע מיען זיך צו באַשאַפן אַ נייע קלאַסיפיקאַציע פון דעם, וואָס מיר פלעגן אַמאָל רופן „טיפּן״, „כאַראַקטערן״ אדג״ל. זיי האָבן געפּרואווט אויפקלערן די כאַראַקטעריסטיק פון די צוויי גרונט־טיפּן אין מאָדערנעם לעבן — איינער וואָס איז אָריענטירט פון אינעווייניק („אינער דיירעקטעד״), דער אַנדערער וואָס איז אָריענטירט און באַווירקט פון דרויסנדיקע איינפלוסן און באַהערשט פון זיינע מיטמענטשן („אָדהער דיירעקטעד״).

אין 16טן יאָרהונדערט איז אין אייראָפּע אויפגעקומען דער טיפּ פון אַ מענטשן, וואָס האָט געוואוסט, וואָס ער באַגערט אין לעבן, אַ מענטש, וואָס האָט זיך געקאָנט איינשטעלן פאַר פּרינציפּן, אידעען, אַ מענטש, וואָס איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ גרויסן שעפערישן אומרו. סיי די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג, סיי די וויסנשאַפטלעכע דערפינדונגען און אַוודאי די גאַנצע אינטעלעקטועלע רעוואָלוציע און אַלע פּאָליטישע און רעליגיעזע קאַמפן זיינען דאָמינירט געוואָרן פון דעם דאָזיקן נייעם מענטשן, וואָס זיין דראַנג שטאַמט פון אינעווייניק, פון די טיפענישן פון זיין פסיכישן לעבן. דער מענטש האָט ביסלעכווייז גענומען פאַרבייטן אַן אַנדער מענטשלעכן טיפּ וואָס איז געווען אָריענטירט אויף טראַדיציע ווי אַ מיטל פון סאָציאַלן קאָנטראָל. טראַדיציע איז במשך פון דורות געווען

אַ טיפע און אַפילו אַ דינאַמישע קראַפט, וואָס האָט צוזאַמענגעהאַלטן די מענטשלעכע געזעלשאַפט. דער ספר חסידים זאָגט: „אַ מענטש זאָגט צו זיינע זין: אַזוי טו איך, אַזוי פלעגט מיין טאַטע טאָן — כדי די זין זאָלן אויך אַזוי טאָן".

דאָס מאָדערנע לעבן האָט אָבער געשאַפן, איבערהויפּט ביים נייעם מיטל־קלאַס און ביי די פּראָפעסיאָנעלע שיכטן, אַ מענטשן, וואָס די סטאַנ־דאַרטן פון זיין אויפפיר, זיין צוזאַמענלעבן מיט אַנדערע מענטשן, די גאַנצע פאָרעם פון זיין לעבן־סטיל ווערט דורכאויס און כסדר באַשטימט פון זיינע מיטמענטשן.

סטאַטוס און פּרעסטיזש זיינען די צוויי וויכטיקסטע פאַקטאָרן אין לעבן, איבערהויפּט נאָך אין אַ געזעלשאַפט וואו די סאָציאַלע קלאַסן זיינען ניט פאַרפראָרן און אַ מענטש קאָן קלעטערן פון נידעריקן מיטלשטאַנד צום העכערן, פון די פּראָפעסיעס צו די אַדמיניסטראַטיווע פּאָזיציעס אין אינדוסטריעס, האַנדל אדג"ל.

מיר טאָרן זיך ניט נאַרן, אַז אין יידישן לעבן האָבן די דאָזיקע ענדע־רונגען אין דער כאַראַקטער־סטרוקטור כלומרשט גאָרניט אָנגערירט. זיין אַ ייד האָט במשך פון דורות יידיש־לעבן באַטייט ניט נאָר גיין מיט דער וועלט, נאָר אויך אַנטקעגן דער וועלט. ווי וואָלט אָן אַזאַ פאַרעקשנט געמיט געקאָנט זיך אויפהיטן אַ פאָלק במשך פון 18 הונדערט יאָר וואַנ־דערונג און לעבן אין סאַמע מיטן פון די פעלקער פון דער וועלט?

פאַרשטייט זיך, די טראַגישע תקופות טאָרן ניט דינען פאַר דער איינציקער מאָס פון דעם, וואָס עס דאַרף מיט זיך פאַרשטעלן דער תוך פון יידישער דערציאונג. אויך רואיקע תקופות, אויך שטילע דורות זיינען אונדז געווען באַשערט במשך פון דער לאַנגער געשיכטע אונדזערער. און אויך היינט דאַרפן מיר האָבן דאָס בילד ניט נאָר פון קאַטאַסטראָפעס, פון פאָלקס־אומגליקן, נאָר אויך פון זיכערע און רואיקע יאָרן און אַוודאי דאָ אין אַמעריקע. אָבער איינס איז קלאָר, אין פריידן צי אין ליידן — מען קאָן ניט לעבן אַ יידיש לעבן גלאַט אַזוי, עס מוז זיין סדר, חשבון הנפש, נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין און דער עיקר אָן אייגענער, אַ יידישער געמיט.

דער מענטש, איבערהויפּט אַ יונגער מענטש, וואָס נעמט אַלע מאָסן, אַלע ווערטן איבערהויפּט פון דרויסן, פון זיינע מיטמענטשן, פון דער סביבה אין וועלכער ער לעבט, דער דאָזיקער מענטש וועט זיך ניט

איינשטעלן, וועט ניט קעמפן פאַר דאָס גאָר באַזונדערע און אייגנאַרטיקע וואָס דאָס יידישע לעבן פאָדערט. ער מעג זיין אַ גאָר ליבער מענטש, מיט גרויסע פּערזענלעכע מעלות, סימפּאַטיע פאַר אַנדערע מענטשן, טאָלע־ראַנץ, פריינטלעכקייט, אַקצעפּטירטע מאַניערן, אָבער יענע קוואַליטעט, יענע מענטשלעכע מעלות, וואָס עס פאָדערט פאַר זיך דאָס אויפהיטן אייגענע פאָלקישע, רעליגיעזע, עטישע און אַלערליי אַנדערע ספּעציפישע יידישע צוגאַנגען — פאַר דעם וועט ער זיך ניט איינשטעלן, פאַר דעם וועט ער ניט קעמפן.

דערלויבט מיר, צום סוף, אַרויסהייבן אַ גאָר באַזונדער קריטישן מאָמענט, וואָס איז שייך אונדזער יידישער דערציאונג. דאָס איז די אמונה, אַז ווען אונדזערע קינדער און יוגנטלעכע פאָלגן אויס און טוען אַ גאַנצע ריי זאַכן, וואָס מיר אַקצעפּטירן, זאַכן וואָס מיר האַלטן פאַר גוט, וואָס מיר לערנען זיי, סיי פון ביכער און סיי ניט פון קיין ביכער, סיי אין יידיש, סיי אין העברעאיש — האָט עס שוין אַן אינעווייניקסטן ווערט. איך וואָלט געוואָלט זאָגן, אַז לערנען עפּעס דורך טאָן איז אַוודאי אַ גוטער און אַ גוטער אַמעריקאַנישער וועג, אָבער נאָר דעמאָלט, פיל איך, ווען עס איז אַ טאָן, אַ לערנען, וואָס קומט מיט כוונה.

איך דערמאָן זיך אַ שטעל אין דער ביאָגראַפיע פון חיים נחמן ביאַ־ליק, וואו דער גרויסער דיכטער אונדזערער דערציילט פון זיין קינדהייט, ווי ער און זיין זיידע זיצן ביידע און זאָגן „שיר השירים״; ביידנס אויגן זיינען פאַרטרערט. נאָר וואָס באַאומרואיקט זיי, דעם זיידן און דאָס אייניקל? דעם זיידנס אויגן זיינען פאַרטרערט, ווייל דאָס פאָלק ישראל איז אין גלות, די שכינה איז פאַרשעמט. און אויף וואָס טרויערט דער יונגער צוקונפטיקער דיכטער? ער טרויערט אויף דעם, וואָס דאָס יונגע לעבן גייט אַוועק, און קיין פרייד איז ניטאָ, און קיין גליק איז ניטאָ. דער זעלבער שיר השירים, די זעלבע מענטשלעכע טרערן, נאָר איין דור חלומט וועגן דער שכינה, וועגן פאָלק ישראל און דער צווייטער — וועגן גליק.

גוואַלדיק דערשיינט פאַר אונדז דער דאָזיקער ווידעראַנאַנד צווישן צוויי דורות און נאָך מער אפשר דער מוסר, אַז עס איז נישט גענוג צו זינגען דעם זעלבן ניגון, ניט גענוג אַפילו צו לעבן אין דער זעלבער סביבה, כדי צו פילן אַ טעם און פילן די כוונה פון אַ לעבנס־כוח און פון די מענטשלעכע בענקשאַפטן, וואָס ער שטילט און זעטיקט.

פאַר דעם דערציער שטייט די פּראָבלעם, ווי אַזוי ראַטעוועט ער זיך פון דער אילוזיע, אַז לייענען טעקסטן, לערנען שפּראַכן, אויפקלערן היסטאָרישע פּאַסירונגען, קורץ — דאָס כסדר אָפּגעבן זיך מיט די אינ־פאָרמאַטיווע מאָמענטן פון לערנען, וועט פירן צו אַ נייער שייכות צום לעבן, אַ נייער און אפשר אַן אַלט־נייער בענקשאַפט און אַ דראַנג, וואָס זאָל בלייבן מיטן מענטשן אין די אַלע יאָרן פון זיין לעבן. יעדער ידישער לימוד, און אַוודאי דער לימוד פון אונדזערע ביידע נאַציאָנאַלע לשונות, מוז שטאַרקן אָט די צוגעבונדנקייט, וואָס דאַרף אויפקומען ביי דעם יונגן מענטשן. אָבער די יידישע דערציאונג קאָן נאָר דעמאָלט האָבן אַ פּעולה, ווען דורך דער שול־סביבה, דורכן גאַנצן סדר פון לערנען און לעבן וועט צוריק געשאַפן ווערן צווישן אונדזער יוגנט דער אינערלעך אָריענטירטער און ניט דער פון דרויסן־אָריענטירטער מענטש, דער מענטש וואָס טראַדי־ציע און היינטצייטיקייט לעבן ביי אים בשלום. און אפשר דעמאָלט וועלן ביידע דורות, די זיידעס און די אייניקלעך, קאָנען לייענען די ווערטער פון שיר השירים און פילן סיי דעם צער, וואָס די שכינה איז פאַרשעמט און אין וואָגל, סיי וואָס אַ מענטש, און אַוודאי אַ יונגער מענטש, דאַרף האָבן פרייד און גליק און שלום און זיכערקייט אין די טעג פון זיין לעבן.

פאַשיזם און דערציאונג *

מיט אַן ערך זיבן הונדערט און פופציק יאָר צוריק האָט דער רמב״ם געשיקט אַ בריוו פון טרייסט און דערמוטיקונג צו די פאַרפאָלגטע ברידער פון תימן, יידן האָבן דעמאָלט דורכגעלעבט אַ ביטערע צייט פון רדיפות און פּיין. און מיט דעם פּיין זיינען אויך געקומען פאַלשע האָפענונגען און אַנטוישונגען. שרייבט דער רמב״ם:

„עס איז אונדזער חוב, מיר אַלע וואָס זיינען צעשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט, צו שטאַרקן איינער די אַנדערע. די עלטערע זאָלן דערמוטיקן די יינגערע, און די מער אויפגעקלערטע דאָס פּשוטע פאָלק. דאָס פאָלק דאַרף זיין פאַראייניקט אין דעם נאָמען פון אמת, וואָס בייט זיך ניט. הייבט אויף אייערע שטימען מיט אַ שטאַרקן גלויבן״...

פון וואַנען זאָל דאָס פאָלק שעפּן דעם שטאַרקן גלויבן? עס איז פאַר יענער צייט קיין ספק נישט געווען וואו צו זוכן טרייסט פאַר אַ האַרץ וואָס איז פאַרבלוטיקט.

אויך היינט מוזן מיר טרייסטן איינע די אַנדערע און שטאַרקן אונדזער גלויבן. נאָר אין וואָס?

אונדזער ניכטערע צייט איז מער ברוטאַל און גיט אונדז ווייניקער נשמה־רו ווי אונדזערע זיידעס האָבן געקאָנט געפינען. און די חכמות האָבן אונדז געמאַכט, ס׳איז שווער צו זאָגן קליגער צי ניט, אָבער אַוודאי ניט גליקלעכער.

נאָר איינס האָבן מיר אפשר דאָך ווי אַ מין פאָרצוג לגבי די פריער־דיקע דורות, שאַרפערע כלי־זין, וואָס דאַרפן אונדז העלפן אָריענטירן זיך אין דער וועלט און דאַרפן העלפן אויך אונדזער יוגנט צו אָריענטירן זיך; איינע פון די כלי־זין איז דער היסטאָריציזם, דער פּרוּאוו קריטיש צו פאַרשטיין געשעענישן און זען זייער אַנטוויקלונג און אויך זייער שייכות.

---

* געדרוקט אין „קולטור און דערציאונג״, יאַנואַר 1944.

דאָס איז אַ נייער דרך. דער רמב"ם האָט אים נאָך ניט אָנערקענט און אַפילו אַזאַ דענקער ווי משה מענדלסאָן, האָט נאָך גאָרניט פאַרשטאַנען פון זיין ווערט.

„וואָס ווייס איך פון געשיכטע? — שרייבט ער — אַלץ וואָס טראָגט דעם נאָמען געשיכטע גייט מיר ניט אַריין אין קאָפּ. איך גענעץ איטלעכס מאָל ווען איך דאַרף לייענען עפּעס היסטאָרישעס".

און דאָס ווערט געזאָגט וועגן אַ פאָלק, וואָס האָט זיך „מיט קיינן צוגע־פּעסטיקט צו דער אייביקייט און האָט נאָך אַלע שרעקלעכע איבערלע־בונגען פון גלות זיך אַוועקגעלאָזט אויף דעם סאַמע געוואַגטסטן קאַמף קעגן טויט".

„אַ פאָלק פון געשיכטע" וועלן מיר מיט רעכט אָנגערופן ווערן, ווי מיר הייסן שוין פון לאַנג „דאָס פאָלק פון בוך".

געשיכטע און אויך מאָדערנע יידישע געשיכטע־פאָרשונג איז אָבער אַ פּראָדוקט פון די נייערע צייטן, אַ וויסנשאַפט וואָס מיר האָבן בשותפות מיט די אומות העולם און וואָס אין אונדזער פאָלקס־דערציאונג האָבן מיר זי איינגעפירט ערשט ווי אַ טייל פון אַ מאָדערנעם לערן־פּלאַן און אַ מאָדערנעם צוגאַנג צו דער דערציאונג.

*

די מאָדערנע היסטאָרישע וויסנשאַפט איז לפי ערך אַ נייער צווייג פון וויסן און הייבט זיך אָן מיט דער אויפקלער־באַוועגונג פון 18טן יאָר־הונדערט.

דער רענעסאַנס האָט ערשט אויפגעאַקערט דעם באָדן און אַרויס־געבראַכט מוסטערן פון קריטישער פאָרשונג. מאַקיאַוועלי אין דער געשיכטע פון פלאָרענץ (1532) שטעלט אַוועק דאָס פאָלק אין צענטער פון היסטאָרישן פאָרשן; סלעדין אין דייטשלאַנד און דע־טהאָו אין פראַנק־רייך מאַכן דעם שטאַט און די צווישן־מלוכהשע באַציאונגען ווי דעם אָביעקט פון געשיכטע.

די פראַנצויזישע פילאָסאָפן און פאָרשערס פון דער אויפקלער־תקופה, מאָנטעסקיע און וואָלטער, טרעטן אויס דעם וועג פון אַ וויסנשאַפטלעכער און קריטישער אינטערפּרעטאַציע.

אויפן ערשטן אָרט ווערט געשטעלט די וועלט־געשיכטע. נישט נאָר

אייראָפּע, נאָר אויך אַמעריקע און אַזיע ווערן איינגעגלידערט אין היסטאָ־רישן פּראָצעס. אַ סך אויפמערקזאַמקייט שענקט מען דעם סאָציאַלן לעבן און דעם קולטור־שטייגער. די קונסט פון שרייבן איז זייער גרויס. עס ווערן געשאַפן מאָנומענטאַלע ווערטן (די היסטאָרישע אַרבעטן פון וואָלטער, מאָנטעסקיע, יום, ראָבערטסאָן און גיבאָן).

די וועלט־אַנשויאונג איז... פּראָגרעס; דער נצחון פון מענטשלעכן שכל איז די העכסטע דערגרייכונג. עס איז אָבער געווען אַ טעותדיקע אויס־טייטשונג פון פּראָגרעס, מען האָט איבערגעשאַצט די אויפטוען פון אייגענעם דור און ניט פאַרמאָגט קיין פאַרשטענדעניש און קיין סימפּאַטיע פאַר די פריערדיקע דורות.

דעם יחיד און דעם פאַרשיידנאַרטיקן כאַראַקטער פון אַנטוויקלונג האָט מען אין גאַנצן פאַרלייקנט. קיין אמתער אינטערעס פאַר געשיכטע איז ניט מעגלעך געווען, ווייל דער צענטער איז געווען דער היינט און די צוקונפט.

דער 19טער יאָרהונדערט איז דער אָנהייב פון אַ נייעם קוק אויף דער געשיכטע. שוין דער איטאַליענישער געלערנטער וויקאָ האָט אין דער „סיענזאַ נאָוואָ“ (1725) פּראָקלאַמירט דעם פּרינציפּ אַז יעדער דור האָט זיך זיין ווערט; וויקאָ שטרייכט אונטער די ראָלע פון יעדן דור צוצוגרייטן דעם קומענדיקן.

ווען דער קונסט־קריטיקער ווינקעלמאַן האָט אין יאָר 1764 אַרויס־געשטעלט אין פאָדערגרונט די גריכישע קונסט, האָט די אידעע פון „פּראָגרעס“ געקראָגן אַ שטאַרקן קלאַפּ.

ס׳איז קלאָר געוואָרן אַז אין קונסט זיינען די פריערדיקע דורות געשטאַנען נאָך העכער פון אונדז און אַז אין קונסט־געשיכטע איז בכלל נישט מעגלעך צו מעסטן העכער, נידעריקער — גרויסע קונסט־ווערק זיינען אין דער אמתן אייביק.

עס איז אויפגעקומען די ראָמאַנטישע שול וואָס האָט אַרויסגעבראַכט נייע צוגאַנגען און פּרינציפּן:

א) דאָס געזעץ פון אַנטוויקלונג.

ב) דעם חשובן ווערט פון טראַדיציע.

ג) דאָס אינדיווידועלע און דאָס איראַציאָנעלע אין דער געשיכטע.

ד) צו דעם אידעאַל פון מענטשהייט איז צוגעקומען דער אידעאַל פון נאַציע און די דאָקטרין פון פאָלקס־גייסט.

לאָמיר דאָ איצט געדענקען, אַז דער 19טער יאָרהונדערט איז אַ יאָרהונדערט פון נאַציאָנאַליזם, פון קאַמף פון אונטערדריקטע פעלקער פאַר זייער באַפרייאונג. אַפילו קאַרל מאַרקס, דער פאָטער פון וויסנשאַפט־לעכן סאָציאַליזם און גרינדער פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, האָט געגעבן די ברכה צום דאָזיקן נאַציאָנאַלן קאַמף. מאַרקס האָט אין דער באַדריקטער נאַציע וואָס קעמפט פאַר פאָליטישער פרייהייט געזען דעם פאָרבאַדינג פון רעוואָלוציאָנערן קאָנפליקט.

ווי אַ געשיכטס־פילאָסאָפיע האָט דער מאַרקסיזם אַרויסגעהויבן די עלעמענטן פון קלאַסנקאַמף אין דער געשיכטע, האָט געצויגן די אויפמערק־זאַמקייט אויף דער שייכות צווישן מלוכה און געזעלשאַפט און האָט אָנגעוויזן אויף די גרויסע עקאָנאָמישע פאַקטאָרן אין געשטאַלטיקן די היסטאָרישע ווירקלעכקייט.

דער מאַרקסיזם איז אַרויסגעוואַקסן פון דער העגעליאַנישער פילאָסאָ־פיע, וואָס האָט אין דער געשיכטע געזען „דעם קאַמף צווישן פרייהייט און אומפרייהייט און די רעאַליזירונג פון אַבסאָלוטן״.

דער סוף פון 19טן און דער אָנהייב פון 20סטן יאָרהונדערט האָט געזוכט אַ סינטעז פון די אידעען פון אויפקלערונג און וועלט־אַנטוויקלונג. עס איז אויסגעוואַקסן אַן אָפּאָזיציע סיי צו די העגעליאַנער, סיי צו די ראָמאַנטיקער.

עס איז אויפגעקומען אַן אַקאַדעמישע געשיכטע וואָס האָט אַרויס־געבראַכט די וויכטיקייט פון דאָקומענטן, פון טעקסט־קריטיק, פון פּרטים און אַרכיוון. עס איז געקומען צו אַ פאַראייניקונג פון אוניווערסאַלער און נאַציאָנאַלער געשיכטע. אין אַמעריקע איז אַנטשטאַנען די „נייע געשיכטע״, וואָס האָט געזוכט אין דעם אַמאָל אַ וועג צו פאַרשטיין דעם היינט.

אַ נייער געשיכטלעכער קוק האָט זיך גענומען פורעמען: די אמתדיקע דערגרייכונגען אין פּרט פון ציוויליזאַציע זיינען די מעשים פון פשוטע מענטשן, די ווערק פון פרידן און ניט פון קריג (**דזשאָן דיואי**).

די מאָדערנע דערציאונג און בתוכם אויך די נייע יידישע שול האָט געוואָלט אָט די וועלט פון מענטשלעכן בויען און שאַפן שטעלן אין צענטער פון דער נייער דערציאונג.

אָבער ווי מאָדנע דאָס זעט איצט אויס? האָבן מיר ניט פאַרזען דעם פאַטאַלן כוח אין דעם לעבן פון פעלקער וואָס עס האָט אויך קריג? האָבן מיר אין 20סטן יאָרהונדערט געטיילט די אילוזיע פון וויקטאָר הוגאָ, וואָס ער האָט געהאַט וועגן 19טן יאָרהונדערט?

„אין נײַנצנטן יאָרהונדערט, האָט וויקטאָר הוגאָ געשריבן, וועט מלחמה זײַן טויט, די תּליה וועט זײַן טויט, שנאה וועט זײַן טויט, גרענעצן וועלן זײַן טויט, מאָנאַרכיע וועט זײַן טויט, דאָגמעס וועלן זײַן טויט, דער מענטש וועט לעבן".

מיר זײַנען געווען אַזוי זיכער מיט דער וועלט, אַז מיר האָבן אין דערציאונג די וועלט פון קינד געשטעלט אין צענטער. דאָס איז געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון יענער גרויסער חשיבות וואָס דער מענטש האָט פאַרנומען אין אונדזער דענקען און פילן.

ער, וואָס וועט זײַן מענטש, מוז שוין איצט געניסן פון יענער אַכטונג און פרייהייט וואָס געהערט צום מענטשן.

מיר האָבן אַפּנים געלעבט אין אַ טעות.

אַנדערע, אין צענטער פון דער „קראַנקער אייראָפּע", האָבן בחוש געפילט דאָס גרייטן זיך פון גרויסן שטורעם.

וואַלטער ראַטענוי האָט עס געפילט; ער איז געווען אין מיטן פון דער אָנקומענדיקער טראַגעדיע.

„איך זע דעם שאָטן אויפשטייגן וואוהין איך ווענד זיך. איך זע אים ווען איך גיי אַוונטצייט דורך די גאַסן פון בערלין. איך זע די חוצפּה פון דעם וואַנזיניק־געוואָרענעם רייכטום".

ראַטענוי שרעקט זיך פאַר די רייד וועגן „גערמאַנישער אויסשליס־לעכקייט". ער האָט געהאַט אַ שאַרפן פּאָליטישן חוש און אפשר האָט ער געהאַט אַ פאָרגעפיל פון יענעם מאָרד־אַקט וואָס וועט אים פאַרשניידן פון דער וועלט.

און דאַן זײַנען געקומען די אָנזאָגער פון חורבן (שפּענגלער מיט דעם „אונטערגאַנג פון ערב"). עס האָט זיך גענומען אָפּזעצן אַ ביטערע אַנטוי־שונג אין אַלע קאַמפן, אין די גרויסע קרבנות. דער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די וועלט, האָט פאַריאָגט די אילוזיעס; עס האָבן גענומען רעדן הונגער און שנאה; די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה־אָרדע־נונג, האָט, ווי יאַנוס, געוויזן איר צווייטן פּנים, ניט דעם וואָס האָט גערעדט

מיט די רייד פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און מיט די דאָקטרינעס פון דער אומאָפּהענגיקייט־דעקלאַראַציע, נאָר מיט די ווערטער פון רעפּרע־סיעס, פּאָליציי־באַדריקונג, תפיסות און פּאָליטישער רעאַקציע. דער פאַשיזם איז געוואָרן די רעטונג פון אַן אַנטוישטער און „קראַנקער אייראָפּע״.

*

עס איז שווער צו אַנאַליזירן די באַזונדערקייטן פון פאַשיזם. דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס צוליב דעם, ווייל פאַשיזם האָט אַ סך בשותפותדיקע עלעמענטן מיט אַנדערע סיסטעמען פון נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע.

פאַרצושטעלן דעם פאַשיזם ווי בלויז אַ פאַרלייקענונג פון ליבעראַליזם און פּאַרלאַמענטאַריזם איז ניט גענוג. ער האָט אַ טראַדיציע און פּעדעם וואָס פאַרבינדן אים מיט גרויסע באַוועגונגען אין היסטאָרישן לעבן פון פעלקער. אין דעם שטעקט זיין גרויסע סכנה!

די אידעאָלאָגיע פון פאַשיזם איז קודם כל אַ געמיש פון סינדיקאַליס־טישע טעאָריעס און פון דער תורה פון איטאַליענישן נאַציאָנאַליזם.

דער נאַציאָנאַליזם איז ניט קיין נייס אין איטאַליענישן לעבן, דער פאַשיזם האָט אים אָבער פאַרשאַרפט און דערפירט ביז צום אַבסורד. „די נאַציע ווערט טראַנספיגורירט אין אַ מין „קאָרפּוס מיסטיקום״, אַ ניט איבערגעריסענע קייט פון דורות, באַוואָפנט מיט אַ שליחות וואָס ווערט פאַרווירקלעכט אין לויף פון היסטאָרישן פּראָצעס. דער חוב פון יחיד איז צו דערהייבן זיך צו די הייכן פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און פאַרלירן אין איר אין גאַנצן די אייגענע אינדיווידואַליטעט. דער יחיד האָט רעכט נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל ער קומט ניט אין קאָנפליקט מיטן סואווערענעם שטאַט. דער כלל איז: אַלץ פאַרן שטאַט, גאָרניט מחוץ דעם שטאַט, גאָרניט קעגן שטאַט״.

די אידעע פון נאַציאָנאַליזם שטאַמט אין דער אמתן פון דער פראַנ־צויזישער רעוואָלוציע, מער ניט, מיטן נאַציאָנאַליזם האָט די רעוואָלוציע אויך געבראַכט די דאָקטרין פון „נאַטורעלע רעכט״ וואָס יעדער יחיד פאַרמאָגט און די מלוכה קאָן זיי ביי אים ניט אָפּנעמען; דאָס איז געווען זשאַן זשאַק רוסאָס גרויסער צושטייער צו דער מאָדערנער אויסטייטשונג פון דער הייליקייט פון מענטשלעכן לעבן. דער פאַשיזם האָט די „נאַטורעלע רעכט״ פון מענטשן און בירגער אָפּגעוואָרפן און אויסגעשפּאָט.

פֿאָלקס־הערשאַפֿט האָט פֿאַשיזם דערקלערט פֿאַר ניט־פּראַקטיש, וואָרעם דער שטאַט מוז זיין דינאַמיש. ער מוז האַנדלען גיך, זיכער, איינ־שטימיק, באַוואוסטזיניק, אַחריותפֿול.

עס ווערט אַרויסגעבראַכט די אידעע פֿון דער עליטע, פֿון די אויס־דערוויילטע וואָס זייער באַרוף איז צו הערשן. אין דער דערציאונג האָט זיך געשטאַרקט די פֿילאָסאָפֿיע פֿון אַקטואַליזם.

מען האָט ביטער געגומען באַקעמפֿן די ירושה פֿון רוסאָ און אָפּן אַרויסטרעטן קעגן אַבסטראַקטן און ראַציאָנאַלן. טראַדיציע האָט מען אָנערקענט פֿאַרן שטאַרקסטן קולטור־כּוח. אַ גאַנצע אידעען־וועלט איז פּלוצלונג אומגעקומען, אַזוי ווי דער פֿאַרלאָרענער אַטלאַנטיס, פּאַרזונקען אין פֿאַרגעסנהייט; די רעכט פֿון מענטשן, די הייליקייט פֿון מענטשלעכן לעבן, די פֿרייהייט פֿון געדאַנק, דאָס רעכט אויף אָפּאָזיציע און מינדער־הייט, גלייכהייט, פֿרייהייט, ברידערלעכקייט, שלום...

אַ נייער „רעוואָלוציאָנערער דראַנג" פֿון פֿאַלשן נאַציאָנאַליזם, פּסעוודאָ־סאָציאַליזם און ליגנערישן ראַסיזם האָט געשאַפֿן אַ נייעם קרעדאָ געבויט (איצט לויטן דייטשישן נוסח) אויף „מאַכט, בלוט, ערד, פֿאָלקסטום, פֿירער־שאַפֿט און קאָאָרדינאַציע".

אַפֿילו אין דער אינטעלעקטועלער וועלט האָבן די אידעען גענומען קריגן אַן אָפּקלאַנג, אַזוי ווי די וועלט וואָלט מיד געוואָרן פֿון צו פֿיל „רעלאַטיוויזם, סוביעקטיוויזם, סקעפּטיציזם".

מענטשן זיינען מיד געוואָרן פֿון אינדיווידואַליזם און גענומען זוכן אַן עלעמענט פֿון אויטאָריטעט אין זייער לעבן, אַ מין פּסיכישן עיר־מקלט אין מאַסן־סאָלידאַריטעט.

דאָס איז געווען דער „גייסטיקער קלימאַט" פֿון דעקאַדענץ אין קונסט, ליטעראַטור, געזעלשאַפֿט און פּאָליטיק, וואָס דער פֿאַשיזם האָט אויסגע־נוצט.

*

עס דוכט זיך אויס אַז ניט יאָרן, נאָר אַן אייביקייט שיידט אונדז אָפּ פֿון יענע טעג איידער דער ברוינער טעראָר האָט זיך אָנגעהויבן. איצט ווייסן מיר (געשריבן אין 1944), וועלן אַנטשיידן קאַנאָנען און טאַנקען,

שיפן און עראָפּלאַנען דעם אויסגאַנג פון דעם ביטערן געראַנגל. נאָר פון דעסטוועגן, האָבן שוין אידעען פאַרלאָרן זייער ווערט און זייער מאַכט?

מיר דוכט זיך, אַז דווקא איצט, ווען מיר שטייען אין ביטערן קאַמף קעגן אונדזערע שונאים, מוזן מיר זיך פרעגן, ווי ווייט מיען מיר זיך אויך צו צעשטערן די אינטעלעקטועלע וועלט פון פאַשיזם, פּונקט ווי מיר ווילן אומברענגען די פּאָליטישע רעזשימען, וועלכע דער פאשיזם האָט געבראַכט צום לעבן.

אידעען האָבן אַ טבע איבערצולעבן די באַלדיקע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע תנאים וואָס האָבן זיי אַרויסגערופן צום לעבן. סיי צום גוטן און סיי צום בייזן האָבן זיי אויך זייער אייגענעם כוח צו לעבן און צו פאַרסמען דאָס לעבן.

פון שטאַנדפּונקט פון פאָלקס־דערציאונג איז וויכטיק, דוכט מיר, צו געדענקען, אַז ניט בלויז לעבן מיר איצט דורך אַ גייסטיקע צעטומלעניש, נאָר די וועלט נאָכן קריג וועט זיין נאָך אַ גרעסערער אינטעלעקטועלער תוהו־ובוהו. אַפילו נאָך אַ מיליטערישן זיג וועט די געדאַנקען־וועלט פון פאַשיזם ניט אויפהערן. די סכנה איז צוליב דעם גרויס, ווייל דער פאַשיזם איז פּונקט אַזאַ טייל פון דעם געוועב און פון דער אַנטוויקלונג פון דער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט, ווי ס'איז דעמאָקראַטיע, ליבעראַליזם, ראָמאַנטיזם. ער האָט שטיצפּונקטן, באַריר־פּונקטן.

ווען מיר ליידן ניט נאָר פון דעם וואָס פאַשיזם האָט דעגראַדירט דעם מענטשן, נאָר אויך פון דעם וואָס פאַשיזם האָט גענומען גרויסע אידעען און זיי פאַרמיאוסט:

די אידעע פון נאַציע, די אידעע פון סאָציאַליזם, די אידעע פון פירערשאַפט, די אידעע פון טראַדיציע, די אידעע פון מלוכה — אַ לעגיטימע אין דער דזשעפערסאָנישער אויסטייטשונג.

די צעמישונג אין די מענטשלעכע מוחות און הערצער וועט בלייבן אַפילו נאָך דעם ווי די פעסטונג פון אייראָפּע וועט צעבראָכן ווערן. אַ נייע פעסטונג וועט מען מוזן צעשטערן און אַ ניי וועלט־בילד און אַ נייער גלויבן וועט מוזן אויפגעריכט ווערן (און דאָ וועט מוזן שפּילן אַ פירנדיקע ראָלע אַ „נייע געשיכטע", וואָס וועט מוזן צוריק, אין פּערספּעקטיוו, אויפשטעלן און רעקאָנסטרואירן די סיסטעם פון צווישן־פעלקערלעכע און צווישן־מענטשלעכע באַציאונגען).

*

אונדזערע עלטער־זיידעס האָבן דערציילט, אַז איידער קין איז באַגאַנגען זיין שרעקלעכן ברודער־מאָרד, דעם ערשטן מאָרד אין דער וועלט־געשיכטע, האָט ער אָפן און חוצפּהדיק דערקלערט: „עס איז קיין משפּט ניטאָ, און ס׳איז קיין ריכטער ניטאָ. ס׳איז ניטאָ קיין עולם הבא, און דער צדיק וועט ניט באַלוינט ווערן און דער רשע וועט ניט קריגן קיין שטראָף“.

מיט דעם „אַני מאַמין“ איז ער באַגאַנגען זיין מאָרד. דאָס איז אויך דער אַני מאַמין פון דער נייער טומאה. עס וועט ניט זיין גענוג זי אומצו־ברענגען און פאַרטיליקן, אויך דער „אַני מאַמין“ וועט מוזן געביטן ווערן.

און דאָס וועט ניט קאָנען געשען אין דעם אינטעלעקטועלן קלימאַט און מיט דער ירושה פון די דעקאַדענטישע שטימונגען פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

אַ נייער בטחון און אַ נייער יושר וועט מוזן אויפגעלעבט ווערן, וואָרעם נאָר ער וועט קאָנען שטאַרקן די הענט פון די וואָס וועלן דאַרפן אויפ־בויען אַ חרוב־געוואָרענע וועלט.

די גייסטיקע רעטונג פון ניצול־געוואָרענעם יידישן קינד *

דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט, האָט מען נביאות געזאָגט, וועט זיין דער יאָרהונדערט פון קינד. ער וועט הייסן אַזוי צוליב דער גרויסער ליבע און זאָרג פאַרן קינד, צוליב דעם, וויל דעם קינדס לעבן, געפּיל, זיין אינטערעסן־וועלט האָט מען געשטעלט אין צענטער פון דער גאַנצער מאָדערנער דערציאונג.

אַוודאי איז אין יידישן לעבן דאָס קינד גאָר חשוב געוואָרן. דער גאַנצער דור שרייבערס, דער זיידע מענדעלע, י. ל. פּרץ, שלום־עליכם, י. דינעזאָן, אַברהם רייזען, זיי האָבן אַלע אויפגעהויבן די פאָן פון יידישן קינד, זיין רעכט אויף פרייד, ספּאָנטאַנקייט און גליק.

אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט איז געוואָרן דער יאָרהונדערט פון פאַשיזם, קאָנצענטראַציע־לאַגערן, גאַז־קאַמערן און אויסראָטונג פון זעקס מיליאָן פון אונדזער פאָלק. דאָס קינד איז געוואָרן ניט דער נייער מענטש, וואָס מיר האָבן אויף אים געהאָפט, ניט דער בויער פון אַ נייעם וועלט־סדר, נאָר דער שותף אין אונדזער צער און דער עדות פון חורבן און אומקום.

נאָר אין איין פּרט וועט עס דאָך בלייבן דער יאָרהונדערט פון קינד. דאָס קינד פון אונדזער דור, דאָס ניצול־געוואָרענע יידישע קינד, פאַר־מאָגט לגבי די פריערדיקע דורות וואָס האָבן געליטן, מער אויסדרוקס־קראַפט, לשון! עס איז ניט קיין שטומער, נאָר אַ לעבעדיקער עדות פון דעם וואָס ס'איז געשען!

זיין צער פאַרהוילט ער ניט, די אָדיסעע פון זיינע וואַנדערונגען איבער דער גאָרער וועלט איז אָפן פאַר אונדז; זיינע איבערלעבונגען האָט ער פאַרצייכנט און אָביעקטיוויזירט. די אינעווייניקסטע אויסדרוקס־

---

* דערעפענונגס־רעדע אויף דער אויסשטעלונג, וואָס דער יידישער וויסנשאַפט־לעכער אינסטיטוט האָט אָרגאַניזירט אין יאָר 1948. אין דער איצטיקער איבערגע־אַרבעטער פאָרעם געדרוקט אין „קולטור און דערציאונג", מאַי 1948.

קראַפט איז אַ נייס, ס׳איז דער אויסדרוק פון אַ ניי געמיט, פון אַ נייער זעלבשטענדיקייט און וואָגונג!

נאָר אין זכות פון דער ברכה צו קאָנען איבעררייסן די שטומקייט און לאָזן הערן אין קלאָרע ווערטער וואָס עס לעבט אין די טיפענישן פון זיין נשמה, וועט עס נאָך אַ מאָל ניצול ווערן פון עצבות, פאַרלאָרנקייט און עלנט.

אַ גרוס פון דעם ייִדישן קינד וואָס איז ניצול געוואָרן אין דעם מבול פון בלוט און טרערן האָט אונדז געבראַכט די אויסשטעלונג פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט: „ייִדישע קינדער אין אייראָפּע נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה" (1948). די 348 עקספּאָנאַטן, צייכענונגען פון קינדער, אויטאָביאָגראַפיעס, וואַנט־צייטונגען, לערנביכער, פּרייז שאַפונגען, בילדער, קינדער־זשורנאַלן האָבן גערעדט צו אונדז און דערציילט וועגן פּיין און יסורים, זיי האָבן אָבער אויך דערציילט פון גרויסן ביטחון און אמונה פון ייִדישן קינד. זיי האָבן אַנטפּלעקט פאַר אונדז אַ שטילע גבורה, וואָס מיר מוזן בלייבן שטיין פאַר איר מיט יראת הכבוד און ציטער אין האַרצן.

ביז אַהער זיינען מיר געוואוינט געווען צו זען נאָר די באָרוועסע פיסלעך פון די קינדער פון דער שארית הפליטה; די פיסלעך האָבן געמאָנט שיך און דער הונגער אין די אויגן — ברויט. די אויסשטעלונג האָט אויפגעדעקט פאַר אונדז די נשמה פון ייִדישן קינד.

די קינדער רעדן צו אונדז אויף אַ סך לשונות: פּויליש, פראַנצויזיש, העברעאיש, אָבער דער עיקר, אויף מאַמע־לשון, אויף ייִדיש. די קינדער האָבן אונדז אַ סך צו דערציילן און ס׳איז ווערט זיך צוצוהערן צו דעם, וואָס זיי האָבן אונדז צו זאָגן; וואָרעם די קינדער האָבן דעם פולן באַוואוסט־זיין פון דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע, זיי האָבן דאָס געפיל פאַר פאָלק און פאַר זיין גורל.

שרייבט רבקה טענענבוים, אַ תלמידה פון דער ייִדישער שול אין לובלין, אַ ליד אויפן מאַסן־קבר פון די אומגעקומענע:

„דעם ניינצנטן אַפּריל האָבן מיר געלייגט בלומען,
אַלע ייִדן פון לובלין זיינען אויפן קבר געקומען".

און זי גיט צו טרויעריק:

„נאָר דאָס אַש און ביינער זענען געבליבן,
דאָס וועט ווערן אויף אייביק פאַרשריבן".

דעם אויסלאָז פון רבקהס ליד האָט דער „ייוואָ" גענומען פאַר אַ מאָטאָ פון דער אויסשטעלונג:

„דאָס יידישע פאָלק האָט שוין גענוג געליטן
איצט מעג שוין זיין גוט, ווייל גוטס דאַרפן יידן".

דאָס ליד ענדיקט זיך מיט האָפענונג, אָבער דער עיקר מאָטיוו איז דאָך, אַז דער שטומער צער פון די, וואָס פון זיי איז נאָר געבליבן „אַש און ביינער" זאָל ניט פאַרגעסן ווערן. תמיד מוזן מיר געדענקען זייער פיין און צער.

*

„כבוד דער יידישער ליטעראַטור!" איז די מאָטאָ פון דער וואַנט־צייטונג פון דעם 7טן קלאַס פון דער לאָדזשער יידישער שול. די קינדער ווידמען איינע פון זייערע וואַנט־צייטונגען דעם ליבן דיכטער אַברהם רייזען. צו זיין זיבעציק־יאָריקן געבוירנטאָג שרייבן אים די קינדער פון לאָדזש אַ בריוועלע. זיי ווינטשן אים לאַנגע יאָר, זיי שרייבן אים נאָך דעם אַזוי:

„ווייניק קינדער זיינען מיר דאָ געבליבן. אונדזערע שוועסטער, ברידער, חברים מיט וועלכע מיר האָבן פאַרבראַכט די ערשטע קינדער־יאָרן זיינען אומגעקומען. די פאַשיסטן האָבן קיינעם ניט געזשאַלעוועט, אַפילו די קלענסטע פון אונדז. איר, חשובע שרייבער, וועט באַזינגען און באַשרייבן די הייליקע קדושים".

דערווייל דערציילן די קינדער וועגן זיך. עס איז ניט אַלע מאָל גרינג צו דערציילן. מען פילט ווי צוויי געפילן וואָלטן זיך געראַנגלט צווישן זיך: אַ געפיל פון וועלן דערשטיקן אין זיך דאָס איבערגעלעבטע און אַ געפיל פון וועלן אויפדעקן, אַנטפּלעקן די אייגענע נשמה. פון דעם באַגער צו דערשטיקן אין זיך וואָס מען האָט דורכגעלעבט, נעמט זיך אַ געוויסע קאַלטקייט, מיט וועלכער עס ווערן אָפט דערציילט די שרעקלעכסטע

איבערלעבונגען (כאָטש געשריבן פון קינדער, דערמאָנען זיי די מיטלאַלטערלעכע יידישע כראָניקעס פון דער צייט פון די קרייצפאָרערס).

משה פּאַסמאַן פון ווראָצלאַוו, פּוילן, שרייבט אַזוי:

„אין וועג האָט מען דעם טאַטן דערהרגעט און איך בין געבליבן מיט דער מאַמען. שפּעטער מיט אַכט טעג האָבן מיר זיך אומגעקערט צום אַלטן אָרט מיט נאָך יידן און מקבר געווען דעם טאַטן" (פון וואַנען נעמט זיך צו אים די רואיקייט, אָביעקטיוויטעט וואָס שנײַדט ממש ווי אַ מעסער?).

פאַר דעם דערציילט ער אַן אַנדערן עפּיזאָד:

„דאָס ערשטע, ווען מיר זײַנען געקומען אין וואַלד, האָב איך פאַרלאָרן די שיך און געבליבן באָרוועס. דאָס ברויט וואָס מיר האָבן געהאַט פון שטוב איז אויסגעגאַנגען, האָבן מיר געמוזט בעטלען".

מרים ראַסאָווסקי וואָס איז עלטער שרייבט שוין אַנדערש. זי איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע, אָבער איצט איז זי אין אַ פּליטים-לאַגער אין איטאַליע. זי שרייבט פון די זעקס יאָר אונטער די דייטשן:

„ס׳איז מיר גאַנץ שווער איבערצוחזרן דעם שרעקלעכן קאָשמאַר, וואָס איז טיף פאַרשטיקט אין מײַן האַרץ. נאָר אפשר וועט טאַקע ווערן גרינגער זיך דורכצורעדן גלאַט אין דער וועלט אַרײַן, ווײַל צום באַדויערן בין איך זייער עלנט אויף דער גאַנצער וועלט... און אַזוי הייב איך אָן צו דערציילן".

צו רעדן „גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן" איז ניט קיין אַראָפּפאַל נאָר אַן עליה, אַ מיטל צו באַזיניקן, אָפּשאַצן און משפּטן דאָס לעבן.

זייער רעדן „גלאַט אין דער וועלט אַרײַן" איז אויך אַ קאַטאַרסיס, וואָס אין זײַן פייער ווערט צעשמאָלצן דער צער און די ליידן.

אין טייל קינדערישע אַרבעטן קאָן מען זען אַזאַ דיסטאַנץ און במילא אַזאַ בולטקייט, קאָנקרעטקייט, אַז ס׳איז ממש פאַרוואונדערט צו ווערן. וואָס קאָנען מיר אַ שטייגער זאָגן, הערנדיק אַזאַ איבערלעבונג, ווי פון יוסף קראַווטשיק פון ניעמענטשין, אַ שטעטעלע לעבן ווילנע. אויך ער געפינט זיך איצט אין איטאַליע, שרייבט יוסף:

„איין מאָל שבת אין אַ פרימאָרגן האָט מען אַרומגערינגלט דאָס גאַנצע שטעטל און מען האָט אַלעמען אַרויסגעטריבן פון די הייזער אין דער יידישער קלויז. ביי אונדז אין שטוב האָבן מיר פון קיין זאַך ניט געוואוסט וואָס עס וואַרט אויף אונדז אין עטלעכע שעה אַרום. מיר זײַנען

אַלע געלעגן נאָך אין די בעטן. און מיט אַמאָל הערן מיר, מען קלאַפּט אין טיר און מען שרייט: „יודען, רראַוס!". דער טאַטע איז אַראָפּ און געעפנט די טיר. עס איז אַריין אַ דייטש און אויסגעשריען מיט אַ מערדע־ריש קול: „אין פופצן מינוט אַרום דאַרפט איר זיין אַלע אין קלויז, ווער עס וועט ניט קומען ווערט דערשאָסן"...

איך האָב גיך אָנגעטאָן די שיך און אַ מאַנטל און אַוועקגעלאָפן ניט טויט, ניט לעבעדיק אין קלויז אַריין. אין אַ ווייל אַרום האָב איך געטראָפן די עלטערן.

דאָס גאַנצע שטעטל יידן שטייען לעבן קלויז און מען וואַרט אויף דער ענד. עס איז געקומען פיר אַזייגער פאַרנאַכט; מען האָט אַלעמען אויסגעשטעלט אין רייען און אַרום אונדז... דייטשן און ליטווינער מיט מאַשין־געווער; מען האָט אונדז געהייסן גיין. ניט ווילנדיק זיינען אַלע געגאַנגען צו דער עקדה.

מען האָט אונדז אָפּגעפירט דריי קילאָמעטער הינטער דעם שטעטל, אַריינגעפירט אין אַ וואַלד און פון ווייטן האָבן מיר געזען שוין אונדזערע קברים, גאַנצע בערג, אויסגעגראָבענע, מיט געלן זאַמד; מען האָט אָנגע־הויבן צו שיסן אויף אונדז... מענטשן זיינען געפאַלן ווי פליגן. אין דער מינוט איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק: איך לעב נאָך, איך וועל פּרואוון אַנטלויפן. איך האָב זיך אַ ריס געטאָן און אָנגעהויבן לויפן".

*

די גרויליקע איבערלעבונגען האָבן געמוזט איבערלאָזן טיפע שפּורן. אַ גענויע אונטערזוכונג פון די קינדער־שאַפונגען, קינדער־צייכענונגען וואָלטן געקאָנט פעסטשטעלן קודם כל אַ נייע השגה פון צייט און שטח וואָס איז ביי די קינדער אויפגעקומען.

די קינדער האָבן פאַרגעסן, למשל, די ראַציאָנעלע גרענעץ פון צייט; אַלץ איז אַקטועל, איצטיק. זייערע צייט־באַגריפן זיינען מיטאָלאָגישע. זייער טראַכטן איז מיטאָלאָגיש. די געפאַר און די רעטונג איז כסדר נאָענט, היינטיק!

אין אַ בריוו צו י. אָפּאַטאָשון שרייבט אַ קינד פון פוילן אַזוי:

„מיר זיינען אַלע געווען זייער צופרידן וואָס אַזאַ גרויסן יידישן שרייבער האָט זיך איינגעגעבן צו בלייבן לעבן, אַדאַנק דעם, וואָס ער איז

אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע און קאָן ווייטער שפּינען דעם פאָדעם פון דער יידישער ליטעראַטור".

דאָס שרייבן קינדער נאָך דעם ווי די לערערין האָט זיי דערציילט די ביאָגראַפיע פון שריפטשטעלער.

די קינדער אַרט ניט וואָס י. אָפּאַטאָשו איז שוין אין אַמעריקע עטלעכע צענדליק יאָר. אַלץ וואָס קומט פאָר היינט און אַלץ וואָס איז געשען ווען עס איז פריער, איז נאָר פאַר אָדער נאָכן אומקום... און אַזוי איז אויך מיט מענטשן: זיי זיינען אָדער אומגעקומען אָדער זיי לעבן. דאָס איז די גרונטיקסטע קוואַליפיקאַציע. אונדזער אַחריות איז אויך אַ צווייענדיקע: די קדושים דאַרף מען געדענקען תמיד, אייביק, און די ניצול-געוואָרענע דאַרפן לעבן, ווייל „דאָס יידישע פאָלק האָט שוין גענוג געליטן, איצט מעג שוין זיין גוט, ווייל גוטס דאַרפן יידן", ווי עס שרייבט די יונגע תלמידה פון לובלין.

אַ שאַרפער רעאַליזם און אַ מאַנגל פון קינדערישער סענטימענטאַלקייט מערקט זיך אין די אַרבעטן. אין דעם זעלביקן בריוו צו י. אָפּאַטאָשון שרייבן די קינדער ווייטער:

„איר גרויסער שרייבער און באַרימטער אויף דער גאַנצער וועלט, וועט אונדז געוויס מוחל זיין וואָס מיר, שילערס פון 7טן קלאַס, האָבן קריטיקירט אייער דערציילונג".

דער עכטער סענטימענט פון אָפּאַטאָשון וואָס ווייזט זיך אַרויס אין זיינע דערציילונגען פון באַנד „ווען פוילן איז געפאַלן", שטרייכט כסדר אונטער אַ געוויסע מענטשלעכקייט און פריינדשאַפט מצד אייניקע פאָליאַקן. י. אָפּאַטאָשו, וואָס איז פאַרוואָרצלט אין די פוילישע וועלדער, בענקט נאָך העראָאישער מענטשלעכקייט. ער זעט אַחריות אין סראָצקער רב, אָבער אויך פריינדשאַפט מצד דעם פוילישן סטאַראָסטע; ער ווייס פון קריסטן וואָס גנבענען זיך אַריין אין געטאָ צו העלפן יידן. אָבער די קינדער זיינען גרויליקע רעאַליסטן, זיי זאָגן אַז אַזעלכע קריסטן וואָס האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן צו ראַטעווען יידן זיינען זייער, זייער ווייניק געווען.

אַ פאַרשאַרפונג פון רעאַליזם און מיטאָלאָגישן אופן פון טראַכטן זיינען בולטע סימנים וואָס מיר קענען זען שוין ביי אַן ערשטן באַטראַכטן און לייענען. די פאָרעם וואָס די טענדענץ נעמט אָן איז ניט נאָר אַ נעגאַטיווע, נאָר אויך אַ פּאָזיטיווע: אַ שטייגער, ווען דער יונגער קינסטלער פון

פוילן מאָלט אין איין אָטעם „מרדכי אַנילעוויטש צווישן די אויפשטענד־לערס אין געטאָ“ און דעם „בונט פון די חשמונאים קעגן די סיריער“, אָדער ווען דאָס מיידל אין „אָזע“ קינדער־היים אין גליסיק, פראַנקרייך, אילוסטרירט דעם שער־בלאַט פון איר טאָגבוך, אויף איין זייט — איר רעאַלע איצטיקייט; זי שילדערט זיך, אַ מיידל מיט שיינע, לאַנגע האָר; די סביבה, אַ שול־צימער, אַ שוואַרצער טאָוול מיט מאַטעמאַטישע אויפ־גאַבעס, אַלערליי ציפערן, זי אַליין זיצט פאַרטראַכט. אויף דער אַנדערער זייט שער־בלאַט מאָלט זי איר פאַרגאַנגענהייט אין אַן אייגענער געאָגראַ־פישער סכעמע, אין אייגענע מיטאָלאָגישע שטח־באַגריפן. די געאָגראַ־פישע פונקטן זיינען בוכענוואַלד, דאַכאַו, בירקענאַו, אויסשוויץ, אין פאָדערגרונט א מת, צופוסנס — געשטרייפטע קאָנצענטראַציע־לאַגער קליי־דער און זי אַליין אין מיטן, אין פאַרלאָרנקייט...

דאָס מאָדנע איז, וואָס אין איר רעאַליסטישער וועלט, אין איר איצ־טיקייט, זעט זי זיך אַליין, ערשט אין דעם טאָל פון טויט איז זי אין אַ קאָלעקטיוו, אַרומגערינגלט פון כלל־סימנים.

*

פון טייל קינדער הערן מיר נאָך ניט אַליין, מיר הערן אָבער וועגן זיי. דאָס זיינען די קינדער וואָס מען האָט אויסגעקויפט פון קריסטלעכע פאַמיליעס און זיי געזוכט אָפּצוראַטעווען פאַר אונדזער פאָלק. מיר הערן ניט פון זיי, ווייל זיי זיינען נאָך ניט גאַנץ מיט זיך אַליין, ווייל זיי האָבן נאָך ניט שלום געמאַכט מיט דער וועלט, אָדער מיט דעם אייגענעם „איך“. אַ צווייענדיקע רעטונג איז נייטיק; די דרויסנדיקע, פון בר׳ענגען דאָס פאַרפרעמדטע קינד צוריק צווישן יידן איז ניט גענוג. ס׳איז נייטיק אַן אינעווייניקסטע, אַ פרייע רעטונג וואָס קומט פון זיך.

אויף וועגן אַזעלכע פאַרפרעמדטע קינדער געפינען מיר ידיעות ביי דער אויסשטעלונג. הדסהס ז. (אירקאָס) עלטערן זיינען אומגעקומען אין יאָר 1941 אין לובלין. באַקאַנטע האָבן איבערגעגעבן דאָס מיידעלע צו אַ גוטהאַרציקער פויערטע אין אַ דאָרף. שפּעטער האָט זי אַ הויכער מלוכהשער באַאַמטער פון לובלין צוגענומען. ער האָט מסכים געווען אומצוקערן דאָס קינד צו איר פאָלק.

אָבער דאָס איז געווען נאָך אַ דרויסנדיק אומקערן זיך. ס׳איז נייטיק

געווען אַ טיפע נשמה־איבערלעבונג, וואָס זאָל אויסגלייכן וואָס ס'איז געווען קרום און לאָם. וואָרעם די צוועלפיעריקע אירקאַ, אַפילו אין ארץ ישראל, אין קינדער־קיבוץ, וויל ניט זיין קיין „זשידאָווקאַ״.

„אויב מיינע יידישע קרובים, רעדט זי ערנסט, און אַלע יידן האָבן מיך אַוועקגעוואָרפן און געלאָזן איינזאַם אין די שווערסטע טעג פון מיין לעבן, בין איך פאַרפליכטעט פאַר דעם גאָט און פאַר די מענטשן, וואָס האָבן מיר אויסגעשטרעקט די האַנט און געגעבן אַ היים״.

„דאָס יידישע פאָלק האָבן אַלע פיינט. איך וויל ניט ווערן ווייטער אַ יידישע און האָבן ווייטער די זעלביקע צרות. איך וויל צווישן יידן ניט בלייבן״.

נאָר איינמאָל איז געשען דער נס, דער אַקט פון אמתן, ווייל אינע־ווייניקסטן צוריקקומען צו זיך און צום אייגענעם פאָלק.

„זיצנדיק פסח ביים סדר אין קינדער־קיבוץ האָט זי זיך דערמאָנט אָן דער אַמאָליקער היים און פון דעמאָלט אָן האָט זי זיך אין גאַנצן געענדערט״.

אַ בריק איז געשאַפן געוואָרן איבער אַ תהום. לערנט אונדז דאָס ניט, אַז ייד ווערן, באַטייט אויך מענטש ווערן, יידן ווערן באַטייט אויך געזונט ווערן? ראַטעווען זיך פסיכיש, אויסהיילן זיך פון עצבות און עלנט, פון איינזאַמקייט און מרה שחורה קאָן נאָר קומען דורך אומקערן זיך צום אייגענעם פאָלק.

די האַרבע פראַגעס פון דערנענטערונג און געווינען די נשמה פון די קינדער פאַר אונדזער פאָלק זיינען נאָך אין דער פעדאַלאָגיע און אין דער פסיכאָהיגיענע כמעט ווי ניט אָנגערירט געוואָרן. וועלכע פעדעם פון צובונד, וועלכע פאָרמען פון שותפותדיקייט, אייגנקייט קאָן מען אָפּזוכן אין יעדן איינציקן פאַל באַזונדער און אין אַלע פאַלן צוזאַמען כדי ווידער אָנצוצינדן אַ פונק פון ייד־זיין. דאָס זיינען מאָנענדיקע פראַגעס וואָס נאָר דורך וויסנשאַפטלעכן פאָרשן קאָנען מיר זיך דערנענטערן צו זייער פאַר־ענטפערונג. דערווייל זיינען מעגלעך נאָר איינדרוקן. די מאַטעריאַלן ביים „ייוואָ״ זיינען זייער אַ ווערטפולער מאַטעריאַל פאַר אַזאַ פאָרשונג.

די פּראָבלעם פון ייד־זיין איז דאָך אַ טיפע און ווייטיקדיקע. ראַטעווען האָט מען זיך אָפט געקאָנט נאָר דורך לייקענען די יידישקייט; כאָטש

אינעווייניק ראַטעווען זיך קאָן דאָס ניצול־געוואָרענע יידישע קינד נאָר דורך אַ גרעסערער צונויפגעבונדנקייט מיטן לעבן פון יידישן כלל.

נאָר עלטערע און רייפערע קינדער האָבן געקאָנט אויפהיטן אין זיך דעם כוח פון אַ ציבור־קולטור, געגערט ווערן פון איר שטאַרקייט און קראַפט; עלטערע קינדער און אפשר גאָר יונגע קינדער.

די נייע יידישע סביבה ווערט באַלד אַ טייל פון זייער אייגענעם „איך". די מחיצה פון דרויסנדיקע סביבה־פאַקטאָרן און אינעווייניקסטע פסיכישע פאַקטאָרן איז דאָך ביי זיי ניט אַזאַ שטרענגע, ניט אַזאַ פעסטע.

— וויפל יאָר ביסטו? — פרעגט מען ביים רעגיסטרירן דעם קליינעם נפש, וואָס שטייט פאַרן טיש.

— פיר יאָר.

— ווי רופט מען דיך?

— אַדאַם (פויליש פאַר אָדם).

— ווי האָט מען גערופן דיין טאַטן?

— ייד!

ס'איז קלאָר, כאָטש ער הייסט אָדם, איז ער ניט קיין אָדם הראשון. ער האָט געהאַט אַ טאַטן וואָס הייסט ייד. ער האָט דורכן זכר פון זיין טאַטן זיך איינגעשאַפט אָבות: אברהם, יצחק און יעקב און ער האָט זכות אָבות; „זכות אָבות" איז פון שטאַנדפונקט פון פסיכאָהיגיענע אַ גרויסע און אַ נייטיקע זאַך...

פאָלק, סביבה, אייגנקייט, ניט נאָר יחידישע ליבע און וואַרעמקייט איז נייטיק כדי די ניצול־געוואָרענע קינדער זאָלן קאָנען צוריק ווערן גייסטיק געזונט און גאַנץ.

עס איז צום גרויסן שבח פון אונדזער דור, אונדזער עלנטן דור, וואָס ער האָט פאַרזייט שוין פון מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט גרויסע, מסירת־נפשדיקע געטריישאַפט צום קינד; וואָס אין די לאַגערן צווישן די אַרויס־געראַטעוועטע פון די קאַלט־אויוונס האָבן זיך געפונען לערערס אין אַלע געשטאַלטונגען. זיי זיינען צוריקגעקומען צום יידישן קינד אין דער סאַמע ביטערסטער שעה פון זיין נויט. ניט אַלע זיינען געקומען. ס'רוב זיינען שוין געווען אויפן עולם האמת, אָבער אַ רעשט איז ווי דורך אַ נס ניצול געוואָרן און זיך ווידער געשטעלט צו דער אַרבעט.

די אויסשטעלונג וועגן יידישן קינד דערציילט אונדז דעריבער אויך,

הגם אומדירעקט, וועגן יידישן לערער און דערציער. וויפל גייסטיקע גבורה, וויפל מוט און אמונה דער לערער האָט געדאַרפט האָבן צו שטאַרקן זיך און ווידער אָנצוהייבן האָדעווען אַ דור.

דער אַלטער מלמד, פון דעם לאַגער רידנבורג, עסטרייך, וואָס מיר זעען אים אַרומגערינגלט מיט אַ הייפל קינדער. אויפן שוואַרצן טאָוול לייענען מיר די ווערטער: „שמע ישראל ד׳ אלהינו ד׳ אחד״, ווי ס׳וואָלט גאָרניט געווען. אַזוי האָט נאָך אין אַלט־ירושלים אַ פּאָטער אַריינגעלייגט די ווערטער אין מויל פון קינד, ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן צו באַנעמען די וועלט.

די יידישע לערערס פון די וועלטלעכע שולן מיט די „וואַנט־צייטונגען״ און די אויפשריפטן „כבוד דער יידישער ליטעראַטור״ און די אַרבעטן איבער שלום־עליכם, י. ל. פּרץ, ה. לייוויק, א. רייזען, י. אָפּאַטאָשו און דער ברענענדיקער ליבע צו מאַמע־לשון, שעפערישקייט, צו יידישער קולטור.

אָדער אפשר גאָר די קינדערישע צייכענונגען פון די תלמידים אין אַ יידישער שול אין טריעסט, וואו קינדער לערנען זיך חשבון און איינצייטיק סימבאָלן פון יידישן עבר און יידישן קיום. „אַכט״ שרייבן די קינדער און אילוסטרירן אַכט חנוכה־ליכטלעך. „צען״ און מאָלן די צען געבאָט! די וועלט האָט גאָר ניט לאַנג פאַרגעסן אָט די הייליקע געבאָטן!

אַ זייטל פון חומש (בראשית) געשריבן אויף דער שרייבמאַשין, מימיאָגראַפירט, קוים צו לייענען. קיין חידוש ניט, עס שטאַמט פון לאַגער אין בערגען־בעלזען, דייטשלאַנד, גלייך נאָך דער באַפרייאונג. איז דען פאַראַן עפּעס בעסערס ווי צו לערנען, אַז דער אייבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט און ער האָט געזען — כי טוב — אַז זי איז גוט! ווען? גלייך נאָך דער באַפרייאונג!

געזעלשאַפטלעכע קאַמפּאַניעס! אַן אויפרוף אין אַ יידישער צייטונג פון פּאַריז: „רעדט מיט אייערע קינדער יידיש, פראַנצויזיש וועלן זיי במילא רעדן!״.

פון בריסל קומען אויפרופן צו עלטערן זיי זאָלן געדענקען דעם חוב צו האָדעווען זייערע קינדער ווי יידן.

אַ גרוס פון גאָר דער וועלט! אין דער גאַנצער עשירות פון

עקספּאָנאַטן איז שווער געווען פאַרבייצוגיין אַ קליין איינגערעמלט בילדל,ביים סאַמע אַריינגאַנג פון דער אויסשטעלונג.

יאָ, גלייך ביים אַריינגאַנג איז געהאָנגען אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ מצבה וואָס די יידישע פליטים האָבן געשטעלט אין לאַגער ציילסהיים, דייטשלאַנד, לזכרון די אומגעקומענע זעקס מיליאָן קדושים! אַ קליין קינד שטייט לעבן דער מצבה און קוקט פאַרחידושט. די מצבה איז גרויס, מאַסיוו, דאָס קינד איז קליין. וואָס זאָגט דאָס נפשל? וואָס טראַכט עס? נאָר מיר האָט די גאַנצע צייט געדוכט, אַז דער מאָנומענט וואָס קוקט אויפן קינד, די יידישע אותיות אויסגעהאַקט אין גראַניט, מיר האָט זיך געדוכט אַז זיי האָבן געזאָגט, וואָס עס האָבן דערציילט און געבעטן זיך ביי אונדז אַלע קינדערישע אַרבעטן, שריפטן, בלעטלעך: „פאַרגעסט אונדז ניט! געדענקט אונדז! תמיד זאָלט איר געדענקען אונדזער פּיין און יסורים, אייביק זאָל איינגעקריצט ווערן אין אייערע הערצער אונדזער צער, אונדזער ווײ, דער לעצטער גאַנג"...

די „ייוואָ"-אויסשטעלונג איז געווען נאָך אַן אַקט פון געדענקען, פון הייליקן געדענקען...

יידיש וויסן און געוויסן *

מיר הייבן אָן די שול־טעטיקייט פון נייעם יאָר אונטערן צייכן פון זאָרג און ליבע פאַר דער יידישער יוגנט. דאָס איז ניט קיין אויסדרוק פון עפּעס אַ סענטימענטאַלער ליבע, וואָס טראָגט מיט זיך ניט קיין שום אַחריות, נאָר איז, פאַרקערט, דער אויסדרוק פון אַזאַ מין איבערגעגעבנקייט און ליבע צו יוגנט, וואָס איז גראָד געבויט אויף דער העכסטער אַחריות און זאָרג פאַרן גייסטיקן קיום פון אונדזער פאָלק.

אונדזער אַחריות איז קודם כל פון טאַטע־מאַמע, וואָס ווילן אַז דער משפּחה־טיש, ביי וועלכן מיר זיצן, זאָל זיין גאַנץ, ניט געטיילט און עס זאָל ניט הערשן יענע אומגעזעענע וואַנט, וואָס טיילט אָפּ איין דור פון אַ צווייטן. מיר ווילן אַז ביי דעם טיש זאָל אונדז פאַראייניקן ניט נאָר דאָס ברויט וואָס מיר עסן, נאָר עס זאָל אונדז פאַראייניקן דער גייסט פון נאָענטקייט, משפּחהדיקייט און מענטשלעכער געטריישאַפט. מיר דאַרפן ניט לייקענען און זיך ניט שעמען צו זאָגן אָפן, אַז ניט אַלע מאָל פילן מיר דעם טעם פון אמתער משפּחהדיקער נאָענטקייט ביי אונדזער טיש.

מיר האָבן שוין גערעדט גענוג לשון הרע אויף דעם יונגן אַמעריקאַנער יידישן דור, לאָמיר אים אויך געבן אַ פּאָר קאָמפּלימענטן: עס פעלט אים די געפאַלנקייט, הכנעה, אַרויסגעצוואונגען פון אַ שווער לעבן. ער פאַרמאָגט אויך די פרייקייט, דאָס געפיל פון זיין גלייך מיט אַנדערע, די פריידיקייט, געמישט מיט אַ מאָס פּראַקטישקייט, ברען און רירעוודיקייט. מיר האָבן אַ סימפּאַטישן דור און דאָך לעבן מיר אַלע דורך מאָמענטן, וואָס מאַכן שווער אונדזער לעבן.

וואָס קאָנען מיר טאָן? איך אַליין, אין מיין אייגענעם לעבן און ווירקן, גיי אַרויס פון דער הנחה, אַז פאַרן דערציער איז ניטאָ קיין שלעכטער

---

* רעדע, געהאַלטן ביים יום־טוב פון דער פאַראייניקטער מיטלשול פון יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און שלום־עליכם פאָלק־אינסטיטוט, אָקטאָבער 1959. געדרוקט אין „קולטור און דערציאונג", אָקטאָבער 1960.

דור; אַ דערציער מוז זיין אַ געשוואוירענער אָפּטימיסט, זיין אויפגאַבע איז צו ברענגען היילונג אַלעמען; ער טיילט די עטיק פון דער מעדיצי־נישער פּראָפעסיע (ער לערנט מיט בלינדע, טויב־שטומע, דעפעקטיווע). ער לערנט אויך מיט קינדער וואָס אַ גרויסע ציוויליזאַציע רייסט אַוועק, מאַניעט; ער דאַרף פאַרשטיין און ליב האָבן; אָן דער היילנדיקער קראַפט פון גרויסער ליבע איז ניט מעגלעך קיין דערציערישע השפעה.

מיר ווייסן פון דער יידישער געשיכטע, ווי אומגעריכט עס לויכטן אויף די מעשים טובים פון אַ דור און מיר ווייסן גאָרניט, וואָס דאָ האָט גורם געווען. נאָכן דור המדבר, וואָס האָט זיך געקריגט מיט משהן, קומט דער דור וואָס בויט דאָס לאַנד. נאָך דעם דור, וואָס ישעיהו און ירמיהו שטראָפן, קומט דער דור פון יחזקאל, עזרא און נחמיה. נאָך די העלעניסטן — די מאַקאַבייער... מיר טאָרן דעריבער אויך היינט ניט פאַרצווייפלט ווערן ווייסנדיק, אַז אויף אונדזער היינטיקער יוגנט, ביי איר גאַנצן קאָנ־פאָרמיזם, דערוויטערטקייט פון יידישע עיקרים, איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ גרויסע אַחריות. אַחריותן קלייבט מען זיך אַליין ניט אויס. אפשר איז דאָס אַ פּאַראַדאָקס און אפשר אָן אמת פון געשיכטע. די דערפאַרונגען פון אַ דור, די גורלדיקע פּראָבלעמען און היסטאָרישע געשעענישן הייבן אויף, ווי אויף פליגלען, אַפילו אַ שוואַכן דור מענטשן.

די ליבע אויס אַחריות איז מחייב, אַז מיר זאָלן טראַכטן וועגן אונדזער יוגנט, ווי אַ המשך פון אונדזער פאָלק, וואָס פון איר וועלן אַרויסקומען: א) די בויערס פון יידישן געמיינדע־לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ב) די וואָס וועלן דאַרפן טראָגן די זאָרג פאַר אונדזערע ברידער אין יענע לענדער, וואו אונדזער אומה ווערט באַדריקט, וואו פרייהייט פעלט, וואו אונדזער קולטור ווערט אויסגעראָטן, ג) אונדזער יוגנט וועט אויך דאַרפן זיין די וואָס וועט וועלן אויפהיטן די גייסטיקע בריק, דעם בונד פון ברודערשאַפט און נאָענטקייט צווישן די יידן אין אַמעריקע און די יידן פון ישראל.

די נייע יוגנט דאָרט, די נייע יוגנט דאָ — אין איין אָרט ווערט געבויט אויף נייע פּאָליטישע יסודות די יידישע נאַציע, פּרינציפּן פון מלוכהשער סואווערעניטעט; אויפן אַנדערן אָרט ווערט געבויט די יידישע געמיינדע אין אַמעריקע, ווי אַ טייל פון דער דעמאָקראַטישער ציוויליזאַ־ציע, געבויט אויף די פּרינציפּן פון גייסטיקער אָדער קולטורעלער סואווע־

רעניטעט. סיי דאָ און סיי דאָרט וועט אויסוואַקסן אַ מענטש מיט אַ קאָמ־פּליצירטן גייסטיקן לעבן, מיט שפּאַנונגען אין זיין נשמה, אַ מענטש וואָס וועט שטיין מיט ביידע פיס אין מער ווי איין קולטור־שטייגער און וועט דאַרפן אין זיין אייגענעם לעבן די באַזונדערע קולטור־ווירקונגען פאַרבינדן.

די פּעדאַגאָגישע פּראָבלעם באַשטייט אין דעם, ווי אַזוי גיט מען דעם יונגן מענטשן ניט נאָר געניג יידישן וויסן, נאָר אויך אַ יידישן געוויסן. ווי גיט מען דער יוגנט דאָס געפיל פון אַן אויטענטישער קולטור און אַן אָריגינעלן קולטור־פאַרמעגן. נאָר אַזאַ מין געפיל קאָן מאַכן דעם מענטשן וואַך און פאַראינטערעסירן אים אין דער יידישער בילדונג, אין דער יידישער קולטור־ירושה. ווי מאַכט מען, מיט אַנדערע ווערטער, אַז עס זאָל ניט איבערגעריסן ווערן דער שטילער דיאַלאָג פון מענטשן מיט זיין פאָלקס־ירושה; ער זאָל זי וועלן געטרויען, זי זאָל רעדן צו אים מיטן קול אי פון מילדקייט, אי פון מאַגונג און זיין נשמה זאָל ניט אַוועקפליען אין פרעמדע עולמות.

*

איך וויל זיך אומקערן צו די צוויי באַגריפן — אויטענטיש און אָריגינעל און באַווייזן ווי וויכטיק זיי זיינען אין דער יידישער פּעדאַגאָגיק, וואָס דאַרף העלפן צובינדן, נאָענט מאַכן די יוגנט צו אונדזער שטייגער לעבן.

עס איז געווען אַ צייט ווען אונדז האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די אמתע דערגרייכונגען פון יידישער דערציאונג וועלן קומען דאָרט, וואו מיר וועלן זיך אין אונדזער גאַנצן לעבנס־אויסבליק אייראָפּעאיזירן, אַמעריקאַניזירן, ווען מיר וועלן אונטערשטרייכן נאָר יענע מאָמענטן אין אונדזער געשיכטע, אין אונדזער ליטעראַטור, אין אונדזער לעבנס־באַנעם, וואו מיר זיינען אַקוראַט, פונקט אַזוי ווי די פעלקער פון דער וועלט. דאָס וועט אונדזער קולטור־פאַרמעגן מאַכן שטאַנדהאַפט, אַזוי האָט מען געמיינט, און נאָענט צום יונגן דור. לערנען מיר יידישע געשיכטע, וועלן מיר באַווייזן, אַז אויך מיר זיינען מיט פעלקער גלייך, אויך ביי אונדז איז געווען קלאַסן־קאַמף, אויך מיר האָבן פאַרמאָגט פויערים־מלחמות (אין אַלטן ישראל), אויך אין אונדזער קהלשן לעבן איז געווען די באַדריקונג פון די אָרעמע־לייט דורך די גבירים און תקיפים. רעדט מען, פון דער אַנדערער זייט,

וועגן יידישער ליטעראַטור, זיינען מיר דורכגעגאַנגען פּעריאָדן פון אַ ייִדי־שן רעאַליזם, ראָמאַנטיק, עקספּרעסיאָניזם אד״גל. אונדזערע נביאים זיינען „סאָציאַלע קעמפּערס״, אונדזערע מלכים ווערן קאָרומפּירט פון מאַכט און לוקסוס, יידן פאַרנעמען וויכטיקע פּאָליטישע אַמטן אין די קיניגלעכע הויפן צוליב זייער עקאָנאָמישער פּאָזיציע — בכלל איז דער יחוס פון דעם יידישן פּאָלק און דער סוד פון זיין אויפהאַלטן זיך אין דער וועלט די עקאָנאָמישע פונקציע פון דער יידישער באַפעלקערונג.

מען וואָלט געדאַרפט זיין אַ גרויסער עקשן צו וועלן לייקענען, אַז ס׳איז פאַראַן טיילווייזער אמת אין די פריער אָנגעוויזענע פאַקטן. דאָך מוז מען אויך זאָגן, אַז אומגעהויער פיל באַגרענעצטקייט שטעקט אין דער גאַנצער נייגונג צו זען אין אונדזער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, אין דער אַנטוויקלונג פון אונדזער אייגנאַרטיקער יידישער ליטעראַטור, נאָר פּאַראַלעלע דערשיינונגען פון יענע אַלגעמיינע אַנטוויקלונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען ביי די אומות העולם.

צי דאַרפן מיר ניט, פאַרקערט, אויב מיר ווילן ווירקן אויף דער יוגנט, אויסער די פּאַראַלעלע דערשיינונגען, וואָס מיר געפינען ביי אונדזער פּאָלק, דווקא אַרויסהייבן דאָס אַנדערשדיקע, דאָס באַזונדערע, ווייל זיי זיינען אַן אויסדרוק פון אַן אָריגינעלער און אויטענטישער קולטור.

אויב עס איז עפּעס אויפגעטאָן געוואָרן ווערטפולס אין יידישער פאָרשונג במשך פון לעצטן פערטל יאָרהונדערט, איז דאָס געווען דווקא אונטערצושטרייכן די מאָמענטן פון דער אויטענטישקייט, וואָס עס האָט פאַרמאָגט אונדזער אייגן יידיש פאָלקס־לעבן. אין די אַרבעטן פון די היסטאָריקערס און פאָרשערס ש. דובנאָוו, אברהם מענעס, פּראָפ. העשל, ד״ר ראַבינאָוויטש, ד״ר מאַקס ווײַנרײַך און ש. ניגער איז געקומען צום אויסדרוק אַן אייגנאַרטיקע קאָנצעפּציע פון יידיש לעבן אין מזרח־אייראָפּע. די גרופּע געלערנטע, יעדער אויף זיין שטייגער, האָט אַרויסגעהויבן יענע באַזונדערע אייגנשאַפטן, וואָס האָבן אונדז אויפגעהיט ווי אַ פאָלק צווישן פעלקער, וואָס האָבן באַשאַפן אַן אייגענע מלוכה אין אַ מלוכה, וואָס האָבן געגעבן די יידישע נשמה. ש. ניגער האָט אין זיינע ליטעראַטור־היסטאָרישע אַרבעטן אָנגעוויזן אויף אַן אַנדער אָנהייב, ווי אַזוי די יידישע ליטעראַטור איז אַנטשטאַנען. ביי אַלע פעלקער איז פאָלקלאָר, למשל, די פאָרגייערין פון אַ שריפטלעכער ליטעראַטור. דאָס פאָלקסליד, די פאָלקס־

מעשׂה ווערן שפּעטער איבערגעאַרבעט אין דער נאָוועלע, עפּאָפּייע, אין דער היסטאָרישער פּאָעמע. ביי יידן איז דער ספר געקומען פריער פאַר דער פאָלק־שאַפונג. דער תנ״ך, דער מדרש זיינען געוואָרן די אינספּיראַציע פון דער יידישער פאָלקס־פאַנטאַזיע ווייטער צו שפּינען און אַנטוויקלען יענע מאָטיוון וואָס זיינען אויפגעקומען אין אַלטן ישראל. און אַזוי איז צונויפגעבונדן געוואָרן דער יידישער חלום ביים ווייסל מיט דער יידישער פאָלקס־שאַפונג פון יענער תקופה, ווען יידן זיינען געזעסן ביים ירדן.

אויף אַן ענלעכן אופן קאָן מען אויפווייזן, אַז די מאָדערנע יידישע דיכטונג האָט אַנטוויקלט פּאָעטישע פאָרמען, וואָס זיינען לגמרי ניט אידענטיש מיט פּאַראַלעלע פאָרמען אין דער וועלט־ליטעראַטור. פאַרוואָס מוז עס זיין ענלעך און גלייכגעשטאַלטיק, ווען דאָס לעבן, ווען אונדזער היסטאָרישער גורל, איז געווען אַזוי אַנדערש? האָט דען אַ פאָלק אין דער נייסטער צייט איבערגעלעבט אַזעלכע מאָרימדיקע יסורים ווי מיר האָבן איבערגעלעבט? האָט דען אַ פאָלק געדאַרפט באַשאַפן פאַר זיינע קינדער און קינדס־קינדער דעם באַוואוסטזיין פון חשיבות און פון אַ מענטשלעך לעבן, ווען די פּאָליטישע רעזשימען האָבן אים געוואָלט פאַר־משפּטן נאָר אויף דערנידעריקונג?

די אויטענטישקייט פון אַ באַזונדערער יידישער קולטור און געשיכטע וואַקסט אויס אין די אויגן פון אונדזער יוגנט, ווען מיר דערזעען איר אַנדערשקייט, באַזונדערקייט. ערשט אין יענע מאָמענטן ווערט זי אוני־ווערסאַל, גרויסראַנגיק; ערשט דעמאָלט דערפילן מיר דעם באַזונדערן שטאָלץ, וואָס עס הייסט די ראַנגלעניש פון דעם יידן אַנטקעגנצושטעלן זיך קעגן דער אונטערדריקונג און פאַרשקלאַפונג; ערשט דעמאָלט קאָן אַ יונגער מענטש דערפילן יענעם גוואַלדיקן דרך ארץ און דערהויבנקייט, וואָס די נאָענטקייט צו אַן אייגענער פאָלקס־קולטור דאַרף ברענגען.

*

מיר זיינען די יורשים פון אַ טויזנט־יאָריקער אַשכנזישער יידישקייט. דאָס איז געווען אַ יידישקייט וואָס האָט אָפּגעראַטעוועט דעם קיום פון אונדזער פאָלק, ווייל עס האָט צוריק אַריינגעבראַכט דעם דעמאָקראַטישן פּרינציפּ אין אַ פאָלקס־קולטור. לערנען תורה איז ניט געווען קיין ענין פאַר דער עליטע, ניט נאָר פאַר די פּני. יעדער איינציקער האָט סיי אַליין

און סיי אין אַלערליי חברות געלערנט. עס איז געווען פּונקט דער היפוך פון דער אַריסטאָקראַטישער ספרדישער יידישקייט: פון איין זייט פילאָ־סאָפן, גראַמאַטיקערס, פּאָעטן פון הויכן פלי; פון דער אַנדערער זייט, דער טיפ פון אַ פאָלקס־מענטש, וואָס סיי אין כאַראַקטער, סיי אין קליידונג און אין טעמפּעראַמענט איז אים שווער געווען אָפּצושיידן פון דער שפּאַנישער מאַסע, ווי זי איז צעטיילט געווען אויף די באַזונדערע שטאַנדן.

עס איז דער טראַגיזם פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן, וואָס אין אים הייבן אָן שטאַרקער ווערן די טראַדיציעס פון ספרדישן קולטור־נוסח. די אַחריות פאַר יידיש וויסן, אויך פאַר יידיש לעבן ווערט אַרויפגעלייגט אויף אַ פּראָפעסיאָנעל־אויסגעשולטן שטאַנד: רבנים, פּראָפעסיאָנעלע יידן, חזנים, סאָציאַל־אַרבעטער, כלל־פאַרזאָרגערס אד״גל. אונדזער גאַנצע מי אויפן געביט פון דערציאונג איז צוריק צו פאַרפלאַנצן נוסח־אַשכנז ווי אַ נוסח פון יידישן לעבן, פון אַ יידישער קולטור־דעמאָקראַטיע, ווי אַ שטייגער, וואו דער אָרעמסטער קאָן ווערן דער רייכסטער אין גייסט און אין שאַפונג.

ווער זיינען געווען לויט זייער סאָציאַלן שטאַנד, אויב מען זאָל זיי אַזוי שאַצן, י. ל. פּרץ, מאָריס ראָזענפעלד, באָוושאָווער, אברהם רייזען, מאַני לייב, ראַבאַי, יהואָש? און דאָך, ווער געדענקט די הויך־געשטעלטע גבאים און יידישע פילאַנטראָפּן פון דער וואַרשעווער גמינע, וואו י. ל. פּרץ איז נאָר געווען אַן אָרעמער און קליינער באַאַמטער, וואָס האָט פאַרזאָרגט מיט קברים די אָרעמשאַפט פון וואַרשע? און ווער, דאַקעגן, וועט פאַרגעסן דעם בויער און פּיאָנער אין צוויי ליטעראַטורן — דער יידישער און העב־רעאישער? אָט דער כוח פון אַ ליטעראַטור און אַ פאָלקס־קולטור צו עפענען אַלע הימלען פאַר די קינדער פונעם פאָלק און געבן די געלעגנהייט פאַר גאונות און טאַלאַנט זיך צו אַנטפּלעקן, — איז אויך געווען אַ שטריך פון נוסח־אַשכנז.

איך מיין דעריבער צו זאָגן: מיר, וואָס מיען זיך אויפן געביט פון יידישער דערציאונג, האָבן אַ גרויסע אויפגאַבע ווען מיר לערנען מיט אונדזער יוגנט די געשיכטע, די טראַדיציע, די ליטעראַטור, דעם נעכטן און דעם היינט פון אונדזער פאָלק. מיר מוזן אַרויסהייבן דאָס אויטענטישע, און אין דעם איז שוין פאַראַן סיי דאָס נאַציאָנאַלע און סיי דאָס אוניווערסאַלע פון אונדזער פאָלקס־קולטור.

די מאָדערנע יידישע שול איבער דער וועלט *

מיט איבער 50 יאָר צוריק האָט דער נאַציאָנאַלער היסטאָריקער פון יידישן פאָלק שמעון דובנאָוו, דעמאָלט נאָך אַ יונגער מאַן, געמאַכט אַ רושם מיט זיינע „בריוו וועגן אַלטן און נייעם יידנטום". אין איינעם פון זיינע בריוו, געווידמעט יידישער דערציאונג, האָט ער פאָרויסגעזאָגט, אַז דער בעסטער וועג צו פאַרווירקלעכן די גרויסע מענטשלעכע אידעאַלן, צו וועלכע עס שטרעבט די יוגנט פון אונדזער פאָלק, איז צו גיין דורך פאַרטיפטער יידישקייט צו גרויסער מענטשלעכקייט. מען דאַרף דערציען דעם מענטשן אין דעם יידן, מען דאַרף קומען צום אוניווערסאַלן דורכן נאַציאָנאַלן. אַן אַנדער גרויסער ייד, ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, האָט עס שפּעטער אין זיינע עסייען וועגן „ייד און מענטש" אַזוי פאָרמולירט: וואָס מער ייד, אַלץ מער מענטש; וואָס מער מענטש, אַלץ מער ייד".

אויף דער היסטאָרישער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ אין יאָר 1908 האָט י. ל. פּרץ אין דער עפענונג־רעדע גערופן צו גרויסע מעשים: „איין פאָלק יידן", האָט פּרץ אויסגערופן, „זיין שפּראַך איז יידיש. און אין דער שפּראַך ווילן מיר אונדזער אוצר זאַמלען, אונדזער קולטור באַשאַפן, אונדזער נשמה ווייטער וועקן און קולטורעל זיך פאַר־אייניקן צווישן אַלע לענדער און אין אַלע צייטן!"

די מאָדערנע יידישע שול, וואָס איז אין פאַרשיידענע יאָרן נאָך דעם און פאַר דעם אויפגעקומען, איז טאַקע געוואָרן אַן אינסטרומענט „קול־טורעל זיך צו פאַראייניקן צווישן אַלע לענדער און אין אַלע צייטן". שוין אין 1899 האָט עקזיסטירט אַן אומלעגאַלע יידישע שול אין וואַרשע. עס זיינען אויך געווען אַזעלכע שולן אין נעסוויזש, מיר, באַראַנאָוויטש און אין אַנדערע שטעט. אין ווילנע איז די ערשטע גרויסע שול אויף יידיש געווען די אָוונטשול פאַר דערוואַקסענע, וואָס צווישן 1906 און

---

* רעפעראַט, געהאַלטן אויפן 19טן שול־צוזאַמענפאָר פון די אַרבעטער־רינג־שולן, אַפּריל 1958, אין פילאַדעלפיע.

1911 איז זי ביסלעכווייז אַריבער אויף יידיש און איר צאָל תלמידים איז אין 1916 דערגאַנגען צו טויזנט.

אונדז אַלעמען זיינען באַקאַנט די הויך־פונקטן פון דער יידישער שול צווישן ביידע וועלט־מלחמות. 20 טויזנט קינדער אין די יידישע שולן אין פוילן אונטער דער פאָן פון „צישאָ" — די צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע. 137 טויזנט קינדער אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד אין די יידישע שולן אין די יאָרן 1930—1931. 25 טויזנט יידישע קינדער אין די יידישע שולן פון די פאַראייניקטע שטאַטן; אויסער דעם — יידישע שולן אין ליטע, לעטלאַנד, עסטלאַנד, רומעניע. דאָס איז אַלץ געווען דער גראַנדיעזער בנין פון דער גרויסער וועלט־באַוועגונג פון דער יידישער שול, וואָס איז געקומען מיט די רעוואָלוציאָנערע טעג, מיט די גרויסע האָפענונגען, נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע, פאַר דעם יידישן פאָלק.

מיר ווייסן, אַז קיין שום קולטור־מאַניפעסטאַציע קען ניט זיין שטאַרקער ווי דאָס פאָלק, וואָס האָט עס צום לעבן געבראַכט. דער חורבן פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, די פיזישע אויסראָטונג פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק האָט אויך אומגעבראַכט די שענסטע קולטור־פּעדאַגאָגישע דערגרייכונגען פון אונדזער דור. דער יידישער לערער, דאָס יידישע קינד האָבן געקעמפט צו גלייך מיט אַלע, וואָס האָבן אויפגעהויבן דעם קאַמף פאַרן יידישן כבוד. זייער געווער איז געווען קולטור, גלויבן אין מענטשן, גלויבן אין ענדגילטיקן נצחון פון פרייהייט.

אין אַ צווייטן ווינקל פון דער ערד איז די יידישע שול אומגעקומען ניט צוליב די רציחות פון פאַשיסטישע, נאַציסטישע אָנגרייפערס, נאָר דורך דער טרויעריקער פּאָליטיק פון קולטור־אויסראָטונג, וואָס איז אונטערגענומען געוואָרן קעגן דער יידישער מינאָריטעט אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד. דער וואוקס פון דער יידישער שול האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשטעלט. די יידישע שולן וואָס זיינען אויפגעקומען נאָך דעם שרעקלעכן בלוטבאָד און אַפילו אין די יאָרן פון חורבן גופא, זיינען אויפגעשטאַנען ווי קאָלאָניעס פון אומגעקומענעם מוטערלאַנד. אין די נייע ישובים, וואָס יידן האָבן אויפגעבויט אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער — אַרגענטינע, בראַזיל, מעקסיקע, קובאַ, ווי אויך אין אַזעלכע פאַרוואָרפענע ישובים ווי אויסטראַליע און דרום־אַפריקע — זיינען אויפגעקומען שולן פאַר יידישע קינדער אויף מאַמע־לשון, — וואונדערלעכע איבערפלאַנ־

צונגען פון אַן אַלטן, און אפשר בעסער געזאָגט, אַ יונגן חלום, וואָס די וואָגלערס האָבן מיטגענומען אין דער נייער היים אַריין. אויך אין ישראל האָבן די אַריבערגעקומענע פוילישע יידן, וואָס זייער פּאָליטישע שול איז געווען דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד פון פּוילן, אויפגעבויט אַ קליינע יידישע שול אין די נאָכמיטאָג־שעהן.

אין פאַרלויף פון די דאָזיקע יאָרן האָבן אונדזערע ברידער אין דער גאָרער יידישער צעשפּרייטקייט ניט נאָר אויפגעבויט דערציאונגס־אינסטיטוציעס, נאָר אין געוויסע פּרטים אויך אָנגעצייכנט פאַר אונדז שיר ניט אַן אידעאַל פון דערגרייכונג, אַ מוסטער פון אַ טאָגשול, צו וועלכן מען דאַרף שטרעבן. לאָמיר טאַקע היינט, ביים יום־טוב פון אונדזערע 40 פאַרהאָרעוועטע יאָר אַרבעט אין דער אַרבעטער־רינג־שול, דערמאָנענדיק אונדזערע אייגענע אויפטוען, דערפילן די פאַרבריידערונג מיט די לערערס, טוערס און קינדער פון דער יידישער שול איבער דער וועלט. וואָרעם אויך זיי זיינען מיט אונדז היינט דאָ צוזאַמען. מיר און זיי, זיי און מיר האָבן געשלאָסן אַ בונד, וואָס זיין ערשטער געבאָט איז לעבן, ניט אונטערצוגיין אין דער באַגעגעניש און נאָענטקייט מיט די שכנותדיקע קולטורן; לעבן, ניט נאָר ווען מען זוכט אונדז צו באַדריקן און אויסראָטן, נאָר אַפילו ווען מען נעמט אונדז אויף מיט פריינדשאַפט און נאָענטקייט, מיט מענטשלעכן רעספּעקט. דער ערשטער איינשטעל אונדזערער דאַרף זיין, אַז דער אמתער דרך ארץ צו אונדז, ווי מענטשן, דאַרף זיך אַרויסווייזן אין געבן אונדז דאָס רעכט אָפּצוהיטן אונדזער קולטור־אייגנאַרטיקייט, אונדזער היסטאָרישן המשך. אויף אַזוי פיל האָבן מיר זיך פאַרדינט ווי אַן אַלט און אויסגעפּרואווט פאָלק.

לאָמיר פאַרבייגיין די קליינע פאַקטן, סטאַטיסטישע ציפערן, צאָלן, פּרט־באַריכטן און אויסשיילן די גרונט־טעזן, וואָס האָבן אַרויסגעהויבן די יידישע שול אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער און אויך אין קאַנאַדע און זי געשטעלט אויבן־אָן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. איך וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז דריי ניסים זיינען געשען מיט דער יידישער שול אין אַרגענטינע, מעקסיקע, קאַנאַדע:

נאָך אַ סך שלעכטע אָנהייבן און וואַקלונגען האָט זי זיך געשטעלט גרויס, מיט שיינע בנינים, מיט פיל קינדער און לערערס, אָרטיק־געבוירענע, מיט אַ נאַציאָנאַלן אינהאַלט, מיט ברייטע געזעלשאַפטלעכע שיכטן.

וועלכע זי האָט באַוויזן אַריינצוציען אין דער שול־אַרבעט. איך האַלט עס פאַר אַ פּרצישן שטריך פון גרויסצוגיקער יידישקייט, — גרויסע שבת־יום־טובדיקע, שיינע יידן לאָמיר זיין!

די דרויסנדיקע שיינקייט ווערט פאַרן קינד אַן אינעווייניקסטע און ניט קיין דרויסנדיקע זאַך. שיינקייט האָט אַן אייגענעם כוח פון ווירקן. זי האָט ניט נאָר אַן עסטעטישע, נאָר אַן עטישע ווירקונג אויפן קינד. אין דעם זשורנאַל „נייע יידישע שול" פון מעקסיקע, 1957, לייענען מיר אַרבעטן פון יונגע קינדער צו דער געלעגנהייט וואָס די י. ל. פרץ־שול האָט זיך אַריינגעצויגן אין אַ נייעם שיינעם בנין:

שרייבט איין קינד: „איך האָב זייער ליב מיין שול, ווייל זי זעט אויס זייער שיין און איך וויל געבן געלט צו פּוצן מיין שיינעם קלאַס, און איך וועל לערנען און שרייבן זייער שיין, און איך וועל היטן די שיינע קליינע ביימעלעך". דאָס שרייבט אַ תלמידה פון צווייטן קלאַס. וואָס פאַר אַ שייכות, קאָנען מיר פרעגן, האָט שרייבן שיין מיטן שיינעם אויסזען פון קלאַס־צימער? איר זעט, עס פאַרמאָגט אַ שייכות!

אַן אַנדער קינד שרייבט: „היינטיקס יאָר זיינען מיר אַריינגעקומען אין דער נייער שיינער געביידע פון אונדזער שול. איך בין אַריינגעקומען אין דער שול זייער פריילעך און מיט חשק צום לערנען, ווייל איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די שול האָט מען אויפגעבויט פאַר אונדז, מיר זאָלן לערנען".

אַן עלטער קינד פון מיטלשול שרייבט פילאָסאָפיש: „כדי דאָס לעבן זאָל זיין שענער, דאַרף זיין אַלץ אַרום שיין. אַז איך לעב אין אַ שיינער שטוב, האָב איך ליב צו זיין אין מיין שטוב; אַז איך האָב אַ שיינע שול, ווילט זיך מיר זיין אין שול. די לערערס זעען אויס בעסער און מיר האָבן זיי מער ליב און רעספּעקטירן זיי". דאָס, זעט איר, איז שוין גאָר אַ חידוש!

ווי מאָדנע דער דאָזיקער אני מאמין פון שיינקייט זאָל ניט אויסזען אין אונדזערע אויגן — אויגן פון ערנסטע און באַיאָרנטע דערוואַקסענע — זעט איר דאָ אָבער, אַז ער באַהערשט דאָס קינד און דעם יוגנטלעכן איז זיין באַציאונג צו דער שול, צום לערנען און אַפילו צום לערער. די שיינקייט האָט אַן איבערוועלטיקגדיקע ווירקונג און פירט, ווי מיר זעען פון זייערע רייד, צו אַ פאַרפליכטונג מצד די קינדער. לאָמיר זיך געבן

אַ נדר, זאָגן די קינדער, די שײנקייט צו פאַרפלאַנצן אין אונדזער לעבן. עס זאָל ווערן ײדישע שײנקייט!

איך ווייס, אַז אויך אין אָרעמקייט איז פאַראַן שײנקייט. צום ווינציק־סטן, מיר, פון אונדזער דור, געדענקען נאָך יענע פאַרפליכטונג. מיר, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו לערנען אין דער ײדישער שול ביים סאַמע אָנהייב, געדענקען, אַז אונדזערע קינדער האָבן קיין מאָל ניט געזען די אָרעמע נידעריקע ווענט, די וועלט פון מאַטעריעלער אָרעמקייט. זיי האָבן געזען די שיינע וועלט פון פרץ און שלום־עליכם, די שיינע וועלט פון געראַכטיקייט, וואָס מיר האָבן אויסגעחלומט פאַר אונדזער און זייער צוקונפט און „אַריינגעחלומט" אין זיי. אָבער דער ווייזער פון דער צייט האָט זיך אַ רוק געטאָן אויף צוריק: די גרויסע פּאָטענציעלע כוחות פון מענטשן אין אַ רעוואָלוציאָנערער תקופה עקזיסטירן ניט אין אַ קאָנסער־וואַטיווער קאָנפאָרמיסטישער תקופה, אין וועלכער אונדז איז איצט באַשערט צו לעבן. מוזן מיר אַליין עפּעס אָפּלערנען פון דעם שײנקייט־קרעדאָ און פאַרוואַנדלען שײנקייט אין אמת, ווי מיר האָבן אמת פאַרוואַנדלט אין שײנקייט.

*

עס איז קיין ספק ניט, אַז דער סאָציאַלער צוזאַמענשטעל פון דער לאַטיין־אַמעריקאַנער ײדישער געמיינדע האָט געשפּילט אַ ראָלע אין מעגלעך מאַכן די דאָזיקע פּרעכטיקע שול־בנינים. אין די פאַקטן לעבט אי דער־קלערונג, אי חידוש.

לאָמיר ניט פאַרגעסן די סאָציאַלע סטרוקטור פון מעקסיקאַנער ײדנ־טום: 62.8 פּראָצענט סוחרים, 12.6 פּראָצענט אינדוסטריעלער, 7.9 פּראָ־צענט פרייע פּראָפעסיעס, 1.1 פּראָצענט באַלמעלאָכעס. מיר געפינען אַ צושטאַנד ביי וועלכן 85 פּראָצענט פון דער ײדישער באַפעלקערונג געהערט צום שיכט פון סוחרים, אינדוסטריעלער און פרייע פּראָפעסיעס, דאָס הייסט צום מיטלקלאַס. געוויינלעך זיינען דאָס די סאָציאַלע שיכטן, וואָס אַנטלויפן פון ײדישקייט, וואָס שטעלן צו די קאַדרען פאַר אַסימילאַציע. אין מעקסיקע זיינען די אינדוסטריאַליסטן, סוחרים נאָר מיטלקלאַס־מענטשן אין זייער אונטערנעמערישן גייסט, וועדליק דער ווירטשאַפטלעכער פּאָזיציע וואָס זיי פאַרנעמען אין דער געזעלשאַפט. אידעאיש לעבן זיי מיט די זעלביקע

סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, מיט וועלכע זיי האָבן זיך פאַרבונדן אין דער יוגנט — פועלי־ציון, בונד, פאָלקיסטן, קולטוריסטן.

ווי אַ צווייטן שטריך פון דער יידישער שול אין די לאַטיין־אַמערי־קאַנער לענדער לאָמיר דערמאָנען דאָס וואָס די יידישע געמיינדע שטייט הינטער איר, וואָס די יידישע קהילה איז אַ מער דעמאָקראַטישע קהילה ווי אונדזערע, אויך אַ מער רעפּרעזענטאַטיווע קהילה, אין וועלכער די דעמאָקראַטישע עלעמענטן זיינען פּראָפּאָרציאָנעל פולער פאַרטראָטן. אַזוי איז עס אין אַרגענטינע, אַזוי איז אויך אין מעקסיקע. די יידישע קהילה, פאַרטרעטנדיק די ברייטע געזעלשאַפטלעכקייט, איז דורך דעם געוואָרן איינע פון די דריי נאָרמאַלע בויערס און שטיצערס פון דער יידישער שול. די צוויי אַנדערע זיינען — די אידעאישע ריכטונג, וואָס האָט די שול אויפגעשטעלט און אַליין אויסגעטראָגן די ערשטע יאָרן, און, צווייטנס — די עלטערנשאַפט. אונדזער גאַנצע דערפאַרונג האָט געוויזן, אַז וואו איינער פון די דריי צדדים פעלט, קאָן ניט זיין קיין נאָרמאַלע און געזונטע אַנט־וויקלונג. עס איז אַ שעדלעכער צושטאַנד ווען קהל ווערט אַליין דער פאַרזאָרגער פון דער דערציאונג. די שול ווערט ביוראָקראַטיזירט, אָפט מאָל גייט זי אונטער. עס מוז זי היטן, עס מוז וועגן איר זאָרגן און שטיצן די אידעאישע ריכטונג, די שול־באַוועגונג, וואָס האָט זי געבוירן, ביי וועמען זי איז אַ גרויסע און הייליקע אַחריות אין לעבן. אָן דעם אינטערעס פון עלטערן, אָן זייער נאָענטער באַטייליקונג, איז אויך ניט מעגלעך קיין נאָרמאַלע שול. עס שאַפט זיך דעמאָלט אַ צושטאַנד פון אַ מין קהלשער קולטור־פילאַנטראָפּיע, וואָס ווירקט היפשלעך דעמאָראַליזירנדיק. די יידישע געמיינדעס אין אַרגענטינע און מעקסיקע האָבן מיט גרויס פאַרשטענדעניש און אַחריות געהאָלפן בויען די מאָדערנע יידישע שול.

די ערשטע צוויי שטריכן, אויף וועלכע איך האָב אָנגעוויזן, האָבן געמוזט פירן צום דריטן גרונט־שטריך, וואָס טיילט אויס די נייע יידישע שול אין די לענדער פון לאַטיין־אַמעריקע. כאָטש געבויט און געשטיצט פון אידעאישע ריכטונגען, איז זי אָבער אַ שול פאַרן גאַנצן פאָלק; זי באַדאַרף באַדינען די גאַנצע געזעלשאַפטלעכקייט. עס איז פאַראַן אַ מינימום־פּראָגראַם, וואָס די שול מוז אויספירן. אָט וועל איך ברענגען צוויי פאָרמו־לירונגען, וואָס כאַראַקטעריזירן די צוויי באַזונדערע שולן אין מעקסיקע:

„אין יסוד פון דער יידישער שול (דער עלטערער שול — ח. ב.),

שרייבט טביה מייזל, ליגט נאַציאָנאַלע דערציאונג, באַזירט אויף קולטור־אוצרות, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געשאַפן אין משך פון זיין היסטאָרישער אַנטוויקלונג. עס ווערט באַזונדער אַקצענטירט דער העברעאישער לימוד און די אָנערקענונג פון מדינת ישראל ווי אַ וויכטיקער פאַקטאָר פאַרן יידישן קיום״.

וועגן דער נייער יידישער שול, י. ל. פרץ־שול, שרייבט דער זעלביקער מחבר: „די גרונט־פרינציפן פון דער שול זיינען: אָנערקענען די איינהייט־לעכקייט פון יידישן פאָלק; דערציען דאָס קינד פאַר אַ באַוואוסטזיניקן און שעפערישן מיטגליד פון יידישן קאָלעקטיוו. די הנחה איז, אַז מדינת ישראל און תפוצות ישראל זיינען אָרגאַניש צוזאַמענגעבונדן״.

די טעאָרעטישע פאָרמולירונג איז אַ ריכטיקע און פון אַ געזעלשאַפט־לעכן שטאַנדפונקט זייער אַ קלאָרע. אין דער פראַקטיק פאַראייניקטביידע שולן סיי דער קוריקולום, סיי די אַרבעטס־מעטאָדן, סיי די ענלעכקייט פון קינדער־מאַטעריאַל. עס פאַראייניקט זיי ביידע אַ מינימום־פראָגראַם, וואָס קהל האָט אויף דעם די דעה.

אין דער נייער שול, וואָס האָט איצט אויסגעבויט אַזאַ פרעכטיקן בנין, איז איינגעקריצט אַן אַלט־יידישער סימבאָל. אַ קינד שרייבט: „און נאָך אַ שיינע און גוטע זאַך וואָס איז איצט פאַראַן אין אונדזער שול איז די מנורה, וואָס איז אויסגעקריצט אויף דער וואַנט ביים אַריינגאַנג. זי מאַכט אונדז פילן אַלע טאָג, ווען מיר קומען אין שול, אַז מיר זיינען יידן און מיר דאַרפן זיך גוט לערנען, כדי אונדזערע עלטערן זאָלן זיין שטאָלץ מיט אונדז״.

מען מעג זיך איצט פרעגן, וואָס זיינען געווען די אַלגעמיינע פאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע פאַקטאָרן, פאַר וואָס די אַנטוויקלונג פון דער יידישער שול אין דרום־אַמעריקע און אין צפון־אַמעריקע איז געגאַנגען אויף צוויי באַזונדערע אופנים?

מיר דוכט, אַז מיר וואָלטן געדאַרפט אַרויסהייבן די וויכטיקסטע צוויי פאַקטאָרן וואָס האָבן צו טאָן מיט קאָלעקטיווע אָנשטרענגונגען און מיט אינדיווידועלע אָנשטרענגונגען. בעת אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז במשך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט די זאָרג פון די אַרבעטנדיקע שיכטן אַוועק אויף אויפצובויען אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, טרייד־יוניאָנס, פאָלקס־אינסטיטוציעס. כדי צו באַשיצן זייער שווער פאַרהאָרעוועט שטיקל ברויט,

צו הייבן דעם סטאַנדאַרד פון לעבן, האָבן אונדזערע מעקסיקאַנער, אַרגענ־טינער, בראַזיליאַנער ברידער זייער עקאָנאָמישן קאַמף, זייענדיק סוחרים און אינדוסטריעלער, געפירט אינדיווידועל; זייער קאָלעקטיווע ענערגיע האָבן זיי בעיקר אָפּגעגעבן אויף קהלשע אונטערנעמונגען: צו בויען גרויסע שולן, קולטור־אָרגאַניזאַציעס, אַ נייעם טיפּ יידישע געמיינדע־אָרגאַני־זאַציע.

אין די פּאַראייניקטע שטאַטן איז די קאָלעקטיווע ענערגיע אַוועק אויף צו באַשאַפן אָרגאַניזאַציעס פון אַן עקאָנאָמישן און פּראַטערנאַלן כאַראַקטער, ד״ה, אָרגאַניזאַציעס פאַר קאַמף, אָדער שוץ און זעלבסטהילף. די שולן האָבן זיך אַלע מאָל געשטיצט מער אויף אידעאַליסטישע יחידים, אויף גרופּעס עלטערן, אויף פּאָליטישע מינאָריטעטן. די וואָס האָבן פאַרמאָגט די באמת באַדייטנדיקע מאַכט־פּאָזיציעס אין יידישן לעבן האָבן פון די שולן ווייניק געהאַלטן. די פּאָפּולערע פּאָלקס־פירער און פאַר־דינסטפולע אַרבעטער־פירער, ווי מאָריס הילקוויט, אב. קאַהאַן, סידני הילמאַן, וואָס זייערע פאַרדינסטן וועלן מיר קיין מאָל ניט פאַרמינערן, האָבן פון יידישע שולן, יידער, ווינציק וואָס געהאַלטן. זייער אַריינגעטאָנ־קייט אין פּאָליטישן קאַמף, זייער ערלעכער קאָסמאָפּאָליטיזם האָט זיי אָפּגעפרעמדט פון יידישע קולטור־ריכטונגען.

דער צווייטער פּונקט, וואָס מען מוז אַרויסהייבן, איז דער פאַקט וואָס די יידישע באַפעלקערונג אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער איז ווייניקער אַריינגעטאָן אין פּאָליטישן און סאָציאַלן לעבן פון לאַנד. דאָס איז מסתמא נאָר אַ דערווייליקער פאַקט, אָבער דורך דעם איז די יידישע געזעלשאַפט־לעכקייט מער צונויפגעבונדן צווישן זיך. ניט געקוקט אויף די דאָזיקע אָביעקטיווע באַדינגונגען, האָבן אָבער די באַדינגונגען געקאָנט ווירקן נאָר, ווייל הינטער די בויערס פון דער נייער שול איז געשטאַנען דער גרויסער אידעאַליסטישער כוח, וואָס אונדזערע ברידער האָבן געבראַכט פון דער אַלטער היים, פון דעם רעוואָלוציאָנערן און קולטור־קאַמף.

אָן גייסט וואָלטן די גינסטיקע פּאָליטישע און סאָציאַלע פאַקטאָרן קיין השפּעה ניט געהאַט. ווי אַ יינגערע אימיגראַציע פון פּוילן, רוסלאַנד און ליטע, האָט זי מיט זיך געבראַכט דעם גרויסן אומרו, די ליידנשאַפט צו בויען, דעם גלויבן אין נצחון, וואָס עס האָט אַריינגעטראָגן אין יידישן לעבן די אַרבעטער־ און רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, די נאַציאָנאַלע באַווע־

גונג ביי יידן, אויך דער אויפגעוואַכטער קולטור־באַוואוסטזיין פון דער נייער צייט.

*

מיר האָבן ביז איצט גערעדט וועגן דער יידישער שול און אירע בויערס. מיר מוזן זיך איצט אָפּשטעלן אויף אונדזערע קינדער, אונדזער יוגנט. מיר זיינען געוואוינט צו זאָגן, אַז דער יוגנט לעבט זיך גרינגער ווי אַמאָל, צי איז דאָס אָבער אמת? איז טאַקע גרינגער צו זיין אַ ייד? מיר דוכט, אַז ניין!

עס איז היינט ניט גרינגער צו זיין אַ ייד ווי אַמאָל. פאַר יעדן ייד און יוגנטלעכן שטייט די פראַגע פון „זיין" אָדער „ניט זיין", גיין צום פאָלק, כ'מיין צום אייגענעם פאָלק, אָדער זיך אָפּקערן פון אים. די ברירה איז פאַראַן, לכל הפחות די אילוזיע, די אויסדוכטעניש פון אַ ברירה איז פאַראַן. דער נסיון איז פאַראַן, אַז דאָרט אין דער ווייט, אין דער פרעמד, וועט זיין דאָס לעבן גרינגער און גליקלעכער. אין פּראָצעס פון ווערן אַ ייד מוז יעדער יוגנטלעכער אויסהאַלטן דעם נסיון און בלייבן גאַנץ, כדי ער זאָל שפּעטער ניט חרטה האָבן און מאָנען ביי זיין פאָלק, זאָל איך עס רופן „שאָדן־פאַרגיטיקונג", למאַי קעגן זיין ווילן האָט מען אים אָנגע־טאָן דעם עול פון יידישקייט. עס וואָלט געווען אַ דור יידן אָן עקשנות און אָן מוט, אַ דרך אָן וואָגונג.

אין לעבן פון יעדן פאָלק איז אָפט מאָל באַשערט, אַז אַן אַנדער גורל זאָל זיין באַשטימט פאַר די באַזונדערע דורות זיינע. אין דער געשיכטע פון אונדזער אייגן פאָלק האָבן מיר עס געזען נאָך גאָר פאַרצייטנס. עס איז פאַראַן דער דור פון אברהם, וואָס בויט אַ פאָלק, אַ שטאַם, אין טיפן ערנסט און אין בונד מיט דער אייביקייט. עס איז פאַראַן אַ דור פון יצחקן, וואָס האָט גענאָסן פון דער פעטקייט פון דער ערד, וואָס איז קיין מאָל ניט געווען פאַרמשפּט אויף וואָגל און נע־ונד, כאָטש אין דער קינדהייט האָט ער טועם געווען דעם גזר פון עקדה.

עס איז פאַראַן דער דור פון יעקבן, דעם האַרעפּאַשניק, וואָס הייבט אָן זיין וועג ווי אַ וואָגלער. זיין לעבן פון דער יוגנט ביז דער עלטער איז פאַרמשפּט אויף יסורים. און צום סוף — עס איז פאַראַן אַ יוסף־דור, באַליבט פון פאָטער, אויסגעצירט אין זיידן העמדל, אַ בעל חלומות. עס

דוכט זיך אים אויס, אַז ניט נאָר די זון און לבנה (ד״ה סימבאָליש טאַטע־מאַמע) נאָר אויך די שטערן אין הימל וועלן זיך פאַר אים בוקן (אויפן לשון פון דער היינטצייטיקייט: אַלע פעלקער־שטאַמען וועלן אים אויפ־נעמען מיט אָפענע אָרעמס).

צי דאַרף איך איצט צוגעבן, אַז אונדזער יוגנט סיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן, סיי אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער שטעלט מיט זיך פאָר אין איר גלויבן און אין אירע האָפענונגען אַ „יוסף־דור״, וואָס ווייס ניט, אַז אויך אים וועט זיין באַשערט ביטערניש און אַנטוישונגען, וואָס קיין שום מענטשלעכער דור, קיין שום יידישער דור קאָן ניט אויסמיידן... אַז נאָך יאָרן פון פאַרפרעמדקייט דורך פאַרנעמען הויכע מאַכט־פּאָזיציעס אין דער וועלט, אמתע אָדער אויסגעדוכטע, וועט זיך אויך דער נייער יוסף מוזן לאָזן דערקענען צו די ברידער. עס איז אַן אייביקער פּראָצעס, דער פאַרפרעמד־טער יוסף קאָן ניט אויסהאַלטן זיין פאַרפרעמדונג. די אייניקלעך קערן זיך אום צו די זיידעס אַפילו דעמאָלט, ווען זיי האָבן מורד געווען קעגן זייערע פאָטערס.

עס איז אַלע מאָל געווען אָנגענומען, אַז די קינדהייט און די יוגנט זיינען די יאָרן, ווען מען גרייט צו דעם יונגן מענטשן, מען פירט אים אַריין אין לעבן פון פאָלק און זיינע אַחריותן, און דאָס איז געווען. ווי אַנדערש איז עס ביי אונדז! נאָר די קינדהייט איז די צייט ווען טאַטע־מאַמע, משפחה, שול האָבן די איבערהאַנט אין לעבן פון קינד. נאָך דעם הייבט זיך אָן דער זיגזאַג פון דערווייטערונג און צוריקדערנעענטערונג, פון געווינען דעם יונגן מענטשן און אים ווידער פאַרלירן אויף לאַנגע יאָרן. דער דאָזיקער צושטאַנד איז גילטיק פאַר דער יידישער יוגנט פון גאָר דער וועלט. יעדער פאָטער האָט דאָס געפיל, אַז נאָך אים וועט יידישקייט ביי זיינע יורשים זיין ווייניקער; ביים פרומען ווייניקער פרומקייט, ביים נאַציאָנאַלן יידן ווייניקער נאַציאָנאַלער ברען, ביים רעוואָלוציאָנערן יידן — ווייניקער בונט און מרידה.

עס איז נייטיק ביים היינטיקן טאָג, כדי אויפצוהאָדעווען אַ ייד, מער ווי זיין יוגנט און מער ווי זיין קינדהייט. זיין אַ ייד איז אַ שפּאַנונג, וואָס באַגלייט דעם מאָדערנעם מענטשן דורך אַלע יאָרן פון זיין לעבן; עס איז פול מיט נסיונות, מיט נצחונות און דורכפאַלן. עס איז אַ וועג פון דער־

נענטערונג און דערוויטערונג, ביז דער שעה ווען יוסף לאָזט זיך ווידער דערקענען פון זיינע ברידער.

די יידישע שול אין מעקסיקע, מיט די פּרעכטיקע בנינים, די שול אין אַרגענטינע, וואָס האָט אונטער איין דאַך מער ווי 1,000 קינדער, טרעפט זיך אויך צוזאַמען מיט דער דאָזיקער שפּאַנונג. אין די ווערטער פון איינעם פון די חשובסטע יידישע פּעדאַגאָגן אין מעקסיקע, א. גאָלאָמב, הייסט עס אַזוי: וואָס עלטער דער יוגנטלעכער ווערט, אַלץ ווייניקער ווערט ער אָרגאַניש פּעאיק אויפצונעמען די לעקטור פון דער יידישער שול. און שפּעטער זעט אויס דאָס יידישע לעבן אויב ניט פרעמד, איז אַלט־מאָדיש. מיר מוזן, לאָזט זיך גאָר אויס, מלחמה האַלטן ניט קעגן ניט־קענען, נאָר קעגן געשמאַק, צייט־מאָדע!

דער דור פון שטעטל האָט אָפּגעשאַפט דעם עלטער פון קינדהייט. ווי אַזוי? קינדער זיינען געבוירן געוואָרן אַלטיטשקע יידעלעך און באַבעלעך, צום ווינציקסטן דער לעבנס־שטייגער האָט זייער גיך באַוויזן זיי איבערצו־מאַכן פון קינדער אויף דערוואַקסענע. ניט אומזיסט האָבן דער זיידע מענדעלע און י. ל. פּרץ און דינעזאָן און אברהם רייזען באַדויערט און באַוויינט די קינדהייט, וואָס איז ניט קיין קינדהייט. אפשר, ווער ווייס, וועלן אַנדערע זאָגן, האָט מען עס גאָרניט געדאַרפט באַדויערן! צום ווינציקסטנס יידישע געבונדנקייט האָט יענע יידישקייט געשאַפן!

איצט האָבן מיר פּונקט אַ פאַרקערטע דערשיינונג — די קינדהייט, וואָס וויל ניט ווערן קיין דערוואַקסנקייט. רייפקייט און אַחריות, וואָס קומט ערשט שפּעט אין לעבן, אַ רעוואָלט קעגן ווערן אויס קינד.

דאָס איז דער באַגער און דער גורל פון אַ דור; צום ווינציקסטנס, ווי מיר זעען אים היינט. אָבער אויך דער נייער דור וועט אין אַ באַשטימ־טער רגע דערפילן אחריות, פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו פאָלק און צו מענטש און דאָס אויפנעמען באהבה. מיר דאַרפן נאָר האָבן אויפגעהיט די גרייט־קייט, די מעגלעכקייט, די אינסטיטוציעס, די געזעלשאַפטלעך אָנערקענטע פאָרמען, אין וועלכע עס זאָל זיך אויסדריקן זיין בכבודיקער אומקערן זיך צו אונדז, „דאָס דערקענען זיך פון יוסף צו זיינע ברידער". די יידישע צענטער־באַוועגונג, דער אינטערעס אין ישראל, דער אינטערעס ביי אַקאַ־דעמיקערס צו יידיש, די רעליגיעזע דערנענטערונג — דאָס איז אַלץ דאָס דערקענען זיך פון יוסף צו די ברידער.

*

די מאָדערנע יידישע שול איז נאָכן גרויסן פאָלקס־אומגליק געוואָרן אַ מינאָריטעט־באַוועגונג. יעדע גערעכטע אידעע ווערט געבוירן ביי אַ מינאָריטעט, אויסגעכאַוועט פון איר, געטראָגן און געצערטלט פון איר. אויך די יידישע שול איבער דער וועלט שטעלט מיט זיך פאַר היינט־צו־טאָג אין פעדאַגאָגישן זין, אַ מינדערהייט־באַוועגונג, וואָס טיילט זי אויס אין תוך פון אַנדערע ריכטונגען, וואָס שטעלן מיט זיך אויך פאר אַ ציל צו דערנענטערן די יוגנט צו זייער פאָלק. איך וויל דאָ בקיצור צונויפנעמען עטלעכע פונקטן:

א) צי זאָלן מיר זאָגן, אַז די יידישע שול וויל דערציען אַ יידן? דאָס ווילן אויך אַנדערע ריכטונגען אין יידישן לעבן. די מאָדערנע יידישע שול באַגערט אָבער אויפצוהאָדעווען אַ פרעגנדיקן און קריטיש־דענקענדיקן יידן. ווי אַ מאָדערנע שול טראָגט זי גרויס אחריות פאַר דער גייסטיקער אַנט־וויקלונג פון קינד, זיין באַגער נאָך קלאָרקייט און אמת. אין א סכנותדיקער וועלט, וואָס בייט זיך, וואָס איז פול מיט נסיונות, איז ניט שייך אויפצו־נעמען לעבנס־דערשיינונגען אָן צו פרעגן.

ב) די יידישע שול איבער דער וועלט זעט אונדזער נאַציאָנאַלע צוקונפט ענג צונויפגעבונדן מיטן גרויסן סאָציאַלן און מאָראלישן אומרו אין דער וועלט. די יידישע שול זוכט אויפצואוועקן ביי דער יוגנט אַ סענ־סיטיווקייט צו די סאָציאַלע פּראָבלעמען פון אונדזער תקופה, צו די גרויסע עטישע פּראָבלעמען פון וועלט און מענטש.

ג) די יידישע שול איז דורך און דורך פאָלקסטימלעך אין איר קוק אויפן יידישן און אַלגעמיין מענטשלעכן לעבן. דערפון נעמט זיך איר קאַמף פאַר יידיש, ווייל דאָס איז די פאָלקס־שפּראַך, ווייל אין דער שפּראַך האָט זיך געפורעמט און געפונען אָן אויסדרוק די קולטור פון אַלע פאָלקס־שיכטן, ווי זיי האָבן זי געשאַפן. אַלע האָבן צוגעטראָגן אויסצובויען די קולטור פון יידיש, וואָס איז געווען אַ המשך פון טויזנט יאָר אַשכנזישן נוסח און פאָלקס־שטייגער אין יידישן לעבן.

דאָס זיינען געווען די פרינציפן פון דער יידישער שול פון איר סאַמע בראשית. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז די שול בלייבט שטיין אויף איין אָרט. די שול ווערט באַקרעפטיקט מיט נייע מאָמענטן. זי איז שטאַרקער אין

איר פֿאַרשטענדעניש פֿון יידישן לעבן, אין איר באַגער צו רעדן צום יונגן דור מיטן כוח פֿון דויערנדיקער טראַדיציע, מיטן כוח פֿון יידישן יום־טוב, מיטן נס פֿון דער גרויסער צעשפּרייטער היסטאָרישער נאַציע איבער גאַר דער וועלט, וואָס וועט צוזאַמען מיט דער ווידערגעבוירענער פּאָליטישער נאַציע אין ישׂראל זוכן צו פֿאַרזיכערן אונדזער קיום.

די יידישע שול היינט־צו־טאָג פֿאַרשטייט זייער גוט דעם באַטײַט סיי פֿון דאַאיקייט, סיי פֿון אומעטומיקייט. דאַאיקייט, — ווי דאָס נאָענטסטע לעבן, וואָס רינגלט אונדז אַרום. פֿאַר אונדז, אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, באַטייט עס די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, הן די גרויסע מעגלעכקייטן אירע און הן די סכּנות.

אומעטומיקייט, ווי מיר פֿאַרשטייען עס היינט, איז דער גלויבן, אַז אומעטום וואו יידן איז באַשערט צו לעבן, וועלן זיי בויען אַ יידיש לעבן, אויפֿהיטן זייער נאַציאָנאַלע קולטור, פֿילן די אַחריות פֿאַרן יידישן קיום, זען צו פֿאַרבינדן זיך מיט יידן איבער דער וועלט.

כּדי דאָס אַלץ צו דערגרייכן טאָר די שול ניט שלום מאַכן מיטן גייסט פֿון קאָנפֿאָרמיזם און נאָכגיביקייט, מיט דער אילוזיע, אַז מיר לעבן אין דער בעסטער פֿון אַלע וועלטן.

דער קאָנפֿאָרמיזם, וואָס זעט אויס אויבנאויפֿיק אָפּטימיסטיש, און דער פֿאַלשער פּעסימיזם טאָרן ניט אומברענגען די גרויסע פֿאָדערונגען וואָס די לעבנס־ווירקלעכקייט שטעלט צו יעדער אמתער דערציאונג, אַז די וועלט מוז מען נאָך מתקן זיין, אַז אַ מענטש קאָן ניט לעבן אין שטענ־דיקער סכּנה פֿון קריג און אויסראָטונג, אַז קיין שום פֿאָלק קאָן ניט געניסן פֿון קיין רו, כּל זמן אין לעבן איז פֿאַראַן אונטערדריקונג, עקספּלואַטאַציע פֿון ראַסן און די סכּנה פֿון גענאָסיד.

מיר שטייען היינט־צו־טאָג מער ניכטערע, עלטער אין דערפֿאַרונג, אַ ביסל אָנגעלערנט, פּראַקטישער אין די וועגן פֿון אַרבעט, אָבער פֿעסט ווי געווען אין דעם גלויבן, אַז אונדזער וועג האָט אונדז ניט גענאַרט, — אַלץ פֿאַרליבט אין די אידעען, וואָס האָבן אונדזער דור גרויס געמאַכט.

מיר האָבן גענומען אויף זיך דאָס אַחריות, אַז מיר זאָלן דעם דאָזיקן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן פֿאַרמעגן איבערגעבן אונדזער יוגנט, אונדזערע קינדער און אייניקלעך. לאָמיר נעמען אויף זיך אַ נדר, אַז אַזוי ווי מיר דערנענטערן זיך צו אַ האַלבן יאָרהונדערט פֿון דער יידישער שול אויף

דעם קאָנטינענט, זאָלן מיר מיט אַלע כוחות אָפּשפּאָרן פּאַר דער שול עפּעס אויך פון דער מאַטעריעלער שיינקייט, ניט נאָר פון אונדזער גייס־טיקער. אַ קרוין מוז זיין באַצירט. עס פּאַסט, אַז זי זאָל קאָנען גלאַנצן און שעמערירן.

מיר האָבן גערעדט וועגן אַ קרוין, אָבער אָפט מאָל איז עס געווען אַ קרוין פון דערנער, פון אָרעמקייט, וואָס מיר האָבן אָנגעטאָן אויף דער יידישער שול. כל־זמן די וואָס האָבן געבויט די שול האָבן אַליין געלעבט אין אָרעמקייט, איז נישט געווען קיין שום פאַרשעמונג אין דעם. אָבער ווי נאָר די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג האָט אויפגעהויבן די יידישע פאָלקס־מאַסן צו אַ העכערן וואוילשטאַנד, קאָן די שול ניט שטיין פאַרשעמט אין אירע אָרעמע דירות און ענגע ווענט.

אין דער יידישער שול מערקן זיך אַ צאָל גרונט־טענדענצן. זי וועט זיך מוזן באַרעכטיקן אין דער נאָענטסטער צוקונפט. זי ווערט מער יידיש־נאַציאָנאַלער, מער אויסגעבונדן מיטן פאָלק און דורות; זי ווערט קלאָרער אין פאָרמולירן איר אַני־מאַמין פון סאָציאַלן הומאַניזם, מענטשן־ליבע, פאָלקס־פאַרברידערונג און באַפרייאונג פון מענטשלעכן יחיד און כלל. די שול לערנט זיך האַלטן די קינדער און יוגנט לענגער אונטער איר השפּעה. גראָד ווייל זי איז אַ מינאָריטעטן־שול, וועט זי מוזן ווערן אַ פּעדאַגאָגישער מוסטער פון באַנעמונג צום קינד, פון באַציאונגען צווישן קינד און לערער, קינד און עלטערן. זי וועט זיך אויך מוזן פילן אידעאיש מער צונויפגעבונדן ווי אַ וועלט־באַוועגונג.

*

לאָמיר דערמאָנען די, וואָס וואָלטן ביים יום־טוב היינט געדאַרפט זיין און זיינען נישטאָ. נישט דערפאַר, ווייל זיי זיינען איבער מרחקים, נאָר ווייל זיי זיינען בפירוש נישטאָ, די יידישע שולן פון פוילן, רומעניע, ליטע, לאַטוויע — מען האָט אונטערגעהאַקט זייערע וואָרצלען. די יידישע שולן, זייערע קינדער, לערערס און טוערס זיינען אומגעקומען אין דעם גרויסן חורבן פון אונדזער פאָלק.

זיי וואָלטן היינט געווען מיט אונדז. אָבער אין זייער אומקום זיינען זיי מיט אונדז און אין אונדז. זיי זיינען דאָ אין אונדזער מחשבה, געפיל, אין דער אַרבעט, אין דער ירושה, אין די פּעדאַגאָגישע אידעאַלן, אין דעם

נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן באַוואוסטזיין, — אין דעם אַלעם זיינען זיי דאָ. זיי וואָלטן דאָ היינט געווען די גרויסע מחותנים — זלמן רייזען, ראָזע סימ־כאָוויטש, גרשון פלודערמאַכער, שלמה באסטאָמסקי. זיי האָבן געשטאַמט פון פאָלק, באַגלייט דאָס פאָלק, ליב געהאַט דאָס פאָלק, געטיילט דעם פאָלקס גורל, געגעסן זיין אָרעם ברויט און אומגעקומען מיט אים. לאָמיר געבן אַ שבועה ביי דעם גרויסן יום־טוב זיי ניט צו פאַרגעסן, זיי צו דערמאָנען און זייער אָנדענק צו הייליקן.

פריער האָבן מיר גערעדט וועגן יוגנט און געזען אַ יוסף־דור. וואָס זיינען מיר? אַ יחזקאל־דור. פונקט ווי דעם נביא יחזקאל האָט אַ האַנט איבערגעגעבן אַ מגילה פון צער, אומגליק און וויי, אַזוי האָט אויך די האַנט פון גורל אונדז איבערגעגעבן די מגילה פון אונדזער לעבן און ליידן. אַ יחזקאל־דור... און דאָך זאָגן מיר פאָרויס גוטס, דאָך שטייען מיר אין בויען, דאָך זעען מיר ווי פון טויטע ביינער ווערט אַין פאָלק; דאָס איז אונדזער זכיה און באַשערטקייט.

אָט אַזוי שטייט די נייע יידישע שול נאָך 40, נאָך כמעט 50 יאָר פון איר לעבן און געראַנגל, צעשפרייט איבער דער יידישער וועלט, מיט טיפן גלויבן אין די כוחות פון פאָלק, — אַ פעסטונג קעגן אַסימי־לאַציע, אַ האָפערדיקע אין איר גלויבן, שטאַרק אין איר מוט, כאָטש מער באַלאָדן מיט דערפאַרונג, קעמפעריש, אָבער צייטיקער אין לעבנס־חכמה.

די בשורה, וואָס זי זאָגט אָן זיך און דער וועלט, איז: מיר זיינען דאָ! נאָך אַלע קאַטאַסטראָפעס, נאָך אַלע נסיונות, נאָך אַלע יאָרן פון אומקום זיינען מיר דאָ! און אין דעם דאָזיקן פשוטן פאַקט שטעקט אונדזער גרויסער נצחון, די פאַרזיכערונג פאַר אונדזער קיום און צוקונפט אין יידישן לעבן!

נאַציאָנאַלע דערציאונג

(טעזיסן)

1) די נאַציאָנאַלע און עטישע דערציאונג פון קינד מוז אין דער יידישער שול פאַרנעמען אַ גרויס אָרט. זי מוז זיך אָנהייבן אין די יינגסטע קלאַסן, אָבער איר אמתע ווירקונג זעט מען ערשט אין די עלטערע קלאַסן פון שול.

דער פעדאַגאָגישער צוגאַנג מוז זיין אַ פילאַרטיקער; די דערציאונג דאַרף אויסנוצן סיי די עמאָציאָנעלע וועלט פון קינד, סיי די מענטשלעכע ראַציאָנעלקייט, די פעאיקייט צו באַטראַכטן און אַנאַליזירן, אַ סך השפעות וועלן שטאַמען דירעקט פון לעבן און פון נאָענטן מיטלעבן מיט אַנדערע מענטשן אין דער פאַמיליע, אין שול, אין דער נאָענטער סביבה אַרום.

די עטישע דערציאונג וועט זיך בשום אופן ניט קאָנען באַגיין אָן דער השפעה פון דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, געשיכטע און קונסט. ליטעראַטור, דיכטונג איז אַ געביט פון מענטשן־קענטעניש און מענטשן־וויסן.

די אויפגאַבע פון דער שול איז ברייטער צו מאַכן דעם לעבנס־האָריזאָנט, צו פאַרשטאַרקן די פעאיקייט צו זען, פילן, פאַרשטיין און באַנעמען.

דער צוגאַנג צום לעבן דאַרף זיין אַ רעאַליסטישער און עכטער. די דערציאונג מוז אויפדעקן דעם צויבער פון לעבן, אָבער אויך זיין טראַגיש־קייט, די מענטשלעכע אויפטוען, באַגערן, אָבער אויך נסיונות. מוט, וואָגונג, און ניט קיין שום הכנעה, שרעק, פאַרלאָרנקייט — דאָס מוז זיין דער לעבנס־באַנעם פון אונדזער דערציערישן גאַנג.

די שול דאַרף לערנען דאָס קינד, אַז דער מענטש איז בכוח צו בייטן, צו געשטאַלטן, און צו פורעמען די וועלט. זי דאַרף איינפלאַנצן בטחון און מוט צום לעבן.

2) אין עטישער דערציאונג איז פאַראַן נאָך אַ שעפערישער אופן פון לערנען. דאָס איז לערנען דורך מיטלעבן, מיטבאַטייליקן זיך, אַן מיט־

לעבן, מיטליידן איז בכלל ניט מעגלעך קיין לערנען. די דערציערישע אויפגאַבע איז צו פאַרגרעסערן דעם קרייז פון נאָענטע, מיט וועלכע מע לעבט, מאַכן די נאָענטקייט ברייטער פון דעם קרייז פון משפחה, שטאָט און דערפירן זי צו דער מדרגה פון אידענטיפיצירן זיך מיט פאָלק און וועלט.

אַ ווירקנדיקער כוח אין יעדן דור און יעדער סביבה זיינען קאָלעקטיווע, אידעאַליזירטע געשטאַלטן, וואָס זיי זיינען דער ברען־פונקט, דער תמצית פון גאַנצן לעבנס־באַנעם. אין זייערע מעשים פון זייער לעבנס־גאַנג און מידות אַנטפּלעקט זיך דער אינעווייניקסטער באַגער פון דער צייט.

יעדער סביבה און יעדער דור באַשאַפט זיינע געשטאַלטן. אין יידישן לעבן איז דאָס אַמאָל געווען דער איש חסיד, דער למד־וואָווניק, וואָס אין זיין זכות האַלט זיך די וועלט. די מידות פון איש חסיד זיינען די סימבאָלישע מידות פון פאָלק.

דורך דורות האָט געווירקט די מאָנענדיקע געשטאַלט פון קדוש, וואָס האָט געהייליקט זיין לעבן און אויך דאָס לעבן פון זיין דור.

אין דער רעוואָלוציאָנערער תקופה איז דער קעמפער, דער מענטש הינטער גראַטעס, דער ליידנדיקער קעמפער־רעוואָלוציאָנער געוואָרן די וואונדער־געשטאַלט פון אַ דור. „תפיסה", „פאַרשיקונג" און „תליה" זיינען געוואָרן סימבאָלן פון הייליקייט.

שפּעטער איז אַ נייע געשטאַלט אויפגעקומען — דער חלוץ, דער פּיאָנער, וואָס טריקנט זומפּן און פאַרפלאַנצט וויסטן מדבר, דער בויער פון ישוב; אין חלוץ האָבן זיך פאַראייניקט די שטריכן פון נאַציאָנאַלער וויזיע און בזיעת־אַפּימדיקער טאָג־טעגלעכקייט, פאָלקס־גלויבן און וואונדערלעכער כוח אַנטקעגנצושטעלן זיך אַלע ביטערנישן פון גורל.

אין די טראַגישע טעג פון אומקום, אין די פאַרניכטונג־לאַגערן און געטאָס, בעת די אויפשטאַנדן פון וואַרשע, ביאַליסטאָק, ווילנע איז אויפגעקומען די געשטאַלט פונעם אויפשטענדלער, קעמפער, פּאַרטיזאַן. אַ נייע קדושה האָט אויפגעלויכטן אין פאָלק. אַ נייער מוט פון יידן, וואָס זיינען זיך ניט מיאש.

די הייליקע פון אַ פאָלק, די קדושים זיינען אין אַלע צייטן די רופערס און מאָנערס פאַר מעשים, די רופערס און מאָנערס צו אַחריות. ניט נאָר

זייער וואָרט, נאָר זייער לעבן וועקט אין אונדז דאָס טיפסטע און דאָס מענטשלעכסטע. אַריינצוגיסן זייער מאָנונג אין אונדזער באַוואוסטזיין און אין געמיט פון די קומענדיקע דורות, דאָס איז דאָס געבאָט פון דער נאַציאָנאַלער און עטישער דערציאונג פון אונדזער צייט.

3) ווען מיר לערנען באַנעמען דעם היסטאָרישן לעבנסגאַנג פון אונדזער פאָלק, דאַרפן מיר זיך אָפּשטעלן ניט נאָר אויף געשטאַלטן און געשעענישן, נאָר אויך אויף יענע היסטאָרישע ערטער, קאָנקרעטע און סימבאָלישע, וואָס האָבן איבערגעלאָזט זייערע שפּורן אין לעבנסגאַנג פון פאָלק. ירושלים, יבנה, קאָרדאָווע, וואָרמס, ווילנע, וואַרשע, ניי־אַמסטער־דאַם, ניו־יאָרק און תל־אביב — די אַלע ערטער האָבן איבערגעלאָזט זייער חותם אויף דער יידישער נשמה.

4) לערנען די פּילאָרטיקייט פון באַנעמען, לערנען ווי אויפצונעמען קולטור־שאַפונגען פון פאַרשיידענע תקופות, ווי צו געניסן פון זיי, ווי הנאה צו האָבן און געשטאַרקט צו ווערן פון זיי — איז אין אונדזער דור דאָס געבאָט פון אמתער יידישער דערציאונג.

5) די יידישע דערציאונג קאָן זיך נאָר אָריענטירן אויף דער גאַנצקייט פון אונדזער פאָלק, זיין היסטאָרישן לעבנסוועג, די האָפענונגען, וואָס זיינען אַרויסגעוואַקסן אינעם יידישן לעבן. די יידישע דערציאונג מוז דעריבער זען דאָס פאָלק סיי ווי אַ וועלט־פאָלק, אַ וועלט־היסטאָרישן קאָלעקטיוו, סיי ווי אַ פאָלק פון מדינה. עס מוז וועקן טיפן גלויבן אין די כוחות פון פאָלק אומעטום און טיפע ליבע צו דעם אויפבוי פון ישראל.

אין לעבן קאָנען די פאָלקס־כוחות זיין צעשיידט, אין דער שול מוזן זיי זיין פאַראייניקט. אין לעבן מעגן זיי און מוזן זיך אָפּט באַקעמפן. די שול מוז געפינען די מיטלען צו ווייזן, וואו די שעפערישע כוחות אין יידישן לעבן באַגעגענען זיך. די פאָלקס־קולטור און ניט קיין פּרט־קולטור קאָן האָבן דעם כוח אויפצוציען דורות.

6) די שול מוז אויסנוצן די השפּעה פון קאָלעקטיווע איבערלעבונגען, פון יום־טוב און פון צערעמאָניעס. די יידישע יום־טובים האָבן די מאָטיוון פון אונדזער פאָלקס־געשיכטע און פון אונדזער נאַציאָנאַלן געמיט אויפ־גענומען און פאַראייביקט. די פריידיקע מאָמענטן פון יום־טוב ברענגען אַריין דערהויבונג אין לעבן פון קינד און העלפן שאַפן דעם בונד פון היינט מיטן נעכטן.

7) אַ וויכטיקער כוח, אויף וועלכן די דערציאונג פון קינד און יוגנט־לעבן מוז זיך אָנשפּאַרן, איז די היינטצייטיקייט. די אויפטרייסלענדיקע ווירקונג פון גרויסע געשעענישן מוז מען אָנווענדן צו אַקטואַליזירן דאָס לערנען.

צוויי גרויסע געשעענישן שטייען אין פאָדערגרונט פון אונדזער היס־טאָרישער תקופה, דער אומקום פון 6 מיליאָן פון אונדזער פאָלק און די ווידערגעבורט פון מדינת ישראל.

די דערציאונג מוז וויסן ווי אַזוי צו מאַכן דעם צער פון חורבן פאַר אַ נייעם כוח פון צוגעבונדן ווערן, מיטלעבן און שטאַרקער באַהאַפטן ווערן מיטן פאָלקס־קאָלעקטיוו. די טראַגישקייט פון די געשעענישן טאָר ניט אָפּשרעקן אַריינצוברענגען זיי אין קרייז פון לעבן און ווירקן אין די גרענעצן פון דערציאונג.

זייער טראַגישקייט ווערט באַליכטן פון גבורה און קדושה, זייער צער ווערט באַשיינט פון געטריישאַפט צו די אידעאַלן פון מענטשלעכער ברי־דערלעכקייט.

די צווייטע געשעעניש — מדינת ישראל — ווירקט טאָג־טעגלעך און ווירקט דירעקט אויפן לעבן פון די קינדער און יוגנטלעכע. די פריידיקע איבערלעבונגען שטאַרקן דאָס נאַציאָנאַלע געפיל; ישראל, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין קאַמף, איז אָבער נאָך פריער געבויט געוואָרן דורך אַרבעט און געטריישאַפט. ווי אין אַלטן ארץ־ישראל, האָט אויך אין דער מאָדערנער תקופה דער אַקער פריער מנצח געווען ווי די שווערד. דער גייסט פון קאָלעקטיוויזם און קאָאָפּעראַציע, די אידעאַלן פון אַרבעט און שלום, די פאָרמען פון אַ פריי דעמאָקראַטיש לעבן, ווי זיי אַנטוויקלען זיך אין ישראל, — זיי אַלע דאַרפן זיין נאָענט און אייגן אונדזערע קינדער.

8) דער ווירקזאַמסטער כוח אין לעבן פון קינד איז קודם־כל זיין נאָענטע סביבה. אַחוץ יידישער אומעטומקייט, אַחוץ דעם מאָמענט פון ישראל מוז פריער פון אַלץ קומען דאָאיקייט. די גרייטקייט צו לעבן ווי אַ ייד, די פעאיקייט צו פילן זיך ווי אַ ייד, אין יעדן לאַנד, וואו יידן געפינען זיך. אַוודאי איז עס אַ לעבן אין צוויי קולטורן, מיט אַלערליי השפעות און קעגנווירקונגען, אַ לעבן מיט פילמאָליקע נשמה־קאָנפליקטן. אַ סך יידישע דורות האָבן אָבער געוויזן דעם וואונדערלעכן מוסטער פון שאַפנדיקע, טיף

יידישע און טיף מענטשלעכע פּערזענלעכקייטן, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אין אַזאַ קולטור־סביבה.

אין דער מאָדערנער צייט איז די פליכט פון דער שול צו לערנען דאָס קינד, ווי אַזוי עס זאָל קוקן אויף זיין צוויאיקייט. די אידעע פון קולטור־פּלוראַליזם „פון דער אייניקייט, וואָס ליגט אין פאַרשיידנקייט", פון די מעגלעכקייטן, וואָס זיינען פאַראַן אין קולטור־אַנדערשקייט, איז דער סאַמע נאַטירלעכסטער צוגאַנג.

(1950)

געשיכטע און נאַציאָנאַלע דערציאונג

דריי קאָנצעפּציעס פון געשיכטע

עס זיינען אין תוך פאַראַן דריי מינים געשיכטע: געשיכטע איז קודם־כל דאָס פאַרגאַנגענע לעבן גופא, די מנהגים, אינסטיטוציעס, פירונגען און גלויבונגען פון פאָלק. אונטער געשיכטע קאָן מען אויך פאַרשטיין די דערציילונגען, געשיכטעס, זכרונות, לעגענדעס וואָס לעבן אין פאָלק און ווילן אויפהיטן דעם זכר פון דעם וואָס איז פאַרגאַנגען. דער דריטער מין געשיכטע איז דער פּרואוו צו רעקאָנסטרואירן די פאַרגאַנגענהייט „ווי זי איז טאַקע געווען", מיט אַ געוויסער מאָס אָביעקטיוויקייט, מיט אַ וויסנשאַפטלעכן סדר. דער מין געשיכטע וויל אָפּטיילן די לעגענדע פון דער ווירקלעכקייט, פאַרשטיין דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דערשיינונגען, פאַרשטיין די אַנטוויקלונג פון פאָלקסלעבן.

פון די אַלע דריי קאָנצעפּציעס פון געשיכטע איז די ערשטע די גרונטיקסטע און די עלטסטע. די כוחות וואָס שטייען הינטער איר זיינען די כוחות וואָס העלפן אויפהיטן דעם המשך פון פאָלקסלעבן: אָט די געשיכטע לערנט מען ניט, מע וואַקסט אין איר אַריין, מע ווערט דורכגעדרונגען מיט איר גייסט. עס איז ניטאָ קיין שום זאַך, וואָס זאָל פאַרבייטן פאַר קינדער פון אַ פאָלק די קולטור־עלעמענטן און די השפעות פון יענע היסטאָרישע פאַקטאָרן וואָס דריקן זיך אויס אין די מידות פון אַ פאָלק, אין משפחה־לעבן, אין וואָך און יום־טוב פון אַ פאָלק.

די שול מוז ביים היינטיקן טאָג אָנערקענען אויף פאַרשיידענע מדרגות אַלע דריי מינים „געשיכטע". זי מוז געדענקען, אַז נאָר דאָס לעבעדיקע לעבן פון פאָלק וואָס פאַרמאָגט אַלע נייטיקע עלעמענטן פון טראַדיציע, שטייגער און המשך קאָן ווירקן דערציעריש, קאָן באמת האָדעווען אַ דור. זי מוז אויך אָנערקענען דעם נאַציאָנאַל־פּאָעטישן ווערט פון דער פאָלקסשאַפונג, חומש, מדרש, פון דער אַלטער פאָלקס־ליטעראַטור און שאַפן ביים קינד דאָס געמיט עס אויפצונעמען, דעם באַגער באַווירקט צו ווערן.

די מאָדערנע שול מוז אָבער אויך פאַרשטיין די נייע, קריטישע געשיכטע. די שול ווירקט דאָך אין אַ געזעלשאַפט וואָס בייט זיך. דער אַלטער שטייגער ברעכט זיך, נייע כוחות קומען אויף און ווירקן אין יידישן לעבן. כדי פונאַנדערצוקלייבן זיך אין דעם, מוז מען קינדער לערנען צו דערגיין פאַקטן, אָפּוועגן און גוט צעקייען מיינונגען און כוונות. קורץ, מע דאַרף זיי לערנען די ראַציאָנעלע אופנים פון פאַרשטיין דעם שטראָם פון לעבן.

פאַר יונגע קינדער איז דער ערשטער מין געשיכטע — די דראַמע פון פאָלקסלעבן, מנהגים, פאָלקס־יום־טובים — דער שטאַרקסטער דערציערישער כוח. די וואַנט צווישן קינדס „איך" און דער סביבה איז נאָך ניט אַזאַ פעסטע; פאַרקערט, די סביבה איז מער אַ טייל פון „איך" ווי ווען עס איז שפּעטער. די סביבה, אירע יום־טובים, מנהגים ווירקן דירעקטער.

די סיפּורים פון חומש

פאַר יינגערע קינדער וועט אונדזער פאַרגאַנגען לעבן צו ערשט אויפלויכטן אין די מעשיות פון חומש. פון דעם ערשטן שוליאָר אָן מוז מען ברענגען פאַרן קינד מעשיות פון אונדזער אַמאָל. דער עלטער פון תמימות איז דער בעסטער פאַר די חומש־מעשיות. די השפּעה איז אַ דירעקטע, עס פעלן אַלע אָפּפרעגנדיקע עלעמענטן, וואָס שטערן דעם קינד געניסן פון יענער באַחנטער וועלט.

שפּעטער וועט אין די קלאַסן „ד" און „ה" מוזן קומען אַ מער קולטיווירטער, פאַרטיפטער פאַרשטיין און געניסן.

שוין די ערשטע סיפּורים פון חומש פאָדערן אַ געוויסע מאָס סימפּאַטיש אַריינטראַכטן זיך, פאַרשטיין און באַנעמען. קינדער דאַרפן זען וואָס עס איז דער תמצית, ניט ווערנדיק באַהערשט פון איצטיקע געוואוינהייטן, קענטענישן און אַסאָציאַציעס. ניט עקזאַמענירן, למשל, ניט „נעמען אויף אַ פאַרהער" די היסטאָרישע סיפּורים פון שטאַנדפּונקט פון איצטיקער „נאַטור־וויסנשאַפטלעכער" עקזאַקטקייט, ניט ווען לערנען געאָלאָגיע און עוואָלוציע אויפן גרונד פון דענקמעלער וואָס זייער ווערט איז אַ היסטאָריש־פּאָעטישער, נאַציאָנאַלער. די שול דאַרף זיך מיען אַז דאָס קינד זאָל בלייבן וואָך צו אַלע פּאָעטישע רעגונגען וואָס די וועלט ארום און אויך די וועלט פון אונדזער עבר אַנטפּלעקט פאַר אונדז.

ווי אַ גרויס פּאָעטיש ווערק דאַרף דער חומש באַטראַכט ווערן, אָבער אויך מער ווי סתם אַ פּאָעטישע שאַפונג. מיר מוזן תמיד געדענקען דעם היסטאָרישן גורל פון תנ״ך און זיין באַטייט אין לעבן פון אונדזער פאָלק במשך פון דורות.

דער פּרואוושטיין אין פּרט פון באַהערשן דעם חומש־געביט וועט זיין מיט פיל סימפּאַטיע, פאַרשטענדעניש, דער תלמיד וועט זיך לערנען שטעלן דעם טראָפּ אויף דעם וויכטיקן נאַציאָנאַל־פּאָעטישן שטייגער, אויף דער מאָס מענטשלעכקייט וואָס עס ווערט אָנטפּלעקט אויף די בלעטער פון אַלטן ספר.

די בריק וואָס וועט פאַראייניקן און צוזאַמענברענגען דאָס קינד פון היינט מיט דער וועלט פון פאַרצייטן, וועט אין אָנהייב אַוודאי זיין נאָר די קינדערישע ליבע צו דער שיינער מעשה, די דערציילערישקייט וואָס באַהויכט דעם חומש. זאָל נאָר אָבער דער צויבער פון דער מעשה פאַנגען דאָס קינד, און ביסלעכווייז וועלן די אַנדערע טיפערע כוונות פון דער חומש־וועלט אָנהייבן ווירקן.

דער חומש איז אָבער נאָר דער אָנהייב. עס זיינען פאַראַן עלעמענטן אויך אין די אַנדערע ספרים פון תנ״ך, וואָס מוזן ווערן אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל פון יידישער דערציאונג.

מיר מוזן איינזען אַז דער שטאָף פאַר אונדזער מאָראַלישער אַנטוויקלונג קאָן זיין דער עיקר אַ נאַציאָנאַל אייגענער לגבי אַנדערע השפעות וואָס ווירקן אויפן קינד. ס׳איז דעריבער די פליכט פון דער שול צו זיין דער ווירקונגס־קרייז, וואו אַלע השפעות וואָס שטאַמען פון אונדזער אייגענעם פאָלקס־דערפאַרן, קומען זיך צונויף. אַזוי גיך ווי דער עיקר וועט קלאָר ווערן — וועלן מיר איינזען אַז דער שטאָף פון דער חכמה־ליטעראַטור, פון מדרש, פון תלמוד, פון דער מוסר־ליטעראַטור, געהערן צום זעלביקן קרייז פאָלקס־שאַפונג און מוזן פורעמען דעם גייסטיקן פּרצוף פון אונדזערע קינדער.

טוען מיר עס ניט, פאַראַרעמען מיר די רייכקייט און די פאַרשיידנאַרטיקייט פון די השפעות, וואָס מיר קאָנען אויסנוצן; מיר שרומפּן אַליין איין אונדזער השפעה און מאַכן אונדזער ווירקונג שמעלער, ווייניקער קרעפטיק.

מעשה און כאַראַקטער־שילדערונג

ס׳איז קלאָר, וואָס ס׳קאָן זיין די כוונה פון דערציילן די חומש־מעשיות און אויך די היסטאָרישע דערציילונגען פון שופטים און אפשר פון מלכים אין די ערשטע צוויי קלאַסן פון דער שול — די כוונה איז אַריינצופירן דאָס קינד אין אונדזער וועלט, מאַכן פאַר אים ליב און נאָענט די וועלט פון יידישן עבר, צוגרייטן אים שפּעטער אויפנעמען די געשיכטע פון יענע תקופות.

ניט אַלץ וועט דאָס קינד קאָנען משיג זיין. יינגערע קינדער זיינען ס׳רוב פאַראינטערעסירט אין דער האַנדלונג, אין דער אַקציע. ניט די כאַראַקטער־שילדערונג גייט זיי אָן. דערפאַר טאַקע איז בייטיק אַז ווען מע וועט אין די קלאַסן „ג״ און „ד״ ווידער אַ מאָל אויפנעמען דעם פריער־דיקן געשיכטע־שטאָף (פון די יינגערע צוויי קלאַסן) זאָל אויפלייכטן פאַרן קינד ניט נאָר דער סיפור־המעשה, נאָר דער מענטש, זיינע מידות, זיין אייגנאַרטיקייט, זיין לעבנסוועג.

איצט וועט מען ביים אַנאַליזירן די סיפורים פון חומש, שופטים, אויפקלערן ניט דווקא זייער היסטאָרישן קערן, נאָר די מענטשן וואָס זיי שילדערן, זייערע מידות, השגות, שטייגער לעבן, זייער מענטשלעכקייט.

ס׳איז מאָדנע פאַר קינדער צו זען דעם „קערן״ נאָר אין אַ וועלכן ניט איז אַבסטראַקטן אויספיר, וואָס איז גאָר אַ פּרט אין סיפור־המעשה און אַלץ וואָס רעגט, אינטריגירט, נאָר ווי עפּעס אַ „שאָלעכץ״, ווי אַ מין טפל. דער „קערן״ פון די יעקב־געשיכטעס איז ניט דער אויספיר, אַז אונדזערע אָבות זיינען געווען וואַנדערער, אָדער זיי האָבן געפּיטערט שעפּסן און ציגן, נאָר די וואונדערלעכע געשטאַלט פון יעקבן, זיין חלום, יעקבס נדר: „אויב גאָט וועט זיין מיט מיר און וועט מיך היטן אין דעם וועג און וועט מיר געבן ברויט צו עסן און אַ בגד אָנצוטאָן און איך וועל קומען בשלום אין מיין היים...״ דער ליידנסוועג פון יעקבן, זיין נסיונותפול לעבן — דאָס איז דער „קערן״.

דער חומש טאָר פאַר קינדער בשום אופן ניט ווערן נאָר „אַלטערטימ־לעכקייט״, פראַגמענטן געשריבן מיט אַ מין יידישן „פלעקל־שריפט״. אַנטי־קוואַרישקייט איז ניט שטעמפּל, וואָס די שול דאַרף אַרויפלייגן אויפן חומש. אויב ניט אַ קוואַל פון אמונה, ווי דער חומש איז געווען פאַר דורות

יידן, מוז ער צום ווינציקסטן ווערן אַ קוואַל פון נאַציאָנאַלער השפּעה און קינסטלערישער אינספּיראַציע.

דער קינסטלערישער שטאָף פון תנ״ך איז אַוודאי ניט איינהייטלעך. מיטאָס, געשיכטע, היסטאָרישע דערציילונג, לעגענדע קומען אויסגעמישט, אָבער אין זיי אַלע צוזאַמען אַנטפּלעקט זיך אונדזער פאָלקס־נשמה, די נשמה פון דורות יידן.

צו אינטעלעקטואַליזירן פּריצייטיק די היסטאָרישע סיפּורים איז ניט כדאי, סיידן ווען דער באַגער קומט פון קינד אַליין. דער תלמיד אַליין פאָדערט און וויל וויסן „למאי און פאַרוואָס״ און דאָס מיינט זיין געדאַנק וויל זען שייכותן אָנשטאָט די קאָנקרעטע געשעענישן אַליין. דער לערער טאָר דעמאָלט ניט אָפּשטופּן מיט דער האַנט דעם אומרואיקן פרעגער.

מעטאָדאָלאָגיע

די מעטאָדאָלאָגישע פּראָבלעמען וועלן זיין:

א) ווי אַזוי בולטער, לעבעדיקער צו מאַכן דעם היסטאָרישן מאַטע־ריאַל. דער עיקר איז וויכטיק דער ערשטער איינדרוק. דער לערער מוז זען אַז די פאַקטן, די געשעענישן און די בילדער זאָלן זיך טיף איינקריצן אין זכרון פון קינד, אין זיין נשמה.

ב) ווי אַזוי צו מאַכן דעם תלמיד מער שעפעריש, אַרויסרופן זיין מיטבאַטייליקונג אין לערן־פּראָצעס. לערנען קאָן זיין נאָר אַ „דיאַלאָג״, ד״ה די אָביעקטיווע וועלט פון פאַקטן, ווירקונגען, סיטואַציעס מוז קומען אין באַריר מיט דער אינעווייניקסטער וועלט פון קינדס געדאַנק, געפיל און פאַנטאַזיע. נאָר די אייגענע איבערגעשטאַלטיקונג בלייבט, נאָר זי ווערט באַהאַפטן, אינטעגרירט אין פּסיכישן לעבן פון מענטשן און ווערט „פאַרגעדענקט״.

ג) מיטלען וואָס זאָלן סיסטעמאַטיזירן, אַריינטראָגן אַ סדר אין דעם וואָס מען האָט געלערנט; פאַרבינדן דאָס נייע פאַרלערנטע מיטן אַלטן, שאַפן אַ סכעמע, אַריינטראָגן אָרדענונג אין די היסטאָרישע פאַקטן און געשעענישן.

ד) מיטלען וואָס זאָלן טעסטירן, וועגן און מעסטן, וואָס זאָלן אויס־פאָרשן ווי זיכער ס׳איז דאָס איינגעלערנטע, אויף וויפל געוויסע געניט־קייטן ווערן פאַרבעסערט.

מעסטן דאָס געשיכטלעכע, פאַרשטיין, קאָן מען ס׳רוב נאָר אומדירעקט, דאָס דאַרף פונדעסטוועגן קיינעם ניט אָפּשרעקן. מיר קאָנען נאָר לויט געוויסע מאַניפעסטאַציעס און סימנים, לויט „סימפּטאָמען" מעסטן אויף וויפל קינדער זיינען בכוח צו פאַרשטיין, באַווירקט ווערן, גערירט ווערן אָדער ניט.

די „אמתע" מעסטונג וועט קומען ווען עס איז שפּעטער אין לעבן. די אָדער יענע לעבנס־סיטואַציע וועט באַשטימען וויפל חכמה, אינעווייניקסטע קראַפט האָט די באַקאַנטשאַפט מיט עלעמענטן פון יידישן עבר געגעבן. נאָר אַ קריטישע איבערלעבונג, ווען דער מענטש מוז זיך אַליין געפינען און קלאָרער דערזען זיין גורל, געפינען דעם אייגענעם וועג, וועט סוף־כל־סוף אויפקלערן ווי וויט די השפּעה האָט געגרייכט. נאָר פון אַן אמתער לעבנס־סיטואַציע קאָן דער מענטש געוואויר ווערן וואו ס׳ליגט זיין שטאַרקייט און זיין שוואַכקייט. אין שול קאָנען מיר מעסטן נאָר געוויסע קענטענישן, השפּעות, איינגעלערנטע געניטקייטן וואָס אַ מענטש קאָן זיך דערווערבן; ווייטער מוזן מיר האָבן אמונה, אַז קיין שום טיף גרייכנדיקע השפּעה גייט ניט פאַרלוירן און אַז זי וועט אויפטויכן און ווידער משפּיע זיין.

דאָס באַלעבן דעם היסטאָרישן שטאָף וועט געשען, ווען די געשיכטע פאַר קינדער וועט זיך קאָנצענטרירן אַרום ביאָגראַפיעס פון מענטשן און אַרום דראַמאַטישע געשעענישן פון אונדזער עבר. ביאָגראַפיעס קאָנען אָבער אויך זיין לאַנגווייליק, ווען זיי זיינען ניט דערציילעריש, האָבן צו פיל פּרטים און מע זעט ניט פון די פּרטים דעם לעבעדיקן מענטשן. אין די עלטערע קלאַסן לאָזט זיך דער שטאָף פון צייט צו צייט גרופּירן אַרום אַ פּראָבלעם. אָבער ניט קיין אַרויפגעצוואונגענע פּראָבלעם, נאָר אַזאַ וואָס שטאַמט פון היסטאָרישן מאַטעריאַל וואָס די קינדער האָבן שוין געלערנט.

אַמאָל איז אַ טעמע ווי, אַ שטייגער, די געשיכטע פון א״ב, כאָטש ניט קיין ביאָגראַפיע און ניט קיין „דראַמע", זייער אינטערעסאַנט פאַר קינדער. אַ לעבעדיקע שילדערונג ווי יידן האָבן געלעבט, לאָמיר זאָגן, אין דער געטאָ פון רוים, אָדער פראַנקפורט איז ביז גאָר אינטערעסאַנט; אָדער אַ באַשרייבונג ווי מע פלעגט מאַכן רייזעס אין מיטלאַלטער (יידישע רייזנדע און זייערע נסיונות). וואָס ווירקט דאָ? עס ווירקט דער אָפּקלייב פון אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן, אַ רייכער אַנעקדאָטישער מאַטעריאַל, אַ געוויסע

פּעאיקייט פון לערער צו פאַרכאַפּן דעם נייגער פון תלמיד דורך אַ ניט־סקאַרבאָון, אָריגינעלן אופן צונויפצוברענגען מאַטעריאַלן פון היינט און אַמאָל.

לעבנס־געשיכטעס און דראַמאַטישע דערציילונגען האָבן דעם אינטע־רעס „אין זיך״ — דער שטאָף אַליין רעגט אָן דאָס קינד. די טעמאַטישע באַאַרבעטונג ווערט אינטערעסאַנט דורך דעם שטייגער און אופן פון לערערס דערציילן, דורך זיין געמיט, זיין קונסט און דער פעאיקייט צו אינטעגרירן דעם שטאָף פון דאָס ניי און אים אַנדערש באַלייכטן. ס׳איז אַ באַזונדערע בענטשונג, וואָס אָדער מען האָט זי, אָדער ניט, פּסלען צוליב דעם דעם מעטאָד פון לערנען דעם היסטאָרישן שטאָף לויט טעמעס, איז ניט רעכט.

אַ ליד, וואָס מע לייענט אין שייכות מיט אַ היסטאָרישן עפּיזאָד, אַ קינ־סטלערישע דערציילונג, אַ בילד, וואָס כאַפּט אויף אַ היסטאָרישן מאָמענט, זיינען אַלע לאַנג אויסגעפּרואווטע מיטלען כדי לעבעדיקער, רייכער און טיפער צו מאַכן דעם איינדרוק פון די היסטאָרישע געשעענישן.

דראַמאַטיזאַציעס זיינען אַוודאי אַ הילף, ווייל זיי ברענגען אויף אַ נייעם אופן עלעמענטן פון דער געשיכטע. אויסצוגן פון בריוו, טאָגביכער, כראָניקעס, ווען זיי זיינען ניט שווער, מאַכן די תקופה לעבעדיקער, אַקטוע־לער; מע מוז זיי אָבער כמעט אַלע מאָל אַ ביסל צופּאַסן, שפּראַכלעך פאַרגרינגערן, קירצן.

יידישע געשיכטע דאַרף מען לערנען אין שול אי כראָנאָלאָגיש, אי עפּיזאָדיש. נאָר די פּילאָרטיקייט, פאַרשיידנאַרטיקייט פון פּרעזענטירן דעם שטאָף וועט אים אויפהיטן און מאַכן פאַר אַ טייל פון קינדס פּילן און פאַר־שטיין. געשיכטלעכע דערציילונגען מוזן קומען אין שייכות מיט די יידישע יום־טובים; געשיכטלעכן שטאָף מוז מען אַריינברענגען כדי אויפצוקלערן מאָמענטן פון אונדזער היינטיקן יידישן לעבן.

די עפּיזאָדישע דערציילונגען זיינען ניט קיין שטערן צום כראָנאָלאָ־גישן, בהדרגהדיקן דערציילן די יידישע געשיכטע פון אברהם אָבינו... ביזן היינטיקן טאָג.

דער עיקר איז צו פאַרבינדן איבערלעבונגען מיט מאָמענטן פון יידישן אַמאָל און אונדזער היינט. וויכטיק איז דער איינשטעל וואָס שאַפט זיך צום יידישן לעבן.

דער תלמיד וואָס איז אַ „גר"

ווי אין אַלץ, מוז מען אויך ביים לימוד פון געשיכטע אַנדערש צוגיין צו דעם תלמיד וואָס קומט ווי אַן אייגענער, אַ נאָענטער אין דער יידישער שול און צו דעם, וואָס קומט אין שול ווי אַ פאַרפרעמדטער, אַ „גר". דאָס פריער געזאָגטע איז דער עיקר שייך דעם „אייגענעם". פאַרן „גר" מוז קומען אַ ביסל אַן אַנדער אופן פון לערנען.

די מיטלען מוזן זיין באַשיידענע פאַרן תלמיד, וואָס זיין לשון איז נאָך באַגרענעצט, וואָס אים פעלן נאָך אויס ווערטער זיך אויסצודריקן און אים פעלן אויס קאָנצעפּציעס צו באַגרייפן די היסטאָרישע געשעענישן.

דער ערשטער מיטל איז כסדר צו דערציילן נאָר דעם וואָס פון יעדער תקופה און ניט אַזוי פיל אָפּשטעלן זיך אויף דעם פאַרוואָס. די סיבה איז — וויל ווערטער וואָס שילדערן טואונג, פאַרמאָגט דער תלמיד אַלע מאָל מער ווי אַבסטראַקטע ווערטער וואָס באַצייכענען אינטעלעקטועלע באַגריפן, שייכותן, פאַרבינדונגען.

ווידער איז פאַר קינדער אַלע מאָל גרינגער צו אידענטיפיצירן זיך מיט לעבעדיקע מענטשן, מיטפילן מיט זיי, פרייען זיך מיט זייערע אויפטוען, נסיונות, ווי ס'איז זיך צו אידענטיפיצירן מיט אידעען, באַוועגונגען, עקאָנאָמישע פאַקטאָרן. אינטערעס פאַרגרינגערט דאָס פאַרשטיין, העלפט משיג צו זיין!

דאָס וואָס עס קאָן ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין א מעשה, אַ געשיכטע — מעג זיין אַ רעאַליסטישע געשיכטע, אָבער אַזאַ וואו לעבעדיקע מענטשן האַנדלען, טוען, רעדן, אַנטשיידן — קאָן מען פאַר די קינדער ניט ברענגען. געשיכטע קאָן נאָר זיין אַ סעריע אינטערעסאַנטע דערציילונגען פון היסטאָרישן עבר. ווי יעדע דערציילונג קאָן דער לערער אויך די היסטאָרישע דערציילונג אַרומרעדן, אַ מאָל געוויסע אויספירן פאַראַלגעמיינערן, אָבער זי דאַרף קודם־כל שילדערן, דערציילן, ניט נאָר אויפקלערן.

לערנען דעם נייעם ווערטער־אוצר איז אַ טייל פון לערנען געשיכטע. ווערטער, אויסדרוקן זיינען די געצייג, די כלי. מיר מוזן זיין פונקט אַזוי אַחריותדיק לגבי דער כלי, ווי לגבי דעם טייערן ווייַן. אַנדערש רינט דער ווייַן אויס...

דער לערער וועט אַוודאי דאַרפן זיין דער דערציילער, פּרעגער. אָבער אויך אַ בוך וועלן די קינדער דאַרפן האָבן, גאָר אַ קורצן טעקסט וואָס מע וועט דורכאַרבעטן.

דעם טעקסט וועט כמעט אַלע מאָל דער לערער מוזן פאָרלייענען און גלייך שטעלן אַלערליי פראַגעס און זען צי די תלמידים פאַרשטייען די שווערע אויסדרוקן. דער קלאַס וועט זיי איבערזאָגן קאָלעקטיוו, אָדער איינציקווייז ענטפערן אויף פראַגעס. ערשט איצט וועלן די קינדער אַליין צוטרעטן צום לייענען און שמועסן. דאָס לייענען וועט אָבער געוויס ניט פאַרבייטן דאָס פרייע דערציילן פון לערער, וואָס מוז אַלע מאָל קומען צו ערשט, ניט אחר המעשה.

גראַפישע מיטלען זיינען זייער וויכטיק, הגם זיי קאָנען ניט פאַרבייטן דאָס לעבעדיקע וואָרט. סכעמאַטישע מאַפּעס, אילוסטרירטע, זיינען זייער נייטיק; דער לערער קאָן זיי אויסמאָלן אויפן טאָוול און די קינדער קאָנען זיי נאָך דעם אַרונטערצייכענען אין די העפטן. דער ציל פון די מאַפּעס איז צו פיקסירן געוויסע היסטאָרישע פאַקטן. אַוודאי מוז דער לערער האָבן אויך אמתע היסטאָרישע מאַפּעס.

לערנען און ווירקן

די כוונה דורך די אַלע יאָרן איז ניט נאָר לערנען, נאָר ווירקן. די ווירקונג טאָר אָבער ניט זיין קיין פאַרבייגייענדיקע, נאָר אַ באַשטענדיקע, זי מוז דעריבער שטראָמען, דורך אַלערליי קוואַלן... אויף אַלערליי אופנים מוז אונדזער עבר, פּונקט אַזוי ווי אונדזער היינט, געבראַכט ווערן צום קינד... נאָר די פאַרשיידנאַרטיקייט פון די השפעות וועט פאַרזיכערן כאָטש אַ מינימום וויסן. מע מוז די קינדער ברענגען צו אונדזער עבר דורך דער שיינער ליטעראַטור, פּונקט ווי דורך דער אָביעקטיווער געשיכטע: דורך די געשעענישן פון אונדזער היינט, פּונקט ווי דורך דעם כישוף, וואָס די היסטאָרישע פאַקטן פאַרמאָגן.

מען דאַרף, למשל, די פייערונג פון יידישע יום־טובים פאַרבינדן מיט נאָך אַ מאָל אָפּפרישן און נאָך מער באַרייכערן די ידיעות וועגן יידישן עבר. דער שטאָף מוז אַוודאי זיין פון אַן אַנדער מין. אַ מאָל קאָן עס זיין אַן אינסצענירונג, אַ דראַמאַטיזאַציע פון אַ היסטאָרישן מאָמענט, אַ מאָל

לידער און פּאָעמעס לכבוד יום־טוב, אָדער גאָר אויטענטישע מקורים וואָס מע לייענט (ווי אויסצוגן פון ספר חשמונאים, פון מגילת אסתר, רות, פון דער הגדה).

„פאַרגעדענקען" באַטייט טיף איבערלעבן, באַווירקט ווערן, זיך באַ־העפטן מיט געשעענישן, מענטשן, סימבאָלן, באַגערן, וואָס ווערן אייגן און נאָענט.

די פריידיקע רגעס פון יום־טוב שאַפן אַן אַנדער געמיט, ניט נאָר דאָס „ראַציאָנעלע", דאָס שכלדיקע. דווקא דער יום־טוב וועט ברענגען דאָס קינד אין באַריר מיטן יידישן לעבן. די אינטענסיווקייט פון דער איבערלעבונג, די טיף פון דער השפעה איז אַ גרעסערע גאַראַנטיע פאַרן פאַרגעדענקען, ווי אַלערליי געקינצלטע „איבערהזרונגען", וואָס בויען אַלץ אויפן מוח און פאַרגעסן דעם מקור — דאָס געפיל.

אין די יינגערע קלאַסן איז אַוודאי וויכטיק צו באַנוצן האַנט־אַרבעט, כדי שפּעריש איבערצוגעשטאַלטן דעם שטאָף. ווי פּרימיטיוו די קינדע־רישע צייכענונגען זאָלן ניט זיין, ווי פּשוט די אַרבעטן אויסגעקלעפּט פון ליים, דערפילן זיי אָבער אַ פּסיכישע פונקציע פון אינטעגרירן דעם „איך" מיטן „שטאָף", אַפילו ווען די „שאַפונג" איז איינפאַך ביז גאָר. דער אַקט פון אידענטיפיצירן זיך און פון אינטעגראַציע קאָן געשען ניט דווקא אין וואָרט; אויך אַ צייכענונג, עפּעס אויסגעקלעפּט אין ליים, אַ ליד וואָס מע זינגט, קאָנען דערפילן די וויכטיקע פונקציע.

אַוודאי איז נייטיק אַן אָביעקטיווע סביבה, ווי מאָלעריי, בילדער פון אַלטן ארץ־ישראל, מצרים, אשור, כנען; קינסטלערישע בילדער וואָס אילוסטרירן די היסטאָרישע געשעענישן; די באַמיאונגען פון יחיד דאַרפן אונטערגעשטיצט ווערן פון אַ קאָלעקטיווער „קולטור". מען קאָן ניט צווישן נאָקעטע ווענט איבערפורעמען וואָרט און בילד.

אויך נגינה, יידישע מוזיק מוז אויספילן אַ גרויסע ראָלע; אָפט איז ערשט דער ניגון בכוח איבערצוגעבן דאָס געמיט פון אַ דור און אַ לעבנס־שטיט. חסידות אַן חסידישע ניגונים, שבת אָן זמירות, די גמרא אָן דעם גמרא־ניגון זיינען האַלבקייטן און פאַרלירן אַ סך פון דער געפיל־סביבה.

קינסטלערישע איבעראַרבעטונגען, מאָדערניזירונגען אין דער פאָרעם פון אינסטרומענטאַלער מוזיק זיינען אַוודאי און אַוודאי „לערן־געצייג". מע טאָר זיי ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. די שוואַרצע פינטעלעך אַליין

קאָנען ניט אָפּראַטעווען פאַר אונדזער נשמה אַלץ, וואָס ס'איז פאַרביי. מיר דאַרפן געפינען שעפערישע עלעמענטן אין דער אַרבעט מיט די קינדער, ערשט דעמאָלט וועט עס ווערן אַ תורת חיים.

ווי צו קירצן, סינטעזירן און קאָנדענסירן

די גרעסטע מגיעה פאַר שעפערישקייט איז דער דוחק אין צייט. אין דער פאָלקסשול קאָן אַלע מאָל זיין די רייד נאָר פון אַ קורצן קורס אין יידישער געשיכטע.

ווי איז אָבער מעגלעך אַ „קורצער קורס" פון דער מער ווי דריי טויזנט יאָריקער געשיכטע פון אונדזער פאָלק? ער איז בשום אופן ניט מעגלעך, אויב מיר זאָלן ניט אָנווענדן געוויסע נייע אופנים פון סינטעזירן דעם לערן־מאַטעריאַל און אים קאָנדענסירן.

מעגלעכקייטן זייגען פאַראַן אַלערליי און זיי ווערן אויף פאַרשיידענערליי אופנים אָנגעווענדט: דער געוויינלעכסטער אופן איז גאָרניט צו בייטן אין געשיכטלעכן פּלאַן נאָר וועגן אַלץ צו דערציילן ווינציקער, אַ סך ווינציקער. די געשיכטע בלייבט מיט אַלע תקופות, העלדן, געשעענישן (אַלע שופטים, מלכים, רדיפות, מלחמות), נאָר וועגן יעדן פונקט ווייניקער אויפגעקלערט, ווייניקער געזאָגט.

אין דער פּראַקטיק פּירט דער אופן פון קירצן צו סכעמאַטישקייט, אויבנאויפיקייט און צו אַ מאַנגל אין עמאָציאָנעלן אָפּרוף מצד דעם קינד. דער עיקר אין דעם מין געשיכטע איז די סטרוקטור און ניט דאָס לעבן.

דער אופן פון קירצן איז אַוודאי דער גרינגסטער, ווייל ער פאָדערט ניט קיין אחריות און איבערקלייבערישקייט מצד דעם לערער, נאָר בריהשקייט. דאָס איז אַ מין מיקראָסקאָפּישער אופן פון זען די פּאַנאָראַמע פון פאַרגאַנגענע ציימן.

אַן אַנדער ברירה איז ניט צו דערציילן וועגן אַלץ גאָר, גאָר בקיצור און תמיד בהיפּזון, נאָר אויסקלייבן אין יעדער תקופה עיקר־מאָמענטן, הויפּט־פיגורן, דראַמאַטישע געשעענישן, שטרעמונגען און אַרום זיי קאָנצענטרירן דעם היסטאָרישן שטאָף. דער דרך איז שווערער און אחריות־פולער ווייל ער פאָדערט פון אונדז אויסצוקלייבן וואָס יאָ און וואָס ניט צו דערציילן; ער פאָדערט פון לערער אונטערצושיידן דעם פּרט פון דעם

עיקר אָדער, וואָס ס׳איז נאָך שווערער, אויסצוקלייבן צווישן איין עיקר און צווייטן. די נייע סטרוקטור וועט זיך אַוודאי פון צייט צו צייט בייטן, אָבער יעדע סטרוקטור פון היסטאָרישן אַמאָל איז נאָר אַ רעלאַטיוו זיכערע און באַשטענדיקע.

אויסוואַל, איבערפורעמונג איז תמיד נייטיק אין געשיכטע פאַר קינדער. פאַר קינדער מוז מען אַלע מאָל איבערשטעלן, איבערגרופירן און אַנדערש פאַרטיילן היסטאָרישע געשעענישן און דערשיינונגען.

סוף־כל־סוף איז די פּעדאַגאָגישע כוונה אַן אַנדערע ווי די כוונה פון דער היסטאָרישער פאָרשונג. געשיכטע פאַר קינדער קאָן נאָר געוויסע עלעמענטן פון דער פאָרשונג אויסנוצן; לעגענדע, קינסטלערישע דער־ציילונג, אויסטערלישע כאַראַקטעריסטישע פראַגמענטן אַרויסגענומען פון די מקורים גופא, זיינען גלייכע באַשטאַנד־טיילן פון געשיכטע פאַר קינ־דער. מיט דעם אַלעמען פאַרשווינדט די רואיקייט און נאַקעטקייט פון די לעבנספאַקטן. אַלץ ווערט איבערגעפורעמט אין אַ גאָר נייער „סימבאָלישער איבעראַרבעטונג", וואָס גיט די קאַמפן פון לעבן אַ מילדערנדיקע געשטאַל־טונג. נאָר אויף דעם אופן קאָנען מיר געשיכטע ברענגען צום קינד.

דעם גאַנצן גרויל פּיין און אימהדיקע שרעק פון לעבן קאָנען מיר ניט אויפדעקן; מיר קאָנען אויך ניט אויפווייזן דאָס שלעכטס, בייז, פאַרראַט, אין וועלכע געשעענישן און תקופות זיינען פאַרוויקלט; אַפילו די גדולי הדור זיינען ניט פריי פון „ווידעראַנאַנדן". די קונסט פון לערנען איז צו וויסן ווי אַזוי די רויע פאַקטן צו לייטערן, רייניקן און זיי ברענגען ווי „דערציערישע פאַקטן", וואָס קומען אין שייכות מיט אַנדערע מילדערנדיקע מאַניפעסטאַציעס פון מענטשלעכן לעבן. דעם לערערס אַחריות איז אַן אַנדערע ווי פון דעם וויסנשאַפטלער; אַפילו דער מיטלאַלטערלעכער כראָניקער האָט געוואוסט ווי צו מילדערן די גרעסטע אַכזריות.

דאָס בייז פון די רוצחים ווערט געמילדערט דורך דער קדושה פון יידן וואָס גייען אויף קידוש השם. אַקטן פון העלדישקייט, ווידערשטאַנד „מיל־דערן" דעם צער פון טויט און חורבן. מענטשלעכע דערנידערונג, געלע־לאַטע ווערן אַריבערגעטראָגן דורך דעם אַקט פון בטחון, דעם טיפן גלויבן אין דערלייזונג, דורך דער שיינקייט פון מידות אין די ד׳ אמות פון דער יידי־שער שטוב. מיר ווערן ניט אַזוי אויסגעשווידערט און פאַרשטיינערט פון די אויטאָדאַפעס, די פייערן פון דער אינקוויזיציע, ווייל מיר הערן דעם

„שמע ישראל״ פון די געפּייניקטע. דער „שמע ישראל״ קריצט זיך איין אין דער נשמה, די שייטערהויפנס ווערן פאַרזונקען אין תהום.

אויך דער נס פון רעטונג לייזט אויס און באַפרייט די שפּאַנונג פון דער גרויסער סכנה. און יידיש לעבן דורך אַלע דורות איז איין לעבע־דיקער נס! דעם נס מוז די שול ברענגען. זי טאָר אים ניט צו פיל „דער־קלערן״. ס׳איז גענוג אַז די קינדער וועלן דעם „ווי און וואונדער״ פון אונדזער לעבן פילן; דאָס געפיל איז צו מאָל וויכטיקער ווי וויסן, חריפות און אַלערליי פּירושים. אין זכות פון דעם געפיל לעבט אַן אומה. אַן דעם געפיל צעפאַלט דאָס וויסן און האָט ניט קיין ממשות.

(1951)

סאָציאַלע דערציאונג

(טעזיסן)

1) ביים היינטיקן טאָג איז פאַר אַלעמען קלאָר, אַז דערציאונג קאָן מיט זיך ניט פאָרשטעלן נאָר אַ סכום קענטעניישן און ידיעות. דערציאונג מוז באַלויכטן ווערן פון אַ גרויסן עטישן און סאָציאַלן אידעאַל. די דערציאונג פון יעדן פאָלק מוז אירע אידעאַלן קודם־כל שעפן פון אייגענעם לעבן, פון דער אייגענער געשיכטע און טראַדיציע.

דאָס, וואָס איז אייגן און ניט געבאָרגט, מוז זיין דער חותם פון עטישן וועלט־באַנעם, וואָס די שול ברענגט. מקורדיקייט באַטייט אָבער ניט דווקא איזאָלאַציע. קיין שום פאָלק שאַפט ניט אַליין זיין עטישע קולטור. דער מאָדערנער מענטש געניסט פון דער גרויסער שותפות, וואָס די דענקער, קעמפער פון דורות ביי אַלע פעלקער האָבן אין פייער פון זייער לעבן און ליידן אויסגעשמידט.

2) סאָציאַלע דערציאונג פאַרן יונגן מענטשן איז קודם־כל יעדער פרואוו אים בייהילפיק צו זיין צו לעבן גליקלעך און פראָדוקטיוו צווישן זיינע מיטמענטשן, זיך לערנען אָנטיילצונעמען אין פאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד; זיך לערנען ווי אַזוי צו זיין אין אַ דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט אַן אַקטיווער, שעפערישער און פרייער מענטש.

עס איז געווען אַ צייט, ווען דער צייכן פון יעדער מאָדערנער דערציאונג איז געווען בונטאַרישקייט, געפּאָרט מיט דעם געמיט פון סקעפּטיציזם. אַלע מאָדערנע באַוועגונגען האָבן געוועקט קודם־כל אַן אומרואיקייט פון געמיט און זיך געשטיצט דורכאויס אויף סאָציאַלער פאַרניינונג.

דער צוגאַנג פון די בונטארישע ריכטונגען איז מעגלעך געווען אַזוי לאַנג, ווי לאַנג מען האָט געגלייבט, אַז דער יסוד פון סאָציאַלן לעבן איז ניט צעשטערעוודיק, אַז די מענטשלעכע ציוויליזאַציע איז אַזוי מעכטיק, אַז זי קאָן איבערטראָגן אַלע אומוואַנדלונגען.

אָט דער נאַאיווער אָפּטימיזם איז מער ניט מעגלעך; קיין שום דער־

ציאונג צו נעגאַציע, וואָס לערנט ניט גלייכצייטיק די גרויסע אחריות און זאָרג פאַר די דערגרייכטע פרייהייטן, פאַר די מידות' פון דעמאָקראַטישן לעבן, פאַר די אויפטועץ פון אונדזערע אייגענע דורות, איז בשום אופן ניט באַרעכטיקט. אוודאי קוקט ניט די מאָדערנע דערציאונג אויף דער געזעל־שאַפט ווי אויף אַ צאָל פאַרגליווערטע, סאַנקציאָנירטע אינסטיטוציעס און פאָרמען פון צוזאַמענלעבן, וואָס מוזן אויף אייביק בלייבן, ווי זיי זיינען.

די וועלט, ווי זי איז, איז ניט אַזוי, ווי זי וואָלט געדאַרפט זיין, אָבער ניט אַלץ אין מאָדערנעם סאָציאַלן לעבן איז פול מיט חסרונות. די קריטיק פון דער געזעלשאַפט טאָר ניט אַריבערוועגן דאָס שעפערישע און דאָס גוטע אין לעבן פונעם פאָלק.

3) פאַראַן געביטן אינעם קינדס לעבן וואו די היים ווירקט שטאַרקער פון דער שול. די באַציאונגען צווישן טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועס־טער, די שטוביקע וועלט, באַשטימט דעם כאַראַקטער פונעם יונגן מענטשן.

ווייטער איז די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט אָפּהענגיק פון טעמפּע־ראַמענט; אין דעם פּרט איז ירושה מעכטיקער, ווי די סביבה, אָדער ווי די דערציאונג. נאָר דעמאָלט, ווען מיר זעען די גרענעצן פון אונדזער השפּעה, קאָנען מיר ריכטיק פאַרשטיין און וויסן, וואָס צו טאָן.

אין אַ סך פּרטים קאָן די שול ווירקן אויף די קינדער דורך דעם, וואָס זי איז משפּיע די היים און די סאָציאַלע סביבה; ערשט דאָרטן, וואו הינטער דער שול שטייט אַ געזעלשאַפטלעכער סענטימענט, קאָן זי באמת מצליח זיין.

4) דער עטישער קלימאַט פון דער יידישער שול איז זייער וויכטיק! וואָס מען זאָל ניט לערנען, וועלכן שמועס מע זאָל ניט פירן, וועלכע נייס מע זאָל ניט באַטראַכטן, איז תמיד פאַראַן אַן אייגענע מאָס און וואָג. ס'איז שווער דעם דאָזיקן צוגאַנג צו דעפינירן, אָבער ער איז שטענדיק פאַראַן.

דער עטישער קלימאַט דאַרף באַהערשן ניט נאָר דאָס לערנען, נאָר אויך דאָס צוזאַמענלעבן פון די קינדער אין שול. עס מוז געשאַפן ווערן אַן אַטמאָספערע פון פריינדשאַפט און חברשאַפט, מע מוז אונטערשטרייכן די מידות פון העלפן דעם נאָענטן, מען מוז לערנען די קאָנקרעטע פאָרמען פון הילף.

דרך־ארץ צו מענטשן און דרך־ארץ צו אַרבעט! דאָס מוז זיין איינער פון די הייליקסטע געבאָטן. דער דרך־ארץ צו מענטשן מוז זיך אויסדריקן אין רעספּעקט פאַר מענטשלעכער אַרבעט און מענטשלעכע אויפטוען, אין דרך־ארץ פאַר די שעפער פון מענטשלעכן גייסט, אין דרך־ארץ פאַר טאַטע־מאַמע און לערער, אין רעספּעקט פאַר מענטשלעכע אַנדערשקייטן, אין טאָלעראַנץ פאַר פאַרשיידנקייט פון מיינונגען, גלויבנס אד״גל.

5) יעדע דערציערישע ריכטונג שטרייכט אונטער געוויינטלעך, ווילנדיק צי ניט־ווילנדיק, איינע פון די מידות: קאָאָפּעראַציע אָדער פאַר־מעסט. די שול, וואָס וועט אָנערקענען נאָר די אינדיווידועלע אויסצייכע־נונגען און דערגרייכונגען, קאָן אוודאי באַווייזן אַ גוטע פּעולה אויף אַ סך געביטן פון לערנען, אָבער דער עטישער איינשטעל ווערט דעמאָלט אַ דורכאויס אינדיווידואַליסטישער. די מאָדערנע שול וויל וועקן געפילן פאַרן קאָלעקטיוו, זי וויל לערנען דעם תלמיד קודם־כל צו פאַרמעסטן זיך מיט זיך אַליין. יעדן איינציקן איז באַשערט אין לעבן מאָמענטן און אַרבעטס־געביטן, וואו ער קאָן זיך אויסצייכענען, וואו זיין טאַלאַנט איז בולטער, אָבער דער וועג צו שלימות איז דער וועג פון אויסבעסערן זיך אַליין, פון שטעלן זיך אַליין אַלץ גרעסערע פאָדערונגען.

6) די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט וואַקסט מיט יעדער פאָרעם פון אויסדרוק, וואָס זי געפינט אין לעבן; דער מענטש איז נאָר דאָס, וואָס ער לעבט איבער, וואָס ער פילט, די בענקשאַפטן און רעיונות, וואָס באַ־וועלטיקן אים, די באַציאונגען, אין וועלכע ער געפינט זיך מיט אַנדערע מענטשן.

דערציען דעם יונגן מענטשן עטיש, סאָציאַל, באַטייט מאַכן פאַרשיי־דנאַרטיקער און שעפערישער זיינע באַציאונגען מיט וועלט און לעבן, גע־פינען פיינערע און סאָציאַל מער ווערטיקע אויסדרוק־פאָרמען פאַר זיינע שטרעבונגען און באַגערן, אויפרודערן זיין נשמה מיט האָפענונגען און חלומות פון דורות.

7) אונדזער דערציאונג מוז פאַר יונגע קינדער באַניצן אַ געוויסע סטראַטעגיע פון באַצויבערן און פון „אַנטצויבערן״. באַצויבערן מוז זי מיט דער שיינקייט פון מענטשלעכן לעבן און האָפן, און אַנטצויבערן, ווייל זי קאָן ניט פאַרבאַהאַלטן אויך די שאָטנדיקע מאָמענטן פון אונדזער סאָ־ציאַלן סדר. אוודאי קאָן קיין שום זאַך ניט קומען פּלוצלינג; קינדער

קאָנען ניט מיט אַ מאָל אויפנעמען די מאָמענטן פון סאָציאַלן עלנט און ניט אַרויס צעטרייסלט. די „מלוכה פון אָרעמקייט" קאָן נאָר אַפּשרעקן, אויב ס'וועט ניט פאַרפלאָנצט ווערן די ליבשאַפט, מיט וועלכער מע דאַרף אויפנעמען מענטשלעכע ליידן.

אין אַלגעמיין באַגערט יוגנט מוטיקייט און פרייד. קינדער נייטיקן זיך אין אַ פריידיקער סביבה פון אַרבעט און שאַפן. דאָס גוטס פון לעבן, די ברכה פון דער ערד, דער וואונדער פון מענטשלעכע נסיונות, זיי אַלע מוזן זיין דער גרונט־מאָטיוו פון יעדער דערציאונג, וואָס וויל שאַפן אָפּ־טימיזם און גלויבן אין לעבן.

8) יעדע דערציערישע כוונה מוז האָבן די מיטלען, די מאַטעריאַלן, ווי אַזוי זי זאָל קומען צום אויסדרוק אין לעבן פון דער שול. די שול דאַרף זען אַלע דריי אַספּעקטן פון דער פּראָבלעם: א) דעם אַספּעקט פון וויסן, ב) דעם סאָציאַלן אַספּעקט, ג) דעם עמאָציאָנעלן מאָמענט.

א) קיין שום דערציערישע כוונות קאָנען ניט האָבן קיין פּעולה אין שול, אָן אינפאָרמאַטיווע מאָמענטן; עס איז אוודאי אַ גוזמא אַז „געאָגראַפיע לערנט אונדז ליב צו האָבן אונדזערע שכנים", אַז „מאַטעמאַטיק שאַרפט דעם שכל", אַז „געשיכטע מאַכט אונדז פילן זיך שטאָלץ מיט די דער־גרייכונגען פון אונדזער פאָלק", אָבער פון דער אַנדערער זייט, ווי קאָנען מיר פאַרשטיין און ליב האָבן אונדזערע שכנים, אויב מיר ווייסן גאָרניט פון זיי? ווי קאָנען מיר אַנטוויקלען אינטעלעקטועלע פעאיקייטן, אויב מיר גיבן ניט די תלמידים די מאַטעריאַלן, אויף וועלכע זיי זאָלן זיך לערנען מער ראַפינירטע פּראָצעסן פון דענקען? און וואָס פאַר אַ ווערט האָט נאַציאָנאַלער שטאָלץ, אויב מען ווייס ניט פון פאָלקסלעבן.

דער אינפאָרמאַטיווער מאָמענט איז דעריבער אין אונדזער שול־דער־ציאונג זייער וויכטיק; אין סאָציאַלער דערציאונג מוז ער קומען דורך דער שיינער ליטעראַטור, געשיכטע, דורך פאַקטן פון די סאָציאַלע וויסנ־שאַפטן, דורך דער באַקאַנטשאַפט מיט די אידעען פון קעמפער פאַר פריי־הייט, דורך דער באַקאַנטשאַפט ניט נאָר מיט דער געוויינטלעכער גע־שיכטע, נאָר אויך מיט דער געשיכטע פון רעוואָלט־באַוועגונגען. דאָס לעצטע איז פאַרשטייט זיך געמיינט נאָר פאַר עלטערע קלאַסן, פאַר מיטל־שול־קלאַסן, אָבער אַפילו אין דער עלעמענטאַר־שול וועלן געהערן צום געביט פון אינפאָרמאַציע: א) וויכטיקע פאַקטן פון דער געשיכטע פון

דער אַרבעטער־באַוועגונג, ב) בילדער און שילדערונגען פון אַרבעטער־לעבן און אַרבעטער־קאַמפן, ג) פּראָבלעמען, ווי אַ שטייגער, קינדער־אַרבעט, אַרבעטלאָזיקייט, מלחמה און שלום אד״גל, ד) ביאָגראַפישע מעשיות וועגן מאַרטירער פאַר מענטשלעכער פרייהייט און גערעכטיקייט, מאַרטירער פאַר דער וויסנשאַפט אד״גל, ה) באַקאַנטשאַפט מיט סאָציאַלע אוטאָפּיעס פון פאַרשיידענע תקופות, ו) אינפאָרמאַציע און באַקאַנטשאַפט מיט אַלערליי אַרבעטער און הילפס־אָרגאַניזאַציעס, פּראָטעסיאָנאַלע אָרדנס אאַז״וו.

די אינפאָרמאַציע דאַרף מען געבן אין אַ בילדלעכער, דערציילערישער און שיינער פאָרעם, אַלע מאָל אויף דער מדרגה פון דעם קינדס פאַרשטיין און באַנעמען;

אין דעם גאַנצן דערציערישן גאַנג איז קאָנקרעטקייט אַלע מאָל אַ ברכה, און אַבסטראַקטקייט, באַזונדערס אויף דער ערשטער מדרגה, אַ שטער. נאָר דורך דער קאָנקרעטער סיטואַציע, דורך דער געשעעניש, וואָס מע מוז אין איר פאַרוויקלט ווערן, וואו די אייגענע שייכות האָט אַ באַטייט, נאָר אין די גרענעצן פון אַזעלכע קאָנקרעטע סיטואַציעס וואַקסט דער מענטש צו אחריות און סאָציאַלער רייפקייט.

ב) דער סאָציאַלער אַספּעקט וועט זיך אויסדריקן אין אַ צאָל פּירונ־גען, מינהגים אין דעם לעבנס־שטייגער פון שול־קאָלעקטיוו. דערציער מוזן זיך פרעגן: איז פאַראַן אָרדענונג, אָרגאַניזאַציע, פאַרטיילונג פון אַרבעט און פאַרטיילונג פון אחריות אין שול? איז די באַציאונג פון לערער צו די קינדער אַן אויטאָקראַטישע, הגם פּאַטערלעכע, אָדער זיינען פאַראַן מאָמענטן פון דעמאָקראַטישן צוזאַמענלעבן? ווערן די קינדער צוגעוואוינט, אַז אַלצדינג זאָל מען פאַר זיי באַשטימען, אָדער ס׳זיינען פאַראַן געביטן, וואו אויך די קינדער קאָנען אַ מאָל האָבן די איניציאַטיוו? זיינען פאַראַן טעטיקייטן, וואו די וועגט פון דער שול ווערן ברייטער, ווי די ד׳ אמות פון קלאַס־צימער? טוען עפּעס קינדער פאַרן כלל, פאַר אַנדערע קינדער? איז פאַראַן אַ געפיל, אַז ניט געקוקט אויף אַלערליי פאַרשיידנקייטן פון קולטור און מינהגים, פאַרבינדט אונדז אַלעמען איין גורל? שטראַלט אַמאָל אַרויס, כאָטש אויף אַ רגע, דאָס געפיל פון מענטשס צער? ווערט די וועלט פאַרגעשטעלט נאָר ווי אַ וועלט פון פרייד, אָדער עס הערט זיך

אויך די שטים פונעם מענטשן פון פּראַצע, פון דעם אומרואיקן פּיאָנער, פון דעם וויזיאָנערישן רעבעל?

ג) דעם עמאָציאָנעלן אַספּעקט האָבן די געוויינטלעכע ראַציאָנעלע אַרבעט־מעטאָדן פון דער שול אָפּט פאַרזען. אמת, אין קינסטלערישן וואָרט, אין מאָלעריי און דראַמע קומט צום אויסדרוק דאָס געפיל־לעבן פון קינד: די מאָדערנע דערציאונג האָט אַ סך געטאָן פאַר דער אַנטוויקלונג פון שעפערישע מאָמענטן אין לעבן פון קינד און יוגנטלעכן. די פרייע קאָמפּאָזיציע, דאָס געבן דעם תלמיד די מעגלעכקייט זיך פריי אויסצודריקן איז געווען אַן אויפטו פון דער נייער שול.

די עמאָציאָנעלע וועלט פון קינד איז אָבער אַ סך פאַרוויקלטער; ווי אַזוי זאָל דאָס מענטשלעכע געפיל ווערן אַ כוח, וואָס זאָל שטאַרקן דעם גאַנצן עטישן אַנטוויקלונגס־גאַנג פון מענטשן, איז עד־היום אַ גרויסע דערציערישע פּראָבלעם. וויכטיק אין דעם צוזאַמענהאַנג איז דער כּוח פון קאָלעקטיווע איבערלעבונגען, דאָס שאַפן פון נייע סימבאָלן פאַר קאָלעקטיווע באַגערן און שטרעבונגען.

דאָס פאַרשטיין די ווירקונג פון עמאָציעס אויפן דערציערישן פּראָצעס טאָר ניט פירן צו קיין שום עמאָציאָנאַליזם. די מאָדערנע פּסיכאָלאָגישע סיסטעמען פאַרשטייען וואויל די וויכטיקייט פון געפילן. עמאָציאָנאַליזם, דאַקעגן, איז אַן איבערפלוס פון געפיל און איז אַ פאָרעם פון גייסטיקער דעזאָרגאַניזאַציע. דאָס גייסטיקע געזונט פון מענטשן בויט זיך אויף דער ראַציאָנעלקייט, אינטעגרירטקייט פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט.

(1950)

וועלטלעכע יידישע דערציאונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן

אַ ר י י נ פ י ר

עס מוז אין תוך זיין אמת, אַז דאָס בילד, וואָס אַ געזעלשאַפטלעכע גרופע שאַפט זיך וועגן דער צוקונפט, באַווירקט אויך אירע קעגנוואַרטיקע מעשים.

די טעאָריע פון אַסימילאַציע, למשל, וואָס איז אויפגעקומען צוזאַמען מיטן קאַמף פאַר יידישע רעכט אין פראַנקרייך, האָט ניט נאָר פאַרלייקנט פאַר יידן די מעגלעכקייט פון אַ נאַציאָנאַלן קיום, זי האָט תיכף גענומען ווירקן צעשטערעריש אַפילו דאָרטן, וואו דאָס טראַדיציאָנעלע יידישע לעבן איז נאָך געווען שטאַרק; פונקט אַזוי האָט געווירקט אַנטמוטיקנדיק דער קאָסמאָפּאָליטיזם (סוף 19טן י״ה) סיי אין רוסלאַנד און פוילן, סיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן מחמת דעם, וואָס ער האָט אַנגעטאָן די קרוין פון חשיבות נאָר אויף יענע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען און אידעען, וואָס זיינען כולל דעם כלל מענטשן, די מענטשהייט, און נישט דאָס פאָלק. אויב נאַציאָנאַלע שטרעבונגען און באַוועגונגען זיינען אַ דערונטערדיקע זאַך, איז ווי קאָן מען פאַר דעם איינשפּאַנען אַלע מענטשלעכע כוחות?

גלייך אַנטמוטיקנדיק איז אין אונדזער צייט געווען די טעאָריע, וואָס האָט געלייקנט אין דער מעגלעכקייט עפּעס ממשותדיקס אויפצוטאָן אין אַמעריקע, וואָס האָט געלייקנט אין דער מעגלעכקייט אויפצובויען אַ יידיש געמיינדע־לעבן, אויפציען יידישע דורות, ווייל אַלץ איז דאָך סיי ווי כלומרשט פאַרמשפּט אויף אומקום. די אַרבעט לטובת יידישער דער־ציאונג איז בכן אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון דעם בילד, וואָס מיר קאָנען זיך אויסמאָלן וועגן דער צוקונפט פון יידישן לעבן אין די פאַראיי־ניקטע שטאַטן, אָדער פונעם בילד, וואָס מיר ווילן זיך אויסמאָלן וועגן אונדזער נאַציאָנאַלן קיום דאָ אין לאַנד. דאָ גייט ניט די רייד וועגן אַ פאַרבלענדעניש אָדער אַן אַליין־נאַרעריי, נאָר וועגן אַ סאָציאַלן סענטימענט, וואָס באַהערשט ריין אָביעקטיוו דורות און סאָציאַלע גרופּעס אין יידישן לעבן.

וואָס שייך יידישער דערציאונג הערשט לעצטנס אַ מין „סטאַטיסטי־שער" אָפּטימיזם. די סטאַטיסטיק ווייזט אויף גרויסע צאָלן פון דער הי־געבוירענער יידישער עלטערנשאַפט, וואָס ברענגט די קינדער אין יידישע לערן־אַנשטאַלטן. עס איז מערקווירדיק, ווי דערמוטיקנדיק — און מיט רעכט — דער דאָזיקער איינציקער פאַקט ווירקט סיי אויף די טעאָרעטי־קער, סיי אויף די פּראַקטיקער, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט יידישער דער־ציאונג.

אַ רעאַליסטישער אַנאַליז פון דער סיטואַציע פאָדערט אָבער פונדעסט־וועגן אַ סך מער און אַ סך מער פאַרשיידנאַרטיקע קריטעריעס, כדי צו באַשטימען ווי ריכטיק עס זיינען די וועגן, אויף וועלכע פאַרשיידענע גרופּעס אין יידישער דערציאונג פאַרנעמען זיך.

צוליב דעם, וואָס מיר פאַרמאָגן ניט ביים היינטיקן טאָג קיין שום מעטאָדאָלאָגיע צו באַשטימען די ווירקזאַמקייט און פּרוכטבאַרקייט פון פאַרשיידענע עקספּערימענטן און אויפטואונגען אויפן געביט פון יידישער דערציאונג, קומט אויס, אַז יעדער עקספּערימענט, יעדער פּרוּוו, יעדער געזעלשאַפטלעכער און דערציערישער אויפטו קאָן געמאָסטן ווערן נאָר מיט זיין אייגענער מאָס: אויף גרויסע שטחים פון אונדזער פּעדאַגאָגישער אַרבעט איז דאָס אַוודאי דער איינציק־מעגלעכער מעטאָד. די דערגריי־כונגען קאָן מען אַנדערש ניט מעסטן סיידן וועדליק דער ספּעציעלער כוונה און דעם באַזונדערן און אייגנאַרטיקן באַטייט, וואָס יעדע ריכטונג האָט אַריינגעלייגט אין דעם טערמין יידישע דערציאונג.

דערציאונג איז אָבער ניט נאָר אַן אינדיווידועלער און אינדיווידואַלי־זירנדיקער, נאָר אויך אַ סאָציאַלער פּראָצעס און אויף אַזוי פיל מוז ער האָבן אויך אָביעקטיווע, געזעלשאַפטלעך־פונקציאָנעלע מאָסן. ריכטונגען און באַוועגונגען אין יידישער דערציאונג דאַרפן אויך אָפּגעשאַצט ווערן און דאַרפן זיך אַליין אָפּשאַצן אין דער מאָס, אויף וויפל זיי האָבן, למשל, בייגעטראָגן עס זאָל געשאַפן ווערן און געשטאַרקט ווערן דער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין, אויף וויפל זיי האָבן געהאָלפן, אַז דאָס יידישע לעבן זאָל ווערן גאַנצער, מער אָרגאַניזירט, בעסער באַהאַפטן, מער שעפעריש.

וואָס שייך די פאַראייניקטע שטאַטן מוז די קריטעריע זיין — אויף וויפל האָט יידישע דערציאונג געהאָלפן ביי פאַרשידענע סאָציאַלע גרופּעס צו פאַרפעסטיקן דאָס געפיל און די באַדערפעניש פאַר אַ יידיש געמיינדע־

לעבן; אויף וויפל עס האָט געווירקט, אַז יידישע דערציאונג זאָל ווערן אַן אויסדרוק פון יידישער אַחריות און פון דער יידישער גורל־פאַרבונדנקייט.

די קריטעריעס, וואָס שייך די פּעדאַגאָגישע אַספּעקטן, מוזן אויפן באַדן פון דער אַמעריקאַנערווירקלעכקייט אויפקלערן, ווי אַזוי יעדער דערציערישער עקספּערימענט האָט אויך באַגעגנט די נייע לעבנס־שווערי־קייטן פון אַן עטנישער גרופּע אין פּראָצעס פון איינבירגערן זיך, פון אַקול־טיוויזירן זיך אין אַ ניי לאַנד, אין אַ טעכנאָלאָגישער געזעלשאַפט, וואו די דאָמינירנדיקע גייסטיקע ווערטן זיינען, לגבי די טראַדי־ציאָנעל־יידישע איצט ס׳רוב פּאָזיטיוויסטיש־ראַציאָנאַליסטישע; אויך מוז מען אויפקלערן, ווי אַזוי האָט די דערציערישע שיטה, אין דער סיטואַציע פון קאָנפליקט צווישן צוויי קולטורן, געקאָנט פאַראייניקן נאַציאָנאַלע טראַדיציע, אייגענעם קולטור־שטייגער צוזאַמען מיט די נייע און פרעמדע סאָציאַלע באַדינגונגען, אין וועלכע דאָס פאָלק האָט זיך געפונען.

נאָר אין דער מאָס אויף וויפל מיר פאַרשטייען, ווי אַזוי אַ געוויסע יידישע דערציאונגס־פאָרעם איז געווען אַ ווירקנדיקער פאַקטאָר אין דעם צווייענדיקן פּראָצעס פון אַקולטוריזאַציע: א) מיט דער אייגענער יידישער סביבה, ב) מיט דער ברייטער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט, נאָר אין דער מאָס קאָנען מיר איר ווירקונג ריכטיק אָפּשאַצן און אַנאַליזירן. אין דעם זינען איז יעדע דערציערישע ריכטונג אין יידישן לעבן פון די פאַראייניקטע שטאַטן אַן עקספּערימענט. די, וואָס פאַרמאָגט 50 פּראָצענט פון אַלע קינדער פּונקט ווי די, וואָס פאַרמאָגט 7 פּראָצענט.

פאַר אַזאַ סאָציאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישן אַנאַליז פעלן אונדז נישט נאָר די פאַקטן, נאָר אויך די נייטיקע קאָנצעפּטועלע ראַם, בלייבט צום ווינ־ציקסטנס דער היסטאָרישער מעטאָד, וואָס ווייזט כאָטש די אַנטוויקלונגס־ליניע, די אינעווייניקסטע טענדענצן, ווי אַזוי אַ דערציערישע ריכטונג האָט זיך אַליין אויסגעפורעמט און געשטאַלטיקט אין לעבן.

פון קאָסמאָפּאָליטיזם ביזן אויפקום פון נאַציאָנאַלע אידעען

דער אויפקום פון די דריי מאָדערנע יידישע שול־ריכטונגען דאַרף מען באַטראַכטן ווי איין היסטאָרישן אַקט, ווען נייע שיכטן אין יידישן

לעבן — אַרבעטערישע און פֿאָלקסטימלעכע — האָבן אויף זיך גענומען דעם עול פֿון יידישן המשך.

דער פֿאַקט, וואָס די פֿאָלקסשולן פֿון יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד זיינען אויפגעקומען אין 1910, די שלום־עליכם־שולן אין 1913—1916 און די אַרבעטער־רינג־שולן אין 1918, פֿאַרלייקנט נישט די איינהייטלעכקייט פֿון דעם היסטאָרישן פּראָצעס. די אַלע טיפּן שולן זיינען אַרויסגעשוואומען אויף איין כוואַליע. זיי זיינען אַלע אויפגעקומען אין איין סביבה. אַלע דריי שול־ריכטונגען האָבן זיך אויך באַגעגנט כמעט מיט אַלץ איינע שטערונגען. ווייל מען פֿאַרשטיין די נייע שול־אידעע, מוז מען פֿאַרשטיין דעם אידעאישן קאַמף, וואָס איז געפֿירט געוואָרן ערב דער גרינדונג פֿון די שולן, און יאָרן נאָך דעם, ווי זיי זיינען אויפגעקומען. במשך פֿון צוויי צענדליק יאָר איז געפֿירט געוואָרן אַן ערנסטער אידעאי־שער קאַמף, וואָס האָט צוביסלעך געגומען בייטן דעם פֿריערדיקן געזעל־שאַפֿטלעכן קלימאַט און מעגלעך געמאַכט, אַז די אַלע דריי שול־ריכטונגען (אין אַ משך פֿון 8 יאָר) זאָלן קאָנען אויפקומען און נעמען ווירקן יעדערע אין אַן אייגענער סביבה.

וועגן וואָס האָט זיך דעמאָלט געהאַנדלט? אין גרונט האָט עס זיך געהאַנדלט וועגן איין פּראָבלעם: דאַרפֿן יידן, וואָס זיינען געקומען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אויפהיטן זייער נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט אין נייעם לאַנד אָדער ניט? דאַרף דער יידישער מענטש, דער יידישער אַרבעטער האָבן אַ וואָסער עס איז אינטערעס אין נאַציאָנאַלן יידישן קיום, אָדער זיין איינציקע לאָיאַליטעט געהערט דעם קלאַסנקאַמף, דעם קאַמף פֿאַר דער עקאָנאָמישער פֿאַרבעסערונג פֿון זיין לעבנס־מעמד און דעם קאַמף פֿאַר מער פּאָליטישער און בירגערלעכער פֿרייהייט?

די כאַראַקטעריסטישע גרונט־שטעלונגען צו דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער פּראָבלעם זיינען צווישן יידן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן ביים סוף פֿון 19טן י״ה געווען אַזעלכע:

1) אַן אינדיווידואַליסטיש־בירגערלעכע, וואָס האָט געלייקנט סיי אין־אָקערשט אויפגעקומענעם פּאָליטישן ציוניזם, סיי אין סאָציאַליזם, נאָר האָט געגלייבט אין דער צופּאַסונג־קראַפֿט און אין דער פּעולה פֿון יעדן יחיד צו פֿאַרבעסערן זיין מעמד. די וועלט גייט צום בעסערן און פֿאַר יידן איז אָנגעגרייט אַ בעסערע מערכה, — די דאָזיקע ירושה פֿון דער השכלה

איז גילטיק געווען אויך אין נייעם לאַנד. יידן זיינען אין תוך נישט קיין נאַציאָנאַלע גרופּע, זיי זיינען אַן אמונה. די אמונה דאַרף מען אויפהיטן מיט געטריישאַפט, אָבער נישט אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע אַטריבוטן. ס׳איז אמת, אַז שוין דעמאָלט, אין די יאָרן פון דרייפוס־פּראָצעס, זיינען געווען שטימונגען, אַז די עמאַנציפּאַציע־באַוועגונג האָט אָפּגענאַרט, אַז אייראָפּע האָט פאַרראַטן, אַז די נייע ציוויליזאַציע איז צו שוואַך צו ברענגען בעסערע באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש. די אָפּטימיסטישע שטימונג פון די בירגערלעכע אינדיווידואַליסטן איז אָבער ביים סוף פון 19טן י״ה ניט געשטערט געוואָרן (פאַרגלייך פּ. ווערניק אין „דער נייער גייסט״, מאַי 1898).

2) אַ ווירקנדיקער כוח אין דער אַרבעטער־סביבה איז געווען דער קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס האָט אין באַוועגונגען פון נאַציאָנאַלער אויסלייזונג ניט געזען קיין שום טובה, ניט פאַר יידן און ניט פאַר דער וועלט. דער קאָסמאָפּאָליטיזם האָט אויך ניט געזען קיין שום נוצן אין נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט און אין דערהאַלטן נאַציאָנאַלע באַזונדערקייטן.

דער סאָציאַל־מיליטאַנטישער קאָסמאָפּאָליטיזם איז אַרויס פון שטאַנדפּונקט, אַז דער מאָסגיביקער און דאָמינירנדיקער פאַקטאָר אין דער היינטיקער געזעלשאַפט זיינען קלאַסן און ניט קיין פעלקער. דאָס, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם תוך פונעם יחיד, — זיין כאַראַקטער, זיין שטעלונג צום לעבן, זיין לעבנסקוק — איז דער סאָציאַלער קלאַס, און ניט די נאַציאָנאַלע גרופּע, צו וועלכער ער געהערט.

געזעלשאַפטלעך האָט זיך דער קאָסמאָפּאָליטיזם געפּאָרט מיט די מיליטאַנטישע אידעען פון רעוואָלוציאָנערן קלאַסנקאַמף ווי דעם הויפּטבאַוועגער פון דער מענטשלעכער געשיכטע. די מענטשלעכע באַפרייאונג וועט קומען, ווען עס וועט אַנטשטיין אַ קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט. אויך די באַפרייאונג פון יידן וועט דורך דעם מקוים ווערן, וואָרעם אַנטיסעמיטיזם, יידן־שנאה איז אַ דערשיינונג פון אַ קלאַסן־געזעלשאַפט.

דער קאָסמאָפּאָליטישער אַני־מאַמין ווערט אַזוי פאָרמולירט אין אַ ניו־יאָרקער צייטשריפט פאַר וויסנשאַפט, ליטעראַטור און קונסט אינעם יאָר 1897:

„קיין נאַציעס, חוץ ווי פּאָליטישע באַציִענונגען, זיינען שוין מער ניטאָ. די איינוואוינער פון פּאַריז, לאָנדאָן, בערלין און ניו־יאָרק אינטע־

רעסירן זיך מיט די זעלבע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, רעליגיעזע און מאָראַלישע פּראָגעס. זיי לייענען די זעלבע ביכער און הערן די זעלבע אָפּערעס... זיי קליידן זיך נאָך דער זעלבער מאָדע און לייענען אָפּט די זעלבע צייטונגען, דערפאַר זיינען אָבער היינט די אונטערשיידן צווישן די פאַרשיידענע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג אין יעדן לאַנד געוואָרן אַזוי גרויס, אַז זיי טיילן אָפּ די קלאַסן איינע פון די אַנדערע אַ סך מער, ווי די נאַציעס זיינען אַמאָל געווען אָפּגעטיילט" (ל. בודיאַנאָוו „דער נייער גייסט", נאָוו' 1897).

צום סוף פון 19טן י"ה האָט גענומען ווירקן אויך אַ מער רעאַליסטי־שער קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס זעט שוין דעם ווערט פון נאַציאָנאַלע באַזונ־דערקייטן און די פאַקטישע עקזיסטענץ פון פעלקער ווי אויסגעפורעמטע היסטאָרישע קאָלעקטיוון. קלאַסן זיינען ניט די איינציקע פאַקטאָרן אין לעבן פון דער מענטשהייט, נאַציאָנאַלע קולטורן פאַרמאָגן נאָך און וועלן פאַרמאָגן אויף ווייטער אַ שטאַרקן כוח. סוף 19טן י"ה פאַרטרעטן, למשל, דעם דאָזיקן קוק דער נאָוועליסט לעאָן קאָברין און דער פּובליציסט און אַרבעטער־פירער פיליפּ קראַנץ. זייער פאַרשטענדעניש פאַר נאַציאָנאַלער קולטור איז אָבער אַלץ שייך אַנדערע פעלקער און ניט יידן. יידן זיינען ניט קיין נאַציע. וועגן יידן שרייבט קאָברין:

„דאָס לעבן צווישן באַזונדערע פעלקער אין פאַרשיידענע לענדער, אונטער פאַרשיידענע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אומשטענדן, אונטער אַ פאַרשיידענעם קלימאַט, האָט אין די אַלע סאָרטן יידן אויסגעאַרבעט אַ באַזונדערן כאַראַקטער, וועלכער איז פיל ענלעכער און נעענטער צו דעם טיפּישן כאַראַקטער פון דער איינגעבוירענער נאַציע, צווישן וועלכע זיי וואוינען, ווי צו דעם טראַדיציאָנעלן כאַראַקטער פון דער אַמאָליקער יידישער נאַציע" („דער נייער גייסט", דעצעמבער, 1897).

דאָס ניט־פאַרשטיין די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט שטאַמט אין אַ גרויסער מאָס פון די איינזייטיקע אַבסטראַקטע און טעותדיקע טעאָריעס וועגן דעם אָפּשטאַם פון נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, וואָס מען האָט אין יענער צייט צוגעשריבן מער ווי אַלץ די קלימאַטישע און געאָגראַפישע באַדינ־גונגען. די אַנטוויקלונג פון פעלקער און פון דער געזעלשאַפט האָט מען צוגעשריבן צו די פּראָדוציר־כוחות אין דער געזעלשאַפט און צו די עקאָ־נאָמישע פאַקטאָרן (מאַרקס). יידן, ווי אַ פאָלק, וואָס איז צעשפּרייט, אָן

אַן אייגן לאַנד און במילא „אַן אַן אייגענער ציוויליזאַציע", פאַרמאָגן דעריי־בער אויך ניט, אַזוי האָט מען געמיינט, קיין אייגענע קולטור און די כאַראַקטעריסטיק און אייגנאַרטיקייט פון אַ נאַציע.

אין יענער תקופה האָט לגמרי געפעלט די פאַרשטענדעניש פאַר דעם כוח פון דער היסטאָרישער טראַדיציע אין לעבן פון אַ פאָלק. די אַנטי־היסטאָרישקייט פון דער תקופה, די צוקונפט־אָריענטירטקייט אירע האָט געשטערט צו זען דעם וויכטיקסטן כוח אין אויפהאַלט פון פעלקער — זייער געשיכטע און גורל־פאַרבונדנקייט. ס'איז מערקווירדיק, אַז אַזוי שפּעט ווי אין 1903 און 1904 קומט נאָך פאַר אַ דיסקוסיע אין דער ניו־יאָרקער ליטעראַרישער שריפט „צוקונפט", צי זיינען יידן אַ נאַציע. די פראַגע איז אויפגעקומען אין שייכות מיט אַן אַנדער פראַגע, צי איז דער יידישער אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד, פוילן און ליטע געווען גערעכט, ווען ער האָט אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג ניט נאָר פון בירגערלעכע, נאָר אויך פון נאַציאָנאַלע רעכט. די איבערוועגנדיקע מיינונג אין זשורנאַל „צוקונפט" שטיצט דעם „בונד". מע פילט אָבער, אַז פאַר דער היגער סביבה איז די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע רעכט אַן איינרייס מיט דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט.

אין אַזאַ סביבה פון אומבאַשטימטקייט און ספקות וועגן דער יידישער צוקונפט איז ניט מעגלעך געווען עס זאָל אויפקומען אין דער אַרבעטער־סביבה אַ ריכטונג, וואָס זאָל קעמפן פאַר אַ נייער, אָדער זיך אינטערעסירן מיט דער אַלטער יידישער דערציאונג. עס איז געווען נייטיק, אַז אין דער יידישער אַרבעטער־סביבה גופא זאָל זיך אַ סך בייטן, — און די ענדערונג האָט בשום אופן ניט געקאָנט קומען פון דרויסן.

*

אין יידישן לעבן האָט סוף 19טן י"ה געגומען ווירקן אַ נייער אידעאָי־שער כוח. דאָס איז געווען — צוזאַמען מיטן אויפקום פון דער נאַציאָ־נאַלער און סאָציאַלער באַוועגונג אין מזרח־אייראָפּע — אויך אַ בעסערע פאַרשטענדעניש פאַר דעם יידישן אַמאָל, פאַר דער יידישער געשיכטע. דער עלעמענט, וואָס האָט אייגנטלעך געפעלט צו קאָנען געפינען אַ זכות הקיום אויך פאַר יידן, איז געווען די פאַרשטענדעניש פאַר דער היסטאָ־רישער פאַרגאַנגענהייט ווי אַ כוח אין לעבן פון פאָלק. שמעון דובנאָוו האָט

דעם דאָזיקן כוח אַרויסגעשטעלט אין זיינע „בריוו וועגן אַלטן און נייעם יידנטום" (1897—1902). לגבי לאַנד, ווי דעם איינציקן גורם פון נאַציאָנאַ־ליטעט, האָט ער אַרויסגעשטעלט געשיכטע, לגבי מדינה — אויטאָנאָמיזם (די יידישע געמיינדע), לגבי די עקאָנאָמישע פאַקטאָרן — אויך די גייסטיקע כוחות אין לעבן פון פאָלק.

ניט אומזיסט האָבן די קעמפער פאַר אַ יידיש־נאַציאָנאַלן קיום אין די פאַראייניקטע שטאַטן געקאָנט אין איין צייט זיין דער סאָציאַליסט, טעריטאָריאַליסט און קריטיקער פון מאַרקסיזם, ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, דער היסטאָריש אָריענטירטער דיכטער פון יידישער מאַרטירערשאַפט — דער בונדיסט אברהם ליעסין, און דער פועלי־ציוניסט־יידישיסט יואל ענטין. אָנגעהויבן מיט אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע אידעען, האָבן זיי געמוזט קומען אויך צום יידישן קיום דורך יידישער דערציאונג. דער כאַראַקטער פון דער צייט האָט אָבער געפאָדערט, אַז נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעען זאָלן זיין געפּאָרט. אָן דער דאָזיקער אידעען־פאַרבינדונג האָט מען אין דעם „יידישן קוואַרטאַל" ניט געקאָנט קומען מיטן ענין יידישע דערציאונג.

דער אויפקום פון נאַציאָנאַלע אידעען אין יידישן „אַרבעטער־קוואַרטאַל"

די ערשנדיקע אידעאָלאָגיע אין דעם יידישן „אַרבעטער־קוואַרטאַל" אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז בשום אופן ניט געווען אַזאַ, וואָס האָט געקאָנט העלפן פאַרשטיין דעם ווערט פון נאַציאָנאַלער קולטור און אייגנ־אַרטיקייט. בכל האָט מען ניט געזען קיין שום קולטור־צוקונפט פאַר יידן דאָ אין לאַנד.

עס איז דעריבער גאָר קיין חידוש ניט, וואָס נאָך דעם אָנהייב פון דער גרויסער מאַסן־איינוואַנדערונג אין די 80ער יאָרן פון לעצטן י"ה האָט געמוזט אַוועקגיין עטלעכע צענדליק יאָר, ביז עס האָבן זיך גענומען ווייזן די ערשטע שוואַלבן פון נאַציאָנאַלע און „קומיסטישע" אידעען.

די נייע אידעען האָבן זיך געלאָזט הערן ניט אין די הויפּט־סעקטאָרן פון אַרבעטער־לעבן, אויך ניט אין דער יידישער אַרבעטער־פּרעסע, וואָס איז געווען קאָסמאָפּאָליטיש געשטימט, נאָר אין חודש־זשורנאַלן און

אַנדערע שריפטן, וואָס זיינען אין ערשטן יאָרצענדליק פון הייַנטיקן י״ה געווען דער אויסדרוק פון מינאָריטעט־גרופּעס — ווי די ס״ט (סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן), די פּועלי־ציון און דער „בונד״. דער וויכטיקסטער פאַקטאָר איז אָבער געווען די נייע אימיגראַציע, דער נייער מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס די אימיגראַציע האָט געבראַכט.

עס האָט געדויערט עטלעכע יאָר, און זייערע סענטימענטן האָבן געפונען אַן אויסדרוק אין דער עפנטלעכקייט און טאַקע דורך מענטשן, וועמען זיי האָבן נאָך אין דער אַלטער היים באַטראַכט ווי זייערע פירערס: אברהם ליעסין, ב. צביון... עס האָבן אויך געווירקט נייע מענטשן ווי יואל ענטין, לעאָן עלבע, חיים ליבערמאַן. דעם סאַמע אויבנאָן האָט אָבער פאַרנומען ד״ר חיים זשיטלאָווסקי. אין 1904 איז ד״ר חיים זשיטלאָווסקי געקומען קיין אַמעריקע און במשך פון צוויי יאָר איז ער אַרומגעפאָרן איבער די פאַראייניקטע שטאַטן מיט רעפעראַטן וועגן „ייד און מענטש״ און „די צוקונפט פון די פעלקער אין אַמעריקע״.

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי האָט אין דער אידעאישער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שול געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. די ערשטע לערערס און קעמפערס פאַר דער יידישער שול האָבן אים באַטראַכט פאַרן מדריך און וועגווייזער. זיין השפּעה האָט זיך געשפּירט ניט נאָר אין דער ליטעראַטור, נאָר אויך אין פערזענלעכן קאָנטאַקט מיט מענטשן.

נאָך אין 1885 האָט ד״ר זשיטלאָווסקי זיך געווענדט צו דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״ (פאָלקס־פרייהייט) וועגן אָנערקענען אַ יידישע רעוואָלוציאָנערע אָפּטיילונג — „תשועת ישראל״. ער האָט צווישן אַנדערע פאָדערונגען אַרויסגעשטעלט די וויטערדיקע דריי: א) דאָס יידישע פאָלק זאָל אָנערקענט ווערן ווי אַ באַזונדער נאַציאָנאַל־קולטורעלער קאָלעקטיוו, ב) די יידישע שפּראַך זאָל אָנערקענט ווערן ווי אַ נאַציאָנאַלע יידישע שפּראַך און ג) די יידישע קולטור — ווי די אַלוועלטלעכע גייסטיק־נאַציאָנאַלע היים פאַר אַלע יידן אין אַלע לענדער.

אין יאָר 1909 האָט ד״ר זשיטלאָווסקי פאַרעפנטלעכט זיינע אַרבעטן וועגן „דער נאַציאָנאַל־פּאָעטישער ווידערגעבורט פון דער יידישער רעליגיע״, וואו ער רעדט וועגן מנהגים און פאָלקס־פירונגען, ווי אַ נאַציאָנאַלן שוץ־פאַנצער פון אונדזער ווייטערדיקן קיום. בעיקר האָט געווירקט די שאַרפע פאָרמולירונג פון זיין עסיי „ייד און מענטש״, וואָס האָט לגבי דעם

זאָג פון דער השכלה־תקופה „זײ אַ ייד אין דער היים און אַ מענטש אין גאַס״ דעם ענין אַזױ פאָרמולירט: „װאָס מער ייד, אַלץ מער מענטש, װאָס מער מענטש, אַלץ מער ייד!״.

*

די יאָרן 1909—1911 זײַנען געװען יאָרן פון אַנטשיידונגען און אַנט־װיקלונגען, ניט נאָר גײַסטיק, נאָר אױך עקאָנאָמיש און געזעלשאַפטלעך. דאָס זײַנען געװען די יאָרן פון דעם ערשטן פּרוּװ צו שאַפן אַ יידישע קהילה אין ניו־יאָרק, יאָרן פון גרױסע שטרײַקן אין די נאָדל־פּאַכן, יאָרן פון אַ מער אױפגעװאַכטן נאַציאָנאַלן באַװאוסטזײַן סײַ מעבר לים, סײַ אין די פאַראײניקטע שטאַטן. די רדיפות אױף יידן אין רוסלאַנד האָבן איבער־געלאָזט אַ שטאַרקן רושם אױף די אײַנגעװאַנדערטע יידן אין אַמעריקע. עס איז אױך פאָרגעקומען אַ געװיסע פּסיכאָלאָגישע דערנענטערונג צװישן די פאַרשיידענע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

װי שטאַרק די אינערלעכע און שעפערישע כּוחות פון יידישן פאָלק זײַנען געװען, קאָן מען זען פון דעם װי פּראָדוקטיװ די יידישע ליטעראַטור איז געװען אין יאָר 1910 סײַ אין די פאַראײניקטע שטאַטן, סײַ אין רוס־לאַנד און פּױלן. דער „חג האסיף״ פון דער יידישער ליטעראַטור, — אַזױ כאַראַקטעריזירט אַ מיטצײַטלער די פּלוצעמדיקע שפע אין דער יידישער ליטעראַטור. דערבײַ איז װיכטיק דאָס באַװאוסטזײַן פון אױפטו, דאָס געפיל, אַז מע לעבט איבער אַ קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן באַרג־אַרױף, װאָרעם נאָר אַזאַ געפיל פון אָפּטימיזם שטױסט צו אונטערנעמען נײַע שעפערישע אַקטן, אין דעם פאַל דעם אױפבױ פון דער נײַער יידישער שול.

די דאָזיקע שפע פון יידישער ליטעראַטור און פון דער װעלט־ליטע־ראַטור אױף יידיש האָט געשאַפן דאָס געפיל פון אַ נײַער גײַסטיקער היים, װאָס דער מאָדערנער ייד האָט זיך אױסגעבױט אין יידיש. עס איז בשום אופן ניט געװען קײן געטאָ־לעבן, ניט פיזיש און ניט גײַסטיק. יידיש האָט געשאַפן די גײַסטיקע סביבה פאַר אַ װעלט־קולטור, װאָס איז אינטים פאַרבונדן מיט אַלע נײַע און אַלטע שטרעבונגען אין מענטשלעכן שאַפן. נאָר דאָס געפיל פון דער דאָזיקער נײַער סביבה, װאָס װי צעטײלט פּאָליטיש און טעריטאָריעל זי איז ניט געװען, איז זי גלײַכצײַטיק דאָך

געווען געבונדן, האָט געקאָנט געבוירן סיי די אידעאָלאָגיעס פון וועלט־פאָלק, סיי פון פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם און יידישיזם.

די פאָלקסטימלעכע ציוניסטן, סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן און נאַציאָנאַל געשטימטע בונדיסטן זיינען די ערשטע בויער פון דער נייער יידישער שול אין די פ״ש. אין די קרייזן פון די פאָלקס־ציוניסטן האָט מען געקאָנט אַפילו הערן אַ גוט וואָרט פאַרן גלות.

אין יענער צייט מערקט מען אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַ מערק־ווירדיקן נאַציאָנאַליזירנדיקן פּראָצעס. דער סאָציאַליסטיער שרייבער מאָריס ווינטשעווסקי האָט אין זיין העברעאישער בראָשור „יהי אור״ (1885) פאַרצייכנט זיין סאָציאַלן אַני מאַמין, 27 יאָר שפּעטער, אין 1911, פאַר־עפנטלעכט ער זיין נאַציאָנאַלן אַני מאַמין. דעם נאַציאָנאַלן אַני מאַמין שרייבט ער דווקא אין די פאַראייניקטע שטאַטן (אין זשורנאַל „דאָס נייע לעבן״, פעבר׳ 1911).

לויט ווינטשעווסקיס נייעם אַני מאַמין מעג דער ייד האָבן זיין לשון, זיין לאַנד און זיין גלויבן. ער איז דערצו באַרעכטיקט ווי יעדער אַנדער נאַציע. ער גייט נאָך ווייטער: אויב אין אַ סאָציאַליסטישער און פאַרברי־דערטער מענטשהייט וועט פאַרט זיין אָרט פאַר דער פרייער אַנטוויקלונג פון באַזונדערע נאַציעס נאָך זייער אייגנאַרט נאָך, נאָך זייער געשיכטלעכער טראַדיציע, „וועט דאַן דער ייד אָן מי צוריקבאַקומען זיינע אייגענע ד׳ אמות, זיין ווינקעלע אויף דער ערד, וואו ער וועט קאָנען פירן זיין אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן״.

די באַציאונג צו יידיש און דער פּרעסטיזש פון יידיש

די באַציאונג צו יידיש, צו דער יידישער שפּראַך, האָט אין אַלע דיס־קוסיעס געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. כדי יידיש זאָל ווערן אין דער נייער שול די לימודים־שפּראַך, איז נייטיק געווען, מע זאָל אין דער שפּראַך דערזען אַ וויכטיקן סאָציאַלן כוח, אַ גרויסע נאַציאָנאַלע קראַפט. פאַר יידיש האָט מען געמוזט זען אַ צוקונפט. יידיש האָט, אַגב, אויך געמוזט קריגן מער פּרעסטיזש. ס׳האָט פון „זשאַרגאָן״ געדאַרפט ווערן יידיש, „אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך״, ווי די טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ פון 1908 האָט זי אָנגערופן, אויב ניט „די נאַציאָנאַלע שפּראַך״, ווי אירע

הייסע חסידים האָבן זי געוואָלט באַצייכענען (אברהם רייזען, אסתר פרומקין א״אַנד).

די באַציאונג צו יידיש האָט זיך פון זינט דער השכלה גענומען בייטן צוליב עטלעכע טעמים מחמת:

א) דער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און דעם פּרעסטיזש, וואָס זי האָט דערוואָרבן.

ב) דעם פּאָליטישן קאַמף, וואָס עס האָט אויפגעהויבן די אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד און פּוילן, פאַר דער חשיבות פון יידיש ווי די שפּראַך פון פאָלק.

ג) דעם וואוקס פון דער יידישער פּרעסע, סיי אַרבעטערישער, סיי בירגערלעך־ציוניסטישער. דער „מיטל״, וואָס יידיש איז אין אָנהייב געווען, כדי צו דערגרייכן דאָס פאָלק, ווערט מער ווי אַ מיטל. ער ווערט אַליין אַ וויכטיקער קולטור־ און נאַציאָנאַלער פאַקטאָר

ד) דעם קאַמף פון פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם אָדער „יידישיזם״, וואָס האָט געשאַפן אַן אידעאָלאָגיע פאַר יידיש, — יידיש ווי אַ כוח פון נאַציאָנאַלן אויפהאַלט און קיום.

ה) דער אייגנטימלעכער שייכות פון דעם שאַפער צו דעם אינסטרו־מענט פון זיין שאַפן. קוים איז די יידישע ליטעראַטור אַרויס פון די השכלה־ווינקלעך, האָט זי ביים אמתן קינסטלער, ווי נאָר ער איז געוואָרן אויס דאָקטרינער, געמוזט בייטן די באַציאונג צו יידיש.

דער אמת איז, אַז אַנדערש האָט עס נישט געקאָנט זיין. אָנהייבן שרייבן אויף יידיש, דערציילט שמואל ניגער אין 1911, האָט מען געקאָנט אויך צוליב סאָציאַל־עטישע מאָטיוון, עס הייסט צוליב אויפקלערן דאָס פאָלק, אים שטעלן אויף אַ מעמד, קעמפן פאַר זיינע רעכט. פאַר זיך האָט מען איבערגעלאָזט די הייליקע שפּראַך אָדער די שפּראַך פון לאַנד — די מחיצה איז באַלד צעשטערט געוואָרן, סיי צוליב דער פּסיכאָלאָגישער שייכות פון שאַפער און דעם אינסטרומענט פון זיין שאַפן, סיי אויך צוליב אַ געוויסן שולד־געפיל... מענדעלע איז נאָר געווען דער ערשטער, אוודאי נישט דער איינציקער, וואָס האָט באַוויזן, אַז יידיש איז ניט עפּעס פרעמדס, נאָר טאַקע אייגנס, אַ ירושה פון פיל דורות. „אין האַרצן האָבן עס געפילט אפשר אויך אַנדערע, חוץ אים. וועלכער איידעלער מענטש,

אייגנטלעך, איז אין שטאַנד זיך אָפּצוקערן, ווי אַ פרעמדער פון זיין מאַמעס און זיין קינדהייט־שפּראַך... אפשר האָבן עס געפילט אויך אַנדערע, אַחוץ מענדעלען, זיי האָבן זיך אָבער געשעמט מודה צו זיין... מענדעלע מוכר ספרים האָט זיך מודה געווען" (ש. ניגער, „צוקונפט", פעבר' 1911).

אין די פּאַראייניקטע שטאַטן האָבן זיך גאָר אַ סך אין דעם מודה געווען. אמת, זיי זיינען געווען אַ מינאָריטעט, אָבער זייער אַ באַוואוסטזיניקע און אַן אַרטיקולירטע מינדערהייט. די דאָזיקע מינאָריטעט, צוזאַמען מיט פיל אַנדערע מינאָריטעטן, האָבן צווישן 1910—1918 געבויט די ערשטע יידישע שולן.

פיר פעריאָדן אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שול

די אַנטוויקלונג פון דער יידישער שול אין די פּאַראייניקטע שטאַטן קאָן מען איינטיילן, צום ווינציקסטנס, אין פיר פעריאָדן:

א) דער ערשטער פעריאָד — דאָס אויפקומען פון די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן אין 1910. די גרינדער פון די שולן זיינען געווען די פּועלי־ציון. פּאַקטיש האָט אייגנטלעך דער 5טער צוזאַמענפאָר פון די פּועלי־ציון אין מאָנטרעאל (אָקטאָבער 1910) באַשלאָסן צו גרינדן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע דעם נייעם טיפּ יידישע שולן. די טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ (1908) און אירע באַשלוסן האָבן אין קאַמף פאַר דער יידישער שול געהאַט אַ באַשטימטע באַדייטונג. די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן, אַז צווישן די צילן פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס זי האָט געזאָלט שאַפן, זאָל אויך זיין אַ פּונקט „צו גרינדן און צו שטיצן יידישע מוסטער־שולן, בייהילפיק זיין אין אַרויסגעבן לערנביכער".

די באַוועגונג איז אין אָנהייב געווען אַ מערקווירדיקער געמיש פון ראָמאַנטיזם, נאַציאָנאַלע שטרעבונגען, געפּאָרט מיט אידעען פון אַ טיפן סאָציאַל־עטישן באַוואוסטזיין. אויך יידישער „טראַדיציאָנאַליזם" איז אין דער ערשטער תקופה פון דער נייער יידישער שול געווען אַ דורכאויס אָנזעעוודיקער פאַקטאָר.

אין זיינע עסייען „טויט און ווידערגעבורט פון געטער און רעליגיעס" (1909) און „וועגן דער נאַציאָנאַל־פּאָעטישער ווידערגעבורט פון דער

יידישער רעליגיע" (1911) ברענגט ד"ר זשיטלאָווסקי אַ גאַנצן סכום קאָנקרעטע פירונגען פון יידישן לעבנס־שטייגער און צערעמאָניאַל, וואָס אויך דער מאָדערנער ייד דאַרף מקיים זיין, כדי ער זאָל זיך אויסלעבן און זיך פילן יידישלעך צוזאַמען מיט דעם כלל ישראל.

אין די שולן האָט מען געלערנט יידישע טראַדיציע, יידישע ליטע־ראַטור, יידישע מנהגים און טראַדיציע. יידיש איז געווען די לערנשפּראַך, אָבער העברעאיש האָט מען איינגעפירט פון דריטן יאָר.

ב) דער צווייטער פּעריאָד אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שול אין די פאַראייניקטע שטאַטן הייבט זיך אָן מיט דער אַנטשטייאונג פון די שלום־עליכם־שולן (1913—1916) און דעם שלום־עליכם פאָלק־אינסטיטוט.

דער אויפקום פון די נייע שולן שטעלט מיט זיך פאָר אַן אַקט פון עמאַנציפּאַציע. אונטער דער ווירקונג פון דער אייראָפּעאישער און אַמע־ריקאַנער פּעדאַגאָגיק שטעלט די יידישע שול די אייגנטלעכע דערציע־רישע אויפגאַבעס אין סאַמע צענטער. די שול זוכט צו באַרעכטיקן איר אָרט אין יידישן לעבן דורך אייגענע דערציערישע כוונות. דאָס יידישע קינד און זיין באַדערפעניש אויפצוואַקסן אין אַ יידישער סביבה, די פרייע אַנטוויקלונג פון קינד, זיינען די אמתע נויטן, מיט וועלכע מע דאַרף מאָטיווירן אַ מאָדערנע יידישע דערציאונג. אויך די שלום־עליכם־שולן זיינען געווען נאַציאָנאַל און סאָציאַל באַוואוסטזיניק. זיי האָבן אָבער געזוכט אַרויסצונעמען די דערציאונג פון די איינפלוסן פון צייט־אידעאָלאָגיעס און פּאָליטישע ריכטונגען. דער באַטייט פון דער דאָזיקער נייער אָריענטאַציע איז באַשטאַנען אין איר אַלגעמיינער אויסווירקונג אויף די פאַרשיידענע אַנדערע טיפּן יידישע שולן, ניט נאָר אין דער צאָל לערן־אַנשטאַלטן, וואָס דער שלום־עליכם אינסטיטוט האָט אַליין באַשאַפן.

ג) דער דריטער פּעריאָד הייבט זיך אָן מיט דער אַנטשטייאונג פון די אַרבעטער־רינג־שולן (1918), איצט י. ל. פּרץ־שולן. די יידישע שול נעמט ווערן אַ מאַסן־באַוועגונג און נעמט זיך פאַרשפּרייטן אין צענדלי־קער שטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. זי טרעט אָפן אַרויס און זוכט באַווירקן די מאַסן־סביבה, וואו צענדליקער יאָרן האָבן גע־הערשט די אידעען פון קאָסמאָפּאָליטיזם און נאַציאָנאַלער פאַרלייקענונג. זי מוז פירן דעם שווערסטן קאַמף אַריבערצופלאַנצן אין אַ סביבה פון

אינדיפערענטיזם און קולטורעלער אַסימילאַציע די אידעען פון נאַציאָ־נאַלער קולטור און המשך, וואָס זיינען שוין געווען גילטיק ביי דער יידישער אַרבעטערשאַפט פון פוילן און מזרח־אייראָפּע בכלל.

ניט אַלץ פון אידעאישן פאַרמעגן, וואָס האָט געפירט צום אויפקום פון דער נאַציאָנאַלער יידישער שול איז אויפגעהיט געוואָרן. עס האָט זיך געביטן דער באַלאַנס פון טייל עיקרים אין דער אַלגעמיינער סכעמע. עס האָבן געוואונען אין באַטייט די סאָציאַל־עטישע עלעמענטן פון וועלט־באַנעם, די פאָלקסטימלעכע, עס האָבן פאַרלאָרן אין זייער אַקצענטירונג די טראַדיציאָנעל־היסטאָרישע מאָטיוון. אוודאי איז דער נאַציאָנאַל־פּאָעטי־שער אופן פון אינטערפּרעטירן די יידישע אמונה און די יידישע יום־טובים געבליבן אַ קנין נאָר פון יחידי־סגולה. עס האָט געדאַרפט אַוועק אַ פערטל י״ה, אַז די סענטימענטן פון נאַציאָנאַל־פּאָעטישן ווידערגעבורט פון רעלי־גיעזע אידעען זאָלן אַליין ווידערגעבוירן ווערן.

אין קאַמף קעגן קאָספּמאָפּאָליטיזם, כלומרשטדיקן אינטערנאַציאָנאַ־ליזם און פאַרלייקענונג פון היסטאָרישע טראַדיציעס האָט די יידישע שול אין געוויסע יאָרן פון איר אַנטוויקלונג אַליין אָנגענומען עלעמענטן און דעם קאָלאָריט פון דער סביבה. די טבע פון אַ קאָנפליקט, אויך פון אַ גייסטיקן, איז אָפט מאָל, אַז ווען מע ראַנגלט זיך מיט אידעאישע קעגנער, נעמט מען עפּעס איבער פון זיין שטייגער און פון זיין לעבנס־קוק.

די מיטן־צוואַנציקער יאָרן און שפּעטער די יאָרן פון עקאָנאָמישער דעפּרעסיע פאַרשאַרפן בכלל די סאָציאַלע אָריענטירונג פון אַלע יידישע שולן. ווי אַ פאָלקס־באַוועגונג שפּיגלט זי אָפּ אַלע ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין אַמעריקאַנער יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

די נייע יידישע שול וואָלט געקאָנט אַ סך אויפטאָן פאַרן יידישן חינוך אין די פאַראייניקטע שטאַטן דורך אַריינציען צענדליקער טויזנטער נייע יידישע קינדער און יוגנטלעכע, ווען נישט די אומגעריכטע קעגנער־שאַפט, וואָס האָט זי באַגעגנט פון אָנהייב אָן (זי האָט אין איין צייט דערגרייכט די צאָל פון 20 טויזנט תלמידים). גראָד דערפאַר, ווייל די שול האָט געקאָנט ווירקן אין קרייזן פון דער יידישער געזעלשאַפט, וואו קיין שום רעליגיעזע ריכטונג — אָרטאָדאָקסישע, קאָנסערוואַטיווע אָדער רעפאָרמער — וואָלט נישט דערלאַנגט, האָט זי געקאָנט אָפּראַטעווען צענדליקער טויזנטער קינדער פאַרן יידישן לעבן און פאַרן נאַציאָנאַלן

המשך. די נייע שול איז אָבער מיסרעפּרעזענטירט געוואָרן אויף אַ גראָ־טעסקן אופן.

צום ווייטיקדיקסטן פאַר די לערער און שול־טוער איז געווען די קאַלטקייט און אַפּטע פיינדלעכקייט אין דער אייגענער סביבה, בעיקר אין דער אַרבעטער־פּרעסע; ביטערקייט האָט אויך אַרויסגערופן דער פּראַקציאָנעלער קאַמף (צעטיילונג אויף „רעכט" און „לינק"). אַ ווייטיק־דיקער אויסגעשריי קעגן צעשפּליטערונג און דער פיינדלעכקייט פון דער סביבה רייסט זיך אָפּט מאָל אַרויס פון איינציקע לערערס.

מיר ברענגען דעם ווייטערדיקן אויסצוג וואָס שטאַמט פון אָנהייב דרייסיקער יאָרן, ווי אַ כאַראַקטעריסטישן „פּערזענלעכן דאָקומענט" פון יענער צייט.

„די אייביקע שוואַרץ־זעער — זיי קוקן צו און קוועלן, וואָרעם זיי זעען אין אַלץ פונאַנדערפאַל, אונטערגאַנג, סוף. און דאָס געפעלט זיי. און געקאָנט האָט אונדזער שול ווערן דאָס, וואָס זי דאַרף זיין: די מאָדערנע דערציערין פון דעם יידישן דור. זי וואָלט געקאָנט פאַרבינדן דאָס היינ־טיקע לעבן מיטן לעבן פון אונדזערע פאַרגאַנגענע דורות, כולל זיין דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט פון אַלע צייטן יידיש לעבן... אַ קאַפּיטל פון די נביאים מיט אַ ליד פון אַ מאָדערנעם דיכטער; אַן אגדה מיט אַ מאָדערנער דערציילונג; דאָס לעבן פון דער אונטער־דריקטער מאַסע פון אַמאָל מיט דעם לעבן פון אונדזער היינטיקער אַרבע־טער־מאַסע; אַ נביא־קעמפער מיט אַ היינטיקן אַרבעטער־קעמפער; יידיש פאָלקס־לעבן מיט יידיש וויסן" (נפתלי גראָס, „צוקונפט", נאָוו׳ 1931).

ד) דער פערטער פעריאָד הייבט זיך אָן אין אָנהייב דרייסיקער יאָרן, ווידער אַ מער אויסגעשפּראָכענע און רייפע נאַציאָנאַלע שטימונג. זי וואַקסט אַרויס פון דער אינעווייניקסטער פּעדאַגאָגישער טעטיקייט פון דער שול גופא. עס איז אַ פּראָצעס פון רייף ווערן, וואָס שטאַמט פון דער ווייטער־דיקער עמאַנציפּאַציע פון דער יידישער שול ווי אַ דערציאונגס־אַנשטאַלט.

שוין אין אָנהייב דרייסיקער יאָרן הייבט מען אָן צו הערן די ערשטע מאָנונגען, אַז די יידיש־וועלטלעכע סביבה זאָל רעווידירן איר שטעלונג צו אַ טייל פּראָבלעמען, אַז זי זאָל „אויף אַ פּולבלוטיקן אופן פאַריידישן איר וועלטלעכקייט, פּונקט אַזוי, ווי זי וויל פאַרוועלטלעכן איר יידיש־קייט" (לייבוש לעהרער, „צוקונפט", אַפּריל 1931).

די איבערראַשונג פון ווערטן ווערט אַזוי פאָרמולירט: „צו העלפן אין דעם פּראָצעס פון פאַרוועלטלעכן דאָס יידישע לעבן איז אַ גרויסע נאַציאָנאַלע אויפגאַבע... דאָס קאָן אָבער בלויז געטאָן ווערן מיט אַ וואַרעם געפיל פאַר די שיינקייטן, וואָס זיינען געווען, מיט אַ טיפן דרך־ארץ פאַר די געדאַנקען, וואָס האָבן אין זייער צייט אונדז געגעבן טרייסט און האָפע־נונג, מיט אַ ברענענדיקער ליידנשאַפט איבערצונעמען וואָס מער און וואָס געטרייער אַלץ, וואָס גייט נישט להיפוך צו אַ מאָדערן וועלטלעך לעבן. וואָס וויניקער צו פאַרוואַרפן און וואָס מער צו מאָדיפיצירן. דאָרטן, וואו עס לאָזט זיך, צו באַפעסטיקן אין זיך דעם באַוואוסטזיין פון דער קאָנטי־נואיטעט פון יידישן פאָלק. אויסלעבן זיך און געבן אַ מעגלעכקייט אונדזערע קינדער זיך אויסצולעבן אין דער מאָראַל, אין דער עטיק פון אונדזער טראַגישן גורל צווישן די פעלקער" (ל. לעהרער, "צוקונפט", אַפּריל 1931).

די וויטערדיקע יאָרן פון דער יידישער שול זיינען באמת געווען יאָרן פון „וואָס וויניקער צו פאַרוואַרפן און וואָס מער צו מאָדיפיצירן און אויפהיטן פון אונדזער אַלטן נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן קולטור־פאַרמעגן".

נייע טענדענצן

די שפּעטע 30ער יאָרן און דער אָנהייב פון די 40ער פון הייַנטיקן י"ה האָבן געפירט צו אַן איבערברוך און צו אידעאָלאָגישע ענדערונגען כמעט אין אַלע ריכטונגען פון יידישער דערציאונג. דאָס אָנקומען פון פאַשיזם, די באַגרענעצונגען פון יידישע רעכט, די גזרות אויף יידן און שפּעטער דער אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן ממש דערשיטערט דאָס גייסטיקע לעבן פון די אַמעריקאַנער יידן. לכתחילה האָבן זיך אויף דער קאַטאַסטראָפע אָפּגערופן נאָר איינציקע שטימען, שפּעטער מינאָריטעטן, לסוף האָט מען געקאָנט מערקן ענדערונגען אינעם גאַנצן גייסטיקן קלימאַט פון אינטעלעקטועלן לעבן פונעם אַמעריקאַנער יידנטום. די פאַרשיידענע טענדענצן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן, קאָן מען כאַראַקטעריזירן אויפן ווייטערדיקן אופן:

א) אַ געוויסע אַנטוישונג אין די הבטחות פון עמאַנציפּאַציע און פון בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג. עס קומען אויף ספקות, צי איז יידן באַשערט אַ רואיקע מערכה צווישן די פעלקער פון דער וועלט. עס אַנט־

שטייט אַן אומגלויבן, און עס קומען אויף ספקות בנוגע די גרונט־טענדענצן, וואָס האָבן כאַראַקטעריזירט די אידעאישע ריכטונגען ביי יידן פון זינט דעם 19טן י״ה. מער ווי 150 יאָר איז געווען גילטיק דער גלויבן, אַז מיט דער פאַרשפּרייטונג פון דעמאָקראַטיע און מיט דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג וועלן אַלע גרונט־פּראָבלעמען פון יידישן קיום זיין פאַרענטפערט. דער דאָזיקער גלויבן האָט זיך גענומען וואַקלען.

ב) עס קומט אויף אינעם יידישן לעבן אַ נייגונג צו טראַדיציע און טראַדיציאָנאַליזם. עס ווייזט זיך אַ באַגער צו זוכן גייסטיקע שטאַרקונג אין דער יידישער געשיכטע און אין דער גורל־פאַרבונדנקייט מיט די פאַרגאַנגענע יידישע דורות און תקופות. עס קומען אויף שטימונגען פון „תשובה״ און נייגונגען צו רעליגיעזער פאַרטיפונג. דער ענין „וועלטלעכקייט״ באַקומט אַן אַנדער אויסטייטשונג.

ג) די קריטישע תקופה פירט ווידער צו דער דערנענטערונג פון פאַרשיידענע גרופּעס און סאָציאַלע שיכטן אינעם יידישן לעבן. עס קומט פאָר אַ קעגנזייטיקע השפעה און אַן אידעאישע דערנענטערונג.

ד) בכלל פירט דאָס אַלץ צו דעם, אַז די נאַציאָנאַלע שטימונגען אין יידישן אַמעריקאַנער לעבן זאָלן ווערן שטאַרקער, און די שטימונגען פון סאָציאַלן פּראָטעסט און רעוואָלט זאָלן ווערן אָפּגעשוואַכט.

אין וואָס דריקט זיך אויס די השפעה דירעקט אויפן יידישן חינוך?

א) עס האָבן זיך באַוויזן אין אַלע שול־ריכטונגען, רעליגיעזע און וועלטלעך־נאַציאָנאַלע, טענדענצן צו פאַרשטאַרקן דעם יידישן תוכן פון דער שול און די דערציאונגס־טעטיקייט בכלל.

עס איז אויפגעקומען אַ נייער מין געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונג אין דער פאָרם פון אַ מין אַליינפאַרשונג (self-study) פון די רעסורסן, וואָס די געמיינדע פאַרמאָגט אויפן געביט פון דערציאונג, פאַרוויילונג, קולטורעלער טעטיקייט אד״גל. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט גערופן צו ווידמען זיך דעם ענין יידישע דערציאונג. די מזרחי־אָרגאַניזאַציע האָט געגרינדעט אַ ספּעציעלן נאַציאָנאַלן דערציאונגס־ראַט, וואָס האָט זיך געשטעלט אַ טאָפּלטן ציל: 1) צו פאַרשפּרייטן צווישן דער יוגנט די אידעאַלן פון טראַדיציאָנעלן יידנטום, 2) צו לערנען ציוניזם ווי אַ טייל פון דער דערציאונגס־פּראָגראַם.

מיט דער גרינדונג פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס (סעפּ־טעמבער 1948) איז צוגעקומען אַ נייער וויכטיקער כוח צו סטימולירן יידישע שעפערישקייט און אינטערעס פאַר יידישער דערציאונג.

„דער וועלט־קאָנגרעס פאַר יידישער קולטור״, ווערט געזאָגט אין דער ערשטער דעקלאַראַציע פון דער אינסטיטוציע: „ווערט געשאַפן, כדי אַרויסצורופן אַ באַוועגונג, וואָס זאָל וועקן אין יעדן ייד זיין מענטשלעכן און נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, וואָס זאָל שאַפן גינסטיקע באַדינגונגען פאַר אונדזערע שעפערישע כוחות און באַפעסטיקן די געזעלשאַפטלעכע פּאָזי־ציעס פון אונדזער קולטור״.

אין פעברואַר 1949 איז געשאַפן געוואָרן דער וועלט־צענטער פאַר דער יידישער שול, וואָס האָט אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע אַרומגענומען די שולן פון אַרבעטער־רינג, יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און שלום־עליכם־פאָלקס־אינסטיטוט.

ב) עס נעמט זיך בולטער באַווייזן דער פּראָצעס פון אַמעריקאַניזאַציע פון דער יידישער שול. נישט אומעטום האָט ער, פאַרשטייט זיך, געקענט טראָגן דעם זעלבן כאַראַקטער (זען: דערצ׳ ענציקל׳, ב׳ 1).

ג) אַ וויכטיקע סאָציאַלע דערשיינונג, וואָס האָט שטאַרק באַווירקט דעם קוק אויף דער יידישער דערציאונג און האָט אויך משפּיע געווען אויף דעם כאַראַקטער פון די לערן־מעטאָדן, איז געווען די איבערשיכטונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער יידישער באַפעלקערונג: די הי־געבוירענע יידן און זייערע קינדער האָבן אין די פערציקער יאָרן גענומען אויס־מאַכן אַ גרעסערן פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, ווי די פרעמד־געבוירענע, וואָס זיינען געקומען פון דער אַלטער היים. איינהייטן פאַר דער שול דאָס נייע קינד איז געוואָרן שווערער ווי פריער. אויך איז די נייע עלטערנשאַפט בשום־אופן ניט געווען צעטיילט אויף די זעלבע אי־דעאָלאָגישע גרופּירונגען, ווי דער פריערדיקער אימיגראַנטישער דור. אין דער יידישער שול האָבן די יונגע עלטערן איבערהויפּט געזוכט נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע מאָמענטן, זיי האָבן קודם־כל געוואָלט ביי זייערע קינדער פאַרפלאַנצן אַ געפיל פון אידענטיפיצירן זיך מיטן יידישן פאָלק. די פּראָבלעם איז געוואָרן שווערער ביי יענע ריכטונגען, וואָס שפּראַך איז ביי זיי געשטאַנען אין צענטער פון דעם קוריקולום — צי איז דאָס יידיש, צי העברעאיש.

די וועלטלעך־נאַציאָנאַלע שולן

אין די יידיש־וועלטלעכע שולן האָט סיי די קאַטאַסטראָפע, וואָס דער פאַשיזם האָט געבראַכט אויף דער וועלט, סיי די אַנטוויקלונגען אין דעם אַמעריקאַנער יידישן לעבן גופא, געפירט צו אַ פאַרשטאַרקונג פון די נאַציאָנאַלע עלעמענטן און צו אַ מער פאַרטיפטן באַגריף פון יידישקייט, צו אַ באַגער אויפצולעבן אויף אַ נאַציאָנאַל־פּאָעטישן אופן יידישע יום־טובים, יידישע מנהגים און צערעמאָניאַל. עס איז אויך קאָנטיקער געוואָרן סיי דער קוק אויף יידן ווי אויף אַ וועלט־פאָלק, סיי אַ טיפערע פאַרבונדנ־קייט מיט דער ניי־אויפגעקומענער יידישער מדינה. עטלעכע גרונט־אידעען האָבן גענומען באַקומען די איבערהאַנט, וואָס שייך סענטימענטן און שטימונגען אין די פאָלקסטימלעכע און אַרבעטער־קרייזן פון יידישן אַמעריקאַנער לעבן:

א) אידעען וועגן יידן ווי אַ וועלט־פאָלק, אַ היסטאָרישע נאַציע; דער ווערט פון אויטאָנאָמע יידישע קהילה־אינסטיטוציעס; בכלל די גורל־פאַרבונדנקייט פון יידן איבער דער וועלט. דאָס זיינען געווען אידעען, וואָס ש. דובנאָוו האָט אַנטוויקלט נאָך ביים סוף פון 19טן י״ה אין זיינע „בריוו וועגן אַלטן און נייעם יידנטום״. גראָד איצט זיינען זיי פאַרן אַמע־ריקאַנער יידישן ישוב געוואָרן מער צייטיק און באַקומען מער באַטייט.

די אידעען פון וועלט־פאָלק זיינען בשום אופן ניט געשטאַנען אין אַ סתירה מיט אָנערקענען דעם גרויסן באַטייט פון מדינת ישראל, ווי אַ וויכטיקן נאַציאָנאַל־דערציערישן פאַקטאָר.

ב) די ראָמאַנטישע באַציאונג צום יידישן עבר, דאָס אַרויסשטעלן די אייביק־יידישע ווערטן, מידות און אידעאַלן.

ג) דער צוריקקער צו די אידעען פון נאַציאָנאַל־פּאָעטישן ווידער־געבורט פון רעליגיעזע השגות און שטרעבונגען (אָנגעהויבן ביים אָנהייב י״ה פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי און בעל־מחשבות) איז פאַרבונדן געוואָרן מיט עלעמענטן פון תשובה און מיט אַ באַגער צו אמתע רעליגיעזע איבער־לעבונגען. ביי אַנדערע האָט זיך עס אויסגעדריקט צום ווינציקסטן אין אַ צוריקקער צו די מקורים פון יידישקייט, ווי תנ״ך אד״גל. דעם ענין וועלטלעכקייט גופא האָט מען אַנדערש גענומען פאַרשטיין, מען האָט

גענומען אונטערשטרייכן, למשל, אַז דער הויפּט־סימן פון דעם באַגריף וועלטלעכקייט איז צו לאַנג פאַרשטאַנען געוואָרן ווי אַ דורכאויס נעגאַ־טיוועס, און וועלטלעכקייט איז גראָד ניט דאָס. עס איז ניט געווען „קיין אייגענער, קיין יאָ־אינהאַלט אין דעם באַגריף" (יודל מאַרק). ס'איז אויפגעקומען די מיינונג, אַז עס איז יאָ פאַראַן אַן אמתע וועלטלעכקייט, מיט טיפע וואָרצלען אינעם יידישן לעבן, ניט ווי אַ פאַרלייקענונג פון דער יידישער טראַדיציע און המשכדיקייט, נאָר ווי אַ באַגער אויסצו־געפינען דאָס גוטע און שעפערישע פון די וועלט־קולטורן אַרום. ביים גאַנצן דור יידישע שריפטשטעלער און דערציער איז פאַר טראַדיציע אויפגעקומען גרויס דרך־ארץ און פּיעטעט.

ד) אַ נייע טענדענץ איז אויך געווען די שטאַרקערע ווענדונג צו אָנערקענען די „אַמעריקאַנער סצענע". די צוזאַמענפאָרן פון די אַרבעטער־רינג־שולן און פון די שלום־עליכם־שולן האָבן געוויזן בולט אַ טייל פון די דאָזיקע טענדענצן. „אונדזערע קינדער זיינען אַמעריקאַנער. דאָס איז ניט בלויז אַ פראַגע פון בירגערשאַפט אָדער פון אָרט־סענטימענטן. זיי געהערן צו דער אַמעריקאַנער קולטור. מיר ווילן זיי ניט אָפּרייסן פון דער אַמעריקאַנער קולטור און פון אַמעריקאַנישקייט. מיר ווילן נאָר צוגעבן — די יידישע קולטור און די געפילן פון צוגעבונדנקייט צו איר. מיר שאַפן פאַקטיש אַ קולטור־צווייאיקייט" (יודל מאַרק, „קולטור און דערציאונג", מאַי 1949).

ה) עס איז אויפגעקומען אַ נייע רעקאָנסטרוקציע, וואָס שייך סאָציאַ־לער דערציאונג. ווייל די יידישע שולן האָבן אָנגעהויבן ווי די סאַמע סאָציאַל־אָריענטירטע ריכטונג אין יידישן חינוך און ווייל זיי האָבן גע־ווירקט אין אַ מיליטאַנטישער אַרבעטער־סביבה, איז וויכטיק צו זען די עוואָלוציע אין זייער קוריקולום, וואָס שייך סאָציאַלער דערציאונג.

אויך איצט זעט די נייע יידישע שול אַ נויטווענדיקייט, אַז דערציאונג זאָל באַלויכטן ווערן פון אַ גרויסן עטישן און סאָציאַלן אידעאַל. פון וואַנען זאָל אָבער די שול שעפּן אידעאַלן?

אידעאַלן מוז אַ פאָלק קודם־כל נעמען פון אייגענעם לעבן, פון דער אייגענער פאָלקס־געשיכטע און טראַדיציע. דאָס פאַרלייקנט ניט, פאַרשטייט זיך, די אוניווערסאַלע מאָמענטן אין יידישן וועלט־באַנעם פון פעלקער און אמונות. אָבער דער תנ"ך, די מוסר־ליטעראַטור, די יידישע פאָלקס־

שאַפונג און קינסטלערישע ליטעראַטור זיינען דער עיקרדיקסטער מקור פאַר דער עטישער השפעה אויף דער יוגנט.

וואָס שייך די היינצייטיקע סאָציאַלע פּראָבלעמען, טאָר די קריטיק פון דער געזעלשאַפט ניט פאַרלייקענען דאָס שעפערישע און דאָס גוטע אינעם לעבן פון פאָלק און פון דער געזעלשאַפט.

לגבי די פאָרמען פון אינדאָקטרינירן און דעם מעטאָד פון „סאָציאַלע באַלויכטונגען" שטעלן די נייע פּראָגראַמען אַרויס: 1) דעם עטישן קלימאַט פון דער יידישער שול און 2) אינפאָרמאַטיווע מאָמענטן, וואָס שייך דעם סאָציאַלן לעבן אין אונדזער געזעלשאַפט.

ו) עס איז אויפגעקומען אין די קרייזן פון יידיש־וועלטלעכע שולן אַ נייע פאַרשטענדעניש פאַר לעבנס־שטייגער, יום־טובים און פירונגען פון פאָלק. מען האָט געגומען איינזען, אַז אָן דעם כוח פון אַן אייגענער טראַדיציע און לעבנס־שטייגער, אָפגעפרעמדט פון דער היסטאָרישער דערפאַרונג, פאַרמאָגט ניט דער יחיד גענוג כוח אויסצושטיין די נסיונות פון לעבן. מען האָט אויך גענומען פאַרשטיין, אַז קיין זאַך קען ניט פאַר־בייטן פאַר די קינדער פון אַ פאָלק די השפעות, וואָס עס האָבן אויף דער יוגנט די מידות פון פאָלק, דאָס משפחה־לעבן, די וואָך און דער יום־טוב פון אַ פאָלק.

די פאַרשיידענע יידישע שול־טיפּן האָבן גענומען איינפירן דעם נוסח פון עונג־שבת, דעם נוסח פון אַ האַלב־טראַדיציאָנעלן און האַלב־מאָדערנעם סדר ווי אַ צוגאָב צום טראַדיציאָנעלן סדר, וואָס ווערט געפּראַוועט אין דער היים, דעם נוסח פון אַ בר־מצווה, וואָס אין טייל שולן איז ער דורכאויס טראַדיציאָנעל, אין אַנדערע, דאַקעגן, פאַרמאָגט ער געוויסע חידושים. מען האָט גענומען פאַרשטיין, אַז אָן אַ נאַציאָנאַלער קולטור־סביבה, לעבנס־שטייגער און לעבנס־נוסח איז ניט מעגלעך קיין יידישע דערציאונג.

ז) די שייכות פון אונדזער דור צו די פריערדיקע יידישע דורות האָט אין דער יידישער דערציאונג באַקומען אַן אַנדער אינטערפּרעטאַציע. לגבי דעם ערשטן פערטל פון היינטיקן י"ה, ווען מען האָט אָנגענומען פאַר נאַטירלעך, אַז עס מוז זיין אַ ריס צווישן דורות, איז איצט אויפ־געקומען אַ באַגער צו מאַכן אויס ריס, צו געפינען וואָס מער בשות־פותדיקע עלעמענטן אינעם היינט און אינעם אַמאָל. דאָ איז אָבער די

יידיש־וועלטלעכע סביבה געגאַנגען אויף אַן אַנדער דרך ווי דער רע־ליגיעזער רעקאָנסטרוקציאָניזם. בעת דער לינקער פליגל פון דער קאָנ־סערוואַטיווער ריכטונג זוכט צו שאַפן אַ סינטעז פון אמונה און וויסנ־שאַפט, מאָדערניזם און פּאַרציייטיקייט, קריטישער פאָרשונג און טראַ־דיציע און דורך דעם אין סך־הכל באַקומען אַן איינהייטלעכן, מאָניס־טישן, וועגן אַפילו אַקומולאַטיוון און עקלעקטישן לעבנס־באַנעם, איז אין די נאַציאָנאַלע קרייזן אויפגעקומען אַן אַנדער נייגונג — אַ פּראַגמאַטיש־פּלוראַליסטישע — באַשאַפן אַ געמיט, וואָס זאָל זיין בכוח אויפצונעמען די יידישע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע אוצרות פון פאַרשיידענע תקופות און דורות. נאָר אין דער פעאיקייט צו זיין וואַך צו די פאַרשיידענע שטראָמען אין אונדזער גייסטיקער טראַדיציע קאָן פאַר אַ מאָדערנעם מענטשן אויפגעהיט ווערן די אמתע פאַרבונדנקייט מיט זיין פאָלק און זיין פאָלקס־ירושה.

אויף די פאַרשיידענע מדרגות פון לערן־פּראָצעס מוז דעריבער די שול אַנטוויקלען אַ פאַרשטענדעניש פאַר די פאַרשיידענע קולטור־נוסחאות אינעם יידישן לעבן, ווי זיי ווערן אויסגעדריקט אין דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור און געשיכטע, אין קולטור־שאַפונגען, וואָס שטאַמען פון דורות, וועלכע האָבן געפילט אַנדערש ווי מיר און געשאַפן מיט אַן אַנדער געמיט. יידישע דערציאונג דאַרף קאָנען נערן און פולער מאַכן דאָס געפיל פון דורותדיקייט, גרייט, וואָך האַלטן די נשמה פון קינד, עס זאָל קאָנען באַרירט ווערן, אָנגעהויכט ווערן און געשטאַרקט ווערן פון די קולטור־שאַפונגען פון ווייט פאַרגאַנגענע יידישע דורות; אויפ־היטן אַ געמיט, וואָס איז אָפן פאַר די השפעות, וועלכע גרייכן ווייטער ווי די ד׳ אמות פון אַן איין־און־איינציקן דור. דאָס דאָזיקע אויפריכטיקע געפיל און נישט בלויז קענטענישן און ידיעות, איז די מאָס פון אמתער דערגרייכונג אין יידישער דערציאונג.

ח) די געענדערטע שטעלונג צו טראַדיציע, לעבנס־שטייגער, יום־טובים האָט אויך געפירט צו אַ געענדערטער פּאָזיטיווער שטעלונג צו ארץ־ישראל און שפּעטער צו מדינת ישראל. די שולן פונעם יידיש־נאַציאָ־נאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד האָבן די ישראל־צענטרישקייט פאַרמאָגט פון די דרייסיקער יאָרן און ביי די שלום־עליכם־שולן און די י. ל. פּרץ־שולן איז די נייגונג צו געבן ישראל אַ געהעריקן אָרט אין יידישן חינוך אויפ־

געקומען אין די פערציקער יאָרן און איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן נאָך דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל.

ישראל איז אָבער אין דעם רוב שולן מער אַן אויסדרוק פון נאַציאָנאַלן סענטימענט, ווי פון ציוניזם, ווי אַ פּאָליטישע אידעאָלאָגיע. ליבשאַפט צו ישראל שטייט נישט אין סתירה צום באַגריף פון „דאָאיקייט" און פירט נישט צו פאַרלייקענונג פון יידישן המשך אין די תפוצות.

דאָס נאָענטע און דאָס ווייטע

עס איז ביזן היינטיקן טאָג אַ כלל גדול אין דער פּעדאַגאָגיק, אַז נאָר די נאָענטע סביבה, די קאָנקרעטע סיטואַציע קאָן ווירקן דערציערעריש אויפן קינד; נאָר אַ יידישע שטוב, אַ רייך יידיש געמיינדע־לעבן אויף די ערטער, קאָן פאַרזיכערן יידישן המשך בכלל. אָבער עס איז די מענטשלעכע טבע, וואָס אויך דאָס ווייטע איז אונדז נאָענט, וואָס דאָס נאָענטע און אַקטועלע קאָנען פאַרבונדן ווערן מיטן היסטאָרישן און טראַדיציאָנעלן. „דאָאיקייט" דאַרף דעריבער פאַרשטאַנען ווערן סיי ווי די ווירקונג פון קאָנקרעטן אַרום, פון די געזעלשאַפטלעכע און קולטור־כוחות, וואָס זיינען משפיע אונדזער לעבן, סיי ווי די פעאיקייט פון מענטשן זיך צו פילן „דאָאיק" אין תקופות, וואָס זיינען ווייט פאַרגאַנגען, אין ערטער, וואו מיר זיינען קיינמאָל ניט געווען. אויב די דראַמע פון פאָלקסלעבן ווערט ערגעץ אָפּגעשפּילט, און דער גורל פון אונדזער פאָלק באַשטימט, זיינען מיר דאָרטן דאָ, ווייל שוין פון זינט דעם חורבן בית־ראשון, קאָן מער די יידישע דראַמע ניט האָבן די קלאַסישע איינהייט פון אָרט, צייט און האַנדלונג.

וואָס שייך דער יידישער דערציאונג, זיינען דעריבער דורכאויס „דאָאיק" די טראַדיציעס פון אַלטן ישראל, פון סורא און פּומפּדותא, פון וואָרמס און מיינץ, פון טויזנט יאָר נוסח־פּוילן, ווי אויך די דראַמע פון דער יידישער מדינה און דעם נייעם לעבנס־שטייגער, וואָס קומט אויף אין ישראל. הגם דער סאַמע דעטערמינירנדיקסטער פאַקטאָר איז די נאָענטע סביבה, מוז מען אָבער אויף איר יסוד בויען עקסטענציעס, ד"ה אויסווירקונגען, שייכותן אין צייט און שטח. יעדע שול־ריכטונג באַנוצט זיך דעריבער

מיט אַזאַ פֿאָרעם פֿון דערציִערישער אויסווירקונג, פֿון אַ מין דערציִערישן עקסטענציאַליזם.

אין לעצטן סך־הכל האָבן די לעצטע צוואַנציק יאָר דורכגעפֿירט די ווייטערדיקע רעקאָנסטרוקציעס אין דער יידישער דערציאונג:

אין 1918 האָט ד״ר דושקין מיט רעכט כאַראַקטעריזירט דעם קורי־קולום פֿון דער טיפּישער תּלמוד־תּורה ווי אַ לערן־פּלאַן, וואָס גיט זיך אָפּ בעיקר מיט דער יידישער פֿאַרגאַנגענהייט און מיט די רעליגיעז־קול־טורעלע שאַפֿונגען פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט — קלאַסישע ליטעראַטור און ליטורגיע; זייער ווייניק אויפֿמערקזאַמקייט, האָט ער זיך דעמאָלט באַ־קלאָגט, שענקט מען דעם יידישן היינט. דאָס איז געווען איינע פֿון די פֿאָרמען פֿון אַן איינזייטיקן באַנעמען די נויטן פֿון דער יידישער דערציאונג פֿאַרן היינטיקן יידישן קינד. ווי אַ סתירה צו דעם איז געקומען די נייע יידישע שול, וואָס האָט אַרויסגעשטעלט דווקא דאָס היינטיקע יידישע לעבן, ווי עס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער ליטעראַטור פֿון פֿאָלק, אין דער נאָענטער פֿאַרגאַנגענהייט, אין די מאָדערנע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַ־וועגונגען, אינעם נייעם לעבנס־שטייגער, וואָס איז אין פֿאָלק אויפֿגעקומען. פֿאַרן טראַדיציאָנעלן נוסח פֿון לעבן האָט די שול קיין געמיט ניט געהאַט. דער לעצטער פֿערטל יאָרהונדערט האָט געוויזן אַ מערקווירדיקע טראַנס־פֿאָרמירונג — די רעליגיעזע יידישע דערציאונג, וואָס האָט זיך גאָר ניט לאַנג בעיקר פֿאַרנומען נאָר מיט דער יידישער פֿאַרגאַנגענהייט, האָט גע־נומען אַרויסווייזן אינטערעס פֿאַר די היינטיקע פּראָבלעמען פֿונעם יידישן לעבן. די נייע שול, דאַקעגן, האָט באַקומען אַ פֿאַרשטענדעניש פֿאַר יידי־שער טראַדיציע און היסטאָרישן המשך.

אין ביידע פֿאַלן האָט געווירקט אַ מין פּראָצעס פֿון עקסטענציאַליזם: ביי די רעליגיעזע שיכטן — אַן אויסווירקונג פֿון ווייטן צום נאָענטן און קאָנקרעטן. ביי די וועלטלעך־נאַציאָנאַלע שיכטן — פֿון נאָענטן און קאָנ־קרעטן צום היסטאָרישן און טראַדיציאָנעלן.

די פּראָבלעמען פֿון דער יידישער שול ביים היינטיקן טאָג

די ענדערונגען אין יידישן לעבן נאָכן צווייטן וועלט־קריג האָבן גע־בראַכט גרויסע שינויים און נייע פּראָבלעמען פֿאַר דער יידישער שול:

א) נישט נאָר זיינען דאָס רוב קינדער אין דער יידישער שול איצט הי־געבוירענע, נאָר אויך זייערע עלטערן זיינען דאָ געבוירן און דערצויגן געוואָרן; אין טייל פֿאַלן האַנדלט זיך וועגן אַ פֿאָטער אָדער אַ מוטער, וואָס זיינען שוין געבוירן געוואָרן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. אין אַזאַ משפּחה איז פֿאַראַן אַ סימביאָז פֿון אַן אַלטן שטייגער אין דער נייער אַמעריקאַנערווירקלעכקייט. צום ווינציקסטנס איינער אין דער משפּחה פֿאַרטרעט די טראַדיציע פֿון אַ לעבנס־שטייגער, וואָס איז געווען מער איינגעפֿונדעוועט און פֿאַרפֿעסטיקט. דער דאָזיקער טיפּ משפּחה איז שוין איצט אויך פֿאַרטראָטן אין די עלטערן־פֿאַראיינען און אין דער פֿאַרוואַל־טונג פֿון די נייע שולן.

ב) עס קומט פֿאָר אַ גרויסע איבערוואַנדערונג פֿון דער יידישער באַ־פֿעלקערונג פֿון איין געגנט אין אַ צווייטער. אַלטע איינגעפֿונדעוועטע לערן־אַנשטאַלטן פֿאַרלירן קינדער און ווערן געשטעלט אין פֿינאַנציעלער סכנה, ווייל די מער אַקטיווע און סאָציאַל־רירעוודיקערע עלעמענטן קלייבן זיך אַרויס פֿון די אַלטע געגנטן. דאָס איז ניט קיין נייע דערשיינונג אין די גרויסע שטעט. שוין אין די צוואַנציקער יאָרן האָט אויף דעם אָנגעוויזן אין אַ פֿאָרשונג וועגן בראָנזוויל ד״ר לאַנדעסמאַן. ער שילדערט ווי אַזוי די פֿאַרמעגלעכע שיכטן ציען זיך אַרויס פֿון דער געגנט, בויען אויף אין נייע, רייכערע געגנטן יידישע צענטערס, טעמפּלען, בעת די קינדער און די יוגנט אין די אַלטע איינגעזעסענע ערטער בלייבן אויף הפקר. מיט ביטערניש האָט ער אָנגעוויזן, אַז עקאָנאָמישע נוצן ציען נאָך זיך די בעסער סיטואירטע בראָנזווילער געשעפֿטסלייט פֿון די אַלטע נאָכבאַרשאַפֿטן. וואָרעם, הגם זיי האָבן זיך אַריבערגעצויגן אין פֿיינערע געגנטן, האָבן זיי אָבער זייערע געשעפֿטן אין די אַלטע ערטער; טראָגן סאָציאַלע אחריות און זאָרג, יידישע אחריות, ווילן זיי אָבער נישט. די סיטואַציע איז שוין איצט נישט מער אַזוי פּשוט און פּרימיטיוו ווי אין בראָנזוויל אין די 20ער יאָרן. ס׳איז אויפֿגעקומען אַ נייע דערשיינונג ווי „סובורביא״. אָבער עס איז נאָך אַלץ אַ פּראָבלעם פֿון פּלאַנירונג, וואָס די געמיינדע מוז אויפֿ־נעמען.

די יידישע שול האַלט זיך אויף אין געגנטן פֿון סאָציאַלער דעזאָר־גאַניזאַציע לענגער ווי אַנדערע לערן־אַנשטאַלטן; זי איז די לעצטע צו אַנטלויפֿן, ווייל איר פּאַקטישע און אידעאָלאָגישע צוגעבונדנקייט צו די

אָרעמע שיכטן דערלויבן איר אָנצופירן אַן אַרבעט אין די ערגסטע באַ־דינגונגען, וואָס קיין שום אַנדער לערן־אַנשטאַלט וואָלט ניט איינגעגאַנגען דערויף.

פאַר דער יידישער שול איז דאָס אַריבערציען זיך אין נייע געגנטן אומגעהייער שווער, ווייל עס פעלן איר די פינאַנציעלע רעסורסן דאָס צו דערגרייכן. זי וועט זיך נייטיקן אין דער הילף פון דער געמיינדע. וואו זי דרינגט אַריין אין די נייע געגנטן, איז דאָס מיט דער הילף פון יונגע שול־טוער, אַליין געוועזענע תלמידים פון דער יידישער שול, ס׳רוב פּראָפע־סיאָנאַלן. נאָר אין שטעט, וואו זי האָט צוגעצויגן מיטלקלאַס־גרופּעס, קאָן זי זיך אונטערנעמען צו בויען שול־בנינים.

די שולן אין די נייע געגנטן ווייזן, אַז אויך אָט די נייע סאָציאַלע ענדערונג שטייט ניט אין וועג דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פאַר דער יידישער שול. זי וועט אָבער צייטווייליק אין דעם דאָזיקן פּראָצעס פון איבעראָריענטירונג, קאָן זיין, פאַרלירן תלמידים און אינסטיטוציעס דאָרטן, וואו די געמיינדע וועט איר ניט וועלן בייהילפיק זיין. די יידישע שול האָט געוויזן אין סך־הכל, אַז זי קאָן אויך פאַראינטערעסירן דעם נייעם טיפּ הי־געבוירענע עלטערן, וואָס זייערע קינדער זיינען איצט די מערהייט פון דער יידישער קינדער־באַפעלקערונג.

ג) די גרעסטע שוועריקייט ביים היינטיקן טאָג שטעלט מיט זיך אָבער פאָר ניט די יונגע טאַטע־מאַמע, נאָר דאָס קינד, וואָס קומט אין שול. טאַטע־מאַמע זיינען כאָטש אַליין אויסגעוואקסן אין אַ יידישער שטוב, וואו עס האָבן געווירקט יידישע טראַדיציעס און מנהגים און עס האָבן נאָך געלעבט זכרונות פון אַ לעבן, וואָס איז געווען יידיש, אַן וועלכער ניט איז התנצלות. די יידישקייט איז געווען אַ נאַטירלעכע און ניט קיין סימבאָלישע; היינט איז זי אַנדערש.

מיר מוזן היינט צו טאָג, במשך פון יאָרן, געווינען פּריוויליק דאָס קינד און דעם יוגנטלעכן פאַר יידישקייט, ווייל ריין סוביעקטיוו האָט ער די אילוזיע פון אַ ברירה, יאָ, צי ניט געהערן, יאָ, צי ניט בלייבן מיטן פאָלק. די אַלטערנאַטיווע פון „בלייבן" איז „גיין צו דער וועלט". ס׳איז מערקווירדיק, אַז דאָס געפיל איז דורכאויס אַ רעאַלס, אַפילו ווען די ברירה איז ניט מער ווי אַן אויסדוכטעניש. ליידער, ווייסן מיר ניט די וועגן פון יענע בלאָנדזשענישן, די אַקטן פון יענער דראַמע, וואָס באַשטימט נאָציאָ־

נאָלע צוגעבונדנקייט אָדער דערווייטערטקייט. עס זיינען אויך ניט פעסט־געשטעלט די פּסיכאָלאָגישע מיטלען פון ווירקן: זאָל דאָס קינד און יוגנט־לעכער קומען צו אונדז מחמת שרעק פאַר דער וועלט, מחמת אַנטוישונג אין איר, מחמת ביטערקייט צו דער וועלט, אָדער, מחמת ליבשאַפט, נאָענט־קייט און פאַרשטענדעניש פאַר זיין אייגענעם פאָלק און סביבה.

די יידישע שול געפינט ביסלעכווייז אויך אַ צוטריט צו דעם דאָזיקן פאַרפרעמדטן קינד, וואָס אויף זיינע פּלייצעס איז פרי אַרויפגעלייגט גע־וואָרן די האַמלעטישע פראַגע פון „זיין אָדער נישט זיין" — געהערן צום פאָלק אָדער נישט געהערן? דאָס האָט געמוזט בייטן מעטאָדן און צוגאַנגען. אין דער נייער סיטואַציע איז אפשר דער וועג פון „יידישקייט צו יידיש" אַ מער ווירקזאַמער ווי דער פריערדיקער פון „יידיש צו יידישקייט". דאָס נייע קינד דאַרף באַקומען נייע לאָיאַלקייטן, נייע סענטימענטן, מע מוז אויף אים ווירקן אַ סך מער ווי אַמאָל דורך ניט ווערבאַלע מיטלען, כדי שפּעטער באַליבט צו מאַכן אויך אונדזער לשון, צי דאָס איז יידיש צי העברעאיש, צי ביידע לשונות בהדרגה.

די יידישע דערציאונג לעבט איבער יאָרן פון אינעווייניקסטן קריזיס, אומאָפּהענגיק פון צאָלן און ציפערן. ביז איצט האָבן אַלע יידישע שול־ריכטונגען פאַרלוירן דאָס רוב יונגע יידישע דורות. צי קאָנען מיר זיך עס פאַרגינען ווייטער אַזוי? יעדע שול־ריכטונג איז אין תוך אַן עקספּע־רימענט אָפּצוראַטעווען יידישע דורות פאַר אונדזער פאָלק; ווען עס האַנדלט זיך וועגן עקספּערימענטן, קאָנען מיר קיין מאָל ניט וויסן, וועלכער פּרוּוו וועט אונדז געבן דעם בעסטן אַריינבליק אין די פּראָצעסן פון מענטש־לעכן לעבן; מיר קאָנען פון פאָרויס ניט וויסן, וואָס די געשיכטע פון אַ פאָלק וועט משפּטן וועגן דער ריכטיקייט, שעפערישקייט און לעבנס־נויטיקייט פון יעדן עקספּערימענט.

די נייע יידישע שול, ווי יעדע אַנדערע ריכטונג אין יידישן לעבן, האָט צוגעטראָגן איר חלק פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון אונדזער קיום, פון אונדזער פאָלקס־באַוואוסטזיין און פאַר דעם ווילן צו באַשאַפן אַ שעפערישן יידישן געמיינדע־לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

צו דער כאַראַקטעריסטיק פון יידישן קינד
אין די פאַראייניקטע שטאַטן

אין די וויכטיקסטע יאָרן ווען די יידישע דערציאונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן מוזן אויפנעמען אַ ריי פּראָבלעמען, וואָס רירן אָן די אינעווייניקסטע מאָטיווירונג ביים קינד צו וועלן אָדער נישט צו וועלן בלייבן אַ ייד צווישן יידן.

א) די ערשטע פּראָבלעם האָט צו טאָן מיט דער פּסיכישער מעגלעכקייט, וואָס אַ מענטש פאַרמאָגט צו נעמען אויף זיך אַ מינאָריטעט־סטאַטוס, צו וועלן זיין נישט דווקא ווי אַלע, נאָר אויך אַנדערש פון אַלע אַנדערע.

דער אַמעריקאַנער יחיד, ייד צי נישט־ייד, וואַקסט אויס מיט אַ באַגער אַלע מאָל צו אידענטיפיצירן זיך מיט דער מאַיאָריטעט; אַנדערשקייט איז גאָר ווייניק געוואונטשן. די מאַסן־קולטור באַשטימט, וואָס עס איז גוט און וואָס עס איז שלעכט; זי באַשטימט די הנהגה, פּערזענלעכע, קאָלעקטיווע, סאָציאַלע און עטישע. דער מענטש איז דאָס, וואָסער איינדרוק ער מאַכט אויף אַנדערע און שפּעטער אַקצעפּטירט ער דאָס און מאַכט עס פאַר זיין „איך". די דרויסנדיקע סאָציאַלע פאַרהעלטענישן באַשטימען פאַרן יחיד דאָס, וואָס ער טראַכט וועגן זיך אַליין.

עס איז אין תוך אַ גרויסער ספק, צי הינטער דעם פּראָצעס, וואָס די יידישע שול פון אַלע מינים קאָן נישט איינהאַלטן מער ווי 40 פּראָצענט פון אירע תלמידים, שטעקט נאָר אַ שלעכטער ערכאַאישער מעטאָד, ניט דער רעוואָלט פון אינדיווידועלן קינד, וואָס וויל ניט אַקצעפּטירן קיין מינאָריטעט־סטאַטוס, וואָס ווערט באַפאַלן פון אַן אירראַציאָנעלער מורא, אַז דאָס נעמט מען אים פירן גאָר אויף אַנדערע וועגן, ווי עס פאָדערט פון אים די מאַסן־קולטור, אין וועלכער ער וואַקסט אויף.

אַפילו ביים היינטיקן טאָג זיינען אין אַמעריקע פאַראַן מינאָריטעטן (עטישע, רעליגיעזע, פּאָליטישע, קולטורעלע), וואָס באַשאַפן דעם גייסטיקן קלימאַט אין אַ סך ספערעס פון אַמעריקאַנער געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן. קינסטלער, געלערנטע, דערפינדער — זיינען מינאָריטעטן מיט אייגענע ווערטן און איינשטעלן, אָבער זיי זיינען אַן אַליין־אויסדערוויילטע מינאָריטעט. אויך זיין אַ ייד הייסט קאָנען אַריבערטראָגן מאָמענטן

פון אַליינקייט, פאַרמאָגן אַ קריטישן צוגאַנג צו דערשיינונגען פון לעבן, פאַרמאָגן לאָיאַלקייטן און סענטימענטן, וואָס ווערן נישט געטיילט פון אַנדערע. מע דאַרף דאָס אָבער קענען טאָן מחמת ליבשאַפט; דעם מינאָריטעט־סטאַטוס דאַרף מען ניט פילן, ווי אַ דערונטערדיקן.

אַזאַ צושטאַנד קאָן זיין נאָר דער רעזולטאַט פון אַ לאַנגן פּראָצעס פון אַקולטוריזירן זיך מיט די טראַדיציעס און מיטן קולטור־שטייגער פון דער אייגענער היים און דעם אייגענעם פאָלק און מיט דער אייגענער סביבה.

די דאָזיקע אינעווייניקסטע אַקולטוריזאַציע מוז גיין האַנט אין האַנט מיט אַ פּראָצעס פון אַריינוואַקסן אין דער אַמעריקאַנער סביבה. עס דאַרף געשאַפן ווערן אַ פרידלעכער צוזאַמענלעבן, אַ סימביאָז, אַ צוויי־קולטורישקייט. קיין שום אינפאָרמאַטיווע לימודים, קיין שום סכום וויסן, לינגוויסטישער און היסטאָרישער, קאָנען ניט פאַרבייטן אָט די דאָזיקע צווייענדיקע אַקולטוריזאַציע.

ב) דאָס יידישע קינד, וואָס קומט אין דער יידישער שול פון אַלע מינים, ליידט אין תוך פון אַ מין קולטור־דעפעקטיווקייט. וואָס דעפעקטיווקייט בכלל שטעלט מיט זיך פאָר, האָבן מיר געוואוסט שוין לאַנג, בעיקר פון די אינטעליגענץ־פאַרמעסטונגען, ווייל ביז אַהער האָט די פּעדאַגאָגיק זיך דער עיקר אינטערעסירט מיט דער מאָס פון אינטעליגענץ ביים קינד און יוגנטלעכן. היינט וויסן מיר, אַז עס זיינען אויך פאַראַן אַנדערע מינים דעפעקטיווקייט ,ווי דעפעקטיווקייט פון עמאָציע און מענטש־צו מענטש־באַציאונגען. די גרונטיקסטע דעפעקטיווקייט איז אָבער אַזאַ, וואָס האָט צו טאָן מיט ניט־פולן, סתירותדיקן אויפנעמען דעם קולטור־שטייגער, אין וועלכן אַ מענטש וואַקסט אויף. אויף אַזאַ ווירקונג פון קולטור־און לעבנס־שטייגער אויפן יחיד, ווי אַזוי ער קאָן דעם מענטשן פּסיכאָלאָגיש דעזאָרגאַניזירן, האָט שוין אויפגעוויזן דער יידיש־פראַנצויזישער סאָציאָלאָג דיורקהיים. ער האָט דעם פּראָצעס אָנגערופן „אַנאָמיע״. די סאָציאַלע סביבה און די סאָציאַלע השפעות הערן אויף ווירקן אויפן מענטשן, פאַרלירן זייער באַטייט, און דער יחיד פאַרלירט די זיכערקייט אין לעבן.

אויך אין לעבן פון קינד און יוגנטלעכן קאָן אויפקומען אַזאַ צושטאַנד פון „אַנאָמיע״, און דעמאָלט קומען אויף אינעווייניקסטע קאָנפליקטן, אומצופרידנקייטן, וואָס גייען האַנט אין האַנט מיט אַן אויסצערונג פון

געפיל, מיט אַ באַגער ניט צו טראָגן קיין אַחריות און אין דעם פאַל אחריות פאַר דעם המשך פון קולטור־שטייגער, אין וועלכן מע וואַקסט אויף. אין פאַל פון יידןביים הײַנטיקן טאָג איז דאָס דער אומווילן צו נעמען אויף זיך דעם מינאָריטעט־סטאַטוס פון אַ היסטאָריש־עטישער גרופּע מיט באַשטימטע סאָציאַלע, מאָראַלישע און רעליגיעזע התחייבותן, מיט אַ גורל, וואָס האָט באַשערט פאַרן מענטשן, צום ווינציקסטן אין דער פאַרגאַנגענהייט, אַ שפּאַר ביסל גרויזאַמקייט מצד די מיטמענטשן און עוולות סיי קעגן יחיד און סיי קעגן כלל.

עס איז קלאָר, אַז קולטור־דעפעקטיווקייט איז דער רעזולטאַט פון אַ ניט־פּולער אַקולטוריזאַציע מיט דער יידישער סביבה. שול־דערציאונג איז ניט דער איינציקער גורם אין דעם פּראָצעס פון פולער באַהעפטונג מיטן יידישן לעבן. צווישן די ווירקנדיקע פאַקטאָרן מוז מען פאַררעכענען די היים, די סאָציאַלע סביבה, די מאַסן־קולטור און אין לעבן פון יוגנטלעכן און דערוואַקסענעם די ווירקונג פון צייט־אידעאָלאָגיעס (פּאָליטישע, סאָציאַלע, קולטורעלע אד״גל).

ניט יעדע יידישע דערציאונג איז אַ סגולה קעגן קולטור־דעפעקטיווקייט, וואָרעם נאָר אַזאַ פאָרעם פון אידענטיפיצירן זיך מיטן יידישן לעבן ווירקט, וואָס שטאַרקט דעם קינדס מענטשלעכע כוחות, לעבנס־פרייד, אַחריות און באַשאַפט ניט קיין נייע עמאָציאָנעלע און אינטעלעקטועלע קאָנפליקטן. אויב דאָס קינד אָדער דער יוגנטלעכער וועלן אין יידישער דערציאונג געפינען אַ נייעם קוואַל פון גייסטיקע קאָנפליקטן, אַנשטאָט אַ קוואַל פון גייסטיקער שטאַרקונג, וועט ער אָדער בפירוש רעבעלירן קעגן איר, אָדער, אויב ער איז ניט קיין רעבעל, במשך פון יאָרן איינשטעלן ביי זיך אַ געוויסע טאָפּלטע באַציאונג, אָפּמאַכנדיק, אַז ער וועט נאָר לפנים און נאָר צייטווייליק מקיים זיין די פאַרלאַנגטע מצוות מעשיות.

די פּעולה פון דערציאונג קאָן, בכן, ניט געמאָסטן ווערן נאָר קוואַנטיטאַטיוו, ד״ה לויט דער צאָל שעהן און יאָרן, דעם סכום פון פאָרמעלע ידיעות, נאָר בעיקר, קוואַליטאַטיוו: אויף וויפל די דערציאונג מאַכט דאָס קינד און דעם יוגנטלעכן סענסיטיוו, וואָך צו די גרונט־עלעמענטן פון זיין סביבה און אירע טראַדיציעס, צו דער הנהגה, לעבנס־שטייגער, שפּראַך, געמיט אד״גל. סענסיטיווקייט פירט צו גרייטקייט אויפצונעמען און קאָן

פירן צו אַריינגעטאָנקייט, ד״ה צו אידענטיפיצירן זיך. אין תוך איז די פּערצעפּציע און די אויפמערקזאַמקייט פון יעדן יחיד אַ סעלעקטיוו, ד״ה אַן אויסקלייבנדיקע און אויסקלויבערישע. דער מענטש זעט, אָבער ניט אַלץ דערזעט ער; ער הערט, אָבער ניט יעטוועדע זאַך דערהערט ער. נאָר עלעמענטן, טיילן, פראַגמענטן פון זיין פיזישן און סאָציאַלן אַרום, איז ער בכוח אויפצונעמען און, אויפנעמענדיק, באַשאַפט ער זיין פּסיכישע ראָם און במילא זיין „אייגענע ווירקלעכקייט״.

וואָס איז אָבער גורם די ראָם, וואָס פּאַסט יאָ און פּאַסט ניט איין שטיקער לעבן און סביבה, וואָס גיט צו געוויסע פאַקטן באַטייט און אַנדערע מיידט עס אין גאַנצן אויס? די ראָם איז אַ פּסיכישע און ווערט אייגנטלעך באַשטימט פון יחידס וואַקסן, פון זיין גאַנג אין לעבן, פון זיין לעבנס־עלטער, סאָציאַלן מעמד, פון דעם, וואָס מע לערנט אים, אַז ס׳איז וויכטיק און ניט־וויכטיק, חשוב און ניט־חשוב, און בעיקר פון דעם וואָס זיין קולטור־שטייגער דעטערמינירט. אין לעצטן סך־הכל איז דאָ גורם דער גאַנצער פּראָצעס פון סאָציאַליזאַציע, וואָס דער מענטש מאַכט דורך פון דעם וויגעלע ביז זיין דערוואַקסנקייט. דער היימישער שטייגער, דער לעבנס־שטייגער פון פאָלק, די פאָלקס־טראַדיציעס און מנהגים, דער אידיאָם פון דער אייגענער שפּראַך באַשטימען, ווי אַזוי דער מענטש זאָל אויפנעמען די ווירקלעכקייט און ווי זאָלן זיינע רעאַקציעס זיין. די גאַנצקייט, אינטעגרירטקייט פון אַ לעבנס־שטייגער איז דער שטאַרקסטער פאַקטאָר צו דערציען גייסטיק געזונטע מענטשן. קולטור־דעפעקטיווקייט איז, בכן, אַ באַווייז, אַז אין דעם קולטור־שטייגער איז פאָרגעקומען אַן איינברוך, צי גלאָבאַל, ביי אַלע סאָציאַלע שיכטן פון פאָלק גלייך, צי נאָר ביי די אייבערשטע אָדער די אונטערשטע שיכטן, אָדער בלויז ביי געוויסע משפּחות. איבערוואַנדערונג, מלחמה, דעקלאַסירטקייט (און פאַרקערט, אויך סאָציאַלער שטייגן), איבערבאַפעלקערונג פירן צום אומבייט פון קולטור־שטייגער און ווען עס געשעט פּלוצלינג צו האַסטיק, פירן זיי צו קולטור־דעזאָרגאַניזאַציע. די אַלע פאַקטאָרן פון סאָציאַלן לעבן מוזן ניט תמיד דירעקט אָנהייבן צו ווירקן און גלייך משפּיע זיין אויפן לעבן פון יחיד. די ווירקונג ווערט צו מאָל פאַרהאַלטן, אויב די פּרימערע גרופּעס — די משפּחה — בלייבט גאַנץ, אויב זי היט אויף אירע אייגענע טראַדיציעס, יחוס, מנהגים.

איר איינגעפונדעוועטקייט ווערט דעמאָלט ניט צעשטערט. אינטימע מענטש־צו מענטש־באַציאונג (ווי אין דער משפחה, למשל), זיינען אַ דאַמבע אַפילו אין צייטן פון גרעסטער דעזאָרגאַניזאַציע אויפצוהיטן די מידות טובות פון אַ מענטשלעך לעבן און דעם פסיכישן גלייכוואָג ביים מענטשן.

דערציאונג און איבערדערציאונג

ווי קאָן אין דער סיטואַציע ווירקן די יידישע שול? דערציאונג קאָן נאָר ווירקן מיט אירע אייגענע מיטלען. זי מוז ביי קולטור־דעפעקטיווע קינדער צו רעכט מאַכן, וואָס אַנדערע פאַקטאָרן אין זייער לעבן האָבן קאַליע געמאַכט. און כאָטש דער רעזולטאַט, ד״ה די דעפעקטיווקייט, איז דער זעלבער, קאָן אָבער די היילונג ניט זיין די זעלבע, וואָרעם דער מקור פון דער פסיכישער דעזאָרגאַניזאַציע איז ניט דער זעלבער. לויט דעם מקור מוז קומען די קעגן־השפעה צוריק צו אינטעגרירן דאָס קינד מיט זיין פאָלק, מיט זיין סביבה און איר קולטור־שטייגער.

אויב איינס פון די היילמיטלען, צוגעפאַסט צו פיזישער דעפעקטיווקייט, איז געווען פאַרשאַרפן די חושים, דאָס אויג זאָל בעסער זען פיינע אונטער־שיידן, די האַנט זאָל בעסער מאַניפּולירן מיט שטאָפן און מכשירים, מוזן די היילמיטלען אין פּרט פון קולטור־דעפעקטיווקייט זיין אויסגערעכנט אויף פאַרשטאַרקן די סאָציאַלע לאָיאַלקייט און צוזאַמענגעבונדנקייט. קולטור־דעפעקטיווקייט איז אין דער אמתן סאָציאַלע דעפעקטיווקייט; ס׳איז אָבער אַזאַ הינטערשטעליקייט, וואָס איר סיבה איז ניט גייסטיקע אָפּגעשטאַנענ־קייט אָדער מאַנגל אין פעאיקייטן, אָדער מאַנגל אין סענסיטיווקייט בכלל, נאָר מאַנגל אין אָריענטירטקייט, צוגעבונדנקייט, דאָס פעלן פון אַן אַנקער אין לעבן. מאַנגל פון סענסיטיווקייט צו אַ סכום סאָציאַלע און קולטור־פאַקטאָרן אין לעבן (אין דעם פאַל יידישע פאַקטאָרן).

די היינטיקע יידישע דערציאונג פון אַלע ריכטונגען און אַלע מינים, ווי גוט עס זאָלן פּעדאַגאָגיש ניט זיין אַוועקגעשטעלט די לימודים אין שול, איז קוים צוגעגרייט פאַר די פּראָבלעמען, וואָס שטייען איר פאַר. זי גייט אַרויס אָדער פון די הנחות פון אַ נאָרמאַלער פּעדאַגאָגיק ביי אַ נאָרמאַל פאָלק, אָדער זי איז בלויז ממשיך די פריערדיקע טראַדיציעס אין יידישער דערציאונג, ניט זעענדיק די נייע היסטאָרישע סיטואַציע, די

נייע פונקציעס, וואָס זי מוז איבערנעמען. זי וויל ניט אָנערקענען, אַז זי אַרבעט אין אַ דעזאָרגאַניזירטער סביבה, און די דערשיינונגען זיינען דערשיינונגען פון קולטור־פּאַטאָלאָגיע, וואָס קאָנען געהיילט ווערן נאָר מיט דער דערציאונג פּלוס טייל מעטאָדן פון פּסיכאָטעראַפּיע, סאָציאַל־אַרבעט און אַנדערע כחות, וואָס קאָנען איבערדערציען מענטשן.

כדי די שול זאָל האָבן אַ השפּעה אויפן קולטור־דעפעקטיוון קינד, מוז זי אָנווענדן גאָר אַ נייע סטראַטעגיע. זי מוז ווירקן אויף אים סיי פון אינעווייניק, ד״ה ווי אַ יחיד, סיי פון דרויסן, ד״ה ווירקן מיטן כוח פון דער גרופּע, אין וועלכער דאָס קינד לעבט; נאָר אַ גרופּע באַשטימט נאָרמעס, נאָר אימיטירנדיק, למשל, אַן אַנדער קינד אָדער יוגנטלעכן, וואָס זיין אויפפיר ווערט פון דער גרופּע אָנערקענט ווי נאָרמאַטיוו, קאָן דאָס קינד איבערנעמען די פּאָסיקע הנהגה, די נייטיקע באַציאונג. פון „אינע־ווייניק״ הייסט, דורך שמועסן (צווישן דערציער און קינד), דורך אַריינ־בליק אין דעם לעבנס־גאַנג פון קינד און יוגנטלעכן, לערנען אים פאַר־שטיין זיין אייגן לעבן, זיינע קאָנפליקטן; עס וועט מוזן אַנטוויקלט ווערן אַ געוויסע פאָרעם פון פּעדאַגאָגישער פּסיכאָטעראַפּיע, וואָס זאָל קאָנען צו הילף קומען דעם קינד אין זיינע יידישע בלאָנדזשענישן. נאָר פאָרמעלע ידיעות זיינען ניט גענוג; זיי קאָנען אין אַ סך פאַלן באַשאַפן נאָך אַ מער אינפאָרמירטן צווייפלער, אָדער רעבעל, ד״ה אַ מענטש מיט קנאַפּן ווילן צו נעמען אויף זיך אַחריות פאַר דעם יידישן קאָמפּאָנענט אין זיין מהות.

די יידישע שול ווי אַ לערן־אַנשטאַלט האָט מעטאָדיש גוט אַוועק־געשטעלט דאָס רוב פון אירע לימודים. אין אַלע מינים שולן לערנט מען היינט בעסער, ווי מען האָט געלערנט אַמאָל. די גרונט־פּראָבלעמען פון יידישער דערציאונג זיינען אָבער ניט די געוויינלעכע שול־פּראָבלעמען, און נאָר אַ גרונטיקע איבעראָריענטירונג קאָן בייטן דעם מצב פון דער יידי־שער דערציאונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אין תוך זיינען די ספּעציפישע און באַזונדערע פּראָבלעמען פון דער יידיש־וועלטלעכער שול וויניקער וויכטיק, און מע קאָן זיי גרינגער לייזן, ווי די פּראָבלעמען, וואָס זי טיילט מיט אַלע אַנדערע מינים יידישע שול־ריכטונגען (קאָנסערוואַטיווע, אָרטאָדאָקסישע, רעפאָרם). די ווייטערדיקע פאַרבעסערונג פון אונדזער מצב וועט געשען נאָר דעמאָלט, ווען, אויפ־היטנדיק איר יעדער באַזונדער ציל אין יידישער דערציאונג, וועט יעדע

שול־ריכטונג דערזען יענע נייע תוך־פּראָבלעמען, וואָס שטייען פאַר אונדז אַלעמען איז אַ קולטור־שטייגער, וואָס איז רייך מיט אַזוי פיל מעגלעכ־קייטן פאַרן יידישן קיום און מיט מעגלעכקייטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ יידישן געמיינדע־לעבן; גלייכצייטיק לויערט אָבער די גרעסטע געפאַר פון קולטורעלער אַסימילאַציע און פאַרפרעמדקייט.

די גייסטיקע ירושה פון טויזנט יאָר יידיש לעבן אין פוילן

די גייסטיקע ירושה פון טויזנט יאָר יידיש לעבן אין פוילן איז ניט נאָר אַ וויכטיקער און פאַראַנטוואָרטלעכער געביט פאַר אונדזער היסטאָרישער פאָרשונג, ווי עס האָבן באַוויזן די אַרבעטן פון אברהם מענעס, י. העשל, מ. וויינרייך און אַנדערע. עס איז אויך אַן אַקטועלע סאָציאַל־פילאָסאָפישע טעמע. דער ענין איז בעיקר וויכטיק אויך צוליב דעם, ווייל עס לעבן נאָך די יורשים פון דער גרויסער ירושה. אונדזער דור איז נאָך בכוח די פאָלקס־ירושה צו פאַרווענדן סיי אין אונדזער אייגענעם לעבן ווי יחידים, און סיי אין לעבן פון די יידישע געמיינדעס, וואָס בויען זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, אַרגענטינע, מעקסיקע און אויך אין לעבן פון אונדזער מדינה אין ישראל.

ס׳איז שוין אַוועק די צייט ווען מען האָט ביי אונדזער פאָלק גרינגגעשעצט ירושה, איבערהויפּט היסטאָרישע ירושה. אונדזער דור איז מער ניט אַזוי האָפערדיק. דורך יסורים און פּיין איז ער געוואָרן אַ סך ענִיוות־דיקער אין באַטראַכטן די וועלט, אין געדענקען די פאַרגאַנגענהייט און אין אָפּשאַצן דעם ווערט, וואָס די ירושה פון אַ פאָלק קאָן געבן. מיר האָבן אַלע דאָס געפיל, אַז יעדער מענטש באַדאַרף האָבן „זכות אָבות“, אַז אַן איינציקער דור פאַרמאָגט ניט גענוג לעבנס־חכמה, גענוג זעעוודיקייט און קלאָרקייט פון מחשבה, כדי צו וויסן ווי אַזוי צו בויען ווייטער דאָס אייגענע לעבן און דאָס לעבן פון אַ פאָלק. מיר דאַרפן אַלע האָבן די שטאַרקונג און די קרעפטיקונג, אויך די פערספּעקטיוו, וואָס עס גיט אונדז די היסטאָרישע דערפאַרונג פון אונדזער פאָלקס־געשיכטע.

מיר פאַרשטייען היינט שוין זייער וואויל, אַז יעדע היסטאָרישע תקופה באַשענקט דעם מענטשן מיט אַן אַנדערן שכל און אפשר אויך מיט אַנדערע אויגן צו זען דיווירקלעכקייט, זען דעם היינט און דעם נעכטן. עס זיינען פאַראַן תקופות ווען דער מענטש איז דורכאויס היפּער־קריטיש און פול מיט אומצופרידנקייט און פאַרניינונג לגבי זיין היינט און דעם נעכטן.

דאָקעגן, זיינען פאַראַן תקופות פון פאַרליבטקייט, פון ראָמאַנטישער אַריינ־געטאָענקייט אין לעבן און אין דער פאַרגאַנגענהייט פון אייגענעם פאָלק.

מיר, היינט צו טאָג, לעבן אין אַן איבערגאַנגס־תקופה. מיר זעען דאָס יידישע לעבן איצט אַ סך דערהייבענער, ווי מיר האָבן עס געזען מיט אַ פערטל יאָרהונדערט פריער. אונדז איז באַשערט צו זען דאָס יידישע לעבן פון מזרח־אייראָפּע מער אין פערספעקטיוו. מיר קאָנען בעסער אָפּשאַצן דעם מזרח־אייראָפּעאישן לעבנס־שטייגער, ניט נאָר זיינע דעפעקטן, נאָר בעיקר זיינע מידות טובות, די יחידישע און די קאָלעקטיווע, דעם גאַנצן לעבנס־גאַנג. מיר, היינט צו טאָג, קוקן שוין אויף דעם וואָס עס איז געווען ניט נאָר מיט פאַרליבטע אויגן, נאָר אפשר דורך אויגן פון פאַר־ליבטקייט, ד״ה דורך מער אמת־זעענדיקע אויגן. וואָרעם נאָר דאָס צו וואָס מיר האָבן אַ „שוואַכקייט״, צו וואָס מיר ווייזן אַרויס סימפּאַטיע און פאַרשטענדעניש, זיינען מיר מענטשלעך בכוח צו פאַרשטיין. אַלץ, וואָס איז אונדז פון גרונט אויס פרעמד און דערווידער, אַלץ, אויף וואָס מיר טראָגן אין אונדזער נשמה אַ ברוגז, מוז אויסקוקן און קוקט טאַקע אויס אין אונדזערע אויגן פאַרקרימט, געמינערט, נישט עכט און נישט וואָר־האַפטיק.

ווען מיר רײדן וועגן דער גייסטיקער ירושה פון יידיש לעבן אין פוילן, דאַרפן מיר האָבן אין זינען אין דער אמתן פוילן, רוסלאַנד און ליטע, דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום. מיר מוזן האָבן אין זינען די טויזנט יאָר פון אַ לעבנס־שטייגער און אַלע פאַרשיידענע סעגמענטן אין וועלכע ער איז פונאַנדערגעפאַלן: דער טראַדיציאָנעל־פרומער, דער מאָדערנער, סיי דער נאַציאָנאַלער און סיי דער רעוואָלוציאָנערער אַרבע־טעריש־אָריענטירטער.

דאָס בילד האָט זיך ניט פון גרונט אויס געביטן צוליב דעם, וואָס אין דער מאָדערנער צייט,ביים סוף פון 19טן יאָרהונדערט, איז געקומען צו אַ ריס אין יידישן לעבן. די אַמאָליקע גאַנצקייט איז פונאַנדערגעפאַלן און עס זיינען אויפגעקומען אַלערליי סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, אַלערליי קולטור־אידעאָלאָגיעס. הינטער די אַלע גרויסע מענטשלעכע און גרויסע יידישע אידעען און באַוועגונגען איז געשטאַנען דער טיפּ און דער סאָציאַלער כאַראַקטער פון אַ מענטשן, דער טיפּ פון אַ יידן, וואָס האָט געהאַט אַ באַשטימטע פּסיכאָלאָגישע אָריענטאַציע אין לעבן. דער

יידישער טיפּ איז געווען סיי דער באַשאַף און סיי דער באַשאַפער פון אַ לעבנס־שטייגער, וואָס איז געווען אייגנאַרטיק אין דער גאַנצער יידישער פאַרגאַנגענהייט. הינטער דער פאַרשיידנקייט פון דיאַלעקטן און הינטער די פאַרשיידענע רעגיאָנעלע כאַראַקטעריסטיקעס (ליטוואַק, פּוילישער ייד, אוקראַינער) איז געווען אַ געוויסע מערקווירדיקע אייגנקייט, די אייגנקייט פון דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידן, וואָס איז געווען אַזוי אַנדערש פון דעם מערב־אייראָפּעער און נאָך מער פון דעם ספרדי.

במשך פון דורות איז די פירערשאַפט אין יידישן לעבן געטיילט געוואָרן צווישן צוויי גרויסע גרופּירונגען פון אונדזער וועלט־פאָלק: די ספרדישע און די אשכנזישע יידישע געמיינדעס. אין פריען מיטלאַלטער האָבן אונדזערע ספרדישע ברידער געהאַט די אויבערהאַנט אין יידישן לעבן. די גייסטיקע פירערשאַפט פון די ישיבות פון בבל, פון סורא און פומבדיתא, איז נאָך זייער אונטערגאַנג אַריבערגעטראָגן געוואָרן, אין די צייטן פון חסדאי אבן שפרוט, קיין קאָרדאָווע, שפּאַניע. פון דער ספרדישער קולטור־ספערע זיינען עס שפּעטער געקומען די גרויסע גייסטיקע פירער, פילאָסאָפן, פּאָעטן, בעלי־דקדוק. פון שפּאַנישן יידנטום איז אַרויסגעקומען רבי יהודה הלוי, דער רמב״ם, אברם אבן עזרא, דאָן יצחק אברבנאל. די העגעמאָניע פון ספרד איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די ערשטע 500 יאָר פון לעצטן יאָרטויזנט אין דער יידישער געשיכטע. דאַקעגן, די לעצטע 500 יאָר, האָט אַשכנז (דייטשלאַנד, בעהמען, פּוילן, ליטע, רוסלאַנד) גענו־מען פירן די גרענדע אין יידישן לעבן.

די גרויסע אומגליקן, וואָס זיינען געקומען אויפן שפּאַנישן יידנטום, די רדיפות, שמד, די אינקוויזיציע און צום סוף די גירושים, האָבן געגעבן אַ טויט־קלאַפּ דעם בליענדיקן יידישן צענטער.

אין 1492 איז פאָרגעקומען דער גירוש פון די יידן אין שפּאַניע. די צעזייטע און צעשפּרייטע, די וואָס זיינען לעבן געבליבן, האָבן געפונען פאַר זיך אַן עיר־מקלט טייל אין טערקיי, טייל אין מצרים, טייל אין איטאַליע, אָבער נאָך דעם קלאַפּ האָט דאָס שפּאַנישע יידנטום קיינמאָל נישט געקאָנט מער קומען צו זיך. והראיה, אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג במשך פון פיר הונדערט און פופציק יאָר זיינען די ספרדישע יידן פון כמעט אַ העלפט פון אונדזער פאָלק געוואָרן נישט מער, ווי וויניקער פון אַ צענטל פון אונדזער אומה.

במשך פון די הונדערטער יאָרן קומען אויף אין אַשכנזישן יידנטום אַזעלכע נעמען ווי רש״י, ר׳ יהודה החסיד, דער מהר״ל, דער בעל־שם־טוב, דער ווילנער גאון — אָנצורופן נאָר די גרויסע נעמען פון דער אַלט־פאַרצייטישער און פרומער וועלט. אין דער נייער צייט וואָלט מען געדאַרפט אָנרופן די נעמען פון י ל. פרץ, פון שלום־עליכם, חיים נחמן ביאַליק, פון דעם זיידן מענדעלע מוכר ספרים, און די נעמען פון די פירער פון די גרויסע פאָליטישע, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַוועגונגען ביי יידן וואָס האָבן פאַקטיש טראַנספאָרמירט, איבערגעאַנדערשט דאָס פנים פון דעם יידישן לעבן.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז אין דיביידע פאַלן, סיי אין פאַל פון די ספרדישע, סיי אין פאַל פון די אַשכנזישע געמיינדעס איז דער אויפשטייג פון קולטורעלן לעבן אַ פאַמעלעכדיקער. עס גייען אַוועק הונדערטער יאָרן ווי יידן וואוינען אין די לענדער, צוערשט אין שפּאַניע, אויף דעם זעלבן אופן שפּעטער אין די לענדער פון פוילן, ליטע, רייסן און דאָס גייסטיקע לעבן פון די יידישע ישובים האָט זיך נאָך ניט צו הויך אויפגעהויבן. עס מוזן אַוועקגיין הונדערטער יאָרן פון באַשאַפן אַ יידיש געמיינדע־לעבן, חברות פון בויען אינסטיטוציעס, בתי־מדרשים, פון איינשטעלן חדרים און ישיבות פאַר קינדער. עס מוזן אַוועקגיין אַ סך דורות פון שטילער אַרבעט, אַז פון אַ יידישער עדה זאָל קאָנען אַרויסקומען און אויפלויכטן די וואונדערלעכע געשטאַלט פון אַ רבנו שלמה יצחקי, אַ ר׳ יהודה החסיד, אַ בעל־שם־טוב, ר׳ נחמן בראַצלאַווער, אַ ווילנער גאון, אַ יצחק לייבוש פרץ.

יאָ, אויך אין פוילן איז פאָרגעקומען אַ לאַנגער פּראָצעס פון וואַקסן, פון אַנטוויקלען זיך. דער נס פוילן איז נאָך גרעסער צוליב דעם, ווייל ווען ניט דער פונאַנדערבלי פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, וואָלטן מיר היינט קיין פאָלק ניט געווען. אַכציק פּראָצענט פון יידישן פאָלק ביים היינטיקן טאָג ציט זיין יחוס פון פוילן. אָן דעם פּוילישן יידנטום וואָלטן מיר היינט פאַרמאָגט, אין בעסטן פאַל, קליינע צעבראָקלטע רעשטלעך יידן. מיר וואָלטן ניט געהאַט קיין נאַציאָנאַל־שעפערישע יידישע מאַסן־ישובים, מיר וואָלטן ניט געהאַט קיין יידיש לעבן. (א. מענעס)

אין דער היסטאָרישער פאָרשונג קומט אָפּט מאָל אויף די פראַגע:

ווי שאַצט מען דעם היסטאָרישן ווערט פון אַ תקופה? וואָס פאַר אַ וואָג און מאָס נוצט מען ווען מען מעסט די וויכטיקייט פון אַ קולטור־שטייגער?

פון זינט דעם 18טן יאָרהונדערט איז אָנגענומען געוואָרן צו שאַצן היסטאָרישע תקופות אויפן גרונט פון קולטורעלן פאָרשריט. אין יידישן לעבן, וואָלטן מיר געזאָגט, קען מען זיך אַזוי פרעגן: וויפל וויכטיקע ספרים האָט מען מחבר געווען, וויפל ישיבות האָט מען געבויט. וואָס זיינען געווען די דערגרייכונגען אויף די געביטן פון יידישן וויסן, פון יידישער לומדות?

ביי וועלטלעכע יידן וואָלט מען זיך אויך געפרעגט ניט פיל אַנדערש: וועלכע גרויסע ליטעראַרישע ווערק זיינען געשריבן געוואָרן אין דער תקופה, וועלכע געביטן פון קונסט און פון וויסנשאַפט האָט מען געפאָרשט, וועלכע נייע פילאָסאָפישע אידעען און סיסטעמען זיינען אין יענער תקופה אויפגעקומען? וועלכע גרויסע באַוועגונגען האָבן אויפגערודערט דאָס יידישע לעבן?

עס זיינען פונדעסטוועגן מעגלעך אויך אַנדערע מאָסן און עס איז מעגלעך אויך אַן אַנדער צוגאַנג. צו משפטן מענטשלעכע דורות פאָדערט זיך גאָר אַן אַנדער מאָס און אַנדערע שאלות: וויפל גייסטיקייט, וויפל רוחניות איז געווען אין לעבן פון אַ פאָלק? וויפל גייסטיקייט האָט באַ־הערשט דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן פון מענטשן? וויפל אהבה, וויפל התלה־בות, וויפל יום־טובדיקייט איז געווען אין לעבן כדי אָנצופילן מיט אַ ביסל יום־טוב די וואָך, אין וועלכער דער מענטש מוז לעבן? (י. העשל), צי זאָל מען ניט משפטן אַ פאָלק און אַ יחיד און נאָך מער אַ היסטאָרישע תקופה לויט יענער פאַרבאָרגענער קראַפט, וואָס באַוועלטיקט די טאָג־טעגלעכע מעשים פון מענטשן, און זיך פרעגן: וויפל רחמים, וויפל שיינקייט, וויפל קדושה, וויפל גייסטיקייט באַוועלטיקט די טאָג־טעגלעכע מעשים פון אַ יחיד און פון קאָלעקטיוו?

אפשר דאַרף מען זאָגן, אַז דער שטייגער פון לעבן און דער נוסח פון אַ מענטשלעך לעבן איז וויכטיקער ווי עס איז דער שטייגער פון זיין ליטעראַטור און דער נוסח פון זיין קונסט און אַרכיטעקטור. וואָרעם ס'איז דאָך ניט אַזוי דער בית־המדרש וואָס דער מענטש בויט, ווי די מעשים־טובים פון דעם מענטשן. אפשר דאַרף מען, כדי ריכטיק אָפּצושאַצן דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום קודם כל זיך אָפּשטעלן אויף דעם וואונדער־

לעכן לעבנס־געפיל, אויף דער נשמהדיקייט וואָס האָט דורכגעדרונגען דאָס לעבן פון דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידן.

אין גרונט איז געווען אַ גרויסער אונטערשייד צווישן די צוויי וועגן אויף וועלכע עס האָט זיך פאַרנומען, פון איין זייט, דאָס ספרדישע יידנטום במשך פון זיין געשיכטע, און דאָס אשכנזישע יידנטום. ביידע האָבן באַוויזן גרויסע דערגרייכונגען אין לעבן פון אונדזער פאָלק, ביידע האָבן איבער־געלאָזט גרויסע אוצרות פאַר די ווייטערדיקע דורות.

וואָס איז אין גרונט געווען דער אונטערשייד פון די צוויי סטילן לעבן אין גאַנג פון אונדזער פאָלק? ביי די ספרדישע יידן אין קאָרדאָוואַ, וואַ־לענציע, באַרצעלאָנע, צוערשט אונטער דער ווירקונג פון דער רייכער איסלאַמישער קולטור, שפּעטער אונטער דער השפּעה פון דער קריסט־לעכער קולטור אין די פירשטלעכע און קעניגלעכע הויפן, קומט אויף אַ יידיש לעבן, וואָס איז אָריענטירט צו דער גרויסער וועלט מחוץ די דלד אמות פון יידישן לעבן. די יידישע געמיינדעס אין שפּאַניע גיבן אַרויס פּאָליטיקער, פינאַנסיסטן, פילאָסאָפן, אַסטראָנאָמען, וויסנשאַפטלער, אָבער ס׳איז אַ לעבן און ס׳איז אַ קולטור וואָס איז בעיקר צוויי־פּאָליוסדיק. עס איז אַ געמיש, אַ צונויפלעבן זיך פון יידיש־איסלאַמישער און פון יידיש־העלענישער קולטור.

די פאָרמען פון דער פילאָסאָפיע, די קאָנצעפּציעס פון דענקען ווערן גענומען ביי די גריכישע דענקער, ביי אַריסטאָטעל, ביי פּלאַטאָן און ביי די אַראַבישע פּלאַטאָניקער. עס איז פאַראַן אַ פאָדעם וואָס פאַרבינדט די יידישע וועלט מיט דער דרויסנדיקער ניט־יידישער וועלט. דאַקעגן, פאַר־מאָגט ניט ספרדישע יידישקייט קיין פאָלקסטימלעכקייט. ס׳איז אַ קולטור וואָס שטאַמט פון אויבן. ס׳איז געווען אַ מזרח־וואַנט, אָבער עס פעלן אין איר אַלע אַנדערע ווענט, וואָס עס דאַרף האָבן דער בית־מדרש פון לעבן. די גרויסע מענער, די געלערנטע, די פילאָסאָפן, די דיכטער, זיינען באַ־גייסטערט פון דער אַראַבישער דיכטונג און פילאָסאָפיע; די אַראַבישע דיכטונג, פילאָסאָפיע און עטיק איז אָפּטמאַל דער פּראָטאָטיפּ פאַר די יידישע געלערנטע.

די גאוני־הדור האָבן געווידמעט זייער לעבן דער פאָרשונג. זייערע ספרים זיינען באַשטימט פאַר יחידי סגולה. עס איז אַ יידישקייט וואָס איז גייסטיק — אַריסטאָקראַטיש, עס איז אַ תורה און אַ פאָרעם פון לומ־

דות, וואָס איז אַריסטאָקראַטיש. סיי די שפּראַך, און סיי דער אופן איז פאַרשטענדלעך נאָר פאַר דעם למדן, פאַר די יחידי סגולה.

א סך פון די גדולי־הדור האָבן זיך ניט געקאָנט אין גאַנצן אויסלעבן אין דער יידישער סביבה און ציען דאָרט די פולע יניקה און געפינען אין איר אויך די פולע באַפרידיקונג. ספרדישע געלערנטע שרייבן טיילן פון זייערע ווערק, אַריינגערעכנט שאלות ותשובות, פירושים אויף דעם תנ״ך, אויף דער משנה און גמרא, אויף אַראַביש. אַזוינס איז זיך גאָרנישט מעג־לעך פאָרצושטעלן אין פוילישן אָדער אין ליטוויש־יידישן שטייגער. דער ווילנער גאון, אַ שטייגער, זאָל שרייבן אויף ליטוויש אָדער אויף רוסיש, דער בעל־שם־טוב זאָל שרייבן אויף אוקראַיניש אָדער רומעניש. אין דעם אשכנזישן (פוילישן, רוסישן, ליטווישן) יידנטום ווערט צוריק דערגרייכט די גרויסע באַהעפטונג צווישן תורה און פאָלק!

אשכנזישע יידן באַשאַפן זייער אייגענעם שטייגער לעבן, וואָס איז גאַנץ, וואָס איז אייגנאַרטיק, וואָס איז געווענדעט צו זיך אַליין. יידן אין אשכנזישער תקופה שטייען העכער פון די פּרימיטיווע גערמאַנישע און סלאַווישע פעלקער. זיי שטייען גייסטיק העכער און זיי אַנטוויקלען אַן אייגנאַרטיקן געמיינדע־לעבן מיט דיינים, ראשי־ישיבות, מיט אַ יידישער אַליין־פאַרוואַלטונג אין דער פאָרעם פון ועד ארבע הארצות. עס איז אַ לעבנס־שטייגער, וואָס איז געבויט אויף אייגענע טראַדיציעס, וואָס וויל קולטיווירן דאָס אייגנאַרטיקע און באַזונדערע. אשכנזישע יידן אַרט גאָר־נישט די דרויסנדיקע וועלט. זיי שרעקן זיך נישט אָפּ פאַר איר און פאַלן נישט פאַר איר כורעים. זיי נעמען נישט איבער פון די אַרומיקע קולטורן נישט קיין תוך און נישט קיין פאָרעם (י. העשל). אַלץ, וואָס ווערט געשאַפן איז פון יידן פאַר יידן. די ספרים, די פירושים, די חסידישע תורהס, די שאלות און תשובות, די ספרי מוסר, די פילאָסאָפישע און עטישע ווערק. קיין שום אַפּאָלאָגיעס, קיין התנצלות, קיינע פאַרגלייכונגען ווערן נישט געמאַכט מיט אַנדערע. דאָס איז דער נוסח אַשכנז!

אָנגעהויבן האָט זיך דער נוסח נאָך אין דייטשלאַנד ביי דעם ריין אין די שטעט וואָרמס, מיינץ, קעלן, אין דער ישיבה וואו עס האָט געלערנט רבי מאיר, רבי יהודה חסיד, דער גרויסער רבנו שלמה יצחקי. עס איז אַ לעבנס־שטייגער פון יידישקייט, וואָס פאַרמאָגט וואָרצלען און די וואָרצלען גייען טיף: אין דור שפּאַרט זיך אָן אויפן צווייטן, וואָרמס און מיינץ שפּאַרן

זיך אָן אויף סורא און פומבדיתא, און סורא און פומבדיתא שפּאַרט זיך אָן אויף יבנה, און יבנה גייט צוריק צו ירושלים, און דורך דעם ווערט דאָס קול פון ירושלים, די תורה וואָס קומט פון ירושלים, דערהערט און אויפ־גענומען בכל תפוצות ישראל.

דער מערקווירדיקער כוח צו פאַרוואַנדלען פרעמדע טעריטאָריע אין יידישער טעריטאָריע, די געבענטשטע מעגלעכקייט צו באַשאַפן פון ווילנע אין דער ליטע אַ ירושלים ד׳ליטא, איז אייגנטלעך דער גרויסער כוח וואָס עס פאַרמאָגט דאָס אַשכנזישע יידנטום.

אין מזרח־אייראָפּע פירן יידן גייסטיק אַ זעלבשטענדיק לעבן. זיי פילן זיך נישט ווי אורחים ביי אַ פרעמדער סעודה. סיי אין שטוב, סיי אויפן מאַרק באַהאַלטן ניט די יידן אויס זייער יידישקייט. קומט שמחת־תורה שעמען זיך ניט יידן צו גיין הקפות און אַרויסגיין מיט דער ספר־תורה אפילו אין דרויסן. קומט אַ יידישער יום־טוב, זיינען געשעפטן פאַרמאַכט. יידישע געשעפטן פאַרמאָגן שילדן מיט יידישע אותיות. עס איז ניטאָ קיין שום געפאַלנקייט און חרפּה. עס פעלט דאָס געפיל וואָס קומט אויף ביי יידן אין 20סטן י״ה, דאָס פילן זיך מינעריק.

אַלצדינג ווערט פאַריידישט, די וועלט זעט אויס ווי אַ יידישע וועלט, אַזוי ווי פאַר דעם יידן באַשאַפן געוואָרן. נעמען פון שטעט און לענדער פאַרמאָגן רמזים, דעם נאָמען פוילן האָט מען פאַרטייטשט, שטאַמט פון צוויי לשון־קודשדיקע ווערטער „פה לין״, דאָ וועסטו וואוינען! „פה לין״ איז אָנגעשריבן געוואָרן אויף אַ קוויטל וואָס איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן פון אויבן, און די פאַרטריבענע יידן פון דייטשלאַנד האָבן אים געפונען, ווען זיי זיינען געלאָפן פון שוואַרצן טויט און פון די שחיטות אין דעם נאָענטן פוילן.

פרומע יידן האָבן זיך דערציילט, אַז אין די צווייגן פון די ביימער רוען בלאָנדזשענדיקע נשמות, וואָס וועלן אויסגעלייזט ווערן ווען אַ פרומער ייד וועט זיך אָפּשטעלן און אויפהויבן זיין קול אין תפילה.

מיר זעען, אַז דאָס גאַנצע קאָלעקטיווע לעבן פון יידן איז דורכגענומען און באַשטראַלט געוואָרן פון יידישקייט; דעריבער איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס די סאָציאַלע שיכטן אין דער געזעלשאַפט זיינען געווען אויסגע־בונדן און נאָענט. ס׳איז נישט געשטאַנען קיין וואַנט צווישן תלמיד־חכם

און פּשוטן יידן. ס׳איז ניט געווען קיין וואַנט צווישן דעם ישובניק און דעם למדן. דער דאָרפס־ייד וואָס פלעגט קומען אויף יום־טוב אין בית־מדרש פלעגט זיך פילן אַזוי דערהויבן פון די וואונדערלעכע רייד פון מגיד, ווי דער שטאָטישער בעל־מלאכה און דער שיינער באַלעבאָס. לייענט מען די יידישע כראָניקעס זעט מען פאַר די אויגן אַ גאַלעריי טיפּן, פאַרשיידן אין זייער סאָציאַלן אָפּשטאַם, פאַרשיידן אַפילו אין דעם לייטער פון חשיבות, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַפילו אין דער קליינער יידישער געמיינדע, אָבער דאָך זיינען זיי אַלע נאָענט פאַרבונדן ווי קינדער פון איין פאָלק פון אברהם, יצחק און יעקב.

קומענדיק אין דער פרעמד האָבן די אייניקלעך פון די חשמונאים און קעמפער קעגן טיטוס הרשע, דער איבערבלייב פון די קנאים אין ירושלים און פון די תנאים וועלכע זיינען געזעסן אין יבנה, אומעטום מיטגעבראַכט אַ מין גבול, זיי האָבן באַשאַפן אַ גבול פון שטח און פון צייט און דורך דעם דערקלערט זייער אייגענע סוואווערעניטעט און זייער רעכט אויף אַ יידיש לעבן.

פון דרויסן האָט דאָס לעבן געקאָנט אויסזען זייער באַשיידן, אָבער אינעווייניק איז עס געווען רייך. דער ייד האָט זיך דורך דורות אויסגעלערנט אין דעם שטח פון צייט איינשטעלן זמנים, פון וואָך און פון יום־טוב, זמנים, וועלכע זיינען געווען פאַרבונדן מיט די פאַרשיידענע תקופות פון זיין געשיכטע. סוכות האָט געהאָלפן צו דערמאָנען די קינדער פון ישראל וועגן זייערע וואַנדערונגען אין מדבר; ראש־השנה — צו דערמאָנען דעם ניי־יאָר אין דעם לאַנד פון וואַנען דער ייד איז געקומען, און יום־כפור, דער טאָג פון יום הדין, ניט נאָר פאַרן יידן, נאָר פאַר דער גאַנצער וועלט. בעת די יידישע יום־טובים זיינען אויך די יידישע מאכלים פון גשמיות פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רוחניות. יידן האָבן אַפילו דעם מאכל געמאַכט פאַר אַ סימבאָל און פאַר אַ מיטל צו פאַרגייסטיקן דאָס לעבן. יידן האָבן אויסגעשפּרייט אַן אייגענעם גבול און זיי האָבן אים כסדר דורך מנהגים אויסגעברייטערט. אויף דעם אופן האָבן זיי פון אינעווייניק אויס אויסגעבויט, אַפילו אין דער פרעמד, אַ לעבן וואָס איז געגאַנגען אויף דורות ווייט צוריק צום יידישן מקור און דורך דעם אויפגעהיט יידישע זעלבשטענדיקייט און יידישע טראַדיציע.

*

וואָס קאָנען מיר פון דעם אָפּלערנען פאַר אונדזער היינט און אונדזער היינטיקן יידישן קיום?

איך וואָלט געזאָגט, אַז דער ערשטער מאָמענט, וואָס מיר וואָלטן געדאַרפט אַרויסהויבן, אין שייכות מיט דעם מזרח־אייראָפּעאישן לעבן, איז דער פּרינציפּ פון אַ דעמאָקראַטישער יידישער געמיינדע, אין וועלכער אַלע שיכטן פון פאָלק נעמען אָנטייל, דעם פּרינציפּ פון אַ שטייגער־לעבן, פון אַזעלכע סאָציאַלע אינסטיטוציעס, וואָס זוכן אַריינצוציען אין געזעל־שאַפטלעכן שטייגער אַלע שיכטן פון פאָלק.

אָט דער שטריך פון דעמאָקראַטישקייט, אָט דאָס געפיל פון כל ישראל חברים, מוז ווערן אַ גרונט־שטריך פאַר דעם יידישן לעבן וואָס פאָרמירט זיך דאָ, פונקט ווי ער איז געווען אַ גרונט־שטריך פון טויזנט יאָר פּוילן. עס קאָן קיינמאָל ניט האָבן קיין לאַנגן דויער אַ קהילה־לעבן, אויב נאָר די שיינע באַלעבאַטים און נאָר די „פירשטלעכע" יידן, וואָס זיינען גרויס ביי מלכות, וועלן באַשטימען דעם גורל פון אונדזער פאָלק. דאָס פאָלק אַליין מוז האָבן אַ דעה אין דעם גאַנצן גאַנג פון יידישן לעבן.

אין דעם פאַל דאַרפן מיר קאָנען פאַרבינדן די דעמאָקראַטישע טראַדי־ציעס פון נוסח־אשכנז, צוזאַמען מיט די דעמאָקראַטישע טראַדיציעס פון די נייע ציוויליזאַציעס אין וועלכע מיר לעבן.

דעם צווייטן מאָמענט, וואָס מיר דאַרפן אַרויסהויבן, איז דער פּרינציפּ פון פאָלקסטימלעכקייט. אָט דער פּרינציפּ פון פאָלקסטימלעכקייט מוז אַרויפלייגן אַ חותם אויף אַלץ וואָס מיר טוען. די אינסטיטוציעס פון דער „פאָלקסטימלעכקייט" גיבן אַ מעגלעכקייט אַלע שיכטן פון פאָלק אָנטייל צו נעמען אין דעם קולטור־לעבן פון פאָלק. די יידישע ליטעראַ־טור, למשל, איז געווען דער וואונדערלעכסטער אויסדרוק פון יידישער פאָלקסטימלעכקייט. דער יידישער ליטעראַטור איז געווען באַשערט יענער נסימדיקער שפּרונג פון דער פּשוטער פאָלקס־מעשה צו דער היסטאָרישער נאָוועלע פון אַפּאַטאָשו, פון י. י. זינגער, פון דעם פּשוטן פאָלקס־ליד, צו אַן אברהם ליעסין, אַן אברהם רייזען און אַ מאַני לייב.

די פּורים־שפּיל איז גרויס געוואָרן אויף די ברעטער פון דער יידישער בינע אין דער דראַמע פון יעקב גאָרדין, דוד פּינסקי, און אין דער

דראַמע פון ה. לייוויק. וואָס פאַר אַ גוואַלדיקער מהלך איז צווישן דער פאָלקס־מעשה, דער פורים־שפּיל, דאָס רחמנות־ליד און די נייע גרויסע, וואונדערלעכע מייסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור.

דער שטריך פון פאָלקסטימלעכקייט איז אייגנטלעך געווען די בענטשונג פון דער לעצטער תקופה פון מזרח־איראָפּעישן יידנטום. גראָד דעם קולטור־שטייגער, וועלכער האָלט זיך אין אויספורעמען אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, פעלט דער דאָזיקער געבענטשטער מאָמענט פון יידישער פאָלקסטימלעכקייט, וועלכער האָט גרויס געמאַכט און דערהויבן דאָס פּוילישע יידנטום. עס מוז זיין אונדזער שטרעבונג, אונדזער אָנשטרענגונג, אויפצוהיטן אין יידישן לעבן אָט דעם היסטאָריש באַלעבנדיקן הומאַנעם פּרינציפּ פון פאָלקסטימלעכקייט, וואָס האָט אַזוי גרויס געמאַכט די פאַרגאַנגענע תקופות פון מזרח־איראָפּעאישן יידנטום.

דער דריטער פּרינציפּ, וואָס עס האָט אַריינגעבראַכט דאָס אַכשנזישע יידנטום איז געווען דאָס געפיל פון באַשטענדיקייט און אייביקייט פון יידישן לעבן און פון דעם יידישן פאָלק. דאָס איז געווען אַן אַלטע ירושה וואָס איז אויפגעהיט געוואָרן נאָך פון די צייטן פון תנ״ך. אָט דער גלויבן, וואָס האָט נאָך באַהערשט אונדזערע אָבות איז צום שטאַרקסטן אויפגעהיט געוואָרן אין אשכנז; אַפילו ביי די וועלטלעכע נאַציאָנאַלע שיכטן איז אויפגעהיט געוואָרן דער גלויבן, וואָס צום ערשטן מאָל טרעפן מיר אים אין חומש. די מעטאַפיזישע אמונה אין דער אייביקייט פון יידישן פאָלק, אין זיין באַשערטקייט אויף גרויסע מעשים אין דער וועלט, איז אויפגעהיט געוואָרן אין אַלע מאָדערנע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען.

עס איז פאַראַן אַ גרויסע נפקא מינה אין דעם געמיט פון אַ פאָלק, צי ער נעמט אָן דעם תנאי פון אייביקייט אָדער דעם תנאי פון דערוויילִיקייט. די זיכערקייט, אַז זיינע מעשים האָבן אַ מאָרגן, די זיכערקייט, אַז וואָס ער טוט וועט בלייבן אין דער וועלט, דאָס איז אַ כוח וואָס גיט צו אונדזערע מעשים פליגלען, וואָס שטאַרקט אונדז.

איך וואָלט געזאָגט, אַז אין דעם אַמעריקאַנער יידישן לעבן איז במשך פון דעם לעצטן פערטל יאָרהונדערט שטאַרקער געוואָרן דער כוח וואָס בויט אַלץ מיטן אויסקוק אויף באַשטענדיקייט, אויף פּערמאַנענטקייט, לגבי אַ געזעלשאַפטלעך־פילאַנטראָפּישן סענטימענט, וואָס האָט פריער געאַרבעט נאָך אַרויסגייענדיק פון דעם פּרינציפּ פון דערווייליקייט. הילף

אויף יענער זייט ים, איז אַ דערוויילִיקע אַרבעט. אַפילו שפּיטאָלן, וואָס מען בויט, בויט מען דערווייליק. אָרעמע מענטשן שטיצט מען ביז זיי וועלן זיך קאָנען אַליין שטעלן אויף די פיס. עס איז אייגנטלעך געווען דער נייער אימפּעט, וועלכן עס האָבן אַריינגעבראַכט די פּוילישע, רוסישע, ליטווישע, ד"ה מזרח־אייראָפּעאישע יידן, וואָס האָבן אַרויסגעשטעלט ביים בויען יידישע אינסטיטוציעס אין אַמעריקע דעם קהילה־פּרינציפּ, ד"ה דעם פּרינציפּ פון פּערמאַנענטקייט, באַשטענדיקייט. יאָ, מיר וועלן בלייבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַ יידישער ישוב און מיר זוכן אין דעם יידישן ישוב אויפצוהיטן אונדזערע אייגענע אינסטיטוציעס, סאָציאַלע, פילאַנטראָפּישע, קולטורעלע, רעליגיעזע, פאָלקישע, ווייל מיר ווילן זיך אויפהיטן ווי אַ נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו.

דער פערטער מאָמענט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אַשכנזישער ירושה, ווערט ערשט גאָר אין דעם לעצטן יאָרצענדליק קלאָר, — דאָס איז אונדזער מאָראַלישע פאַרפליכטונג צו בלייבן יידן און צו קעמפן פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער צוקונפט אומעטום, וואו דער גורל האָט אונדז באַשערט צו לעבן. עס איז אַמאָל געווען דער ענטפער פון פּאָליטישן ציוניזם, אַז אין די לענדער וואו די יידן ווערן באַדריקט פּאָליטיש, עקאָנאָמיש וועלן זיי אונטערגיין פיזיש ווי אַ פאָלק. דאַקעגן, אין די לענדער פון גלייכבאַרעכטיקונג, וואו יידן זיינען עמאַנסיפּירט, וואו זיי האָבן אַלע פּאָליטישע פרייהייטן, וועלן זיי דורך אַסימילאַציע אונטערגיין קולטורעל און גייסטיק. ישראל און די יידישע מדינה, האָט מען פאַרשטאַנען, ווי די איינציקע זיכערע פעסטונג וואָס וועט דאַרפן פאַרזיכערן דעם קיום פון יידישן פאָלק.

אונדזער דור האָט זוכה געווען צו זען אין פרייד און אין צער דעם אויפקום פון דער יידישער מדינה. די יידישע מדינה ביים היינטיקן טאָג איז ניט מער דער קנין פון איין פּאָליטישער ריכטונג אין יידישן לעבן, עס איז דער קנין פון גאַנצן פאָלק. אין דער אייגענער צייט ווערט אַלץ מער קלאָר, אַז גרויסע שיכטן פון אונדזער פאָלק איז היסטאָריש באַשערט צו בלייבן אין יידישע ישובים מחוץ דער מדינה, סיי אין די אַמעריקעס און סיי אין אייראָפּע. זאָלן יידן לעבן דאָרט מיטן געפיל, אַז זיי איז ניט באַשערט קיין שום ווייטערדיקער נאַציאָנאַלער קיום? זאָלן זיי אַרבעטנדיק פאַר דער יידישער מדינה אַראָפּנעמען פון זיך די פאַרפליכטונג אויפצוהיטן זיך און זייערע קינדער ווי יידן? עס איז די ירושה פון אשכנז, די ירושה

פון פוילישן יידנטום, אַז דער עול מלכות שמים און דער עול פון יידיש־קייט איז גילטיק פאַר דעם יידן אומעטום, נישט נאָר אויף דער פריי, נישט נאָר אין דער נאָענטקייט פון אַן אייגענער יידישער סביבה, וואָס באַשיצט דעם יידישן מענטשן מיט יידישע אינסטיטוציעס. נישט נאָר אין דער דעמאָקראַטישער פרייער יידישער געמיינדע ווי מיר האָבן אין אַמעריקע, אָדער אין אַ פרייער יידישער מדינה, מוזן יידן אָפּהיטן זייער יידישקייט, נאָר אויך אין געטאָ און אויף פאַרשיקונג, אַזוי האָבן יידן אַלעמאָל געפילט. אין ערגסטער באַדריקונג, אין דער גוואַלדיקסטער געפאַלנקייט, פונקט ווי אין דער פולער פרייהייט, איז דער עול מלכות שמים גילטיק פאַר דעם יידן, פונקט ווי עס איז גילטיק דער עול פון מענטשלעכקייט און מענטש־לעכער מאָראַל.

יידן בויען היינט צו טאָג מיט גרויס מי און מסירת נפש מדינת ישראל, וואו די צוקונפט פון יידן ווי אַ פּאָליטישע נאַציע ווערט פאַרזי־כערט, אָבער יעדן יידישן ישוב איז באַשערט צו בויען די תפוצות ישראל ווי אַ „גייסטיקע נאַציע" (ש. דובנאָוו), ווי יידן האָבן דאָס במשך פון דורות געטאָן. איין זאַך שטייט ניט אין סתירה מיט דער צווייטער, איין זאַך פאַרפליכט די צווייטע.

מען קאָן היינט ניט אַרויסטרעטן פאַר איזאָלאַציע אין יידישן לעבן. דער מענטש קאָן היינט ניט לעבן איזאָלירט פון דער גרויסער קולטור־ספערע, פון דער רייכער אַמעריקאַנער אָדער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע אין וועלכער מיר וואַקסן אויף, אָדער מיר וואַקסן אַריין. דער נייער לעבנס־שטייגער און קולטור־שטייגער וואַקסן אַריין אין אונדז און דורך אַלע נשמה־קעמערלעך פון אונדזער לעבן באַהערשן זיי אונדז אַלץ מער און מער. בכלל איז קיין שום לאַנד, קיין שום מלוכה, קיין שום פּאָליטישע אַקציע היינט־צו־טאָג נישט איזאָלירט. די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע, די מאַשין־ציוויליזאַציע, דער טעלעגראַף, די ראַדיאָ, אַלע גיכע מיטלען פון קאָמוניקאַציע (באַנען, שיפן, עראָפּלאַנען) האָבן אָפּגעשאַפט די גרענעצן פון טעריטאָריע. וואָס עס ווערט אונטערגענומען אויף איין ווינקעלע פון דער ערד, אויף אַ קאָנסטרוקטיוון צי דעסטרוקטיוון אופן, נעמט באַלד באַווירקן אַלע אַנדערע מלוכות, פעלקער און מענטשלעכע קאָלעקטיוון. די אַטאָמישע באָמבע ביים היינטיקן טאָג האָט קליין געמאַכט אונדזער וועלט, האָט געמאַכט סכנותדיק די טעג פון אונדזער לעבן. מיר זעען

ווידער אַמאָל ווי עס פאַרברידערט אונדז איין גרויסער בונד פון לעבן און פון אומקום.

אָבער אין דער זעלביקער צייט קומט אויף אין דער גאַנצער וועלט, ביי אַלע קולטור-פעלקער, אַפילו די, וועלכע האָבן די שטאַרקסטע מלוכות און אוודאי ביי נייע פעלקער, וואָס שיילן זיך איצט אויס, נאָך תקופות פון אימפעריאַליזם. די פּראָבלעם ווי אַזוי קאָן מען אויפהיטן פּלוראַלישקייט; ווי אַזוי קאָן מען אויפהיטן, פון איין זייט, די היסטאָרישע קולטור-אייגנאַר־טיקייט, און, פון דער אַנדערער זייט, ווי אַזוי קאָן מען גלייכצייטיק אַקצעפּטירן דעם נייעם טעמפּאָ פון לעבן, דעם שטייגער פון דער אינדוס־טריאַליזאַציע, פון דער גרויסער שטאָט, פון דער מאַשין און פון דעם נייעם לעבנס-טעמפּ וועלכן זיי ברענגען.

ניט אַלע מאָל איז דער נייער לעבנס-שטייגער אין פולן הסכם מיט די טראַדיציעס און מיט די קולטור-ווערטן פון פאָלק. די סכנה פון נייעם קולטור-קאָנפאָרמיזם איז בכן ניט נאָר אונדזערע אַ יידישע פּראָבלעם. אַ סך פעלקער, אַלע, וואָס מוזן פאַרבינדן אַלט און ניי, וואָס מוזן פאַרבינדן דעם אייגענעם קולטור-שטייגער מיט דעם נייעם טעמפּאָ פון דער צייט, שטייען פאַר דעם נסיון.

ביים היינטיקן טאָג איז דאָס אָפּט די פּראָבלעם פון מאָדערנעם מענטשן בכלל. מער נישט, דער יידישער יחיד, וואָס לעבט אין די תפו־צות פילט עס שווערער דערפאַר, ווייל אונדז פעלט די טעריטאָריעלע גאַנצקייט, אַפילו נאָך דעם אויפקום פון דער מדינה. עס איז נישטאָ דער אַלגעמיינער יידישער פאָלקס-שטייגער, וואָס זאָל קאָנען געבן אַ קאָלעק־טיוון ענטפער אויף די פּראָבלעמען וואָס רירן אונדז אָן. בלייבט דאָס אָפּט אַ דילעמע פאַר יעדן איינציקן יידישן יחיד, בלייבט דאָס אַ שפּאַנונג אויף וועלכער יעדער איינציקער מוז לויט זיין אייגענעם געוויסן, לויט זיין אייגענעם פאַרשטאַנד געפינען אַן אויסוועג. קאָן אָבער אַ מענטש געפינען אַן אויסוועג פאַר די גרויסע פּראָבלעמען נאָר אינדיווידועל? אפשר קענען דאָס טאָן יחידי סגולה, די גרויסע שעפערישע און אומרואיקע גייסטער פון אַ דור, דאָס קומט אָבער צו זיי אויך ערשט נאָך לעבן-לאַנגן פּיין און בלאָנדזשעניש. בדרך כלל, מוז אַ מענטש צונויפבינדן זיין אינדיווידועלן ענטפער מיט דעם ענטפער, וואָס עס גיט זיין סביבה, זיין פאָלק, זיין דור, די היסטאָרישע תקופה וואָס האָט אים באַשאָנקען מיט שכל הישר.

דער מענטש באַדאַרף האָבן די וואָרצלען און די שטאַרקונג פון אַ קולטור־ירושה. זי קאָן מאַכן אונדזער לעבן שענער, זיכערער און גליקלעכער. מאָדערנע יידן היינט־צו־טאָג נייטיקן זיך אין דער שטאַרקונג, וואָס עס קאָנען אונדז געבן די פריערדיקע יידישע דורות. מיר דאַרפן זייער גרויסע מסירת־נפשדיקע ליבע צום לעבן, זייער בענקשאַפט אויפצוהיטן זיך ווי אַ פאָלק, זייער חכמה, ווי אַזוי אויפצוהיטן זיך ווי משפחות און אויפצוהיטן זיך ווי יחידים.

עס איז געווען דער שטייגער פון אשכנז, ניט נאָר אין דער שעה פון סכנה צו באַווייזן אַנטשלאָסנקייט, פאָלקישע געטריישאַפט, היסטאָרישן באַוואוסטזיין, נאָר אויך בכל יום ויום זיך איינצושטעלן פאַרן רעכט צו לעבן ווי יידן. וואָרעם לעבן איז אַ הייליקע זאַך, לעבן, אַפילו אין דער וואָכעדיקייט איז אַ גרויסער מענטשלעכער נסיון.

(רעפעראַט, געהאַלטן אויפן פאָרום פון אַרבעטער־רינג אין פילאַדעלפיע, 1958).

דער נייער טראַדיציאָנאַליזם און די מאָדערנע דערציאונג

דער ווערט פון היסטאָרישער טראַדיציע סיי אין לעבן פון דער געזעלשאַפט, סיי אין דער דערציאונג, איז במשך פון לעצטן פערטל יאָר־הונדערט געוואָרן אַ סך מער חשוב ווי ווען עס איז במשך פון די לעצטע הונדערט און פופציק יאָר. מען קאָן אין דעם איינזען אַ פאַרקערטע טענדענץ פון דער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער אויפקלער־באַוועגונג אין 18טן יאָרהונדערט און איז שפּעטער פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך די גרויסע רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין מזרח־ און מערב־אייראָפּע במשך דעם 19טן און 20סטן י״ה. דער רעוואָלט קעגן עבר און קעגן די איינגעשטעלטע טראַדיציעס אין דער געזעלשאַפט, פּאָליטיק, קונסט און דערציאונג איז געווען דער אויסדרוק פונעם רעוואָלוציאָנערן צייט־גייסט, וואָס האָט באַהערשט אַ היסטאָרישע תקופה.

אויך אין יידישן לעבן איז אויפגעקומען במשך פון 19טן י״ה די גרויסע אומצופרידנקייט מיט דער פאַרגאַנגענהייט און מיט דער אייגענער קעגנוואַרט. די טענדענץ האָט זיך אַרויסגעוויזן אויף פאַרשיידענע אופנים:

א) די משכילים זיינען אויפגעבראַכט אויף דער ניט־פּראָדוקטיווקייט פון די יידישע פרנסות, אויף דער גרויסער יידישער טאַרבע. דער זיידע מענדעלע איז בייז אויף קאַבצאַנסק, טונעיאַדעווקע, אויף די אומגערעכ־טיקייטן, וואָס קהל באַגייט; י. ל. פּרץ, אין זיין משכילישער תקופה, שיל־דערט דאָס יידישע לעבן קריטיש, גראָטעסק, און זעט מער די וואָכעדיקייט ווי דעם שבת קודש; די השכלה באַדויערט די יידישע איזאָלירטקייט צווישן די אומות העולם און דעם קנאַפּן קאָנטאַקט מיט דער אייראָפּעאישער קולטור.

ב) דער רעוואָלוציאָנערער דור טרעט אַרויס קעגן אַלטן דור, קעגן דער אָפּגעלעבטער אמונה, קעגן די סאָציאַלע און פּאָליטישע פאַרהעלטע־נישן אין דער געזעלשאַפט. דער באַגער איז זיך אָפּצוזאָגן פון דער אַלטער וועלט, אירע עוולות און אומגערעכטיקייטן.

ג) די נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וואָס קומט אויף אין יידישן לעבן סוף

19טן י״ה — דער פּאָליטישער ציוניזם — איז דורכאויס קעגנעריש געשטימט לגבי אַלע פֿאָרמען פֿון יידישן לעבן אין דער קעגנוואַרט. ער זעט פֿאַר גרויסע רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען אין יידישן לעבן, דורך וועלכע דאָס צעשפּרייטע פֿאָלק וועט זיך צוריק אומקערן אין זיין היסטאָרישן היימלאַנד. אַלץ וואָס איז פֿאַרבונדן מיט יידישער צעשפּרייטקייט, מיט הונדערטער יאָרן יידיש־לעבן, נאָך דער תקופה פֿון פּאָליטישער זעלבּ־שטענדיקייט אין ישראל, ווערט באַטראַכט ווי גלות.

גלותדיק זיינען די יידישע פּרנסות, די שלעכטע מידות און די יידישע געפֿאַלנקייט. אין שטריך פֿאַראייניקט די השכלה, די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג און דעם ציוניזם, — דאָס איז זייער אַנטיטראַדיציאָנעלקייט. די פֿאַרגאַנגענהייט און די קעגנוואַרט זיינען שלעכט, אָבער דערפֿאַר וועט די צוקונפֿט זיין גנעדיק און גוט. דער אָפּטימיזם איז אומגלויבלעך. מען קאָן אַזוי שאַרף קריטיקירן, ווייל מען וויס, אַז עס איז נאָר לטובה; מען שרעקט זיך ניט פֿאַר קיינע רעוואָלוציאָנערע מעשים, ווייל מען גלויבט אין דער זיכערקייט פֿון דער מענטשלעכער קולטור און ציוויליזאַציע; מען ספֿקט ניט אין דעם כּוח פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט אַריבערצוטראָגן אַלע טראַנספֿאָרמאַציעס, אַלע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אויפֿטרייסלונגען.

דער גלויבן אין דעם גליקלעכן מאָרגן גייט האַנט־אין־האַנט מיט דעם גלויבן אין דעם כּוח פֿון וויסנשאַפֿט און פֿון מענטשלעכער ראַציאָ־נעלקייט. דער שכל ווערט אָנגערופֿן „דער גרויסער קעמפֿער״, וועמען עס איז אוממעגלעך בייצוקומען. ער קאָן אַרויסטרעטן אין קאַמף מיט די פּריווילעגיעס פֿון יחוס און רייכקייט. נאָר אויף אַ צייט קאָן מען איינשמידן אָדער איינפּרעסן דעם מענטשלעכן געדאַנק. מען קאָן אים אָבער ניט אינגאַנצן פֿאַרקנעכטן. די קראַפֿט פֿון דער מענטשהייט ליגט אין דער אַנטוויקלונג פֿון גייסט און געדאַנק, און דערמיט איז פֿאַרבונדן דאָס גליק פֿון די קומענדיקע דורות.

אין דער רעוואָלוציאָנערער און אַרבעטער־באַוועגונג איז דער גלויבן אין מענטשלעכן פֿאַרשטאַנד געווען פֿאַרבונדן מיט דעם גלויבן אין דער אַלמעכטיקייט פֿון דער וויסנשאַפֿט. ניט אומזיסט גיבן זיך די ערשטע אַרבעטער־קרייזלעך אָפּ פּונקט אַזוי פֿיל מיט בילדן די אַרבעטער, ווי מיט אויפֿקלערן זיי וועגן דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע און וועגן דער נויטיקייט צו בייטן די פּאָליטישע סיסטעם פֿון לאַנד. אין די רעדעס ביי

דער ערשטער־מאַי־פאַרזאַמלונג אין ווילנע, אין יאָר 1892, ווערט וויסנ־שאַפט באַצייכנט ווי אַ „ליבנדיקע מוטער״, ווי אַ „געטרייער קאַפּיטאַן״. דער דאָזיקער גלויבן אין וויסנשאַפט און טעכניק דרינגט דורך, ווי עס ווייזט אויס, דאָס גאַנצע עמאָציאָנעלע לעבן פונעם דור רעוואָלוציאָנערן. עס קומט אויף אַ מין רעוואָלוציאָנערער מיטאָס. וויסן און וויסנשאַפט ווערן באַטראַכט ווי גרויסע מעכטיקע כוחות אין לעבן פון דער מענטשהייט, וואָס מוז גיין פאָרויס.

אויך די נייע יידישע שול האָט אויפגענומען די רעוואָלוציאָנערע אידעען. צו דעם איז נאָך צוגעקומען די השפעה פון דער מערב־אייראָ־פּעאישער פּעדאַגאָגיק און אירע לאָזונגען — די דערציאונג פונעם נייעם מענטשן פאַר דער געזעלשאַפט פון מאָרגן!

פּעדאַגאָגישע טעאָריעס

פון זינט די נאָוואַטאָרישע אַרבעטן פון דעם טשעכישן פּעדאַגאָג יאָהאַן קאָמעניוס (17טער י״ה) האָבן אין דער אייראָפּעאישער פּעדאַגאָגיק גענומען ווירקן אַ צאָל גרויסע פּעדאַגאָגישע פּערזענלעכקייטן: פּעסטאַלאָצי. פרעבל, רוסאָ, מאָנטעסאָרי; אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן געווירקט: דזשעימז, דיואי, קילפּעטריק. זיי אַלע האָבן אַרויסגעבראַכט אַ נייעם סכום ממש רעוואָלוציאָנערע אידעען: דאָס קאָנקרעטע און בילדלעכע זאָל מען שטעלן העכער פאַרן אַבסטראַקטן; דאָס לערנען אין קאָלעקטיוו העכער ווי דאָס לערנען אינדיווידועל. אַ פאָדערונג פון דער נייער דידאַקטיק איז געוואָרן, אַז דאָס קינד מוז זיך אַקטיוו באַטייליקן אין לערן־פּראָצעס. צו דעם זיינען צוגעקומען עטלעכע מאָמענטן, וואָס האָבן אין דער פּעדאַגאָגיק אַריינגעשטראָמט פון לעבן גופא. די ציוויליזאַציע פון דער תקופה פון נאָך דעם רענעסאַנס און די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע האָבן אַרויסגע־שטעלט עטלעכע פירנדיקע אידעען: קודם, די ממשלה פון פּראַקטישן. די טעכניק, דער מסחר, די נייע וויסנשאַפט האָבן דאָס געפאָדערט. עס איז געווען אַן אַרויסרוף קעגן סכאָלאַסטישן און מעטאַפיזישן.

די צוויי אַנדערע אידעען זיינען געווען: די שטרעבונג צו פריידיקייט און דער גלויבן אין דער גוטסקייט פון דער מענטשלעכער נאַטור און כאַראַקטער. צו וואָס האָט עס אַלץ געפירט? דאָס האָט געפירט צו אַ מין

סענסואַליזם — די מאַכט, די בכורה פון די חושים: דאָס אויג, האָט מען געפּאָדערט, זאָל ביים לערנען זען און די הענט זאָלן אַרבעטן; די מענטש־לעכע דערפאַרונג האָט מען גענומען באַטראַכטן ווי דעם עיקר.

ווי יעדער נייער איינזען און נייער פאַרשטיין פון דער טבע פון מענטשן, האָבן די נייע פּעדאַגאָגישע פּרינציפּן געשאַפן גרויסע מעגלעכ־קייטן. מאַרי מאָנטעסאָרי האָט שאַרף און קלאָר געזאָגט: „די עוואָלוציע פון מענטשן איז די עוואָלוציע פון דער מענטשלעכער האַנט". עס איז געווען אַזאַ גרויסע נייקייט: מען קאָן אויך לערנען מיט דער הילף פון דער האַנט, די האַנט וואָס פאַרשטייט! די אַנטוויקלונג פון מענטשן־מין איז ניט אַנדערש ווי די אַנטוויקלונג פון זיין פעאיקייט צו פּראָדוצירן דורך אַרבעט מאַטעריעלע און קינסטלערישע גיטער.

מען קאָן זאָגן, אַז די גרויסע אויסבעסערונג וואָס די פּעדאַגאָגיק פון 20סטן י"ה האָט געמאַכט, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט צום ראַציאָנעלן אין מענטשן צוגעגעבן די גרויסע אָנערקענונג פאַר דער מענטשלעכער אַרבעט: די אַרבעט אין וואַרשטאַט, לאַבאָראַטאָריע, גאָרטן, קונסט־אַטעליע א. ד. גל.

איין זאַך האָט באַלד געפירט צו דער צווייטער: די תשוקה נאָכן קאָנקרעטן האָט געפירט צו דעם, אַז דאָס אַרומיקע און נאָענטע לעבן זאָל ווערן חשוב אין דער לערן־אַרבעט פון דער שול. דעריבער האָט מען איינגעפירט היימקענטעניש — די געשיכטע פון דער אייגענער שטאָט און פון אייגענעם דאָרף. דאָס ממשותדיקע און דאָס אינטימע, האָט מען איצט איינגעזען, דאַרפן זיין דער יסוד פאַר דעם גאַנצן פּראָצעס פון וויסן און בילדונג. די דערציאונג איז געוואָרן אין אַ גרויסער מאָס היינט־צענטריש. אַפילו פון דעם עבר האָט מען געזוכט אָפּצוקלייבן נאָר יענע פאַקטן, וואָס קאָנען געבן אַ בעסערן פירוש אויפן היינט.

אין 19טן יאָרהונדערט האָט די גרויסע רעוואָלוציע אין די נאַטור־וויסנשאַפטן גענומען באַווירקן די פּעדאַגאָגיק. פון די נאַטורוויסנשאַפטן, און שפּעטער פון דער היסטאָרישער וויסנשאַפט איז אריינגעדרונגען די אידעע פון אַנטוויקלונג (עוואָלוציע, פּראָגרעס). עס איז אויפגעקומען אַ מין סאָציאַלער דאַרוויניזם. יאָרהונדערטער פון אַנטדעקונגען און רעוואָלוציעס (אינדוסטריעלע און פּאָליטישע) האָט מען געשטעלט אויבן־אָן ווי באַוועג־גער אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. רואיקע

יאָרהונדערטער, אין וועלכע ווייניק האָט זיך געביטן, וואו קיין גרויסע רעוואָלוציאָנערע שנויים זיינען ניט פֿאָרגעקומען, האָט מען געשטעלט אין שאָטן. ווי אָן אַלגעמיינער סך־הכל איז אַרויסגעוואַקסן דער גלויבן, אַז דער מאָרגן וועט זיין בעסער ווי דער היינט, אַז די מענטשלעכע טעכניק, די מאָדערנע קאָמוניקאַציע, די וויסנשאַפֿט וועט באַשאַפֿן אַלץ נייערע און בעסערע פֿאָרמען פֿון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. דאָס וואָס עס שטייט אין וועג זיינען נאָר אָפּגעלעבטע אינסטיטוציעס אין פּאָליטישן, רעליגיעזן און געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿונעם מענטשן. די פֿאַרגאַנגענהייט איז ווי אַ שטיין אין וועג פֿאַר דער מענטשלעכער צוקונפֿט.

אויף דער דערציאונג האָט דער נייער געזעלשאַפֿטלעכער קלימאַט אַזוי געווירקט, אַז די איינשטעלונג איז געווען דורכאויס אויף דער צוקונפֿט, אויף דעם מאָרגן, אויף די פֿאָדערונגען פֿון דער נייער געזעלשאַפֿט און אויף די פֿאַרהעלטענישן וואָס וועלן אין איר הערשן. דאָס קינד און דעם יוגנטלעכן האָט מען גענומען באַטראַכטן ווי די טרעגער, ווי די פֿאַרווירקלעכער און די בויער פֿון דעם נייעם לעבן. אין קיין שום דור האָט מען ניט אַזוי געליבט די יוגנט און זיך געזאָרגט פֿאַר דער קינדהייט. די דערציאונג איז געוואָרן קינדער־צענטריש, און דער באַרימטער פּעדאַגאָג עלען קעי האָט דעם 20סטן יאָרהונדערט אָנגערופֿן „דאָס יאָרהונדערט פֿון קינד".

די גרויסע אַנטוישונג

עס איז די ביטערע איראָניע פֿון דער געשיכטע, וואָס דאָס 20סטע יאָרהונדערט האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין ניט אַזוי דאָס י"ה פֿון קינד, ווי דאָס יאָרהונדערט פֿון פֿאַשיזם, נאַציזם און טאָטאַליטאַרע פּאָליטישע רעזשימען. דאָס אַכזריות, וואָס איז אין דעם י"ה באַגאַנגען געוואָרן, האָט אַריבערגעשטיגן אַלע פֿאָרמען פֿון באַדריקונג און פֿאַרניכטונג, וואָס זיינען געווען באַקאַנט אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

עס זיינען אַרויסגעקומען צום פֿאָדערגרונט עטלעכע גרונטיקע דערשיינונגען פֿון סאָציאַלן לעבן, וואָס האָבן אויך פֿאַר דער פּעדאַגאָגיק געמוזט האָבן אַ באַטייט:

א) די סאָציאַלע סטרוקטור פֿון אונדזער געזעלשאַפֿט, האָט זיך

אַרויסגעוויזן, איז גאָרניט אַזוי שטאַרק, אַז זי זאָל אַלץ קאָנען אויסהאַלטן און ניט צוזאַמענברעכן. דאָס וואָס עס איז פאָרגעקומען אונטערן פאַשיזם און נאַציזם אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט באַוויזן, אַז עס איז מעגלעך אַ פולשטענדיקער צוזאַמענברוך פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע און מאָראַל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מענטשלעכע מידות, לעגאַלע באַציאונגען, געזעצמעסיקייט אין די איינגעשטעלטע באַציאונגען צווישן קלאַסן און נאַציעס קאָנען אויפגעריסן ווערן. איבערהויפט קאָן דאָס געשען ווען אין די באַציאונגען צווישן פעלקער נעמען ווירקן, ווי אַ כוח פון דעזאָרגאַניזאַציע, מלחמות און מלחמה־געפאַרן, רעוואָלוציעס, סאָציאַלע איבערקערענישן, עקאָנאָמישע קריזיסן אד״גל.

איינעם לעבן פון מיליאָנען יחידים און משפחות האָבן געגומען ווירקן דעזאָרגאַניזירנדיק אַזעלכע דערשיינונגען ווי מאַסן־איבערוואַנדערונגען אויז דאָס אויסגעוואָרצלט ווערן פון דער פריערדיקער לעבנס־סביבה; אויך דאָס פּלוצעמדיקע אַריבערגעוואָרפן ווערן פון איין סאָציאַלן קלאַס אין אַ צווייטן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, פירט פאַרן יחיד צו טראַגישע רעזולטאַטן. דער פראַנצויזיש־יידישער סאָציאָלאָג עמיל דיורקהיים האָט אין זיינע אַרבעטן ניט איין מאָל אויפגעוויזן, אַז דאָ איז ניט קיין פראַגע נאָר פון אַרונטערפאַלן פון אַ העכערן קלאַס צו אַ נידעריקערן, אויך דאָס שטייגן פּלוצעם פון אַ נידעריקערן סאָציאַלן קלאַס צו אַ העכערן, קאָן פונקט אַזוי פירן צו געזעלשאַפטלעכער און פערזענלעכער דעזאָרגאַניזאַציע. דער אומבייט אין קולטור־שטייגער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, העלפט צעשטערן לאַנג־איינגעשטעלטע מידות אין מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. יוגנט־פאַרברעכערישקייט און אַנדערע פאָרמען פון געזעצלאָזיקייט ווערן באַגלייט־דערשיינונגען, ווען עס קומט אויף אַ ריס צווישן טאַטע־מאַמע און זייערע קינדער.

ב) דער פאַשיזם און נאַציזם, ווי פּאָליטישע רעזשימען, האָבן געוויזן, אַז איינס פון די מיטלען, וואָס אַ רעזשים קאָן באַנוצן אומצוברענגען אַ פריערדיקע דעמאָקראַטישע אָרדענונג, איז אָפּצושאַפן און אומצוברענגען אַלע פריערדיקע אַסאָציאַציעס פון זעלבשטענדיקע גרופּעס, וואָס עקזיסטירן אין דער געזעלשאַפט צוליב פאַרשיידענע צוועקן — פּאָליטישע, פּראָפעסיאָנעלע, קינסטלערישע, רעליגיעזע, עטנישע אד״גל. די גרופּעס זיינען טרעגערס פון ספּעציעלע טראַדיציעס. זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן

פאַר באַזונדערע אינטערעסן, וואָס מענטשן פאַרמאָגן מחוץ דער אַלגעמיינער גרויסער געזעלשאַפט. יעדע פון זיי זוכט עפּעס אייגנטימלעכס אויפצוהיטן און איבערצוגעבן אויף ווייטער. דאָס צעשטערן דעם ביזאַהעריקן סאָציאַלן געבוי, דאָס מאַכן דעם יחיד אינגאַנצן אָפּהענגיק פון דעם שטאַט, פון די נייע דאָקטרינען, איז אַ מיטל ווי אַזוי אָפּצושאַפן די פרייהייט און די מאָס זעלבשטענדיקייט, וואָס הערשט אין יעדער נאָרמאַלער געזעלשאַפט פאַר יחידים און מינאָריטעט־גרופּעס.

ג) די סאָציאָלאָגישע, פּסיכיאַטרישע און קולטור־אַנטראָפּאָלאָגישע פאָרשונגען, במשך פון די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר, האָבן באַזונדערס קלאָר געגומען אויפגעוויזן, ווי אָפּהענגיק עס איז דער יחיד פון דער גרופּע, ניט נאָר פיזיש און עקאָנאָמיש, דאָס איז פון לאַנג געווען באַקאַנט, נאָר בעיקר אין זיין פּסיכישן לעבן און אין זיין גייסטיקער זיכערקייט (עריק פראָם, קערען האָרניי, ס. סאָליוועז). אַן אומגעהייער וויכטיקע ראָלע שפּילט דער קאָלעקטיוו ביים געבן דעם יחיד דאָס געפיל פון זיכערקייט. די מענטשלעכקייט סיי פונעם דערוואַקסענעם און סיי פונעם קינד איז דורכאויס באַדינגט פון דער געזעלשאַפט, פונעם קאָלעקטיוו אין וועלכן ער וואַקסט אויף.

יעדע סאָציאַלע גרופּע דינט דעם יחיד ווי אַ פּאַנצער וואָס שיצט אים, רעגט אים אָן צו מעשים און שטעלט פעסט די גרענעצן פון זיין מענטשלעכער אַנטוויקלונג. דער יחיד קאָן ניט אויפהיטן זיין זעלבשטענדיקייט, אויב עס ווערט צעשטערט דער כוח פון דער אין־גרופּע, פון דעם ענגערן קאָלעקטיוו, אין וועלכן ער וואַקסט אויף. די היסטאָרישע קאָלעקטיוון ווערן ניט נאָר געפורעמט דורך די קאַטעגאָריעס פון נאַציע, שטאַנד, אמונה, אָרטשאַפט, נאָר אויך דורך אַ סך קלענערע און מער אינטימע פאַרבאַנדן, ווי משפּחה, פּראָפעסיאָנעלע און עקאָנאָמישע פאַרבינד־גרופּעס, עלטער־גרופּעס, חברשאַפטן, קלובן אד״גל.

די גרויסע געזעלשאַפט צעפאַלט אויף אַ סך קלענערע קאָלעקטיוון, וואָס אָן זייער קיום איז ניט מעגלעך קיין אינטעגראַציע פון דעם יחיד מיט דער גרויסער געזעלשאַפט. וואָס עס היט אויף די דאָזיקע קאָלעקטיוון איז ניט אַזוי זייער כוח פון בייטן זיך, נאָר זייער באַשטענדיקייט און די באַשטענדיקייט פון זייער ווירקונג. זיי זיינען אַלע טרעגער פון אַן אינטימער טראַדיציע. זיי שטעלן פעסט אַ באַשטימטן נוסח פון אויפפיר, זיי

היטן אָפּ די אחריות פון מענטשן צום קאָלעקטיוו, זיי זיינען שטרענג אין דער פאָדערונג פון לאָיאַליטעט, זיי פאַרמאָגן ספּעציעלע פאָרמען פון „פאַרטרויטן וויסן״, לויט וועלכן איינער דערקענט דעם צווייטן.

מענטשלעכע זשעסטן, אַלערליי מאַנעריזמען, ספּעציעלע ווערטלעך, עמבלעמען, ריטואַלן, דינען דער געזעלשאַפטלעכער פונקציע צו דערקענען דעם נאָענטן און צו וויסן, ווער עס איז אַן אייגענער און ווער איז אַ דרויסנדיקער.

זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז עס איז געווען דער טעות פון דער מאָדערנער דערציאונג, וואָס זי האָט קיין שום חוש ניט פאַרמאָגט פאַר סאָציאַלער טראַדיציע און פאַר די היסטאָרישע און אָפּטמאָל איראַציאָנעלע עלעמענטן, וואָס שפּילן אַזאַ גרויסע ראָלע אינעם לעבן סיי פון יחיד און סיי פון קאָלעקטיוו. במשך פון הונדערטער יאָרן זיינען די דאָזיקע פאָרמען פון וויסן געווען אַ טייל פון דער דערציאונג, וואָס די משפּחה און די היים האָבן געגעבן. ווען די מאָדערנע שול האָט איבערגענומען די השגחה און גענומען טראָגן די אחריות פאַר דער בילדונג פון קינד, האָט זי אים אָפּגעריסן אין אַ גרויסער מאָס פון די פאַקטאָרן, וואָס האָבן במשך פון דורות געהאָלפן פאָרמירן אַ מענטשלעכע געזעלשאַפט, געבויט אויף אינ־טימע פאַרבינדונגען און שייכותן פון מענטשן אויף פאַרשיידענע געביטן פון זייער צוזאַמענלעבן.

די תקופה פון פאַשיזם און נאַציזם האָט געוויזן, אַז נאָר קאָלעקטיוון מיט שטאַרקע טראַדיציעס, מיט אַ היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט האָבן פאַרמאָגט דעם כוח אַנטקעגנצושטעלן זיך. פּאָליטישע גרופּעס, געבויט אויף די פּרינציפּן פון קלאַס און אידעאָלאָגיע, פאַרבאַנדן, אַפילו פון די איבערצייגטסטע יחידים האָט ניט געקאָנט אַרויסשטעלן קיין אַקטיוון ווידערשטאַנד. אויך גרייטקייט אויף מאַרטירערשאַפט איז געקומען פון היס־טאָריש־באַפעסטיקטע קאָלעקטיוון, וועלכע זיינען געווען צונויפגעבונדן צווישן זיך און האָבן פאַרמאָגט אַ נאַציאָנאַלע טראַדיציע. דאָס האָט קלאָר באַוויזן דער אויפשטאַנד פון די יידן אין וואַרשעווער געטאָ און אַנדערע געטאָס: אַ היסטאָריש־געפורעמטע גרופּע האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, בעת קיין שום פאַראייניקטער ווידערשטאַנד איז ניט געקומען פון גרופּעס, וואָס זייער פאַרבינדונג איז געווען אַ סאָציאַל־פּאָליטישע, אַ קלאַסן־פאַר־

בינדונג, אָדער האָט זיך געשטיצט אויף דער פּריוואַליקער אַסאָציאַציע פון יחידים.

ד) די גאַנצע תקופה פון פּאָליטישע אויפטרייסלונגען האָט גלייכ־צייטיק געוויזן ווי אַזוי עס האָט זיך געביטן אין דער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט די ראָלע פון דעם אינטעלעקטואַל, וויסנשאַפטלער און געלערנטן. די וויסנשאַפט, וואָס האָט אין די ערשטע יאָרהונדערטער פון דער אַנטוויקלונג אַרויסגעגעבן געלערנטע און רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען אַרויסגעטראָטן אָפן אין קאַמף און, ווי גאַלילעי, געענדיקט אין תפיסה, אָדער, ווי דזשאָרדאַנאָ ברונאָ, אויפן שייטערהויפן, זיינען איצט צום גרעסטן טייל געוואָרן אַ סאָציאַל־פּאַסיווער עלעמענט. עס איז געווען דער טראַגישער צושטאַנד פון דעם גאַנצן אינטעלעקטועלן קלאַס אין מערב־אייראָפּע, וואָס אין די יאָרן פון עקאָנאָמישן קריזיס, ערב־פאַשיזם, האָט ער ניט געקאָנט אַרויסוויזן קיין שום פירערשאַפט און ניט געגעבן קיין שום ריכטונג די געשעענישן פון דער תקופה.

דער 20סטער יאָרהונדערט האָט פאַרוואַנדלט וויסנשאַפטלער אין טעכניקער, און זוכער פון וואָס מער און וואָס גענויערע פאַקטן. עס איז אויפגעקומען דער אידעאַל פון אַן אָביעקטיווער וויסנשאַפט, וואָס האָט זיך געשטעלט לגמרי אויף יענער זייט פון גוטס און שלעכטס. די גאַנצע קעמפערישקייט און נאָוואַטאָרישקייט, וואָס וויסנשאַפט האָט אַריינגעבראַכט אין דער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט און דורך דעם אויך אָנגעצונדן דעם נייגער און צוגעבונדנקייט פון די פאָלקסמאַסן און רעוואָלוציאָנערע שיכטן אין דער געזעלשאַפט, איז איינגעשטילט און אויסגעלאָשן געוואָרן אין 20סטן יאָרהונדערט.

די פילאָסאָפיע פון עקספּערימענטאַליזם האָט געלייקנט די מעגלעכקייט פון אַ קלאָרן „יאָ" און ניין". די אמונה אין פאַקטן האָט אינגאַנצן פאַר־ווישט דעם פּרימאַט פון עטישע, מאָראַלישע ווערטן, וואָס זיינען איצט געשטעלט געוואָרן ווי אַ דרויסנדיקע זאַך, אַ „ניט־אָביעקטיווער" פאַק־טאָר; דער דאָזיקער פאַקטאָר דאַרף ניט אַריינדרינגען, האָט מען געמיינט, אין דער מלוכה פון אָביעקטיווע און קאָנטראָלירטע פאַקטן.

די געשעענישן פון די 30ער יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט האָבן ערשט ריכטיק באַוויזן, ווי קלאָר און פאַרויסזעענדיק עס איז געווען דער מהר״ל פון פּראָג, אַ מענטש וואָס איז געשטאַנען אויף דער גרענעץ

פון מיטלאַלטער און דער נייער צייט. דער מהר״ל האָט גוט געקענט און אויך געהאַלטן פון די וויסנשאַפטן פון זיין צייט: מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע; ער האָט אָבער קלאָר פאַרשטאַנען, וואָס די דאָזיקע וויסנשאַפטן און וואָס אין וויסנשאַפט, בכלל, פעלט. דער אונטערשייד פון די נייע וויסנשאַפטן און דער יידישער תורה, האָט דער מהר״ל מיט באַדויערן אויפגעוויזן, איז דאָס וואָס „אין די וויסנשאַפטן פעלט דער פּרינציפּ פון גערעכטיקייט״. אָן דעם עטישן פּרינציפּ, האָט ער געפילט, קאָן קיין שום וויסן נישט האָבן קיין תקומה, ווי אַ פירנדיקער לעבנס־פּרינציפּ פאַרן מענטשן. נאָר אין דער ענגער געבונדנקייט צווישן וויסנשאַפט און עטיק קאָנען איינגעצוימט ווערן די דעסטרוקטיווע כוחות וואָס שטעקן אין יעדער פאָרעם פון וויסן, וואָס גיט דעם מענטשן מאַכט איבער דער נאַטור און איבער דעם גורל פון אַנדערע מענטשן.

דער באַטייט פון ווערטן

שוין אין די מיטן־דרייסיקער האָט זיך אָנגעהויבן אין דער מערב־אייראָפּעאישער און אַמעריקאַנער אינטעלעקטועלער וועלט אַ צוריקקער אין דער ריכטונג פון אָנערקענען דעם באַטייט פון ווערטן, און ניט נאָר פאַקטן. זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן די פירנדיקע נעמען:

דער יידיש־דייטשער סאָציאָלאָג קאַרל מאַנהיים, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון נאַציזם און געפונען אַ היים אין דעם לאָנדאָנער אוניווערסיטעט פאַר סאָציאַלער וויסנשאַפט; דער אַמעריקאַנער דענקער ריינהאָלד ניבור; דער פראַנצויזישער נעאָ־קאַטוילישער פילאָסאָף זשאַק מאַריטען, דער געשטאַלט־פּסיכאָלאָג וואָלפראַם קעהלער, וואָס האָט אין 1938 פאַרפאַסט אַ ווערק: „דאָס אָרט פון ווערטן אין אַ וועלט פון פאַקטן״; דער אייגנאַרטיקער יידישער דענקער מאַרטין בובער, וואָס האָט אין דער גרויסער וועלט זיך געשאַפן אַ גרעסערן שם ווי צווישן זיינע אייגענע ברידער; דער יידישער פּראָפעסאָר פון דערציאונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן י. בערקסאָן, אַ תלמיד פון דזשאָן דיואי און קילפּעטריק; ער האָט פון דאָס ניי אינטערפּרעטירט די שיטה פון פּראַגמאַטיזם אין דערציאונג און אָנגעוויזן אויף דער ענגער שייכות צווישן די דערציאונגס־פּראָבלעמען און דעם היסטאָרישן שטייגער פון אַ פאָלק (בערקסאָן איז צוזאַמען מיט

האַרעס קאַלען אויף דער פֿאָרמולירער פֿון אַמעריקאַנישן קולטורעלן פּלוראַליזם); דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור־קריטיקער עלען טעיט, וואָס האָט מיט אַ סך פּאַרטיפּטקייט געשריבן וועגן דעם ווערט פֿון טראַדיציע אין זיין ווערק „ריזאָן אין מעדנעס" (דער שכל פֿון שגעון); דער שווייצאַ־רישער היסטאָריקער דזשייקאָב בוירקהאַרדט, וואָס זיינע אַרבעטן אין די פֿערציקער יאָרן זיינען פּאָפּולער געוואָרן אין די אַנגלאָזאַקסישע לענ־דער; דער אַמעריקאַנער היסטאָריקער זשאַק באַרזון.

ווי קומען אויף און ווי אַנטשטייען ווערטן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט? אויף דעם מוזן מיר קלאָר און אַנטשיידן ענטפֿערן: זיי וואַקסן אַרויס פֿון דער מענטשלעכער טראַדיציע, פֿון דורות־לאַנגער מענטשלעכער דערפֿאַרונג. זיי שאַפֿן זיך אין די יאָרהונדערטער, ווען עס דוכט זיך אויס, אַז גאָרניט איז געשען, וואָרעם קיין שום רעוואָלוציאָנערע אויפֿטרייסלונגען זיינען ניט פֿאָרגעקומען. די גאַנצע מענטשלעכע עטיק, אַלע סאָציאַלע שייכותן, אַלע מענטשלעכע ווערטן זיינען אויפֿגעקומען במשך פֿון אַ לאַנגן פּראָצעס פֿון אַנטוויקלונג.

די דערציאונג פֿון קינדער, פֿון יוגנטלעכע מוז אויפֿנעמען די היס־טאָרישע ווערטן פֿון דער פֿאָלקס־קולטור. אָן דעם מוז אַ יונגער מענטש אויסוואַקסן פּסיכיש דעזאָרגאַניזירט. קיין יחיד קאָן ניט טראָגן אויף זיינע פּלייצעס אַלע ברירות פֿון אַ „פּריוואַטן" וועלט־באַנעם. קיין יחיד קאָן ניט זיין שטאַרק גענוג איבערצוטראָגן די אומזיכערקייט פֿון לעבן, אויב ער האָט ניט קיין זכות אָבות, דעם כוח פֿון פֿריערדיקע דורות, זייער דערפֿאַרונג, זייער פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דער ווירקלעכקייט.

די פּרימיטיווסטע קולטורן און די סאַמע אַנטוויקלטסטע ציוויליזאַציעס אַנטוויקלען יעדע איינע זייער אייגענעם צוגאַנג צום לעבן. דער מענטש וואַקסט אַריין אין דעם פֿאָלקס־שטייגער במשך פֿון זיין גאַנצער אַנטוויק־לונג. עס איז דער סימן פֿון אַ מאָדערנער און דעמאָקראַטישער געזעל־שאַפֿט, וואָס דער יחיד ווערט ניט נאָר באַווירקט פֿון קאָלעקטיוו, נאָר ער קאָן אויך צוריק באַווירקן. אין אַ דעמאָקראַטישער געזעלשאַפֿט זיינען פֿאַראַן נאָרמאַלע פּראָצעסן פֿון בייטן אינסטיטוציעס, פֿון רעפֿאָרמירן, אַפֿילו פֿון אויפֿרייסן אַלטע איינגעשטעלטע קאָנצעפּציעס, אָבער אַלע מאָל איז פֿאַראַן אַ לעגאַלע ראַם און אַ קעגנזייטיקע אחריות; די פֿירנדיקע מאָראַלישע פּרינציפּן זיינען געבויט אויף היסטאָרישע ווערטן, וועלכע

זיינען אַרויסגעוואַקסן פון דער נאַציאָנאַלער געשיכטע פון פאָלק, פון זיין פּאָליטישער און קולטורעלער אַנטוויקלונג.

די דערציאונג, אַפילו אין אַ מאָדערנער געזעלשאַפט, קאָן דעריבער ניט זיין נאָר היינט־צענטריש, אָדער זיך אָריענטירן אינגאַנצן אויף דער נאַטירלעכער אַנטוויקלונג פון קינד. דאָס קינד ווערט ערשט אַ פולער מענטש דורכן פּראָצעס פון סאָציאַליזאַציע און אַקולטוריזאַציע. עס מוז איבערנעמען די מנהגים און פירונגען, דעם לעבנשטייגער פון דער געזעל־שאַפט, אין וועלכער ער וואַקסט אויף. מאָראַלישע ווערטן און היסטאָרישע טראַדיציעס מוזן דעריבער שפּילן אין יעדן לעבנשטייגער אַ גרויסע און אַנטשיידענע ראָלע.

(געדרוקט אין „שלמה ווייסמאַן בוך״, מאָנטרעאָל, 1961)

וועגן הומאַניסטישע און אַנטיהומאַניסטישע אידעען פון אונדזער צייט

א

עס זיינען פאַראַן צייטן אין לעבן פון יעדן איינציקן פאָלק, ווען געוויסע שטימען קאָנען ניט דערהערט ווערן. זיי זיינען צו שטיל און זייער מאָנונג קאָן ניט באַגעגענען קיין רעזאָנאַנס אין די הערצער פון מענטשן. פאַראַן אידעען, וואָס גייען להיפוך דעם גאַנצן גייסטיקן שטראָם, וואָס עס ברענגט אַרויס אַ היסטאָרישע תקופה; מוזן אָוועקגיין יאָרצענדליקער און אָפטמאָל יאָרהונדערטער, כדי זיי זאָלן פון דאָס ניי דערהערט ווערן, כדי זייער אמת און זייער שיינקייט זאָל מען צוריק קאָנען אויפנעמען אין זיך. זיי ווערן דעמאָלט ווידער אַמאָל אידעען, וואָס העלפן דעם מענטשן בויען דאָס לעבן און געשטאַלטן די ווירקלעכקייט.

די וועלט האָט געזען עפּעס אַזוינס אין דער צייט פון רענעסאַנס, ווען נאָכן לאַנגן מיטלאַלטער, האָט דער דור פון רענעסאַנס צוריק דער־פילט אין זיך אַ ניי לעבנס־געפיל. דער נייער רענעסאַנס־דור אין איטאַ־ליע האָט געשפּירט אין זיך אַ נאָענטקייט, ניט אַזוי מיט דעם יאָרהונדערט, וואָס איז אים פאַרויסגעגאַנגען, ווי מיט די ווייטע יאָרהונדערטער, ווען סאָקראַטעס, פּלאַטאָן און אַריסטאָטעל האָבן רייך געמאַכט דאָס לעבן פון העלאַס. די גאָלדענע תקופה איז שפּעטער, נאָך דעם ווי די קירך איז געוואָרן דער דאָמינירנדיקער כוח אין אייראָפּע, אויף הונדערטער יאָרן פאַרגעסן געוואָרן.

צי איז דער אמת פון סאָקראַטעסעס אומרואיקן באַגער צו דערוויסן זיך וועגן דעם מהות פון מענטשלעכן לעבן ווייניקער וויכטיק געוואָרן אין דער וועלט, ווייניקער אמת געוואָרן, דערפאַר ווייל מען האָט אים הונדערטער יאָרן פאַרגעסן? צי האָבן די פּלאַטאָנישע דיאַלאָגן, אין וועלכע עס הערט זיך נאָך דער אומרואיקער פרעגנדיקער גייסט פון מענטשן, פאַרלוירן זייער ווערט? ניין! נאָר דאָך האָבן געמוזט אַוועקגיין הונדערטער

יאָרן פון פּאָולינישן קריסטנטום, ווען עס זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין פאָדערגרונט גאָר אַנדערע מענטשלעכע באַגריפן און אַן אַנדער לעבנס־געמיט איז אויף אַ צייט געוואָרן אַ הערשנדיקער אין דער וועלט; אַ נייע עצבות האָט זיך געמוזט פאַרשפּרייטן אין לעבן, אַ ניי געפיל פון שולד און אַסקעטיזם האָט געדאַרפט באַהערשן דורות פון פעלקער, כדי עס זאָל צוריק אַ שמייכל געבן אויף דער אייראָפּעאישער קולטור די שיינקייט פון דער וועלט, וואָס עס האָט אַרויסגעבראַכט דער גריכישער קולטור־שטייגער.

אויך אין אונדזער היינטיקער אומרואיקער צייט, אין אַ צייט פון סכנה און פּאָליטישער אומאָרדענונג, אין אַ וועלט, וואָס איז צעטיילט און פאַרביטערט, זיינען שטיל געוואָרן גרויסע באַפרייענדיקע אידעען, וואָס האָבן אַמ גאָרניט לאַנג דערהויבן דאָס מענטשלעכע לעבן. קיין מאָל איז די וועלט ניט געווען אַזוי אידעאיש און פּאָליטיש צעטיילט ווי היינט. פון איין זייט — דעמאָקראַטישע מלוכה־אָרדענונגען און טראַדיציעס, וועלכע שטעלן הויך דעם ווערט פון יחיד, זיין „איך־באַוואוסטזיין”; זיין מענטשלעכע רעכט; פון דער אַנדערער זייט, די פּאָליטישע סיסטעמען, וועלכע שטעלן אַרויס דעם קאָלעקטיוון „איך” און די סופּער־נאַטורעלע רעכט פון אַ קאָלעקטיוו, וואָס איז באַשאַנקען פון דער געשיכטע מיט דער שליחות איבערצובויען די וועלט עקאָנאָמיש, סאָציאַל און גייסטיק.

ווען די נייע קאָלעקטיוויסטישע אידעען זיינען אין 19טן יאָרהונדערט אויפגעקומען האָבן זיי דאָך געטראָגן אַ דורכאויס באַפרייענדיקן כאַראַקטער (אוען, פוריע, סען סימאָן א״אַ). און במאת, דער מענטשלעכער קאָלעקטיוו איז דאָך בכוח צו שאַפן, קען דאָך געשטאַלטן דעם מענטשן, זיין מאָראַל, זיין גייסט! באמת, ווייסן מיר דאָך, אַז אונדזער גאַנצע מענטשלעכקייט איז ניט מעגלעך אָן די טראַדיציעס, אָן דער געשיכטלעכער ירושה, וואָס עס קאָן שאַפן נאָר דער קאָלעקטיוו און ניט דער יחיד; וואָרעם דער יחיד איז שטערבלעך און פאַרגענגלעך, בעת דער קאָלעקטיוו, די נאַציע, די געזעל־שאַפט לעבט און באַנייט זיך פון דור צו דור.

וואָס איז אָבער דער קאָלעקטיוו אָן טראַדיציע? וואָס איז דער קאָלעק־טיוו, ווען ער פאַרלייקנט די דורותדיקע דערפאַרונג, ווען דער מענטש זעט ניט קיין שום שיינקייט און דערהייבונג אין די פאַרגאַנגענע דורות? וואָס איז פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט די געשיכטע פון מענטשלעכן

מין, ווען ער גלייבט ניט אין אירע דערגרייכונגען, ווען די געשיכטע איז פאַר אים נאָר אַ סעריע פון פאַרברעכנס און אַ סעריע פון אונטערדריקונגען, די היסטאָרישע אַנטוויקלונג שפּיגלט אָפּ בעיקר ענדערונגען אין עקאָנאָמיש־באַדריקנדיקע סיסטעמען, אין די דעראָבערונגען פון מאַכט. ווייטער איז דאָס מזל פון פאָלק נאָר עלנט און נויט.

די שאַרפע נעגירונג פון דער פאַרגאַנגענהייט איז געווען דער טראַגישער רעזולטאַט פון דעם, וואָס די טעאָרעטיקער פון בונטאַרישע באַוועגונגען זיינען במשך פון 19טן י״ה, צוליב דער פּאָליטישער רעאַקציע, פּסיכאָלאָגיש פאַרפרעמדט געוואָרן פון נאַרמאַלן שטראָם פון אַ געזעלשאַפטלעכן לעבן. זיי האָבן אין פּערספּעקטיוו פון זייער אייגענער היסטאָרישער עפּאָכע און בעיקר פון זייער אייגענער פּערזענלעכער איזאָלירטקייט דערקענט די וועלט. אַ נייער קוק איז אויפגעקומען אין מיטן 19טן יאָרהונדערט, אַ נייע שייכות האָט מען גענומען איינזען צווישן „זיין“ און „באַוואוסטזיין“. מען האָט איינגעשטעלט אַ נייעם לייטער, אַ נייע הערארכיע פון ווערטן און פון „ערשטע סיבות“.

די „צוקונפט“ איז געוואָרן אַלץ, דער היינט און דער נעכטן גאָרנישט! עס איז אויפגעקומען אַ וואונדערלעכער גלויבן, אַז דער מענטש אַליין וועט קאָנען ווידערגעבוירן ווערן. משה העס האָט אין „רוים און ירושלים“ דערקלערט, אַז דער וועלט־באַשאַף איז נאָך ניט פאַרענדיקט געוואָרן. נאָר די פיזישע וועלט איז אפשר פאַרענדיקט, אָבער ניט די מענטשלעכע וועלט, די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, די מענטשלעכע מאָראַל. דאָס איז געווען געזאָגט אין גייסט פון די גרויסע הומאַניסטישע טראַדיציעס. די באַשאַפער פון סאָציאַלע אוטאָפּיעס ביז מאַרקסן און ענגעלסן האָבן אויסגעחלומט אַ גאַנצע מענטשלעכע וועלט, זיי האָבן געוויזן אַ פּולן לעבנס־שטייגער; ניט נאָר איז לעבעדיק אויפגעשטאַנען פאַר אונדז די מענטשלעכע וועלט פון אַרבעט, נאָר אויך די נייע וויסנשאַפט, קונסט, קינדער־דערציאונג, יוריספּרודענץ. דער וועג צו פאַרווירקלעכן די אוטאָפּיע איז געווען אַ וואָלונטאַריסטישער — דער מענטש דאַרף באַגערן, ער דאַרף מיט זיינע אייגענע כוחות זיך דערשלאָגן צום נייעם לעבנס־שטייגער; ער דאַרף אין זיין אייגענעם לעבן וועלן פאַרווירקלעכן און פאַרזיך אַליין באַגערן די נייע אוטאָפּישע אָרדענונג. דער מיטן ניינצנטער יאָרהונדערט האָט אין דעם אַלעמען אַריינגעבראַכט גרויסע ענדערונגען.

ב

קיין שום סאָציאַלער פאָרשער קאָן היינט ניט לייקענען דעם גוואַל־דיקן אויפרייס־שטאָף, וועלכן עס האָבן פאַרמאָגט די אידעען פון מאַרקס און ענגעלס. צווישן די ממשותדיקע און פּאָזיטיווע דערגרייכונגען דאַרף מען פאַררעכענען: א) דעם גרויסן שטויס, וואָס די נייע אידעען האָבן געגעבן צו דער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג איבער דער גאַרער וועלט. ב) דער פאַקט, וואָס אַלע רעוואָלוציעס אין 20סטן י״ה זיינען געווען פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציעס, אָדער זיי זיינען געגאַנגען אונטער דער לאָזונג פון פּראָלעטאַרישע רעוואָלט־באַוועגונגען. ג) די סאָציאַלע געזעצגעבונג אין די פאָרגעשריטענע בורזשואַז־דעמאָקראַטישע לענדער („ניו דיל״, „פעיר דיל״) איז מעגלעך געוואָרן ערשט אונטערן דרוק פון די נייע סאָציאַלע אידעען און אין מאָראַלישן קלימאַט, וואָס זיי האָבן באַשאַפן. ד) עס האָט גענומען ווירקן אין דער וועלט אַן אַלגעמיינע שטימונג פון סאָציאַלן אָפּטימיזם און אַ גלויבן, אַז דורך קאָלעקטיווע אָנשטרענגונגען קאָן מען פאַרבעסערן דעם מעמד פון מענטשן.

דאָס איז געווען דאָס רעאַלע, וואָס דער וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם האָט אַריינגעטראָגן. עס האָט פאַרמאָגט אויך אַ פילאָסאָפיש „מעטאַפיזישע״, משיחיסטישע זייט — וואָס האָט מבשר געווען, אַז די נייע וועלט מוז קומען! דער זיג פון אַרבעטער־קלאַס איז שוין פאַרזיכערט פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג גופא! די העכסטע דערגרייכונגען פון אַ מאָראַלישן סאָציאַלן צוזאַמענלעבן — אַ געזעלשאַפט אָן עקספּלואַטאַטאָרס און עקספּלואַטירטע — איז אַ היסטאָרישער אימפּעראַטיוו! די דאָזיקע היסטאָרישע אַנטוויקלונג איז ניט אָפּהענגיק, אַזוי האָט מען איצט פאַרשטאַנען, אין אַ העכער־אַנטוויקלטן מאָראַלישן באַוואוסטזיין פון מענטשן, סיי פון יחיד, סיי פון קאָלעקטיוו; דער יחיד מוז ניט דורכגיין קיין שום וועג פון ליידן און לייטערונג צו דערהויבן זיך צו דער מדרגה פון אמתער איידעלער און אידעאַלער מענטשלעכקייט. דער „זיין״ וועט באַשטימען דעם באַוואוסטזיין; דער „זיין״ דאָס איז די טעכנאָלאָגיע, די ווירטשאַפט, די פאַרשיידענע ווירטשאַפטלעכע באַציאונגען, וואָס וועלן איינגעשטעלט ווערן אין דער געזעלשאַפט.

איז דאָס אַלצדינג געווען ניי? דערויף מוז מען ענטפערן „יאָ" און „ניין". דעם גרויסן כוח פון דער עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט און פון סאָציאַלן קלאַס ביים באַשטימען דאָס אָרט פון מענטשן אין דער מלוכה־פירונג האָט שוין אין אַנטיקן גריכנלאַנד אַריסטאָטעל געוואוסט. דער כאַראַקטער פון דער מלוכה־פאָרעם, צי זי איז אַ דעמאָקראַטישע אָדער אַן אָליגאַרכיע, האָט אַריסטאָטעל געזען, איז אָפּהענגיק אין דעם, וועלכע סאָציאַלע קלאַסן עס קומען צו דער מאַכט. ווען אין אַ געזעלשאַפט ווערן באַוואָרנט די רעכט פון די אָרעמע האָבן מיר איין מין מלוכה־אָרדענונג (אַ דעמאָקראַטישע), ווען עס קומט צו דער מאַכט די אַריסטאָקראַטיע אָדער די גבירה־קראַטיע האָבן מיר אַנדערע פּאָליטישע סיסטעמען — די אָליגאַרכיע אד"גל (אַריסטאָטעלס „פּאָליטיק", בוך 4).

אַריסטאָטעל האָט דורך דעם אויך געענטפערט אויף דער עקזיסטענציעלער פּראָבלעם וועגן דער שייכות פון „זיין" און „באַוואוסטזיין". אָבער נאָר וואָס שייך דער פּאָליטישער אָרדענונג; ער האָט ניט אַריינגענומען אונטער איין פאָרמולע דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן: די קונסט, די פילאָסאָפיע, די עטיק. זיי זיינען אַלע, אַזוי האָט מען במשך פון הונדערטער יאָרן געגלייבט, דערגרייכונגען פון מענטשלעכן גייסט, וואָס שטייט העכער ווי די מאַכט־פּאָזיציעס פון קלאַסן, ווי די פאָרמען פון פּאָליטישער מאַכט; די קולטור־דערגרייכונגען זיינען דאָס גרויסע פאַרמעגן פון מענטשלעכן גייסט און טראַדיציע.

אין מיטן 19טן י"ה איז דורכן מאַרקסיזם פּאָפּולער געוואָרן דער קוק, אַז דער „זיין", וואָס באַשטימט דעם באַוואוסטזיין, איז אַן עקאָנאָמישער ד"ה אַ באַגרענעצטער „זיין" פונעם מענטשן. דער יחיד און אויך דער קאָלעקטיוו ווי אַ פּראָדוקציע־כלי, אַ געצייג, דער מענטש, ווי אַן אָנטיילנעמער אין די עקאָנאָמישע שייכותן, וואָס די פּראָדוקציע האָט איינגעשטעלט, דאָס זיינען די עיקרדיקסטע מאָמענטן. דער קאָלעקטיוו פון פּראָדוצירער, דער מערווערט וואָס זיי שאַפן, די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן, אין וועלכע זיי טרעטן אַריין — דאָס אַלץ באַשטימט דעם כאַראַקטער פון דער געזעלשאַפט, פון דער מענטשלעכער קולטור, בילדונג און אידעאָלאָגיע. ערשט אין דער קומענדיקער פרייער געזעלשאַפט וועט אַנשטאָט דער ממשלה פון „נויטווענדיקייט" קומען די ממשלה פון פרייהייט.

דער מענטשלעכער „זיין" נעמט ניט אַריין דעם קולטור־שטייגער און

די מנהגים פון יחיד און קאָלעקטיוו, די אידעען, די מאָראַלישע השגות, די קונסט און ליטעראַטור — זיי זיינען נאָר אַ „סופּערסטרוקטור" אַריבער די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן; די ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן זיינען דער סאַמע באַשטימענדיקער פאַקטאָר, דער עיקר פון אַלע עיקרים. די פּראָדוקציע־כוחות האָט מען דערביי צוגעשריבן אַ מערקווירדיקע מעטאַפיזישע באַדייטונג, אַן אימאַנענטע „מאָראַלישע" קראַפט, וואָרעם זיי וועלן על פּי נויט פירן די געזעלשאַפט צו פּאָליטישער פרייהייט, צו אַ מער גערעכטער פאַרטיילונג פון דער רייכקייט פון דער וועלט און צו אמתער ברידערלעכקייט און שלום.

וואָס איז פון דעם אַרויסגעקומען? געדאַרפט האָט אַרויסקומען גאָר אַ גרויסע ישועה: פאַר דעם פאַרשעמטן מענטש, פאַר אונטערדריקטע פעלקער, פאַרן נייעם אויפקומענדיקן שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט, פאַר דער וועלט. אין דערווירקלעכקייט איז אַרויסגעקומען דער תוהו ובוהו פון מיטן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

דער פאַשיזם, דער עקסטרעמער נאַציאָנאַליזם, דער סטאַליניזם, האָבן אַלע געפירט צום באַנקראָט פון די גרויסע רעוואָלוציאָנערע אידעען, וועלכע האָבן אויפגעשטורעמט די וועלט בעת דער פראַנצויזישער רעוואָ־לוציע.

דאָס מערקווירדיקע פון דער היינטיקער היסטאָרישער סיטואַציע איז וואָס די רעוואָלוציאָנערע אידעען פון אַריבער 150 יאָר האָבן געהאַלפן געבוירן זייערע אייגענע היפוכים. די רעוואָלוציאָנערע אידעען וואָס זיינען געגאַנגען צוזאַמען מיט די האָפענונגען פון שענסטן אוניווערסאַליזם, זיינען איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סעפּאַראַטיזם און פּאַראָקיאַליזם. עס זיינען אויפגעקומען אַלערליי פאַרהאַנגען „אייזערנע", „זיידענע" — סיי ווי סיי מיט דער כוונה אָפּצוטיילן פאָלק פון פאָלק, איין גייסטיקע שיטה פון דער צווייטער, ניט נאָר פיזיש נאָר בעיקר גייסטיק, מאָראַליש, אינטעלעקטועל.

ווי אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער אייגבּרוך אין דער טראַדיציע פון אוניווערסאַליזם און אין דער אידעע פון דעם „האָמאָ הומאַנוס", וואָס דער הומאַניזם האָט געבראַכט מיטן רענעסאַנס? אין דער היסטאָרישער אַנט־וויקלונג פון אידעען מוז מען געפינען דעם אַבסורדן פונקט ווען אַן אידעע באַשאַפט איר היפוך.

לייענט מען די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור פון מיטן 19טן און 20סטן

יאָרהונדערט ווערט מען דערהויבן פון דער טיפער הומאַנישקייט, וואָס רעדט אַרויס פון יעדער שריפט. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע שטייט מיטביידע פיס אין דער הומאַניסטישער טראַדיציע פון אייראָפּע: לאַסאַל, זשאָרעס, בעבעל, קאַוטסקי, אויך די פּיאָנערן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג ביי יידן, אהרן ליבערמאַן, ווינטשעווסקי, מעדעם, רעדן פון אין ליידנדיקער מענטשהייט, אָנערקענען די גרויסע קולטור־דערגרייכונגען פון היסטאָרישע תקופות און ציוויליזאַציעס; די אַרבעטער־באַוועגונג איז פאַרבונדן מיט דער שטרעבונג צו פאַרשפּרייטן בילדונג און קולטור, און ניט נאָר פּראָלעטאַרישע קולטור; דער גלויבן אין וויסנשאַפט און אין עוואָלוציע איז אַ המשך פון שטעלן הויך די אינטעלעקטועלע דערגריי־כונגען פון מענטשן בכלל. די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז אין אָנהייב אָנגעהויכט פון די שענסטע מענטשלעכע טראַדיציעס; עס הערשט אַ גרויסע אויסגעבונדנקייט צווישן פעלקער און קולטורן.

שפּעטער איז די אַנטוויקלונג במשך פון 20סטן יאָרהונדערט געגאַנגען אויף דעם וועג פון כסדרדיקן טראַגישן איינשמעלערן די אידעע פון אוני־ווערסאַליזם און געפינען די מאָראַלישע באַרעכטיקונג פאַר קאָנצענטראַציע־לאַגערן, פאַר גאַז־קאַמערן, פאַר וועלט־דעראָבערונג און פאַר גענאָסיד. ניט דער מענטש, האָט דער פאַשיזם געזאָגט, דאַרף געאַכט ווערן, דאַרף באַשיצט ווערן, דאַרף געגרייסט ווערן, נאָר דער אַריער. אַלע אַנדערע געהערן גאָרניט צו די באַשאַפער פון מענטשלעכע קולטור־ווערטן, זיינען גאָרניט קיין צוגעהעריקע צו דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע.

דער 20סטער יאָרהונדערט, וואָס האָט אַריינגעבראַכט דעם פאַקט פון דעקלאַסירונג האָט אויך אַריינגעבראַכט די שוידערלעכע ווירקלעכקייט פון דעהומאַניזירונג, ד״ה פאַקטיש פון צונעמען ביים מענטשן זיין רעכט אויף לעבן, שוין, אויף זיין אויסקומעניש אד״גל. קוים ווערט עמעצער דערקלערט אַלס „בורזשוי“, „קולאַק“, „קאָסמאָפּאָליט“, „פאָרמאַליסט“, „קאָנטררעוואָלוציאָנער“, „אינטערווענציאָניסט“, רעכטער אָדער לינקער „אָפּנייגלער“, טראָגט פאַר אים ניט די געזעלשאַפט די מענטשלעכע אחריות אָפּצוהיטן זיין לעבן, חשיבות און זיין זיכערקייט. אויף דעם זעלבן אופן — קוים ווערט עמעצער אונטערן פאַשיזם דערקלערט אַלס „ייד“, „סעמיט“, „ניט־אַריער“, פאַלן אָפּ אַלע מאָראַלישע התחייבותן, וואָס אַ יחיד און אַ קאָלעקטיוו טראָגן צו אַ צווייטן יחיד.

אין דער היינטיקער צייט, ווען עס קומען אויף אַזוי פיל נייע אַפרי־קאַנישע און אַזיאַטישע פעלקער, אונטער דער פאָן, אָפּטמאָל פון ענגסטן נאַציאָנאַליזם (קאָנגאָ), הייסט עס ווידער אַמאָל ניט די באַפרייאונג פון באַדריקטע מענטשן, נאָר דער אויפשטאַנד פון אַפּראַ־אַזיער; צום אַפּראָ־אַזיער ווען מיר האָבן צוטרוי, ער טראָגט איצט די אַחריות פאַר מענטש־לעכער פרייהייט, אָרדענונג, פאָרשריט. דער אַפּראָ־אַזיער איז מיין ברו־דער, דער מענטש מיט דער ווייסער הויט איז דער ברודער פון אַמאָליקן קאָלאָניאַלן באַדריקער!

מיר טאָרן ניט פאַרגעסן, אַז ניט נאָר די מענטשלעכע אינטעליגענץ האָט איר געאָרדנטע לאָגיק, נאָר אויך דער שגעון. עס איז פאַראַן די לאָגיק פון שגעון, וואָס איז איראַציאָנעל, וואָס ווערט גענערט פון לײדנשאַפט און עמאָציעס. מען דאַרף ניט האָבן זיגמונד פרויד ווי אַן עדות דערויף. אַריסטאָטעל אין דער „עטיק" האָט שוין גערעדט וועגן דער איראַציאָנעלער טבע פון מענטשן. עס טוט אונדז וויי, דעם דור, וואָס איז אויפגעוואַקסן אין דער רעוואָלוציאָנערער טראַדיציע, וואָס איז באַזעלט געוואָרן פון די אידעאַלן פון הומאַניזם און אוניווערסאַליזם, צו זען די באַריר־פּונקטן, די אַבסורד־מאָמענטן, וואו גרויסע אידעען ווערן פון אינעווייניק קאָרומפּירט. נאָר אויב דער אמת טוט וויי איז עס נאָך דערפאַר, ווייל אַן ווייטיק איז ניט מעגלעך קיין מאָראַלישע היילונג!

ד

אין אונדזער סכנותדיקער צייט איז שווער צו גלייבן, אַז צוריק מיט עטלעכע צענדליק יאָר זיינען די ערשנדיקע אידעען אין דער אייראָפּעאיי־שער קולטור געווען די אידעען פון הומאַניזם און פון אוניווערסאַליזם.

עס זיינען פאַראַן צייטן, ווען די גרויסע סכנה, וועלכע באַוועלטיקט דעם מענטשן, דערלאָזט אים ניט צו דערהערן דאָס שטילע קול, וואָס רעדט אַרויס פון אים, אָדער רעדט צו אים, און וועלכן ער מוז דערהערן.

אויך אין יידישן לעבן איז די צייט פון סכנה געווען אַזאַ, וואָס האָט געצוואונגען איינצושפּאַנען אַלע כוחות אויף אויפצובויען, וואָס עס איז פאַר אונדזערע אויגן חרוב געוואָרן. מען האָט ניט געטאָרט פאַרלירן זיך, מען האָט געמוזט צונויפקלייבן אַלע גייסטיקע כוחות פון דער נאַציע. ביי אַ פאָלק

ווי אונדזערס, וואָס איז געטראָפן געוואָרן, אין אַזאַ קורצער צייט פון אַזעלכע שרעקלעכע קלעפּ, איז נייטיק געווען צו שטאַרקן דעם באַוואוסטזיין פון זיין אייגענעם גאַנג אין לעבן, אונטערשטרייכן דאָס אויטענטישע, דאָס היסטאָריש־המשכדיקע אין לעבן פון פאָלק. עס איז אויך נייטיק געווען אַרויסצוהויבן יענע אידעען, וואָס זאָלן אים אויסטיילן פון דער משפחה פון אַנדערע פעלקער און קלאָר אָנצייכענען פאַר אים דעם באַזונדערן וועג אויף וועלכן ער מוז זיך פאַרנעמען. דעם וועג מוז ער ווידמען אַלע זיינע גייסטיקע און מאַטעריעלע כוחות.

נאָכן שווידערלעכן אומקום האָט מען געמוזט סיי אין דער ליטעראַטור, סיי אין דער פּעדאַגאָגיק און בכלל אין גאַנצן געזעלשאַפטלעכן לעבן אונטערשטרייכן די נאַציאָנאַלע סענטימענטן, די אייגענע היסטאָרישע פאַרגאַנגענהייט, דעם באַזונדערן פאָלקישן צוגאַנג צו דער וועלט און צום לעבן. אויף אַזאַ מין אופן האָט מען זיך געמיט צו ראַטעווען פון דער סכנה פון צעפאַלונג, פון אַסימילאַציע און פון קולטורעלער פאַרניכטונג. מען האָט געזוכט מיט אַלע מעגלעכקייטן צו באַנייען זיך ווי אַ טעריטאָ־ריעלע נאַציע, אויפצושטעלן צוריק די אייגענע מלוכהשע פאָרמען. מיט דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה זיינען אויפגעקומען אַ סך נייע און דרינגענדיקע אויפגאַבעס: צו אַנטוויקלען אַן אייגענע עקאָנאָמיק און אַנט־וויקלען נייע סאָציאַלע פאָרמען פון לעבן אין די שטעט און קיבוצים, בויען שולן און בכלל בילדונגס־אינסטיטוציעס.

אידעען זיינען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן ווי מאַגנעטן. זיי זאַמלען אַרום זיך די כוחות פון פאָלק, זיי קאָנצענטרירן אַרום זיך אַלע אָנשטרענ־גונגען און גיבן אַ באַשטימטע ריכטונג צו די באַמיאונגען פון מענטשן. פון דער אַנדערער זייט אָבער האָט יעדע עפּאָכע די טבע, אַז אַרויסהייבנדיק און פאַרגרעסערנדיק די וואָג און די באַדייטונג פון געציילטע פירנדיקע אידעען, שטעלט זי איין, דערלאָזט זי ניט עס זאָלן דערהערט ווערן אַנדערע אידעען, וואָס האָבן פריער געווירקט אין לעבן פון פאָלק און וואָס זייער אמתדיקייט קאָן מען בשום אופן ניט אָפּלייקענען.

די אידעען פון אוניווערסאַליזם און הומאַניזם האָבן ביי כמעט אַלע אייראָפּעאישע פעלקער אין געוויסע היסטאָרישע עפּאָכעס באַקומען די אויבערהאַנט; דאָס זיינען געווען די געבענטשטע תקופות, ווען דער מענטש האָט געקאָנט דערפילן אין זיך אַ ביסל מער צוטרוי צו די מיט־

מענטשן, ווען ער האָט געקאָנט אַריבערקוקן אַריבער די גרענעצן און דערפילן די אמתע נאַטור פון מענטש צו מענטש. דעם מענטשן האָבן דעמאָלט גענומען באַגייסטערן די גרויסע אידעען פון איין וועלט און פון איין מענטשהייט, פון איין קולטור־שטייגער, וואָס ווי פאַרשידן ער זאָל ניט זיין, ווי אַנדערשדיק עס זאָלן ניט זיין די מענטשלעכע תנועות, זשעסטן און קינסטלערישע געשטאַלטונגען, פילט זיך דאָך הינטער זיי די שפּאַנונג פון דער מענטשלעכער נשמה, וואָס שטרעבט אַלץ העכער און העכער צו פרייהייט, צו גליק און צו באַוואוסטזיין.

די אידעע פון אוניווערסאַליזם האָבן פאַרטראַטן אין תנ״ך די נביאים ישעיהו און ירמיהו; אין אַלטן יהודה האָט זיך צום ערשטן מאָל דערהערט אין דער צייט פון גרויסער סכנה דאָס געפיל וועגן דער ברידערלעכקייט פון מענטשן. נאָר דאָס איז ניט געווען אַן אידעע, וואָס איז ערשט אויפגעקומען אין מאָמענט פון קריזיס. אין צייטן פון שפּאַנונג איז זי געוואָרן דראַמאַ־טישער, אין קריזיס האָט זי באַקומען אַ נייעם כוח; אין מאָמענטן פון פּאָליטישן קריזיס פאַר דער יידישער נאַציע האָבן די נביאים מיט גאָר אַ באַזונדערס וואונדערלעכער קראַפט געקאָנט אַרויסשרייען דעם ווייטיק פון אַ פאָלק, וואָס לעבט אין סכנה פון קריג און פון אויסראָטונג, ווען זיינע שטעט וועלן באַלד חרוב ווערן און ער אַליין וועט פאַרטריבן ווערן אין געפאַנגענשאַפט.

דער עטישער וועלט־באַנעם, וואָס מיר טרעפן אין דער נבואה האָט זיך במשך פון דורות געגרייט אויף דער ערד פון ישראל און יהודה. דעם קוק וועגן דער פאַרברידערונג פון מענטשן געפינען מיר שוין אין די סיפּורים פון חומש, אין די דערציילונגען וועגן וועלט־באַשאַף, מיר טרעפן אים אין דער גאַנצער עפּיק וואָס איז אויפגעקומען אין ישראל און יהודה.

די דיכטער און די דענקער פון אַ פאָלק זיינען תמיד געווען די טרעגער פון אוניווערסאַליזם. אין פראַנקרייך ברענגען אָט די שטרעמונג אַרויס צום פאָדערגרונט די ענציקלאָפּעדיסטן דידראָ, וואָלטער, מאָנטעס־קיע. זי קומט שפּעטער צום בולטסטן צום אויסדרוק אין דער דיכטונג פון וויקטאָר הוגאָ. אין דייטשלאַנד, אין דער צייט פון שטורעם־ און דראַנג־פּעריאָד קומט דער נייער הומאַניזם צום אויסדרוק אין די ווערק פון

געטע, שילער, לעסינג און היינע. אין דער פילאָסאָפיע ביי הערדער, הומבאָלדט און קאַנט.

די אידעע פון אַ וועלט־ליטעראַטור, וואָס איז ביי געטען אויפגעקומען, האָט באַדאַרפט באַצייכענען אַ ליטעראַטור, וואָס וועט אריבערשפרייזן די גרענעצן פון איין לאַנד, גרויסע קונסטווערק וועלן אויפגענומען ווערן פון אַלע מענטשן־קינדער. דאָס איז געווען דער גלויבן פון אַכצנטן יאָרהונדערט.

אין דער רוסישער ליטעראַטור איז דאָס אין ניינצנטן יאָרהונדערט געווען דער אויפריכטיקער גלויבן פון פושקין, לערמאָנטאָוו, טאָלסטאָי, גאָרקי, טשעכאָוו, ביי די גרויסע ליטעראַטור־קריטיקער בעלינסקי, טשערנישעווסקי, דאָבראָליובאָוו. דאָס איז געווען דער גלויבן נאָך פון די „מערבניקעס", וואָס זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן די סלאַוויאַנאָפילן.

אין דעם יידישן לעבן איז דאָס וועלט־געפיל בולט געקומען צום אויסדרוק אין די ווערק פון פרצן, פון שלום־עליכמען, אברהם רייזענען; אין דער עסייאיסטיק — אין די געדאַנקען פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, ש. דובנאָוו, ש. ניגער, ש. אַנסקי, חיים גרינבערג און פראָפ. ליבמאַן הערש.

ה

די סכנה, אין וועלכער אַ פאָלק געפינט זיך, איז אַ בייזע לערערין! זי מאַכט אונדז קאַרג אויף גוטסקייט און אויסברענגעריש אויף כעס, פאַרדאַכט און אומצוטרוי.

מען קאָן זאָגן: גענוג זיך צו שפּילן מיט די אידעען פון אוניווערסאַליזם, הומאַניזם און מענטשן־פאַרברידערונג. די נשמה פון יידן איז צו צעפייניקט און צו צעווייטיקט. מיר וועלן וואַרטן!

מיר וועלן וואַרטן אַזוי לאַנג ווי די סכנה וועט דראָען איבער אונדזער פאָלק, ווי די וועלט וועט נאָך זיין באַהערשט פון מורא פאַרן האַקנקרייץ און פון באַנייטער נאַצי־געפאַר, כל זמן מיליאָנען פון יידישן פאָלק וועלן נאָך דאַרפן לעבן אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד אָן דער מעגלעכקייט צו קאָנען נאַציאָנאַל זיך אויסלעבן און אָן דער מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זייער אייגענע קולטור און זייער אייגענעם שטייגער לעבן.

מיר וועלן וואַרטן, כל זמן די יידישע מדינה וועט זיין אַרומגערינגלט

מיט דער פיינטשאַפט פון אַראַבישן נאַציאָנאַליזם, כל זמן דער יידישער מענטש וועט ניט דערפילן, אַז וואָס ער בויט, וועט זיין געבויט אויף דור דורות. מיר וועלן וואַרטן, כל זמן דער ישראל־בירגער וועט קאָנען פריי אָפּאָטעמען און וועט ניט מוזן זיין באַדראָט פון סכנה.

מען קאָן אָבער אויך זאָגן פאַרקערט: קעגן וועמען לייקענען מיר, ווען מיר דערווייטערן זיך פון דער גרויסער הומאַניסטישער ירושה? מיר לייקענען קעגן זיך אַליין! וואָס איז דער מקור פון דער ירושה? אונדזער אייגענער ספר־הספרים — דער תנ״ך. און וואָס זעען מיר אין דער מאָדערנער צייט?

די יידישע ליטעראַטור איז געווען איין גרויסער וויי־געשריי, איין לויב צום באַדריקטן מענטשן פון אַלע פעלקער און אַלע ראַסן. ניט געווען נאָך אַזאַ הומאַנע ליטעראַטור, וואָס זאָל זיין אַזוי באַהערשט פון וועלט־גאולה־מאָטיוון, ווי די יידישע!

אין יידישן לעבן האָט דאָס געפיל דורכגעדרונגען ניט נאָר די יחידי סגולה, שיינגייסטער, ביכערניקעס, נאָר דאָס גרויסע מענטשלעכע געפיל פון אייניקייט, פון קולטור־נאָענטקייט, פון גרויסער מענטשלעכער ברודער־שאַפט איז געוואָרן אַ פּאָליטיש־אַקטיווער, אַ קולטור־שאַפנדיקער כוח אין אונדזער לעבן.

שאַפט אָפּ דעם אוניווערסאַליזם ווי אַ גרונט־אידעע אין פּאָליטישן, קולטורעלן און עקאָנאָמישן לעבן, און עס איז ניטאָ קיין האָפענונג פאַר דער מענטשהייט אויף אונדזער טרויעריקן און מעלאַנכאָלישן פּלאַנעט! מיר לעבן אין אַ צייט פון אַ נייעם תוהו ובוהו. עס קומען אַרויס אויף דער פּאָליטישער אַרענע פיל נייע פעלקער, וואָס זיינען ערשט נעכטן אַרויס פון צושטאַנד פון פּרימיטיווקייט און זיי ווערן אַ פּאַרמירנדיקער און אַ ווירקנדיקער כוח. אין אַ קאָמפּליצירטער צייט, ווי די היינטיקע, ווען אַלע גרענעצן פון דער אייראָפּעאישער קולטור און אירע טראַדיציעס ווערן אויפגעריסן, מוזן מיר גאָר באַזונדערס טייער האַלטן די טראַדיציעס פון אוניווערסאַליזם און הומאַניזם. עס אַנטוויקלען זיך אויך נייע צענטערס פון פּאָליטישער מאַכט, גרויסע צענטערס פון באַפעלקערונגען ווי אין כינע און אין אַפריקע, וואָס האָבן לגמרי אַן אַנדער טראַדיציע און האָבן דורכגעמאַכט אַן אַנדער גאַנג פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג.

די היינטיקע קאָמוניקאַציע, די מאָדערנע מאַשין־ציוויליזאַציע, די

טעכנאָלאָגיע, די אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק האָט זיי אַלעמען צוזאַמענגעבראַכט אויף איין שמאָלן שטח פון אונדזער פּלאַנעט, אין אַ סכנותדיקער תקופה, וואָס קאָן אויפרייסן מיט אַטאָמישער קראַפט און אַלץ פאַרניכטן.

אין אַזאַ סכנותדיקער צייט מוזן מיר פאַרשטיין, אַז דאָס געפיל פון אוניווערסאַליזם טאָר ניט אַנטשווינגן ווערן! דווקא אין אונדזער היינטיקער אומרואיקער צייט, מוז מען דאָס געפיל היטן און כאָוועו!

אוניווערסאַליזם איז ניט נאָר אַן אַלגעמיינע אידעע, וואָס דריקט זיך אויס אין סענטימענטאַלע לאָזונגען און אין אַ האָפענונג אויף דער פאַרברידערונג פון פעלקער. עס פאַרמאָגט אויך אַלערליי אַנדערע געשטאַלטונגען, עס דרינגט דורך די פאַרשיידנסטע געביטן פון מענטשלעכן ווירקן און שאַפן: אין פּאָליטישן געדאַנק, פאָלקס־ווירטשאַפט, יוגנט־דערציאונג, אין קונסט, אין ליטעראַטור פון אַ פאָלק; עס באַווירקט די פילאָסאָפיע און די פּאָליטישע און סאָציאַלע אינסטיטוציעס וואָס אַ פאָלק בויט. דער עיקר, עס כאַראַקטעריזירט דעם סטיל פון לעבן, סיי פון יחיד און סיי פונעם כלל, די אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען, און דעם אמתן באַגער נאָך שלום אויף אונדזער אומעטיקן פּלאַנעט.

דער וועג צו אונדזער יוגנט

א

די פּראָבלעם פון דער היינטיקער יידישער יוגנט איז ניט קיין נייע און ניט קיין גרינגע, זי ווערט קאָמפּליצירטער און שווערער פון יאָר צו יאָר. פון וואַנען שטאַמען די שוועריקייטן? זיי נעמען זיך פון דעם, וואָס דאָס אַמעריקאַנישע יידישע לעבן בייט זיך, וואָס די ענדערונגען זיינען פון אַזאַ כאַראַקטער, וואָס פאָדערן פון אונדז אַ גרעסערע פאַרשטענדעניש פאַר דער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט; אויך צוליב דעם, וואָס מיר האָבן אַזוי פיל יאָרן פאַרטאַכלעוועט די יונגע יידישע דורות.

עס איז געווען אַ צו קליינער פאַרנעם; מען האָט פאַרמאָגט צו אָרעמאַנסקע השגות וועגן דעם, וואָס עס איז נייטיק אין דער גרויסער, רייכער אַמעריקע, כדי אויסצובויען יידישע אינסטיטוציעס און אַ יידישן לעבנס־שטייגער.

דאָס אַמעריקאַנישע יידישע לעבן, די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט איז צעטיילט און אַטאָמיזירט: פאַרשיידענע באַוועגונגען ווירקן אַנדערש אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן. אַמאָל האָט מענדעלע מוכר ספרים געקאָנט רעדן וועגן איין „כלל ישראל", וועגן איין קאַבצאַנסק, איין גלופּסק, איין גרויסער יידישער טאָרבע (אמת, אין דער תקופה פון השכלה האָט ער וועגן יענעם שטייגער לעבן גערעדט מיט אַ שפּאָר ביסל ביטערניש און מעלאַנכאָליע. ערשט אין זיין ווערק „שלמה ר' חיימס" האָט ער דערזען די שיינקייט פון יענעם פּאַטריאַרכאַלישן לעבנס־שטייגער, וועלכער איז אויפגעקומען אין די שטעט און שטעטלעך פון יידישן פּוילן, אוקראַינע און ליטע).

היינט צו טאָג האָבן מיר צו טאָן מיט אַ העכסט דיפערענצירטער יידישער סביבה, וואָס ניט נאָר באַשטייט זי אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַשכנזים, ספרדים, יהודים, פּוילישע יידן, הי־געבוירענע פון ערשטן און פון צווייטן דור, ווי אויך פריש־איינגעוואַנדערטע, די יידישע סביבה

איז אויך אינעווייניק צעטיילט און באַשטייט פון פאַרשידענע סאָציאַלע שיכטן, אַרבעטער, פּראָפעסיאָנאַלן, אינדוסטריעלער. ווען מען רעדט דעריבער וועגן דער יידישער יוגנט אין אַמעריקע און מען גייט פאַרביי אָט די אַלע צעטיילונגען, מען גייט פאַרביי אָט די אַלע באַזונדערקייטן האָבן מיר צו טאָן מיט איינער פון יענע אויסטראַכטענישן וועגן וועלכער עס איז גרינג צו ריידן אָבער שווער עפּעס וואָס נישט איז צו באַשיידן.

די פּראָבלעם פון יוגנט איז נישט די אייגענע אין דער פרומער יידי־שער היים, וואו עס איז פאַראַן אַ יום־טוב און וואו די תרי״ג מצוות זיינען קיין עול ניט; עס לעבן נאָך פעסט־איינגעשטעלטע אונדזערע אַלט־יידישע השגות, מיט די ליבע מנהגים און די אַלטע געבונדנקייטן צווישן פאָטערס און זין, צווישן טאַטע־מאַמע און זייערע קינדער; יענע היים האָט נאָך אויפגעהיט אין זיך אַ סך פון טראַדיציאָנעלן יידישן לעבנס־שטייגער; זי שטיצט זיך, ווי מיר ווייסן, מער אויף אויטאָריטעט און איז מער געבויט אויפן פּרינציפּ פון דער דויערהאַפטיקייט פון מענטשלעכע מידות און דעם ווערט פון דויערהאַפטיקייט. דער אַלט־יידישער לעבנסשטייגער זעט ניט דעם גרויסן ריס צווישן מענטשלעכע דורות, ער פאַרשטייט ניט דעם איינברוך וואָס היסטאָרישע תקופות מאַכן אין דעם געמיט פון מענטשן. ער אָנערקענט גאָר ניט אַזוי שטאַרק דאָס רעכט פון יחיד אויף אַנדערשקייט.

היינט ווייסן מיר, אַז אויך די פרומע היים האָט פּראָבלעמען און איר יוגנט פאַרמאָגט מענטשלעכע און יידישע ראַנגלענישן. איינע פון די פּראָב־לעמען פאַר דעם יונגן און פרומען מענטשן וואָלט מען אַזוי געקאָנט פאָרמולירן: ווי זאָל איך אויפהיטן מיין אמונה אין אַ וועלט פון סקעפּטי־ציזם, פון מאָדערנער טעכניק, אין אַ וועלט וואָס איז געבויט אויף ראַציאָ־נאַליזם און וויסנשאַפט; אויפצוהיטן דעם לעבנסשטייגער איז ניט שווער, ווען עס זיינען ניט פאַראַן קיין דרויסנדיקע כוחות וואָס רייסן זיך אַריין און גראָבן אונטער ביים גלויביקן זיין אמונה. ווי אַזוי צו געפינען אין דער דאָזיקער סביבה אַן אינטעגראַציע, פון איין זייט, צווישן דער וועלט פון זייער אייגענעם גלויבן, פון זייער אייגענער היסטאָרישער טראַדיציע און פון דער אַנדערע זייט, דער מאָדערנער וועלט פון טעכנאָלאָגיע גייס־טיקע ספקות און סקעפּטיציזם, דאָס איז אַ טיפע מענטשלעכע פּראָבלעם; זי האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין די צייטן פון משה מענדעלסאָן. די ענטפערס זיינען אויף דעם געווען פילאָסאָפישע און מאָראַלישע: השכלה, רעפאָרם־

באַוועגונג, קאָנסערוואַטיווע יידישקייט. זיי זיינען פילאָסאָפיש־רעליגיעזע פּרוּוון צו באַגעגענען דעם קריזיס פון אמונה.

מיר וועלן איצט באַטראַכטן אַ צווייטן סעקטאָר אין יידישן לעבן — דעם נאַציאָנאַל־ציוניסטישן אין דער אַנגלאָ־יידישער ספּערע. אויך דאָרט פּאַרמאָגט די יוגנט פּראָבלעמען. ס׳קאָן זיך אויסדוכטן: וואָס קאָן זיין נאָך גרינגער, ביים היינטיקן טאָג, ווי צו זיין אַ יונגער מענטש, צונויפגעבונדן מיט דער מאָדערנער נאַציאָנאַלער ציוניסטישער באַוועגונג, צו זיין צונויפּ־געבונדן מיט יענער ריכטונג אין יידישן לעבן, וואָס האָט גאָר באַזונדערס זוכה געווען אַזוי פיל פרייד און דערהויבנקייט במשך פון די לעצטע צען יאָר.

אַ יונגער מענטש, וואָס איז פאַרבונדן און איז אין גאַנצן צונויפגע־קניפּט און צונויפגעבונדן מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג, דאַרף זיך דאָך אַוודאי פילן שטאַרק ביי זיך, פילן גוט, און זיך פילן באַפעסטיקט אין זיין יידישקייט. עס איז אָבער ניט אַזוי — דאָס וואָלט געווען אמת, ווען כוונה און מעשים גייען האַנט אין האַנט, ווען יעדער יונגער מענטש, וואָס זעט אין ציוניזם די גערעכטע און אמתדיקע לייזונג פון דער יידן־פּראָגע וואָלט געקאָנט אין זיין לעבן פאַרווירקלעכן זיין יידישן און מענטשלעכן אידעאַל.

עס אי אַ גרויסע ברכה צו קאָנען זיך פילן נאָענט און היימיש צווישן אייגענע ברידער און ניט וויסן מער פון דער טאָפּלקייט און ניט דאַרפן אויסשטיין יענע נשמה־יסורים, וועלכע שטאַמען פון דעם וואָס דו געהערסט צו אַ מיעוט און די מערהייט איז אַנדערש; מעג זיין די סביבה „גנעדיק" און פריינדלעך צו דיר, איז אָבער דיין אייגענע אַנדערשקייט פאַר דיר דער מקור פון אַ ווידעראַנאַנד; ווי שטיל און ווי פאַרבאָרגן ער זאָל ניט זיין, איז ער דאָך בנמצא.

צי קען אָבער יעדער אַמעריקאַנער ייד, וואָס דערפילט די אינע־ווייניקסטע צונויפגעבונדנקייט מיטן ישוב אין ישראל, אין זיין אייגענעם לעבן פאַרווירקלעכן די כוונה? ניין, ער קען עס ניט קודם כל צוליב עקאָנאָמישע סיבות, ער קען עס אויך ניט צוליב משפחה, ער קען עס ניט אָפטמאָל צוליב פּסיכאָלאָגישע סיבות. ס׳איז ניט קיין פּאַראַדאָקס, עס איז פאַראַן אַ צונויפגעבונדנקייט אויך מיט דער „פרעמד", עס איז

פאַראַן אַ נאָענטקייט מיטן לאַנד וואו מען איז געבוירן געוואָרן, מיט דער קולטור אין וועלכער דו ביסט אויסגעוואַקסן און מיט דער סביבה וואו דו האָסט אָפּגעלעבט דיינע ערשטע צענדליק קינדערישע יאָרן. און אָט דער דאָזיקער קריזיס פון דאָ און דאָרט, אָט די דאָזיקע שפּאַנונג צווישן דער אייגענער איינגעוואָרצלטקייט אין דעם לאַנד, וואו דו לעבסט, ווי איינער פון אַ מיעוט, און די בענקעניש און דאָס באַוואוסטזיניקע צונויפגעבונדן ווערן מיטן לאַנד, וואו עס גייט אויף דאָס נייע לעבן פאַר דיין פאָלק, אויך אין דעם איז פאַראַן אַ ריס; דער ריס וועט ניט אויפהערן אין אונדזער דור. דער דאָזיקער קריזיס פון דער יידישער נשמה וועט אויף לאַנג, לאַנג בלייבן, פּונקט ווי ער איז מסתמא געווען ביי די יידן אין חוץ לארץ אין די צייטן פון בית־שני. אין יענער צייט האָט געלעבט, פון איין זייט, אַ יידיש פאָלק אויף זיין אייגענער ערד אין יהודה (מיט אַן אייגענעם מלוכה־לעבן און בית־המקדש), און גלייכצייטיק האָט געלעבט אַן איינ־פלוסרייכע גרויסע יידישע געמיינדע אין אַלעקסאַנדריע, מצרים. אַלעק־סאַנדריע האָט אַרויסגעגעבן אַ נייעם טיפּ געלערנטע און תלמידי־חכמים, צווישן זיי דעם דענקער פילאָ פון אַלעקסאַנדריע.

דעמאָלט, אין דער העלעניסטישער תקופה, קומט עס אויף דער אַלע־גאָריש־פילאָסאָפישער דרך פון פאַרטייטשן די יידישע תורה, דער אופן פון באַטראַכטן די געשעענישן אין יידישן אַמאָל ווי אַלעגאָריעס, וואָס דאַרפן באַהילפיק זיין צו באַלערנען גוטע מענטשלעכע מידות. די קאָנצעפּ־ציעס, מיט וועלכע פילאָ באַנוצט זיך זיינען גענומען פון דער דעמאָלט־פאַרשטענדלעכער גריכישער פילאָסאָפיע.

מיר מוזן פאַרויסזען, אַז במשך פון דורות וועט די שפּאַנונג, קאָן זיין, ניט אויפהערן, די שפּאַנונג פון דאָ און פון דאָרט; דאָס איז אַ מענטש־לעכער עול, אָבער אויך אַן עול קאָן פאַרמאָגן צו מאָל גרויסקייט און דערהויבנקייט און שטויסן דעם מענטשן צו שאַפערישקייט, ווי ס'איז געווען דער עול מלכות שמים ביי אונדזערע זיידעס און עלטער־זיידעס. אויך אונדזער יידישקייט וועט דאַרפן פאַר דער יוגנט פאַרטייטשט און אויפגעע־קלערט ווערן מיט יענע פאַרשטענדלעכע פאַר איר קאָנצעפּציעס. אויך אונדזער יידישקייט וועט דאַרפן קענען באַשאַפן רו און פרייד אין די נשמות פון יונגע יידישע דורות, וואָס וועלן קומען.

ב

די פּראָבלעם פון דער יוגנט איז אַן אַנדערע און איז היפּשלעך שווערער אין דער סביבה וואָס מיר רופן נאַציאָנאַל־וועלטלעכע, יידיש־פאָלקסטימלעכע.

אין איין צייט איז אָט די סביבה געווען די, וואָס האָט מיט זיך פאַר־געשטעלט דעם רוב מנין ורוב בנין פון יידישן פאָלק אין די פ״ש. די איינגעוואַנדערטע יידן פון פוילן, רוסלאַנד, ליטע, די יידישע אַרבעטער־שאַפט, די נייע יידישע פאָלקס־אינטעליגענץ (יידישע שרייבער, פאַרשער, פובליציסטן), האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט ניט נאָר דעם „אַוואַנגאַרד״, נאָר דעם סאַמע רוקנביין פון יידישן לעבן אין די פ״ש און קאַנאַדע. יענע פאָלקס־שיכטן האָבן באמת געקאָנט זאָגן: „דאָס יידישע פאָלק, דאָס זיינען מיר!״.

עס וואָלט געווען אין דעם, ווי אין יעדן זאַג, אַ געוויסע גוזמא, אָבער אַ ביסל גוזמא, מיט זייער אַ סך אמת. פאַר וואָס מוז מען זאָגן, גוזמא, ווייל מיר ווייסן ווי אַזוי במשך פון לעצטן האַלבן י״ה עס האָבן געווירקט ווי שעפערישע כוחות די רעליגיעזע ריכטונגען אין יידישן לעבן, די קאָנסער־וואַטיווע, די רעפאָרם־באַוועגונג, די נעאָ־אָרטאָדאָקסיע; זיי איז דאָך אויך געלונגען צו אָרגאַניזירן גרויסע מאַסן, איבערהויפּט די ייִנגערע יידישע דורות; זיי האָבן זיך דאָך אונטערגענומען בויען אינסטיטוציעס פאַר זיי, פאַרזאָרגן זיך מיט אַ פאָרעם פון יידישן לעבנס־שטייגער, איינהיטן זיי פאַר אונדזער פאָלק.

די יידישע נאַציאָנאַלע און וועלטלעכע סביבה האָט זיך אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס ביי איר גאַנצער רעבעלישקייט איז זי געבליבן געטריי דער טראַדיציע פון טויזנט יאָר אשכנזישער יידישקייט. זי האָט ממשיך געווען ניט נאָר אַ יידישן וועלט־באַנעם, נאָר בעיקר אַ יידישן לעבנס־שטייגער. עס איז אויפגעהיט געוואָרן דער שפּראַכלעכער אויסדרוק — יידיש. אין מזרח־אייראָפּעאישן לעבנס־שטייגער זיינען אויפגעהיט געוואָרן די מידות, דער אופן פון לעבן און די מנהגים, וואָס באַשטימען די טאָג־טעגלעכע פירונגען. דאָס איז פאָרגעקומען דווקא ביי סאָציאַלע גרופּעס פון אונדזער פאָלק, וואָס האָבן טעאָרעטיש אָפּגעוואָרפן דעם שולחן־ערוך, זיי האָבן

אָבער געטרייער, אָפּטמאָל, ווי ווער עס איז אַנדערש, אויפגעהיט אין זייער אייגענעם לעבן יענע פאָרמען פון אַ דורותדיקער יידישקייט, וועלכע עס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט נוסח־אשכנז.

איינער פון די וויכטיקסטע סימנים איז געווען די דעמאָקראַטישקייט פון יענעם שטייגער לעבן. אַשכנז האָט ניט איינגעטיילט יידן, פון איין זייט, אויף אַן עליטע ד״ה גייסטיקע פּני, וואָס איז באַהאַוונט אין דער פאָלקישער טראַדיציע פון עם הספר, וואָס טראָגט די אחריות ממשיך צו זיין די גייסטיקע ווערטן פונעם פאָלק, און, פון דער אַנדערער זייט, אויף אַ היפשלעך פאַרפרעמדטער מאַסע יידן, באַווירקט פון פרעמדן לעבנס־שטייגער, ווי ס׳איז געווען דער פאַל אין ספרדישן יידנטום.

דער שפּאַנישער ייד איז אין זיין טעמפעראַמענט, אין זיין הילוך, אין זיין שטייגער לעבן, אָפּטמאָל געווען פונקט אַזוי פיל שפּאַניער, ווי ייד. אַשכנז האָט געהאַט דעם כוח צו „פּראָדוצירן״ ניט נאָר גאונים, תלמידי חכמים, ראש־ישיבות, לומדים, אַשכנז האָט געקענט פון דור צו דור „פּראָדוצירן״ דעם טיפּ יידישן פאָלקס־מענטש, געטריי זיין פאָלק, דורכגעדרונגען מיט זיין וועלט־באַנעם, איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן. דאָס איז געווען אַ באַזונדערער געבענטשטער כוח פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום און זיין נוסח יידישקייט.

אפשר האָבן ליטע און פּוילן ניט אַרויסגעגעבן קיין רמב״ם, האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ ווילנער גאון, אַ בעל־שם־טוב, אַ חפץ חיים, ניט אַרויסגעגעבן קיין רבי יהודה הלוי, האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ יצחק לייבוש פּרץ, אַ חיים נחמן ביאַליק, ניט אַרויסגעגעבן קיין סעדיה גאון, האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ שלום־עליכם, אַ יהואש.

דער וואונדער פון אַשכנז, ביז דער מאָדערנער תקופה, איז געווען יענע גרויסע פעאיקייט פון אַ פאָלק, וואָס אין יעדער תקופה און אין יעדן לאַנד וואו עס איז געקומען, האָט עס פון איזעווייניק געקאָנט פאַר זיך באַשאַפן אַן „אייגענעם הימל און אַן אייגענע ערד״ און דער הימל און די ערד האָבן זיך געצויגן פון דער ווייסל און דער ווילִיע צו יענער ערד פון אַלט־ירושלים, וואו רבי יוחנן בן זכאי און רבי עקיבא האָבן געלערנט תורה, און צו יענעם הימל, אַריבער די וועגן פון חרן און פון באר־שבע, פון וועלכן גאָט און אויך זיינע מלאכים האָבן גערעדט צו אברהם אבינו, צו יצחק און צו יעקב.

די ישובים, וואָס יידן האָבן אויפגעשטעלט, זיינען ניט סתם געווען אַ היים פאַר דעם יידישן מענטש אין פּוילן און ליטע, זיין גאַנץ לעבן איז געווען אַזוי איינגעאָרדנט, אַז ער זאָל זיין בכוח צו באַשאַפן זיין אייגענע ווירקלעכקייט. פאַר יעדן גבול האָט דער ייד באַשאַפן זיינע אייגענע קאַטע־גאָריעס פון צייט, שטח און חשיבות. אָרום האָט טאַקע געהערשט די שליאַכטע, דער מלך, דער פּוילישער פּאַרלאַמענט און דער וואָיעוואָדע. זיי האָבן טאַקע באַשטימט די רעכטלעכע און די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון די יידן אין לאַנד, און אַכטונג געגעבן וויפל שוץ מעג דער ייד באַקו־מען און ווי ווייט זיינע פּריווילעגיעס זאָלן גיין, אָבער אין גרענעצן פון דער אָביעקטיווער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט, האָט דער פּוילישער ייד געקאָנט באַשאַפן זיין אייגענע סוביעקטיווע יידישע ווירק־לעכקייט.

יידן האָבן געקאָנט זיין אַ פאָלק צווישן פעלקער, אַפילו ווען ס'האָבן זיי געפעלט יענע נאָרמאַלע אַטריבוטן, וועלכע מען האָט פון זינט דעם סוף 18טן י"ה גענומען באַטראַכטן ווי אַטריבוטן פון אַ פאָלק, ווי, למשל, טעריטאָריע, מלוכהשאַפט, פּאָליטישער באַוואוסטזיין אד"גל. אַפילו נאָך דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און פּוילן, אַפילו נאָך דעם ווי עס האָט זיך אויפגעהויבן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין יידישן לעבן פון רוסלאַנד און פּוילן, וואָס האָט געלייקנט דעם אַלטן לעבנס־שטייגער און געפאָדערט אַ נייע וועלט פאַר דעם אַרבעטנדיקן מענטשן, איז אין די טראַציקע און צו מאָל לעסטערנדיקע ווערטער פון דער יוגנט דאָך געווען די גרעסטע צונויפגעבונדנקייט מיט די פריערדיקע דורות; די האָפענונג אויף רעוואָלוציע, די משיחישע האָפענונג אויף דערלייזונג, דאָס טראָגן אין דער וועלט צווישן דער אַרבעטערשאַפט און אַלע אונטערדריקטע די מאָנונגען פון גערעכטיקייט און פון יושר פאַר אַלע באַדריקטע און ליידנ־דיקע; וואָס איז געווען דער מקור פון דעם, אויב ניט די מאָנונג פון עמוס און ישעיה. ניין, עס איז אין תוך ניט געווען קיין איבעררייס, עס איז געווען אַ המשך, כאָטש אַ המשך דורך אַ היסטאָרישער פאַרוואַנדלונג!

נאָר אין אַשכנז האָט געקאָנט פּאַסירן אַז פון אַנטיטעזיס, ווי שמעון דובנאָוו האָט עס אָנגערופן, דאָס מיינט פון דער פאַרלייקענונג פון יידישער טראַדיציע, פון אירע אַלטע געהייליקטע דרכים זאָל קאָנען אַרויסקומען אַ סינטעז, אַ פאַרבינדונג פון דעם „יאָ“ מיטן „ניין“, פון דעם וואָס איז

היסטאָריש און טראַדיציאָנעל געווען אמת, מיט דעם וואָס עס האָט געמוזט איצט זיין אמת אין ליכט פון דעם נייעם לעבן און די נייע מענטשלעכע השגות. אויף די שטחים פון יידישן פוילן, ליטע און רוסלאַנד, ביים סוף פון 19טן און במשך פון 20סטן י״ה, ביז דעם צווייטן וועלט־קריג און דעם גרויסן חורבן, האָט מען געקאָנט זען ווי פון צעריסנקייט איז אַלץ מער געוואָרן אַ גאַנצקייט, ווי דאָס נייע וויסן האָט זיך גאַנץ גוט באַהאָפטן מיט די היסטאָרישע ווערטן פון דער יידישער טראַדיציע און פון אונדזער געשיכטע.

אין מזרח־אייראָפּע זיינען אויך אויפגעקומען יענע נייע אינסטיטוציעס, די מאָדערנע יידישע און העברעאישע שולן, וועלכע האָבן באַדאַרפט מעגלעך מאַכן, אַז דאָס וואָס מען האָט געוואונען דורך אויסשמידן אַ נייעם לעבנס־שטייגער דורך דערהייבן דאָס גרעזעלשאַפטלעכע לעבן, דורך אַריינ־ברענגען גרויסע מענטשלעכע און אוניווערסאַלע אידעאַלן, זאָל מען קאָנען ממשיך זיין. עס איז אויפגעקומען סוף 19טן י״ה אַ פאָלקס־אינטעליגענץ, אַ לערערשאַפט, עס זיינען אויפגעקומען נייע טיפן פירער אינעם לעבן פון פאָלק; אויסער דער טראַדיציאָנעלער פירערשאַפט, דער רבנישער, איז נאָך צוגעקומען דער יידישער שרייבער, דער כלל־טוער, דער רעוואָלוציאָ־נערער און אַרבעטער־פירער, דער פירער פון נאַציאָנאַלע באַוועגונגען אין דעם יידישן לעבן. די יידישע שפּראַך איז אין דעם גאַנצן אויפבוי געווען אַ גוואַלדיקער אויפרודערנדיקער כוח. טויזנטער מענטשן פון דער פּען, מענטשן פון גייסט, מיט מער טאַלאַנט און מיט ווייניקער טאַלאַנט, שרייבנ־דיק אין פּראָזע און אין דיכטונג, אין זשורנאַלן און אין צייטונגען, וויסנ־שאַפטלעכע אַרבעטן און פּובליציסטישע אַרטיקלען האָבן אויסגעשמידט אַ נייעם קוק אויפן לעבן, די נייע גאַנצקייט, וועלכע האָט מיט זיך פאַרגע־שטעלט ביי איר דורכאויסיקער פאַרשיידנאַרטיקייט די נייע יידישע אַטמאָספער.

די נייע יידיש־סביבה האָט באַוויזן, אַז זי איז בכוח ממשיך צו זיין די נייע אויפגעקומענע קולטור־טראַדיציע דורך אירע קינדער־שולן, גימנאַ־זיעס, לערער־סעמינאַרן, פאָלקס־אוניווערסיטעטן, ביבליאָטעקן, כאָרן און דורך שטודיר־קרייזלעך. איבערהויפּט האָט אַריינגעצויגן דעם פאָלקס־מענטש די דראַמע פון פּאָליטישן קאַמף פאַר יידישער רעכט און יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, פאַר דער מעגלעכקייט ממשיך צו זיין דאָס לעבן ווי

אַ פֿאָלק, דער קאַמף אויף פֿאַר עקאָנאָמישע רעכט אין דער נייער גלעזעל־שאַפֿט. וויפֿל וואָגונג און גרויסקייט, יאָ, וויפֿל נשמה־גרויסקייט, וויפֿל דערהויבנקייט, וויפֿל זיכערקייט אין דער גערעכטיקייט פֿונעם מענטשן האָט געשטעקט אין דעם אַלעמען! וויפֿל גלויבן, אַז דער אמת וועט מוזן מנצח זיין, אַז די באַציאונגען צווישן פֿעלקער, צווישן מענטש און מענטש וועלן מוזן ווערן גערעכטער און פֿריינדלעכער, האָט געמוזט שטעקן הינטער די אַלע וואונדערלעכע מעשים פֿון דעם יידישן דור אין פּוילן און ליטע.

ג

מיטן אומקום פֿון פּוילישן יידנטום האָט זיך די לאַגע קאַטאַסטראָפֿאַל געביטן; זיינע קאָלאָניעס אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, מעקסיקע און אַרגענטינע האָבן איבערגעלעבט נייע שוועריקייטן, ווי יעדער קולטור־שטייגער מוז איבערלעבן דעמאָלט, ווען ער גייט אויף אויף אַ נייער ערד, און פּלוצעם גייט אונטער זיין היסטאָריש־סאָציאַלע באַזע. די שוועריקייטן אין די פּ״ש זיינען געווען גאָר באַזונדערס טראַגישע, וואָס שייך דער יידישער יוגנט; אויב דער איינגעוואָרצלטער ייד האָט נאָך געקאָנט באַשאַפֿן פֿאַר זיין אייגענעם דור און פֿאַר זיין אייגענעם לעבן אַזאַ פֿאָרעם פֿון יידישקייט, וואָס זאָל זיין אַ סינטעז צווישן יהדות און אַמעריקאַנישקייט, אַזאַ וואָס זאָל פֿאַרבינדן דאָס גוטע פֿון דער יידישער טראַדיציע, אויך פֿון דער נייער יידישער קולטור, צוזאַמען מיט די נייע דעמאָקראַטישע טראַדי־ציעס פֿון דעם לאַנד, וואו ער האָט זיך באַזעצט, איז דאָס גאָר, גאָר שווער געוואָרן ווען ער האָט אָט דעם סינטעז, די נייע געבונדנקייטן געוואָלט איבערגעבן זיינע זין און טעכטער; איך האַלט, אַז די דאָזיקע שוועריקייט דאַרף מען פֿאַרשטיין. עס איז ניט גרינג פֿאַר אַ יונגן יידן, וואָס איז אויסגע־וואַקסן מיט געטריישאַפֿט צו יידיש־נאַציאָנאַלע אידעאַלן, אויך מיטן באַוואוסטזיין פֿון די גרויסע התחייבותן ביים היינטיקן טאָג, ניט דורכצולעבן מאָמענטן פֿון נשמה־קריזיס. ווי אַ מענטשן, וועלכער קאָן זיך ניט באַנוגענען נאָר מיט עגאָאיסטישע מאָטיוון אין זיין אייגענעם לעבן, און אין דעם לעבן פֿון זיין פֿאָלק, שטויסט ער זיך צוזאַמען מיט דער כוואַליע פֿון קאָנסערוואַטיזם און קאָנפֿאָרמיזם, וואָס באַהערשט אַמעריקע ביים היינטיקן טאָג. עס איז שווער פֿאַר איינעם, וואָס איז אויסגעוואַקסן מיטן גלויבן אין

מענטשהייט, אין היסטאָרישן פאַרשריט, אין הומאַניזם אויפצוהיטן זיין אמונה. אויך ביי אים, דעם מענטשן מיט אַ הומאַניסטישן גלויבן, קומט פאַר אַ קריזיס פון אמונה; יאָ, איך זאָג, אַז אויך הומאַניזם איז אַ גלויבן, וואָרעם אָן אמונה קאָן קיין שום מענטש ניט דורכטראָגן די שווערקייטן פון לעבן.

איך האַלט דעריבער ניט פון דעם צוגאַנג פון יענע וועלכע ווילן פירן אַ ברוגז מיט דער יידישער יוגנט, וועלכע זעען נאָר דעפעקטן, וועלכע זוכן נאָר חטאים און מיינען אַז ביי אונדז איז אויסגעוואַקסן דער ערגסטער יידישער דור. איך גלויב נישט, אַז דער אַמעריקאַנער יידישער דור איז אַ שלעכטער; פאַרקערט, דער מאָדערנער, דער נייער ייד, איבערהויפּט די יידישע יוגנט פאַרמאָגט דאָ אַ ספּעציעלן שטאָלץ, וואָס געפעלט אונדז, אַ זעלבשטענדיקייט. דער דאָזיקער ייד פאַרמאָגט אַ געוויסן חן, ווייל ער איז אויפגעוואַקסן אין אַ דעמאָקראַטיש לאַנד, אין אַ סביבה פון גלייכקייט און פון בעסערע באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש. אמת, ווי דערציילט מען, מיר, אַז דווקא דעם דאָזיקן סימפּאַטישן און ליבן יונגן מענטשן, וואָס געפעלט אונדז אַזוי שטאַרק, איז צום סאַמע שווערסטן אָנצוצינדן מיט אונדזער אמונה און איינצוגלידערן אין אונדזער אייגענעם לעבנס־שטייגער.

אָפּטמאָל מוזן מיר זיך פרעגן, ווי מאַכט מען אונדזער יוגנט זאָל גלויבן אין יענע אידעען, אין יענע פירונגען, וואָס דורות יידן האָבן פעסט־געשטעלט, ווי לערנט מען אונדזער יוגנט נעמען אויף זיך יענעם גרויסן יאָך פון געטריישאַפט, וואָס מיר פילן, אַז די יוגנט פון אַ פאָלק דאַרף נעמען.

איך האַלט אָבער נישט, אַז ברוגז, קריטיק, שפּאָט וועלן העלפן. ברוגז, קריטיק, שפּאָט ווי דערציערישע כוחות צו געווינען איין דור פאַרן לעבן, פאַר דער געטריישאַפט, פאַר די אידעען פון אַ צווייטן דור זיינען נעגאַטיווע כוחות וואָס וועלן פון „ניין" קיין מאָל ניט מאַכן קיין „יאָ". איך גלויב ניט בכן, אַז מיר קאָנען פאַרמאָגן אַ טאָטאַליטאַרן צוגאַנג. מיר קאָנען ניט זאָגן אונדזער יוגנט: אָדער איר וועט אין גאַנצן אָננעמען אויף אַלע הונדערט פּראָצענט די פאָרעם פון אונדזער יידישקייט, ווי אַזוי מיר אַליין האָבן געלעבט, ווי אַזוי מיר האָבן געהאַפט, אַז אונדזערע קינדער וועלן לעבן, אָדער אַ נישט, זאָגן מיר זיך אָפּ פון אייך, אַ נישט האָבן מיר מיט אייך ניט וואָס צו טאָן. דאָס קאָנען נאָר זאָגן שטאַרק פרומע עלטערן, זיי האָבן די מאָראַלישע רעכט אויף דעם, ניט קיין דור, וואָס האָט

אַליין רעוואָלוציאָניזירט דאָס יידישע לעבן, וואָס האָט סיי געבויט, סיי אַ היפּש ביסל צעשטערט.

מיר דאַרפן ניט מורא האָבן, אַז טאָמער וועלן מיר איינגיין אויף געוויסע מענטשלעכע פּשרות, וועלן מיר „פּאַראומרייניקן״ די אייגענע געטריישאַפט, וועלן מיר באַוויזן דעם באַנקראָט פון אונדזער אייגענער אידעען־וועלט. ניין, עס וועט גאָרניט האָבן באַנקראָטירט, מיר וועלן ניט באַגיין קיין שום עוולה קעגן אונדזער פאָלק און קעגן אונדזערע השגות. מיר דוכט, אַז דער עקסטרעמער צוגאַנג איז היסטאָריש אַ פאַלשער, ניט קיין באַרעכטיקטער, איבערהויפּט איז ער פּסיכאָלאָגיש ניט קיין ריכטיקער.

מיר דוכט, ווען עס זאָל מעגלעך זיין צו פאַרשטיין די קריזיסן, וועלכע עס גייט דורך דער יונגער אַמעריקאַנער ייד, ווען עס זאָל קלאָר ווערן, וואָס פאַר אַ הילף עס קאָן אים געבן די יידישע סביבה, אין זיינע מענטש־לעכע און יידישע ראַנגלענישן, וואָלטן מיר געקאָנט מער אָדער ווייניקער זיכער זיין, אַז דורכגייענדיק פאַרשיידענע גלגולים אין זיין לעבן, יאָרן פון דערנענטערן זיך און פון דערווייטערן זיך, און ווידער דערנענטערן זיך, וועט ער סוף־כל־סוף בלייבן אין אונדזער סביבה און אייגענער.

פאַר דעם דאַרף מען אָבער האָבן זייער אַ סך ברייטהאַרציקייט, מער מידות הרחמים, ווי מידת הדין; פאַר דעם דאַרף מען אויך פאַרשן און וויסן מערער. לכל הדעות ליבן האָבן מער, זיין מער באַזאָרגט, ניט שטאַרק פאַרלאָזן זיך אויף דעם אייגענעם האָנאָר, און אויף דער גערעכטיקייט פון דעם לעבנסקוק, וואָס האָט אונדז אַליין באַגלייט אונדזער גאַנץ לעבן. עס איז נייטיק אַ מאָס גייסטיקע אָביעקטיוויקייט און סימפּאַטיע, כדי צו קאָנען אַנטקעגנקומען דער יוגנט, וועלכע מיר ווילן געווינען פאַר אונדזער פאָלק.

ד

פונקט אַזוי אַנטשיידן קעגנעריש וואָלטן מיר געדאַרפט זיין צו אַ צווייטן צוגאַנג, דעם דורכאויס נאָכגיביקן, וואָס שטעלט קיין שום פאָדע־רונגען נישט, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון דער השפּעה, וואָס איין דור מוז האָבן אויפן צווייטן. דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דער גרויסער געפאַלנקייט פון טאַטע־מאַמע לגבי זייערע הי־געבוירענע אַמעריקאַנער קינדער. זיי, די קינדער, ווייסן דאָך אַוודאי מער פון טאַטע־מאַמע, זיי זיינען דאָך דאָ

געבוירן געוואָרן אין דעם געבענטשטן לאַנד, אויף זיי קאָן דאָך אַוודאי ניט פאַלן קיין שום חשד פון „פרעמדקייט". זיי האָבן דאָך ניט קיין פגימה. אָט די הכנעה און געפאַלנקייט, אָט די נאָכגיביקייט פון איין דור לגבי דעם צווייטן, איז דער ערגסטער סימן פון סאָציאַלער דעזאָרגאַניזאַציע אין אונדזער אימיגראַנטישער יידישער סביבה. עס איז פאַראַן אַ מאָראַליש רעכט, וואָס די יוגנט מעג פאַרלאַנגען פון טאַטע־מאַמע צו באַקומען פון זיין הדרכה, צו באַקומען עפּעס פון דער לעבנס־חכמה און פון דער לעבנס־דערפאַרונג, וואָס זי אַליין, די יוגנט, האָט זיך נאָך ניט דערוואָרבן.

דער דור וואָס זאָגט זיך אָפּ פון ווירקן אויף דעם יונגן דור, איז דער דור, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער גרויסער מענטשלעכער און מאָראַ־לישער אחריות וואָס ער מוז טראָגן; עס איז ניט קיין דור וואָס וועט באַזונגען ווערן, אָפילו ניט פון די אייגענע קינדער. די יוגנט וועט זיך פילן, אַז זי איז גענאַרט געוואָרן, אַז טאַטע־מאַמע האָבן איר ניט געגעבן אַלץ, וואָס אַ מענטש באַדאַרף וויסן; ביים היינטיקן טאָג, פּונקט ווי אַלעמאָל, באַדאַרף אַ מענטש, אויסער זיין אייגענעם קאָפּ אויף די פּלייצעס, אויסער זיין אייגענעם מענטשלעכן באַוואוסטזיין, אויך די שטאַרקונג פון דורות, אויך „זכות אָבות", אויך די אָנגעזאַמלטע דערפאַרונג און חכמה פון דורות יידן. איבערהויפּט קאָן זיך אַ מאָדערנער ייד ניט באַגיין אָן יענעם גרויסן אוצר פון קלוגשאַפט, פון פאַרשטענדיקייט, פון דערפאַרונג, פון גרויס חכמה, פון לעבן און פון ליידן, וואָס דאָס אייביקע פאָלק האָט אַרויסגעוויזן אין די אַלע יאָרן פון זיין געשיכטע.

נאָר ניט קיין הכנעה, נאָר ניט קיין נאָכגיביקייט, און קיין געפאַלנ־קייט! מיר מוזן שטאָלץ טראָגן אונדזער אחריותדיקע באַציאונג פון באַווירקן און באַווירקט ווערן, פון ליב האָבן און פון פאָדערן און מאָנען און פון פאַרשטיין, פון באַלערנען און אַליין לערנען פון יענע נייע דער־פאַרונגען, וואָס עס ברענגט אונדז די געענדערטע צייט, דער נייער גייסטי־קער קלימאַט, די נייע פאָדערונגען פון דער צייט.

עס זיינען פאַראַן אַ היפּש ביסל געביטן פון לעבן, וואו יעדער דור מוז זיך אַליין לערנען, אָדער וואו איין יונגער מענטש לערנט דעם נייעם שטייגער פון הדרכה פון אַ צווייטן יונגן מענטשן. די געזעלשאַפט פון גלייכע אין יאָרן און במילא גלייך אויך אין די שוועריקייטן און דאגות וועלכע זיי באַגעגענען אין לעבן, ווערט דעמאָלט אַ דאָמינירנדיקער

פאַקטאָר. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז עס איז ניט מעגלעך צו פאַרפלאַנצן צווישן אונדזער יוגנט אַ סך חשובע מידות, אַ סך באַציאונגען וואָס דאַרפֿן בלייבן צווישן מענטשן, אַ סך געטריישאַפטן צו דעם אייגענעם פאָלק און זיין לעבנס־שטייגער, אַ סך פאָרמען פון פאַמיליע־לעבן און פון געזעל־שאַפטלעכן לעבן.

עס איז פאַראַן נאָך אַן עיקר־מאָמענט, וואָס האָט ניט צו טאָן דווקא מיטן יחיד, נאָר האָט מער צו טאָן מיטן כלל, מיט דער געמיינדע, מיט דעם אופן ווי די געזעלשאַפט פאַרזאָרגט די יוגנט מיט הדרכה, ווי זי פּרוּווט די יונגע דורות אַריינצובריינגען אין לעבן. די געזעלשאַפט, אין אונדזער פאַל די יידישע געמיינדע, קען עס דערגרייכן דורך גוטע לערן־אינסטיטוציעס, דורך צענטערן פאַר פאַרווייַלונג און געזעליקייט, דורך יוגנט־באַוועגונגען; ניט אַלצדינג קאָנען טאַטע־מאַמע דערגרייכן, ניט אומעטום איז גענוג די ווירקונג פון דער היים. עס זיינען פאַראַן אין דעם לעבן פון דורות געזעלשאַפטלעכע און קאָלעקטיווע מאָמענטן, וואו דער גאַנצער קולטור־שטייגער באַווירקט און באַשטימט דעם לעבנס־נוסח און דעם לעבנס־גאַנג פון אַ מענטשן.

ו

צי פאַרשטייען שוין אַמעריקאַנער יידן זייער קאָלעקטיווע נאַציאָנאַלע אַחריות? יידן אין אַמעריקע מוזן פאַרשטיין, אַז זיי וועלן אַפילו ניט קאָנען צו לאַנג פאַרמאָגן אַ שייכות מיטן אויפבוי פון יידישן לעבן אין מדינת ישראל, אויב די יוגנט וועט דאָ אויף אַזוי פיל יידיש פאַרפרעמדט ווערן. נאָך איין דור אָדער צוויי, און עס איז פאַראַן די סכנה עס זאָל אויפקומען אַזאַ ריס צווישן דאָ און צווישן דאָרט, וואָס מען וועט שוין מער קיין מאָל מער ניט קאָנען פאַרהיילן.

אַ געוויסע צייט האָט געהערשט אַ נאַאיווער קוק אויף דער שותפות ווי אַזוי אַמעריקאַנער יידן און ישראל־יידן קאָנען זיך איינטיילן מיט נאַציאָנאַלער אַחריות; איר דאָרט, אונדזערע ברידער אין ישראל, וועט בויען דאָס נייע יידישע לעבן און מיר דאָ, אַמעריקאַנער יידן, וועלן צוטראָגן פון אונדזער מי, פון אונדזער האָרעוואַניע און פאַרמעגן, כדי מעגלעך צו מאַכן די מאַטעריעלע אויפריכטונג פון לאַנד. ווי אַ פועל יוצא

פון דעם וועט איר, אונדזערע ברידער פון ישראל, אונדז באַזאָרגן מיט קולטור, מיט אונדזער גייסטיקער אויסקומעניש, און אין דעם זכות וועט פאַר אונדז מעגלעך זיין ווייטער צו האָבן אַ נאַציאָנאַלן קיום.

אין דער ווירקלעכקייט איז אַזאַ פאַרטיילונג ניט מעגלעך אין קיין מענטשלעכער געזעלשאַפט! קולטור איז ניט עפּעס אַזוינס, וואָס אַ פאָלק אָון אַ געמיינדע קאָן זי שעפּן פון דער ווייט, אָדער אַפילו נאָר פון דעם פאָלקס אַמאָל, עס מוז זיין פאַרבונדן מיט דער נאָענטער טאָג־טעגלעכקייט, מיט דעם אַרום, מיטן גאַנצן לעבנס־סטיל פון דער ציוויליזאַציע, אין וועלכער דער מענטש געפינט זיך און אין וועלכער ער וואַקסט אויף.

דער אַמעריקאַנער ייד דאַרף זיך ניט פילן געפאַלן, אויך אויף אים איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ גרויסע היסטאָרישע און נאַציאָנאַלע שליחות צו באַטייליקן זיך אין איינעם פון די גרעסטע עקספּערימענטן אין דער וועלט־געשיכטע.

דאָ ווערט פון פיל פעלקער, פון אַריבערגעקומענע פון ווייטע לענדער געשאַפן אַ נייע ציוויליזאַציע, אַ נייע ברודערשאַפט און אַ נייער צוזאַמענ־לעבן פון מענטשן. די יסודות פון צוזאַמענלעבן זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן דורך די פאַטערס פון דער אַמעריקאַנער רעפּובליק און דורך די כאַרטיעס פון דער אַמעריקאַנער פרייהייט, אָבער אַלע לעבעדיקע דורות נעמען אין אים אָנטייל און טראָגן צו זייער חלק.

אין קאָנטעקסט פון דער נייער פּאָליטישער ווירקלעכקייט מוזן זיך פינף מיליאָן יידן דערהאַלטן ווי אַ גייסטיקער קאָלעקטיוו. אויב עס זאָל חלילה געשען, אַז די דאָזיקע נייע ציוויליזאַציע, וואָס איז געבויט אויף דער פרייהייט פון מענטשלעכן יחיד, אויף דער חשיבות פון מענטש און פון זיין גלויבן, אויף דער מעגלעכקייט אויפצוהיטן אַלערליי קולטור־שטייגערס און אמונות, אויב עס זאָל געשען, אַז דער עקספּערימענט זאָל זיך אין דער וועלט ניט איינגעבן, דעמאָלט איז בכלל פאַראַן זייער ווייניק האָפענונג, אַז אין אַזאַ מין שווערער און מלאַנכאָלישער וועלט, ווען די סכנה פון טאָטאַ־ליטאַריזם הענגט ווי אַ פינצטערע כמאַרע, זאָל אַ פרייע ישראל, געבויט אויף די פרייהייטלעכע דעמאָקראַטישע פּרינציפּן זיך קאָנען אויפהיטן. ישראל — דאָס איינציקע ווינקעלע פאַר פרייע קאָלעקטיוויסטישע און סאָציאַלע עקספּערימענטן אין דער וועלט, וועט זיך צונויפטרעפן מיט אַזוי פיל שנאה און מיט אַזוי פיל פרעמדקייט, אַז זי וועט אויסזען ווי אַן אויס־

טערלישער פּלאַנץ אין אַ וועלט, וואָס ווערט אַלץ פרעמדער און פרעמדער צו יענע אידעען וועלכע עס האָבן פּראָקלאַמירט דער 18טער און 19טער יאָרהונדערט.

אונדזערע ברידער אין ישראל און מיר אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ביידע באַטייליקן מיר זיך אין צוויי גרויסע נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע עקספּערימענטן. אין איין אָרט ווערט געבויט דאָס לעבן פון אַ פאָלק אויף די פּרינציפּן פון מלוכהשער זעלבשטענדיקייט, אויף דער אייגענער טעריטאָריע, מיטן גרויסן אויסבליק צו קאָנען מקיים זיין אין לעבן די אייביקע אידעען פון פרייהייט, פון שלום און פון מענטשלעכער סאָלידאַריטעט. פון דער אַנדערער זייט מיר דאָ, וועלכע באַטייליקן זיך אין דעם גרויסן היסטאָרישן עקספּערימענט, וואָס הייסט אַמעריקע, וואָס וויל באַפעסטיקן דעם מוסטער פון אַן עקאָנאָמישער סיסטעם און אַ געזעלשאַפטלעכן סדר, וואָס פאַרבינדט אָרדענונג צוזאַמען מיט איניציאַטיוו, פּראָדוקטיוויטעט מיט דעמאָקראַטיע, פּלאַנירונג צוזאַמען מיט פרייהייט, דעם מעכטיקן אויפשטייג פון אַ רייכער קולטור צוזאַמען מיט דער מעגלעכקייט פאַר מינאָריטעטן אויפצוהיטן זייער אייגענעם לעבנס־שטייגער.

*

עס ווערט דערציילט, אַז ווען דער בית־המקדש איז געשטאַנען און די כהנים האָבן נאָך געפּראַוועט די עבודה אין ירושלים, פלעגט דער אויבערשטער אַראָפּשיקן אויף דער וועלט פאַר יעדן יידן וואָס האָט געדאַרפט געבוירן ווערן אַ נייע נשמה. לויטער נייע נשמות פלעגן אַראָפּקומען אויף דער ערד, אָבער נאָך דעם, ווי דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן אין פלאַמען, דאָס פאָלק איז צעשפּרייט געוואָרן איבער דער וועלט, די יידישע זעלבשטענדיקייט איז געבראָכן געוואָרן, האָבן פון אויבן אָנגעהויבן אַראָפּקומען אַלטע נשמות, איבערגעניצעוועטע, פון לעבנס, וועלכע האָבן שוין זייער ביסל יאָרן אָפּגעקוועלט; דורך דעם האָט די השגחה פאַרמיטן די סכנה און די אומזיכערקייט וואָס דער מענטש מיט זיין באַשערטער וואגונג, מיט זיין אומרו קאָן אַרויסוויזן אין די יאָרן פון זיין לעבן.

מיט אַ וועלכע הונדערט פופציק יאָר צוריק, פון זינט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָבן אָנגעהויבן אַראָפּצוקומען פון אויבן נייע נשמות: די ציטערדיקע נשמות האָבן געוואָלט אַליין זייער אייגענעם וועג געפינען!

ווידער אַמאָל האָט וואַגונג, מוט און געבענטשטער אומרו געגומען טרייבן דעם יידישן יחיד; ס׳איז אים ענג געוואָרן אין לעבן, ער האָט געפילט, אַז דאָס לעבן קאָן אים געבן, דאַרף אים געבן אַזוי פיל מער פרייד, גליק, נסיונות. אַ סך פון די נשמות, וואָס זיינען אַוועק פון זייער פאָלק און געלעבט אין דער פרעמד האָבן געליטן יסורים און געפילט די ביטערקייט און די חרפה פון דער פרעמד, אָבער פול מיט נסיונות זיינען געווען זייערע טעג. טייל פון זיי האָבן זיך צוריק אומגעקערט און האָבן אויפגעלויכטן און האָבן ליכטיק געמאַכט צוריק דאָס יידישע לעבן, און דאָס זיינען געווען די אומרואיקע נשמות, וואָס האָבן אָנגעצונדן נייע אידעאַלן אין יידישן לעבן. משה העס, טעאָדאָר הערצל, שמעון דובנאָוו, ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, יצחק לייבוש פּרץ, בער באָראָכאָוו, וולאַדימיר מעדעם, וואַגנדיקע, אַלץ העכער און העכער זיך רייסנדיקע מענטשלעכע נשמות. און אויך אַ דור יידן, אויך זייערע נשמות, זיינען אָנגעשטעקט געוואָרן מיט גרויסן יידישן אומרו, און אַ ניי ליכט איז אויפגעגאַנגען פאַר זיי. אָן דעם דאָזיקן אומרו וואָלט ניט מעגלעך געווען ניט די איבערוואַנדערונג פון מיליאָנען יידן, ניט דער אויפבוי פון ישראל, ניט דער התלהבותדיקער אָנטייל פון יידן אין אַלע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען פון דער מאָדערנער מענטשלעכער געשיכטע.

מיר וואָלטן אַפילו ניט געקאָנט אומגיין היינט באַזאָרגטע, ווי גיט מען דעם געבענטשטן אומרו איבער דער אַמעריקאַנער יידישער יוגנט.

(רעפעראַט, געהאַלטן פאַר דער קולטור־אָרגאַניזאַציע אין פילאַדעלפיע, 1961).

יידישע ווערטן און יידישער קיום

עס איז געווען ניט מער ווי רעכט, אַז די באַטראַכטונגען, וואָס האָבן זיך לעצטנס אָנגעהויבן מיט אַנאַליזירן די פּראָבלעם פון יידישע ווערטן, זאָלן שפּעטער אַריבערגעטראָגן ווערן אויף דער פּראָבלעם פון דער מזרח־אייראָפּעאישער קולטור און דער שייכות צווישן יענער דורותדיקער קולטור און אונדזער נייעם לעבנס־שטייגער, וועלכער קומט אויף אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

די אַמעריקאַנער יידישע געמיינדע, וועלכע האָט ניט לאַנג אָפּגעצייכנט 300 יאָר פון איר עקזיסטענץ, איז אַ נייער פּרואוו ניט נאָר צו עטאַבלירן אַ פריייע און אַן עקאָנאָמיש און פּאָליטיש זיכערע היים פאַר די פינף מיליאָן פון אונדזער פאָלק, נאָר עס איז אויך אַ פּרואוו אויפצובויען אַ גייסטיקע געמיינשאַפט פאַר דעם אַמעריקאַנער יידן.

אויך אין דער מאָדערנער צייט מוז דער ייד אין חוץ־לארץ קענען באַשאַפן יענע „גייסטיקע טעריטאָריע", וואָס האָט אונדז דערהאַלטן במשך פון אַכצן הונדערט יאָר, נאָך דעם ווי מיר האָבן געמוזט עקזיסטירן ווי אַ ניט־טעריטאָריעלע נאַציע; דער ייד מוז פאַרמאָגן דעם באַוואוסטזיין פון גורל־געבונדנקייט, פון אַ בשותפותדיקער היסטאָרישער טראַדיציע און פון בשותפותדיקע פאָלקישע ווערטן. היינט, נאָך דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל, קערן מיר זיך צוריק אום צו דעם צושטאַנד אין וועלכן יידן האָבן זיך געפונען אין דער צייט פון בית־שני. יידן האָבן דעמאָלט פאַרמאָגט אַ זעלבשטענדיקע יידישע מלוכה אין ארץ־ישראל, אָבער גלייכצייטיק האָבן מאַסן פון יידישן פאָלק זיך אויך געפונען אין קליין־אַזיע, מצרים, בבל, רוים און אין אַנדערע לענדער.

וועגן דער פּראָבלעם פון יענער טאָפּלטקייט געפינען מיר אַ פאַרצייכענונג ביי פילאָ אַלכסנדרוני. פילאָ פרעגט זיך: ווי קומט עס, וואָס יידן זיינען צעשפּרייט אויף דער וועלט? און ער ענטפערט: דאָס איז דערפאַר, ווייל מיר זיינען אַ גרויס פאָלק און אונדזער לאַנד איז קליין. דעריבער באַוואוינען מיר די אינזלען פון ים און אַ סך קאָלאָניעס אין פאַרשיידענע

לענדער. מיר לעבן צעשפרייט, אָבער מיר קוקן אַרויף צו אונדזער מעטראָ־פּאָליע ירושלים; ניט געקוקט אויף אונדזער צונויפגעבונדנקייט מיט אונדזער אַלטער היים, זיינען מיר דאָך פאַרוואָרצלט אין די ערטער וואו מיר לעבן.

דאָס איז געווען אַן ענטפער, וואָס פילאָ האָט געגעבן ווי אַ בירגער פון אַלעקסאַנדריע, אַן אומרואיקער ייד, וואָס האָט געזוכט, אַן אַלגעמיין־גילטיקן ראַציאָנאַל פאַר דער העלעניסטישער ציוויליזירטער סביבה, ווי אַזוי צו דערקלערן די מאָדנע יידישע טאָפּלטקייט. פון איין זייט, זיינען יידן געווען דעמאָלט אַ מלוכה־פאָלק; פון דער אַנדערער זייט, האָבן עקסיסטירט יידישע אויטאָנאָמע ישובים אין בבל, אין מצרים און אין קליין־אַזיע.

דאָס מוטער־לאַנד האָט נאָך פאַרמאָגט פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט, אָבער אויך די ישובים, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער צעשפּרייטונג, האָבן אויפגעהיט יידישקייט; יידן האָבן נאָר געמוזט אָנקומען צו אַלערליי אינטעלעקטועלע המצאות און פילאָסאָפישע קאָנצעפּציעס זייער יידישקייט צו צעקייען סיי פאַר דעם יונגן העלעניזירטן יידישן דור, סיי פאַר די ניט־יידישע געבילדעטע קרייזן פון דער באַפעלקערונג, צווישן וועלכער זיי האָבן געלעבט.

*

וואָס זיינען ווערטן? מיר ווייסן, אַז ווערטן וואַקסן אַרויס פון אַ באַשטימטן לעבנס־שטייגער און ווערן באַדינגט פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון אַ פאָלק; יעדער קולטור־שטייגער באַשאַפט יענע ווערטן, וועלכע זאָלן דעם מענטשן געבן אַ זין און אַן אינהאַלט אין לעבן, וועלכע זאָלן פאַר אים שאַפן די מעגלעכקייט מאָראַליש צו וואַקסן, אויפצוהייבן זיך, און זיך פילן פּסיכיש זיכער און געשטאַרקט. ווערטן קאָנען גלייכ־צייטיק העלפן פאַרזיכערן אויך דעם קיום פון קאָלעקטיוו.

עס איז פאַראַן אַ מאָדנע טאָפּלטקייט אין דעם אופן ווי אַזוי ווערטן אַנטשטייען אין אַ געזעלשאַפט. אין אָנהייב איז זייער כאַראַקטער בעיקר אַ נאַציאָנאַלער. מיר זעען עס סיי אין דער ליטעראַטור, סיי אין דער מוזיק און מאָלעריי. אין אָנהייב פילן מיר בעיקר דאָס נאַציאָנאַלע פּנים און דעם באַזונדערן כאַראַקטער פון אַ פאָלק און זיין שטייגער, אָבער דווקא

אויפן באַדן פון אַן אייגנאַרטיקער פאָלקס־קולטור ווערן געבוירן די גרויסע אוניווערסאַלע ווערטן, וועלכע דערנעענטערן פאָלק צו פאָלק, קול־טור צו קולטור, און שאַפן די נאָענטע באַריר־פונקטן וועלכע פאַרבינדן אַלע גרויסע ציוויליזאַציעס און אמונות. וואָס איז נאָך „יידישלעכער" — קאָן מען פרעגן — ווי דער תנ"ך? און וואָס איז נאָך אַזוי אוניווערסאַל ווי דער תנ"ך?

במשך פון די לעצטע הונדערטער יאָרן איז די טרעגערין פון אַן אייגנאַרטיקן לעבנס־שטייגער געווען אין מזרח־אייראָפּע דאָס יידישע שטעטל. אָבער אין 20סטן יאָרהונדערט האָט דער דאָזיקער לעבנס־שטייגער געפונען אויך זיין גרויסשטאָטישן פורעם. דורך דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג זיינען יידן אין די גרויסע שטעט פון מזרח־אייראָפּע אַריינ־געצויגן געוואָרן סיי אין האַנדל, סיי אין די פּראָפעסיעס, און סיי אין די אינדוסטריעס.

די וועלט פון דעם יידן איז מער ניט געווען אַזוי אָפּגעשלאָסן; עס האָבן געבלאָזן נייע ווינטן פון השכלה און בילדונג; דער דראַנג נאָך בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג איז געוואָרן שטאַרק; אין דער יידישער סביבה האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג סיי דער פּאָליטישער קאַמף, וואָס די אונטערדריקטע פעלקער אין אייראָפּע האָבן אין 19טן יאָרהונדערט אָנגע־הויבן פאַר זייער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, סיי דער סאָציאַלער אומרו, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די אינדוסטריעלע לענדער פון אייראָפּע.

איז אַנטשטאַנען אַ קריזיס אין אַלטן יידישן לעבנס־שטייגער, אַ ריס צווישן די פאָטערס און די זין. דער קריזיס איז געווען דער רעזולטאַט פון דער באַגעגעניש פון אַן אַלט־יידישן טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער, פון איין זייט, און די פאָדערונגען פון אַ מאָדערנער אינדוסטריעלער געזעל־שאַפט, פון דער אַנדערער זייט. דער קריזיס האָט אָבער געפירט ניט צו סאָציאַלער דעזאָרגאַניזאַציע, נאָר צו אַ נייעם יידישן באַוואוסטזיין און צו אַ נייעם יידישן לעבנס־שטייגער אין די גרויסע שטעט.

ווי אַ רעזולטאַט פון דעם קולטור־קריזיס און ווי אַ פאָרעם פון בייקו־מען דעם קריזיס פון „אַלט" און „ניי", זיינען ביים מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום אויפגעקומען נייע באַוועגונגען: דער ציוניזם, די רעוואָלוציאָנערע און אַרבעטער־באַוועגונג (דער „בונד"), דער דעמאָקראַטישער פאָלקיזם.

די אויפגעוואַכטע פאָלקס־ענערגיע האָט געפונען אַן אויסדרוק אויך אין אַ קולטורעלער אויפלעבונג; עס איז אַנטשטאַנען אַ יידישע פּרעסע, עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ מאָדערנע יידישע און העברעאישע ליטעראַטור; דער חדר איז רעפאָרמירט געוואָרן, עס האָבן זיך אַנטוויקלט מאָדערנע שול־סיסטעמען. דער רוסיש־פּוילישער ייד האָט באַגעגנט דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אַרויסגייענדיק פון שטעטל, וואָס האָט אים באַשיצט און האָט אים אויפגעהיט במשך פון דורות, וועלכע האָט אים אָבער אויך אָפּגעזונדערט פון דער וועלט. די „אָפּגעזונדערטקייט" האָט דער מאָדערנער מזרח־אייראָפּעאישער ייד מער ניט געקאָנט און מער ניט געוואָלט פאַר־טראָגן. ווי זיינע פראַנצויזישע און דייטשע גלויבנס־ברידער, האָט ער געזאָגט צו די פעלקער פון דער וועלט: „קוקט אויף אונדז ווי אויף אייערע ברידער און ניט ווי אויף פרעמדע". ער האָט אָבער אָנגעהויבן זיין קאַמף אין דער נייער היסטאָרישער תקופה גאָר אויף אַן אַנדער אופן ווי עס האָבן אים אָנגעהויבן די פראַנצויזישע און דייטשע יידן.

דער קאַמף פאַר עמאַנסיפּאַציע אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד, סוף 18טן און אָנהייב 19טן י"ה, איז בעיקר געגאַנגען אויפן וועג פון באַקומען פאַר דעם יידישן יחיד בירגער־רעכט אין דער געזעלשאַפט. פראַנצויזישע און דייטשע יידן האָבן אָנגענומען דעם תנאי, אַז זיי וועלן זיך צוליב דעם אָפּזאָגן פון זייער רעכט צו בלייבן עקזיסטירן ווי אַ היסטאָרישער קאָלעקטיוו; דאָס רוסיש־פּוילישע יידנטום, נאָכפאָלגנדיק די טראַדיציע פון טויזנט יאָר אַשכנז, האָט אָנגעהויבן דעם קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטי־קונג און פאַרן רעכט אָנטיילצונעמען אין בירגערלעכן און פּאָליטישן לעבן פון לאַנד, אָבער נאָר אויפן סמך פון ווייטערדיקן קיום פון דער יידישער נאַציע.

דאָס איז אין תוך געווען דער וויכטיקסטער און באַדייטנדסטער אונ־טערשייד, וואָס מיר מוזן אַרויסהייבן אַנאַליזירנדיק די עמאַנסיפּאַציע־באַוועגונג אין מערב־ און מזרח־אייראָפּע. דאָס, וואָס צווישן די פּאָליטישע באַוועגונגען, וועלכע האָבן אַרומגענומען די גרויסע מאַסן פון פאָלק האָט דער פּאָליטישער ציוניזם געגלויבט, אַז דער ווייטערדיקער קיום פון יידישן פאָלק איז מעגלעך ערשט אויף אַן אייגענער טעריטאָריע, דורך עטאַבלירן זיך ווי אַ פּאָליטיש־זעלבשטענדיקע נאַציע, וואָס זיין סטאַטוס זאָל זיין עפנטלעך גאַראַנטירט, און דאָס, וואָס אַנדערע גרופּעס אין יידישן

לעבן, פּאָלקיסטישע און אַרבעטער־גרופּעס, ווי דער „בונד", למשל, האָבן געגלויבט, אַז מען קאָן אין די ראַמען פון דער עקזיסטירנדיקער פּאָליטישער סטרוקטור, דורך מינאָריטעטן־רעכט, דורך נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע געפינען פאַר די יידן אַ מעגלעכקייט צו בלייבן לעבן און צו עקזיסטירן „אויף די ערטער", דאָס מאַכט גאָרניט אויס. אין איין פונקט זיינען זיי זיך אַלע צונויפגעקומען. דאָס איז די גרונט־פאָדערונג, אַז עס דאַרף פאַרזיכערט ווערן אַ המשך פון דעם יידישן פאָלק, אַז עס דאַרף זיין אַ מעגלעכקייט ניט נאָר פאַר אינדיווידועלע רעכט, אינדיווידועלער גלייכבאַרעכטיקונג, נאָר אויך פאַר אַ קאָלעקטיווער גלייכבאַרעכטיקונג.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז ביי די פאַרהאַנדלונגען פון די גענעראַל־שטאַטן אין פראַנקרייך בעת דער רעוואָלוציע (1789—91), האָבן אַפילו די יידן־פריינט אַרויסגעהויבן נאָר די רעכט פון דעם יחיד און ניט פון דעם קאָלעקטיוו; „יידן ווי מענטשן קומט אַלץ וואָס מענטשן קומט, — האָט פייערלעך דערקלערט אַבאַט קלערמאָן טאָנער, ביי די פאַרהאַנדלונגען פון די גענעראַל־שטאַטן — יידן ווי אַ פאָלק, קומט גאָרניט".

מען וואָלט געקאָנט איבערפאַראַפראַזירן דעם ענטפער וואָס עס האָט סוף 19טן י"ה געגעבן דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום אויף דעם אופן: יידן ווי מענטשן קומט אַלצדינג, וואָס אַנדערע מענטשן קומט אין אַ מאָדערנער געזעלשאַפט; יידן ווי אַ פאָלק קומט אַלצדינג וואָס אַנדערע פעלקער קומט. ווי יחידים קומט יידן רעכט אויף אַרבעט, אויף בילדונג, אויף דעם פרייען אַנטייל אין בירגערלעכן לעבן פון לאַנד, אין דער פּאָליטיק, אין דער געזעלשאַפט; יידן ווי אַ פאָלק קומט דאָס רעכט אויף זייער טעריטאָריע, אויף דער מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זיך ווי אַ פרייע פּאָליטישע נאַציע.

אין תוך איז דאָס דער וויכטיקסטער בייטראַג פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום צו דעם גאַנצן יידישן געדאַנקען־גאַנג פון די לעצטע עטלעכע דורות; בעת מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אין 1789 און דורך די רעוואָלוציעס פון 1848 אין מערב־אייראָפּע, אין דייטשלאַנד און עסטרייך, האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּראָצעס פון דענאַציאָנאַליזאַציע אין לעבן פון אונדזער פאָלק, האָט דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום אָנגעהויבן דעם קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַליזאַציע פון יידישן לעבן.

*

דאָס וואָס מיר זיינען לעצטנס געוואוינט אָנצורופן דער קולטור־שטייגער פון מזרח־אייראָפּעאישן „שטעטל״, איז באמת א המשך פון דעם קולטור־שטייגער פון טויזנט יאָר אשכנזיש יידיש לעבן. דער קולטור־שטייגער איז געווען כאַראַקטעריסטיש, ביז דעם אויפקום פון דער עמאַנציפּאַציע־באַוועגונג, אויך פאַר די שטעטביים ריין און פאַר די מערב־אייראָפּעאישע יידישע קהילות.

אין 18טן און 19טן י״ה האָט דער איינגעפונדעוועטער יידישער לעבנס־שטייגער אין מערב־אייראָפּע איבערגעלעבט אַ ירידה, און מיר האָבן פאַר זיך געזען דעם אויפקום פון אַ נייער גרויסשטאָטישער קאָסמאָפּאָליטישער קולטור, אין וועלכער דער אינדיווידועלער ייד איז אַריינגעטראָטן. היינריך היינע, לודוויג בערנע, קאַרל מאַרקס זיינען די פאָרשטייער פון יענער תקופה פון „אָוועקגייץ״.

די ראָם פאַר דעם אַלגעמיינעם יידישן קולטור־שטייגער איז אין מערב־אייראָפּע בעיקר געבליבן די רעליגיעזע יידישע געמיינדע, וואָס האָט געזוכט אויפצוהיטן די הויכע מאָראַלישע ווערטן פון יידישן לעבן; אין מזרח־אייראָפּע, דאַקעגן, איז ביזן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג אויפגעהיט געוואָרן אַ קערנדיקער מאַסן־לעבן, אַ פאָלקס־שטייגער, וואָס האָט פאַרקערפּערט אין זיך די ירושה פון טויזנט יאָר אַשכנזישן לעבנס־שטייגער. ניט נאָר האָט עס זיך אויסגעדריקט אין אייגענע סאָציאַלע אינסטיטוציעס, ווי אַ יידישע קהילה, ווי פאַרשיידענע יידישע חברות, נאָר ס׳האָט אויך געפונען דעם שענסטן אויסדרוק אין אַזאַ באַוועגונג פון יידישן פּיעטיזם, ווי ס׳איז געווען חסידות, אָדער ווי ס׳איז געווען מיט 100 יאָר שפּעטער די מאָדערנע קולטור־באַוועגונג אין יידיש, בעיקר די יידישע ליטעראַטור, וואָס אירע פאָרשטייער זיינען געווען י. ל. פּרץ, מענדעלע מוכר ספרים, שלום־עליכם, ח. נ. ביאַליק א״אַ. אין פּוילן האָבן אויך געווירקט די פּאָליטישע באַוועגונגען אין יידישן לעבן, סיי די נאַציאָנאַלע, סיי די סאָציאַלע.

דאָס יידישע מזרח־אייראָפּעאישע לעבן איז פול געווען מיט שפּאַנונג, איז פול געווען מיט קאַמף און גרויסער האָפענונג. די דראַמאַטישקייט פון

די געשעעענישן און די גרויסע האָפענונגען, וועלכע זיינען אויפגעקומען אין די יידישע שטעט און שטעטלעך, דער גלויבן אין דעם איבערבוי פון יידישן לעבן, דער איבערבוי פון די סאָציאַלע יסודות פון דער גאַנצער געזעלשאַפט אין אייראָפּע, — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט אויפגעהיט, צוגע־האַלטן די אויסוואַקסנדיקע דורות און געגעבן זיי אַ צוציאונגס־קראַפט, וואָס האָט זיי פאַרהיט פאַר דעם יידישן לעבן. אַפילו, אויב מען מוז צוגעבן, אַז אויך אין רוסלאַנד און פוילן זיינען ביים אָנהייב פון אונדזער יאָרהונ־דערט אויפגעקומען אַסימילאַטאָרישע שטרעמונגען, וועלכע האָבן אַוועק־געריסן גרויסע שטיקער פון יידישן פאָלק, — קיין גרונט־טענדענץ איז אַסימילאַציע ניט געווען.

דער מזרח־אייראָפּעאישער ייד, אַפילו ווען ער האָט געפילט, אַז ער גייט צו דער וועלט און שטעלט זיך מיטן פנים צו די גרויסע סאָציאַלע אומוואַנדלונגען, צו די געזעלשאַפטלעכע טראַנספאָרמאַציעס, וואָס „מוזן" און „ווען", ווי ער האָט געמיינט, פאָרקומען אין לעבן, האָט ער עס פאַר־בונדן מיטן ווייטערדיקן קאָלעקטיוון המשך פון זיין פאָלק. דאָס שטעלן זיך מיטן פנים צו דער וועלט, דאָס אַריינגעצויגן ווערן אין דעם שטראָם, אין דעם קאַמף, וועלכער זאָל איבערבויען די מענטשלעכע געזעלשאַפט אויף נייע, מער גערעכטע יסודות, האָט פון אים ניט פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל גלייכצייטיק זיך דאַרפן אָפּזאָגן פון יענעם לעבנסשטייגער, פון דער שפּראַך, פון די מנהגים, אין וועלכע ער איז אויסגעוואַקסן.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען אין יידישן לעבן האָבן געוואָלט בייטן די עקאָנאָמישע באַדינגונגען, די פאַרהעלטענישן צווישן קלאַסן; זיי האָבן געוואָלט פאַר דעם אַרבעטנדיקן מענטשן ברענגען מער רעכט אויף די פּראָדוקטן פון זיין אַרבעט, זיי האָבן אָבער דעם מענטשן ווי אַ יחיד ניט געוואָלט בייטן; זיי האָבן אָנערקענט זיין אינעווייניקסטע גוטסקייט.

אין דער יידישער ליטעראַטור האָט מען דעם פשוטן מענטשן, זיינע מידות, זיין געטריישאַפט אויפגעהויבן. אָנגעהויבן האָבן עס י. ל. פּרץ און שלום־עליכם, אָבער אין זייערע וועגן זיינען געגאַנגען אברהם רייזען, שלום אַש, דוד פּינסקי, יוסף אָפּאַטאָשו. מען האָט געוויזן, אַז דווקא אין די טיפענישן פונעם פאָלק איז פאַראַן די פולע שיינקייט פון מענטשלעכע מידות און די איבערגעגעבנקייט פון מענטש צו מענטש. אין רוסלאַנד,

ביים אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט, האָט מען געגומען קלייבן די יידישע שפּריכווערטלעך (גינזבערג און מאַרעק) און קינסטלעריש באַאַר־בעטן די פאָלקס־לידער (ענגעל, אחרון, ליאָוו, סאַמינסקי).

מען האָט זיך געשטעלט מיטן פּנים „צום פאָלק", פילנדיק, אַז דווקא אין די „סאָציאַל נידעריקע" קלאַסן איז אויפגעהיט געוואָרן יענע אומ־מיטלבאַרקייט פון לעבן, וועלכע די קולטור פון אַן עם־הספר איז עלול געווען, ביי די העכערע קלאַסן, אָפּטמאָל צו אונטערדריקן.

דאָס זאָגן „יאָ" אויף דעם טיפן מענטש, ווי ער איז, איז זיך פונאַנ־דערגעגאַנגען מיט אַנדערע שטרעבונגען אין יידישן לעבן, וואָס האָבן געפילט, אַז דאָס יידישע לעבן „ווי עס איז" איז אומווירדיק, אַ דערני־דעריקונג, אַז כדי דער ייד זאָל קאָנען מאַכן אַ נייעם אָנהייב, איידער ער וועט זיך צוריק עטאַבלירן ווי אַ פאָלק אין זיין היסטאָריש לאַנד, מוז ער זיך אין גאַנצן טראַנספאָרמירן: ער וועט מוזן בייטן זיין לעבנס־קוק, ער וועט מוזן בייטן זיין לשון, זיין שטייגער לעבן, זיינע לעבנס־געוואוינהייטן. דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס געווען דער פּאַראַדאָקס פון דער ערשטער העלפט פון 20סטן י"ה; בעת די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע כוחות אין יידישן לעבן האָבן געזאָגט „יאָ" אויפן יידישן מענטשן אַזוי ווי ער איז, האָט דער מאָדערנער יידישער נאַציאָנאַליזם געפאָדערט דווקא יענע גרויסע טראַנספאָרמאַציע פון דעם יידישן מענטשן, וועלכע זאָל אים גרייט מאַכן פאַרן נייעם לעבן, וואָס ער מוז באַשאַפן. דער מערקווירדיקער פּאַראַדאָקס איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג אַ פאַקט פון יידישן לעבן, וואָס טויכט אַרויס הינטער אַלערליי חילוקי־דעות און ער וועט נאָך לאַנג צעטיילן אונדזער־יידישע געזעלשאַפטלעכקייט.

*

וואָס האָט עס אַלץ צו טאָן מיטן יידישן לעבן אין אַמעריקע, ווי עס אַנטוויקלט זיך היינט צו טאָג? וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס יידישע שטעטל פון אַמאָל מיטן נייעם שטייגער פון דעם מאָדערנעם יידישן „שטעטל", ווי אַזוי עס אַנטוויקלט זיך אין אַמעריקאַנער סובורביע? וואָס האָט עס צו טאָן מיטן נייעם באַגער פונעם דריטן דור היי־געבוירענע יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן ווידער צו אידענטיפיצירן זיך מיט יידישן לעבן, מיט זייער באַדערפעניש צו „געהערן" און צו פילן די זיכערקייט, וואָס עס קאָן געבן אַ מענטשן די צוגעהעריקייט צו אַ פאָלק?

מען מוז אין דעם זען איין וויכטיקן און דערפרייענדיקן פּאַקט, וואָס ווייזט אָן, אַז דער יידישער סאָציאַלער אָרגאַניזם פּאַרמאָגט נאָך אין זיך גענוג געזונטע לעבנס־קרעפטן, וואָס וועלן אים אויפהיטן אַפילו אין די נייע באַדינגונגען פון לעבן אין אַ מאָדערנער אינדוסטריעלער ציוויליזאַציע. עס איז אַ כלל גדול, אין דער קולטור־אַנטראָפּאָלאָגיע, אַז יעדער איינציקער מענטשלעכער קאָלעקטיוו איז בכוח צו באַשאַפן פאַר זיך יענעם קולטור־שטייגער, וואָס וועט אים אויפהיטן און באַשיצן, וואָס וועט פאַרבינדן איין דור זיינעם מיט אַ צווייטן; פון די סאַמע פרימיטיווסטע פעלקער ביז די סאַמע ציוויליזירטסטע איז דער דאָזיקער כלל פון „אַקולטוריזאַציע" אומעטום גילטיק; ווען מיר דערזעען פלוצעם אַ סיטואַציע, אַז אַ דור איז מער ניט בכוח צו באַווירקן אַ צווייטן דור, וואו אַ קולטור־שטייגער צעפאַלט זיך און קאָן ניט איבעראָרגאַניזירן די אַלטע שטייגער־עלעמענטן און שאַפן אַ נייעם שטייגער־לעבן, האָבן מיר צו טאָן מיט אַ צושטאַנד פון סאָציאַלער דעזאָרגאַניזאַציע, מיט פּאַטאָלאָגישע דערשיינונגען, וואָס רייסן אויף און צעשטערן די מידות־טובות פון אַ מענטשלעכער געזעלשאַפט און ברענגען אום די מעגלעכקייט פאַר איר ווייטער צו לעבן.

דאָס וואָס אין דעם יידישן לעבן פון אַמעריקע האָט זיך באַוויזן די טענדענץ, אַז „די אייניקלעך קערן זיך אום צו די זיידעס", בעת די טאַטעס און די מאַמעס האָבן אין זייער יוגנט רעוואָלטירט קעגן דעם יידישן שטייגער לעבן, איז אייגנטלעך אַ באַווייז, אַז אַסימילאַציע ווי אַ גרונט־פענאָמען אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן איז נאָר געווען דער רעזולטאַט פון אַ שאָק, ווען עס האָבן זיך באַגעגנט צוויי קולטור־שטייגערס; עס איז אַ סימן, אַז די נאָרמאַלע כוחות אין דעם יידישן לעבן האָבן צוריק גענומען ווירקן, און אַז די יידישע געמיינדע הייבט צוריק אָן צו באַקומען יענע פעאיקייט, וועלכע יעדע געמיינשאַפט פאַרמאָגט, דורך אַן אייגענעם לעבנס־שטייגער, אויף אַ נאָרמאַלן אופן ווייטער צו פירן איר קולטור־לעבן.

אָט דער אַלגעמיינער אויספיר קאָן זיך אויך שטיצן אויף דעם פאַקט וואָס עס איז אַזוי אויסגעוואַקסן במשך פון די לעצטע צען יאָר די צאָל קינדער אין די פאַרשיידענע דערציאונגס־אַנשטאַלטן, וואָס עס זיינען אויפגעקומען אַזוי פיל „יידישע צענטערס", איבערהויפּט דאָס, וואָס עס

איז צוריק שטאַרק געוואָרן די טענדענץ פון אַ „ייד צו יידן״; דאָס דריקט זיך אויך אויס אין דעם פשוטן עקאָלאָגישן זינען פון געפינען נאָענטע וואוין־ערטער, דווקא צווישן יידן, וואָס עס האָט בכלל אויפגעהערט צו ווירקן אַזוי שטאַרק דער פּראָצעס פון אַנטלויפן.

דאָס אַלץ דאַרף ווירקן ווי אַ דערמוטיקנדיקער פאַקט, פאַר די אַלע וועלכע זאָרגן זיך פאַר דעם קיום פון יידישן געמיינדע־לעבן. אַלדאָס איבעריקע איז פשוט אַ פּראָבלעם פון סאָציאַלער המצאה, ד״ה, פון געפינען אין יעדער ציוויליזאַציע און אין יעדער היסטאָרישער תקופה די פּאַסיקע פאָרמען, וועלכע זאָלן באַשיצן דעם יידישן יחיד און דעם יידישן קאָלעקטיוו, סיי סאָציאַל און סיי מאָראַליש. עס איז אַ גרויסע אַרויס־פאָדערונג צו די אינטעליגענטע און פירנדיקע כוחות אין דעם לעבן פון פאָלק, אויסצונוצן אָט דעם פאַקט, וואָס אין דער יידישער געמיינדע פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן צוריק באַקומען די אויבערהאַנט, ניט די צענטראָפוגאַלע כוחות, נאָר, פאַרקערט, די כוחות וואָס פירן אויף אינע־ווייניק צוריק צו דער גרופּע, צוריק צו דעם היסטאָרישן יידישן קאָלעקטיוו.

קיין שום מענטשלעכע געמיינשאַפט קאָן ניט לעבן אויב זי זאָגט זיך אָפּ פון איר פריערדיקער טראַדיציע, אויב זי האָט ניט קיין אינטערעס פאַר איר אייגענער פאַרגאַנגענהייט, אַפילו ווען די פאָלקישע טראַדיציע קאָן נאָר קריטיש אויפגענומען ווערן פון יעדן איינציקן דור. קיום אַליין איז, בכן, ניט גענוג. עס מוז אויפקומען די פראַגע: קיום צוליב וואָס?

עס איז שוין אַוועק די צייט ווען מיר האָבן געקאָנט זיין אַזוי האָפערדיק, ווען מיר האָבן געמיינט, אַז יעדער לעבנס־שטייגער איז באַשטענדיק, אָדער פאַרקערט, אַז יעדער דור קאָן אָנהייבן פון אָנהייב; מיר ווייסן, אַז ווי אַלע מענטשלעכע דערגרייכונגען, קאָנען אויך יידישע ווערטן, לאָיאַלקייטן און קולטור־דערגרייכונגען שטיין אין סכנה, און מיר ווייסן, בכן, ווי טייער מיר מוזן אָפּהיטן אונדזערע דערגרייכונגען אויפן געביט פון סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע און פון גייסטיקע ווערטן.

עס איז אָבער ניט גענוג צו זוכן די ווערטן פאַר דעם אייגענעם לעבן, וואָס אַ יחיד באַדאַרף האָבן, נאָר אין די ווייטע תקופות פון זיין פאָלקס־פאַרגאַנגענהייט, אָדער נאָר אין אַבסטראַקטע פילאָסאָפישע, אָדער אין פּאָעטיש־נביאישע פאָרמולירונגען, באשר זיי פאַרמאָגן אין די פאַראיי־ניקטע שטאַטן דעם פּרעסטיזש, ווייל זיי זיינען געוואָרן אַ טייל פון דער

„יידיש־קריסטלעכער ציוויליזאַציע". יידישע ווערטן זיינען אויך פאַר־קערפּערט אין אינסטיטוציעס, אין מענטשלעכע מידות, אין דעם אופן ווי אַזוי אַ מענטש לעבט די טעג פון זיין וואָך און ניט נאָר ווי ער היט אָפּ דעם שבת און יום־טוב. דער יידישער דור, וואָס וועט אין גאַנצן פאַרליי־קענען זיין שייכות מיט די נאָענטע פריערדיקע דורות, וואָס וועט ניט געפינען אין זייער לעבן, אין זייערע מידות און אין זייער שטייגער קיין שיינקייט, נאָר ער וועט ערשט מוזן גיין נאָר צום בראשית, צו דעם תנכישן אָנהייב פון זיין געשיכטע, אַזאַ דור האָט זיך נאָך אַלץ ניט באַפרייט פונעם תוהו ובוהו, פון דער פינצטערניש וואָס האָט אָנגעפילט זיין האַרץ, פון דער ביטערניש און פון דער רעבעלישקייט; ער איז נאָך אַלץ ניט אויסגעשטימט געוואָרן מיט זיך אַליין, ער האָט נאָך אַלץ ניט די גייס־טיקע מנוחה צו שאַצן און צו דערזען וואָס עס איז ווערטפול, ער רעבעלירט נאָך אַלץ, ניט וויסנדיק קעגן וואָס.

זיין אַ ייד ביים היינטיקן טאָג, און „יידישקייט" ביים היינטיקן טאָג איז, בכן, אין אַ גרויסער מאָס נאָך אַלץ אַ פּראָבלעם פון „געפינען זיך", פון אויסלערנען זיך יענע אָביעקטיוויטעט צו פאַרשטיין דאָס לעבן און אויפ־צונעמען וואָס עס איז ווערטפול אין אונדזער לעבן. עס איז אויך אַ פּראָ־צעס פון באַפרייען זיך פון יענער אַמביוואַלענטקייט, וואָס צווינגט אויף אונדז אַרויף, אַז מיר זאָלן האָבן ליב אויך דאָס, וואָס עס איז פאַר אונדז גייסטיקער סם המוות, און מיר זאָלן האָבן פיינט דאָס און איבערהויפּט די, וואָס קאָנען אונדז געבן מתיקות, וואָס האָבן אונדז געשאָנקען זייער ליבע און אונדז באַשאָנקען מיט לעבן.

דער היינטיקער פאַרפרעמדטער אַמעריקאַנער דור איז אויפגעוואַקסן מיט די אידעען פון „שמעלץ־טאָפּ" און איז פאַרשאָלטן געוואָרן מיט פרעמדע אויגן צו קוקן אויפן יידישן לעבן, צו זען אין אים מער קידער־ווידער, וויפל ער קאָן זען אין אים מאָראַלישע שיינקייט און טיפע מענ־טשלעכקייט; דער יחיד, וואָס געהערט צום דאָזיקן דור וועט אויף אַן אמת קאָנען געניסן פון דער שטאַרקונג, וואָס עס קאָן אים געבן יידישקייט, ערשט דעמאָלט, ווען ער וועט זיך דערפילן ווי אַ זון ניט נאָר פון די תנכישע אַרבהם, יצחק ויעקב, נאָר ס'וועלן אים אויך ווערן נאָענט די פשוטע אברהמס און די יצחקס און די יעקבס און שלמהס און די בנימינס פון היינט, און אויך פון די יידישע שטעט און שטעטלעך פון פוילן, —

פון דער גאָרער וועלט; דעמאָלט וועט ער אויך קאָנען פאַרשטיין די גייסטיקע גבורה, די מענטשלעכע שיינקייט מיט וועלכער יידן האָבן אַרויס־געשטעלט אַ ווידערשטאַנד ניט נאָר אין דער צייט פון די מאַקאַבייער, נאָר אויך אין געטאָ וואַרשע און אין אַלע געטאָס. דער דור וועט פאַרשטיין די גרויסע מענטשלעכקייט מיט וועלכער יידן האָבן באַקעמפט אין אַלע דורות אַלע פרואוון זיי צו דערנידעריקן און זיי צו פאַרשעמען. קורץ, די אמתע דערנענטערונג פון די פאַרפרעמדטע דורות וועט קומען, ווען זיי וועלן זייער ליבע מאַכן ניט פאַר אַן אָביעקט פון אַבסטראַקטע פרינציפּן און סענטימענטאַלער צוגעבונדנקייט צו שיין פאָרמולירטע פילאָסאָפישע קאָנצעפּציעס, נאָר זיי וועלן אויך ליב באַקומען די יידישע מענטשן, זייער שטייגער־לעבן, זייערע מידות, ווען זיי וועלן דערפילן צו זיי, צו די מענטשן, אין זייער גאַנצער פשטות און איינפאַכקייט און אָפטמאָל אַפילו „פּראָסטקייט", אַ נאָענטע מענטשלעכע באַציאונג. דאָס געפיל פון משפּחה־דיקייט, וואָס וועט ביי זיי אויפקומען, דאָס וועט זיין דער גרויסער אַקט פון אמתן געזונטן ווערן.

די פּראָבלעם פון אַמעריקאַנער יידנטום איז אַ צווייענדיקע: זי איז אַ פּראָבלעם הן פון געפינען פאַסיקע פאָרמען פון סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע, ווי אַזוי צונויפצוהאַלטן דאָס יידישע לעבן, ווי אַזוי אויפצוהיטן זיך ווי אַ גרופּע, הן איז עס די פּראָבלעם ווי אַזוי צו היילן די נשמה פון פאַרפרעמדטן יידן, אויפהייבן אים, געבן אים זיכערקייט און לערנען אים צו קאָנען אויך אַריבערטראָגן די מאָמענטן פון אַליינקייט, וואָס יעדער ייד, יעדער יידישער דור און מסתמא יעדער מענטש מוז אָפטמאָל פילן און קאָנען אַריבער־טראָגן.

ווי נאָענט מיר זאָלן ניט זיין פאַרבונדן מיט די סאָציאַלע באַוועגונגען אין דער גרויסער וועלט, ווי טיף מיר זאָלן זיך ניט פילן צונויפגעבונדן מיט אונדזערע שכנים און מיט די גרויסע אינטעלעקטועלע באַוועגונגען, פילאָסאָפישע, פּאָליטישע און קינסטלערישע, צו וועלכע מיר פילן זיך נאָענט. עס זיינען פאַראַן מאָמענטן ווען יעדער פון אונדז מוז קענען אויס־טראָגן און אויסהאַלטן רגעס פון אַליינקייט ווי אַ ייד און ווי אַ מענטש. נאָר די דאָזיקע „אַליינקייט" קומט אָן דעם אַמעריקאַנער יידן זייער שווער. ער קאָן נאָר אַריבערטראָגן יענעם עול, וואָס ער טראָגט בציבור, צוזאַמען מיט די אַנדערע מענטשן, צוזאַמען מיט זיינע מיטבירגער; ער קאָן זיך

ניט דערפילן ווי אַ מינאָריטעט אַפּילו אויף אַ ווייל. זיין אַ ייד האָט אָבער אַלעמאָל געהייסן אויך גיין קעגן דער וועלט, קעגן אירע מידות, קעגן אירע עוולות; דאָס איז עפּעס, וואָס דער מאָדערנער פאַרפרעמדטער ייד וועט זיך דאַרפן אויסלערנען.

דער „שטעטלדיקער" ייד האָט דאָס געוואוסט; ער האָט יענע גרויסע מאָראַלישע קראַפט און יענע וואונדערלעכע מענטשלעכע מידה פאַר־מאָגט; ער האָט דאָס געירשנט נאָך פון ערשטן גלות, פון גלות בבל. דער ייד איז ניט נתפעל געוואָרן. און דאָס פשוטע ניט־נתפעל ווערן פאַר גרויסע אָביעקטן און גרויסע פאַקטן פון ציוויליזאַציע, למשל, פאַר אָרגאַניזירטער מאַכט, שטאָטלעכן גלאַנץ, היידנישע טעמפּלען, האָבן אים געראַטעוועט.

די גולי בבל, וועלכע זיינען געקומען צו די טייכן פון בבל, זיינען ניט נתפעל געוואָרן פאַר די אויפטואונגען פון דער באַבילאָנישער ציוויליזאַ־ציע; זיי האָבן אויפגעהיט אין זיך אַ געטריישאַפט און אַ בענקשאַפט און זיי האָבן אויך געקענט „וויינען געדענקענדיק ציון". דער ייד, ווען ער פאַרגעסט אָדער פאַרלירט די פעאיקייט „צו וויינען" הן נאָך דעם „ציון" פון ירושלים, הן נאָך דעם „ציון" פון אַלע מענטשלעכע ניט־דערפילטע בענקשאַפטן, נאָך גערעכטיקייט, נאָך אַ וועלט פון יושר, פון שלום, פון מענטשלעכער חשיבות, דער ייד ווען ער וועט מער ניט קאָנען בענקען נאָך אַ וועלט פון בלויז זכאי, כולו צדק, האָט פאַרלאָרן אַ גרויסן מאָראַלישן כוח אין לעבן, וואָס האָט אים היסטאָריש דערהאַלטן!

כדי דער ייד ביים היינטיקן טאָג זאָל קאָנען צוריקקריגן דעם דאָזיקן כוח, כדי זיין יידישקייט זאָל קאָנען אויפלויכטן פאַר אים, אַ מעכטיקע, מיט מאָראַלישער קראַפט, מיט איבערלעכער איבערצייגונג, מוזן מיר באַשאַפן אין דער אַמעריקאַנער יידישער געמיינדע אַן אַנדער גייסטיקן קלימאַט.

געוויסע טראַפאַרעטן, וואָס זיינען ביים היינטיקן טאָג אָנגענומען געוואָרן ווי די זיכערסטע תרופות, כדי אויפצוהייבן מאָראַליש דעם אַמע־ריקאַנישן יידן, מוזן אפשר אַוועקגעלייגט ווערן אין אַרכיוו, און נייע פּרינציפּן, וועלכע הייבן שוין אָן פאַר אונדז קלאָר ווערן, מוזן אָנהייבן ווירקן און דיקטירן אונדזערע מעשים.

*

עס קאָן זיין, אַז ביים באַטראַכטן די אַמעריקאַנער יידישעווירקלעכ־קייט און איר פּראָבלעמאַטיק, וואָלטן מיר געדאַרפט פאָרמולירן הן אַ צאָל „פּאָזיטיווע", הן אַ צאָל „נעגאַטיווע" פּרינציפּן, וואָס זאָלן אָנווייזן די באַדינגונגען ביי וועלכע אַ יידיש געמיינדע־לעבן קאָן אין די פאַראייניקטע שטאַטן געבויט ווערן.

1) ווי דעם ערשטן פּרינציפּ וואָלט איך אַוועקגעשטעלט אַזאַ דער־קלערונג: מען קאָן ניט בויען קיין יידיש לעבן אין די פ"ש אויב מען זאָל ניט אָנערקענען, אַז דאָס יידישע לעבן דאָ קאָן פאַרמאָגן מענטשלעכע חשיבות, אַז יידן קאָנען דאָ אָפּהיטן זייער יידישקייט, אַז דאָס לעבן אונ־דזערס קאָן פאַרמאָגן דערהייבנקייט, און אַז מיר קאָנען מיט דעם אויס־דריקן אונדזער צוגעבונדנקייט צו די העכסטע אידעאַלן פון מענטש און פון ייד.

אַ ייד מוז פילן, אַז דאָס לעבן וואָס ער פירט איז ניט סתם דערוויי־ליק, אויף צו פאַרגיין, נאָר אַז דאָס וואָס מיר בויען קאָן זיין אַ צושטייער צום לעבן פון אונדזער פאָלק און אַז מיט פולער חשיבות קאָנען מיר האָבן דעם באַוואוסטזיין, אַז אין אונדזערע קורצע טעג פון לעבן „פאַראומ־ווערדיקן" מיר ניט דעם נאָמען „ייד", מיר זיינען ניט מקריב די יידיש־קייט פון אונדזערע קינדער, מיר פאַרמשפּטן זיי ניט אויף פאַרפרעמדונג און דערווייטערונג פון אונדזער פאָלק.

אַמעריקאַנער יידישקייט טאָר ניט געשטעמפּלט ווערן ווי יידישקייט פון אַ נידעריקער מדרגה, יידישקייט וואָס מוז פאַרבונדן זיין נאָר מיט אַ געפיל פון שולד. עס טאָר ניט זיין קיין יידישקייט פונעם שטייגער צווייטע קלאַס בירגערשאַפט. אַזאַ מין יידישקייט באַטייט פאַר די ווייטער־דיקע דורות פון אונדזער פאָלק נאָר מאָראַלישן באַנקראָט.

עס איז פּסיכאָלאָגיש פאַלש צו פאַרלאַנגען, אַז אין די אינטימסטע און אָפּטמאָל הייליקסטע ספערן, ווי צום ביישפּיל, די לאָיאַלקייטן און די געטריישאַפטן וואָס אַ מענטש טראָגט צו זיין פאָלק, צו דער וועלט, צו דער אמונה, צו דעם באַוואוסטזיין פון פאַרבינדן זיין גורל מיט אַ גרעסערן פאָלקס־קאָלעקטיוו, איך זאָג, עס איז מאָראַליש פאַלש צו פאַרלאַנגען, אַז

אין דעם אַלעמען זאָל זיך דער ייד פילן ווי אַ מענטש, וואָס קאָן קיין מאָל ניט דערגרייכן צו אַ העכערער מדרגה, ווי נאָר שפלות.

אונדזער מוסר־ליטעראַטור האָט אַלעמאָל די שלימותדיקייט פון מענטשן געמאַכט אָפּהענגיק פון דעם מענטשן אַליין, פון זיינע מעשים טובים, פון זיין כוונה; זיי האָבן עס קיין מאָל ניט געמאַכט אָפּהענגיק פונעם אָרט וואו ער לעבט, פונעם בית־מדרש וואו ער טוט תפילה, פון זיין סאָציאַלן שטאַנד, אָדער אַפילו פון דעם יחוס פון וועלכן ער שטאַמט. ס׳איז געווען דער יחוס עצמו, ס׳איז געווען די גרויסע כוונה וואָס מען האָט געשאַצט. אין דעם איז היסטאָריש געלעגן דער מאָראַלישער כוח און די גייסטיקע קראַפט פון דעם יידישן מענטשן.

2) אויף דעם זעלביקן אופן מוז אָבער אויך קלאָר ווערן דער וויטערדיקער פּרינציפּ: אויב מיר אַקצעפּטירן די מעגלעכקייטן פון אַמעריקאַנער לעבן, ווי באַדינגונגען, וואָס קאָנען באַגינסטיקן די פרייע אַנטוויקלונג פון אונדזער געמיינדע־לעבן, קאָנען מיר אָבער דאָך ניט פאַרמישן די ווערטן פון פּאָליטישער פרייהייט און דעמאָקראַטיע מיט די עטיש־רעליגיעזע טראַדיציעס פון יידישקייט ווי אַ ציוויליזאַציע.

ביי דער גאַנצער נאָענטקייט, ווען מען באַטראַכט זיי פּראַגמאַטיש, פון די מאָדערנע דעמאָקראַטישע פּרינציפּן מיט דער נביאישער יידישקייט, וואָס האָט פּראָקלאַמירט צום ערשטן מאָל די גרויסע אוניווערסאַלע אידעען פון ברידערלעכקייט, שלום און גערעכטיקייט, מוזן מיר דאָך געדענקען, אַז אין דער נאָענטקייט און שותפות איז דאָך פאַראַן אַן אַנדערשקייט. מיר קאָנען ניט זאָגן אַז „דעמאָקראַטיע — דאָס איז יידישקייט פון 20סטן יאָרהונדערט״, אָדער „יידישקייט — דאָס איז אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע פון 20סטן י״ה״.ביידע שטעלן מיט זיך פאָר צוויי באַזונדערע סיסטעמען פון מענטשלעכע ווערטן מיט וועלכע מיר לעבן, וועלכע זיינען אונדז טייער, מיט וועלכע מיר האָפן ווייטער צו בויען אונדזער געמיינדע־לעבן. די ביידע ירושות פאַרמאָגן דאָך ביי אַלע זייערע באַריר־פּונקטן אַן אַנדערשקייט.

דער יידישער גאַנג דורך דורות, דער יידישער מסירת־נפש, דער אומרו און די אומצופרידנקייט וואָס דער ייד האָט אַריינגעטראָגן אין דער וועלט און וואָס וועט לאַנג ניט אַנטשוויגן ווערן במשך פון דורות, די

גרויסע מאָראַלישע פאַרפליכטונג, וואָס אונדזער פאָלק האָט גענומען אין לעבן, ביי זייער גאַנצער נאָענטקייט צו די דעמאָקראַטישע אידעען פון אונדזער יאָרהונדערט, פאַרמאָגן זיי דאָך אַ שפּאַנונג, אַ פּסיכישע ענערגיע, וואָס קאָן אָפּגעהיט ווערן נאָר ווי אַ באַזונדערע הבטחה, ווי אַ באַזונדער עול, וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף אונדזער פאָלק. ווער ווייסט מיט וויפל דורות שפּעטער מיר וועלן אים ערשט קאָנען טיילן מיט אַלע אַנדערע מענטשן־קינדער. די באַזונדערע אייגנאַרטיקייט פון אונדזער פאָלק און לעבנשטייגער, וואָס געפינט אַן אויסדרוק סיי אין אונדזער אמונה, סיי אין דעם סאָציאַלן און מאָראַלישן אומרו אונדזערן, איז עפּעס אַזוינס, וואָס מיט אים איז דאָס יידישע פאָלק לאַנג שוין הן געבענטשט, הן געשטראָפט געוואָרן. און אויך דאָס מוז אויפגעהיט ווערן און אויך דאָס דאַרף בלייבן ווי אַ קנין פון אונדזער פאָלק!

דער מאָמענט ווען דער ייד וועט אַקצעפּטירן די היינטיקע סאָציאַלע באַדינגונגען און די וועלט „ווי זי איז", ווי די בעסטע פון אַלע וועלטן, דער מאָמענט ווען דער ייד וועט ווערן אַזוי קאָנפאָרמיסטיש, אַז ער וועט פאַרלירן זיין קריוודע קעגן דער אומגערעכטיקייט, וואָס איז נאָך ביים היינטיקן טאָג פאַראַן אין לעבן, וועט ער אויך פאַרלירן דעם סוד פון זיין קיום: דער קאַמף קעגן דער אומגלייכקייט, דער אונטערדריקונג, וואָס עס איז פאַראַן, אַפילו אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט, די פאַרשעמונג פון מענטש צוליב קאָליר, צוליב ראַסע, צוליב סאָציאַלן שטאַנד, — דאָס איז עפּעס אַ באַזונדערער אומרו, וואָס האָט געלעבט ביי דורות פון אונדזער פאָלק און האָט אונדז געשטאַרקט.

3) פון דעם אַכשנזישן לעבנסשטייגער קאָנען מיר אָפּלערנען, אַז יידישקייט איז ניט מעגלעך אָן ספּעציעלע אינסטיטוציעס, וועלכע זאָלן פאַר אונדז אָפּהיטן און מעגלעך מאַכן אונדזער באַזונדערן און אייגענעם יידישן וועג. ניט נאָר איז דער בית־מדרש געווען אַזאַ אינסטיטוציע, נאָר עס זיינען אויך געווען די פאַרשיידענע חברות, חברות פאַר לערנען, ווי למשל, אַ חברה משניות, און פאַר סאָציאַלער הילף — אַ חברה ביקור חולים. דער ייד איז אַלעמאָל געווען אַ באַשעפעניש, וואָס האָט געהאַט די פעאיקייט צו אָרגאַניזירן זיין ציבור־לעבן. עס האָט אים אַלעמאָל געצויגן צו אַ „מנין". איך וואָלט געזאָגט, אַז אָט דעם פּרינציפּ פון „מנין", פון ציבור, וואָס נאָר דורך אים קאָן דער ייד מקיים זיין זיינע פאַרפליכטונגען,

סיי רעליגיעזע, סיי פּשוט־מענטשלעכע, ווי אַ ייד, דאָס איז עפּעס אַזוינס, וואָס מיר מוזן אָפּלערנען פון אשכנז און פון „שטעטל״.

אין אַלע ספערן פון יידישן לעבן, אָנהייבנדיק פון דער חברה משניות, אַראָפּגייענדיק נידעריקער צו דער חברה תהילים, וואָס אָרעמע באַלמעלאָ־כעס האָבן אָרגאַניזירט, אַריינרעכענענדיק אין חשבון אויך די גמילת־חסדים־קאַסעס, די ליי־קאַסעס פון אָרעמע זאָקנמאַכערקעס און שניידער־געזעלן, וואָס זיי האָבן געשאַפן צו באַשיצן זיך קעגן עקספּלואַטאַציע, — דאָס אַלצדינג, צוגלייך מיטן ועד ארבע ארצות, די העכסטע יידישע רעפּרע־זענטאַטיווע קערפּערשאַפט אין פּוילן אין 17טן י״ה, זיינען געווען פאָרמען פון יידישער אָרגאַניזירטקייט. עס האָט געווירקט אין יידישן לעבן דער פּרינציפּ פון „מנין״, ניט נאָר ביי תפילה טאָן צום בורא עולם, נאָר אויך ביי די פּשוטע ענינים פון לעבן, ווען מיר מוזן דערליידיקן אונדזערע פּשוטע יידישע און מענטשלעכע הצטרכותן.

די „ציבורדיקייט״ פון יידישן לעבן, די פעאיקייט פון צולייגן אַ קאָפּ צו אַ קאָפּ, און בעיקר דאָס, וואָס די אינסטיטוציעס זיינען אַרויסגעוואַקסן פון דער אייגענער סאָציאַלער און גייסטיקער באַדערפעניש, דאָס איז געווען וויכטיק.

עס האָט געלעבט דאָס געפיל, אַז אויב אַ זאַך איז גוט, דאַרף מען עס האָבן פאַר זיך. אויב „תהילים״ דאַרף מען זאָגן, איז אַ חברה תהילים גוט פאַר זיך, אויב אַ בלאַט גמרא דאַרף מען לערנען, לאָמיר עס האָבן אין אייגענעם בית־מדרש. קורץ, דאָס דאָזיקע געפיל, אַז יידישקייט איז אַ פרייד, ניט נאָר קיין עול, אַז פון יידישקייט קאָן יעדער געניסן, און אַן דעם קאָן גאָר דער מענטש ניט לעבן, אַז עס וואָלט געווען אַ צער ווען דער ייד קאָן ניט געניסן פון דער דאָזיקער פריידיקייט — דאָס איז יענער געפיל, וואָס האָט באַוועלטיקט אשכנז, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון דעם קולטור־שטייגער, פונעם שטעטל.

די פרייד, די חדווה פון זיין אַ ייד, האָט ניט דערלאָזט, אַז די גרויקייט, די אָרעמקייט, די סאָציאַלע סתירות פונעם „שטעטל״ זאָלן פאַרמיאוסן דאָס לעבן. זיי האָבן מעגלעך געמאַכט אַריבערצוטראָגן די ביטערקייט פון לעבן דורך דעם, וואָס דער יידישער לעבנסשטייגער האָט אויפגעהיט די מענטשלעכע שיינקייט אין די דלד אמות פון יידישן לעבן און געשטעלט

די שיינקייט פון מידות, פון שבת און יום־טוב העכער איבער דער עקאָנאָ־מישערווירקלעכקייט.

4) ווי נאָך אַ פירנדיקן פּרינציפּ, וואָלט איך אָנגערופן „מיסיאָנעריש־קייט פאַר יידישן קיום", געווענדט אויף אינעווייניק. אַ רעטונגס־אַקציע מוז אונטערגענומען ווערן אָפּצוראַטעווען די יונגע מענטשן וואָס האַלטן אויפן שוועל פון אַוועקגיין; זיי זיינען אין פּאַטענץ ניט אַלעמאָל די ערגסטע אין אונדזער יידישער געמיינדע. ביים אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט האָבן געהאַלטן אויפן שוועל פון אַוועקגיין די יונגע ד״ר טעאָדאָר הערצל, שמעון דובנאָוו, ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, ש. אַנסקי. ווער ניט?

קיינער פון אונדז טאָר ניט צומאַכן די אויגן דערויף, אַז עס ווירקן פאַרדאַרבנדיקע פּראָצעסן, וואָס דעפאָרמירן, פאַרקרימען און צעקרימען דאָס יידישע לעבן. ד״ר הערצל האָט מיט ווייטיק אויפגעוויזן, אַז אין די לענדער, וואו יידן ווערן באַדריקט עקאָנאָמיש און פּאָליטיש ווערלן זיי פיזיש מוזן אונטערגיין, אין די לענדער, וואו זיי לעבן פריי, ווערלן זיי גייסטיק אונטערגיין. מיר זיינען ניט גרייט אָנצונעמען דעם גזר. אַ האַלבער יאָר־הונדערט נאָך דעם ווי ד״ר הערצל האָט אַרויסגעשטעלט די טעזע זיינען פאַראַן גענוג פאַקטן סיי צו באַשטעטיקן און נאָך מער אָפּצולייקענען דעם גזר־דין. מיר ווייסן אָבער סיי פון הערצלען, סיי פון אחד־העם און פון שמעון דובנאָוו וואָס עס הייסט די גייסטיקע קנעכטשאַפט, וואָס קאָן געבוירן ווערן אין בירגערלעכער פרייהייט. לאָמיר אויך געדענקען, אַז די ערשטע אָפּטריניקייט איז דאָך פאָרגעקומען אין אַ סביבה פון פולער יידיש־קייט, ביי פרומע טאַטע־מאַמע, אין אַ תקופה ווען דער יידישער לעבנס־שטייגער איז געווען גאַנץ.

יידישקייט, וואָס מוז עקזיסטירן אין חוץ־לארץ אָן אַ טעריטאָריע, מדינהשאַפט, אָן דעם צוואַנג פון אַן אייגענעם סאָציאַלן און עקאָנאָמישן סדר, מוז פאַרמאָגן דעם כוח פון אַ וואָלונטיריש־סאָציאַלן אַקט. פאַר יעדן ייד אין חוץ־לארץ איז זיין יידישקייט אָפּטמאָל אַ וואָלונטירישער אַקט — אַן אַקט פון געוויסן און אַנטשיידונג, אַפילו דעמאָלט ווען עס ווירקן אויף אים די כוחות פון זיין אייגענער יידישער טראַדיציע און סביבה.

סוביעקטיוו און פּסיכאָלאָגיש איז עס אַן עקזיסטענציעלער אַקט, דורך וועלכן ער מוז אויסוויילן און באַשטימען די קאָנסעקווענצן פון זיין יידישער

אחריות. אין אַזאַ אַנטשליסן זיך זיינען פאַראַן אַ סך קאָמפּאָנענטן, אינטע־לעקטועלע, מאָראַלישע און עמאָציאָנעלע.

[ס'איז אַלע מאָל שווער געווען צו זיין אַ ייד, און ווער ווייס צי עס וועט ווען ניט איז זיין גרינגער. דער אונטערשייד צווישן אונדז און דעם דור פון סוף ניינצנטן יאָרהונדערט באַשטייט דערין, וואָס דעמאָלט האָט מען געגלייבט, אַז גרינגער מאַכנדיק דעם עול פון דעם מענטשן קאָן מען אויך פאַר דעם יידן גרינגער מאַכן זיין עול, וואָס ער מוז טראָגן ווי אַ ייד. היינט וויסן מיר, אַז נאָר עקאָנאָמיש און רעכטלעך קאָן מען דאָס דערגרייכן; אין אַלע אַנדערע ספערן ווערט דאָס מענטשלעכע לעבן שווער מאָראַליש, פּסיכיש, אינטעלעקטועל. ניטאָ קיין גרינגע תרופות! דער ייד וועט זיין נאָך אַ מער קאָמפּליצירטער מענטש, ווי אין וועלכער ניט איז היסטאָרישער תקופה פריער. ער מוז זיין באַזונדערקייט אויפנעמען מיט ליבע און גרייטקייט. זיין לעבן וועט האָבן אַלערליי סתירות, אין דעם וועט אָבער אויך ליגן די פּאָטענץ פון גרויסקייט, ניט נאָר פון צערודערונג].

נאָר אַ העראָאישע אָנשטרענגונג אַריינצוברענגען מער רוחניות אין אונדזער לעבן, מער באַוואוסטזיין, ראַפינירטקייט, מער ייִדישן וויסן און געוויסן, וועלן זיין בכוח צו שטאַרקן יענע סאָציאַלע כוחות, וואָס ווירקן אין יעדן קאָלעקטיוו אים אויפצוהיטן און ממשיך צו זיין די אייגנאַרטיקייט פון זיין קולטור־שטייגער. נוסח אַשכנז האָט אונדז היפּשלעך פיל צו באַלערנען אויף דעם געביט.

5) די הויפּט־שייכות צווישן דעם מזרח־אייראָפּעאישן ייִדישן קולטור־שטייגער און אונדזער ייִדישער געמיינדע אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז ניט די שייכות צווישן „שטעטל" און „סובורביע", נאָר די גרויסע שייכות וואָס מוז אויפגעהיט ווערן צווישן דעם קולטור־שטייגער פון מזרח־אייראָפּע און פון דער ייִדישער אַמעריקע. דער מזרח־אייראָפּעאישער שטיי־גער האָט שוין ביז איצט משפּיע געווען דאָס ייִדישע אַמעריקאַנער לעבן און וועט מוזן אויף להבא בלייבן אַ שעפערישער און מאָנענדיקער כוח.

די ייִדישע געמיינדע אין אַמעריקע פאַרמאָגט אַלערליי ירושות: אָנגעהויבן מיט דער שפּאַניש־פּאָרטוגעזישער ייִדישער איינוואַנדערונג, שפּעטער מיט דער איינוואַנדערונג פון דייטשע יידן, נאָך דעם מיט דער איינוואַנדערונג פון רוסיש־פּוילישע און ליטווישע יידן, האָט יעדע איינ־וואַנדערונג געהאָלפן פורעמען אונדזער געמיינדע־לעבן.

היינט רעדן מיר וועגן מזרח־אייראָפּע און מיר קאָנען ניט פאַרבייגיין אַרויסצוהייבן די גרויסע געזעלשאַפטלעכע ענערגיע, דעם גוואַלדיקן אימ־פּעט, דעם גאַנצן גייסטיקן אויפרודער, וואָס די איינוואַנדערונג פון מזרח־אייראָפּעאישע יידן האָט אַריינגעבראַכט אין לאַנד.

דער מזרח־אייראָפּעאישער ייד האָט פאַר זיך אויפגעבויט די אינסטי־טוציעס פון אַ מאָדערנעם לעבן, וואָס האָבן צו מאָל ווייט אַריבערגעשטיגן די אינסטיטוציעס פון שטעטל, הגם די שטעטלדיקע קולטור איז געווען גאַנצער, מער אינטעגרירט און מער פאַרפונדעוועט אין לעבן. אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז אויפגעקומען אַ יידישע פּרעסע, אַן אייגנאַרטיקער יידישער טעאַטער, גרויסע אַרבעטער־אינסטיטוציעס. דער ייד האָט געבראַכט מיט זיך האָפענונגען אויף אַ נייער וועלט; אַריינגעוואָרפן סוף 19טן י״ה אין דזשאַנגל פון אַ גרויסער זיך אַנטוויקלענדיקער אינדוסטריעלער געזעלשאַפט, אין מיטן פון די ביטערע סאָציאַלע קאָנפליקטן, האָט דער ייד ניט פאַרלאָרן זיין גלויבן, ער האָט אויפגעהויבן אַ באַוועגונג קעגן עקס־פּלואַטאַציע, קעגן קינדער־אַרבעט, קעגן די באַדינגונגען פון שוויץ־שאַפּ און פאַר אַ קירצערן אַרבעטס־טאָג, פאַר סאָציאַלער געזעצגעבונג. דאָס זיינען אַלץ געווען העראָאישע אָנשטרענגונגען גרינגער צו מאַכן די דאָליע פונעם אַרבעטנדיקן מענטשן.

דער סאַמע מערקווירדיקסטער פענאָמען, וואָס שייך אימיגראַנטישע גרופּעס, איז אָבער געווען די דערגרייכונג אויפן געביט פון גייסטיקער און קולטורעלער אַנטוויקלונג, וואָס די מזרח־אייראָפּעאישע יידן האָבן באַוויזן. איך וויל אַרויסהייבן נאָר איין דערשיינונג — די אַנטוויקלונג פון אַן אויטענטישער יידיש־אַמעריקאַנער ליטעראַטור.

ווען עס איז וועט מען אין פריידן דערמאָנען און ווי ס׳געהער צו זיין אָפּשאַצן יענעם וואונדערלעכן אויפטו אויף דער אַמעריקאַנער ערד. קיין שום איינגעוואַנדערטע עטנישע גרופּע האָט אַזוינס ניט באַוויזן. גראָד דאָ האָבן זיך אַנטוויקלט אַזעלכע גרויסע טאַלאַנטן ווי מאָריס ראָזענפעלד, באָווישאָווער, ווינטשעווסקי, ווי דוד פּינסקי, י. אָפּאַטאָשו, שלום אַש, מאָריס ראָזענפעלד, יהואָש, מאַני לייב, ה. לייוויק, יעקב גלאַטשטיין, א. גלאַנץ־לעיעלעס י. י. שוואַרץ און פיל, פיל אַנדערע. זיי האָבן ניט נאָר געשילדערט די נייע אַמעריקאַנערווירקלעכקייט, נאָר געגעבן זין און דערהויבונג דעם אַמעריקאַנער יידישן לעבן.

דער אַקטיווער שעפערישער אויפטו פון דער מזרח־אייראָפּעאישער איינוואַנדערונג איז מעגלעך געוואָרן, ווייל עס האָט אויפגעהיט איין גרויסן און הייליקן ווערט פון די יידישע ווערטן — אָן אייגן לשון, יידיש, די שפּראַך פון טויזנט יאָר אַשכנזישער יידישער קולטור.

די יידישע אַמעריקע מוז טייער האַלטן אַלע אירע יידישע ירושות, דאָס חכמת ישראל פון פאַרשניטענעם דייטשן יידנטום, דעם הייליקן זכר פון מאַרטירערשאַפט און הויך־מענטשלעכער שאַפונג פון ספרדישן יידנטום. מיר טאָרן זיך ניט פאַרגינען קיין שום ענגהאַרציקייט לגבי יידישע קול־טור־ווערטן — אונדזער יחוס איז די גאַנצע יידישע קולטור־אַנטוויקלונג פון אַלע יידישע דורות. אַמעריקע האָט אונדז צוריק באַפרייט פון אַ מין יידישן רעגיאָנאַליזם און פּאַראַקיאַליזם. יעדע יידישע לעבנס־פילאָסאָפיע, יעדע יידישע ירושה, וואָס איז לעבנס־ און קאָמפּספּעאיק, מעג און מוז קעמפן פאַר איר אָרט אונטער דער זון. מיר מוזן אָבער געדענקען, אַז דאָס איז ניט און קאָן ניט זיין קיין אויסראָטונגס־קאַמף, אַז דאָס איז נאָר אַ פאַמיליע־מחלוקה, אַ מלחמה מיט ברידער, וואָס פריער אָדער שפּעטער וועלן זיי אַלע זיצן ביי איין טיש.

...„קיין גרופּע און קיין ריכטונג, קיין טראַדיציע אינעם אַמעריקאַנער יידישן לעבן, קאָן ניט האָפן און דאַרף זיך ניט ריכטן, אַז מיט דער צייט וועט זי אַרויסשטויסן אַלע אַנדערע ריכטונגען, טענדענצן, אָדער טראַדי־ציעס, פאַרנעמען זייער אָרט און אָפּווישן זייערע שפּורן אין דער אַמערי־קאַנער יידישער וועלט“... (ש. ניגער). דאָס פאַרפליכט אונדז צו אַ נייעם קרעדאָ פון קהלישער מיטאַרבעט און טאָלעראַנץ איינע לגבי די אַנדערע.

די קאָנצעפּציע „אַמעריקאַנער ייד“ איז אַ קאָמפּליצירטער באַגריף. וואָרעם נאָך וויכטיקער ווי די פאַרשיידנקייט פון קולטור־השפעות, וואָס ווירקן אויף אונדז, איז די פאַרשיידנקייט פון מענטשן־מאַטעריאַל, פון די פאַרשיידענע דורות וואָס שטעלן צונויף די אַמעריקאַנער יידישע באַפעל־קערונג. די פאַרטיילונג אויף דורות קאָן אפשר אויסזען ווי אַ נייע זאַך; אַזוינס פאָדערט אָבער אַ דורכאויס רעאַליסטישער צוגאַנג. ניט נאָר „סאָציאַלער קלאַס“, „סטאַטוס“, „פּרעסטיזש־פאַקטאָר“ דאַרפן פיגורירן ווי גרונט־קאָנצעפּציעס ביים באַנעמען די ווירקלעכקייט פון דער אַמערי־קאַנער יידישער געמיינדע, נאָר אויך די פאַרטיילונג און די וואָג פון השפעה, וואָס עס פאַרמאָגן די פאַרשיידענע יידישע דורות.

די קאָנצעפּציע „דער אַמעריקאַנער ייד״ איז ניט קיין איינהייטלעכער באַגריף אויך אין פּרט פון רעליגיעזן שטייגער. עס וואָלט געווען דורכאויס ניט ווייט פון אמת צו זאָגן, אַז די אַמעריקאַנער יידישע געמיינדע שטיצט זיך אויף אַ געוויסן באַלאַנס פון כוחות, און אַז יעדע שיכט אין יידישן לעבן האָט דעם באַלאַנס געהאָלפן צו שאַפן.

זאָל עפּעס געשען מיט איין גרופּע אין יידישן לעבן, און די אַנדערע גרופּעס וועלן באַלד דערפילן אַ פּוסטקייט און אַ מאַנגלהאַפטיקייט.

*

דער אַמעריקאַנער ייד, וואָס אים וועט זיין באַשערט אויסצובויען אַ יידיש געמיינדע־לעבן אויף דור־דורות אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, איז שוין מער ניט דער ייד פון אַמאָליקן יידישן שטעטל, ער איז אַ מענטש פון דער גרויסער שטאָט; דער נייער ייד איז אויך נ״ט דער מענטש מיט דעם פּאַטריאַרכאַלישן לעבנס־שטייגער פון פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ מער „אידילישן געמיט״ און איז געווען מער גאַנץ מיט גאָט און מיט דער וועלט. דער נייער ייד פון די פּ״ש איז אויך ניט דער מענטש פון שטרייט, דער מענטש פון אומרו, וואָס מיר האָבן אים געזען זיך באַוויזן אין יידישן לעבן ביים ענדע פון 18טן און אָנהייב 19טן י״ה. יענער יידישער מענטש איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם גרויסן סאָציאַלן פיבער פון דער וועלט. דער מאָדערנער אַמעריקאַנער ייד איז פונדעסטוועגן מאָראַליש ניט מינעריקער לגבי די פריערדיקע דורות אין זיין מענטשלעכער קוואַליטעט; צום ווינציקסטנס, די וואָס ווילן אים העלפן, וואָס ווילן אים פאַרשטיין, די וואָס ווילן אַרבעטן מיט אים פאַר דער צוקונפט פון אונדזער פאָלק, מוזן אָנערקענען זיין גרונט מענטש־לעכע חשיבות, מוזן טראָגן ליבע צו אים, מוזן געפינען אַ זכות אַפילו ווען זיי זעען די פאַרווירטקייט און צעטומלעניש פון אַמעריקאַנישן יידישן לעבן.

די אמתע בויער פון אַ יידישן געמיינדע־לעבן וועלן מוזן אַרויסזוכן צווישן אַלע ברוכשטיקער אין דער נשמה פון אַמעריקאַנער יידן דאָס גוטס, יענעם פּיצעלע „פונדאַמענט״ אין דער נשמה פון יידישן מענטשן אין אַמעריקע, וואָס אויף דעם קאָן מען עפּעס אויפבויען.

מיט וואָס איז דער אַמעריקאַנער ייד אין גרונט אַנדערש ווי אַ סאָציאַ־לער טיפּ, ווי אַ מענטשלעכער טיפּ? אויב מיר זאָלן פאַרשטיין זיין אַנדערש־קייט, וועט ער אונדז אפשר מער ניט אויסקומען אַזוי מאָדנע, און דער־שיינען אַזוי פרעמד.

במשך פון דורות איז דער יידישער מענטש געווען טראַדיציע־אָריענטירט, איין דור האָט נאָכגעפאָלגט דעם אַנדערן, און דער לעבנס־שטייגער איז געווען פיקסירט; קיין שולחן־ערוך וואָלט ניט מעגלעך געווען, ווען ס׳וואָלט ניט געווען מעגלעך דער טיפּ מענטש, וואָס באַגערט, וואָס אַקצעפּטירט דעם שולחן־ערוך. עס איז געווען אַ לעבן, וואָס איז געווען באַשטימט פון מנהגים און פון שטייגער. די היסטאָרישע דערפאַרונג, דער לעבנס־שטייגער איז איבערגעגאַנגען אָן גרויסע ענדערונגען פון דור צו דור.

דער 18טער י״ה, די השכלה, די עמאַנסיפּאַציע־באַוועגונג, דער קאַמף פאַר בירגערלעכע רעכט און דער גאַנצער אויפרודער, וואָס עס האָט אַריינגעבראַכט די וויסנשאַפט, „די מאַכט פון שכל״, האָבן באַשאַפן אַן אַנדערן טיפּ ייד, וואָס איז געווען פון אינעווייניק אָריענטירט, אַ מענטש, וואָס ווערט איבערהויפּט באַוועגט פון זיינע מאָראַלישע, סאָציאַלע אָדער נאַציאָנאַלע פּרינציפּן, אַ מענטש, וואָס איז געווען קריטיש געשטימט לגבי דער וועלט: „די קריטיש־דענקענדיקע פּערזענלעכקייט״ — ווערט ער אָנגע־רופן אין דער ליטעראַטור פון 19טן י״ה. דער נייער פון־אינעווייניק־דירעק־טער מענטש איז אייגנטלעך געווען דער סאָציאַלער טיפּ, וועלכער האָט אין יידישן לעבן געהאָלפן באַשאַפן די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, און איז אויף צוריק פון זיי באַווירקט געוואָרן.

דער נייער מענטש האָט עס געבויט ישראל מיט אַ גוואַלדיקן מאָראַ־לישן אומרו, באַווירקט פון אַן אינעווייניקסטער זיכערקייט, באַגייסטערט פאַר די נאַציאָנאַלע און פּאָליטיש־באַפרייענדיקע פּרינציפּן, וועלכע ער האָט געוואָלט פאַרווירקלעכן אין לעבן. פון וואַנען, קאָן מען פרעגן, זיינען די מאָראַלישע פּרינצפּן צו אים געקומען? קודם כל זיינען זיי געקומען פון „אינעווייניק״, פון אַ באַוואוסטזיין פון פליכט און אַחריות. דער מענטש פון 19טן י״ה האָט אַפילו אַריבערגעטראָגן זיין אייגענעם מאָראַלישן באַוואוסטזיין אויף דעם גאַנג פון דער וועלט־געשיכטע און צוגעשריבן צו דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון פעלקער און ציוויליזאַציעס אַ געוויסע

מאַראַלישע התחייבות, אַ פאַרווירקלעכונג פון אַן אידעע, וואָס איז „אימאַנענט״ אין דער אַנטוויקלונג פון דער געשיכטע.

יידן זיינען, פאַרשטייט זיך, אין דעם ניט געווען אַליין, זיי האָבן דעם דאָזיקן גלויבן געטיילט מיט דער וועלט פון הומאַניזם, פון אויפקלערונג און פון די רעוואָלוציאָנערע און נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, וועלכע זיינען אויפ־געקומען במשך פון די לעצטע 150 יאָר.

עס איז די מיינונג פון די סאָציאַלע פאָרשער אין די פ״ש (דייוויד רייזמאַן, עריק פראָם), אַז דער מאָדערנער מענטש אין אַמעריקע איז ניט טראַדיציע־אָריענטירט״, ניט פון אינעווייניק־אָריענטירט״, נאָר ער איז „פון דרויסן אָריענטירט״, ער איז אַ קאָנפאָרמיסט, ער איז אַ מענטש, וואָס נעמט איבער די מידות פון זיין סביבה, דעם לעבנס־שטייגער, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן אין דער גרופע פון זעלבן שטאַנד, ס׳רוב פון זעלבן עלטער. ער דינט דעם גאָט פון קאָנפאָרמיזם.

איך וואָלט צוגעגעבן נאָך אַן אונטערשייד: בעת דער מיטלאַלטער־לעכער מענטש האָט אַלע אויפטואונגען פון מענטשלעכן גייסט געזען אין דער פאַרגאַנגענהייט, אין דער גאָלדענער תקופה פון מענטשן, אין זיין געשיכטע; בעת דער מענטש פון 18טן און 19טן י״ה האָט געזען די פאַרווירקלעכונג פון זיינע אידעען און סאָציאַלע האָפענונגען אין דער „צוקונפט״, ווייל די צוקונפט איז געווען די אָנזאָגערין און די טרעגערין פון אַל דאָס גוטס, איז דער מאָדערנער מענטש אין די פאַראייניקטע שטאַטן און דער אַמעריקאַנער ייד בתוכם, דורכאויס אָריענטירט אויפן היינט, אויף זיין אייגענער נאָענטער סביבה. ער איז היינט־צענטריש. מען מוז פאַרשטיין דעם נייעם סאָציאַלן טיפּ מענטש, וואָס איז בלויז אַנדערש, הגם זיין מדרגה מענטשלעכקייט איז בשום אופן ניט נידעריקער, ווי עס איז די מדרגה פון דעם מענטשן פון דעם 18טן און 19טן י״ה.

אויב דער homo novus פון 20סטן י״ה איז ניט אָריענטירט פון דער טראַדיציע, וועלכע האָט באַהערשט זיינע זיידעס, אויב עס ווירקט ניט אויף אים קיין איינגעפונדעוועטער לעבנס־שטייגער, קיין שטרענגער מאַראַלישער אָדער רעליגיעזער באַוואוסטזיין, וואָס קאָן פאַר אים באַשטי־מען אַלע ספקות און אַלע פּראָבלעמען פון לעבן, האָט געמוזט אַזוי געשען, אַז די סאָציאַלע סביבה, דער סאָציאַלער אַרום, דער כוח פון די נאָענטע און פון די בני־דור, ד״ה פון די, מיט וועלכע ער לעבט געזעלשאַפטלעך

צוזאַמען, זאָלן ווערן דער דאָמינירנדיקער כוח, וועלכער באַשטימט פאַר אים וואָס עס איז רעכט און וואָס איז אומרעכט. וואָס עסווירקט אויפן היינטיקן מענטשן, איז אין דער אמתן אַ מין קאָלעקטיווע אויטאָריטעט, ניט קיין געשיכטלעכע, נאָר אַ היינטצייטיקע.

דער היינטיקער ייד אין אַמעריקע איז אַ מענטש מיט סתירות אין זיין נשמה; ער לעבט אין צוויי קולטורן. ער איז אָפטמאָל אַ „ראַנד־מענטש"; ער ווערט באַוועגט דורך דעם רייכן פּאָליטישן, קולטורעלן, געזעלשאַפט־לעכן לעבן פון דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע, אין וועלכער ער איז געבוירן געוואָרן, וועלכע נערט אים און אינטריגירט אים; ער איז באַצויבערט פון דער נייער דראַמע פון לעבן, פון די גרויסע מעגלעכקייטן וואָס אַ דעמאָקראַטישע געזעלשאַפט גיט פאַר דעם מענטשן זיך אויסלעבן גייסטיק, מאָראַליש און געזעלשאַפטלעך. די אַמעריקאַנער געזעלשאַפט איז אויך אַן „אָפענע געזעלשאַפט", אין וועלכער דער יחיד קאָן שטייגן. פון דער אַנדערער זייט, ווירקט נאָך אָבער אויף אים זיין פאָלקישע ירושה, די משפחה, עס רעדט נאָך צו אים דער קול פון זיין יידישער צוגעהעריקייט, די בענקשאַפט, דער יידישער אומרו, די ירושה פון אַן אַלט פאָלק; עס ווירקן אויף אים משפחה־פאַרבינדונגען, געטריישאַפטן, פון וועלכע אַ מענטש קאָן זיך ניט באַפרייען, און ער טאָר זיך ניט באַפרייען.

דער אַמעריקאַנער ייד אין דער אַנגלאָ־יידישער קולטור־ספערע לעבט נאָך גייסטיק אונטער ספּעציעל שווערע באַדינגונגען.

בעת רעליגיעזע ליטעראַטור און בעיקר די מוסר־ליטעראַטור האָבן געקאָנט אין די פריערדיקע יאָרהונדערטן, ביז דער עמאַנסיפּאַציע, פול־שטענדיק שפּייזן די נשמה פון יידישן מענטשן, בעת די מוסר־ליטעראַטור האָט אויך געקאָנט ווייזן אַ וועג פון הדרכה, ווי אַזוי ער זאָל לעבן, איז ביי יעדן איינציקן פון די מאָדערנע פעלקער אין דער אומרואיקער אויפ־טרייסלענדיקער צייט, אין וועלכער מיר לעבן, די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, די פילאָסאָפיע, די עסייאיסטיק — דער כוח, וועלכער העלפט פאַר דעם מענטשן „צעקייען" און קלאָר מאַכן די שווערקייטן פון לעבן. זיי זאָגן אים „וואָס צו טאָן", ווי אַזוי זיך צו אָריענטירן, מיט וועמען אין לעבן צו גיין. די שליחות האָט, למשל, דערפילט די ליטעראַטור אין פראַנקרייך ערב דער רעוואָלוציע פון 1789, די דייטשע ליטעראַטור אין דעם שטורעם־און דראַנג־פּעריאָד, די רוסישע ליטעראַטור פון מיטן 19טן י"ה. די שליחות

האָט דערפילט אויף אַ וואונדערלעכן אופן די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור. די ליטעראַטור, דער טעאַטער, די קונסט, די פילאָסאָפיע, די פרעסע זיינען אין יעדן דור פון אונדזער נייער תקופה די כוחות, וועלכע העלפן דעם יחיד צו אָריענטירן זיך. זיי פּרובירן צונויפברענגען די גייסטיקע ירושה פון די פאַרשיידענע דורות און אויף אַזאַ אופן קלאָר מאַכן דעם מענטשן וואו ער האַלט אין דער וועלט. עס איז די טראַגיק פון דעם אַמעריקאַנער יידישן לעבן, די טראַגיק פון גרויסע מאַסן אונטערוואַקסנדיקע יונגע דורות, וואָס זיינען דאָ אויפגעהאָדעוועט געוואָרן, אין דער אַנגלאָ־יידישער ספערע, אַז עס איז אויפגעקומען אַ דור אָן אַן אייגענער ליטעראַטור, אָן אַן אייגענער שעפערישער גייסטיקער עליטע, וועלכע זאָל אַוועקשטעלן די פּראָבלעמאַטיק פון דעם היסטאָרישן פּעריאָד, אין וועלכן דער דור איז געבוירן געוואָרן.

עס זיינען פאַראַן זאַכן וואָס איין דור מוז נעמען ביי די פריערדיקע דורות, אויב ער וויל אויפהיטן זיין מענטשלעכקייט, און עס זיינען פאַראַן גאַנצע געביטן פון לעבן, באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש, צווישן מענטש און גאָט, מענטש און געזעלשאַפט, וואָס נאָר דער דור אַליין קאָן דורך זיינע קליגסטע און גרעאַטנסטע זין קלאָר מאַכן פאַר זיך אַליין.

די אַמעריקאַנער יידישע געמיינדע, וואָס האָט אַזוי פיל אויפגעטאָן אויפן געביט פון העלפן אונדזערע ברידער אויף יענער זייט ים, וואָס האָט זיך אַזוי אויסגעצייכנט מיט איר געטריישאַפט ביים העלפן בויען די יידישע מדינה, די אַמעריקאַנער יידישע געמיינדע מוז אויך זיך אַליין גייסטיק אויפבויען דורך מעגלעך מאַכן, אַז די שעפערישע כוחות, וועלכע זיינען שוין פאַראַן אין דעם יידישן געמיינדע־לעבן, זאָלן קומען צום אויסדרוק אין דער פאָרעם פון אַן אייגנאַרטיקער אַמעריקאַניש־יידישער ליטעראַטור, קונסט, פילאָסאָפיע, מיט אַ ברייטן אויסבליק אויף דעם וואָס עס הייסט דאָס נאַציאָנאַלע לעבן פון אונדזער פאָלק סיי אין ישראל, סיי אין די תפוצות.

אויף דעם כאַראַקטער פון דער נייער קולטור־אַנטוויקלונג דאַרפן זיין די מבינים, צו באַשטימען, ניט נאָר די אַרכיוואַרן, די ביבליאָגראַפן, די אָפּהיטער פון אַלטערטימלעכקייט, אָדער דאַקעגן, די יידישע אַפּאָלאָגעטן, נאָר עס מוזן אַריינגעצויגן ווערן אַלע כוחות וואָס ווירקן אין לעבן פון אַ פאָלק — די דענקער, די שרייבער, די קינסטלער, אַלע די, וואָס אַרבעטן

אויף די געביטן פון סאָציאַלער וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע, דערציאונג און ליטעראַטור. עס מוז ווירקן דער גלויבן, אַז עס איז מעגלעך אַן אויפוואַכונג, עס מוז זיך שטאַרקן די האָפענונג, אַז דאָס לעבן, וואָס מיר פירן, איז כדאי, אַז עס קאָן זיין יידיש־שעפעריש; עס איז ניט קיין „נאַציאָנאַלער פּאַראַט" אונדזער באַגער הן פאַר זיך, הן פאַר אונדזערע קינדער אויפבויען דאָ, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, יסודות פון אַ יידיש געמיינדע־לעבן.

ווי אַמעריקאַנער און ווי יידן, זיינען מיר פאַרוויקלט אין צוויי גרויסע עקספּערימענטן אויף אַ נייעם קאָנטינענט. פון איין זייט, דער עקספּערימענט אויפצובויען אויף נייע פּאָליטישע יסודות, אין אַ דעמאָקראַטיע, ביי באַדינגונגען פון וואוילשטאַנד, וואָס עס קאָן באַזאָרגן אַ מאָדערנע טעכנאָ־לאָגיע, אַ פרייע געזעלשאַפט, וואָס וועט באַשיצן די רעכט פון יחיד און עטאַבלירן די יסודות פון גערעכטיקייט פאַר אַלעמען.

פון דער אַנדערער זייט, זוכן מיר אויפצובויען אונדזער אייגענעם יידישן געמיינדע לעבן אויף די יסודות פון אַמעריקאַנער קולטורעלן פּלוראַליזם, וואָס גיט אונדז מאָראַליש אַ רעכט אויפצוהיטן אונדזער היס־טאָרישע ירושה, אונדזערע אַלטע יידיש־קולטורעלע, רעליגיעזע שפּראַכ־לעכע און גייסטיקע באַזונדערקייט; דאָס קאָן אָבער זיין אַ יידישע געמיינדע אין אַמעריקע, וואָס פילט די גוואַלדיקסטע צונויפגעבונדנקייט מיט יידן סיי אין ישראל און מיט יידן אומעטום, וואו זיי איז היסטאָריש באַשערט צו לעבן.

דער מאָדערנער ייד וועט קיין מאָל ניט קאָנען איבעררייסן דעם בונד מיט די אידעען פון אוניווערסאַליזם, וואָס די הומאַניסטישע תקופה אין דער מענטשלעכער געשיכטע האָט פּראָקלאַמירט וועגן homo humanus דעם פרייען, שטרעבנדיקן מענטשן. פאַרקערט, מיר ווילן אין דער זעלבער צייט מוזן אַנטוויקלען דעם יידישן אוניווערסאַליזם, וואָס אַנערקענט די ברודערשאַפט פון יידן איבער דער גאַנצער וועלט, סיי די וואָס עס איז זיי באַשערט צו לעבן ווי אַ סוּווערענע נאַציע אויף דער אייגענער טעריטאָ־ריע, און סיי די וואָס בויען אויף די יסודות פון גייסטיקער סוּווערעניטעט, אונטער פּאָליטיש־גינסטיקע און פּאָליטיש־אומגינסטיקע יסודות, באַדינ־גונגען פאַרן ווייטערדיקן המשך פון אונדזער פאָלק.

דער גלויבן אין דעם דאָזיקן אַלצאַרומנעמענדיקן יידישן אוניווער־סאַליזם קאָן מעגלעך מאַכן אָנצופילן מיט שטאָלץ און מיט זיכערקייט די

נשמה פון דעם יונגן יידן, וואָס וועט זיך וועלן באַהעפטן מיט זיין פאָלק; דער יונגער ייד, וואָס וועט פילן, אַז אין דעם יאָרהונדערט, ווען עס ווערן צענומען אַלע גרענעצן, אין דעם יאָרהונדערט, ווען מיר זיינען בכוח אפילו „אַרויסצושפּרינגען" פון דער באַגרענעצטקייט פון ערדישן שטח, איז יידישקייט ניט קיין באַגרענעצנדיקע, איינשרומפּנדיקע, גייסטיק פאַר־אָרעמענדיקע קאָנצעפּציע, וואָס וועט מאַכן דעם מענטשן מינעריקער און וויניקער, נאָר גראָד פאַרקערט, יידישקייט איז אַ גרויסע היסטאָרישע און גרויסע מענטשלעכע ירושה, וואָס גיט דעם יחיד אַ נייע קראַפט, וואָס גיט דעם מענטשן אַ נייעם אַריינבליק אין לעבן, וואָס ברענגט פאַר אים גרויסע מאָנונגען, וואָס עס וועט נאָך געדויערן ווער ווייס וויפל דורות זיי צו פאַרווירקלעכן; אַזאַ קוק אויף יידישקייט וועט אָנפילן די נשמה פון יונגן ייד מיט נייער ווערדיקייט, מיט אַ נייער חשיבות פון אַ לעבן, וואָס איז כדאי, וואָס איז סיי דאַאיק און סיי אומעטומיק, וואָס איז סיי יידיש און סיי אוניווערסאַל, וואָס פאַרמאָגט גרויסע מענטשלעכע האָפענונגען, וועלכע מיר טיילן סיי מיט אונדזערע ברידער, וועלכע לעבן צעשפּרייט איבער דער וועלט, און סיי מיט די בירגער פון די לענדער וואו מיר לעבן.

(רעפעראַט, געהאַלטן אויף אַ קאָנפערענץ פון אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1961)

וועגן אַלעגאָרישער דיכטונג

די יידישע שול, ווי מסתמא אַלע שולן אין דער גאַרער וועלט, ליידט פון דעם, וואָס נאָר אַ קליינע צאָל מאָדערנע פּאָעטישע שאַפונגען דער־גרייכט צום יוגנטלעכן לייענער. די מיטלשולן, און אַפילו די לערן־סעמי־נאַרן, בלייבן אָפּט מאָל אויף אַ דור הינטערשטעליק לגבי דער ליטעראַ־טור. עס איז דעריבער אין דער פּעדאַגאָגיק אַ סך מאָל אויפגעקומען די פּראָבלעם, ווי אַזוי ברענגט מען דעם תלמיד נעענטער צום דור פּאָעטן, וועלכע לעבן און שאַפן אין אונדזער אייגענער תקופה.

עס איז פּאַר קיינעם ניט קיין סוד, אַז דער מאָדערנער דיכטער פּאַרמאָגט באַזונדערע „שוועריקייטן", אַן אַנדער אופן — און דווקא ניט קיין קאָנווענציאָנעלן — פון אויפנעמען און געשטאַלטן די ווירקלעכקייט. צוגרייטן דעם יוגנטלעכן מיטלשול־לייענער ער זאָל פון דער יידישער ליטעראַטור אַרויסטראָגן מער ווי אַ באַקאַנטשאַפט מיט דיכטערס פון פאַרגאַנגענעם דור, ווי מאָריס ראָזענפעלד, באָוושאָווער, ש. פרוג, איז דעריבער אַ ספּעציעלע פּעדאַגאָגיש־קריטישע פּראָבלעם.

עס איז פאַראַן נאָך אַ פּעדאַגאָגישער ענין, וואָס מען מוז אויפנעמען — דאָס זיינען יענע פּאָעטיש־רעטאָרישע פאָרמען וואָס זיינען שוין כמו „אָפּגעלעבט" אין דער מאָדערנער דיכטונג. דאָך האָבן זיך גרויסע שריפט־שטעלערס מיט די דאָזיקע פאָרמען באַנוצט, ווי, למשל, י. ל. פרץ, אברהם ליעסין, מאָריס ראָזענפעלד, ב. לאַפּין — איך מיין די אַלעגאָריע. אַמאָל באַהערשט די אַלעגאָריע די גאַנצע שאַפונג, אַמאָל ווירקט זי אין די אימאַזשן, וועלכע דער דיכטער באַנוצט. אויך די פאָרעם פון אַלעגאָרישער דיכטונג דאַרף מען קענען אויפנעמען. זי פאַרמאָגט שאַפונגען פון הויכער קינסטלערישער קוואַליטעט און אויך שאַפונגען פון קנאַפּן ווערט.

אַלעגאָריע פאַרמאָגט פאַרשיידענע פאָרמען. עס איז אַ ליטעראַרישער שטייגער, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט במשך פון דורות. מיר געפינען אים

אין דער תנכישער ליטעראַטור ביים נביא יחזקאל און אין ספר תהילים. די סאָפיסטן אין אַלטן גריכנלאַנד, מיט ווענען סאָקראַטעס האָט זיך געאַמ־פּערט, זיינען געווען אַלעגאָריקערס. דער יידישער פילאָסאָף פילאָן פון אַלעקסאַנדריע, וועלכער האָט פאַרטייטשט פאַר דער העלעניסטישער וועלט די יידישע תורה, האָט זיך באַנוצט מיטן מעטאָד פון אַלעגאָריע. אין דער וועלט־ליטעראַטור איז באַקאַנט פאַר דער גרעסטער אַלעגאָרישער שאַפונג דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע״.

צי האָבן מיר אָבער אין אַלע פאַלן איין שטייגער פון דער אַלעגאָריע? בשום אופן ניט! ערשטנס, דאַרף מען אונטערשיידן די אַלעגאָרישע אויס־טייטשונג פון אַ ווערק, וואָס דאָס איז אַ מעטאָד פון אינטערפּרעטירן און פאַרטייטשן. צווייטנס, דאַרף מען אויסטיילן קינסטלערישע שאַפונגען סיי אין פּראָזע, סיי אין דיכטונג, אין וועלכע דער סיפּור המעשה איז אַן אַלעגאָ־רישער. מענדעלעס „קליאַטשע״ איז אין דעם זין אַן אַלעגאָריש ווערק. עס זיינען אָבער פאַראַן פּאָעטישע ווערק, וואָס באַנוצן זיך מיט אַלעגאָרישע פיגורן און געשטאַלטן, כאָטש בדרך כלל זיינען זיי ריינע ליריק, אַנדערע זיינען געדאַנקלעכע ליריק. „די טרייסט פון פילאָסאָפיע״ פון באָעטיאוס, געשריבן אין לאַטיין אין אָנהייב פון זעקסטן יאָרהונדערט, איז אַזאַ אַלע־גאָריש ווערק. די פילאָסאָפיע ווערט געשילדערט ווי אַ צאַרטע, וואונדער־לעכע פרוי, וואָס קומט צו דעם געפאַנגענעם אין תפיסה און ברענגט אים טרייסט און רעדט צו אים וועגן וועלט און וועגן לעבן. אין אברהם ליעסינס ליד „יידיש״ ווערט אונדזער פאָלקס־שפּראַך אויך פּערזאָניפיצירט ווי אַ פרוי, אַ מוטער, און אויך זי ברענגט טרייסט און דערהייבונג צום יידישן דיכטער.

היינט זיינען מיר גיכער געוואוינט צו באַנוצן דאָס וואָרט „סימבאָל״ אַנשטאָט „אַלעגאָריע״. אָבער במשך פון הונדערטער יאָר איז דער נאָמען געווען „אַלעגאָרישע פיגור״. היינט־צו טאָג ווערט אין ליטעראַטור־פאָרשונג גענוצט דער טערמין „אַלעגאָרישער אימאַזש״. דאָס איז די באַצײ־כענונג וואָס דער ענגלישער דיכטער אָדען באַנוצט אין דער הקדמה צו דער אַנטאָלאָגיע פון מיטלאַלטערלעכער און רענעסאַנס־דיכטונג. ווי אויך אין דער אַנטאָלאָגיע פון ראָמאַנטישער דיכטונג. ער רעדט וועגן אַלעגאָרישע אימאַזשן, ווייל דאָס איז דער אָנגענומענער טערמין. עס נוצט אים אויך די איבערזעצערין פון דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע״ דאָראָטהי ל. סעיערס

אין איר הקדמה און אין די קאָמענטאַרן צו די פאַרשיידענע קאָנטאָס (די אויסגאַבע פון די פּענגווין קלעסיקס, 1949).

ווען י. ל. פּרץ שילדערט אין זיין „תּפילה" די פאַרצווייפלונג מיט ליפּן ווי קוילן, ווי זי ליגט דערשראָקן ביים בעכער פון גיפט, — איז דאָס אַן אַלעגאָרישער אימאַזש, אָדער אַן אַלעגאָרישע פיגור. דאָס נעמלעכע — זיין שילדערונג פון דער נקמה, ווי זי לאָזט אַרויס אַ ווייטיק־געוויין, ווי זי ציטערט און קריצט מיט די ציין.

דאָ איז כדאַי צו דערמאָנען דעם זייער אינטערעסאַנטן עסיי פון עדגאַר עלען פּאָו וועגן דער פילאָסאָפיע פון קאָמפּאָזיציע (1846), וואו ער דער־ציילט ווי אַזוי ער האָט געשריבן זיין פּאָעמע „די ראָב". פּאָו אַנאַליזירט די פּאָעטישע עפעקטן און רעטאָרישע מיטלען, וועלכע ער האָט באַשטימט אַנצואווענדן. ביים סאַמע סוף פון דעם עסיי, רעדנדיק וועגן די מאָמענטן פון פּחד און שוידער־איבערלעבונג, דערקלערט ער די שורה וועגן דעם, אַז „דער שנאָבל פון דער קראָ איז ביי אים געבליבן אין האַרצן" אַזוי: ער האָט געזוכט אַן עמבלעמאַטישן מאָמענט, אַזאַ וואָס זאָל ברענגען מאָראַ־לישע דערהייבונג צום ליד, ער האָט געוואָלט די קראָ אַליין מאַכן עמבלע־מאַטיש; היינט וואָלטן מיר געזאָגט — נוצן זי ווי אַ פּאָעטישן סימבאָל, ווי אַן אַלעגאָרישן אימאַזש.

איך ברענג עטלעכע שורות פון דער פּאָעמע אין דער איבערזעצונג פון א. לעיעלעס. דער דיכטער ווענדט זיך צום ראָב ער זאָל אים לאָזן אַליין מיט זיין איינזאַמקייט און צער:

...לאָז מיך מיט מיין צער פאַרבלייבן און מיין איינזאַמקייט ניט שטער,
צי דיין שנאָבל פון מיין האַרצן און מיין איינזאַמקייט ניט שטער.
זאָגט דער ראָב דאָ: „קיין מאָל מער".

און דער ראָב, ער זיצט נאָך, זיצט נאָך, איבער טיר ביי מיר
דאָ איצט נאָך —
...און זיין אויג אומהיימלעך פינקלט, ווי אַ שד אין טרוים
פאַרווינקלט,
און זיין שוואַרצקייט גיסט און שפּריצט אויף דעם דיל אַ שאָטן שווער.
און מיין זעל וועט פון דעם שאָטן, וואָס פאַרהילט אַלץ טונקל־שווער,
ניט באַפרייט זיין קיין מאָל מער.

די עמבלעם איז במשך פון גאַנצן מיטלאַלטער און יאָרהונדערטער שפּעטער געווען איינע פון די פאַרשפּרייטסטע און באַליבטסטע פאָרמען אין דער דיכטונג. דאָס איז געווען אַ קאָנוועציאָנעלער אימאַזש, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף דורות־לאַנגער ליטעראַרישער טראַדיציע, וואָס האָט באַ־שאַנקען דיכטונג מיט אַ פאָרעם פון בילדלעכקייט וואָס איז געווען באַליבט אין יענע דורות. די גאַנצע וועלט פון מיטלאַלטערלעכן מענטשן איז געווען פעסטגעשטעלט, קאָאָרדינירט, סיסטעמאַטיזירט, געבויט אויף דורותדיקער טראַדיציע. פאַרוואָס זאָל די דיכטונג זיין אַנדערש?

עס זיינען געווען צענדליקער ביכער, איבערהויפּט אין די ראָמאַנישע לשונות, וואָס האָבן פאַרצייכנט אַלע עמבלעמען און אָנגעוויזן זייער ליטע־ראַרישן מקור. טייל פון די עמבלעמען זיינען פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג. זיי זיינען אָפט מאָל דורך דער פאָלקס־דיכטונג אַריינגעדרונגען אין דער שיינער ליטעראַטור. ווען מען וועט, אַ שטייגער, איינפאַלן, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ יידישער „עמבלעם" אין אַ היינטצייטיק ליד, וואָס באַנוצט זיך מיט אַ שורה פון אַ פאָלקסליד, ווי אָן אָנהייב:

„אויפן וועג שטייט אַ בוים, שטייט ער איינגעבויגן:
גייט אַ ייד קיין ארץ ישראל מיט פאַרוויינטע אויגן".

אָן איינגעבויגענער בוים וואָס שטייט אַליין אין וועג איז אין דער עמבלעמאַטיק אַ סימבאָל פאַר טרויער. אַזוי איז שוין דאָס נשמה־לעבן פון מענטשן: אַלצדינג וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט דאָ אונטן איז נאָר אַ סימן, אַ צייכן פון דעם וואָס עס קומט פאָר אויבן. און אַלץ וואָס קומט פאָר דרויסן בינדט זיך מיטן אינעווייניקסטן נשמה־צושטאַנד פון מענטשן.

ביי עדגאַר עלען פּאָו און ביי די שפּעטערדיקע סימבאָליסטן איז דער אימאַזש געוואָרן אויס קאָנוועציאָנעל, נאָר פאַרקערט, דורכאויס אייגנ־אַרטיק. פּאָוס עסיי איז אָבער געווען אַ גרונט־דאָקומענט, צום ווינציקסטנס ביי די פראַנצויזישע סימבאָליסטן.

פון דעם וואָס איז ביז איצט געזאָגט געוואָרן וועגן דער אַלעגאָריע ווערט פון זיך אַליין קלאָר ווי אין אָרדענונג עס איז מיין דעפיניציע, וואָס איך האָב געבראַכט אין די צוויי אַרטיקלען פון דער „דערציאונגס־ענצי־קלאָפּעדיע", און ווי טעותדיק, ווייל באַגרענעצט, עס איז מיין פריינד

ב. י. ב.־ס אויסטייטשונג פון דעם וואָס עס הייסט אַן אַלעגאָריש ווערק. לויט אים קומט אויס, אַז דער ענדגילטיקער מוסטער פון אַן אַלעגאָרישער שאַפונג איז מענדעלעס „קליאַטשע". עס איז טאַקע זייער אַ שיין ווערק און דער זיידע פון אונדזער ליטעראַטור האָט וואונדערלעך זיך באַנוצט מיטן אַלעגאָרישן מעטאָד, אָבער אַלעגאָריע (און אַזוי פּאַרטייטשט אויך דאָס ווערטערבוך) באַטייט דריי זאַכן:

1. אַלעגאָרישע אויסטייטשונג; 2. אַלעגאָריע ווי אַ סיפּור־המעשה, וואָס האָט אויסער אַ געוויינלעכן באַטייט אויך אַ ספּעציעלן טייטש און באַטייט; 3. אַלעגאָרישע עמבלעמען אָדער פיגורן, וועלכע זיינען פּערזאָני־פיצירונגען פאַר אידעען, באַגריפן, נשמה־צושטאַנדן אאַז"וו. די מאָדערנע ליטעראַטור־פאָרשונג באַנוצט זיך ס'רוב מיט דער באַצייכענונג „אַלעגאָ־רישער אימאַזש".

מיין פריינד ב. י. ב. וואונדערט זיך, ווי האָב איך אברהם ליעסינס „דער אייביקער ייד" (מינסק, 1894) אָנגערופן אַלעגאָרישע דיכטונג? איך האָב עס געטאָן, ווייל „דער אייביקער ייד" איז אַ סימבאָליש געשטאַלט, אָדער אַן אַלעגאָרישע פיגור, וואָס ליעסין האָט דערהויבן און גענוצט פאַר דעם סימבאָל פון יידישן פאָלק, זיין קאַמף, זיין אויסדויער, זיינעליידן. פריינד ב. י. ב. וואונדערט זיך אויך, וואָס איך האָב אָנגערופן „טרייסט מיין פאָלק" פון י. ל. פּרץ — אַ ליד, וואָס איז געבויט אויף אַ פּאָע־טישער אַלעגאָריע.

לאָמיר טאַקע ציטירן די פינף שורות וואָס ווערן געבראַכט אין דעם אַרטיקל. פּרץ טרייסט זיינע בני־דור און זאָגט אַן:

זייט ניט דער ווינט וואָס לעשט די פלאַם,
נאָר בלאָזט זי אויף, ווייל נאַכט איז סם!
נאָר בוימל גיסט און פּוצט די קנויט;
ווייל נאַכט איז גיפט און שלאָף איז טויט!
טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט!

די ערשטע זאַך וואָס עס איז כדאַי אָנצואווייזן אין שייכות מיטן סטראָף, איז דעם באַזונדערן באַטייט פון וואָרט „פאָלק". פאָלק מיינט דאָ ניט נאַציע, נאָר אונטערדריקט פאָלק, די סאָציאַל אונטערדריקטע מאַסן פון פאָלק, וואָס האָבן אין יענער צייט אָנגעהויבן די מרידה קעגן זעלבסט־

הערשאַפט און פּאָליטישער באַדריקונג. ווען פּרץ זאָגט: „זייט ניט דער ווינט וואָס לעשט די פלאַם, נאָר בלאָזט זי אויף" מוזן מיר זיך פרעגן, וואָס הייסט ביי אים ווינט? דאָס וואָרט האָט דאָ אַן אַלעגאָרישן באַטייט. עס איז געגוג זיך צו דערמאָנען אברהם רייזענס ליד „הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן, איצט איז אייער צייט". דער ווינט איז אַן אימאַזש פאַר רעאַקציע און אונטערדריקונג. דער ווינט לעשט די פלאַם, דאָס הייסט, די מענטש־לעכע האָפענונג און דעם באַגער צו פרייהייט. דעם זעלביקן אַלעגאָרישן באַטייט האָט אויך די שורה „נאָר בוימל גיסט און פוצט די קנויט". די קנויט האַלט אונטער דעם פלאַם, דעם גייסט פון מרידה און ווידערשטאַנד.

אויב מיר זאָלן ניט געבן די ווערטער קיין אַלעגאָרישן באַטייט, איז אומפאַרשטענדלעך פּרצעס כוונה ווען ער זאָגט: „ווייל נאַכט איז גיפט און שלאָף איז טויט". נאָך דער דורכגעפאַלענער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905 ווערט די תקופה פון אָפּהענטיקייט, דעפעטיזם, געפאַלנקייט פון מוט, באַצייכנט ווי „נאַכט". מיר געפינען דאָס אין די ליטעראַריש־קריטישע עסייען פון אַזאַ דיכטער ווי אַלעקסאַנדער בלאָק, וועלכע ער שרייבט אין 1907 און 1908. דער אימאַזש חזרט זיך כסדר איבער און ער נעמט אָן כמעט אַ קאָנווענציאָנעלן באַטייט. ערשט ווען מען פאַרשטייט יענע היס־טאָרישע סיטואַציע, ווערט קלאָר די באַצייכענונג „נאַכט איז גיפט און שלאָף איז טויט". דאָס פאָלק טאָר ניט איינדרימלען, זאָגט דער דיכטער פון „טרייסט מיין פאָלק", דאָס פאָלק דאַרף אויפהיטן אין זיך די פלאַם, דעם פייער פון מרידה און פון ליבע. די נאַכט איז גיפט פאַר דער נשמה פון מענטשן. אין דעם קאָנטעקסט איז אויך פאַרשטענדלעך פּרצעס רוף „טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט".

י. ל. פּרץ האָט עטלעכע לידער מיטן זעלבן אידעאישן איינשטעל, ער האָט זיי געקאָנט אויך שרייבן פאַר 1905. אינטערעסאַנט איז דאָס, אַז ווען פּרץ ווערט אויס אַלעגאָריע־שרייבער, קריגט דער אימאַזש „נאַכט" גאָר אַן אַנדער באַטייט, למשל, אין ליד „אין דער שטילער נאַכט":

„אין דער שטילער נאַכט,\
— קיינער הערט און זעט! —\
גיסט זיך אויס מיין האַרץ, —\
הערסטו מיין געבעט?

אין דער שטילער נאַכט
ליג איך אויסגעשטרעקט
און וויין... צי האָט דיך עס
אַמאָל פון שלאָף געוועקט?

עס קומט פאַר מיר אויס מאָדנע אויפצוקלערן פאַר אַ קאָלעגע פון מיין דור דעם באַטייט פון ווערטער פון אַ תקופה, וואָס דאַרף אונדז זיין אָענט סיי אין צייט און סיי אין שטימונג. איך האַלט אויך ניט פון דעם, אַז דאָס איז דער בעסטער שטייגער פון אינטערפּרעטירן דיכטונג. ווען עס האַנדלט זיך אָבער וועגן אַלעגאָרישער פּאָעזיע, האָט איר קיין ברירה ניט. דער פּראָמינענטער מערב־אייראָפּעאישער ליטעראַטור־פאָרשער קאַרל פאָסלער האָט טאַקע אָנגערופן די אַלעגאָריע אַ „קריטיש־אומקרי־טישער מעטאָד, אַ קינסטלעריש־אומקינסטלערישער זשאַנער". ער האָט אָבער געוויזן אין זיין ווערק „די דיכטונגס־פאָרמען דער ראָמאַנען" ווי אַזוי אין די הענט פון גרויסע קינסטלערס קאָן אויך די אַלעגאָריע, וואָס איז אַ צונויפפאָרונג פון מחשבה און קינסטלערישער געשטאַלטונג, באַשאַפן ווערק פון אַ הויכער פּאָעטישער קוואַליטעט. די בעסטע ראיה איז טאַקע דאַנטע.

איך האָב באַוויזן אויף די מוסטערן פון י. ל. פּרץ און א. ליעסין ווי אַזוי אויך אונטער זייערע הענט האָט די אַלעגאָריע דערגרייכט קינסט־לערישע קראַפט און געבראַכט צום אויסדרוק איבערלעבונגען, וואָס זיינען געווען אַקטועל פאַר זייער היסטאָרישער תקופה. מיין אייגענעם דרך־ארץ צו ליעסינס „דער אייביקער ייד" האָב איך אַרויסגעוויזן אין די ווייטער־דיקע שורות:

„דאָס ליד ,דער אייביקער ייד' איז באַהערשט פון אַ געפיל פון שטאָלץ און פון דעם באַוואוסטזיין פון היסטאָרישער שליחות וואָס איז דעם יידן באַשערט.

„ליעסינס ליד דעקט אויף נייע גרונט־שטימונגען: די ראָמאַנטיש־רעוואָלוציאָנערע שטימונג פון מרידה און ווילנסקראַפט. דאָ קעמפט ניט קיין בונטאַרישער יחיד, נאָר אַ פאָלק אַ בונטאַר, וואָס קעגן אים איז אַפילו טעמפּ ,דער צאָן פון דער צייט'. דער רעליגיעז־נאַציאָנאַלער גרונט־איינשטעל (,מע וועט מיך באַוואַרן') ווערט דאָ אַריבערגעטראָגן אין

קאַטעגאָריעס פון געשיכטע און וואָלונטאַריזם, פון קאַמף און שטרעבן, יוי באַוועגנדיקע און אַנטשיידנדיקע כוחות אין לעבן פון פאָלק און יחיד. דאָס איז אַ רעוואָלוציאָנער־ראָמאַנטישער איינשטעל, וואָס נערט זיך גלייכצייטיק פון אַלט־יידישן מקור, אַז עס איז פאַראַן אַ כוח, ,וואָס וועט באַוואָרן׳. כאַראַקטעריסטיש פאַרן ליד איז דער רעטאָרישער פייערלעכער טאָן און די רעטאָרישע מיטלען פון דער פּאָעטיק״.

צום סוף וויל איך אויפקלערן נאָך איין פונקט:

ב. י. ב. שרייבט, אַז „אַלעגאָריע איז נאָר מעשהדיק און ניט שורהדיק״. ער מיינט דערמיט צו זאָגן, אַז מען קאָן פאַרטייטשן אַלעגאָריש נאָר אַ גאַנץ ווערק, און ניט קיין איינציקע שורה. פון פריער־געזאָגטן איז קלאָר, אַז אַלעגאָריע קאָן זיין אי מעשהדיק, אי שורהדיק, אַפילו אַן אַלעגאָרישער אימאַזש געהערט צו דער זעלביקער קאַטעגאָריע פון באַטייט. דער באַשטימענדיקער פאַקטאָר איז די קינסטלעריש־סעמאַנטישע פונקציע, ניט די גרייס.

טראַדיציאָנעל איז אָבער אָנגענומען, אַז עס ווערט פאַרטייטשט אַ פּסוק, משל, ד״ה אַלעגאָריע, איז איינע פון די איין און צוואַנציק אופנים, וואָס די תורה שבעל פה באַנוצט זיך מיט אים ביים פאַרטייטשן די תורה שבכתב. די אַלעגאָרישע פאַרטייטשונג איז איבערהויפּט אָנגעווענדט געוואָרן ניט אַזוי ביי הלכה ווי ביי אַגדה. אין דער וועלט־ליטעראַטור איז די בעסטע דוגמא דער בריוו, וואָס דאַנטע האָט געשריבן צו זיין מעצענאַט און באַשיצער, ווען ער האָט אים איבערגעשיקט דעם צווייטן טייל פון „די געטלעכע קאָמעדיע״ — דעם „גן־עדן״. דאַנטע דערקלערט, אַז זיין ווערק קאָן אויסגעטייטשט ווערן אויף פירערליי אופנים: א) אויף אַ ווערטלעכן אופן (וואָס עס ווערט געזאָגט, דאָס באַטייט עס); ב) אויף אַן אַלעגאָרישן אופן; ג) אויף אַ מאָראַלישן אופן; ד) אויף אַן איבערזינלעכן (אַנאַגאָגישן) אופן.

פאַרשטייט זיך, אַז די אויסטייטשונגען זיינען אין מיטלאַלטער דורכאויס טעאָלאָגישע, און מיר ווערן פאַרוואונדערט ווי אַזוי אַ מענטשלעכער מוח קאָן אַזוי שטאַרק אָפּווייכן פון פשוטן לאָגישן באַטייט. דאָס איז אָבער ניט דער עיקר. פאַר אונדז איז אינטערעסאַנט, וואָס אין דעם דאָזיקן בריוו ברענגט דאַנטע אַ טעקסט וואָס ער פאַרטייטשט אויף אַלע פיר אופנים. וואָס איז דער דאָזיקער טעקסט? אַ פּסוק פון דער וואולגאַטע, ד״ה, פון

דער לאַטײנישער איבערזעצונג פון תנך. **אין דער ענגלישער איבערזעצונג פאַרמאָגט דער פסוק 24 ווערטער.**

איך מיין, אַז מען קאָן זיך אויף דאַנטען פאַרלאָזן, צי אַן אַלעגאָריע איז יאָ מעשהדיק, צי אויך שורהדיק, אָדער פסוקימדיק.

וועגן דער מיסטעריע פון וואַנען איך האָב גענומען די דעפיניציע פאַר „מאַסקע־דיכטונג", וועל איך אויפקלערן באַזונדער.

עס וועט קלאָר ווערן, אַז די פראָבלעם „ליריש־דראַמאַטישע מאַסקע אין דער דיכטונג" איז שוין מער ווי אַ האַלבער יאָרהונדערט אַלט.

דיכטונג, מאַסקע און סימבאָליזם

א

די ערנסטע טעאַטער־ליבהאָבער, וואָס האָבן געזען אויף דער אַמע־ריקאַנער בינע (1960) די איוב־דראַמע פון אַרטשיבאַלד מעקליש א״ב „דזשעי־בי״, האָבן איבערגעלעבט עפּעס אַ מאָדנע איבעררעשונג. מען האָט ניט געזען פאַר זיך די קאָנווענציאָנעלע בינע און אַ פאָרהאַנג, וואָס הייבט זיך אויף און לאָזט זיך אַראָפּ. עס איז בכלל קיין פאָרהאַנג ניט געווען; מען האָט געפילט ווי דער דראַמאַטורג וואָלט אויסן געווען אונטערצושטרייכן, אַז די טראַגישע געשעענישן, וואָס וויקלען זיך פונאַנ־דער אויף די ברעטער פון דער בינע, קאָנען זיך גרינג אַריבערטראָגן אויך אויף יעדן איינציקן פון עולם: קאַטאַסטראָפע, קריג, אַטאָמישע פאַר־ניכטונג...

מעקלישס פּאָעטישע דראַמע שטעלט אין ספק די מיטלקלאַס־פּראָטעס־טאַנטישע עטיק, וואָס איז טיפּיש פאַרן אַמעריקאַנער לעבנס־שטייגער. די מיטלקלאַס־עטיק זאָגט אַזוי צום מענטשן: „דו מי זיך און האַרעווע אויף דער וועלט, זיי מענטשלעך מיט אַ מאָס, און אָפּגעהיט אין דייַנע מעשים, — דיין באַלוינונג וועט דערפאַר קומען שוין אין די טעג פון דיין אייגענעם לעבן״. אומפאַרשטענדלעך פאַר אַזאַ לעבנס־באַנעם איז דער טראַגישער מאָטיוו, אַז גוטס זאָל באַלוינט ווערן מיט שלעכטס, אַז ניט געקוקט אויף דער „מאָראַלישקייט״ פון מענטשן, זאָל ער דאָך באַדראָט ווערן פון אומגליקן און קאַטאַסטראָפעס, וואָס זאָלן שטעלן זיין פאַרהאָ־רעוועטע וועלט אין סכנה. „דזשעי־בי״ איז דורכאויס אַן אַמעריקאַנישע דראַמע; זי ווערט אָבער באַהערשט פון סאַמע אָנהייב פון אַ טיפער און קלוגער איראָניע, וואָס שטעלט אין ספק און פרעגט אָפּ דעם אָפּטימיסטישן לעבנס־באַנעם!

מעקליש רייסט אויף מיט זיין פּאָעטישער דראַמע די אַנגלאָ־סאַקסישע ר:איקייט, די אַליין־צופרידנקייט און ווייזט דאָס טראַגישע אין לעבן און די סכנה פאַר אונדזער אייגענעם דור. שוין אין דער אויסשטאַטונג פון

דער בינע האָט מען געקאָנט גלייך דערפילן דעם קריטישן צוגאַנג: די וועלט — אַ צירק־אַרענע, גאָט און דער טייוול טוען־אָן און טוען־אויס די מאַסקעס אויף דער בינע, פאַרן עולם אין די אויגן; דורך דער גאַנצער דראַמע שפּילן די צוויי שוישפּילער אָט די ראָלן פון זייערע „גאָט־ און טייוול־געשטאַלטן", און אָט זייערע אייגענע מענטשלעכע ראָלן. אין זייער אייגענער מענטשלעכער געשטאַלט זיינען זייערע רייד פול מיט אַנטוישונג, ביטערקייט און שפּאָט. אויך אַנדערע שוישפּילער, ווי למשל, די אָנזאָגער פון אומגליק, וואָס טרעטן אויף אין פאַרשיידענע מאָמענטן פון דער דראַמע, פירן זיך אויף אויפן זעלבן שטייגער. אָט זיינען זיי ציישונגס־רעפּאָרטערן און אָט פּאָליציי־באַאַמטע, זיי זיינען די זעלבע שוישפּילער; זיי טוישן נאָר זייערע היטלען, מאַנטלען, רעק, דאָס הייסט כמו־מאַסקעס. זייער ראָל איז אַ רעאַליסטיש־סימבאָלישע, זייער פונקציע איז צו זיין די אָנזאָגער פון דער קאַטאַסטראָפע און פון מענטשלעכן אומגליק; זייער רעאַליסטישקייט, ציניזם, לעבן־געטריישאַפט איז ניט אַזוי אויסן צו שילדערן זייער כאַראַקטער, נאָר כדי נאָך שטאַרקער צו ווירקן מיט זייער סימבאָלישקייט.

מען האָט געקאָנט זאָגן, אַז דער מאָדערנער דיכטער אַרטשיבאַלד מעקליש, האָט זיך באַנוצט מיט דער פּאָעטישער פאָרעם פון אַ גריכישער דראַמע. מען מוז אָבער ניט גיין אַזוי ווייט, מען קאָן פּונקט אַזוי זאָגן, אַז דער דיכטער האָט געשאַפן אַ דראַמע מער אינעם נוסח פון פרידריך שילער ווי פון וויליאַם שקעספּיר, ד"ה, ניט קיין דראַמע געבויט אויפן קאָנפליקט פון כאַראַקטערן אָדער פון לײדנשאַפטן, נאָר אַ דראַמע, וואו עס קומט צום אויסדרוק דער מענטש און זיין פאַרמעסט קעגן גורל. אויך דער ענין „מאַסקע" האָט געהאַט אַ גרויסע שייכות צו שילערן, ניט אין דעם מאַטע־רילען זינען פון וואָרט „מאַסקע", נאָר אין דעם דראַמאַטישן זינען פון דער „אידעאַלער מאַסקע", ווי שילער האָט עס בשעתו גערופן.

ב

אין דער זאַמלונג ליטעראַרישע שטודיעס פון וו. קייזער א"נ „די פּאָרטראַג־רייזע", בערן, 1959, געפינען מיר אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט וועגן דער מערב־אייראָפּעאישער דראַמע אין סוף אַכצנטן און מיטן ניינצנטן

יאָרהונדערט. עס איז געווען אַ שעפערישע און אומרואיקע צייט אין דער מערב־אייראָפעאישער ליטעראַטור. עס קומט אויף די ראָמאַנטישע דיכ־טונג. עס איז אַ בלי־תקופה, ווען עס ווירקן כמעט אין איין צייט געטע, שילער, היינע, נאָוואַליס. ניט נאָר צייכנט זיך אויס יענע וואונדערלעכע תקופה מיט אירע גרויסע ליריקער, דראַמאַטורגן, נאָר אויך מיט אירע רעבעלן: מאַרקס, בערנע, משה העס; מיט אירע עסטעטיקער — די ברידער שלעגעל. עס איז אַ צייט פון איבערשאַצן ווערטן און פון פאָרמו־לירן אויף יעדן געביט אמתן — דעם אמת פון לעבן, פון שאַפונג, פון קינסטלערישן אויסדרוק, פון רעוואָלט. דיכטער שרייבן זיך אָפט דורך פירן טאָגביכער, און דווקא אין זייער קאָרעספּאָנדענץ איז אָפט מאָל פאַראַן מער בליציקייט פון מחשבה, ווי אין די פאַרענדיקטע שאַפונגען.

אַנאַליזירנדיק די דיסקוסיעס וואָס זיינען דעמאָלט געפירט געוואָרן וועגן דעם מהות פון דער דראַמע, ברענגט ד״ר קייזער אַן אינטערעסאַנטן בריוו, וואָס פרידריך שילער האָט געשריבן צו געטען (אַפריל 1797). „עס איז מיר אויפגעפאַלן, אַז די כאַראַקטערן פון די גריכישע טראַגעדיעס זיינען מער אָדער ווייניקער אידעאַלע מאַסקעס און ניט קיין אינדיווידן, ווי מיר טרעפן זיי ביי שעקספּירן און ביי אייך״.

שילער פילט, אַז אים זיינען נעענטער די „אידעאַלע מאַסקעס״, אין וועלכע עס קומט צום אויסדרוק דער קאָנפליקט פון מענטשן, וואָס ווערט באַהערשט פון מאָראַלישע פּרינציפּן און טרעט אַרויס קעגן דער באַשערט־קייט פון גורל, איידער דער קאָנפליקט פון לייד נשאַפטן און פון כאַראַק־טערן. עס איז אַ טייל פון פרידריך שילערס קוק אויפן לעבן, אַז דער אייגנטלעכער מהות פונעם מענטשן איז אויף יענער זייט פון דער טאָג־טעגלעכער מענטשלעכקייט, ווי זי דריקט זיך אויס אין געוואוינהייטן, דערפאַרונגען, אין שטייגער פון דער אייגענער געשיכטלעכער תקופה און סביבה. שילערס העלדן פאַרמאָגן כאַראַקטער, אָבער זייער גרויסקייט באַשטייט דערין, וואָס זיי קאָנען זיך אַריבערהייבן אַריבער די גרענעצן פון זייער כאַראַקטער און באַגעגענען און אַנטקעגנשטעלן זיך די כוחות פון גורל...

פאַרוואָס הייב איך אויף דעם גאַנצן ענין? צו באַווייזן, אַז ביי צוויי חשובע אייראָפעאישע שריפטשטעלער, נאָך אין 1797, באַטייט מאַסקע — אידעאַלער כאַראַקטער, עס איז אַ טערמין פון חשיבות און ניט פון כלומר־

שטער פֿאַלשקייט און דערונטערדיקייט. דער בריוו איז ניט עפּעס קיין צופֿעליקייט. ער איז איינער פֿון די אָפּט־ציטירטע דאָקומענטן אין דער ליטעראַטור־פֿאָרשונג. עס ברענגט אים, למשל, אויך פּראָפ. ראָבערט פּעטש אין זיין גרונט־אַרבעט „וועזן אונד פֿאָרמען דעס דראַמאַ" (אַלגעמיינע דראַמאַטורגיע), האַלע, 1945, ז' 241.

פֿון פּראָפ. פּעטשס אַרבעט געפֿינען מיר טאַקע אויס גענויער וועגן דער מאַסקע. ווען מיר נעמען אַ מאָדערנע דראַמע און לייענען ביים אָנהייב די רשימה פֿון די פּערזאָנען, וועלכע טרעטן אויף אין שפּיל, פֿאַלט אונדז ניט איין, שרייבט פּראָפ. פּעטש, אַז פּערזאָן און מאַסקע האָבן עפּעס אַ שייכות צווישן זיך. פּערזאָן אָדער PERSONA, אַמאָל מיטן צוגאָב „דראַמאַטיס פּערסאָנאַ" שטאַמען פֿונעם וואָרט PERSONARE, וואָס הייסט „דורכריידן", „אַרויסזאָגן", און באַצייכנט די עפֿענונג אין דער מאַסקע, וואָס דער שוישפּילער פֿלעגט טראָגן אין דער אַנטיקער גריכישער דראַמע.

דורך דער מאַסקע פֿלעגט זיין קול זיך קאָנען דערטראָגן ווייטער; עס האָט אויך געגעבן אַ מיסטישע באַפֿאַרבונג צו זיין שטים, עס האָט פֿאַרשטאַרקט דעם איינדרוק, אַז אין דער דראַמע נעמען אָנטייל כּוחות אויך פֿון אַן אַנדער וועלט.

מיט דער צייט ווערט דאָס וואָרט „פּערסאָנאַ" די באַצייכענונג פֿאַר דער מאַסקע און נאָך מער פֿאַר דער פּערזענלעכקייט, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין דער דראַמע דורך דער מאַסקע.

דורך דער מאַסקע פֿאַרבאַהאַלט זי זיך ניט, נאָר זי גיט אַ מעגלעכקייט הינטער די אינדיווידועלע שטריכן פֿון טאָג־טעגלעכן אויסדרוק אויך צו אַנטפּלעקן די אידעאַליזירטע, היינט וואָלטן מיר געזאָגט די סימבאָלישע, גרונט־שטריכן פֿונעם מענטשן.

די אַנטיקע מאַסקע איז אַ קונסט־שאַפֿונג, די טראַגישע מאַסקע כאַפּט אויף דעם מענטשן בעת זיין שטאַרקסטער איבערלעבונג, זי פֿאַרקערפּערט עפּעס גורלדיקס אין זיך, אַזוי ווי דער מענטש וואָלט געווען באַצוואונגען פֿון כּוחות, וואָס שטייען העכער פֿון אים און באַוועלטיקן אים...

די מאַסקע האָט, פֿאַרשטייט זיך, ניט צוגענומען ביים שוישפּילער די נייטיקייט צו געבן אויסדרוק זיין כאַראַקטער וואָס ער האָט פֿאָרגעשטעלט, ער פֿלעגט עס דערגרייכן דורך זשעסט, שטים, מימיק. די מאַסקע

האָט אים אָבער שטאַרק אַרויסגעהאָלפֿן, איבערהויפּט, זי האָט אים געשטעלט העכער פֿון דער גרויער ווירקלעכקייט... (ראָבערט פּעטש, ז״ז 240, 266, 267).

די מאַסקע ביי וויליאַם באַטלער יעיטס

מיר וועלן מוזן מאַכן אַ גרויסן קפֿיצת הדרך און זיך אָפּשטעלן אויף אַן אינטערעסאַנטער דיכטערישער פּערזענלעכקייט ביים אָנהייב פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט — וויליאַם באַטלער יעיטס (1865—1939). דער באַגריף „מאַסקע״ שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין די ליריש־דראַמאַטישע שאַפֿונגען פֿון דעם אירלענדישן דיכטער, וועלכער האָט אין 1926 באַקו־מען די נאָבעל־פּרעמיע פֿאַר ליטעראַטור. יעיטס — אַ סימבאָליסט, אַ מיסטיקער, אַ קעמפֿער פֿאַר דער פֿרייהייט פֿון אירלאַנד, ראַנגלט זיך אַ לעבן־לאַנג מיט דער פּראָבלעם — די פּילגעשטאַלטיקייט פֿון מענטשן, די צעבראָכנקייט, די טאָפּלטקייט פֿון זיין נשמה־לעבן. ווען ער זוכט צו באַצייכענען די פּאָזיטיווע כוחות אין מענטשן, די שעפֿערישע, די קינסט־לעריש־געשטאַלטנדיקע, איז דאָס וואָרט פֿאַר דעם ניט „ווילן״ אָדער „אינטעלעקט״, נאָר דווקא „מאַסקע״. מאַסקע הייסט די פֿאַרקערפּערונג פֿון דער פֿעאיקייט צו באַשאַפֿן אַ נייעם, אַ מער נאָבעלן כאַראַקטער. ווי אַ דראַמאַטורג גייט יעיטס ביים דעפֿינירן דעם פּרינציפּ מאַסקע אין די פֿוסטריט פֿון סאָפֿאָקלעסן, געטע און שילער, — מאַסקע, ווי עפּעס וואָס, איז מער ווי דער דורכשניט אין לעבן. דער כוח פֿון באַשאַפֿן אַ דראַמאַ־טישע מאַסקע איז דער כוח אויך איבערצעפֿורעמען דעם מענטשן, אויך זיך. יעיטס שרייבט:

„עס איז פֿאַראַן אַ שייכות צווישן דיסציפּלין און דראַמאַטישן שטעל. אויב מיר קאָנען זיך ניט פֿאַרשטעלן אַנדערש, ווי דאָס וואָס מיר זיינען, און אויספֿורעמען אַן אַנדער ,איך׳, קאָנען מיר אייך ניט באַשאַפֿן אַ דיס־ציפּלין פֿאַר זיך, כאָטש מיר קאָנען זיך אונטערוואַרפֿן אַ דיסציפּלין, וואָס אַנדערע וואַרפֿן אונדז אָן. אמתער עטישער אויפֿפֿיר, כדי אונטערצושיידן אים פֿון אַ פּאַסיוון אַקצעפּטירן אַ מאָראַלישן קאָדעקס, איז דעריבער אומבאַוואוסטזיניק דראַמאַטיש דאָס טראָגן פֿון אַ מאַסקע; עס איז דער פֿאַרבאַדינג פֿון אַ פֿול און אַקטיוו לעבן״ (נאָטיץ נומער 24, אין יעיטס

טאָגבוך, פאַרעפנטלעכט אונטערן נאָמען „פאַרפּרעמדונג", געשריבן אין 1909).

לייענט מען יעיטס אויטאָביאָגראַפיע באַמערקט מען, אַז דער געדאַנק וועגן מאַסקע איז ביי אים אַ גרונט־עלעמענט און ניט קיין פאַרבייגייענדיקע המצאה. עס פאַרפאָלגט אים ממש, עס רייסט זיך אַרויס דאָ און דאָרט, אין טאָגביכער, בריוו, טייל דראַמען, אין זיין מיסטיש ווערק „אַ וויזיע", און אין דער באַשרייבונג פון זיין רייזע קיין שוועדן (1926).

יעיטס באַשענקט דעם מענטשן מיט פיר גרונט־אייגנשאַפטן: א) דער ווילן, אונטער וועלכן מען דאַרף פאַרשטיין די געפילן, וואָס זיינען נאָך ניט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין וואונטשן; אַן ענערגיע וואָס איז נאָך ניט באַווירקט געוואָרן פון געדאַנק און טואונג. ב) די מאַסקע, וואָס באַטייט דער אימאַזש פון דעם וואָס מיר באַגערן צו ווערן, אָדער וואָס מיר פאַרערן. ג) דער שעפערישער אינטעלעקט, ד"ה, אַלץ וואָס איז באַוואוסט־זיניק שעפעריש. ד) דער גורל. דאָס נעמט אַריין די פיזישע און גייסטיקע סביבה. דער שטראָם דערשיינונגען וואָס צווינגען זיך אַרויף אויף אונדז פון דרויסן. אויך דאָס ביאָלאָגישע און פיזישע אינעם מענטשן.

מאַסקע איז אַ גרונט־באַגריף ביי יעיטסן אַזוי, אַז די אויספירלעכ־סטע ליטעראַרישע ביאָגראַפיע וועגן דיכטער, געשריבן פון ד"ר ריטשאַרד עלמאַן, הייסט טאַקע „יעיטס, דער מענטש און זיינע מאַסקעס" (ענגליש, ניו־יאָרק, 1948).

די מאַסקעס ביי רילקע

מאַסקע איז אַ באַליבטער אימאַזש פון קאָנטינענטאַלן סימבאָליזם אין דער ליטעראַטור, פונקט ווי די מוזיק פון וואָרט איז געוועןן דאָס קאַמף־וואָרט ביי די פראַנצויזישע סימבאָליסטן. מיר געפינען דעם מאַסקע־אימאַזש ביים וואונדערלעכן רילקע („דאָס ליד אויפן טויט פון דיכטער"), ביים ווינער הוגאָ פאָן האָפמאַנשטאַל.

בכלל איז דער שטייגער פון די אייראָפּעאישע סימבאָליסטן געווען אויפצונעמען יענע אָביעקטן וואָס דער פראַנצויזישער דיכטער ווערלען האָט באַטראַכט ווי טרעגערס פון אַ „געדיכטער אַטמאָספער, פון וועלכער עס רעדט אַרויס אַ רייכע פאַרגאַנגענהייט, אַ לעבן, וואָס איז שוין פאַר־

שוואונדן, און דאָך פילט מען אים, ווי, למשל, אין מאַסקעס, אַלטע פאַרקן... צו דעם דאַרף מען צוגעבן — אַלטע שטעט — געגנט, ווין, ווענע־דיק, ביזאַנץ... „זיי האָבן פאַרמאָגט פאַר די סימבאָליסטן דעם זעלביקן רייץ ווי אַלטע מאַסקעס, אין וועלכע עס שוועבט נאָך דער סוד פון אַ פריערדיק לעבן. דאָס ווערק פון רילקע, אין וועלכן מיר זעען דעם שטייגער ווי אַזוי איין מענטשלעכע געשטאַלט קאָן זיין אַ ליריש־פּאָעטישע מאַסקע, פאַר אַ צווייטער געשטאַלט איז דאָס באַרימטע „די פאַרצייכענונגען פון מאַלטע לאַורדיס בריגע".

דאָס ווענדן זיך צו טראַדיציע, צו דער אַטמאָספער פון ווייט־פאַרגאַנ־גענע געשטאַלטן, ערטער, סימבאָלן, תקופות איז סיי ביי די ראָמאַנטיקערס און סיי ביי די מאָדערנע סימבאָליסטן געווען אַ פּראָטעסט קעגן דער מעכאַנישקייט פון היינטיקן אינדוסטריעלן לעבן, אַ פּראָטעסט קעגן דער איינער קאָנווענציאָנעלער פּערסאָנאַ — אַ שטייפע, אַ קאָנפאָרמיסטישע, אַ פאַרגליווערטע. דער קינסטלער פירט, לויט אַנדרעי זשיד, „אַ שמועס מיט די מעגלעכקייטן פון לעבן". זיי זיינען פיל רייכער, אומענדלעכער, פאַרכישופנדיקער ווי די גרויע טאָג־טעגלעכקייט.

די ליריש־דראַמאַטישע מאַסקע אין דער יידישער דיכטונג

דעם דיכטערס קול רעדט צו אונדז דירעקט אין דער ליריק, ער רעדט אויך הינטער דער ליריש־דראַמאַטישער מאַסקע פון געשטאַלט און כאַראַקטער. באַזונדערס איז דאָס קלאָר אין דער פּאָעטישער דראַמע און אין פּאָעטישן מאָנאָלאָג.

דער דיכטער דריקט אָפט מאָל אויס דורך דראַמאַטישע געשטאַלטן וואָס ער האָט שוין פריער צום טייל געזאָגט אין לירישן ליד. די איבער־לעבונג ווערט דורך דעם רייכער, קאָמפּליצירטער אוןווירקעוודיקער.

די מאַסקע גיט דעם ליריקער אַ מעגלעכקייט צו זיין פרייער, דער דראַמאַטישער כאַראַקטער פאַרשטאַרקט די שטימונג און פאַרקאָמפּלי־צירט זי, אויך ווערט דער קאָנפליקט בולטער און שאַרפער געצייכנט. רב נחמן בראַצלאַווער איז אַ מאַסקע־געשטאַלט פאַר יעקב גלאַטשטיינען. „אַבעלאַרד און העלאָיז" זיינען צוויי דראַמאַטישע מאַסקעס פאַר ה. לייוויקן. אין דער פּאָעמע „רבי עקיבא" אין דער תנא עקיבא די מאַסקע פאַר אברהם

ליעסין. מאַסקע־דיכטונג זיינען אויך אַ סך לידער פון איציק מאַנגערן („וועלוול זבאַרזשער שרייבט בריוו צו מלכהלע דער שיינער״); דער ספּינאָזאַ־ציקל ביי מלך ראַוויטשן איז הויך־קינסטלערישע מאַסקע־דיכטונג; דאָס נעמלעכע ה. רויזנבלאַטס פּאָעמע: „דער קעלמער זאָגט מגידות״, אין וועלכער די דראַמאַטישע געשטאַלט איז רבי יוחנן הסנדלר (ה. רויזנבלאַט, אין שענסטן טאָג פון האַרבסט, 1953).

פּאַרשט מען די פּאָעטישע שאַפונגען פון אַ דיכטער במשך פון יאָרן, זעט מען אָפט, ווי די זעלבע איבערלעבונג געפינט אויף צוויי אָדער מער פאַרשיידענע אופנים, אַן אויסדרוק אין זיינע לידער. די זעלבע איבער־לעבונג געפינט מער ווי איין געשטאַלטונג. אין דער ערשטער פּאָעטישער פאַרצייכענונג רעדט דער דיכטער אָפט מאָל דירעקט וועגן זיך אַליין, זיין ליריק איז דעמאָלט: „איך־דיכטונג״ פון ריינסטן מין. אומגעריכט געפינען מיר די זעלבע שטימונג, די אייגענע רעיונות און איבערלעבונגען, אַריבערגעטראָגן און פאַרקערפּערט שפּעטער אין אַ דראַמאַטישער גע־שטאַלט. דער דיכטער האָט זיך אויסגעקליבן די דראַמאַטישע מאַסקע דורך וועלכער ער רעדט. זיין אייגענע איבערלעבונג באַקומט די פאַרשטאַר־קונג פון היסטאָרישן כאַראַקטער, פון דער דראַמע פון אַ מענטשלעך לעבן. און דאָך איז אַפילו דעמאָלט די גאַנצע ווענדונג פון ליד אַ לירישע און ניט קיין דראַמאַטישע. ניט די טוּאונג, די אַקציע, דער כאַראַקטער, פילן מיר, איז דער עיקר, נאָר די אינעווייניקסטע נשמה־וועלט פון דראַמאַטישן כאַראַקטער. דער ליריזם. הינטער דעם קול פון דראַמאַטישן כאַראַקטער, צונויפגעגאָסן מיט אים, דערהערן מיר פּלוצעם דאָס קול פון ליריקער.

פון וואַנען נעמט געוויינלעך דער דיכטער זיינע מאַסקעס? ער קאָן זיי באמת נעמען פון אומעטום, פון דער אייגענער און פון דער אוניווער־סאַלער געשיכטע, פון דער היינטצייטיקייט, — פון דער אייגענער און פרעמדער שטייגער־וועלט. אברהם ליעסינס פּאָעמע „רבי עקיבא״ (1907) איז אַ מאַסקע־ליד. אין 1894 האָט ליעסין אין זיין ליריש ליד פון צוועלף שורות „זאָלן זיי קומען״, געזאָגט אין תוך דאָס אייגענע. דער פלאַמיקער באַגער פון דיכטער צו דינען זיין פאָלק, מיט שמחה אומצוקומען פאַר אים, געפינט דרייצן יאָר שפּעטער אַ דראַמאַטישן אויסדרוק אין דער פּאָעמע „רבי עקיבא״, מער ניט, איצט איז דער דראַמאַטישער געראַנגל פולער און מעכטיקער.

יעקב גלאַטשטיינס לידער וועגן רבי נחמן בראַצלאַווער זיינען מאַסקע־לידער. דער קול פון יעקב איז אויסגעמישט מיטן קול פון ר׳ נחמנען. אַ סך ראַפינירטקייטן און נשמה־געשפּאָלטנקייטן פון מאָדערנעם מענטשן טוליען זיך צום געמיט פון רב נחמן בראַצלאַווער. דער דיסנער טשיילד האַראָלד פון משה קולבאַק איז אַ מאַסקע פון קולבאַקן אַליין, פונקט ווי אַ טייל פון זיינע פריערדיקע פּאַרשוינען: „בוניע און בערע״, „יאָסטע שמיד״. אַ מאַסקע־ליד איז „קאַרל מאַרקס שרייבט אַ בריוו זיין פאָטער״ פון א. טאַבאַטשניק (1949). עס איז אַ דראַמאַטישע פּאָעמע, געבויט אויף אַ פראַגמענט פון אַן אמתן בריוו, וואָס דער ניינצן־יאָריקער מאַרקס האָט געשריבן צו זיין פאָטער; עס איז אַ מאַסקע־ליד — פון איין זייט זעען מיר באַלד די געשטאַלט פון יונגן מאַרקס, וואָס צו ניינצן יאָר איז ער שוין אויפן שיידוועג, דערפילנדיק, אַז ער פאַרמאָגט שוין אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס רעגט אים און באַאומרואיקט אים. פון דער אַנדער זייט, זינגט אַרויס און פלעכט זיך דורך מיטן קול פון יונגן מאַרקס דער דיכטער אַליין, וואָס זינגט שירה צום ליד־באַשאַף, צום געראַנגל אַרויסצובאַקומען פון זיך דאָס אייגנאַרטיקע, אינדיווידועלע; גלייכצייטיק לאָזט אונדז ניט אָפּ דער כסדרדיקער אומרו וואָס באַגלייט דעם געראַנגל. אין סאַמע תוך איז עס דער יאָרן־לאַנגער בונטאַרישער וועג צום אייגענעם „איך״, וואָס מוז זיין „אַ פלאַנעט, וואָס דרייט זיך אַרום אייגענעם אַקס״. דאָס איז דער קרעדאָ פון ראָמאַנטיזם, וואָס איז אָבער אויך דער קרעדאָ פון יעדן באַשעפער.

עס איז אינטערעסאַנט די ווירקונג פון דער דראַמאַטישער מאַסקע אין לירישן ליד. זי פירט דערצו, אַז הינטער דעם קול פון ליריקער זאָלן מיר הערן דעם קול פון היסטאָרישער טראַדיציע, וואָס אָביעקטיוויזירט די איבערלעבונג פון יחיד און שאַפט נייע קאָלעקטיווע דימענסיעס. די אינדיווידועלע איבערלעבונג ווערט אָפּגעריסן פון איר אייגענעם וואָרצל, פון איר אײינטאָניקייט און ווערט באַהאַפטן מיט די וואָרצלען פון פאָלקס־טראַדיציע, וואָס האָבן אַ קאָלעקטיוון קיום. עס ווערן אָבער אין ליד ניט אויסגעלאָשן די געבורטס־ווייען מיט וועלכע יעדער באַשאַף קומט אויף דער וועלט. צוזאַמען מיט די עלעמענטן פון דראַמע, כאַראַקטער און היסטאָרישער סיטואַציע, וואָס דערהייבן אויף זייערע פליגלען דאָס ליד פון יחיד,

פילן מיר נאָך אַלץ דעם לעבעדיקן אָטעם, דעם לירישן קול פון דיכטער, וואָס אין אים דערפילן מיר דעם בראשית פון באַשאַף!

עס איז כדאי צו דאָקומענטירן די שייכות פון אַ ליריש ליד, וואָס אַ דיכטער האָט געשריבן און געפינען ענלעכקייט פון רעיונות, פון גרונט־שטימונג אין זיינע דראַמאַטישע מאַסקע־לידער.

וואָס שייך די צוויי לידער פון ליעסינען „זאָלן זיי קומען", און „רבי עקיבא", איז דאָס באַזונדערס ווערטפול. די ענלעכקייט איז קלאָר, זי איז פאַראַן אין סאַמע קערן פוןביידע לידער: דעם דיכטערס גרייטקייט אָפּצו־געבן זיך ווי אַ קרבן פאַר זיין פאָלק אין ליד „זאָלן זיי קומען", און רבי עקיבאס גרייטקייט אָפּצוגעבן זיך דעם מאַרטירער־טויט אין דער פּאָעמע „רבי עקיבא".

עס גליט אין מיר דער וואונטש, עס פלאַמט אין מיר דאָס שטרעבן,
אין קדושה פאַר דעם שם מיין נפש אָפּצוגעבן.
איך האָב אויף דעם געוואַרט אַ גאַנצן לעבן לאַנג
געטרוימט פון אָט דער שעה, פון תליון און פון צוואַנג.

— — — — — — — — — —

אָ, זיי געגריסט דו, תליון, זיי געגריסט דו, לייד,
איך האָב אויף אייך געוואַרט, איך נעם אייך אויף מיט פרייד!
אָ, זיי געגריסט, דו, מיתה, זיי געגריסט, באַשערטע,
איך גיב זיך איבער דיר, געוואונטשטע און באַגערטע.

פונדעסטוועגן מוז מען אונטערשטרייכן אַז אין פּאָעטישער פאָרם איז ענלעכקייט פון רעיון און פון שטימונג ניט דאָס וויכטיקסטע, דער עיקר איז דאָך דאָס נייע, דאָס באַזונדערע! חוץ דער ענלעכקייט דאַרף מען, בכן, אויך אָנווייזן אויף דער אַנדערשקייט. די דראַמאַטישע פּאָעמע גיט נייע מעגלעכקייטן. עס זיינען פאַראַן די מעגלעכקייטן פון כאַראַקטער און די מעגלעכקייטן פון סיטואַציע. זיי ברענגען אַריין אַ באַרייכערונג אויך אין דער גרונט־שטימונג. רבי עקיבא איז אַ מער קאָמפּליצירטער כאַראַקטער, ווי דער יוגנטלעכער דיכטער פון „זאָלן זיי קומען".

אָט שילדערט א. ליעסין די היסטאָרישע סיטואַציע, נאָך דעם ווי דער אויפשטאַנד איז שוין געווען דערשטיקט:

עס טראָגט דער אָדלער רוימס פאַרוויסטונג, טויט און בראַנד;
עס פאַלט אַרויס די שווערד ביים מוטיקסטן פון האַנט.
דער שוואַכער און דער שטאַרקער לויפן זיך באַהאַלטן
אין וועלדער און אין היילן און אין פעלדזן־שפּאַלטן.
עס בלייבט נאָר רבי עקיבא — איינער נאָר אין פעלד;
עס לויפט ניט פאַרן פיינט דער אַלטער תנא־העלד.

די צייט איז אַזאַ, וואָס ברעכט דעם מוט פון די שטאַרקסטע, וואָס ווישט אָפּ די גרענעץ צווישן שטאַרקן און שוואַכן, דעם מענטש פון מוט און דעם מאַכטלאָזן — „עס פאַלט אַרויס די שווערד ביים מוטיקסטן פון האַנט". דאָס איז די צייט פון רעאַקציע, פון קאַטאַסטראָפע, וואָס ווישט מיט איר אימה און פחד בכלל אָפּ אַלע פעסטע מענטשלעכע מידות. אין דער צייט פון צעטומלונג, תוהו ובוהו, דערשיינט די געשטאַלט פון רבי עקיבא, ווי אַ פאַרקערפּערונג פון שטראַלנדיקער רו.

דער תליון, דער דעספּאָט איז שטאַרק כל־זמן דער קרבן האַלט פאַר הייליק און האַלט פאַר טייער כאָטש איין שטח פון עקזיסטענץ, וואָס דער תליון האַלט אויך פאַר טייער און ווערטפול — דאָס איז דאָס פריי זיין פון יסורים, די תשוקה צום לעבן אַליין. דער באַדריקער ווערט שוואַך און אָנמעכטיק, ווען דער ליידנדיקער מענטש פאַרלייקנט טאָטאַל דעם ווערט פון דער ממשלה און פון אַלע גבולין איבער וועלכע דער תליון געוועלטיקט. דער טויט פון מאַרטירער ווערט דעמאָלט די פולסטע אָפּלייקענונג פון מאַכט, ווי פון שוואַכקייט! עס איז דער איינציקער כוח אָנצוואוואַרפן אַן אימה אויף דעספּאָטן און באַדריקערס.

צו רבי עקיבאן איז זיין מאַרטירער־טויט ניט געקומען אומגעריכט, ער האָט זיך צו דעם געגרייט: ביי זיין גאַנצער גייסטיקער קראַפט איז דאָך רבי עקיבא אַ מענטש און עס זיינען דאָ קאָנפליקטן, אינעווייניקסטע ליידן, אַפילו פאַרן קדוש, וואָס האָט באַשטימט אָפּצוגעבן זיין לעבן פאַר דער אומה. פונקט ווי דאָס גליק קומט ניט צום מענטש אין דער דער־וואַרטער שעה, נאָר נאָך אַ סך אומרו, ליידן, אַנטוישונג, אַזוי קומט אויך ניט דער באַגערטער טויט פון קדוש —

איך האָב אויף דעם געוואַרט אַ גאַנצן לעבן לאַנג,
געטרוימט פון אָט דער שעה, פון תליון און פון צוואַנג.

געוואָלט האָט אָבער גאָט באַלאָדן מיך מיט יאָרן,
צו מאַכן מיך דעם עדות פון זיין גרויסן צאָרן.
איך האָב געזען דעם חורבן אונטער טיטוס האַנט;
איך האָב געזען דעם מקדש קראַכנדיק אין בראַנד.
איך האָב מיין פאָלק געמײנטערט, דאָך אין האַרצנס־ברומען
גערופן צו דעם טויט. דער טויט איז ניט געקומען!

גאָט פּרואווט אויס דעם קדוש, ווי ער פּרואווט דעם צדיק. ער מאַכט אים קודם „פאַר אַן עדות פון זיין גרויסן צאָרן".

דאָס וואַרטן און דאָס לעבן ווערט פאַר רבי עקיבאן נאָך שווערער, ווען ער זעט אַזוי פיל טויטן, רבי עקיבא רופט אויס אין ליד:

...ווי שענדלעך איז דער מוט
צו בלייבן לעבעדיק אין ים פון קדושים־בלוט.

רבי עקיבא דערציילט, ווי ער האָט „טיף געפילט אַ קנאה צו די שטיינער וואָס ליגן אויסגעמישט מיט די קדושים־ביינער. גאָטס ווילן איז געווען! איך האָב געלעבט, געלעבט, ווען טויזנט טויטן האָבן איבער מיר געשוועבט!".

ווען אַלע שטאַרבן, איז דעם קדוש באַשערט צו לעבן, צו מונטערן, צו טרייסטן, כדי אין דער סאַמע ביטערסטער און טראַגישסטער שעה אומצו־קומען מיטן טויט פון העכסטער קדושה, אַן מורא און אָן וואַקלונג.

פאַרגלייכנדיקביידע לידער פון ליעסינען, „זאָלן זיי קומען" און „רבי עקיבא", זעען מיר ערשט וויפל פּאָעטישע קראַפט עס פאַרמאָגט די דיכטונג, ווען זי ווערט פאַרבונדן מיט דראַמאַטישן אויסדרוק און ווען זי היט גלייכצייטיק אויף די פרישקייט פון לירישן טאָן.

*

א. ליעסינס ליד וועגן רבי עקיבא איז כדי צו פאַרגלייכן מיט ה. לייוויקס „רבי עקיבא און די דריי בת־קולס" (1955), וואָס שילדערט דריי מאָמענטן אין רבי עקיבאס לעבן און מאַראַלישן אויפשטייגן. דער ערשטער בת־קול רעדט צו רבי עקיבאן נאָך אין זיין יוגנט, ווען עקיבא איז אַ פּאַסטעך ביי די סטאַדעס שעפּסן; עקיבאס האַרץ באַגערט די דערקענונג פון גאָט.

אפשר וועל איך אויך ווי משה
זען דיין פייער און דעם דאָרן.
גאָט, דיך זוך איך, דיך באַגער איך.

דער בת־קול ענטפערט:

דיינע תפילה־רייד דערהער איך,
דו וועסט אָנקומען צום פייער,
מיין עקיבא, מיין געטרייער.

די בענקשאַפט צו דערקענען גאָט איז די ערשטע מדרגה פון שטייגן אין רבי עקיבאס לעבן.

צום צווייטן מאָל רעדט דער בת־קול, ווען רבי עקיבא איז שוין אַריינגעצויגן אין אויפשטאַנד קעגן רוים. ער בעט זיך ביי דעם בורא עולם:

כ׳גיי צו דיר דורך ים און שטורעם
מיט מיין רוף צו דעם באַפרייער,
מיט מיין בענקשאַפט נאָך גאולה,
נאָך דעם המשך פון בית דוד,
אויפצוגיין צוריק פון חורבן
צו דעם פייער פון דיין כבוד.
כ׳זוך דעם גואל, אים באַגער איך.

דער בת־קול ענטפערט ווידער מילד:

דיינע גבורה־רייד דערהער איך,
דו וועסט אָנקומען צום פייער,
מיין עקיבא, מיין געטרייער.

די צווייטע מדרגה איז ניט נאָר גאָט־דערקענונג, נאָר אויך דער פאַרלאַנג מתקן צו זיין די וועלט. אויפרודערנדיק, טראַגיש איז רבי עקיבאס דריטע לעבנס־תקופה, ווען גאָט אַנטפלעקט זיך צו אים:

כ׳גיי צו דיר דורך שונאס תפיסות,
צו זיין צוגעזאָגטן פייער.
אַלע מיינע אברים גרייט איך
פאַר די צונגען פון די פלאַמען,
פאַר דעם שונאס לאַנגע מעסערס,

פאַר די ציין פון זיינע קאַמען.
גאָט, דיין פייער־פלאַם באַגער איך.

ווידער ענטפערט אים דער בת־קול:

דיינע לעצטע רייד דערהער איך,
דו וועסט אָנקומען צום פייער,
מיין עקיבא, מיין געטרייער.

די לעצטע מדרגה אין לעבן פון תנא און קעמפער איז דאָס גרייטן זיך צום מאַרטירער־טויט.

*

מאַסקע־דיכטונג איז אויך ליעסינס „דער יונגער שמואל" (1935). די קראַפט מיט וועלכער דאָס ליד ווירקט איז מער דאָס לירישע געמיט, ווי די דראַמאַטישע געשטאַלט.

מיין האַרץ איז אָפן, ווייט — דערוואַכט;
איך ליג און גאַר און וואַרט:
אין פעסטן שאָטן פון דער נאַכט
ציט דורך אַ ציטער צאַרט.

מיין האַרץ גייט אויס צום וויטן סוד,
איך בעט און ווייס ניט ווי;
מיין האַרץ איז דאַרשטיק נאָך גענאָד,
איך ליג אין נאַכט און גלי.

שמואלס תפילה־ווערטער קאָן נאָכזאָגן יעדער איינער וועמעס האַרץ „גייט אויס צום וויטן סוד". די פּאָעמע צייכנט זיך מיט דעם טאַקע אויס, וואָס זי איז אינטימער, נאָענטער, לירישער. פאַראַן סטראָפן וואָס פאַרמאָגן זייער אייגן לעבן אין גאַנצן מחוץ דעם דראַמאַטישן פאַרלויף, וועגן וועלכן דער יונגער שמואל דערציילט. זיי זיינען ריינע ליריק מיט אוניווערסאַלן באַטייט. דאָס איז דער שטאַרקסטער סימן אויף צו דערקענען אין דער פּאָעמע אַ מאַסקע־ליד.

דאָס גאַנצע ליד איז אויסגעפורעמט אַזוי, אַז די וועלט פון אָרום און די אינעווייניקסטע וועלט פון יונגן שמואל גיסן זיך צוזאַמען ווי אין איין גוס.

אין הויכן פענצטער שיינט אריין
די פלאַטערדיקע נאַכט;
עס פלאַטערט מיטן הויכן שיין
דאָס האַרץ אין מיר און וואַכט.

ס׳איז מערקווירדיק שאַרף דער פּאַראַלעליזם די פלאַטערדיקע נאַכט און דאָס פלאַטערנדיקע האַרץ; מיר דערפילן זיי ביידע אין דער „סומנער איינזאַמקייט" פון טעמפל.

„דער יונגער שמואל" איז ניט קיין דראַמאַטישע אָדער עפּישע, נאָר אַ לירישע פּאָעמע.

די מאַסקעס פון אַלעקסאַנדער בלאָק

ווידער אַמאָל וועלן מיר זיך אַריבערטראָגן אין אַן אַנדער היסטאָרישער עפּאָכע, אַן אַנדער לאַנד, — רוסלאַנד 1907—1908. מיר שטויסן זיך אָן אויף אַנדערע אַנדערע ווייטיקדיקע מאַנונגען פון קינסטלער ווי אַ מענטש און אַ בירגער. דער דיכטער, אַ סימבאָליסט, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דער מאַסקע־אידעע, איז דער שפּעטערדיקער באַשעפער פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאָעמע „צוועלף" — אַלעקסאַנדער בלאָק. אין 1906 און 1907 שרייבט ער די סעריע לידער, וואָס גייען אַריין אין זיין בוך לידער „די שנייאיקע מאַסקע" (סניעזשנאַיאַ מאַסקאַ). ער שרייבט אויך אַן אַ קורץ סימבאָליש טעאַטער־שטיק „דער באַלאַגאַנטשיק" — אַ מאַסקן־שפּיל מיט טענץ און מוזיק. אויך בלאָק פילט די גרויסע פאַרפרעמדונג, וואָס איז אויפגעקומען צווישן קינסטלער און פאָלק, צווישן קינסטלער און זיין צייט און דער אַקטועלקייט פון לעבן.

פון וואַנען שטאַמט דאָס מאָדנע געפיל פון פאַרפרעמדונג? עדמאַנד ווילסאָן, דער אַמעריקאַנער קריטיקער, מיינט, למשל, אַז יעיטס אַריינטאָן זיך אינעם פּראָבלעם „מאַסקע" נעמט זיך פון דעם שווערן מצב, אין וועלכן דער דיכטער געפינט זיך מאָראַליש אין דער הייַנטיקער אינדוסטריעלער תקופה; ניטאָ געננוג פריינטלעכקייט פאַר אים, די וועלט באַדאַרף אים ניט, די געזעלשאַפט איז צום אָפּטסטן גלייכגילטיק; ווייטער קאָן זי ניט פאַרטראָגן זיין רעבעלירנדיקן אומרו, זיין בונטאַרישע נשמה.

די אָנשטרענגונג פונעם דיכטער זיך אויפצוהאַלטן ווי אַ דיכטער, ניט פאַרלירן דעם אייגענעם קול — דעם מאָטיוו געפינען מיר ביי אַלעק־סאַנדער בלאָק, איבערהויפּט אין די יאָרן נאָך דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע פון 1905, אין די יאָרן פון אַפּהענטיקייט און פאַרלאָרנקייט. אין פעברואַר 1909 שרייבט אַלעקסאַנדער בלאָק אַן עסיי א"נ „די נשמה פון שריפטשטעלער". ער באַוויינט דעם גורל פונעם שריפטשטעלער, ווען עס פעלט אים אַ סביבה, דער באַוואוסטזיין פון אַ ליטעראַטור (נאָך פּושקין, גאָגאָל, טאָלסטאָי — אומגלויבלעך! ח. ב.) און נאָך מער פעלט דאָס געפיל, אַז עס איז פאַראַן אַ קאָלעקטיווע נשמה וואָס פולסירט, וואָס האָרכט, וואָס רופט זיך אָפּ — די נשמה פון אַ פאָלק!

גראָד דער וויברירנדיקער, אינדיווידואַליסטישער בלאָק בענקט נאָך אַזאַ מין פאָלקס־סאַנקציע, אַזוי בפירוש רופט ער עס, וואָס זאָל קאָנען זאָגן צו דעם דיכטער: „דו האָסט זיך אָפּט מאָל טועה געווען, דו ביסט גאָר אָפּט געפאַלן, נאָר איך הער, אַז דו גייסט, ווערדליק דיינע כוחות טראָגן דיך, אַז דו ווילסט פאַר דעם קיין באַלוינונג, און דאָס הייסט דו קאָנסט ווערן מער ווי דו ביסט... און דעריבער בענטש איך דיך און גיי זיך ווייטער דיין וועג".

באַדאַרף מען זיך וואונדערן — פרעגט בלאָק — וואָס כמעט אַלע פאַרלירן באַלד דעם באָדן אונטער די פיס. „דער אייגענער קול הייבט זיך אָן צונויפמישן מיט די קולות פון די נאָענטע שכנים, ס'טרעפט, אַז די פנימער און די נשמות נעמען ווערן ענלעך איינע צו די אַנדערע, ווי אין אַ שענק. חוצפה און ווידוי טוישן זיך איינע נאָך די אַנדערע, דער מענטש פאַרלירט דאָס טייערסטע — זיין איינציקייט, זיין אָנהייב".

די סכנה פאַרן שרייבער איז צו פאַרלירן דאָס געפיל פון אַן אייגענעם וועג; נאָך ענגער, נאָך געפערלעכער — צו פאַרלירן דעם אייגענעם ריטעם. קענען דעם אייגענעם ריטעם איז פאַרן קינסטלער דער שטאַרקסטער פאַנצער אין דער נאַכטיקער וועלט" (א. בלאָק, ב' 2, ז' 103).

דער אינדיווידואַליסטישער קינסטלער געפינט אַ רעטונג אין דער דראַמאַטישקייט פון לעבן. עס איז אָפּט מאָל אַ מאָנאָדראַמע וואו דאָס לעבן פון דיכטער איז די שפּיל, ער אַליין איז דער העלד, דער קרבן, דער זיגער. ס'איז אָפּט מאָל אַ טראַגישער זיג — ווי דער דועל פון אַלעקסאַנדער פּושקין און זיין טראַגישער אומקום, ווי עס איז דער זעלבסטמאָרד פון מאַיאַקאָוו־

סקין (צום ווינציקסטן אַזוי מיינט דער גרויסער קענער פון דער רוסישער ליטעראַטור — ראָמאַן יאַקאָבסאָן). די מאַסקע באַזיגט דעם מענטשן, דער קינסטלער שפּילט אויס אין לעבן זיין אייגענע אויסגעחלומטע וועלט. די שאַפונג איז גובר דיווירקלעכקייט, די מאַסקע ווערט דער מענטש!

דאָס איז דער לעצטער, דער פאַרצווייפלטער שריט. עס זיינען אָבער אויך פאַראַן קאָמפּראָמיסן...

דער דיכטער סובלימירט זיין אינדיווידואַליטעט, ער ווערט אַליין אַ מאַסקע צווישן זיינע אויסגעטראַכטע געשטאַלטן. מיר פילן די סטאַדיע ביי אַלעקסאַנדער בלאָק אין ערשטן יאָרצענדליק פון היינטיקן יאָרהונדערט.

„און אַזוי איז עס געשען — שרייבט דער דיכטער — מיין אייגענע כשוף־וועלט איז געוואָרן די אַרענע פאַר מיינע אייגענע טואונגען, מיין ,אַנאַטאָמישער טעאַטער׳, מיין באַלאַגאַן, וואו איך שפּיל אַליין אויס אַ ראָל צוזאַמען מיט די אויסטערלישע מאַריאָנעטן... אַ ים איז מיין האַרץ, אַלץ איז אין אים כשופדיק. איך אונטערשייד ניט לעבן, שלאָף און טויט, די וועלט און אַנדערע וועלטן. איך האָב שוין געמאַכט מיין אייגן לעבן פאַר אַ קונסט (אַ טענדענץ וואָס גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך דער גאַנצער שיטה פון איראָפּעאישער דעקאַדענטישקייט). דאָס לעבן איז געוואָרן אַ קונסט, איך האָב געזאָגט דעם כשוף־שפּרוך" (בלאָק, באַנד 2, ז׳ 151).

און דאַך שטערט דאָס ניט דעם דיכטער מיטצופילן, מיטצולעבן מיט האָפענונגען פון דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע. אויב דער דיכטער איז אַ טעאורג, ד"ה, אַ פאַרטרויטער אין די סודות פון לעבן און שאַפן, אויב ער ווייס וואָס עס הייסט פאַלן, פאַרשטייט ער אויך די סודות פון צוריק אויפשטייען, פון גלויבן, ווי אַזוי אַרויסצורייסן זיך פון גרויזאַמען שלאָף און אונטערדריקונג. צווישן דיכטער און פאָלק איז פאַראַן אַ געהיימער בונד. דער שונא, וואָס שטייט צווישן דיכטער און פאָלק, איז דער ציניזם און די פאַלשע איראָניע.

*

פעברואַר 1921 ווערט אַלעקסאַנדער בלאָק פאַרבעטן צו ריידן ביים פייערלעכן צונויפקום אין פעטראָגראַדער הויז פון ליטעראַטן, כדי צו פאַרצייכענען דעם 84סטן יאָרצייט נאָך אַלעקסאַנדער פּושקין. דעם יאָרצייט פלעגט מען פרום אָפּהיטן יעדן יאָר. בלאָק איז שוין געווען דער אָנערקענטער

רעוואָלוציאָנערער דיכטער צוליב דער פּאָעמע „צוועלף" און דעם ליד „סקיפן". דאָס אַנטשליסן זיך צו ריידן קומט אים אָן שווער; ער זאָגט עטלעכע מאָל אָפּ, נאָר אין די לעצטע טעג פאַרן אָוונט נעמט ער דאָך אָן. די רעדע איז אַ געשריבענע, דער דיכטער האָט זי פאַרצייכנט ווי אין אַ פיבער. בלאָק לייענט זי אויפן אָוונט פאַר פון אַ העפט. די שטימונג איז ביי אים סיי אַ יום־טובדיקע, סיי אַ געדריקטע. אין דער רעוואָלוציאָנערער תקופה, ווען אַלץ ווערט איבערגעשטעלט אויף נייע יסודות וועט ער ריידן וועגן דער באַדייטונג פון אַ פּאָעט. וואָס איז טאָקע די באַדייטונג פון פּאָעט? אין די „נאַכטיקע" יאָרן פון רעאַקציע, אין סעפּטעמבער 1907, האָט בלאָק געשריבן אין אַ בריוו צו אַנדרעי בעליי: „עס וואַקסט אַזאַ שווערע אומרואיקייט. איך שרעק מיך פאַר אונדזער אַלעמענס צוקונפט, ביי דער גאַנצער קאָמפּליצירטקייט און פאַרפּלאָנטערטקייט פון די אַרטיקע באַציאונגען און „פּראַגן" — באַהערשט מיר דאָך אַ מונטערער אומעט".

יאָ, אַ מונטערער אומעט, דאָס איז אויך, ווייזט אויס, געווען אַלעקסאַנדער בלאָקס שטימונג אין 1921 אונטערן באָלשעוויזם.

ס'איז געווען אַ שווערער וועג פון דעקאַדענטישקייט, אינזיכדיקייט, ביז צו ווערן דער באַזינגער פון דער רעוואָלוציע. מיר לייענען אַרויס די שווועריקייטן מיט וועלכע ער האָט זיך באַגעגנט, באַטרעטנדיק דעם נייעם וועג, אין די פאַרצייכענונגען פון די טאָגביכער. יוני 1916, באַשרייבט ער, למשל, ווי אין זיינע נייע פּאָעמעס גייט ער אַריבער פון פערזענלעכן צום אַלגעמיינעם. אָוודאי איז נאָך פאַרבליבן אין אים געגנוג פילבאַרקייט און עגאָטיזם... דער איבערגאַנג איז פאַרבונדן מיט פיינלעכע סתירות, נאָר עס שאַפט זיך שוין ביי אים אַ באַציאונג צו דער וועלט. ער האָפט, שרייבט ער, אַז ער וועט אַלץ קאָנען גובר זיין און אַריבערגיין דעם „מדבר". דער דיכטער וויל אָרגאַניש אַריבערטראָגן דאָס נייע, דאָס אַלגעמיינע אין דעם אָרגאַניש־אינדיווידועלן, וואָס דאָס איז דאָך געווען דער וועג פון זיינע ערשטע פיר ביכער לידער.

נאָר איצט, פעברואַר 1921, רעדט ער, דער 41יאָריקער דיכטער פאַר די סאַמע פּני פון פּעטראָגראַד וועגן דער באַדייטונג פון פּאָעט, דעם וועג פון פּושקינען! האָט דאָך דאָסטאָיעווסקי שוין איין מאָל אויפגערודערט די רוסישע געזעלשאַפטלעכקייט און דווקא מיט אַ רעדע וועגן פּושקינען. הערט מען זיך צו רואיק און אויפמערקזאַם צו אַלעקסאַנדער בלאָקס

רייד. דערהערן מיר ווידער זיין שטאָלצן און יוגנטלעכן רוף, וואָס איז איצט נאָך ברוויזנדיקער, כאָטש מעלאַנכאָלישער.

דער דיכטער הייבט אָן אויף אַזאַ אופן:

„די געשיכטע באַשווערט אונדזער זכרון מיט אַלערליי נעמען פון הערשער, קריגס־פירער, דערפינדער פון מלחמה־געצייג, פייניקער פון דער מענטשהייט און צוזאַמען מיט דעם אַזאַ גרינגער נאָמען — פושקין. דער דיכטער האָט אַזוי גרינג און פריידיק געטראָגן זיין שעפערישן עול, כאָטש די ראָל פון דיכטער איז ניט קיין גרינגע און ניט קיין פריידיקע, נאָר אַ טראַגישע". פלוצעם רייסן זיך אַרויס פון בלאָקן אומגעריכטע, טראַגיקע ווערטער, וואָס שטאַמען דירעקט פון זיינע סימבאָליסטישע יאָרן.

„דער דיכטער איז דער טרעגער פון אַ געהיימער פרייהייט, וואָס קיינער קאָן זי ביי אים ניט אָפּנעמען. דער דיכטער איז אַ גרייס, וואָס בייט זיך ניט. עס קאָן פאַרעלטערט ווערן זיין פּאָעטישע רעטאָריק, זיינע קינסטלערישע מיטלען און פאָרמען; נאָר דער תוך פון זיין שאַפונג ווערט ניט אַלט... יאָ, טראַגיש איז דער גורל פונעם דיכטער: היינט שטעלט מען אים דענקמעלער און מאָרגן וויל מען אים אַראָפּוואַרפן פון דער שיף פון דער היינטצייטיקייט. נאָר וואָס איז אייגנטלעך דער דיכטער? ער איז דער וואָס באַשאַפט פון תוהו ובוהו סדר, נייע פאָרמען, נייע שיינקייטן און ברענגט זיי אַריין אין לעבן. דער דיכטער קאָן אָבער ניט לעבן אָן דעם פאָלק, ער מוז די שיינקייטן ברענגען צום פאָלק, אַריינטראָגן זיי אין דער וועלט, אין לעבן... דאָ שטעלן זיך אים אַנטקעגן, ווי אַ וואַנט, די משרתים פון מאַכט און מלכות, די באַדינער פון די הערשנדיקע... אין אונדזער צייט, זאָגט בלאָק, די ביוראָקראַטיע, די נעכטיקע און די היינטיקע"...

טראַגישער בלאָק, ווי לאַנג האָט עס געדאַרפט געדויערן ער זאָל ביי זיין גאַנצער גלאָריע, ווי אַ דיכטער פון דער רעוואָלוציע, זיין געצוואונגען אַרויסצורייסן פון זיך די ווערטער פון פאַרצווייפלונג און ביטערניש:

„זיי פאָדערן פון דיכטער ער זאָל דינען די, וועמען זיי דינען! דינען דער דרויסנדיקער וועלט, זיי פאָדערן פון אים „נוצלעכקייט".

דאָ הערן מיר נאָך מער ביטערע רייד: די ביוראָקראַטיע ווייס ווי צו פאַרשטעלן דעם דיכטער דעם וועג צום פאָלק; נאָר ווער ווייס, אפשר זוכן זיי שוין דעם וועג צו פאַרשטעלן דעם וועג פון דיכטער צו זיך.

וואָס פֿאַרהאַלט זיי, פֿרעגט דער רעדנער. אפשר האָבן זיי זיך פּשוט ניט דערטראַכט צו דעם, אָדער אפשר איז עס פּחדנות, אָדער גאָר דאָס געוויסן? ווער ווייס, און אפשר וועלן שוין געגרייט און אויסגעזוכט די מיטלען... דער דיכטער וועט ניט קאָנען לעבן, אויב מען וועט מאַכן אַ פֿאַרשווערונג אויף זיין געהיימער פֿרייהייט. און ווי אַ מאָדנער אַקאָרד צו דעם אַלעמען, די אומגעריכטע צוויי ווערטער צווישן די לעצטע צען זאַצן פֿונעם געדענק־וואָרט אויף פּושקינס טויט.

מיר שטאַרבן! מיר — הייסט, די קינסטלער, די פּאָעטן, די טרעגער פֿון געהיימער פֿרייהייט. מיר שטאַרבן, זאָגט בלאָק, נאָר די קונסט וועט לעבן!

דעם 18טן יוני 1921, לייענען מיר פֿאַרצייכנט אין זיין טאָגבוך:

„ס'איז מיר שווער צו אָטעמען. עס האָט מיר פֿאַרדריקט ביים האַרצן". אַלעקסאַנדער בלאָק האָט נאָך דעם ניט לאַנג געלעבט, ס'איז באמת שווער געווען צו אָטעמען.

*

מיטן טויט פֿון אַלעקסאַנדער בלאָק אין 1921, ריינער מאַריאַ רילקע אין 1926, וויליאַם באטלער יעיטס אין די דרייסיקער יאָרן, פּאָל וואַלערי אין 1945, שטאַרבן אויס די ראשונים פֿון סימבאָליזם אין דער אייראָפּעאי־שער קונסט.

היינט ווייסן מיר, אַז דער סימבאָליזם איז געווען אַ גרויסע אייראָ־פּעאישע באַוועגונג, ווי ס'איז אַמאָל געווען דער קלאַסיציזם, דער ראָמאַנ־טיזם, ווי ס'איז אויך געווען דער נאַטוראַליזם. אין דער ליטעראַטור־פֿאַר־שונג האָט זיך אַ געוויסע צייט איינגעשטעלט אַזאַ נוסח: עס הייסט אַזוי — בעת דער קלאַסיציזם, די ראָמאַנטיק און דער נאַטוראַליזם האָבן בעיקר געזוכט צו ענטפֿערן אויף די פֿראַגעס: וואָס איז דער מענטש, וואָס איז זיין מהות און גורל, וואָס באַטייט די עפּאָכע, וואָס איז פֿאָלק און מענטש־הייט, לעבן און טויט, געשיכטע און אייביקייט, האָט דער סימבאָליזם בעיקר געפֿרעגט: וואָס איז קונסט? ווי שאַפֿט דער דיכטער? ווי דער־גרייכט מען דאָס טיפֿסטע, דאָס וויטסטע, דאָס צויבערנדיקע? די סימבאָ־ליסטן האָבן געזוכט דאָס געהיימניספֿולע כשוף־וואָרט, זיי האָבן געזוכט צו צענעמען די גרענעצן פֿון דער ווירקלעכקייט און דערגרייכן דעם איין־סוף.

די איינגעשטעלטע אינטערפּרעטאַציע איז גרייליך איינזייטיק; אויך די סימבאָליסטן האָבן געזוכט דעם באַשייד פאַר לעבן און טויט, דעם מהות פון גורל, דעם זין פון פאַרגייענדיקן און אייביקן. זיי האָבן, ווי אַלעקסאַנדער בלאָק, געקאָנט מיט פולער מענלעכקייט אַנטקעגנשטעלן זיך דעם גורל, דעם צייט־גייסט, דעם צוואַנג פון דער היסטאָרישער תקופה; וואָרעם אין תוך האָבן זיי פאַרטראַטן יענע שעפעריש־מענטשלעכע האַל־טונג וואָס מיר פילן אָנהייבנדיק פון סאָפאָקלעסן, דורך שילער, דורך טאָמאַס מאַן, דורך יעיטס, דורך אַלעקסאַנדער בלאָק און אַרטשיבאַלד מעקליש — דאָס אמת מענטשלעכע הייבט זיך אָן אויף יענער זייט פון עפּאָכע, צייט־גייסט, ווען עס וואַכט אויף אין מענטשן דער כוח אַריבערצו־הייבן זיך די גרענעצן פון זיין קאָנווענציאָנעלן כאַראַקטער, ווען ער איז בכוח צו באַגעגענען און אַנטקעגנשטעלן זיך די כוחות פון גורל.

פון די אַנטיקע גריכן ביז רילקעס באַרימט ליד אויפן טויט פונעם דיכטער, איז די באַצייכענונג פאַר דעם אָפּט געווען דאָס טראַגישע וואָרט — מאַסקע.

פון אַ לעזערס נאָטיץ־בוך

דער חלום פון אַסימילאַציע

ווי איז צוגעגאַנגען דער פּראָצעס פון אַסימילאַציע אין פאַרגאַנגענעם האַלבן יאָרהונדערט? וועלכע חלומות האָבן דעמאָלט באַפליגלט די נאַאיווע און סענטימענטאַלע זין און טעכטער פון אונדזער פאָלק? לאָמיר זיך אָפּשטעלן אויף צוויי אויטאָביאָגראַפישע ווערק פון יידישע פרויען, געשריבן אין ענגליש און פאַרעפנטלעכט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אַ זייער פּאָפּולער בוך אין 1912, צוויי יאָר פאַר דעם אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג (אַ „בעסט־סעלער") איז געווען מערי ענטינס אויטאָביאָגראַפיע אונטערן נאָמען „דאָס צוגעזאָגטע לאַנד" (The Promised Land). דער ערשטער זאַץ אין בוך לייענט זיך: "I was born, I have lived and I have been made over". — „איך בין געבוירן געוואָרן, כ'האָב געלעבט און מ'האָט מיך איבערגעמאַכט". וואָס די שרייבערין מיינט דערמיט צו זאָגן, איז אַזוי: איך בין געבוירן געוואָרן אַ יידישע טאָכטער, ווי אַ יידישע טאָכטער האָב איך געלעבט מיינע יוגנט־יאָרן אין רוסלאַנד, נאָך דעם בין איך געקומען קיין אַמעריקע, און דאָ האָט מען מיך איבערגעמאַכט, און איך בין געוואָרן אַן אַמעריקאַנערין. וועגן דעם איבערגעבורט שרייבט זי אָפן: „איך טראָג אויף מיין נשמה די צייכנס. איך וויל אָבער פאַרגעסן... איך וויל לעבן מיטן היינט. עס איז פיינלעך צו געהערן באַוואוסטזיניק צו צוויי וועלטן. דער וואַנדערנדיקער ייד בעט זיך אין מיר מען זאָל אים פאַרגעסן. איך שרעק מיך ניט צו לעבן ווי לאַנג מיר איז באַשערט, אויב נאָר איך זאָל ניט דאַרפן געדענקען צו פיל. אַ לאַנגע פאַרגאַנגענהייט וואָס ווערט לעבעדיק פאַרגעדענקט, איז ווי אַ שווערער מלבוש וואָס קלעפּט זיך צו צום לייב ווען דו ווילסט לויפן. און איך האָב געטראַכט פון אַ כישוף, וואָס זאָל מיך באַפרייען פון דעם עול פון מיין פאַרגאַנגענהייט, וואָס לאָזט ניט אָפּ. איך האָב זיך אָפּגעלערנט פון דעם אַלטן ים־פאָרער, וואָס האָט דערציילט וועגן זיינע שרעקלעכע איבערלעבענישן כדי צו באַפרייען זיך פון זיי. אויך איך וועל דערציילן מיין לעבנס־געשיכטע, איין מאָל פאַר אַלע

מאָל און וועל זיך מער ניט אומקוקן אויף צוריק. איך וועל אָנשרייבן „פּיניס" ביים סוף און פאַרמאַכן דאָס בוך מיט אַ בראַזג". און אַזוי טוט זי טאַקע. זי שרייבט אָן אַ בוך וועגן אַמעריקע, דאָס צוגעזאָגטע לאַנד, וואו דער אייביקער וואַנדערער קאָן סוף־כל־סוף באַגעגענען זיין אייביקע רו, די רו פון טויט. וואָרעם נאָר אַזוי קאָן ער ווערן אַ פולער, אַ ריינער אַמעריקאַנער. נאָך דעם האָט זי חתונה מיט אַ ניט־יידן, אַ פּראָפעסאָר פון קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט, און לעבט אַלע יאָרן דערווייטערט פון יידן און יידישקייט.

דער חלום פון פולשטענדיקער אַסימילאַציע האָט פאַרכאַפּט דורות יידישע אימיגראַנטן, וואָס זיינען געקומען צווישן 1881 און 1891. נאָך שטאַרקער איז דער באַגער צו אַסימילירן זיך געוואָרן ביים דור הי־געבוי־רענע. צוליב דער גרויסער מאַסע ניי־געקומענע, צוליב זייער נידעריקן עקאָנאָמישן מעמד איז דער אַסימילאַציע־פּראָצעס אָנגעקומען שווערער. ווי אַ ביישפּיל קאָן מען ברענגען דעם פאַל פון אַנזיע יעזשערסקאַ, וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע כמעט אין דער זעלבער צייט ווי מערי ענטין און האָט אויך געשפּונען דעם זעלבן גאָלדענעם חלום. איר איז אָנגעקומען דער פּראָצעס פון צופּאַסונג אַ סך שווערער, און ער איז געווען פאַרבונדן מיט אַ היפּש ביסל מער ליידן. אין איר בוך „הונגעריקע הערצער" (Hungry Hearts) וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין 1920, אַכט יאָר נאָך מערי ענטינס בוך, דערציילט זי אויך וועגן אירע חלומות וואָס שייך אַמעריקע:

„אַלע מענטשן פילן זיך דאָ גלייך. יידן און קריסטן לעבן ווי ברידער... מען דאַרף מער ניט זאָרגן פאַרן שטיקל ברויט. אין אַמעריקע קאָן יעדער איינער טאָן מיט זיין לעבן, ווי ער פאַרשטייט. ניטאָ אין לאַנד קיין מענטשן פון הויכן און פון נידעריקן שטאַנד. אַפילו דער פּרעזידענט גיט די האַנט גדליה מענדלס. ס'איז פאַראַן גענוג פאַר אַלעמען. וויסן, בילדונג קאָן מען דאָ באַקומען פריי, עס פליסט ווי מילך מיט האָניק...".

דאָס זיינען אַלץ רייד, וואָס זי הערט ווען זי איז נאָך אַ קינד ביי דער מאַמען אויפן שויס; נאָך דעם ווי אַנזיע יעזשערסקאַ איז געקומען קיין ניו־יאָרק, האָט זי געמוזט קליינערהייט גיין אַרבעטן אין שוויץ־שאָפּ, כדי צו האָבן אויפן שטיקל ברויט. אָן אומעט באַפאַלט זי: „וואו זיינען די

גרינגע ברייטע פעלדער אין אַמעריקע? וואו איז דאָס גאָלדענע לאַנד פון מיינע חלומות?".

אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער, אין עלטער פון 70 יאָר, שרייבט אַנזיע יעזשעריסקאַ איר אויטאָביאָגראַפיע אונטערן נאָמען "Red Ribbon on a White Horse" און באַשרייבט ווידער די ליידן פון אימיגראַנטן־לעבן.

דער מענטש ווי אַ בעל־שכל

דער גאַנצער אינטעלעקטועלער קלימאַט אין דערציאונג האָט זיך במשך פון די לעצטע יאָרן אַ סך געביטן. ניט אויף אַלץ איז שוין היינט מעגלעך קלאָר אָנצואווייזן, אָבער איין פאַקט, אַ צענטראַלן פאַקט, אַזאַ וואָס האָט משפּיע געווען אַלע אַנדערע, קאָן מען שוין גאַנץ קלאָר כאַראַקטעריזירן. איך מיין דעם קוק אויפן מענטשן און אויף זיין טבע; ווי דערציער ווערט אונדזער גאַנצע אַרבעט באַווירקט פון דעם, ווי מיר קוקן אויפן מהות מענטש און מענטשלעכקייט.

דער הומאַניזם, דער רענעסאַנס, איבערהויפּט דער 18טער יאָרהונדערט פון אויפקלערונג, האָט געשטעלט הויך די ממשלה פון מענטשן. אָבער אין וואָס האָט מען געמיינט באַשטייט זיין מענטשלעכע גרויסקייט? דער ענטפער איז געווען — זיין ראַציאָנעלקייט, זיין שכלדיקייט מאַכט דעם מענטשן פאַר דער קרוין פון דער יצירה.

אין יידישן לעבן האָט שוין די שיטה פון רמב"ם פאַרטראָטן דעם שאַרפן ראַציאָנאַליזם. דער ראַציאָנאַליזם איז געוואָרן דער הערשנדיקער אינטעלעקטועלער קלימאַט אין דער צייט פון השכלה; מיט דעם האָט די השכלה געטיילט די אינטעלעקטועלע שותפות מיט דער גאַנצער אייראָפּעאישער קולטור. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג האָט געפירט צו דער ממשלה פון וויסנשאַפט, טעכניק און בילדונג; מען האָט געגלייבט, אַז זיי זיינען גענוג, זיי זיינען אַלץ, וואָס מען דאַרף צו ברענגען דעם גן־עדן אויף דער וועלט.

עס איז די מענטשלעכע טבע ניט נאָר צו אַנאַליזירן, נאָר אויך צו מיטאָלאָגיזירן; אויך אידעען נעמען אָן מיטאָלאָגישע פאָרמען; יעדער

דור האָט זיך זיין אַלימפּ; און אויך די אמונה אין שכל האָט באַשאַפן אַ מיטאָס.

אין 1860—1861 פלעגט אַרויס אין אַמאָליקן רוסלאַנד אַ צייטשריפט „ראַזסוויעט". פלעגט זיך כמעט יעדע קאָרעספּאָנדענץ אָנהייבן מיט די ווערטער: „אין אונדזער צייט, וואָס די וואוילטעטיקע שטראַלן פון השכלה האָבן באַלויכטן אַלע מוחות". עס פלעגט זיך ריידן כסדר „וועגן דער פּאָזיטיווער צייט אין וועלכער מיר לעבן, ווען עס פּאַרפעסטיקן זיך די רעכט פון מענטשן און ווען די פּאָעזיע פון פויסט ווערט אַלץ שוואַכער און שוואַכער. ווען דער שכל, אָט דער דאָזיקער גרויסער קעמפער, ווען עס איז אוממעגלעך בייצוקומען, קאָן אַרויסטרעטן אין קאַמף מיט די פּרי־ווילעגיעס פון יחוס און רייכטום. אמת, עס הערשט נאָך פיזישע קראַפט, אָבער די הערשאַפט איז אַ צייטווייליקע. די מאַטעריעלע קראַפט קאָן נאָר אויף אַ צייט איינשמידן, אָדער איינפרעסן דעם געדאַנק. זי קאָן אָבער אים ניט פאַרקנעכטן. די קראַפט פון דער גאַנצער מענטשהייט ליגט נאָר אין דער אַנטוויקלונג פון גייסט און געדאַנק, און דערמיט איז פאַרבונדן דאָס גליק פון די קומענדיקע דורות".

דער שכל, דער גרויסער קעמפער, וועמען עס איז אוממעגלעך בייצו־קומען — דאָס איז אַ וועלט־באַנעם, דאָס איז מער — אַן אמונה!

אין ווילנע, אין יאָר 1892, האָבן יידישע אַרבעטער צום ערשטן מאָל געפּייערט דעם ערשטן מאַי; אַרום הונדערט מענטשן האָבן זיך באַטייליקט ביי דער געהיימער פאַרזאַמלונג און צווישן די פיר רעדעס פון יידישע אַרבעטער גיט אונדז איינע באַזונדערס קלאָר איבער דעם תמצית פון יענעם נייעם גלויבן, וואָס האָט באַזעלט אַ דור.

„קיינער קאָן ניט באַפרייען די אונטערדריקטע מאַסן פון דעם יאָך, וואָס דריקט זיי ביז צו דער ערד, אַזוי רעדט איינער פון די פיר, בלויז די וויסנשאַפט און די אייגענע ענערגיע קאָנען אונדז אַרויספירן פון דער פינצטערניש צו דער ליכט פון לעבן... דאָס ליכט פון דער וויסנשאַפט פון 19טן יאָרהונדערט ווייזט אונדז אָן דעם וועג. די וויסנשאַפט פירט אָן מיט אונדזער שיף ווי אַ געניטער, פאַרשטענדיקער און וואַכזאַמער קאַפּיטאַן; ווי אַ ליבנדיקע מוטער, וועט אונדז די וויסנשאַפט אַריבער־טראָגן דורך דעם ים פון טרערן אוןליידן אין דעם לאַנד פון לעבן.

„גליקלעך איז דער, וואָס פאַלט ביי זיך ניט אַראָפּ, ווען עס האָרץ עס

ציטערט ניט אַפילו ביים דונערן פון האַרמאַטן, ביים בליצן פון פייַנטלעכע באַיאָנעטן... און אַפילו דעמאָלט, ווען דער שטורעם דראָט צו צערייסן די זעגלען פון דער אומגליקלעכער שיף״.

אין 1877 האָט דער יונגער י. ל. פּרץ אַרויסגעגעבן מיט זיין שווער, דעם משכיל ג. י. ליכטענפעלד, אַ קליין ביכעלע לידער אין העברעאיש. מיט געוויסע אָנשטרענגונגען קאָן מען היינט אונטערשיידן, וואָס דער יונגער לייַדנדיקער י. ל. פּרץ האָט געשריבן, און וואָס דער עלטערער, מער מיושבער משכיל האָט געהאַט צו זאָגן. אין איינער פון די לידער גיט ג. י. ליכטענפעלד אַ פאַראַלגעמיינערט אידעאַליזירט און אַוודאי אויס־געקלערט בילד פון דעם נייַעם מענטשן. ס׳איז אַ מאָדנער סינטעז, וואָס ווייזט תמימות, די ערלעכע תמימות פון אָנהייב השכלה.

„אין בית המדרש האָט ער געלערנט תורה, און וויסנשאַפט אין בית הכבוד. אי תורה, אי חכמה זיינען אים אָנגעקומען גרינג. מיט זיין חכמה האָט ער אויסגעמאָסטן די גרייס פון אַ יריעה אין משכן און וויפל פינגער האַלט אַ קידוש־בעכער, ער רעכנט אויס אויפן קאָפּ אָן גרייזן די „תקופה״, דעם „מולד זקן״ אד״גל.

„ער לייענט דעם דאָקטערס רעצעפּט און ווייס יעדע חולאת, דעריבער קאָן ער זיך פאַרהיטן פון יעדער קרענק. ער טוט אויך שיין שפּילן, מען לויפט צו אים פון אַלע זייטן הערן, ווי ער שפּילט אויף פאַרשיידענע כלים, און ער זינגט מיטן מויל ווי אַ זינג־פויגל. ער האָט געמאַכט אַ טע־לעגראַף פון זיין צימער צו זיין ווייבס צימער. פירשטן און באַקאַנטע בוקן זיך צו אים און שפּילן מיט אים שאָך. ניט ער הייסט מלכים, זיי זאָלן פאַר אים באַווייזן ניסים, און ניט זיי טוען דאָס. דורכן נאַטור־געזעץ באַווייזט ער וואונדער! דורכן נאַטור־געזעץ באַווייזט ער צו אַנטפּלעקן דאָס פאַר־באָרגענע. אויך היילט ער שלאָפע און עקרות אויף אַ נאַטירלעכן אופן״. (ציטירט לויט ייוואָ־בלעטער, אויגוסט־אָקטאָבער 1937, נומער 1—3, ז׳ 208).

פאַרגלייכט מען די רעוואָלוציאָנערע רעדע פון ערשטן מאַי מיט דער משכילישער אוטאָפּיע פון נייַעם מענטשן, זעט מען דעם גרויסן אונטערשייד צווישן זיי ביידן. ביים משכיל זעט מען נאָך די וועלט־פרעמדקייט (וויפל פינגער עס האַלט אַ קידוש־בעכער, אַ טעלעגראַף פון זיין צימער צו זיין ווייבס צימער)? ביים רעוואָלוציאָנער זעט מען שוין

די אָנהייבן פון יענע קאַמפן, וואָס עס האָט מיט זיך געבראַכט די נייע אינדוסטריעלע געזעלשאַפט; דער נייער מענטש איז ניט קיין אויסגע־טראַכטער, נאָר אַן אמתער... ער ווערט אַ ווירקנדיקער פאַקטאָר, אַ שעפע־רישער און אַ בויענדיקער אין יידישן לעבן.

מען דאַרף אָבער געדענקען די צייט: דער משכיל שרייבט אין 1877, די ערשטע מאַי־פאַרזאַמלונג קומט פאָר 1892.

שפּראַך און דערציִאונג אין דער יידישער שול

די נייע פּעדאַגאָגיק האָט נאָכן ערשטן וועלט־קריג דורכגעלעבט אַ קורצן פּעריאָד, אין וועלכן מען האָט נידערגעשאַצט דעם כוח און דעם ווערט פון שפּראַך.

די שאַרפסטע פיילן, וואָס מען האָט געקאָנט שיסן אין דער אַלטער שול, זיינען געווען געווענדט קעגן איר „ווערבאַליזם", ד"ה, קעגן דעם קולט פון וואָרט. אַנשטאָט ווערטער, האָט מען איצט געגלייבט, דאַרף מען שטעלן אויבנאָן דערפאַרונגען, מעשים, עקספּערימענטן און אַרבעט, די נייע שול האָט געדאַרפט, מיט איין וואָרט, זיין אַן אַרבעט־שול.

שוין יאָהאַן קאָמעניוס האָט אין 17טן יאָרהונדערט געזוכט צו פאַר־בינדן וואָרט מיט בילד. דאָס בילד האָט ביי קאָמעניוסן אָבער ניט געדאַרפט פאַרבייטן דאָס וואָרט, וואָס האָט אין דער גאַנצער אייראָפּעאי־שער בילדונג פאַרמאָגט גרויס חשיבות. דער הומאַניזם אין אייראָפּע איז אין תוך געווען אַ ליטעראַרישע באַוועגונג. דאָס שיינע, אויסדרוקספולע און געפליגלטע וואָרט איז גענוצט געוואָרן ווי דאָס סאַמע וויכטיקסטע כלי־זין אין קאַמף, וואָס דער הומאַניזם האָט געפירט מיט דער מיטלאַל־טערלעכער וועלט. אַפילו אַזאַ מאָדערנער פּעדאַגאָג ווי דער בעלגיער ד"ר דעקראָלי, וואָס איז זייער פּאָפּולער געוואָרן צווישןביידע וועלט־מלחמות, האָט געזוכט צו פאַרבינדן אַרבעט מיט קולטור, פּראַקטישע אָבסערוואַציעס מיט באַשרייבונגען און פאַרצייכענונגען, וואָס די קינדער האָבן געמאַכט. דאָס איז געווען דער קלוגער דרך פון אַ מאָדערנעם דערציִער, וואָס האָט געזוכט צו פאַרבינדן די אינטעלעקטועלע ירושה פון אַמאָל צוזאַמען מיט די נויטן פון קאָנקרעטן לעבן היינט צו טאָג.

נאָר „אין לאַנד פון דער רעוואָלוציע", אין סאָוויעט־רוסלאַנד, האָט

די אידעע פון דער אַרבעטער־שול, אין איין צייט, געמאַכט ממש אַ חורבן פון גאַנצן סאָוויעטישן שול־וועזן. עס איז נייטיק געווען צוריק אומצוקערן זיך צו אַ היפּש ביסל „אַלטמאָדישע" מעטאָדן פון דער נאָרמאַלער שול, כדי די סאָוויעטישע געזעלשאַפט זאָל קאָנען אַרויסגעבן פון זיך די געלערנטע, אינזשיניערן, טעכניקער, וואָס זאָלן קאָנען איבערראַשן די וועלט מיט זייערע ספּוטניקעס און אַנדערע דערפינדונגען.

די מאָדערנע יידישע שול סיי אין פוילן, סיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז ניט דורכגעגאַנגען די עקסטרעמע תקופה, וואָס זאָל האָבן פאַרלייקנט די טראַדיציאָנעלע לערן־אופנים פון אַ שול. די אידעע פון אַן אַרבעט־שול האָט אויך די יידישע דערציער באַפליגלט, פּונקט ווי די אידעע פון באַפרייטער מענטשלעכער אַרבעט. עס איז אָבער געווען איין מאָמענט, וואָס האָט אינגאַנצן איינגעצוימט די תשוקה צו וועלן זען אין דער אַרבעט־שול אַ סתירה צו די לימודים פון ליטעראַטור, שפּראַך און געשיכטע. דער כוח איז אין דער יידישער שול געווען די גרויסע פרייד מיטן יידישן וואָרט, מיט די ליטעראַרישע שאַפונגען, וואָס מען האָט געבראַכט צום קינד און יוגנטלעכן. די גרויסע ליבע צו דער יידישער ליטעראַטור האָט געשטאַרקט דעם הומאַניסטישן כאַראַקטער פון דער מאָדערנער יידישער שול און ניט דערלאָזט זי זאָל אינגאַנצן פאַרכאַפּט ווערן פון דער פאַרליבטקייט אין טעכנאָלאָגיע און אירע אַרבעטס־געביטן.

אין דער יידישער שול האָט מען זיך צופרידנגעשטעלט מיט שול־גערטנער, מיט איינפירן האַנט־אַרבעט, מיט איינשטעלן וואַרשטאַטן. שעפערישע אַרבעט האָט בדרך כלל באַגלייט אַזעלכע לימודים ווי נאַטור־וויסנשאַפט, געאָגראַפיע, אָבער די אַלגעמיינע סכעמע פון אַ שול, וואָס שטעלט הויך דאָס סיסטעמאַטישע וויסן, איז אָפּגעהיט געוואָרן ווי אין גאַנץ מערב־אייראפּע. וואָס עס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יידישער שול אין די צוואַנציקער יאָרן איז דאָס אויספּאָטן פּילשפּראַכי־קייט, בעיקר פרעמד־שפּראַכן, דאָס אונטערשטרייכן די גרויסע וויכטיקייט פון מאַטעמאַטיק, נאַטור־וויסנשאַפט, געאָגראַפיע און דעם גרויסן ווערט וואָס די מוטער־שפּראַך פאַרמאָגט ביים לערנען די קינדער די וויכטיקסטע צווייגן פון וויסן.

די יידישע פּעדאַגאָגיק האָט דערמיט אָפּגעשפּיגלט די אַלגעמיינע טענדענץ אין יידישן לעבן, וואָס האָט געשטרעבט צו פּראָדוקטיוויזירן די

יידישע מאָסן; די טענדענץ האָט זיך געוויזן פון זינט דער השכלה־באַוועגונג. „אין דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה", אַזוי האָט מען געזונגען. פּראָדוקטיווע אַרבעט — דאָס איז געווען דער מאָטאָ פון אַלע אויפגעקלערטע געזעלשאַפטלעכע טוער און אויך פון די דערציער.

די יידישע ליטעראַטור־קריטיק, וואָס האָט ביים אָנהייב פון הייניקן יאָרהונדערט געטראָגן דעם כאַראַקטער אויך פון אַ סאָציאַלער קריטיק, האָט אונטערגעהאַלטן די דאָזיקע טענדענץ. בעל מחשבות, למשל, איז באַגייסטערט געווען פאַר דער יידישער פאָלקס־ליטעראַטור, ווייל זי האָט געבראַכט צום אויסדרוק געזונטע כאַראַקטערן און „עלעמענטאַרע לײדנשאַפטן". עס קומט צום אויסדרוק אין דער יידישער ליטעראַטור אַ ווילנס־קראַפט, אַ באַגער צום לעבן. מענדעלע און שלום־עליכם לאַכן אויס די יידישע לופט־פּרנסות. אין „פישקע דער קרומער" שילדערט דער זיידע מענדעלע, ווי צוויי מוכרי־ספרים באַגעגענען זיך און פירן מסחר. מען בייט אויס אַ סליחה אויף אַ בענטשערל, אַ תחינה אויף אַ סליחה. דאָס איז די העכסטע מדרגה פון לופט־פּרנסה! סיי די פּראָדוקציע און סיי דער מסחר געהערן צו דער קאַטעגאָריע פון מענטשלעכע פאַרבלענדעניש! מענדעלע לאַכט אויס צוויי יידישע תאווה׳ס: די תאווה צום וואָרט און די תאווה צום מסחר.

דערביי זעען מיר דעם מערקווירדיקן פּאַראַדאָקס — דער אָפּשפּאָטער און אויסלאַכער מענדעלע מוכר ספרים, איז אַליין דער שענסטער שלייפער פון יידישן וואָרט, דער באַשאַפער פון אַ יידישן סטיל, אַ פאַרליבטער אין ווערטער און ווערטער.

דאָס איז געווען דער געזעלשאַפטלעכער קלימאַט, ווען עס האָבן זיך אין יידישן לעבן גענומען פורעמען די ערשטע השגות וועגן דעם, אויף וועלכע גרונט־פּרינציפּן עס דאַרף זיין געבויט די נייע יידישע דערציאונג, אין אַ יאָרהונדערט, וואָס האָט אַזוי דראַסטיש איבערגעבויט דאָס יידישע לעבן.

וועגן אונדזער נייעם מנחם־מענדל

דעם הייניקן יידישן מענטשן איז ניטאָ וואָס מקנא צו זיין. ער קאָן מער ניט אויפהיטן זיין אייגענעם „איך". ער איז אָפּט ווי אַ קאַמעליאָן, וואָס

בייט זיינע קאָלירן; אַט איז ער איין סאָרט מענטש און אַט טוט ער אָן אויף זיך די מאַסקע פון אַן אַנדער מענטשלעכן כאַראַקטער. ער טוט דאָס ניט אויס וואוילטאָג, אַזוי פאָדערט פון אים דאָס לעבן, בעיקר די פּרנסה; אַמאָל פאָדערט עס דער מענטשלעכער שגעון, די אָפּדוכטעניש, אַז הינטער אַ נייער פאַרשטעלעניש ליגט עפּעס אַ נייער כּישוף צו דערגרייכן מער מאַכט, סטאַטוס, פאַרגעניגן, אָנערקענונג פון מיטמענטשן אד״גל.

עס איז אין מענטשן פאַראַן אַ רייסן זיך נאָך נייע איבערלעבונגען, נייע דערפאַרונגען, נייע האָריזאָנטן. אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט ווערן אַלערליי כוונות, „ריינע״ און „אומריינע״ אויסגעמישט און נעמען ווירקן ווי טרייב־כּוחות אין לעבן פון מענטשן. דער פּסיכאָאַנאַליטיקער עריק פראָם, רופט די פּערזענלעכקייט פון דעם מין מענטש מיטן נאָמען „אַ פּערזענלעכקייט אויף צו פאַרקויפן״. ס׳הייסט, דער גאַנצער לעבנס־איינשטעל פונעם מענטש איז אַזוי פאָרמירט, ער זאָל קאָנען פאַרקויפן זיין טאַלאַנט, זיין קענטשאַפט; צוליב דעם וועט ער וואָס גיכער און גרינטלעכער זיך צופּאַסן צום באַדאַרף פון דער שעה, צום לעצטן געשמאַק; ס׳איז גאָר ניטאָ אין דעם טיפּ מענטש עפּעס אַ מין מאָראַלישער אימפּעראַטיוו; ער פאַרמאָגט, קאָן זיך אויסדוכטן, גאָר קיין רוקנביין ניט. זיין פּערזענלעכקייט, זיין „איך״ איז ניט עפּעס אַזוינס, וואָס איז בעיקר פאַר אים אַליין, פאַר זיין אייגענעם מענטשלעכן אויסלעבן זיך אויף דער וועלט. ניין! עס איז באַשאַפן געוואָרן פאַר די באַדערפענישן פון דער שעה, פאַר דער באַדערפעניש פון צופּאַסן זיך צו דער לעצטער מאָדע, לעצטן נאָכפרעג.

דער היסטאָריקער ד״ר ב. ד. וויינריב געפינט, דוכט זיך, אַ זכות אויף דעם טיפּ מענטש, ווען ער זעט אין דעם גאַנצן אָנשטעל פון צופּאַסונג, בעיקר נאָר אַ מאַסקע, אַ סאָציאַלע מאַסקע מיט וועלכער דער ייד דער־שיינט פאַר דער וועלט. פאַר זיך אַליין, אין שטוב, צווישן זיינע נאָענטע האָט ער אַן אַנדער פּנים, אַן אייגן פּנים, אַן אייגענעם מענטשלעכן פּנים; מען קאָן נאָך פרעגן: איז דאָס אַזוי גרינג צו בייטן פּנימער, לעבנס־איינשטעלן פון טאָג צו טאָג? צי קלעפּט זיך ניט צו עפּעס פון דער געשטאַלט מיט וועלכער דער ייד דערשיינט אויפן טאָג־יאַריד אויך צו זיין אינעווייניקסטן מער אמתן פּנים, מיט וועלכן ער באַווייזט זיך פאַר פרוי און קינדער, פאַר משפּחה, פאַר נאָענטע, פאַר זיך אַליין?

דער נייער ייד איז אַ פאַרוויקלטער מענטש און וואָס מער ער פאַרפלאָנטערט זיך אין די נעצן פון אַ יאָגנדיקן „סוקצעס", וואָס מער ער וויל איינגעמען, געפעלן, דעראָבערן, אַלץ מער פאַרלירט ער אין פסיכישן באַלאַנס, אין גייסטיקן געזונט, אין די נאָרמאַלע כוחות, וואָס אַ פשוטער מענטש קאָן באַהערשן אָן דעם שוידערלעכן אָנווער פון ענערגיע, אָן דער האַוועניש און לויפעניש, קאָפּדרייעניש און זאָרג. דער מענטש, וואָס זוכט צו פאַרקויפן אינעם גאַנצן רומל קודם כל „זיך", זיין פערזענלעכקייט אויפן מאַרק פון מאָדערנע הו־האַ, איז אַ גרויסער אויסברענגער פון לעבנס־ענערגיע.

איך טראַכט וועגן שלום־עליכמס טיפּ „מנחם־מענדל", און זע אין אים דעם פּראָטאָטיפּ פון אַ מין אַמעריקאַנער מנחם־מענדל, מיט דורכאויס אַנדערע מאַניערן, אַנדערע פּרנסות, אָבער דאָך, עפּעס פון מנחם־מענדלס שטייגער פאַרמאָגט ער. מיר, אין אונדזער צייט, האָבן באַדויערט אין מנחם־מענדלען, וואָס זיינע פּרנסות זיינען ניט פּראָדוקטיוו. אַלץ וואָס ער נעמט זיך אונטער צו טאָן, איז האַנדלען מיט ווינט, אַ דרייען מיטן שטעקל און פון יעדן עסק לאָזט זיך אויס אַ רויך. נו, און אַז מנחם־מענדלס געשעפטן וואָלטן געגאַנגען גוט, ווען זיי וואָלטן יאָ געווען פּראָדוקטיוו, וואָלט מנחם־מענדל, ווי אַ טיפּ, געווען אַנדערש? ניין! דער תוך פון זיין מענטשלעכער דילעמע איז ניט אַזוי די פּרנסות, וואָס זיינען ניט פּראָדוקטיוו, נאָר וואָס זיין לעבן איז ניט פּראָדוקטיוו. אַ מענטש האָט אָנגעוואָרן זיין שטאַנדהאַפטיקייט, כאַראַקטער, ער איז מער ניט דאָס וואָס ער איז, ער איז וואָס דער ווינט באַגערט יעדע רגע.

מנחם־מענדל איז אַ מעקלער, אַ שדכן, אַן אַגענט, אַ ספּעקולאַנט, דער עיקר, אַ שיף אָן אַ רודער, אַ מענטש וואָס קען אַזוי גיך אין איין רגע בייטן זיין פּרצוף־פּנים.

דער מנחם־מענדל־שטייגער האָט ניט אויפגעהערט אין אונדזער לעבן, אפילו אויב זיינע געשעפטן גייען גוט און ער לעבט מיט ווייב און קינדער אין „סובורביע", פאַרמאָגט צוויי אויטאָמאָבילן, — אויך דאָס לעבן פון נייעם מנחם־מענדל איז ניט פּראָדוקטיוו. איך זע אַפילו אַ טראַגיק אין זיין לעבן. זיינע ליידן און יסורים זיינען טיפער, ווייל מיר ווייסן, אַז דעם צושטאַנד קאָן מען ניט בייטן דורך פּראָדוקטיוויזירן דאָס

יידישע לעבן עקאָנאָמיש, נאָר דורך פּראָדוקטיוויזירן דעם יידישן מענטשן גייסטיק.

וואָס באַגערן מיר אַזוי שטאַרק פון נייעם מיטלקלאַס־יידן? אין זיין גאווה זאָל ער ניט זיין אַזוי געפאַלן ביי זיך, אין זיין עקאָנאָמישן באַרג־אַרויף זאָל ער זיך ניט פילן ווי אַ יורד. ער זאָל דערקענען אין זיך זיין אמתע מענטשלעכקייט, זיין רעכט; קוים וועט ער דערקענען זיין רעכט און זיין אמתן מענטשלעכן יחוס, וועט ניט דאַרפן פאַרלייקענען דעם ייד אין אים, וועט ער ניט דאַרפן פאַרטיליקן, אַרויסרייסן פון זיך שטיקער לעבן, זכרונות, צוגעבונדנקייטן, וואָס בטבע שטאַרקן זיי אַ מענטש, בעת אַלע פאָרמען פון פאַרלייקענונג שוואַכן אים פּסיכיש אָפּ.

אָרעמער מנחם־מענדל! דו ביסט געוואָרן ווי דאָן קיכאָט, אָבער ניט דער מעלאַנכאָלישער ריטער וואָס קעמפט מיט פאַנטאַסטישע ווינטמילן, אויפצוהיטן אַן אַלטע, שיינע אונטערגייענדיקע וועלט און אירע מידות טובות. ניין, דו ביסט געוואָרן דער סימבאָל פון אַ וויסטן אומרו, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין דער נשמה פון יידן אים צו יאָגן, דאָקוטשען און ניט צו געבן אים קיין אָפּרו! מען זאָגט לעצטנס, אַז דו ביסט דער איינציקער, וואָס האָט אין דער קליינקייט פון לעבן פאַרמאָגט פליגלען...
יאָ, אַוודאי, פליגלען! דאָס זיינען אָבער ניט געווען פליגלען וואָס העלפן אַ מענטשן דערגרייכן זיין אייגענעם, מענטשלעכן, אַליין־אויסדערוויילטן וועג, נאָר פליגלען פון אַנמאַכט, וואָס דער ווינט כאַפּט אויף און יאָגט דיך און דו ווייסט אַליין ניט וואוהין דו פליסט און וואו דו פאַלסט!

רעפאָרמער, קאָנסערוואַטיסטן און די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג

ווען די באַוועגונג פון רעפאָרמירטן יידנטום אין אַמעריקע האָט אַרויסגעשטעלט ווי איינעם פון אירע מאָראַלישע פּרינציפּן די נייטיקייט צו לינדערן די סאָציאַלע נויט, איינצושטעלן מער גערעכטע באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש, ווען רעפאָרמירטע רבנים האָבן געדינט ווי פאַרמיטלער אין די פאַראייניקטע שטאַטן צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט (ד״ר יהודה מאַגנעס), איז דאָס געווען מער ווי די פאָדערונג פון אַ רעלי־גיעז־עטישן פּרינציפּ. די באַוועגונג פון רעפאָרמירטן יידנטום האָט זיך געשטעלט אַלגעמיין־מענטשלעכע און הויך־עטישע צילן צו בייטן דאָס פּנים פון אינדוסטריעלן דזשאַנגל. זי האָט דורך דעם געוואָלט זען וויפל האָפּט און ממשות עס קאָנען האָבן רעליגיעזע געבאָטן אין אַ מאָדערנער געזעלשאַפט און אין דעם קאַמף, וואָס קומט פאַר צווישן סאָציאַלע קלאַסן. דאָס איז דער מאָמענט פון „אויב ניט נאָך העכער״, וואָס יעדע באַוועגונג שטעלט זיך, ווען זי דינט ניט נאָר דער פונקציע פון איר אייגענעם קרייז, קלאַס, פאַרטיי, נאָר זי דינט די אינטערעסן פון דער מענטשלעכער קולטור און ציוויליזאַציע בכלל: דורך דעם העלפט זי איינצאַמען אין לעבן פון מענטשן דעם תוהו ובוהו און איינשטעלן מער סדר, געבן דעם מענטשלעכן לעבן אַ געוויסע געשטאַלט.

אויף דעם זעלביקן אופן דאַרף מען באַטראַכטן די אויפטואונגען פון דער יידישער אַרבעטער־ און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דאָרט וואו זי האָט אַרויסגעשטעלט פאָדערונגען און געפירט אַ קאַמף פאַר די אינטערעסן פון קלאַס און פאַר די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע רעכט פון דעם דאָזיקן קלאַס, האָט זי פאַרטיידיקט אייגענע און נאָענטע אינטערעסן, וואָס זיינען אַרויסגערופן געוואָרן דורך די באַדערפענישן פון דער אַרבע־טנדיקער מאַסע. פאַרוואָס זאָל אַ מענטש ניט פאָדערן אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג אַנשטאָט אַ צוועלף־שעהדיקן? פאַרוואָס זאָל ער ניט מאָנען אַ גרעסערן טייל פון דעם מערווערט וואָס זיין אַרבעט שאַפט? די אַרבע־

טער־ און רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט אָבער אַלע מאָל דערקלערט, און מיט רעכט, אַז אירע עקאָנאָמישע פּאָדערונגען זיינען ניט דער סאַמע עיקר, אַז נאָך וויכטיקער זיינען די גרויסע אַלגעמיין־מענטשלעכע, סאָציאַלע אידעאַלן פון אַ באַפרייטער און פון אַ פאַרברידערטער מענטש־הייט. דער גרויסער אינטערעס, וואָס די אַרבעטער־באַוועגונג האָט אַרויסגערופן צו קולטור און בילדונג, דער גרויסער פאַקטאָר, וואָס זי איז געווען אין העלפן זיך צו אַנטוויקלען דער נייער יידישער ליטעראַטור, דעם פאַרלאַג־וועזן, דער יידישער פרעסע, — דאָס איז געווען דער „אויב ניט נאָך העכער״ פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואו זי איז אַריבערגעשטיגן די ענגע גרענעצן פון קלאַס און היסטאָרישן פעריאָד און האָט באַשאַפן אַלגעמיין־פאָלקישע און אַלגעמיין־מענטשלעכע ווערטן.

אויף דעם זעלביקן אופן דאַרף מען באַטראַכטן די אויפטואונגען פון דער קאָנסערוואַטיווער באַוועגונג און פון רעקאָנסטרוקציאָניזם ביי דעם רעליגיעזן יידנטום פון אַמעריקע. אין תוך זיינען זיי געקומען צו באַנייען דאָס רעליגיעזע לעבן פון אַמעריקאַנער יידן, פאַרבינדן טראַדיציע און מאָדערנקייט, געפינען אַ מער ראַציאָנעלע פאָרעם פון פאַרטייטשן דאָקו־מענטן פון דער יידישער טראַדיציע און פאַרבינדן די טראַדיציע מיט די שטרעבונגען פון דער היינטיקער וויסנשאַפט און פילאָסאָפיע.

אָבער אויך דאָס קאָנסערוואַטיווע יידנטום און דער רעקאָנסטרוק־ציאָניזם האָבן אין זייער אַרבעט זיך ניט באַנוגנט נאָר מיט רעליגיעזע פאָרמען, און האָבן אַרויסגעשטעלט ווי אַ פאָדערונג די באַשאַפונג פון אַ יידישן געמיינדע־לעבן, די מיטאַרבעט אין דער דאָזיקער יידישער געמיינדע פון די פאַרשיידענע טיילן פון פאָלק און פון די באַזונדערע אידעאָלאָגישע גרופּעס. יידישע טראַדיציע און אַמעריקאַנער פּראַגמאַטיזם האָבן געזאָלט גיין האַנט אין האַנט. אויך אין דעם פאַל זעען מיר ווי אַזוי אַ באַוועגונג איז אַרויסגעטראָטן פון אירע אייגענע ענגע ראַמען און האָט גענומען דינען די אַלגעמיינע אינטערעסן פון דער יידישער געזעלשאַפט דורך באַשאַפן נייע פאָרמען פון אינסטיטוציעס, דורך איינשטעלן די מיטאַרבעט צווישן גרופּעס, וואָס האָבן פריער ניט גערעכנט מיטצואַר־בעטן. דאָס איז אויך אַן אַקט פון איינשטעלן אָרדענונג, אַריינברענגען אַ סדר אין לעבן פון פאָלק, און פון באַשאַפן נייע ווערטן וואָס שטייגן אַריבער די לכתחילהדיקע גרענעצן פון דער באַוועגונג.

ווען מיר אַנאַליזירן די פּרינציפּן ווי אַזוי עס בויט זיך דאָס יידישע לעבן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, מוזן מיר כסדר אונטערשיידן די פּאַראַקיאַלע פון די אַלגעמיין־יידישע טעטיקייטן, וואָס יעדע באַוועגונג האָט אונטערגענומען. ווי מיר זאָלן הויך ניט שאַצן די אויפטואונגען פון יעדער יידישער ריכטונג און פון יעדער באַוועגונג, וואָס זי האָט געטאָן פאַר זיך, ווערט זי אָבער אַ נאַציאָנאַל־בויענדיקער כוח ערשט דורך דעם עודף פון יענע אַלגעמיינע טעטיקייטן און די אויפגאַבעס וואָס זי שטעלט זיך, וועלכע שטייגן אַריבער די גרענעצן פון איר קרייז און די אינטערעסן פון דער אייגענער גרופּע. יעדער צוריקגאַנג און צוריקטריט צו די ענגע ראַמען פון די ספּעציפישע פונקציעס פאַרהאַלט די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון אונדזער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. אין דעם מאָמענט, ווען די אַרבעטער־באַוועגונג ווערט באַהערשט נאָר פון עקאָנאָמיזם, די רעליגיעזע באַוועגונג — נאָר פון זאָרג פאַר דער רעליגיעזער טראַדיציע, די ליטעראַריש־קינסטלערישע — נאָר פאַר דעם פאָרמאַליזם און פאַר דער טעכניק אין קונסט, — קערט זיך צוריק אום דער אַלטער תוהו ובוהו, וואָס פאַרפלייצט גרויסע געביטן פון מענטשלעכע באַציאונגען און עס עפענען זיך די דאַמבעס פאַר אַלע כוחות פון פּרימיטיוויזם און פון דער מאַסן־קולטור.

אין יידישן לעבן פון די פאַראייניקטע שטאַטן גייען די פריער דערמאָנטע פּראָצעסן צוזאַמען מיט אַסימילאַציע און דענאַציאָנאַליזאַציע. מען מוז אָפנהאַרציק זאָגן, אַז אין אַלע באַוועגונגען פון יידישן לעבן קומען פאָר וואַקלונגען; אַט שטאַרקן זיך די כוחות פון גרופּן־עגאָאיזם און אַט פון געזעלשאַפטלעכן אַלטרואיזם. אַט לייגט מען דעם הויפּט־געוויכט אויף דער אייגענער באַוועגונג, אויף דער אייגענער אידעע, די אייגענע אויפטואנגען, און אַט — אויף די פאָלקישע אינטערעסן, אויף די אוניווערסאַלע מאָטיוון אין דער אייגענער אַרבעט.

עס דאַרף מער קיין ספק ניט זיין וואו עס ליגן די פאָלקס־אינטערעסן פון יידישן ישוב אין אַמעריקע; מיר זיינען אַ געמיינדע, וואָס בייט זיך, וואָס דאַרף באַקומען אַן אייגענעם פּנים, וואָס דאַרף האָבן גענוג יידישן באַוואוסטזיין און אחריות; דאָס אחריות מוז גיין צוזאַמען מיט דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער קראַפט, וואָס עס פאַרמאָגט אַ קאָלעקטיוו פון פינף מיליאָן מענטשן אין אַ מאָדערנער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט.

(1962)

אונדזער דור מוז אַנטשיידן

„אונדזער דור מוז אַנטשיידן!״ פון דער דאָזיקער אחריות קאָנען מיר זיך ניט אָפּזאָגן. מיר גייען דורך אַ קריטישע צייט, מיר לעבן אין אַן אַנטשיידנדיקער עפּאָכע, ווען עס ווערט באַשטימט ווערן דער כאַראַקטער פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום אויף דור־דורות; אינעם איצטיקן מאָמענט זיינען מיר נאָך בכוח צו ווירקן, אויף ווי וויט מענטשן איז באַשערט צו ווירקן; מיר קאָנען נאָך משפּיע זיין דאָס יידישע לעבן, מיר קאָנען נאָך אין אַ גרויסער מאָס באַווירקן וועלכע אידעען זאָלן פאַרפלאַנצט ווערן אינעם לעבן פון אונדזער פאָלק, וועלכע אינסטיטוציעס עס זאָלן אויפגעבויט ווערן און געדייען. שפּעטער וועט שוין זיין צו שפּעט.

מיר זיינען דער דור, וואָס האָט נאָך געזען דאָס יידישע לעבן אין מזרח־איירפּע, ווען עס איז געווען שעפעריש, ווען עס האָט געשטורעמט; גרויסע האָפענונגען האָבן, ווי אויף פליגלען, אויפגעהויבן די מאַסן פון יידישן פאָלק. דער יידישער מענטש האָט אַ האָפערדיקער, אַ גלייבנדיקער, אַז דער מאָרגן וועט זיין בעסער ווי דער נעכטן און דער היינט. במשך פון איין דור באַוויזן וואונדערלעכע און גרויסע זאַכן אויפצוטאָן. ער האָט באַוויזן אויפצובויען קאָלאָניעס פון מזרח־איירפּעאישן יידנטום אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אַרגענטינע, אין מעקסיקע און אורוגווייי, אין אויסטראַליע און דרום־אַפריקע. ער האָט אויך געהאַט דעם גרויסן זכות צו קענען, נאָך 18 הונדערט יאָר פון קיום ווי אַ ניט טעריטאָריאַל פאָלק, צוריק צו באַנייען דאָס יידישע לעבן אויף פּאָליטישע יסודות. סיי דער גרויסער צער, וואָס אונדזער דור האָט איבערגעלעבט — די שרעקלעכע אַנגסטן פון פאַרפאָלגונג און פון אויסראָטונג, סיי די גרויסע נאַציאָנאַלע דערגרייכונגען, דאָס אַלצדינג האָט אין אונדז אַליין דורכגעפירט אַ גייסטיקע איבערקערעניש. נאָר קיין סך צייט איז שוין ניט פאַרבליבן; אין די יאָרן, וואָס אונדז איז נאָך באַשערט צו ווירקן, דאַרפן מיר אויפהיטן אונדזער שאַפונגס־ענערגיע, דאַרפן מיר ניט אַראָפּלאָזן די הענט, נאָר פאַרקערט,

מיט דער גרעסטער איבערגעגעבנקייט און עקשנות ווייטער בויען דאָס ייִדישע לעבן.

דאָס ייִדישע געמיט איז מער ניט אַזוי האָפערדיק, ווי עס איז געווען פאַר די טעג פונעם גרויסן חורבן. אַפילו נאָך דעם ווי דער צווייטער וועלט־קריג איז פאַרענדיקט געוואָרן, אַפילו נאָך דעם ווי עס איז געלונגען צונויפצוזאַמלען פון די פאַרשיידענע עקן וועלט די קרוב צוויי מיליאָן ייִדן, וואָס לעבן בייַם היינטיקן טאָג און בויען מדינת ישראל, איז נאָך אַלץ וואונדיק דאָס ייִדישע האַרץ, איז נאָך אַלץ וואַך דאָס געפיל פון אונדזער גרויסער אבדה. מיר מוזן דעם חשבון אונדזערן מיט דער וועלט פון דאָס ניי באַרעכנען, מיר מוזן אויך אונדזער אייגענעם חשבון אַנדערש קענען פירן.

דאָס נייע, וואָס איז געבויט געוואָרן אין אונדזער לעבן, דאָס וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרן, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַן ערך בייַם סוף פון 19טן י״ה, ווען עס זייַנען אויפגעקומען די גרויסע רעוואָלוציאָנערע און נאַציאָנאַלע באַוועגונגען בייַם רוסיש־פּוילישן ייִדנטום. עס איז געקומען די צייט צו באַטראַכטן און אַנאַליזירן דעם וועג, וואָס מיר זייַנען אידעאיש דורכגעגאַנגען. וואָרעם וואָס עס זאָל ניט זייַן דאָס געבאָט פון אונדזער צייט, נאָר איינס זאָגט עס: ייִד, אין דייַן גרויסן צער און אין דייַן גרויסן נצחון, האָב מוט צו זייַן ערלעך צו דייַן אייגענעם גלויבן און צו דייַן אייגענער מחשבה!

צוזאַמען מיט דער געטרייַשאַפט, וואָס מיר דאַרפן פילן צו דעם באַוואוסטזייַן פון אונדזער אייגענעם דור, צו דער גרויסער נאַציאָנאַלער אַחריות, טראָגן מיר נאָך אַ מענטשלעכע אַחריות, עס זאָל ניט אַנטשטומט ווערן דאָס קול, וואָס רעדט אָפטמאָל אין דער שטיל צו אונדז אַליין. קיין שום מורא פאַר דעם, אַז מיר וועלן אויף וועלכן ניט איז אופן פּוגע בכבוד זייַן אַן אויטאָריטעט, אָדער די אויטאָריטעט פון אַן אידעע, אָדער אַ גלויבן אונדזערן, דאַרף אונדז ניט אָפּהאַלטן צו זען ריכטיק די ווירקלעכקייט און צו דערהערן אמתדיק דאָס שטילע קול, וואָס רעדט אַרויס צו אונדז.

כדי צו קאָנען אויף אַן אמת דורכטראַכטן אין דער איצטיקער שווע־רער צייט די פּראָבלעמען פון ייִדישן לעבן, מוזן מיר ווערן אַ ביסל מער אויסגעשטימט מיט זיך אַליין; מוזן מיר אויפהערן צו פאַרמאַסקירן און אָפּנאַרן זיך; אונדזער גרעסטע געטרייַשאַפט צום ייִדישן לעבן קאָן

ניט באַשטייַן אין דעם, אַז מיר זאָלן נאָך די בלוטיקע יאָרן אַרויסקומען פונקט אַזוי „אומשולדיק", פונקט אַזוי נאַאיוו און „גלייביק", ווי מיר זייַנען געווען אין די טעג איידער די גרויסע כמאַרע פון 1939 האָט פאַרצויגן דעם הימל פון דער יידישער וועלט. אונדזער אָריענטירונג מוז איבער־הויפּט ווערן מער אחריותדיק אין די ענינים, וואָס האָבן צו טאָן מיט קולטור און דערציאונג, מיט ווייטער אַנטוויקלען דעם יידישן קולטור־שטייגער, מיט ווייטער האָדעווען יידישע דורות, וועלכע זאָלן קודם־כל האָבן אַ באַגער צו וועלן לעבן אַ יידיש לעבן.

האָבן די אידעען פון אויפקלערונג באַנקראָטירט?

די מרה־שחורה אין וועלכער עס האָבן אונדז אַרייַנגעוואָרפן די מלחמה־יאָרן, די צערודערונג, וועלכע איז געקומען אויף יעדן אייַנציקן פון אונדז, ווען מיר האָבן געזען, ווי אַזוי דער פאַשיזם האָט פאַרכאַפּט צוויי גרויסע לענדער, וואָס זייַנען אין 19טן און אין אָנהייב 20סטן י"ה געווען לענדער פון הויך־ראַנגיקער קולטור — איטאַליע און דייטשלאַנד — האָט ביי אונדז אַלעמען פאַרווירט די מוחות; עס האָט זיך אַ וואַקל געטאָן דער גלויבן פון די לעצטע 200 יאָר פון נאָך דער אויפקלערונג, אַז בילדונג, וויסנשאַפט, קונסט וועלן מאַכן דעם מענטשן איידעלער, פייַנער און מאָראַלישער. דער גאַנצער גלויבן פון דער השכלה האָט זיך געשטיצט אויף דעם כוח פון אויפקלערונג און בילדונג.

נאָר אומוויסנקייט, האָבן מיר געמיינט, מאַכט דעם מענטשן בייז; נאָר דער פאַקט, וואָס דער מענטש האָט ניט קיין צוטריט צו די אוצרות פון דער מענטשלעכער קולטור, נעמט ביי אים אַוועק דעם שכל און מאַכט מעגלעך, אַז אין זייַן האַרצן זאָלן זיך אויפקלייבן שנאה און ביטערקייט צו אַנדערע מענטשן־קינדער.

דער גרעסטער קלאַפּ, וואָס עס האָט געגעבן דער אויפקום פון פאַשיזם איז געווען די צעשטערונג פון יענעם הומאַנעם גלויבן, וואָס די אויפקלער־רונג האָט פאַרפלאַנצט פון זינט דעם 18טן י"ה, אַז דורך בילדונג און דורך וויסן קאָן מען ליכטיקער מאַכן די נשמה פון דעם מענטשן און אין אים דערוועקן יענע טיפע מענטשלעכקייט, וואָס זאָל אים דערהייבן פון זייַן פינצטערניש און פון זייַן געפאַלנקייט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די

מענטשלעכע נשמה איז אַ סך קאָמפּליצירטער און איז פול מיט פיל מער סתירות, ווי עס האָט זיך אויסגעדוכט; אויך איז אונדזער געזעלשאַפטלעכער געבוי גאָרניט אַזוי זיכער און קאָן צעשטערט ווערן.

דאָס איז געווען, אָנגעהויבן פון דעם 18טן י״ה, אַ גרויסע אילוזיע, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ גלויבן וועגן דער ניט־צעשטערבאַרקייט פון די סאַמע יסודות פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, פון דער מאָראַל און פון די לעגאַלע באַציאונגען· וואָס וועלן ביי אַלע אומשטענדן אויפגעהיט ווערן. עס האָט געהערשט דער גלויבן אין דעם, אַז דער מאָרגן וועט ברענגען פאַר דעם מענטשן מער רעכט און מער גערעכטיקייט ווי דער היינט; קיינעם אין דער אָנשטענדיקער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט איז ניט איינגעפאַלן, אַז עס זאָל אָפּגעפרעגט ווערן פאַר דעם יידן דאָס רעכט אויף זיין לעבן, אויף זיין קיום, נאָר פשוטער, אויף זיין רעכט צו באַטרעטן גאָטס ערד.

פאַרוואָס, וואָלטן מיר געדאַרפט פרעגן, זאָל די אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געשיכטע זיין אַזוי גנעדיק צו אונדז? פאַרוואָס מוז עס זיין נאָר אַ באַרג־אַרויף אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געשיכטע? פאַרוואָס מוז דער מאָרגן דווקא ברענגען מער גערעכטיקייט?

וויי צו אונדז, ווען אַ פאָלק האָט מער ניט קיין האָפענונג און קיין זיכערקייט אין זיין היינט, ווען עס האָט מער ניט קיין צוגעבונדנקייט צו זיין קולטור־שטייגער, ווען עס איז אויפגעבראָכט אויף דעם געזעלשאַפטלעכן סדר און אים אַרט ניט מער, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען; ער איז דעמאָלט קאַפּאַבל אויף אַזעלכע מעשים תעתועים, וואָס די שוידערלעכסטע כראָניקעס פון מיטלאַלטער האָבן אַזוינס ניט געוואוסט צו פאַרצייכענען.

דער נייער פעסימיזם

שוין ביים אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט זיינען געקומען די אָנזאָגער פון פעסימיזם. איינער פון זיי איז געווען זיגמונד פרויד, וואָס האָט אין זיין קלוגער מעלאַנכאָליע טיפער דערבליקט די צעשפּאָלטנקייט, די צעריסנקייט פון דער מענטשלעכער נשמה; ער האָט געוואוסט, ווי אויסגעמישט עס איז דאָס בעסטע מיטן סאַמע ערגסטן, ווי אויסגעבונדן עס איז

הייליקייט מיט טומאה; פרויד איז ניט געווען קיין שוואַרצקינצלער און ער האָט ניט געגלויבט, אַז מען קאָן אַרויסטרייבן די פינצטערע כוחות פון מענטשן דורך שוואַרצקינצלעריי. דער כוח, אויף וועלכן פרויד האָט זיך אָנגעשפּאַרט איז געווען די מענטשלעכע פאַרשטענדיקייט, די פעאיקייט צו זען דעם אמת אין דעם אייגענעם לעבן, אין די באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש.

דער כוח פון היילונג איז באַשטאַנען אין פאַרשטיין די קאָנפליקטן, ווי אַזוי זיי זיינען אויפגעקומען און ווי אַזוי זיי האָבן זיך אַנטוויקלט. דאָס וואָס פרויד האָט געמוזט באַשאַפן אַ נייעם וואָקאַבולאַר, וועלכן ער האָט ס׳רוב געבאָרגט פון דער אַנטיקער מיטאָלאָגיע, וועלכע האָט הונדערטער יאָרן לאַנג באַהערשט די מוחות פון מענטשן־קינדער, דאַרף אונדז ניט פאַרבלענדן; מיר דאַרפן ניט פאַרזען דעם ראַציאָנעלן תוך, וואָס איז פאַראַן אין פסיכאָאַנאַליז און טראַכטן ניט וועגן דער אויסטערלישער שפּראַך, וואָס האָט באַצייכנט די נייע קאָמפּלעקסן, וועגן וועלכע דער קלוגער מעלאַנכאָליקער פון ווין האָט גערעדט.

נאָך די יאָרן פון דעם ערשטן קריג, זעענדיק די לוסט צו מאָרד, די שרעקלעכע וואַקכאַנאַליע, וועלכע האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער וועלט, איז פרוידס פילאָסאָפישע מעלאַנכאָליע שטאַרקער געוואָרן, און ער האָט דעמאָלט געשריבן וועגן די צוויי כוחות, וועלכע ווירקן אין דעם מענטשן — דער כוח פון עראָס (ד״ה ליבע און שאַפונג) און דער כוח פון טאַנאַטאָס (טויט, אַגרעסיע און צעשטערונג), צוויי כוחות איבערגעפלאָכטן, וואָס לעבן אין דעם מענטשן און ווירקן אויך אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

עס איז געווען אַזאַ מין ווידעראַנאַנד מיטן גלויבן פון 18טן און 19טן י״ה, וועלכער האָט געלערנט, אַז דער מענטש איז גוט, זיין טבע איז גוט, אַז נאָר די געזעלשאַפט מאַכט קאַליע דעם מענטשן. די שלעכטע פּאָליטישע סיסטעם, די אומגערעכטיקייטן פון לעבן, אָרעמקייט און נויט פאַרדאַרבן דעם מענטשן, אַזוי האָט מען געגלייבט; זאָל נאָר אָבער אָפּגעשאַפט ווערן די שלעכטע סאָציאַלע אָרדענונג, און עס וועט מוזן קומען אַ גן־עדן פאַרן מענטשן, טאַקע דאָ, אויף דער ערד.

ווי אַ רעזולטאַט פון דעם נייעם פּעסימיזם, וועלכער האָט זיך נאָך דעם צווייטן וועלט־קריג גענומען פאַרשפּרייטן אויף דער וועלט, איז

אויפגעקומען אַ נייע סאָציאַלע קריטיק, זיינען אַנטשטאַנען דענקער, וועלכע זיינען אַרויס מיט אַ נייער וואָרענונג. זיי האָבן אָנגעוויזן אויף אַ נייער סכנה אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט; דאָס איז ניט בלויז די סכנה פון יענע, וואָס מיסברויכן מיט מאַכט, ניט נאָר פון די, וואָס צוליב זייער קאָנסערוואַטיזם און צוליב זייער פאַרגליווערטקייט גיבן זיי ניט קיין מעגלעכקייט, אַז דאָס נייע און דאָס גוטע זאָלן קומען און זיך איינביר־גערן אין לעבן; פאַרקערט, דאָס זיינען איצט אויך די „קינדער פון ליכט", ווי דער אַמעריקאַנער דענקער ריינהאָלד ניבור האָט זיי גערופן, די גלוי־ביקע אין דער גוטסקייט פונעם מענטשן. אין דער היינטיקער ביטערער וועלט, אין דער וועלט, וואָס איז נאָך פול מיט אַזוי פיל סכנות, איז יעדע פאָרעם פון פּאָליטישער, סאָציאַלער און פילאָסאָפישער „נאַאיוויטעט" אַזאַ גרויסע סכנה, ווי עס איז אַמאָל געווען דער גייסט פון רעאַקציע, דער רעזשים פון באַדריקונג; וואָרעם אויך געקרוינטע גוטסקייט, ווען זי איז בלינד, וואָרעם אויך געקרוינטע ליבע, אַריבער דער מאָס, ווען זי פאַרלירט דעם שכל און די שייכות מיט דער ווירקלעכקייט, אויך זי קאָן ווערן גיפט פאַרן מענטשן און אַ געפאַר פאַר זיין לעבן אין אַ וועלט וואָס איז אַ סך טרויעריקער און מעלאַנכאָלישער, ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן מיט אַ דור פריער.

דער ראַציאָנעלער און דער עטישער מענטש

אויב מען וויל ריידן שאַרף, קאָן מען זאָגן, אַז די מאָדערנע פּעדאַגאָגיק האָט באַנקראָטירט, אַז דאָס וואָס איז מעגלעך געווען אין איראָפּע אין 20סטן י"ה — דער אויפקום פון פאַשיזם און טאָטאַליטאַרע רעזשימען — איז געשען נאָר דערפאַר, ווייל דער נייער מענטש האָט ניט געהאַט דעם כוח, ניט דעם ווילן און ניט דעם מוט זיך אַנטקעגן צו שטעלן און באַשיצן זיין אייגענע סאָציאַלע אָרדענונג. מען קאָן זאָגן, אַז די דריי הונדערט יאָר זינט דעם פאָטער פון דער מאָדערנער דידאַקטיק, יאָהאַן קאָמעניוס, האָבן ניט אויפגעהאָדעוועט קיין דורות מענטשן, וועלכע זאָלן זיין גרייט צו פאַרטיידיקן די פרייהייטן פון דער געזעלשאַפט אין וועלכער זיי זיינען אויפגעוואַקסן, די הומאַניסטישע אידעאַלן, פאַר וועלכע די וועלט האָט הונדערטער יאָרן געקעמפט; מען קאָן זאָגן, אַז די ביבליאָטעקן מיט

צענדליקער און הונדערטער טויזנטער ביכער פון שיינער ליטעראַטור, פון וויסנשאַפט און פילאָסאָפיע, האָבן ניט פאַרפלאַנצט אין מענטשן די חכמה און די פאַרשטענדיקייט ווי אַזוי צו קאָנען איינאָרדענען זייער לעבן בעסער און ראַציאָנעלער; ס'איז עפּעס אַ קלייניקייט, — אין אַ פערטל יאָרהונדערט האָט די איראָפּעאישע געזעלשאַפט געמוזט אָנקומען צו צוויי וועלט־מלחמות, כדי איינצושטעלן אַ מין סטאַטוס־קוואָ.

פון דער אַנדערער זייט, אַז מען וויל זוכן אַ זכות קאָן מען אויך זאָגן, אַז די פּעדאַגאָגיק האָט דווקא ניט באַנקראָטירט, אַז פאַרקערט, זי האָט באַוויזן איר גרויסן טריאומף מיט דעם, וואָס די כוחות פון פינצטערניש, פון פאַרניכטונג, די כוחות פון פאַשיזם און נאַציזם, וואָס האָבן באַהערשט די וועלט, זיינען דאָך באַזיגט. די אַרמייען, די באַוואָפנטע מחנות, וועלכע זיינען געקומען פון ווייט־פאַרשיידענע לענדער און האָבן מיט געווער און מיט יסורים צוריק עטאַבלירט, כאָטש ווער ווייס אויף ווי לאַנג, נאָר דאָך אַ שטיקל באַלאַנס אויף אונדזער אומזיכערן און מעלאַנכאָלישן פּלאַנעט, זיינען דאָך באַשטאַנען פון יונגע מענטשן, און די מענטשן האָבן אויסגעהאַלטן.

אין וואָס איז באַשטאַנען דער עיקר־אויפטו פון דער פּעדאַגאָגיק? מען מוז זאָגן, אַז די מאָדערנע פּעדאַגאָגיק האָט דערגרייכט אין גרויסן אויפטו און דאָס איז די ראַציאָנאַליזירונג פון האָמאָ סאַפּיענס. אָט די פעאיקייט פון דעם היינטיקן מענטשן אויפצובויען אַ מאָדערנע טעכנאָלאָגיע, פון באַזאָרגן גרויסע באַפעלקערונגען מיט שפּייז, טראַנספּאָרט, מיט וואוינונגען, מיט שפּיטאָלן, אויך מיט אַלערליי באַקוועמלעכקייטן; די פעאיקייט פון דעם מענטשן אויפצובויען נייע וויסנשאַפטלעכע סיסטעמען (מאַטעמאַטישע, פיזיקאַלישע), דאָס אַלץ איז געוועזן אין לאַנגער פּראָצעס פון מאַכן די נשמה פונעם מענטשן מער ראַציאָנעל, מער דיסציפּלינירט, מער בכוח אויפצונעמען, באַמייסטערן און באַהערשן די פיזישע וועלט, וועלכע רינגלט אונדז אַרום און וואָס איז אַ טייל פון אונדזער לעבן.

מען מוז נשתומם ווערן פון יענער גוואַלדיק גרויסער דערגרייכונג פון עטלעכע הונדערט יאָר — דער פּרינציפּ פון פּסיכישער ראַציאָנאַליזירונג, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט דעם גרויסן פאַרשריט אויף די געביטן פון פיזיק און טעכנאָלאָגיע, פון ביאָלאָגיע און פון מעדיצין. צי האָט אָבער די פּעדאַגאָגיק באַשאַפן אַ מער מאָראַלישן מענטש, צי האָט זי באַשאַפן

אַ מענטשן מיט מער פסיכישן אויסדויער, צי האָט זי געקאָנט פורעמען אַ מענטשן, וואָס קאָן סיי ביחידות, סיי קאָלעקטיוו איינשטעלן זיך פאַר דעם, וואָס ער האַלט פאַר גערעכטיק און הייליק אין זיין אייגענעם לעבן און אין לעבן פון זיין פאָלק? צי האָט זי אים געלערנט קאָנטראָלירן און באַהערשן יענע נייע כוחות, וואָס די מאָדערנע טעכנאָלאָגיע האָט אַרויס־געלאָזט אויף דער וועלט אָפטמאָל אומגעריכט?

עס איז דאָך קלאָר, ביים היינטיקן טאָג, אַז די הערשאַפט פון עטישע פרינציפּן אין באַציאונגען פון בין אדם לחבירו זיינען דאָך אויך, פאַר זיך אַליין, אַן אָביעקטיווע און אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט. דאָס דאַרפן מיר ניט מאַכן אָפּהענגיק פון דעם, צי די עטיק קאָן פונקט אַזוי אַבסאָלוט מאַטעמאַטיש פאָסטולירט און באַוויזן ווערן, ווי עס האָט זיך געוואָלט דער בענקענדיקער און ליידנדיקער ברוך שפינאָזאַ, אָדער ווי עס האָבן זייערע דיסציפּלינען פעסטגעשטעלט די אַסטראָנאָמען און די פיזיקער פון אונדזער יאָרהונדערט. צוזאַמען מיט דער גרויסער ראַציאָנאַליזאַציע פון דער מענטשלעכער פסיכיק, איז אין דער זעלבער צייט פאָרגעקומען אַ גרויסע אויסצערונג אין מענטשן, אַ פאַרלוסט פון אַ גרויסער מאָס זיכערקייט, וואָס די פריערדיקע דורות האָבן פאַרמאָגט. מען קאָן מערקן אַן אָפּשוואַכונג פון יענער אַנטשלאָסנקייט, וואָס דער מענטש האָט אַלעמאָל ביי זיך געהאָט. עס פעלט אָפט יענע מאָראַלישע אויטאָריטעט, וואָס דער מענטש האָט אין די פריערדיקע דורות געצויגן פון זיין אמונה. ניט די וויסנשאַפט, ניט די פילאָסאָפיע און ניט קיין שום סיסטעם פון עטיק האָט עס אים פאַרביטן.

פאַר דער העכסטער מאָס פון וויסנשאַפטלעכן באַרעכענען האָלט מען געווינלעך די פעאיקייט פאָרויסצוזאָגן און וויסן ווי אַזוי די עקספּערי־מענטן וועלן זיך פאַרענדיקן. די העכסטע מדרגה פון עטישער אַנטשלאָסנ־קייט דערגרייכן מיר, דאַקעגן, דעמאָלט, ווען דער מענטש איז גרייט אָוועק־צוגעבן ניט נאָר זיין רו, זיין זיכערקייט, נאָר אויך שטעלן אין קאָן זיין לעבן, כדי צו פאַרטיידיקן די מאָראַלישע אמתן, וואָס ער מיינט, אַז אָן זיי איז ניט מעגלעך קיין מענטשלעכע געזעלשאַפט און צוזאַמענלעבן. דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן יענע גרויסע סתירה, דער באַנקראָט פון דער מאָדערנער פּעדאַגאָגיק; זי איז געווען אָריענטירט אויפן פאַרלאַנג גליקלעך צו מאַכן דאָס לעבן פונעם יונגן מענטשן, זי האָט געוואָלט

האַרמאָניזירן די נאַטירלעכע און איינגעבוירענע גוטע נייגונגען פונעם קינד; די שול האָט געוואָלט אַנטוויקלען די אינטעלעקטועלע פעאיקייטן פונעם מענטשן; די שול האָט ניט געזען, אַז אין יעדן קולטור־ און לעבנס־שטייגער איז פאַראַן אַ געוויסע עסענץ און סובסטאַנץ, וואָס איז נאָר דער רעזולטאַט פון דורות מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. עס ווערט איינגעשטעלט אַ געוויסע עקוויליבריאום, אַ געוויסער כוח ווערט פאַרמירט אין דעם לעבן פון מענטשן, וואָס איז נאָר דער רעזולטאַט פון קאָלעקטיווע מענטש־לעכע דערפאַרונגען און איבערלעבונגען, ווי זיי דריקן זיך אויס אין דעם שטייגער פון אַ פאָלק, אין די מידות, אין די באַציאונגען צווישן עלטערן און קינדער און קינדער צווישן זיך.

עס איז ניט מעגלעך אַריבערצוטראָגן „די עטיק פון דער לאַבאָראַ־טאָריע", וואָס איז געבויט אויף עקספּערימענטאַליזם און זי אָנווענדן אויף די באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש; עס איז אַ סכנה אַרי־בערצוטראָגן די גלייכגילטיקייט פונעם מענטשן צו די אָביעקטן, איבער וועלכע ער עקספּערימענטירט, אויף אַ געזעלשאַפט, וואו יעדער איינציקער מענטש מוז זיין חשוב, וואו יעדן איינציקנס לעבן מוז באַטראַכט ווערן ווי הייליק!

דער נייער הומאַניזם

עס וואָלט געווען איינער פון די גרעסטע טעותן ביים היינטיקן טאָג, ווען מיר קומען צום אויספיר, אַז די אידעען פון הומאַניזם און פון אויפ־קלערונג, אַז יענע גרויסע באַפרייאונגס־אידעען, וועלכע זיינען געבוירן געוואָרן אין שטורעם און דראַנג, אין קאַמף פאַר פּאָליטישער פרייהייט און פאַר אויסבעסערן די סאָציאַלע אינסטיטוציעס פון אונדזער געזעל־שאַפט, זיינען אַלע געווען פאַרפירעריש און אַז זיי זיינען אַלע געווען פאַלש. דאָס וואָלט אַליין באַטייט אָפּלייקענען דעם ווערט פון טראַדיציעס, וואָרעם ווי אַ טייל פון די טראַדיציעס פון די מערב־קולטורן מוזן מיר אויך אַריינרעכענען דאָס רעכט אויף פּראָטעסט, אויף סאָציאַלער אומצופרידנ־קייט. דאָך איז פאַראַן אַ געוויסע דרינגענדיקייט פאַר דעם מאָדערנעם דערציער, אַז ער זאָל וואָס טיפער איינזען דעם גאָר באַזונדערן ווערט וואָס עס פאַרמאָגט די היסטאָרישע טראַדיציע און דער לעבנס־שטייגער

פון אַ קאָלעקטיוו; די גאַנצע אָריענטירונג פון דער ליבעראַלער פּעדאַ־גאָגיק איז געווען נאָר אויפן יחיד, צו באַזינגען אים, צו מאָנען די פולע אַנטוויקלונג פון זיין פּערזענלעכקייט; עס איז אַרויסגעהויבן געוואָרן זיין רעכט אויף באַזונדערקייט און פאַרשיידנאַרטיקייט; דאָס לעבן, די געזעל־שאַפט איז דעם יחיד שולדיק, אַז אַלע זיינע פעאיקייטן און טאַלאַנטן, אַז אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט, זאָל קאָנען קומען צום אויסדרוק און זאָל אויפבליען פאַר אים אין דער פולער שיינקייט און פאַרשיידנאַרטיקייט.

עס מוזן קלאָר ווערן ביים היינטיקן טאָג אויך די התחייבותן פונעם יחיד צום לעבנס־שטייגער, צו אונדזערע היסטאָרישע טראַדיציעס און צום קולטור־שטייגער, וואָס בינדט אונדז אַלעמען צוזאַמען, וואָס מאַכט מעגלעך, סיי פאַר דעם יחיד, סיי פאַר דער משפּחה און דעם גאַנצן כלל, אויפצוהיטן יענע מענטשלעכע באַציאונגען, פרייהייטן און רעכט, וועלכע זיינען איינגעשטעלט געוואָרן לדור־דורות. עס איז ניטאָ קיין שום זאַך אין אונדזער לעבן, וואָס זאָל פאַר אונדז פאַרבייטן יענע גרויסע אחריות און פאַרשטענדעניש, וועלכע מיר מוזן טראָגן, פאַרן קולטור־שטייגער אין וועלכן מיר לעבן. אַלע באַמיאונגען וואָס מיר מוזן אונטערנעמען אין יעדן דור און אין יעדער היסטאָרישער עפּאָכע צו מאַכן אונדזער לעבן איידעלער, אַריינצוטראָגן אין אים מער גערעכטיקייט, טאָר דאָך ניט שטעלן אין סכנה זיין עצם קיום, וואָרעם יעדער קולטור־שטייגער איז פון די וואונדערלעכ־סטע שאַפונגען פונעם מענטשלעכן קאָלעקטיוון גייסט. היסטאָרישע טראַ־דיציעס, יום־טובים, מנהגים, גלייבונגען, די אייגנאַרטיקע פירונגען פון אַ פאָלק, — דאָס זיינען ניט סתם אַזוי עקזאָטישע און קינסטלעריש־פאָלקישע שטריכן, וואָס מיר דאַרפן נאָר עסטעטיש באַוואונדערן, ווי אויסדרוקן פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט; אין פאָלקס־שטייגער איז פאַראַן די סאַמע זיכערקייט, אַז מיר זאָלן פסיכיש קאָנען אין רואיקייט אויסלעבן אונדזערע יאָרן, אַז מיר זאָלן קאָנען באַשיצן זיך קעגן יענע שטורעמס און קאַטאַסטראָפעס, וועלכע קאָנען אונדז אומברענגען. מענטש־לעכע נשמות און סאָציאַלע אינסטיטוציעס קאָנען פונקט אַזוי פאַרצערט ווערן פון גייסטיקע זאַווערוכעס, ווי פיזישע שטורעמס, ערד־ציטערנישן, נאַטור־קאַטאַסטראָפעס קאָנען אומברענגען לאַנדשאַפטן, שטעט און פּלוצעם חרוב מאַכן גרויסע שטחים אויף אונדזער פּלאַנעט.

די נייע פאַרשטענדעניש פאַר טראַדיציע און לעבנס־שטייגער, ווי

דער סאַמע יסוד פון יעדער דערציאונג, מוז באַזונדערס אַריינדרינגען אין דער יידישער דערציאונג, וואָס האָט דעם וואונדערלעכן סוד במשך פון דורות פאַרשטאַנען (נאָר דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט האָבן מיר געגומען ליידן פון אַ מין היסטאָרישער אַמנעזיע); די „יידישע טעריטאָריע", וואָס דער ייד האָט זיך במשך פון דור־דורות באַשאַפן אין דער פרעמד, איז געווען ניט אַזוי אַ טעריטאָריע ממש, ווי אַ גייסטיקער גבול געוועבט פון גאָר אַן אַנדער מאַטעריע: מנהגים, טראַדיציעס, גלויבונגען, מאָראַלישע אָנזאָגן, אַן אייגנאַרטיקער לעבנס־שטייגער און לעבנס־אויפפיר. ביי די פריערדיקע יידישע דורות איז געווען אַ קלאָרע פאַרשטענדעניש, אַז עס איז פאַראַן אַ גייסטיקע און מאָראַלישע ספערע, וואָס זי איז אין תוך, די אמתע טעריטאָריע, וואָס גרענעצט אַרום און באַשאַפט דעם קולטור־שטייגער.

אַוודאי איז גוט ווען צו יענער פסיכיש־סאָציאַלער „טעריטאָריע" קומט נאָך צו די טעריטאָריע ממש, וואָס גיט דער נאַציע פּאָליטישע סואווערעניטעט, וואָס גיט איר אַ מעגלעכקייט, עס זאָלן זיך ניט אַריינרייסן אין לעבן פון יחיד פרעמדע השפעות, סאָציאַלע און פּאָליטישע, אַז די נשמה פון מענטשן זאָל ניט פאַרוואונדעט ווערן דורך דעם, וואָס מען וועט אים פאַרשעמען, און מען וועט אים אין אַ היפש ביסל מאָמענטן דערמאָנען אין זיין „פרעמדקייט". אַ לעבנס־שטייגער ביי אַ פאָלק אַנטוויקלט זיך אָבער נאָר דערפאַר, ווייל עס איז לעבעדיק אין פאָלק יענער כוח, וואָס קאָן באַשאַפן מנהגים און מאָראַלישע פאַרפליכטונגען, וואָס קאָן באַשאַפן יענע פאָרם פון אַן אויטאָנאָם לעבן, וואָס געפינט אַן אויסדרוק אין סאָציאַלע אייזוריכטונגען, ווי עס זיינען אַמאָל געווען יידישע אויטאָנאָמע חברות, בתי־מדרשים, דער וועד ארבע ארצות אין פוילן אד"גל. נאָך מער אָבער מוזן מיר אַרויסהייבן יענע סובטעלע סאָציאַלע אחריותן, באַציאונגען צווישן מענטשן, פאָרמען פון דערציען קינדער, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ מין סטראַטעגיע, ווי אַזוי אַ קולטור־שטייגער קאָן פון תוהו ובוהו באַשאַפן אַ נייעם סדר אין דעם לעבן פון אַ גרופּע און געזעלשאַפט.

די מאָדערנע יידישע דערציאונג מוז צוריק געפינען דעם געהיימען כוח, וואָס האָט געווירקט במשך פון הונדערטער יאָרן אינעם לעבן פון פאָלק און וואָס איז צעשטערט געוואָרן אין די יאָרן פון עמאַנסיפּאַציע דורך די קלעפּ פון רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען.

(1962)

אַ קאַסטן ביכער

(אָנשטאָט אַן אויטאָביאָגראַפישער נאָטיץ)

דער זומער פון יאָר 1922 איז געווען פאַר מיר פול מיט איבערלעבונגען און מאָדנע נסיונות. דער דאָרף „פּושקאַרניע״, ניט ווייט פון ווילנע, וואו דער יידישער לערער־סעמינאַר האָט זיך באַזעצט אויף פרילינג און זומער, איז פלוצלינג געוואָרן דאָס אָרט, וואו עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ נייער געוואַגטער פּעדאַגאָגישער עקספּערימענט צו פאַרבינדן בילדונג מיט פּראָדוקטיווער פיזישער אַרבעט. אַ האַלבן טאָג האָבן די סעמינאַריסטן געלערנט די „איידעלע״ וויסנשאַפטן — געשיכטע, ליטעראַטור, נאַטורוויסנשאַפט, געאָלאָגיע, מאַטעמאַטיק; און אַ האַלבן טאָג האָט מען געפּראַצעוועט אויף די פעלדער און גרינס־גערטנער, פאַרזייט קאַרטאָפליעס, בוריקעס, ווייץ און קאָרן.

דער עיקר איז געווען, וואָס ניט בלויז דער אופן פון לערנען און די אַרבעט זיינען געווען אַנדערשדיק, נאָר אויך דאָס געזעלשאַפטלעכע צוזאַמענלעבן איז געווען אַזוי נישט געוויינלעך און ניי.

דער לעבנס־סדר איז געווען אויפן שטייגער פון אַ מין אוטאָפּישער קאָמונע; עס איז נישט געווען קיין פּריוואַט־אייגנטום, אַלץ האָט מען אַריינגעטראָגן אין אַן אַלגעמיינער קאַסע: פאַרדינסטן, שפּייז־פּעקלעך, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן צוגעשיקט פון דער היים, אויך אַלע אַנדערע הכנסות. די סעמינאַריסטן האָבן אַליין געקאָכט (פאַר אַלעמען), געראַמט, פאַרריכט די בנינים, געמאָלט און געלעבט אַ קאָלעקטיוו לעבן.

פאַר אונדז, אַכצן־ און צוואַנציק־יאָריקע בחורים און מיידלעך, האָט עס באַטייט דער העכסטער פּרוּוו אין אונדזערע אייגענע יונגע טעג צו פאַרווירקלעכן דעם גרויסן דורשט נאָך אַ נייעם, מער גערעכטן לעבנס־סדר. איצט האָבן מיר געוואוסט, אַז נישט נאָר גרייטן מיר זיך צו ווערן יידישע לערערס, וואָס וועלן דערציען אַ נייעם דור; מיר האָבן אויך געוואוסט דעם פּעדאַגאָגיש־געזעלשאַפטלעכן וועג; אין יעדער שטאָט און שטעטל, וואו מיר וועלן קומען אַלס לערערס, וועלן מיר פאַרבינדן לערנען מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט; יעדע שול וועט האָבן נישט בלויז קלאַסן־צימערן און לאַבאָראַטאָריעס, נאָר אויך אַ גרינס־גאָרטן און אַ וואַרשטאַט...

ליבע, זיסע חלומות פון דער יוגנט! די בעלי־חלומות האָבן זיך געפונען סיי צווישן דער יוגנט, סיי צווישן דער גרופּע „פּראַקטישע״ פּעדאַגאָגן און געזעל־שאַפטלעכע טוערס, וועלכע האָבן אין האַרבסט 1921 געגרינדעט דעם ערשטן יידישן

לערער־סעמינאַר אין ווילנע. ווי פייגל, וואָס קערן זיך אום צוריק נאָך אַ לאַנגן ווינטער, זיינען נאָכן סוף פון דער מלחמה זיך צונויפגעקומען פון אַלע עקן וועלט די אָנפירערס און לעקטאָרן פון סעמינאַר: ראָזע סימכאָוויטש פון זשאַן־זשאַק־רוסאָ־אינסטיטוט, אין דער שווייץ; אַרקאַדי קרעמער פון פּאַריז, וואו ער האָט געאַרבעט ווי אַן אינזשעניר; סאָפיאַ מאַרקאָוונאַ גורעוויטש פון טיף רוסלאַנד, וואו די מלחמה האָט איר פאַרטריבן; קאַליאַ טעפּער פון ניו־יאָרק, וואו ער איז געווען דער „רבי" פון די „יונגע" און וואו ער האָט געשריבן פּעליעטאָנען אונטערן פּען־נאָמען „הערצאָג דאָברוציאָ"; אברהם גאָלאָמב איז געקומען צו אונדז פון דער אוקראַינע. אין יענע יאָרן איז גאָלאָמב געווען, בעיקר, אַ נאַטור־וויסנ־שאַפטלער, און זיין ערשטע ליבע איז געווען נישט „אינטעגראַלע יידישקייט", נאָר וואַלד און פעלד. זלמן רייזען, פאַלק האַלפּערין, גרשון פּלודערמאַכער זיינען געווען לאַנגיאָריקע ווילנער תושבים; און ד"ר מאַקס וויינרייך איז צוגעטראָטן צום פּעדאַגאָגישן ראַט פון סעמינאַר אין 1922. עטלעכע יאָר האָט ער שטודירט אין דייטשלאַנד פילאָלאָגיע. זיין צוריקקומען האָט אין האַרבסט 1922 געמאַכט אין דער שטאָט אַ גאַנצן אויפרודער.

די מעשה, וואָס איך וויל דאָ דערציילן איז וועגן אַ גאַנץ אַלטמאָדישן ענין — ב י כ ע ר — ריכטיקער, אַ קאַסטן ביכער, וואָס איז אָנגעקומען פון די פאַראייניקטע שטאַטן. קיין שום געשעעניש האָט נישט געמאַכט אַזאַ רושם אויף אונדז, יונגע סעמינאַריסטן, ווי די וואונדערלעכע מתנה, וואָס איז אָנגעקומען פון אַמעריקע. נישט דער אַקוואַריום, וואָס אַ גרופּע סעמינאַריסטן האָבן אויסגעבויט; נישט די אַרבעט מיטן מיקראָסקאָפּ, וואָס האָט אַנטפּלעקט „סודות" פון דער נאַטור; נישט די וויוויסעקציע אויף פעלד־מייז; אַפילו נישט די נאַכטשפּאַצירן אין וואַלד, וואָס גאָלאָמב האָט איינגעפירט — קיין שום זאַך האָט זיך נישט געקאָנט פאַרגלייכן מיטן רושם פון אַ קאַסטן ביכער. די ביכער זיינען פּלוצלינג געוואָרן דער סאַמע רעוואָלוציאָנערער ברען־שטאָף אין אונדזער לעבן. עפּעס אַ וואונדערלעכער קאַסטן האָט אונדז פּלוצלינג געבראַכט אַ פרייליכן גרוס פון אַ נייער, פרישער צויבער־וועלט. אין קאַסטן האָבן זיך געפונען די בענד „שריפטן", וואָס די „יונגע" האָבן אַרויסגעגעבן. דוד איגנאַטאָוס ראָמאַנטישע דערציילונג „פּיבי", און דער ראָמאַן „אין קעסל־גרוב"; משה נאַדירס „מיינע הענט האָבן נישט פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט"; שלום אַשס „קידוש השם"; י. אָפּאַטאָשוס „די פוילישע וועלדער"; ברוך גלאָזמאַנס „פּעינטערס", ה. לייוויקס „דער גולם", און נאָך און נאָך, אָן אַ שיעור.

אַשו, נאַדירן, אָפּאַטאָשון האָט מען געלייענט, גוואַלדיק הנאה געהאַט, און זיך גענומען צום בוך פון אַן אַנדער שרייבער. נישט אַזוי איז געווען מיט לייוויקס „גולם". מיר האָבן פאַרצוקערט איטלעכס וואָרט, געלייענט די שורות אויפן קול, און דערפילט אַ נייע זיסקייט, אַ נייעם טעם אין די יידישע ווערטער.

דעם „גולם" האָט מען אויך געלייענט בחברותא, דיסקוטירט האָט מען ווייניק; אונדז האָט זיך געדוכט, אַז מיר פאַרשטייען אַלץ זייער גוט. ווער דען זאָל פאַרשטיין, אויב ניט מיר? סאָפיאַ מאַרקאָוונאַ גורעוויטש פלעגט האָבן גרויסע אַנגסטן, דערמאָנענדיק די פאַרקאָכטע לייענערס, אַז ס'איז שוין אַ שפּעטע שעה, און מען מוז פאַרלעשן די לאָמפּן.

אַלץ, וואָס איך האָב שפּעטער געהערט אָדער געלייענט און געטראַכט וועגן „גולם", וואָלט אונדז דעמאָלט אין די באַרוישטע יאָרן נישט אַריין אין קאָפּ:

די טראַגישקייט פון רעוואָלוציעס, וואָס קומען צו באַפרייען מענטשן, און שפּעטער ווערן זיי אַליין כוחות פון צעשטערונג און אומגערעכטיקייט. מיר האָבן געגלייבט אין אמת פון רעוואָלוציע און געזען בלויז דאָס העלע רויטע ליכט פון פרימאָרגן.

מיר האָבן געקענט אויף אויסווייניק שטיקער קולבאַק, האָפשטיין און קוויטקאָ... מיר האָבן הנאה געהאַט, וואָס די יידישע דיכטונג ווערט מאָדערן, גרויסשטאָטיש און באַהערשט פון אַ גייסט פון נייעם שטורעם און דראַנג.

יענעם זומער זיינען געקומען קיין פּושקאַרניע געהויבענע געסט: יוסף אָפּאַטאָשו און שלום אַש. אַן אָפטער אורח אויף שבת איז געווען קאָליאַ טעפּער, וואָס איז געווען אַ תושב אין ווילנע. ער פלעגט זיך אַריינכאַפּן, ווען נאָר ער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט.

פאַר יעדן פון די געסט האָבן מיר צוגעגרייט אַ ליטעראַרישן אָוונט און פאָרגעלייענט פון אונדזערע אייגענע שאַפונגען: פּאָעמעס, שאַרזשן, קורצע סקיצן. אויך די לערערס פלעגן זיך באַטייליקן; ראָזע סימכאָוויטש האָט, למשל, פאַרן שלום־אַש־אָוונט פאַרפאַסט אַן „אַרכעאָלאָגישן" באַריכט, דורכגעפלאָכטן מיט הומאָריסטישע באַמערקונגען וועגן פּושקאַרניע און די טשיקאַווע פאַרשוינען, וואָס באַוואוינען יענעם פאַרצייטישן ישוב. עס האָט פאַרמאָגט דעם גאַנצן וויסנשאַפטלעכן „זשאַרגאָן", וואָס מע הערט ביי אַ צוזאַמענפאָר פון אַרכעאָלאָגן. מיט שלום אַשן האָבן מיר פאַרבראַכט אויפן פּושקאַרניער באַרג פון מיטן נאַכט ביזן זון־אויפגאַנג.

מיט יוסף אָפּאַטאָשו האָבן מיר געכאַפּט אַ לאַנגן שפּאַציר אויפן באַרג און אַרונטער. אברהם גאָלאָמב איז געווען דער פירער ביי אַזעלכע שפּאַצירן. אָפּאַטאָשון איז אָנגעקומען שווער דאָס גיין באַרג־אַרויף. אַמעריקאַנער טוריסטן האָבן געטראָגן שיך מיט שמאָלע שנוקעס. מיר האָבן אָפּאַטאָשון איבערגעגעבן אונדזערע איינדרוקן וועגן די „פּוילישע וועלדער" און אַרויסגעוויזן אַ סך אַנטציקונג; באַזונדערס האָבן מיר זיך צערעדט — און דערצו מיט גרויס התלהבות — וועגן לייוויקס „גולם". כדי נישט אויסצוזען ווי ליטעראַרישע פּראָפּאַנען און סתם יאָ־זאָגערס, האָבן מיר זיך פאַרגונען אַ פּאָר קריטישע באַמערקונגען. מיר האָבן אָנגעוויזן, אַז די ערשטע העלפט פון גולם" איז שטאַרקער ווי דער מיטן; אַז עס זיינען פאַראַן בילדער, וועלכע זיינען פאַרנעפּלט און אומקלאָר. לשם העפלעכקייט און אָנשטענדיקייט האָבן מיר גלייך געפונען אַ זכות, אַז אויך דער ערשטער טייל פון געטעס „פאַוסט" איז שטאַרקער פאַרן צווייטן, אַז אויך „פאַוסט" פאַרמאָגט אומקלאָרקייטן...

די שאַרפקייט פון צעגלידערן אַ ווערק האָט אונדז געלערנט קאָליאַ טעפּער; אין ניו־יאָרק איז ער געווען דער רבי פון די „יונגע", און מיט אונדז האָט ער געקנעלט „זישע לאַנדאַו, מאַני לייב, האָפּשטיין".

טעפּער האָט גרויס הנאה געהאַט פון אויסלאַכן אונדזערע סטערעאָטיפּישע מיינונגען וועגן שרייבערס, די האַמעטנע דעפיניציעס, וואָס מיר האָבן אויסגעלערנט פון די לערנביכער, ווי פּראָפ' אָווסיאַניקאָ־קוליקאָווסקי א"אַנד.

אונדזער „מבינות" און דרייסטקייט איז אָפּאַטאָשון נישט שטאַרק געפעלן געוואָרן. ער האָט דאָס גאָרנישט געפּרואווט צו באַהאַלטן. ער האָט אונדז אָנגעקוקט פאַרחידושט און מיט גרויס רחמנות... דאָס איז אָבער געווען אַזאַ רחמנות, פון וועלכן עס ווערט טרויעריק אויף דער נשמה...

דעם ווייטערדיקן וועג זיינען מיר געגאַנגען שווייגנדיקע אָדער גערעדט וועגן קלייניקייטן. קיינער האָט נישט דערמאָנט, נישט „פאַוסט", נישט דעם

„גולם", נישט „די פוילישע וועלדער". מ'ר האָבן אויך נישט פאַרבראַכט מיט אָפּאַטאָשון אַ גאַנצע נאַכט און נישט געוואַרט ביזן זון־אויפגאַנג. דער גאַנצער שטילער איבעררייד איז געבליבן אַ סוד פאַר אונדזערע לעקטאָרן — סימכאָוויטש, גאָלאָמב, אַרקאַדי קרעמער. זיי האָבן געמיינט, אַז זיי לאָזן איבער דעם גאַסט־שרײַבער אין גוטע הענט. פאַר דעם אַמעריקאַנער שריפטשטעלער איז געווען ניי די אומגלייבלעכע זיכערקייט, די אַנטשלאָסנקייט פון דער יוגנט אַרויסצוזאָגן זיך. ק ר י ט י ש ק י י ט איז געווען דאָס צווייטע געבאָט פון די נייע ליטעראַרישע עשרת הדיברות. ליבע צום שרײַבער און זײַן ווערק איז געווען דאָס ערשטע געבאָט.

מיר האָבן שוין אין אונדזער היימשטאָט ווילנע פון דער טריבונע געהערט: פרץ מאַרקיש, אַלטער קאַציזנע, דניאל טשאַרני, ש. ניגער, נחום אויסלענדער און משה קולבאַק. ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן פריער האָבן מיר געהערט ש. אַנסקין. די מלחמה און די רעוואָלוציע האָבן אים פאַרכאַפּט אין ווילנע.

אין יענע יאָרן האָט זיך ערשט גענומען אַרויספּיקן אין אונדזער שטאָט דער אָנהייב פון אַ יוגנטלעכער שרייבער־גרופּע. דער טאַלענטירטסטער פון זיי איז געווען לייב סטאָצקי. עס איז נאָך געווען פאַר חיים גראַדע, פאַר אברהם סוצקעווער, פאַר דער גרופּע „יונג ווילנע".

עס איז נאָך געווען פאַר אַלעמען, פאַר דעם וואונדערלעכן אויפבלי און פאַר דעם גרויזאַמען שטורעם, וואָס האָט אַלץ אָפּגעווישט...

גערדוקט אין ביולעטין פון „נוסח־ווילנע", 1961

אין פאַרלאַג י. ל. פּרץ זענען ביז היינט דערשינען פאָלגנדיקע ביכער:

אין יידיש

י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (2 בענד)
מענדל מאַן	נאַכט איבער גלושינא
אברהם סוצקעווער	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי	בילדער און דערציילונגען
י. פּאַפּיערניקאָוו	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קבוץ־לעבן)
מלך נוי (ניישטאַדט)	דאָס ערשטע און דאָס צענטע יאָר מדינת ישראל
מאַטעס דייטש	צום נאָענטסטן שטערן — יידיש
יצחק לעוו	אין געראַנגל — געקליבענע שריפטן
מרדכי יפה	צען ישראל־דיכטער
יצחק פאַנער	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
פּרץ גראַנאַטשטיין	מענטשן פון נעכטן
יחיאל האָפער	אַ הויף אויף פּאָקאַרנע (2 בענד)
ה. לייוויק	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
נחמן דראָזדאָוו	אחד העם
עזרא קאָרמאַן	צייכנס און צירופים
רבקה באַסמאַן	טויבן ביים ברונעם
י. צ. שאַרגעל	פון וויי און גלויבן
ד. זאַקאַליק	געראַנגל
א. קאַרפּינאָוויטש	דער וועג קיין סדום
א. ריוועס	מיט דער שיף „טשיטשערין"
יוסף כרמל	אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער
מרדכי אורן	דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט (2 בענד)
א. שטיינבאַרג	משלים
יחיאל האָפער	ר' זלמן
הערש מענדל	זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער
נ. ניר־ראַפּאַלקעס	ערשטע יאָרן
י. זינגער	דראַמאַטישע שריפטן
דוד פלאַקסער	אידעישע שלימותן און האַלבע אמתן
ש. וואַרזאַגער	ברויט (ראָמאַן)
ב. וויינשטיין	אין דוד המלכס גיטער (פּאָעמע)

לוי פּאַפּיערניקאָוו	אין דער נייער היים
אברהם ליס	היים און דויער
ד״ר חיים שאָשקעס	מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער
מ. ווייסמאַן	אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע
פ. גאָרעליק	פון די מלינער וועלטן
י. בראָנשטיין	אינאיינעם און באַזונדער
פּ. בערמאַן	אָפענע פענצטער
א. וואָלף יאַסני	די געשיכטע פון יידן אין לאָדזש אין די יאָרן פון דער דייטשער יידן־אויסראָטונג
א. שמרי	די פונקען פון תיקון
א. סוצקעווער	אָאַזיס
אירגון יוצאי באָרשטשיוו	ספר באָרשטשיוו
א. מנור	40 יאָר הסתדרות
א. לעוו	ביימער אין ווינט
יעקב כהן	דער גורל פונעם ייד
ל. אָליצקי	מיין האַרץ־רייזע
נ. דראָזדאָוו	די יידן אין איטאַליע
ספר זרבבל	צו זיין 75־סטן געבוירנטאָג
ק. צעטניק	דער זייגער וואָס איבערן קאָפּ
דבורה דיין	אין גליק און אין טרויער
ד״ר מ. דוואָרזשעצקי	אייראָפּע אָן קינדער
מלכי לי	אין ליכט פון דורות (לידער)
מ. יפה	ארץ־ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור
י. פּאַפּיערניקאָוו	די זון הינטער מיר
ד״ר צבי כהן	די העלדן אין דער וועלט־געשיכטע (2 בענד)
י. גאַר	ווידערקלאַנגען
ב. עפּשטיין	זאַנגען אויפן ווינט
ש. פּאַלאַקעוויטש	אין אַ פרעמדער הויט
יעקב כהן	אונטער סאָוויעטישע הימלען
יוסף ראָטנבערג	(צו זיין ערשטער יאָרצייט)
מרים־ריינעס־מלצר	צום קוואַל
ד״ר חיים שאָשקעס	פון מאָסקווע ביז עבר־הירדן
יחיאל האָפער	אַ הויף אויף מוראַנאָוו (באַנד 1)
יחיאל האָפער	אַ הויף אויף מוראַנאָוו (באַנד 2)
ע. פערשלייסער	געקליבענע דערציילונגען
ה. אַקערמאַן	כ׳בין קיינמאָל נישט אַוועק פון דער היים
י. שטיינבערג	אַפּאָריזמען און גלייכווערטער

אירגון נכי המלחמה בנאצים	אַנטקעגן דעם נאַצישן שונא
אירגון יוצאי סטרי	ספר סטרי (יידיש, העברעיש, ענגליש)
אסתר לוריא	פרויען אין קנעכטשאַפט (אַלבאָם)
ב. שלעווין	חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן
איציק מאַנגער	ליד, באַלאַדע, דערציילונג (יידיש־העברעיש)
רחל קאָרן	פון יענער זייט ליד
רחל פישמאַן	זון איבער אַלץ
מ. ז. טקאַטש	מיין האָב און גאָב (לידער)
ש. זאַראָמב	אויסדערוויילטע שריפטן
נוסיאַ און איניאַ שיפמאַן	„דאָס לעבן נאָך פאַר מיר"...
מ. י. שעלובסקי	אין יאָרן אַרום
ל. חיין־שמעוני	גאַנג
ק. מאַלאַדאָווסקי	לידער פון חורבן — ת"ש־תשה, אַנטאַלאָגיע
ל. פּאַפּיערניקאָוו	די משפּחה יעלניק
י. שטיינבערג	חכמה פון יידישן קוואַל
יהושע אַלקאָן	דראַמאַטישע ווערק
ל. קוסמאַן	דער לאַמפּ ברענט (לידער)
ה. יונג	העכער די וואָלקנס
ג. מייזיל	צוריקבליקן און פּערספּעקטיוון
ק. שבתאי	ווי שאָף צו דער שחיטה?
ל. כאַנוקאָוו	קריזיס (ראָמאַן)
נחמן ראַפּפּ	אַ קרוג מיט וויין (לידער)
נ. דראָזדאָוו	אחד העם (ענגליש)
יעקב גלאַטשטיין	מיט מיינע פאַרטאָגביכער
ישעיהו שפּיגל	די בריק (נאָוועלן)
מאַני לייב	לידער און באַלאַדן (יידיש־העברעיש)
אפרים אויערבאַך	וואַך איז דער סטעפּ (לידער)
ישעיה זאַנדבערג	דער שונא אין די מויערן
ב. עפּשטיין	דורך דעם גרינעם טויער
ש. וואַרזאַגער	זאַמד
יעקב פרידמאַן	נפילים
דניאל טשאַרני	די וועלט איז קיילעכדיק
ברוך שפּינאָזאַ	עטיק (איבערז.: ש. ווינער)
יאָסל צוקער	שריפטן
י. ראַפּאָפּאָרט	מהות פון דיכטונג
י. פּעטערזייל	אַנדענק־בוך
מ. קוטשינסקי	נוסח בראַזיל

העברעיש

יוסף ראָזען	כתבים נבחרים
אפרים שרייער	אמנות ותיאטרון
י. לעשצינסקי	הדמות הלאומית של יהדות הגולר
יעקב פאַט	שיחות עם סופרים יהודיים
מ. בערלאַנד	300 שעות בגיטו הדועך
יהושע גלבוע	על חרבות התרבות' היהודית בברית המועצות
י. זרבבל	עלי חיים
נ. חנין	ברלה
א. אלמי	בין סיני לאולימפוס
אפרים אויערבאַך	קריה לבנה — ווייסע שטאָט (עברית־יידיש)
מ. בורשטין	פת ומלח
ר. קוויאטקאָווסקי־פנחסיק	נשים מאחורי הגדר
נחמיה לוינסקי	בצל הגזעים
ד. פלקסר	האידיאה והאמת
מול האויב הנאצי	זכרונות ועדויות (יידיש־עברית)
פ. בילצקי	השיר והמשורר (א. סוצקבר)
איציק מנגר	שיר, בלדה, סיפור
א. ירושלמי	מיערות הצפון עד חורשות הכרמל
דב סדן	אבני מפתן
י. פריילין	מצדה ורומי
י. שטינברג	ממעין החכמה של עם ישראל
א. מנור	פרופ' אריה טרטקובר
מאַני לייב	שירים ובלדות (יידיש, עברית)